STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08515

# GDOYLIM FUN UNZER TSAYT

Yankev Mark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# גדולים פון אונזער צייט

מאָנאָגראַפיעס
כאַראַקטער - שטריכען
און זכרונות

פון

## יעקב מאַרק

ניו־יאָרק, תרפ״ז—1927.

Copyright — 1927
by
JACOB MARK
New York, N. Y.

געזעצט און געדרוקט אין אָריאָם פּרעס, אינק. 54 קאַנאַל סט., ניו יאָרק
טעלעפאָן : דריי־דאק 8622
234





# אינהאַלט:


פון די אַרויסגעבער ........ 5

איינלייטונג ........ 8


## רבנים און מנהיגים


רבי אליהו לעווינזאָן (ר׳ עלינקע קרעטינגער) ........ 13

רבי אליעזר גאָרדאָן ........ 26

רבי הלל מיליקאָווסקי (רבי הלל סאלאנטער) ........ 35

רבי חיים סאלאווייציק ........ 41

רבי יהושע העליר ........ 60

רבי ישראל סאלאנטער ........ 67

רבי יצחק אלחנן ........ 105

רבי יצחק בלאזער ........ 125

רבי יצחק יעקב ראבינאָוויץ (רבי איצעלע פּאָנעוויעזער) ........ 130

רבי יעקב יוסף (ניו־יאָרקער רב־הכולל) ........ 136

רבי ירוחם ליב פּערלמאַן (מינסקער גדול) ........ 141

רבי מאיר ליבוש מלבי״ם ........ 147

רבי מאיר מיכל ראבינאָוויץ (רבי מאיר מיכל שאַטער) ........ 153

רבי מרדכי עליאסבערג ........ 158

רבי משה יצחק הלוי סג״ל (רבי משה איצל פּאָנעוויעזער) ........ 167

רבי עזריאל דר. הילדעסהיימער ........ 174

רבי פּינחס ראַזאָווסקי ........ 191

רבי צבי ראַבינאָוויץ (רבי הירשל קאָוונער) ........ 195

רבי שלום בער שניאורסאָן (דער ליובאַוויטשער רבי) ........ 201

רבי שמואל מאָהילעווער ........ 218

רבי שמחה זיסעל זיוו ........ 247

רבי משה יצחק דרשן (קעלמער מגיד) ........ 251

## משכילים און עסקנים


אלעזר אטלאס ............ 271

דוד גאָרדאָן ............ 277

באַראָן דוד גינצבורג ............ 289

דר. אברהם אליהו הארקאווי ............ 299

דוד פיינבערג ............ 313

שמואל יוסף פין ............ 318

דר. יהודה ליב קאַנטאָר ............ 334

דר. יהודה ליב קאַצנעלסאָן (בוקי בן יגלי) ............ 340

שאול פינחס ראַבינאָוויץ (שפ״ר) ............ 346

דר. יצחק רילף ............ 351

מתתיהו שטראַשון ............ 359

קלמן שולמאַן ............ 373

# פון די אַרויסגעבער

צוויי וויכטיגע אורזאכען האבען אונז, אונטערגעצייכענטע, באוואויגען ארויסצוגעבען דאס בוך, וואס ליגט דא פאר אייך: די גרויס־וויכטיגקייט פון חבור און מחבר — ניט איינער ווינציגער וויכטיג פאר׳ן צווייטען.

מיר שטעהען איצט אויפ׳ן שוועל פון א דור וואס געהט אונטער, וואס האלט ביים פארשווינדען, און צווישען דעם אוועקגעהענדען און ניי־אנקומענדען דור ליגט א תהום, איבער וועלכען מען האט נאך קיין בריק ניט אריבערגעווארפען. נאך מעהר, מיט׳ן פארשווינדען פון פאריגען דור ענדיגט זיך א היסטארישע עפאכע, וועלכע ציהט זיך אהן א הפסק פון צעהנדליגער דורות, און דעריבער אלץ וואס ס׳איז געשעהן און געשאפען געווארען אין אוועקגעהענדיגען דור, בילדעט א טהייל פון דער אידישער היסטאריע.

וואס איז די היסטאריע פון א פאלק — די ביאגראפיעס פון זיינע גרויסע לייט, וועלכע ווערען אין יעדען דור אנגעשריבען פון צופאר־לעסיגע כראנאלאגען מיט א ליטערארישען חוש, און אויף צו שילדערן דאס לעבען פון דעם אוועקגעהענדיגען דור און פון זיינע גייסטיגע פארשטעהער, דוכט זיך אז מען ברויכט ניט קיין בעסערען וואס זאל עס קענען טאן, ווי אונזער פריינד, דער שריפטשטעלער יעקב מארק, איינער פון די עטליכע פארבליבענע מאהיקאנער פון זיין דור; א פערזאן וואס האט מעהר מיטגעמאכט, ווי א סך אנדערע, דאס לעבען פון דעם דור וואס ער באשרייבט און געקענט נאהענט די אלע גרויסע גייסטער, וואס האבען די דאזיגע היסטאריע געהאלפען שאפען.

לייענט דאס בוך וועט איהר זעהן, ווי עס זיצט פאר אייך א קלוגער איד ביים שוועל פון זיין דור, זיצט פאר אייך מיט א ליעב, אומעטיג שמייכעל אויף זיינע ליפען און דערצעהלט אייך זאכט, בנעימות׳דיגע היסטארישע מעשה׳לאך אהן א שיעור, איין מעשה׳לע שעהנער פון דער אנדערער, טשיקאוועדיגער פון דער צווייטער. ער דערצעהלט אייך אין זיין שעהנעם, פשטות׳דיגען סטיל אינטערעסאנטע זאכען, וואס ער האט אין זיין רייך־פארביגען לעבען געזעהן, וואונדערבארע אנעקדאטען און עפיזאדען, קלוגע ווערטער און שארפע וויצען, וואס ער האט זיך אנגעהערט פון די גדולים, וועלכע ער האט אין זיין לאנגען וועג באגעגענט.

און פון די מעשה׳לאך וואקסען פאר אייך ארויס ריעזען־געשטאל־טען, לעגענדארע העלדען, טיטאנען פון גייסט און טהאט: רבי ישראל

סאַלאַנטער שלייכט זיך דורך זייט ביי זייט מיט דוד גאָרדאָן; רבי יצחק אלחנן גערט פּאַרביי מיט שמואל יוסף פין; דער מלבי״ם מיט קלמן שולמאַן; דער קעלמער מגיד מיט באַראָן גינצבורג; דער מינסקער גדול מיט דר. האַרקאַווי; דער ליובאַוויטשער רבי מיט מתתיהו שטראַשון; רבי חיים בריסקער מיט דר. קאַנטאָר; רבי מאיר מיכל מיט דר. רילף און אַזוי ווייטער, אַ גאַנצע גאַלעריע פון גאונים, געלעהרטע, שריפטשטעלער און אידישע פיהרער; אַ גאַלעריע פון וואונדערבאַרע פּערזענליכקייטען, וואָס יעדער פון זיי האָט אַרויפגע־לעגט זיין שטעמפּעל אויף דעם דור, אין וועלכען ער האָט געלעבט און געוווירקט.

ניט ווייניגער אינטערעסאַנט איז טאַקע דער מחבר אַליין פון דעם דאָזיגען שעהנעם בוך, וועלכער איז איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען וואָס דער מזרח־אייראָפּעאישער אידענטום האָט אַרויסגעגעבען אין פאַריגען דור. יעקב מאַרק געהערט צו די קליינע צאָהל משכילים פון אַלטען דור, וועלכע שטעלען פאָר די זעלטענע סינטעזע פון תורה, השכלה און נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין. אַרויס־קומענדיג מיט דריי־און־פּערציג יאָהר צוריק אַלס פּיאָנער פון לערנען בוכהאַלטעריע און האַנדעלסוויסענשאַפט דורך בריעף אין דער העב־רעאישער, רוסישער און דייטשער שפּראַכען — האָט ער זיך ערוואָרבען, אין אַ משך פון פינף־און־דרייסיג יאָהר, צעהנדליגער טויזענדער תלמידים. ער האָט געעפענט פאַר זיי קוואַלען פון בכבוד׳ער פּרנסה, זיי אַרויסגענומען פון די פינסטערע שטעדטלאַך, אריינגעבראַכט אין דער גרויסער וועלט און זיי געמאַכט פאַר נוצליכע מענשען אין לעבען. אויך דאָ אין אַמעריקאַ געפינען זיך מאַסען פון זיינע אַמאָליגע תלמידים, וועלכע זיינען אַרויפגעשטיגען הויך אויף דעם אַמעריקאַ־נישען לייטער פון הצלחה, און פיהלען און וויסען, אַז זיי האָבען פיעל צו פאַרדאַנקען זייער רבי׳ן, וועלכער האָט אין זיי אַריינגעגעבען אַמביציע, אַ חשק צו שטייגען אין דער וועלט.

אַ חוץ זיין פּאָפּולאַריטעט אויף ביידע זייטען ים, אַלס געזעל־שאַפטליכער טוער אויף פאַרשידענע געביטען, איז יעקב מאַרק זעהר באַליעבט ביי אַלע וואָס האָבען די געלעגענהייט איהם פּערזענליך צו קענען. ער איז דער טיפּ פון דעם אידישען תלמיד־חכם: קלוג און שאַרפזיניג אין זיין ריידען און שרייבען, פּשוט און בנעימות׳דיג אין זיין באַנעהמען.

מיר האָבען עס דערפאַר געהאַלטען פאַר אונזער חוב, צו ראַטע־ווען זיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבען זיך געדרוקט אין „טאָגעבלאַט״, פון פאַרגעסענקייט, און אַרויסגעבען זיי אין בוך־פאָרם.

מיר באַטראַכטען יעקב מאַרק׳ס מעמוארען פאַר אַ מאָנומענט פון אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע, און מיר האָפען, אַז די צאָהלרייכע פריינד און פאַרעהרער פון ה׳ מאַרק, און דער ברייטער אידישער לעזער־קרייז אין אַלגעמיין, וועט וויסען ווי אָפּצושאַצען דאָס דאָזיגע ווערק, און וועט דאַנקבאַר זיין דעם חשוב׳ען מחבר פאַר זיין וויכטיגער אַרבייט, אין וועלכער ער האָט אַריינגעלעגט אַזוי פיעל פאַרהערליכונג און ליעבע צו דעם אַלטען, אידישען לעבען, צו די

ליכטיגע אידישע טראַדיציעס, און צו די פיהרער און פאַהנענטרעגער פון אידישען גייסט.

מיט אכטונג,

## די קאָמיטע.

דר. מ. ראַבינסאָן, טשערמאן
יהושע גאָלדמאַן, טרעזשורער
אייזיק אללען
דר. ג. באלל
ה. ב. בעכער
וואָלף בעקער
יעקב גאָעל
מ. גיטעלסאָן
פּ. וואַטענבערג
ב. ווינער
מ. זעליגמאַן
ישראל טאבער
דר. לעאָפּאָלד יחם
הערי ליווערמאַן
שלמה לאמפּארט

אברהם מאזער
ש. מאטיקאָוו
י. ל. מאראָוו
יעקב מארמאר
משה סטאָל
ב. פלאָטעל
י. פרענסקי
ל. קאמייקא
פּ. קאַנטאָר
סאַם. קרעמער
יעקב ראבינס
מאָרים ראָזענפעלד
יעקב ראָטשטיין
מיכל שאליט
י. שליפשטיין
פּ. שעוויץ.

אדרעס פון דער קאָמיטע:
**S. GOLDMAN, 21 WEST 4th STREET, NEW YORK CITY.**

# איינלייטונג

אין די לעצטע 10—15 יאהר, האט זיך פאר אונזערע אויגען אפּגעשפּילט א שרעקליכע טראגעדיע. די זיבען־מיליאניגע קאמפּאקטע אידישע מאסע, וועלכע האט זיך, אין פארלויף פון הונדערטער יאהר, איינגעווארצעלט און איינגעבירגערט אין דער גרויסער רוסישער מדינה און א צייט־לאנג געשפּילט די פיהרענדע ראָלע אין וועלט־יודענטום — ליגט היינט א צובראכענע און א צוריסענע, גייסטיג און עקאנאמיש. די גרויסע וועלט־מלחמה מיט'ן כלומר'שטען שלום האבען א תל געמאכט פונ'ם רוסישען יודענטום, דער גרעסטער אידישער קבוץ וואס איז ווען געווען קאנצענטרירט אין איין מדינה זייט דאס אידישע פאלק באשטעהט. מעהר ווי א העלפט איז צוזעעט און צושפּרייט געווארען אין פארשידענע גרעסערע און קלענערע מלוכות, ניט האבענדיג קיין פארבינדונג איינער מיט'ן צווייטען, און די יתר־הפליטה לעבען, ליידער, אונטער אזעלכע שווערע אומשטענדען, וואס, ווילענדיג־אדער־ניט־ווילענדיג, דערווייטערען זיי זיך פון דער אלטער אידישער טראדיציע און פון זייערע ברידער אין די אנדערע מדינות. ניטא מעהר אין רוסלאנד די איינגעפונדעוועטע גייסטיגע צענטערם פון תורה און וויסענשאפט; ניטא מעהר די גרויסע ליכטיגע גייסטער וואס האבען באשיינט דאס גאנצע יודענטום; עס זיינען ארונטער פון סצענע די איינפלוסרייכע פיהרער, איבערלאזענדיג זייער פלאץ צו קליינינקע מענשעלאך, אהן א טראדיציע און אהן א פארגאנגענהייט.

מעגליך, אז דאס איז טאקע די אורזאך, וואס אין דער לעצטער צייט האט זיך באוויזען, סיי אין דער העברעאישער און סיי אין דער אידישער־ליטעראטור, אזוי פיעל מעמוארען־שרייבער. אין נארמאלע צייטען איז ניט שטארק צו מערקען דעם איבערגאנג פון דור צו דור, היינט אבער איז צו זעהן, אז מיט'ן אוועקגעהענדיגען דור ענדיגט זיך א גאנצע עפּאכע, א פולשטענדיגער צייט־אפּשניט; און דעריבער פיהלען זיך פארפליכטעט די יעניגע, וועלכע האבען געטראגען ציגעל צום בנין פון זייער דור און געהאלפען שמידען זיינע מעשים, צו פארצייכענען פאר די צוקינפטיגע דורות אלץ וואס זיי האבען געזעהן און מיטגעמאכט.

א פנים, אז די השגחה העליונה, דער „נוהג בחסדו כל דור“, ווי־סענדיג, אז ס׳האלט אין אנקומען א שוואכער, אונפּראָדוקטיווער דור, האט ער פריהער צוגעגרייט א זעלטען גרויסען דור מיט תורה און חכמה, כדי זיין השפעה זאל גרייכען אויך אויף די צוקינפטיגע דורות. דער פאַרגאַנגענער דור איז ווירקליך געווען א „דור דעה“ אין פולען זין פון ווארט, א דור וועלכער האט פּראָדוצירט גדולים אויף אַלע געביטען: תורה־גאונים מיט א גרויס אויטאָריטעט, אָריגינעלע גע־לעהרטע אין חכמת־ישראל, מאַגנאַטישע כלל־פיהרער, שעהנע אידישע בעלי־בתים מיט תורה, צדקה און מעשים טובים; א דור, וואס מען האט געקענט אויף איהם מיט רעכט זאגען דעם פסוק „וכל בניך למודי ה׳“.

עס געהט אריבער א ציטער דורך די גלידער באַטראַכטענדיג, ווי לאַנג איז עס וואס מיט אונז, עלטערע מענשען, האבען נאך צוזאַמען געלעבט א י ן ל י ט א, אַזעלכע גאונים, ווי:

ר׳ ישראל סאלאנטער, ר׳ יהושע ליב דיסקין, ר׳ בצלאל ווילנער, ר׳ ראובן דענעבורגער, ר׳ נפתלי צבי יהודא ברלין, ר׳ אייזעל סלאָבימער, ר׳ יוסף בער סאלאווייציק, ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ ליפּא ביאַליסטאָקער, ר׳ ליפּא מירער, ר׳ אלעזר משה פינסקער, ר׳ מאיר מיכל שאַטער, דער מינסקער גדול, ר׳ יחיאל מיכל עפּשטיין (דער ערוך השלחן), ר׳ דוד קאַרלינער, ר׳ אלכסנדר משה לפּידות, ר׳ מרדכי עליאסבערג, ר׳ הלל סאַלאַנטער, ר׳ ברוך מרדכי ליפשיץ, ר׳ רפאל שפּירא, ר׳ שמואל מאָהילעווער, ר׳ אלי׳ דוד תאומים, ר׳ אלי׳ ברוך מירער, ר׳ חיים סאָלאָווייציק, ר׳ אליעזר גאָרדאָן, ר׳ איצעלע פּאָנעוויעזער, ר׳ יצחק יעקב ריינעס, ר׳ מאיר אטלאס, ר׳ יעקב צבי אָפּענהיים, ר׳ מאיר שמחה דווינסקער, און נאך פיעל אַנדערע.

א י ן פ ו י ל ע ן און אנדערע מדינות:

ר׳ יוסף שאול הלוי נאטאנזאָן, מלבי״ם, ר׳ יוסף טאַרנאָפּאָלער (דער מנחת החנוך), ר׳ יצחק מאיר, ר׳ שלמה קלוגער, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, ר׳ שלום הכהן ברעזאַנער, ר׳ גרשון העניך (דער פתיל תכלת), ר׳ יצחק שמעלקעס, ר׳ שמואל סאַלאַנט, ר׳ צבי קאַלישער, ר׳ משה׳לע טייטעלבוים, ר׳ חיים אליעזר וואַקס, ר׳ שניאור זלמן לובלינער, ר׳ אברהם סוכאָווצער, ר׳ הלל ל״ש, ר׳ חיים חזקיהו מדיני און נאך פיעל אַנדערע.

דאַכט זיך, אז אין אונזער צייט האָבען נאך געלעבט אַזעלכע אי־דישע ג ע ל ע ה ר ט ע, ווי:

צונץ, גרעץ, זכריה פראנקעל, וויס, שטיינשניידער, לאצארוס, מתתיהו שטראַשון, יעלינעק, גידעמאַן, דערנבורג, יוסף הלוי, שניאור זק״ש, סלאָ־נימסקי, דוד קויפמאַן, קאַסעל, קאָהוט, בובער, יצחק אייזיק הלוי, פין, האַרקאַווי, בערלינער, יאַסטראָוו, קאָהלער, פּאָזנאַנסקי, אחד־העם און דער־גלייכען.

היינט די אידישע כ ל ל־ט ו ע ר ס, א שטייגער ווי:

משה מאנטעפיאָרע, קרעמיע, צדוק כהן, לאָרד ראָטשילד, לאָרד סוויט־לינג, באַראָן הירש, באַראָן גינצבורג, אדלער, הילדעסהיימער, רילף, פּינ־

סקער, הערצל, נאָרדוי, זאַנגוויל, ווינאַווער, באָקשט, פּאול נאַטאַן, זולצבערגער און נאָך פיעל אנדערע.

ליידער געפינען זיך אין איצטיגען דור נאָך זעהר וועניג, וועלכע זאָלען זיין ראוי צו פּאָרטרעטען די אויבענדערמאַנטע, על כל פּנים, אז ווער פון די היינטיגע פיהרער וואָלטען געלעבט אין פאָריגען דור, וואָלטען זיי בודאי א פיעל־קלענערע ראָלע געשפּילט ווי היינט.

אזוי ווי איך, דער שרייבער פון דיזע שורות, האָב שטענדיג גע־זוכט און אויך געהאַט די געלעגענהייט פּערזענליך צו קענען די מייסטע גדולים פון די לעצטע פופציג יאָהר, האָב איך געפונען פאַר נויטיג און פאַר ניצליך צו פאַרצייכענען מיינע פּערזענליכע ערינע־רונגען אויך אָנצושרייבען מאָנאָגראַפיעס פון מעהרערע צעהנדליגע גדולים אויף פאַרשידענע געביטען, וועלכע ענטהאַלטען א סך מאַטע־ריאַל פאַר׳ן קינפטיגען היסטאָריקער, און האָב דאָס פאַרעפענטליכט אין א סעריע אַרטיקלען אין די „אידישע טאָגעבלאַט“.

אויף פיעלזייטיגען וואונש אַרויסצוגעבען די דאָזיגע היסטאָרישע מאַטעריאַל אין א בוך־פאָרם, האָט זיך געבילדעט א קאָמיטע פון פריינד, אונטער דער לייטונג פון דר. משה ראַבינסאָן — א רופא מומחה און א גדול בתורה — מיר באַהילפיג צו זיין אין אַרויסגעבען דאָס בוך, וואָס ליגט היינט פאַר אייערע אויגען, און צוזאַמען מיט אייך, ליעבע לעזער, באַדאַנק איך די קאָמיטע פאַר איהר גוטער אַרבייט.

צום שלוס וויל איך מאַכען פאָלגענדע באַמערקונגען:

א) איך האָב נאָר באַשריבען די פּערזאָנען, וועלכע איך האָב פּערזענליך געקענט.

ב) דעם סדר פון די „רבנים און מנהיגים“ האָב איך אוועקגע־שטעלט נאָכ׳ן אלף־בית פון זייער ערשטען נאָמען — פון די „משכילים און עסקנים“, נאָכ׳ן אלף־בית פון זייערע פאַמיליע־נעמען.

ניו־יאָרק, כ׳ תמוז, תרפ״ז.

**יעקב מאַרק.**

# רבנים און מנהיגים

# רבי אליהו לעווינזאָן

## (רבי עלינקע קרעטינגער)

געבאָרען אין קרעטינגע (קאָוונער גובערניע) אין יאָהר תקפ"ב,
געשטאָרבען אייר תרמ"ת.

באַשערט געווען די קליינע שטעדטעל „קרעטינגע" באַוואוסט צו ווערען איבער דער אידישער וועלט, דאַרף ביי איהר אויסוואַקסען איינער פון די גרעסטע ריעזען פון פאַריגען דור — דער גרויסער גאון און צדיק, דער גרויסער גביר און וועלט־חכם, רבי אליהו לעווינזאָן, וואָס די וועלט האָט איהם אָנגערופען „רבי עלינקע קרעטינגער". כמעט פאַר גאַנצע צוויי דורות איז ער געווען דער שטאָלץ פונ׳ם ליטווישען יודענטום, און אין די אַרומיגע זאַמוטער שטעדטלאַך פלעגט מען זיך דערצעהלען וואונדערבאַרע מעשיות פון זיין גרויסער חכמה, פון זיינע גרויסע צדקות, פון זיינע גרויסע עסקים, ועל כולם — פון זיין גרויס ענווות. אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען קיין רבנות, האָט ער ניט געוואָלט ליידען אַז מען זאָל איהם רופען „רבי", און פלעגט דאַרויף תמיד באַמערקען, אַז זיין נאָמען איז לעווינזאָן און אַז ער איז ניט קיין „רב".

אַ כאַראַקטעריסטיק פון רבי אליה׳ס באַשיידענהייט האָט איבער־געגעבען דער באַוואוסטער דר. עזריאל הילדעסהיימער פון בערלין, אין זיין הספד אויף רבי אליה׳ן. ער דערצעהלט פאָלגענדען אָנעקדאָט:

„עס איז אַמאָל געקומען צו מיר אין בערלין אַ רוסישער איד און שטעלט זיך פאָר מיט זיין נאָמען לעווינזאָן, פון אַ זאַמוטער שטעדטעל, ניט וזייט פון פּרייסישען גרענעץ. נאָכדעם ווי ער האָט זיך ביי מיר ערקונדיגט איבער איינינע פּריוואַטע ענינים און האָט שוין בדעה געהאַט אָוועקצוגעהן, גיב איך איהם אַ פרעג אויב ער וואוינט ניט ווייט פון קרעטינגע און אויב ער קען פּערזענליך רבי עלינקען? נאָך אַ ווײלע טראַכטען ענטפערט ער מיר, דאָס ער קען אין קרעטינגע איינעם מיט׳ן נאָמען אליה לעווינזאָן, וואָס מען רופט איהם על־פּי־טעות „רבי עלינקע". מיר האָט דאָס שרעקליך פאַר־דראָסען, פאַרוואָס דער איד זוכט מבטל צו זיין אַזאַ גרויסען מענשען און האָב מיך אָנגעערגערט אויף איהם, און בכלל אויף די רוסישע

אידען, וואס האבען א טבע ניט צו וועלען אנערקענען זייערע גדולים. אזוי ריידענדיג, פאלט מיר אין מיטען איין א געדאנק, אפשר איז ער טאקע אליין אט דער רבי עלינקע, דען פון מיין אונטערהאלטונג מיט איהם האט זיך ארויסגעוויזען אז ער איז אן אינטעליגענטער, בכבוד׳יגער מענש, און גיב איהם פלוצלונג א פרעג: „זייט איהר ניט אליין דערזעלבער רבי עלינקע?“ — „יא וואהל“, ענטפערט ער מיר מיט א שמייכעל, „איך הייס ווירקליך אליה לעווינזאן פון קרעטינגע, אבער די וואס קענען מיך ניט, רופען מיך רבי עלינקע“.

נאך זייענדיג א גאנץ יונגער מאן האט מען איהם אנגעבאטען רבנות אין פיעל גרויסע שטעדט, אבער זיין אמאליגער רבי און דער שפעטערער חבר זיינער, רבי ישראל סאלאנטער, האט איהם אפגערעדט פון אננעהמען רבנות, און האט בעסער אנגענומען א שטעלע פאר א בוכהאלטער אין שלמה פיינבערג׳ס באנק אין קאוונא. א דאנק זיין גרויס נעשעפטספעהיגקייט איז ער געווארען שפעטער, בעת פיינבערג אליין איז אוועקגעצויגען קיין קעניגסבערג, דער הויפטלייטער פון דער קאוונער פיליאלע. פאר דער צייט וואס ער איז געזעסען אין קאוונא האט ער זעהר פיעל געהאלפען רבי ישראל׳ן איינפיהרען זיינע מוסר שטיבלאך, און האט איהם בכלל געשטיצט זיין גאנצען לעבען לאנג. כדי עס זאל אבער ניט הייסען אז ער גיט איהם נדבות, האט ער רבי ישראל׳ן צוגענומען פאר א שותף אין זיינע עסקים, און פלעגט יעדען יאהר ארויפשרייבען אויף זיין קאנטא א געוויסען חלק ריוח. אויך איז רבי אליה דאמאלסט באוואוסט געווארען פאר א מעצענאט, און אלע מחברים וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם, האבען פון איהם באקומען גרויס אונטערשטיצונג. אז אויך דער באקאנטער דיכטער אברהם מאפו איז געקומען צו איהם בעטען תמיכה אויף צו דרוקען דעם „עיט צבוע“. עס פארשטעהט זיך, אז אזא עקסטרים פרומער מאן ווי רבי אליה וועט ניט וועלען שטיצען אזא סארט ליטעראטור, און האט איהם אפגע׳פטר׳ט מיט פאלגענדע הלצה: „צוליעב דעם נאמען אליין איז מיר אונמעגלאך וואס צו געבען, דען ווי וועט עס אויסזעהן, ווען איך וועל ארייננשרייבען אין קאסא־בוך: געגעבען צום „עיט צבוע“ די און די סומע...“

אין יענער צייט האט איהם פאסירט א גרויס אונגליק. איינער א גרויסער סוחר מיט דעם נאמען ה. (עס שיקט זיך ניט אויסצושרייבען דעם נאמען, צוליעב זיינע אייניקלאך וואס געפינען זיך דא אין ניו־יארק) האט באנקראטירט פיינבערג׳ס באנק אויף א סומע פון איבער הונדערט טויזענד רובעל, און אנטלאפען קיין אויסלאנד. אזוי ווי ר׳ אליה האט זיך געפונען אינדירעקט פאראנטווארטליך פאר׳ן שאדען, איז ער ארויסגעטרעטען פון פיינבערג׳ס באנק און אנגעהויבען צו

פיהרען געשעפטען אויף זיין אייגענע רעכנונג, כדי צו קענען בעצאָהלען פיינבערג'ן דעם דאָזיגען חוב. ער האָט געהאט גרויס הצלחה אין אַלע זיינע אונטערנעהמונגען און אין אַ פאַרלויף פון אייניגע יאָהר האט ער פיינבערג'ן אָפּגעצאָהלט די גאַנצע סומע. אָט דיזע נאָבעלע טהאט האט אין יענער צייט געמאַכט אַ געוואלדיגען רושם אין דער סוחר'ישער וועלט, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, וואו די צייטונגען האבען אוועקגעשטעלט ר' אליה'ן אַלס אַ מוסטער פון עהרליכקייט און פאַראַנטוואָרטונג, און פון אַלע זייטען האט מען איהם אָנגעבאָטען קרעדיט און פאַרטנערשאַפט אין פאַרשידענע געשעפטען. רבי אליה האט דאַמאַלס געגרינדעט אַ באַנק-געשעפט אין ליבוי, אויך צוקער־סקלאַדען אין ליבוי און ווינדוי, און ניט קוקענדיג אויף די גרויסע וועלט-געשעפטען וואס ער האט געפיהרט, האט ער ביז צום ענד פון זיין לעבען ניט פאַרלאָזען זיין געבורטשטעדטעל קרעטינגע.

איך פערזענליך האב שוין געקענט ר' אליה'ן נאָך אין מיינע קינדערשע יאָהרען. דען מיין געבורטס-אָרט פּאַלאַנגען איז נאָר 10 ווערסט פון קרעטינגע. אויך פלעגט ער תמיד קומען אויף זומער מיט זיין פאַמיליע קיין פּאַלאַנגען זיך באָדען אין ים. אָבער גרעסער איז מיין באַקאַנטשאַפט מיט איהם געוואָרען אין יאָהר 1879, בעת איך בין אַ חתן געוואָרען פאַר זיינע אַ פּלימעניצע, און איך האב געמוזט — ווי דאַמאָלס איז דער מנהג געוועזן בעת מען האָט גענומען אַ גוטען איידים — פאַרקומען פאַר רבי אליה'ן צום פאַרהער. ער האָט מיר כמעט אַ גאַנצע וואָך עקזאַמינירט אין תורה, אין זייטיגע קענטניסען און אין מענשליכקייט, און אַז קיינער האָט ניט באַמערקט אויך אין מיינע יראת שמים. נאָך דער חתונה, אַז איך בין שוין מיט איהם מחותנים געוואָרען, פלעגען ניט אריבערגעהן קיין דריי חדשים וואָס מיר זאָלען ניט צוזאַמענקומען, אַ דאַנק זיין אָפט קומען קיין ליבוי וועגען זיינע דאָרטיגע געשעפטען אָדער וועגען כלל-ענינים.

בעת איך האָב אָנגעהויבען אין יאָהר 1882 זיך צוצוגרייטען אַרויסגעבען מיינע קורסען אין בוכהאַלטעריע און אין האַנדעלס־וויסענשאַפט, האָב איך אַמאָל פאַרגעלעגט רבי אליה'ן מיין פּלאַן, ווי איך קלעהר דאָס איינצואָרדענען. ראשית, אומצואַרבייטען דעם איינגעפיהרטען סיסטעם, וואָס מאַכט די בוכהאַלטעריע פאַר אַ ריין טעכנישע אַרבייט און דורכדעם איז נויטיג צו האָבען אַ פּערזענליכען לעהרער אויף אויסלערנען, און אָנשטאָט דעם, שאַפען אַזאַ סיסטעם, אַז די בוכהאַלטעריע זאָל זיין מעהר אַ חכמה ווי אַ מלאכה; צווייטענס, אויסצואַרבייטען אַזאַ מעטהאָדע, געשטיצט אויף מאַטעמאַטישע און לאָגישע יסודות, מיט אַ זעהר לייכטע הסברה, אַז מען זאָל קענען ערלערנען די פּראַקטישע בוכהאַלטעריע דורך קאָרעספּאָנדענציעס, אָהן

א פערזענליכען לעהרער. די אידעע איז רבי אליה׳ן, זייענדיג אליין אן אויסגעצייכענטער בוכהאלטער, שטארק געפעלען געווארען, ער האט אבער געצווייפעלט, אויב עס וועט מיר קענען געלינגען אי־בערצוזעצען אין דער העברעאישער שפראך די נויטיגע הסברה, אין א שפראך וואס איז ארעם אין טערמינען פון הויות המסחר. ער האט זיך אויך ניט געקענט פארשטעלען וואו איך וועל נעהמען מאטעריאל אויף אנצושרייבען 25 לעקציעס, בעת אויף איבערגעבען אלע כללים ופרטים זיינען פינף לעקציעס די והותר. די דאזיגע ארבייט מיינע האט איהם שפעטער זעהר פאראינטערעסירט, און ווען ער פלעגט מיר באזוכען, קומענדיג קיין ליבוי, האט ער מיר שטענדיג געבעטען צו ווייזען מאנכע פון די אינטערעסאנטע קארעספאנדענציעס, וועלכע איך פלעג קריגען פון מיינע תלמידים. אמאל האט ער געזעהן ביי מיר א בריוועל פון א יונגען מאן, וואס איז געווען אן איידים אויף א ישוב נעבען פראסקוראוו, וואו ער פרעגט מיך פאלגענדע צוויי שאלות: אויב עס איז מעגליך פאר איינעם וואס האט קיין שום ידיעה ניט אין הויות העולם זיך אויסצולערנען די בוכהאלטעריע? און צווייטענס, אויב ער וועט שוין יא אויסלערנען, צי וועט ער דורכ־דעם קריגען עפעס א ידיעה אין הויות העולם? רבי אליה האט מיר נעפרעגט מיט א שמייכעל, וואס איך וועל דעם יונגענמאן ענטפערן אויף די דאזיגע שאלות, און אז איך האב איהם געזאגט דאס איך וועל אויףביידע פראגען מיט „יא" ענטפערן, האט ער מיר געבעטען דאס אין זינען צו האבען און ביי א שפעטערע געלעגענהייט זאל איך איהם ווייזען די קארעספאנדענציעס פון דעם דאזיגען יונגען מאן. אין עטליכע חדשים ארום איז ר׳ אליה ביי מיר ווידער געווען צו בעזוך און האט זיך ערקונדיגט אויף דעם פראסקוראווער שילער. ווי גרויס איז געווען זיין התפעלות, אז איך האב איהם געצייגט א בריעף פון דעם דאזיגען ישוב׳ניק, וואו ער איז זיך מפלפל וועגען באנק און בערזען־עסקים, פרעגט שוין קשיות אויף די נאטירונגען פון לאנדאנער בערזע, פארוואס אין מאנכע טעג איז דער אונטערשיד צווישען דעם קאסא־קורז און דעם דריי מאנאט קורז גאר ניט נאך דאס פארהעלטניס פון דער דאמאלסדיגער באנקדיסקאונט; פרובירט שוין צו געבען עצות די לאנדאנער סוחרים, אז זיי זאלען ניט קויפען רוסישע טראטען אויף דער לאנדאנער בערזע נאך דעם לאנדאנער רובעל־קורז, נאר קויפען דארט פריהער דייטשע מארקען, און פאר די מארקען זאלען זיי בעסער אין בערלין איינקויפען די רוסישע טראטען, וועט זיי דאן אויסקומען ביליגער!... און כהנה אזעלכע ארביטראזשען־פראבלעמען. לייענענדיג נאך אנדערע אזעלכע בריעף האט ר׳ אליה מיט צופרידענהייט מיר צוגעגעבען, אז איך האב איהם מנצח געווען.

רבי אליה׳ס גאַנצע לעבענסווייזע, זיין הנהגת הבית, זיין אומגאַנג מיט מענשען, האָט באַשטעטיגט דאָס ריכטיגקייט פון דעם מאמר: „טוב תורה עם דרך־ארץ״. עס איז זעלטען צו געפינען אפילו צווישען רבנים וואָס תורתם אומנתם און געהען ניט אַרויס פון זייערע ד׳ אמות של הלכה, זאָלען אַזוי אָפּהיטען אַלע דינים און מנהגים פון שולחן ערוך ווי רבי אליה. ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעהיט כאָטש זייענדיג אַ וועלט־סוחר, געהאַט צו טהאָן מיט אַלערליי אידען, און מיט גויים, מיט גרויסע פּריצים און באַנקירען, אָפט געמאַכט גרויסע רייזען אין אויסלאַנד און באַזעסען אַ גרינדליכע אייראָפּעאישע בילדונג, אַז ניט אומזיסט פלעגט מען אויף איהם זאָגען, דאָס אַ לעבעדיגער שולחן־ערוך געהט אַרום פאַר די אויגען. ער איז געוועזען הויך געשעצט ניט נאָר ביי אידען, נאָר אויך ביי גויים. אַז זיין שטאַטליכע פיגור פלעגט זיך צייגען אויפ׳ן גאַס, איז כמעט ניט איין גוי געוועזען, וואָס האָט ניט אַראָפּגענומען די היטעל פאַר איהם. זיין הויז אין קרעטינגע, דער אַלטער הילצערנער בנין אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ, איז געוועזען, פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין לעבען, די מעטראָפּאָלע פון זאַמוט; שטענדיג געוועזען פול מיט מענשען: דער — וועגען אַ געשעפטס־זאַך; דער — וועגען אַ גמילות־חסד; דער — וועגען אַן עצה; דער — וועגען אַ כלל־ענין און אין מיטען פלעגט נאָך אַריינקומען אַ רב פון אַ דערבייאיגער שטעדטעל מיט אַ האַרבע שאלה, וואָס ער און די אַרומיגע רבנים האָבען ניט געהאַט בכח דאָס צו פּסק׳ענען. יעדען איינציגען מקבל געוועזען בסבר פנים יפות און געהאַט אַן אייזערנע גערולד צו קענען אויסהערען די גרעסטע נודניקעס, זיי ניט מפסיק צו זיין, כדי זיי זאָלען ניט מבויש ווערען, און בכלל געוועזען זעהר אָפּגעהיט אין דעם כבוד פון צווייטען. ער איז אויך געוועזען אַ גרויסער זהיר אין דינא דמלכותא, און קיינמאָל ניט אויסגענוצט זיין באַקאַנטשאַפט מיט די גרענעץ־בעאַמטע צו לאָזען אַריבערברענגען פון פרייסען איר־גענד וואָס אָהן פּאָשלינע. אַז ער האָט געשיקט אַ בריעף דורך אַ שליח, אין אַ שטאָדט וואו עס איז פאַראַן אַ פּאָסט, פלעגט ער צורייסען אַ זיבען־קאָפּיקענע מאַרקע, כדי ניט צו שעדיגען דער פּאָסט. די רוסישע רעגירונג האָט איהם מעהרערע מאָל געוואָלט דערהויבען, צו־ליעב זיינע גרויסע געשעפטען און צוליעב זיין מוסטערהאַפטער אויפ־פיהרונג, צום טיטול פּאָטאָמסטווענני פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין, ער האָט זיך אָבער פון דעם כבוד ענטזאָגט.

נאָך אַ גרויסע מעלה האָט ער געהאַט, וואָס ער האָט ניט ליעב געהאַט צו צייגען עפּענטליך זיין עקסטרימע פרומקייט. איך עראינער מיך ווי אויף דער חתונה פון זיין זוהן רבי זלמן אין מאַזשייק, וואו איך בין געוועזען דער אונטערפיהרער, אַז פאַר דער חופּה האָט ער מיר

אפגערופען אז א זייט און מיר געבעטען אריינצושיטען אין א פאפיר אביסעל אש און ארויפלעגען דעם חתן אויפ'ן קאפ אונטער זיין הוט, ווי דער דין איז: „נותנין אפר מקלה בראש החתנים". אבער איך זאל דאס זעהן מאכען, אז קיינער זאל דאס ניט באמערקען, ווייל די וועלט האלט ניט פון דעם מנהג. באזונדערס איז ער געווען א גרויסער זהיר ניט צו וועלען פראווען הדורים, וואס דורך דעם קענען אנדערע ליידען. ער פלעגט, למשל, ניט מהדר זיין צו וועלען דאווענען מעריב בזמנו, כדי די דיענסטמיידעל, וואס זי איז ניט מחויב אין דעם, זאל ניט דארפען ווארטען און דעריבער הונגערען.

נאך זייענדיג א גאנץ יונגערמאן איז ער אויסגעקליבען געווארען פאר'ן הויפט־גבאי פון כולל ווילנא וזאמוט, אז אמט וואס ער האט אנגעהאלטען איבער פערציג יאהר; איינגעפיהרט פראקטישע און מוסטערהאפטע תקנות ביים געלד־זאמלען פאר די נויטליידענדע אין ארץ־ישראל, און געשאפען ארדנונג ביים פארטיילען דאס געלד.

רבי אליה'ס כלל־ארבייט האט זיך ניט באשרענקט נאר אויף דעם רעליגיעזען געביט אליין, נאר ער האט אויך טיילגענומען אין אלע וועלטליכע פראגען, וואס זיינען נוגע געווען צו אידען. ער האט אבער ניט ליעב געהאט דאס מען זאל פויקען אין דער עפענטליכקייט וועגען זיינע ארבייט פאר'ן כלל, און דעריבער זיינען פיעל פון זיינע גרויסע אויפטהועכצען פארבליבען אונבאוואוסט פאר'ן גרויסען פוב־ליקום. א שטיינער, אויב עס ווייסט ווער, דאס נאך אין אנפאנג פון די זיבעציגער יאהרען, אונטער דער ליבעראלער רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, בעת אידען זיינען געווען פול מיט האפנונג אז אט־אט קריגען זיי שוין בירגער־רעכט און ווערען באפרייט פון אלע צרות; אין א צייט וואס אלע האבען געמיינט, אז מען וועט שוין מעהר ניט נויטיג האבען קיין שתדלנים — האט דאמאלסט רבי אליה שטילערהייט אוועקגעשיקט אויף זיינע הוצאות קיין פעטערבורג איינעם א געוויסען ר' אלחנן קאהן, אדער ווי מען פלעגט איהם רופען „ר' חנן סאלאנטער", א זעהר קלוגער און טאלאנטפולער מענש, זיך צו באזעצען אויף שטענדיג אין פעטערבורג אלס א אידישער שתדלן. זיין אויפגאבע איז געווען צו זוכען באקאנטשאפט אין אלע מינים־טעריומס, צו האבען אומעטום פארבינדעטע, בכדי צו קענען ערפאהרען פריהצייטיג וועגען נייע גזירות אויף אידען, וואס האלטען אין ארויס־געהן, אז מען זאל זיי נאך קענען באצייטענס מבטל זיין, איידער ס'ווערט א געזעץ. יא, איך ווייס, דאס די היינטיגע וועלען בודאי לאכען פון אזעלכע הינטער־טיהר פאליטיק, אבער אז דער דאזיגער ר' חנן סא־לאנטער, און נאך זיין גלייכען, האבען צעהנדליגער טויזענדער אידען פארהיט פון צרות, קען קיינער ניט אפלייקענען. איך בין

זיכער, דאָס די אידישע היסטאָריע וועט גוט וויסען ווי אָפּצושאַצען די וויכטיגע פּעולות פון די דאָזיגע שתדלנים, וואָס פלעגען טהאָן זייער אַרבייט ממש מיט מסירת־נפש.

אין יאָהר 1879 האָט דער רוסישער האַלב־ליבעראַלער מיניסטער מאַקאָוו געלאָזט איינרופען קיין פּעטערבורג אַ „ראַווינסקאַיאַ קאָמיסיאַ", אַ קאָמיטע פון רבנים צו ענטשיידען פאַרשידענע שאלות בנוגע צום אידישען רעליגיעזען לעבען, וועלכע קומען אין קאָנפליקט מיט די מלוכה־געזעצען. אַזעלכע קאָמיסיעס פלעגט די רוסישע מלוכה איינ־רופען אונגעפעהר איינמאָל אין צוואַנציג יאָהר און פלעגען יעדעס מאָל אַרויסרופען גרויס אינטערעס אינ׳ם אידישען פאַרגליווערטען לעבען. זייענדיג באַרויבט פון אַלע פּאָליטישע רעכטע, ניט האָבענדיג צומאָל דאָס רעכט אויסצוקלויבען זיין אייגענעם נידעריגסטען באַאַמטען אָהן דעם הסכם פון גובערנאַטאָר — און מיט איינמאָל קומט אַן אוקאַז פון פּעטערבורג, צו אַלע אידישע שטעדט און שטעדטלאַך אין דער טשערטאַ, אַז דאָס פאָלק האָט דאָס רעכט אַליין אויסצוקלויבען די מיט־גלידער פון דער קאָמיסיע; אַז זיי מעגען אפילו צוליעב דעם מאַכען עפּענטליכע פאַרזאַמלונגען, און דער גרעסטער חסד איז, אַז אויף הוצאות פאַר דער קאָמיסיע מעגען זיי נעהמען פון דער קאָראָבקע־געלד!... מען פלעגט זיך צונויפקומען אין די בתי מדרשים, דיסקוטירען וועגען די קאַנדידאַטען, זיך צוזאַמענגעשריבען מיט אַנדערע שטעדט, און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט טאַקע שטענדיג געשיקט די בעסטע און וויכטיגסטע רבנים.

אינטערעסאַנטער פאַר די אַלע קאָמיסיעס איז געווען די קאָמיסיע פון 1879 ניט צוליעב איהרע רעזולטאַטען, וואָס באמת האָט זי, אַזוי ווי די אַנדערע קאָמיסיעס, גאַרנישט אויפגעטהאָן, נאָר וועגען דעם טומעל וואָס די דאַמאָלסדיגע משכילים האָבען געמאַכט אין דער פּרעסע, פּראָטעסטירענדיג אויף די בחירות. עס האָבען געברויכט געוועהלט צו ווערען זיבען דעלעגירטע פון פאַרשידענע געגענדען אין רוסלאַנד, און דאָס פאָלק האָט שוין געהאַט אויסגעקליבען די וויכטיג־סטע גדולים פון יענער צייט, ווי: רבי אליהו חיים מייזעל, רבי אליהו קרעטינגער, רבי ליפּעלע מירער, רבי מאיר לעווין פון קיעוו, אַ גרויסער גביר און אַ גדול בתורה, און דערגלייכען. אַ גרופּע משכילים, מורא האָבענדיג, אַז די פאַנאַטישע רבנים זאָלען ניט משפּיע זיין אויף דער רעגירונג ניט צוצולאָזען איינפיהרען רעפאָרם, האָבען אָנגעווענדעט אַלע כחות צו פּסל׳ען די בחירות פון אַלע דעלעגאַטען, אַ חוץ מאיר לעווינ׳ס, אויפ׳ן גרונד וואָס זיי פאַרשטעהען ניט די רוסישע שפּראַך. ליליענבלום, וועלכער איז נאָך דאַמאָלסט געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון רעפאָרם, איז אַרויס מיט אַ פייערדיגען

ארטיקעל אין „הקול" גענען די רבני׳שע דעלעגאטען, און פון גרוים כעס האט ער ארויסגערעדט פאלגענדען שטות: „עס קען דאך זיין — זאגט ער — אז די רעגירונג האט בדעה צו געבען אידען שווי זכיות, און טאמער שטעלט זי א תנאי, אז דערפאר אבער זאל מען אויס־מעקען פון סידור די אלע תפילות וואו אידען באקלאגען זיך אויף זייער ביטערן מצב אין גלות, דהיינו די ווערטער: „אל הביטה דל כבודנו בגוים", אדער דעם „נחשבנו כצאן לטבח יובל" וכהנה וכהנה, און דאן וועלען די רבנים בלי־ספק מוחל זיין אויף אלע רעכטע, נאר חלילה ניט טשעפען דעם סידור. היינט געה שיק אזעלכע רבנים!..."

די פראטעסטען האבען דערגרייכט זייער צוועק און פון קאוונער גובערניע האט מען אנשטאט רבי אליהו קרעטינגער אויסגעקליבען דעם אפטייקער שאפיר פון קאוונא, אנשטאט ר׳ אליהו חיים׳ן — דר. הרכבי; פון גראדנער גובערניע אנשטאט דעם קלוגען גאון רבי ליפעלע׳ן, איינעם א אידישען טשינאווניק אין גראדנער שטאדט־דומא, און אזוי אויך פון די איבעריגע גובערניעס. דער איינציגער „רב" איז געווען דער קאזיאנער ראבינער בלומענפעלד פון די אידישע קאלא־ניעס אין כערסאנער גובערניע. רבי מאיר לעווין, זייענדיג דער גרע־סטער למדן פון דער קאמיסיע, האט טאקע געשפיעלט די הויפט־ראלע און איז געווען דער טאנגעבער אין אלע רעליגיעזע שאלות. ניט אפיציעל האט דער גביר מאיר פרידלאנד געבראכט קיין פעטערבורג רבי ראובן דענעבורגער, רבי אליהו אליעזר׳ן און רבי אליהו קרעטינגער, מיט וועמען מאיר לעווין זאל זיך קענען מיישב זיין.

פון דער דאזיגער רבנים־קאמיסיע איז ביי מיר פארבליבען אן אינטערעסאנטער שמועס, וועלכער איז פארגעקומען אויף איינע פון די זיצונגען, וואס איך האב דאס געהערט פון רבי אליהו קרעטינ־גער אליין, בעת ער איז צוריקגעקומען פון פעטערבורג. עס טהוט מיר ווירקליך הנאה וואס איך האב יעצט די געלעגענהייט עס צו פארצייכענען.

אויף איינע פון די זיצונגען האט דער מיניסטער מאקאוו גע־שטעלט די פראגע: פארוואס די ראבינער־שולען אין ווילנא און אין זשיטאמיר האבען ניט געבראכט די רעזולטאטען וואס מען האט פון זיי ערווארט, אויף אזוי ווייט, אז די רעגירונג האט געפונען פאר נויטיג זיי צו שליסען, ניט קוקענדיג וואס זיי האבען עקזיסטירט דרייסיג יאהר און האבען ארויסגעגעבען א רעכט־ביסעל רבנים. נון, פרעגט זיך, ווער איז דא דערביי שולדיג? דער ראבינער בלומענפעלד, א געוועזענער לעהרער פון זשיטאמירער ראבינער־שוהל, האט זיך צו־ערשט געמעלדעט צום ווארט און האט אפגעגעבען אונגעפעהר פאל־גענדע ערקלעהרונג: די רעגירונג איז שוין גארניט שולדיג. זי האט

בודאי גוט געמיינט. שולדיג אין דעם איז נאָר דאָס פאַנאַטישע פאָלק, וואָס שטעקט נאָך אין פינסטערניש און קען ניט פאַרטראָגען קיין געבילדעטע רבנים, און אַזוי לאַנג ווי די רעגירונג וועט דולדען די אונ־וויסענדע דוכאָוונע רבנים, וועט קיין אָרט ניט זיין פאַר אַ מאָדערנעם געבילדעטען ראַבינער. אַ ציטער האָט אַרומגענומען די אַנדערע חברים פון דער קאָמיסיע, הערענדיג אַזאַ פאַרליימדונג אויף׳ן כלל אין געגענ־וואַרט פון מיניסטער און נאָך הויכע באַאַמטע.

באַלד דערויף האָט זיך מאיר לעווין געמעלדעט צום וואָרט און געבעטען ערלויבניש ביים מיניסטער צו מאַכען אַ קליינע לומד׳ישע הקדמה, בעפאָר ער וועט קומען צום פונקט.

„אַז מען קוקט זיך צו אין תנ״ך — האָט מאיר לעווין אָנגעהויבען זיין רעדע — די לעבענסבאַשרייבונגען פון שאול׳ן און דוד׳ן, שטויסט מען זיך אָן אויף אַ געוואַלדיגער אונגערעכטיגקייט. שאול ווערט גע־שילדערט פאַר אַ מוסטערהאַפטע פערזענליכקייט, אַ מענש מיט די ערהאַבענסטע מדות: גוט, ווייכהאַרציג, באַשיידען, אַנטלויפט פון כבוד, און די תלמוד׳יסטען זאָגען אויף איהם „בן שנה שאול במלכו, כבן שנה בלי חטא״. דאַגעגען ווערט דוד פאַרגעשטעלט פאַר אַ מענ־שען מיט די שלעכטעסטע אייגענשאַפטען: גרויזאַם, ברוטאַל און אַ קנא ונוקם אויף אַזוי ווייט, אַז ליגענדיג אויף׳ן טויטען־בעט, באַהאַנ־דעלט ער נאָך זיינע פיינד מיט די גרעסטע אַכזריות. איבעריגענס האָט דוד אַליין, וויסענדיג זיינע פעהלערען, אויף זיך געזאָגט: „ובחטא יחמתני אמי״, און דער נביא האָט איהם אויך גראַדעצו אין די אויגען געזאָגט, דו האָסט פיעל בלוט פאַרגאָסען! פונדעסטוועגען האָט שאול געהאַט אַזאַ שרעקליכען סוף, זיין דינאַסטיע איז שוין אין צווייטען דור אין גאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען, בעת דוד איז פאַרבליבען אַ היסטאָרישע הייליגע פיגור, „דוד מלך ישראל חי וקים״ — זיין די־נאַסטיע בלייבט אייביג, און אַז אויך דער צוקינפטיגער משיח קען נור זיין אַ נאָכקומענדער פון דוד׳ס הויז. נו, פרעגט זיך, וואו איז דאָ די גערעכטיגקייט, היתכן, אַז השופט כל הארץ לא יעשה משפט?

דער תירוץ איז, אַז ביי אַ פיהרער שפיעלט דער אינדיווידואום קיין שום ראָלע, ווייל זיין הויכקייט, גרויסקייט און וויכטיגקייט דאַרף ניט געמאָסטען ווערען נאָכ׳ן מאָס פון זיין פערזענליכקייט אַלס מענש, נאָר זיין טיכטיגקייט אַלס פאָלקס־פיהרער. שאול האָט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ זעהר אונטויגליכען פיהרער. שוין ביי דעם ערשטען נסיון האָט ער געצייגט זיין שוואַכקייט. שמואל פרעגט איהם, פאַרוואָס האָסטו ניט עמלק׳ן אינגאַנצען פאַרניכטעט? אַנשטאָט איהם צו ענט־פערן, אַז זיין ווייך האַרץ, זיין רחמנות האָט איהם ניט צוגעלאָזען צו זיין אַן אַכזר אויף אונשולדיגע באַשעפענישען, וואַרפט ער אַרויף די

שולד אויפ׳ן פאָלק, „כי חמל העם!״ אין דעם מאָמענט האָט שאול אנגעוואָרען דאָס רעכט אַ הערשער צו זיין און שמואל האָט איהם טאַקע תיכף אפּגעזאָגט פון אַ מלך. גאַנץ אַנדערש האָט זיך אויפגע־פיהרט דוד. ער איז געווען דער אמת׳ער פיהרער פאַר־עקסעלענץ. טאָמער איז ער אַמאָל דורכגעפאַלען מיט אַ מעשה: ער האָט גע־צעהלט די צאָהל פון אידען און דערפון איז שפּעטער אַרויסגעקומען אַ מגפה, איז ער געוואָרען אויסער זיך און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: „ואלה הצאן מה עשו, תהי נא ידך בי ובבית אבי״. אָט דאָס זיינען דבורים פון אַ ריכטיגען הערשער, וואָס איז איבער־געגעבען צו זיין פאָלק מיט לייב און לעבען, און דערפאַר טאַקע האָט דוד פאַרדינט ,אַז זיין דינאַסטיע זאָל אייביג עקזיסטירען״.

„נון דענק איך — האָט מאיר לעווין געענדיגט זיין רעדע — אַז איצט וועט שוין דער מיניסטער אַליין פאַרשטעהן, פאַרוואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ניט אַנערקענט די פיהרערשאַפט פון די דאָזיגע ראַבינער, פון וועלכע ראַבינער בלומענפעלד זיצט דאָ אַלס זייער פאַרטרעטער. אַזעלכע פאָלקס־פיהרער, וואָס האָבען ניט דעם מוטה צו נעהמען די שולד אויף זיך, נאָר אַרויפצוּוואַרפען אויפ׳ן פאָלק, טויגען ניט פאַר קיין פיהרער, און די רעגירונג האָט ריכטיג געהאַנדעלט וואָס זי האָט פאַרשטאַנען דעם ווילען פון פאָלק און די ביידע אינסטיטוציעס גע־שלאָסען״.

אין יאָהר 1881, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען, האָבען באַראָן גינצ־בורג און שמואל פּאָליאַקאָוו צוזאַמענגערופען אַן אספה אין פּעטערבורג פון די גרויסע רבנים און כלל־טהוער, ווי: רבי יצחק אלחנן, ר׳ מתתיהו שטראַשון און אַנדערע, איז רבי אליה אויך איינגעלאַדען געוואָרען. אַזוי ווי די אספה האָט ווייניג־וואָס אויפגעטהאָן, האָבען זיי אַ צווייטע אספה איינגערופען אין אַפּריל 1882. אָט די דאָזיגע היסטאָרישע אספה, וואָס דורך פּאָליאַקאָוו׳ס עקשנות איז ענטשטאַנען די טרויעריגע חוקי־מאַי, האָט אויף רבי אליה׳ס געזונדהייט געמאַכט אַ גרויסען רושם. ער איז דאַמאָלס געקומען פון פּעטערבורג אַ צובראָכענער מענש, פול מיט יאוש און יסורים איבער דעם האָפנונגסלאָזען אידישען מצב.

רבי אליה׳ס וועלט־אַנשויאונג איז געווען שטרענג קאָנסערוואַטיוו. אין מאַנכע פּרטים איז ער כמעט נאָך ווייטער געגאַנגען ווי זיין חבר ר׳ ישראל סאַלאַנטער. ער איז געווען דער גרעסטער געגנער אויף צו מאַכען דאָס מינדעסטע, אונשולדיגסטע רעפאָרם, ווייל נאָך זיין מיינונג, געפינט זיך איצט דער יהדות איז דער בחינה פון אַ גוסס, און לויט׳ן דין טאָר מען אַ גוסס ניט טשעפּען, כאָטש עס דאַכט זיך אַז מען טהוט איהם אַ טובה, וואָס באמת איז מען נאָר דערמיט מקרב מיתתו... רבי אליה איז מיט זיין דאָזיגער שיטה אַזוי ווייט אוועק־

געגאַנגען, אַז ער פלעגט ניט וועלען אָפּשאַפען אפילו נאַרישע מנהגים, וואָס אונזער צייט האָט זיך שוין פון זיי באַפרייט. עס האָט אַמאָל געטראָפען אין קרעטינגע, אַז אַ גבאי פון אַ שוהל, וועלענדיג זיך נוקם זיין אין זיינעם אַ שונא, האָט ער געהייסען איהם אויפרופען שביעי. נאָך דער צווייטער ברכה, פאַר'ן אָרונטערגעהן, האָט ער דעם גבאי דערלאַנגט אַ פּאָר פרעשק און אין שוהל איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל און אַ שלעגעריי. אין אָבענד זיינען די נכבדים פון שטאָדט אַוועקגעגאַנגען צו רבי אליה'ן און איהם געבעטען, דאָס ער זאָל אויסאיבען זיין אויטאָריטעט אויף די גבאים פון די שוהלען, אַז זיי זאָלען אויפהערען צו מאַכען חלוקים צווישען אַ פעטע און אַ מאַגערע עליה, נאָר אויפרופען כסדר, ניט דערמאָנענדיג שלישי, ששי, און אַזוי ווייטער, אַזוי ווי עס פיהרט זיך אין די מאָדערנע קהלות, בכדי עס זאָל שוין ניט מעהר פאַרקומען אַזאַ מיאוס'ע מעשה, ווי שלאָגען זיך אין אַ מקום קדוש. רבי אליה האָט אָבער בשום אופן ניט מסכים געווען צו דעם דאָזיגען לאָגישען פאָרשלאָג, און זיין ענטפער האָט געלויטעט: „איך גיב צו, דאָס עס איז אַ גרויסער בזיון זיך צו שלאָגען אין אַ שוהל איבער אַן עליה, אָבער עס קען נאָך ערגער זיין, אַז עס וועט אויפשטעהן אַ צייט, ווען אַ איד וועט איבערהויפּט אויפהערען צו וועלען זוכען כבוד אין אַ שוהל, דעריבער איז שוין כדאי'ער זיך צו האַלטען אַן די מנהגים מיט חסרונות און האָבען אַ שוהל מיט אידען, איידער צו האָבען מנהגים אָהן חסרונות, אָבער אויך אָהן אידען און אָהן אַ שוהל".

רבי אליה'ס שטרענגער קאָנסערוואַטיזם און זיין געגנערשאַפט צו אַלע נייע אידעען, האָט איהם אויך אריינגעפיהרט אין דעם לאַגער פון די מתנגדים צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. סבות אויף התנגדות מצד דער אָרטאָדאָקסי האָבען ניט אויסגעפעהלט. אַנדערע האָבען גע'טענה'ט, אַז די נייע באַוועגונג וועט אונטערגראָבען די יסודות פון דעם אַלטען ישוב, און אַנדערע ווידער האָבען זיך געטשעפּעט, וואָס די קאָלאָניסטען זיינען מחלל שבת בפרהסיא. אַלס כאַראַקטע־ריסטיק וועל איך דאָ איבערגעבען פאָלגענדען אינטערעסאַנטען שמועס וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט מיט רבי אליה'ן וועגען חבת ציון.

אין יאָהר 1884, אום ל"ג בעומר, איז געגרינדעט געוואָרען אין ליבוי, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אין די באַלטישע מדינות, די ערשטע אגודה פון „חובבי־ציון". איך גלויב ניט מגזם צו זיין אויב איך וועל זאָגען, אַז איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט ביייגעוואָהנט אַ פאָלקס־מיטינג מיט אַזאַ יום־טוב'דיגע שטימונג, מיט אַזאַ באַגייס־טערונג, ווי ביי דער דאָזיגער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דאָס מערק־ווירדיגסטע דערביי איז נאָך געווען, וואָס מיט דריי־און־פערציג יאָהר

צוריק, נאָך בעפאָר עס זיינען געבאָרען געוואָרען די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואו די קינדער ישראל׳ס האָבען זיך אויסגעלערענט פאַרלאַמענטאַרישע אָרדנונג, האָבען זיך שוין ביי אונז געפיהרט די אספות מיט די אַלע מאָדערנע קליפּערלאַך. דער מאַס־מיטינג האָט אויסגעקליבען אַ ועד־הפועל, און דער דאָזיגער ועד האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט, דורכגעזעסען די גאַנצע נאַכט און אויסגעאַרבייט פּלענער, ווי אַנצוגעהן מיט דער אַרבייט. איינע פון די פראַגען וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן סדר היום איז געווען, צו שיקען אַ דעלעגאַציע זיך זעהען מיט רבי אליה׳ן, וועלכער איז גראָד דעמאָלט געווען אין ליבוי, צו הערען זיין מיינונג וועגען דער נייער נעגרינדעטער חברה. רבי אליה׳ס איינפלוס אויף דער ליבוי׳ער אידישער געמיינדע איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען צו אונטערנעהמען אַזאַ וויכטיגען ענין אָהן זיין ידיעה און אָהן זיין הסכם. כדי די דעלעגאַציע זאָל ניט קומען צו דער פאַרלעגענהייט, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז ר׳ אליה איז אַן אונפאַרבעסערליכער געגנער, און זי וועט זיין געצוואונגען צו האַנדלען געגען זיין רצון, איז געבליבען ביי דער אספה, אַז דערווייל זאָל איך, ניט אָפיציעל, נאָר אַלס נאָהענטער קרוב זיינער, אַנטאַפּען דעם דופק ביי איהם און אויב איך וועל מיך איבערצייגען אַז ער איז באמת אַזאַ שטאַרקער געגנער, דאַן וועט די דעלעגאַציע איבערהויפּט ניט געהן. באַלד אויף מאָרגען בין איך אַוועק צו איהם, מיט צוגעגרייטע תירוצים אויף אַלע קשיות וואָס איך האָב געדענקט דאָס ער וועט מיך פרעגען, און אויך צוגעגרייט אַ פלאַמענדיגע רעדע איבער די גרויסע וויכטיגקייט פון ציוניזם פאַר דעם יונגען דור. קוים אָבער האָב איך געעפענט די טיהר פון זיין חדר האָט מיר שוין אָפּגענומען דאָס לשון, דען ביי איהם אין שטוב איז דאָמאָלס געווען צו־גאַסט רבי הלל סאַלאַנטער, און איידער וואָסווען, דערלאַנגט ער מיר אַ פרעג: „הער־צו, יאַנקעל, וועסטו מיר אויך וועלען מיטנעהמען אין ארץ־ישראל?‟ רבי אליה האָט באַמערקט מיין פאַרלעגענהייט און זאָגט מיר מיט אַ שמייכעל: „ווי איך פאַרשטעה, ביזטו צו מיר געקומען וועגען אייער נעכטיגער אספה. דערצעהל מיר, איך בין גרייט צו הערען‟. אַזוי לאַנגזאַם רעדענדיג און דערצעהלענדיג בין איך אַריין אין גרויס באַגייסטערונג, און מיט דעם יוגענטליכען ברען און התפעלות האָב איך איהם געשילדערט איינינע שעהנע מאָמענטען פון דער אספה, וועלכע דאַרפען איהם אינטערעסירען. איך האָב איהם דערצעהלט, דאָס זייט ליבוי שטעהט איז ניט פאָרגעקומען אַזאַ באַזוכטע און אַזאַ באַגייסטערטע אספה. און בפרט וואָס אַלע קלאַסען מענשען זיינען פאַרטראַטען געווען: קורלאַנדער און זאַמוטער, בעלי־בתים און בעלי־מלאכות, פרומע מיט

אפּיקורסים, סטודענטען מיט ישיבה־בחורים, און די שטימונג איז געווען בכלל אַ הערצליך־ברידערליכע. בעת עס איז געקומען די צייט פון דאווענען מנחה, האָט דער גאַנצער עולם אָהן אויסנאַהם געדאַווענט, און אַזוי ביים מעריב דאַווענען, אַז אפילו הערמאַן לאַנדוי און סאַמועל מיכעלזאָן, וואָס דאַווענען שוין ניט זייט צעהנדליגע יאָהרען, האָבען אויך מיטגעדאַווענט. אַזוי ווי די דאָזיגע אספּות וועלען אויסאיבען אַן ערציהערישע ווירקונג אויף די פאַרשידענע שיכטען פון דער געזעלשאַפט זיך צו דערנעהנטערען איינער צום צווייטען, האָט מען באַשלאָסען גאַנץ אָפט אַזעלכע גרויסע מיטינגען צו פאַראַנשטאַלטען, און דורך־אַגב צו פּראָפּאַגאַנדירען פאַר ישוב ארץ ישראל. יעדער חבר דאַרף צאָהלען ניט ווייניגער ווי 25 קאָפּיקעס אַ חודש און דאָס איינקאַסירען זיינען מחויב די חברים פון ועד־הפּועל אַליין צו טהאָן צוליעב אַ טאָפּעלטען צוועק. ערשטענס וועט מען איינשפּאָרען פאַר'ן קאָלעקטען, און צווייטענס וועט דאָס זיין אַ גוטער פּראָפּאַגאַנדאַ מיטעל, דען בעת דער חבר פון ועד־הפּועל וועט קומען צום אידען איינמאַהנען די פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס וועט ער שוין מיט איהם פאַרנעהמען אַ שמועס וועגען דאָס וויכטיגקייט פון רעיון, און נאָך און נאָך אַזעלכע שעהנע תקנות האָבען מיר בדעה איינצופיהרען".

רבי אליה האָט מיר די גאַנצע צייט רוהיג אויסגעהערט. אַז איך האָב געענדיגט האָט ער מיר מיט אַן ערנסטען פּנים געגעבען פאָלגענדען ענטפער:

„איך בין פאָלשטענדיג מסכים צו אַלע אייערע תקנות, איהר זאָלט טאַקע אָפט מאַכען מיטינגען, בכדי עס זאָל הערשען שלום און אחדות צווישען די קורלענדער און די זאַמוטער, און זאָלען טאַקע לאַנדוי און מיכעלזאָן דאַווענען מנחה און מעריב. עס זאָלען טאַקע די חברים פון ועד־הפּועל אַליין געהן איינקאַסירען דאָס געלד ביי די מיטגלידער און דורך אגב ריידען מיט זיי וועגען דער מצוה פון ישוב ארץ ישראל, אָבער רעדט זיך נאָר ניט איין, אַז מיט שעהנע דרשות און מיט די פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס אַ חודש וועט איהר אויפבויען ארץ־ישראל. כדי צו באַקומען צוריק דאָס לאַנד פון אונזערע עלטערן, מוזען מיר וואַרטען אָדער אויף נסים מן השמים, אָדער ביז וואַנען עס וועט זיך דערוועקען דער גייסט ביי אונזערע גרויסע מיליאָנערען, אַז זיי זאָלען וועלען אָפּגעבען זייערע מיליאָנען פאַר ישוב ארץ־ישראל"..

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַ דעלעגאַציע איז שוין צו איהם ניט געגאַנגען.

רבי אליה איז נפטר געוואָרען ח"י אייר תרמ"ח.

# רבי אליעזר גאָרדאָן

## (דער גרינדער פון טעלזער ישיבה).

געבאָרען אין סוויר אין יאָהר תר״א, געשטאָרבען אין לאָנדאָן שבט תרע״א.

די טעלזער ישיבה איז כמעט די איינגסטע פון אַלע באוואוסטע ישיבות אין דער אַלטער וועלט, און די איינציגע וועלכע האָט געהאַט די הצלחה צו פאַרבלייבען אויף איהר אָרט אויך אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה. זעלטען אַ ישיבה האָט געהאַט אַזאַ שנעלען ערפאָלג ווי די טעלזער, אַז תיכף ווי זי האָט זיך געגרינדעט זיינען צונויפגעקומען אַן ערך פינף הונדערט תלמידים פון אַלע געגענדען אין רוסלאַנד. דעם קרעדיט דערפאַר קומט דעם מיסד פון דער ישיבה, דעם גרויסען גאון און חריף רבי אליעזר גאָרדאָן, אַ מענש פול מיט ענערגיע און אַרבייטס-קראַפט, אַ פעסטער אייזערנער ווילען, וואָס מען טרעפט זעלטען ניט בלויז ביי רבנים, אפילו אויך ניט ביי גביר׳ישע תקיפים.

אנגעהויבען זיין קאַריערע האָט רבי אליעזר ניט אַלס רב, נאָר אַלס ראש-הישיבה. זייענדיג נאָך אַ גאַנץ יונגערמאַן האָט ער שוין געזאָגט אַ שיעור אין הערשעל נאָוויאַזער׳ס קלויז, אין קאָוונא, פאַר בחורים לומדים, וועלכע גרייטען זיך צו רבנות, און פון דאַמאָלס אַן ביז זיין טויט האָט ער ניט אויפגעהערט מרביץ תורה ברבים צו זיין. גענומען צום ראש-הישיבה האָט איהם רבי ישראל סאַלאַנטער, וועלכער האָט באוואונדערט זיין חריפות׳דיגען מח, זיין שכל הישר און זיין שנעלע הבנה, און כדי איהם גרויס צו מאַכען אין די אויגען פון די תלמידים, פון וועלכע מאַנכע זיינען נאָך עלטער געוועזען פאַר איהם, פלעגט רבי ישראל אַליין אָפטמאָל קומען צו די שיעורים.

איבער פערציג יאָהר האָט רבי אליעזר עוסק געווען אין פאַרשפּריי-טען תורה, געלערענט מיט טויזענדער תלמידים און פיעל בייגעטראָגען פאַר׳ן קיום התורה, אין אַ צייט ווען די תורה האָט דורכגעמאַכט איינע פון די געפעהרליכסטע קריזיסען אין דער אידישער היסטאָריע. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז רבי אליעזר׳ס טהעטיגקייט האָט זיך אנגעהויבען אינ׳ם רעכטען מיטען שטורם- און דראַנג-פעריאָדע פון דער השכלה. די אידישע אינטעלעקטועלע יוגענד האָט זיך מיט גרויס

אימפּעט צוגעכאַפּט צו בילדונג, אַפּברעכענדיג הינטער זיך די בריקען, וועלכע האָבען זיי פאַרבונדען מיט דער תורה און מיט דער אידישער טראַדיציע. דער גורם דערצו איז געווען, פון איין זייט דער נייער געזעץ וועגען אַן אַלגעמיינער מיליטער־דינסט, וועלכער האָט די שטודירענדע יוגענד באַפרייט פון סאָלדאַטען, און פון דער אנדער זייט די גאָרדאָנ׳ס, די ליליענבלום׳ס און די סמאָלענסקינ׳ס, וועלכע האָבען געזוכט צו פאַר׳מיאוס׳ען דעם בית־המדרש און די ישיבה אין די אויגען פון יונגען דור. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער נאָמען „ישיבה־בחור“ איז געוואָרען אַ זידעל־וואָרט, אַ מין לאַ־יוצלח, און בעלי־בתים האָבען אויפגעהערט זוכען איידימ׳ס בני־תורה און געבען קעסט, ווי ס׳האָט זיך געפיהרט אַ משך פון הונדערטער יאָהרען. מאָוים־דיגע פּוסטקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די בתי־מדרשים, אין די קלויזען און אין די ישיבות, אַז אויך די טראַדיציאָנעלע וואָלאָזין — דער שטאָלץ פון אַלע ישיבות — איז אויך ניט מעהר געווען אָט דאָס וואָס זי איז אַמאָל געווען. די ביינק פון די אַמאָליגע עלויים זיינען באַזעצט געוואָרען מיט געוועהנליכע בחורים פונ׳ם בעל־הבית׳שען קלאַס, וואָס מען האָט זיי אַהין געשיקט זיך „אויסמענשלען“, און אויך זייער צאָהל איז וועניגער געוואָרען פון יאָהר צו יאָהר.

רבי ישראל סאַלאַנטער איז געווען כמעט דער איינציגער פון די אַלע גדולי הדור אין זיין צייט, וועלכער האָט געמערקט די גרויסע סכנה וואָס שטעהט פאַר פאַר׳ן אַלטען טראַדיציאָנעלען יודענטהום דורך דער השכלה־באַוועגונג, און אָנגעהויבען באַצייטענס צו זוכען מיטלען און וועגען ווי אויפצוהאַלטען תורה און אידישקייט און אָפּ־צוהאַלטען דעם שטראָם פון דער צייט. אין דער איינענער צייט, אין וועלכער ער האָט געזוכט איינצופיהרען מוסר־שטיבלאַך צו ערציהען די עלטערן, האָט ער אויך אין דער זעלבער צייט געזוכט צו שאַפען נייע ישיבות פאַר זייערע קינדער, אָבער נאָר אַזעלכע ישיבות, וועלכע זאָלען געלייטעט ווערען פון איינגערע ענערגישע און קלוגע ראשי־ישיבות, וואָס באַזיצען דעם כח צוצוציהען די יוגענד צו דער תורה. זיין אויג איז געפאַלען אויפ׳ן יונגען רבי אליעזר׳ן. און ער האָט זיך אין איהם טאַקע ניט גענאַרט. ער האָט דערפילט זיין אויפגאַבע אפשר נאָך מעהר, ווי רבי ישראל האָט פון איהם ערוואַרטעט.

רבי אליעזר׳ס נאָמען האָט זיך באַלד אָנגעהויבען צו הערען אין דער אידישער וועלט, און אַז די שטאָדט קעלם האָט געראַפט אַ רב, האָט זי אויסגעקליבען דעם דאָזיגען יונגען מאַן. אין דער רבני׳שער וועלט איז דאָס געווען אַ גרויסער חידוש, אַז די אָנגע׳יחס׳ענטע קעלם מיט איהרע באַריהמטע בעלי־הבית׳ישע לומדים, זאָל אַנטרויען איהר רבני׳שען שטוהל, אויף וועלכען עס זיינען תמיד געזעסען גאונים

מפורסמים, צו א יונגען מאַן וועלכער איז נאָך קיינמאָל קיין רב ניט געוועזן. צוזאַמען מיט רבי אליעזר׳ן זיינען אריבער קיין קעלם מעה־רערע פון זיינע קאַוונער תלמידים און האָט דאָרטען פאָרטגעזעצט זיינע שיעורים. אין א גאַנץ קורצער צייט האָט זיך אין קעלם ענט־וויקעלט א גרויסע ישיבה, אַז פון ווייטע שטעדט איז מען געקומען קיין קעלם געניסען פון זיין תורה.

ניט קוקענדיג וואָס רבי אליעזר איז געווען אריינגעטהאַן בראשו ורובו אין דער ישיבה, געזאָגט די שיעורים, געזאָרגט פאַר די נויטיגע מיטלען אויפצוהאַלטען די ישיבה, האָט ער נאָך געפונען צייט אויך עוסק צו זיין אין צרכי העיר. ער האָט געפיהרט די שטאָדט מיט אַזאַ פעסטע דעה, אַז די אַלט־איינגעזעסענע יחסנ׳דיגע בעלי־בתים האָבען שטענדיג געמוזט מבטל זיין זייער רצון פאַר׳ן רצון פונ׳ם דאָזיגען יונגען מאַן, און קיינער האָט ניט געהאַט די העזה איהם צו ווידער־שפּרעכען.

רבי אליעזר איז געווען דער ערשטער פונ׳ם נייעם טיפּ רבנים, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען אין פאַריגען דור אין רוסלאַנד; רבנים, וואָס באַזיצענדיג וועלטליכע ידיעות האָבען זיך אויך גענומען צו כלל־ארבייט און ארויסגענומען די הנהגת הצבור פון די עם־הארצ׳ישע מנהיגים, אַז דאָס פאָלק האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו קוקען אויף רבנים ווי אויף הייליגע בטלנים. אין רבי אליעזר גאָרדאָן האָבען זיך פאַראייניגט די אַלע גרויסע מעלות פון א פאַרצייטיגען און פון א מאָדערנעם רב: פון איין זייט א גרויסער גאון און צדיק, און פון דער אנדער זייט א מענש פול מיט ענערגיע און לעבען, א חכם מחוכם אין הויות העולם און איינער פון די פּראָדוקטיווסטע כלל־טהוער פון זיין צייט.

אַן ערך צעהן יאָהר איז ער פאַרבליבען אין קעלם, און איז פון דאָרטען אַרויס ערשט נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען א כתב־רבנות פון טעלז. אמת, די קעלמער האָבען אַנגעווענדעט אַלע כחות איהם ניט ארויסצולאָזען, אָבער אַזוי ווי רבי אליעזר האָט געהאַט אין גע־דאַנק צו גרינדען אין טעלז א וועלט־ישיבה, האָט ער זיך בשום־אופן ניט געלאָזט איבעררעדען און אין יאָהר תרמ״ג אנגעקומען אין טעלז, וואו ער איז פאַרבליבען ביז צום סוף פון זיין לעבען.

פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען אין טעלז, איז די מינדעסטע כלל־זאַך ניט געטהאַן געוואָרען אָהן זיין ידיעה און זיין הסכם. ער פלעגט זאָגאָר ניט דורכלאָזען ניט איין שרפה, וואו ער איז ניט געווען דערביי און קאָמאַנדעוועט מיט די פּאָזשאַרניקעס — ווי און וואו עס איז נויטיג צו לעשען. זיין שטוב איז שטענדיג פול געווען מיט מענשען, וועלכע זיינען געקומען צו איהם פרעגען עצות, ובפרט אין

ענינים וואָס זיינען נוגע צו די רוסישע רעגירונגס־געזעצען. צו דעם צוועק האָט זיך געפונען ביי איהם אויפ׳ן טיש, צווישען די אַלע ספרים, אויך דער רוסישער „סוואָד זאַקאָן״, אין וועלכען ער איז געווען באַהאַוונט, אפשר מעהר ווי מאַנכער אַדוואָקאַט.

באַגאַבט פון דער נאַטור מיט אַ געוואַלדיגער ענערגיע, מיט אַ פעסטען אייזערנעם ווילען, האָט ער ממש ניט געוואוסט, וואָס דאָס הייסט מורא האָבען פאַר אַ מענשען, און ניט קוקענדיג אויף פּראָ־טעסטען און סטראַשונקעס האָט ער תמיד דורכגעפיהרט אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען. וואו ער האָט ניט געקענט אויספיהרען מיט תקיפות פלעגט ער אָנווענדען אַנדערע מיטלען, און אין טעלז פלעגט מען זיך דערצעהלען פון זיינע קלוגע און טיפזיניגע איינפאַלען, ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען צו האָבען שטענדיג אויף זיין זייט די לאָקאַלע רעגירונגס־בעאַמטע, וואָס האָבען געמעגט זיין די גרעסטע שונאי ישראל, כדי זיי זאָלען ניט טשעפּען די ישיבה, וועלכע איז געווען אונגעזעצליך, און די בעאַמטע האָבען אייגענטליך געהאַט דאָס רעכט אַלע טאָג די ישיבה צו פאַרמאַכען.

צוליעב אַ מסירה צום קאָוונער גובערנאַטאָר, אַז אין טעלז געפינט זיך אַ געהיימע ישיבה, וואו עס לערנען אייניגע הונדערט בחורים, און אַז די אָרטיגע פּאָליציי איז אונטערגעקויפט און מאַכט זיך ניט זעהענדיג, האָט דער גובערנאַטאָר אָפּגעדעלעגירט איינעם אַ הויכען באַאַמטען צו מאַכען אַ ספּראַווקע. דער באַאַמטער איז געקומען קיין טעלז פּלוצים, תיכף אריין אין בית־מדרש, געפונען לערנענדיג אַ פולען בית־מדרש מיט בחורים, און איז דירעקט צוגעגאַנגען צו רבי אליעזר׳ן, וועלכער איז געזעסען אין אַ ווינקעל, אַנגעטהאָן אין טלית און תפילין, און געלערענט. רבי אליעזר, באַמערקענדיג די גרויסע צרה, האָט אַ מאָך געטהאָן מיט׳ן האַנט צום בעאַמטען, אַז ער טאָר יעצט ניט מפסיק זיין, מיט אַנדערע ווערטער, ער מעג טהאָן וואָס ער וויל. דער בעאַמטער איז אַוועק אַז אַ זייט אויפצושרייבען דעם פּראָטאָקאָל. דערווייל האָט רבי אליעזר אַ וואונק געגעבען די בחורים, אַז זיי זאָלען זיך ביסלאַכווייז אָפּטראָגען און אַז עס זאָלען פאַרבלייבען נאָר אַן ערך צוואַנציג. נאָכדעם ווי דער בעאַמטער האָט אָנגעשריבען דעם פּראָטאָקאָל איז רבי אליעזר צוגעגאַנגען צו איהם און געבעטען איבער־לייענען. אַזוי ווי אין פּראָטאָקאָל איז געשטאַנען אַז ער האָט געפונען אַ פּאָר הונדערט ישיבה־לייט. פרעגט איהם רבי אליעזר, ווי אַזוי ער מעג אָנגעבען אַ ציפער בעפאַר ער האָט אַליין איבערגעצעהלט און זיך ווירקליך איבערצייגט, אַז אַזוי פיעל איז פאַראַן, אַ זאַך וואָס איז געגען געזעץ? דער בעאַמטער האָט איינגעזעהן זיין טעות און געגאַנגען צוזאַמען מיט רבי אליעזר׳ן איבערצעהלען די צאָהל פון די

בחורים, אבער אזוי ווי די צאהל איז געווען ווינציגער פון צוואנציג און ממילא האט עס ניט מעהר דעם כאראקטער פון א ישיבה, האט דער באאמטער שוין געמוזט דעם פראטאקאל צורייסען. זיין טרחה איז, חלילה, ניט אומזיסט געווען, געכאפט א מתנת־יד און דאלאזשעט דעם גובערנאטאר, אז אין טעלז איז ניטא קיין ישיבה...

אין טעלז איז אמאל אנגעקומען א נייער איספראווניק מיט׳ן נאמען פאפאוו, א רשע מרושע און א צורר היהודים, און דאס שלימסטע איז געווען, וואס ער האט קיין געלד ניט גענומען. ער האט זיך תיכף גענומען צו דער ישיבה, געלאזט רופען רבי אליעזר׳ן און איהם מתרה געווען, אז אויב ער וועט ניט באלד פונאנדערלאזען די ישיבה וועט ער איהם ארויסשיקען פון טעלז. דארויף האט איהם רבי אליעזר גאנץ קאלטבלוטיג געענטפערט, אז ער שרעקט זיך ווייניג־וואס פאר איהם און גלויבט דאס ער וועט לענגער פארבלייבען אין טעלז, ווי „וואשע וויסאקאראדיע“. און כך הוה: אין קנאפע פאר וואכען איז געקומען א באפעהל פון קאוונא אז פאפאוו זאל ארויס פון טעלז.

א שוואכקייט האט רבי אליעזר געהאט זיך צו האלטען אויך פאר א גרויסען ארכיטעקט, ניט קוקענדיק וואס ער איז אייניגע מאל דורכגעפאלען. זיינע ידיעות האט ער געוועהנליך געשעפט פון דער גמרא און פון די מפרשים, און בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן, פארוואס די באר, וואס די אלע אינערליכע איינריכטונגען זיינען געמאכט געווארען לויט דער הלכה פסוקה פון רמב״ם און וואס קיינער קריגט ניט דארויף, איז שטענדיג קאלט און מען קען איהר ניט דערהייצען? דאס אייגענע איז געווען ביים בנין פון דער נייער ישיבה. רבי אליעזר האט געהייסען מאכען דעם פונדאמענט נאך דער שיטה פון תוספות אויף אנדערהאלבען ציגעל, און אז דער פונדאמענט איז שפעטער איינגעפאלען, האט ער זיך ארומגעזעהן, אז דער תוספות איז טאקע אפגעפרעגט געווארען...

נאך אלעם דעם איז זיין כלל־טהועריי נאר געווען א טפל לגבי זיין ארבייט פאר דער ישיבה, פון וועלכע ער האט זיך א מינוט ניט מסיח דעת געווען. צום ערפאלג פון דער ישיבה האבען אויך פיעל ביינעטראגען זיינע געהילפען די אנדערע ראשי ישיבות, ווי די גדולי הדור: רבי יוסף ליב בלאך (זיין איידים און זיין ממלא מקומו), רבי שמעון סמארגאנער און אנדערע. זיי אלע צוזאמען האבען גע־שאפען א נייעם סיסטעם אין לערנען, באקאנט אין דער לומדי־ישער וועלט מיט׳ן נאמען דער „טעלזער שניט“. אמת, אז אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרען האט מען שוין אין וואלאזין, אויך אין אנדערע ישיבות, אפגעשאפט דעם אמאליגען סארט לערנען: זיך צו מאטערען אויף רש״יס א „כלומר“, אויף מהרש״א׳ס א „ויש לישב בדוחק“ און

אויף מהר״ם שיף׳ס א שווערען הסבר, און זיך גענומען מעהר צו בקיאות, נאר שארפען דעם שכל מיט סברות אין הלכה פון א רשב״א, א קצות, א נתיבות און דערגלייכען, אבער ניט אזוי ווייט געגאנגען ווי אין טעלז, וואו א בחור, וועלכער האט געהאט בכח איבערצוזאגען פאר רבי אליעזר׳ן א „קצות" מיט הבנה איז ביי איהם געווארען דער גרעסטער תקיף. אויף אזוי ווייט האט דער „קצות החושן" געשפיעלט א ראָליע אין דער טעלזער ישיבה, אז אין די אנדערע ישיבות פלעגט מען זאגען דעם גלייכווערטעל: „אין טעלז קענען די ישיבה־לייט תנ״ך פון די פסוקים, וועלכע זיינען געבראכט אין גמרא, און גמרא ווייסען זיי פון „קצות"...

זעלטען־ווען איז א ראש־ישיבה אזוי באליעבט געווען ביי די תלמידים, ווי רבי אליעזר, און מיט רעכט האט ער דאס פארדינט. ער האט זיך אינטערעסירט מיט יעדען איינציגען און זיך באנומען צו זיי ווי צו אייגענע קינדער. און דאך האט מעהרערע מאל פאסירט אז די ישיבה־לייט האבען רעוואלטירט געגען איהם. מען האט אמאל אלס פראטעסט, ניין אזייגער אין אבענד, אין מיטען לערנען, אויס־געלאשען אלע ליכט אין דער ישיבה. איינמאל א מארגען האבען די ישיבה־לייט פארבאריקאדירט דעם איינגאנג פון דער ישיבה מיט סטענדערס און ניט אריינגעלאזען די ראשי ישיבות און כהנה אזעלכע „רעוואלוציעס". דאס איז אלץ געווען צוליעב דעם, וואס מען האט איינגעפיהרט צו לערנען מוסר אין דער ישיבה אויף סלאבאדקער שטייגער. אמת, רבי אליעזר אליין איז ניט געווען אזוי שטארק איינגענומען פאר׳ן למוד המוסר, און אויב איינער א בחור האט ניט געוואלט לערנען, האט איהם דאס ווייניג־וואס געארט, אבער זיין איידים רבי יוסף־לייב איז דוקא געווען א גרויסער אנהענגער פאר דעם דאזיגען למוד, און ביסלאכווייז האט ער דאס איינגעפיהרט פאר א חוב אויף אלע ישיבה־לייט. געסעטעלט האט מען די אלע סטרייקס דערמיט, וואס מען האט איינגעארדענט אז די ערשטע צוויי שעורים זיינען אין גאנצען באפרייט געווארען פון לערנען מוסר; פאר׳ן דריטען שיעור איז דער למוד — א רשות, פאר׳ן פיערטען שיעור — א מצוה און פאר׳ן פינפטען שיעור — א חוב. די משגיחים האבען אבער בא־קומען א וואונק פון אויבען צו האלטען אן אויג אויף דער הנהגה פון יעדען תלמיד, און האבען טאקע אכטונג געגעבען, אז די ניט־פרומע בחורים זאלען האבען סטאנציעס דוקא ביי פרומע עהרליבע אידען.

בעת דער גרויסער ספרדי׳שער גאון רבי חיים חזקיה מדיני האט געהאלטען אין ארויסגעבען זיין באקאנטען ספר „שדי חמד", איז איהם ארויף א ספק, אויב ער מעג זיך באנוצען מיט׳ן ווארט „שדי", איינער

פון די הייליגע שמות, און האט זיך געווענדעט מיט דער שאלה צו רבי אליעזר׳ן, וועלכער האט וועגען דעם אנגעשריבען א גאנצען קונטרס, פול מיט גאונות און חריפות, וואס האט אין זיין צייט ארויסגערופען אין דער לומד׳ישער וועלט גרויס התפעלות פון די געוואלדיגע חריפות און בקיאות, וואס ער האט באוויזען אינ׳ם דאזיגען קונטרס.

אין אנפאנג פון יאהר תרע״א האט זיך געפונען די ישיבה אין א גרויסען געלד־נויט, און ניט קוקענדיג אויף זיין שוואכען געזונד, איז ער א קראנקער אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן שאפען געלד פאר דער ישיבה. די נסיעה איז געווען אהן הצלחה. פון פארדרוס האט זיין שוואכע הארץ געפלאצט און איז געשטארבען אין חודש אדר. די אידישע לאנדאן האט איהם געגעבען א גרויסארטיגע לויה און שפעטער אויף זיין קבר אויסגעבויט א פראכטיגען אוהל, און דערמיט האט זיך געענדיגט דער וויכטיגער און פראדוקטיווער לעבען פון איינעם פון די גרעסטע פיהרער אין פאריגען דור.

אמת, קיין פיעל „ספרים״ האט רבי אליעזר ניט נאכגעלאזען (נאר איין ספר, „תשובות רבי אליעזר״, געדרוקט נאך זיין טויט), אבער „מענשען״ האט ער א פולע נאכגעלאזען, מענשען וועלכע שפילען היינט א גרויסע ראלע אין אידישען לעבען און שטאלצירען דערמיט וואס זיי זיינען געווען „טעלזער תלמידים״. אויך דא אין ניו יארק געפינען זיך צעהנדליגער רבי אליעזר׳ס תלמידים, דארונטער גרויסע רבנים, געלעהרטע און אנגעזעהענע סוחרים. גענוג צו דערמאהנען הרב דר. רעוועל, דער מנהל פון ישיבת „רבנו יצחק אלחנן״, פראפעסאר לוי גינצבורג, פון שעכטער׳ס סעמינאר, הרב אראנאוויץ, הרב חיים יצחק בלאך, הרב מאיר ברלין, הרב יעקב לעווינסאן, דר. משה (מאררים) ראבינסאן, דר. ישראל שפירא פון דער קאנגרעס לייברערי אין וואשינגטאן, דר. זיידעל, יהושע גאלדמאן, פ. שעוויץ און אנדערע.

דערמאנענדיג אט די דאזיגע שטאדט „טעלז״, קומען מיר ארויף אויף די געדאנקען זעהר אנגענעהמע עראינערונגען פון מיין יוגענד. טעלז איז געווען די ערשטע שטאדט, וואו איך, אלס פופצעהן־יעהריגער אינגעל, בין געפאהרען לערנען; וואו איך האב געגעסען טעג; וואו עס האבען מיר געפעהלט טעג; וואו איך בין געווען דער איינגסטער תלמיד אין דער בארימטער ישיבה פון הגאון רבי מאיר אטלס ז״ל; וואו איך האב געלערענט דעם „חובות הלבבות״ און געלייענט דעם „השחר״; וואו איך בין געווען אן אפטער איינגעהער ביים רב, דער גרויסער קנאי רבי יהושע העליר, און ניט ווייניגער איינגעהער ביים העברעאישען משורר יצחק ראבינאוויץ איש קאוונא. דער דאמאלסדיגער „אפיקורס״, וואס האט מיר און מיינע חברים געפיטערט מיט ספרי

השכלה. אמת, אז די מייסטע פון מיינע חברים האָבן די דאָזיגע ביכלאך געפּטר׳ט און זיי זיינען טאַקע אַרויס לתרבות־רעה — פאַר־לאָזן די ישיבה און זיך גענומען צו בילדונג; מיר אָבער האָבן זיי ב״ה ניט געשאַדט. אפשר, ווייל איך האָב געהאַט אַ קורלענדער ערציהונג — גענאָסן אַ וועלטליכע בילדונג איידער איך בין אַריין אין דער ישיבה.

אין טעלז האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אין דער העברעאישער שפּראַך, און מערקווירדיג, תיכף באַקומען די אַמביציע צו ווערן אַ שרייבער. מיינע ערשטע „ליטעראַרישע אַרבייט״ איז באַשטאַנען אין אַרויסגעבן אַ וועכענטליכן געשריבענעם זשורנאַל אונטער׳ן נאָמען „הכוכב״, מיט דער מאָטאָ: „דרך כוכב מיעקב״, וואו מען פלעגט קיבעצן דעם שמש, די נאַרישע בחורים און פאַר־שטעלטערהייד די טעלזער בעלי־בתים. די רעדאַקציע איז געווען אויבן, אויפ׳ן ווייבערשען בית־המדרש. די צייטונג האָט אָבער ניט געהאַט קיין לאַנגען קיום: בייזע צינגער האָבן איהר פאַר׳מסור׳ט, און דער „רעדאַקטאָר״ איז געצוואונגען געוואָרען צו פאַראַנטוואָרטונג — פאַר בטול תורה.

אָט דערמאָהן איך מיך אָן אַ קאָמישען עפּיזאָד, וואָס איז כדאי פאַרשרייבען צו ווערן אַלס אַ קולטור־בילד פון יענער צייט. דער דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן, וועלכער האָט מעהרערע יאָהרען געלעבט אין טעלז און דאָרט איבערגעלאָזען, בעפאָר ער איז אַוועק קיין פּעטער־בורג, אַ כנופיא זיינע חסידים, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשפּרייטען השכלה און צו רעפאָרמירען דעם אידישען רעליגיעזען לעבען. גראַד איז פאַר מיין צייט אויסגעקליבען געוואָרען פאַר׳ן שטאָדט־גבאי איינער פון גאָרדאָנ׳ס פאַרברענטע חסידים, אַ געוויסער צאַלע נאַפּטאַלין, אַ איד אַ גרויסער גביר און אַ תקיף. זיין ערשטע רעפאָרם איז באַשטאַנען אין דעם, ניט לאָזען די אָרימע בחורים, וואָס האָבען ניט קיין סטאַנציעס, צו שלאָפען אין ווייבערשען בית־המדרש. אַזוי ווי די גזירה איז שווער געווען דורכצופיהרען, איז ער אַמאָל אַליין געקומען אין בית־המדרש מיט צוויי פּויערים, צושניטען די סעניקעס אויף וואָס די בחורים האָבען געשלאָפען און זיי אַרויסגעוואָרפען אין גאַס. אין בית־המדרש איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל, די אָרימע קינדער האָבען זיך געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, ניט צו פאַרניכטען זייערע שטרויזעק, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען — מען דאַרף איינמאָל פּאָלגען דעם רבי׳ן, רעפאָרם מוז געמאַכט ווערען! איך בין געוואָרען אַ צוקאַכטער צופּוקענדיג די דאָזיגע סצענע און זיך ניט קענענדיג מעהר איינהאַלטען, בין איך צוגעלאָפען צו איהם נעהנטער און אָנגעהויבען צו שרייען, דאָס ער

בעגעהט א גרויזאמע טהאט. קוים האב איך אויסגערעדט א פאר ווערטער, איז ער ארויפגעפאלען אויף מיר ווי א גזלן און וואלט מיר געהאט די ביינער צובראכען, ווען איך וואלט ניט אוספייעט צו אנטלויפען. מעהרערע טעג נאכדעם האב איך מיך געמוזט באהאלטען. ער האט מיך געוואלט ארויסשיקען פון טעלז און שפעטער האט ער אויך ניט געטארט וויסען, אז איך געפין זיך נאך אין דער שטאדט.

אין עטליכע און דרייסיג יאר ארום דארף זיך גראד מאכען, אז פאהרענדיג אמאל פון ווילנא קיין ליבוי, איז פון א סטאנציע אין מיטען וועג אריין אין וואגאן אן עלטערער בכבוד׳יגער איד און זיך געזעצט נעבען מיר. איך באמערק, אז דער דאזיגער איד איז עפעס אומרוהיג, אזוי ווי עס פעהלט איהם עפעס. דער צוג האט זיך אפגעשטעלט ביי א סטאנציע א קנאפע מינוט. איך זעה ווי מיין איד שפרינגט האסטיג ארונטער, לויפט כאפען אביסעל וואסער, טונקט איין די הענט און מיט גרוים מיה זיך צוריק ארויפגעכאפט אויפ׳ן טריין וואס האט שוין אנגעהויבען צו געהן, אריין א צופריי־דענער, זיך געשטעלט מנחה דאווענען, און זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען מיר. מיר האבען זיך פאנאנדערגערעדט, און טרעפט ווער עס איז געוועזן דער דאזיגער איד? — אט טאקע אונזער צאלע נאפטאלין! איידער מיר האבען זיך געזעגענט האב איך איהם דערמאנט די אויבען־דערצעהלטע מעשה און האב דערביי באמערקט, אז איך שעץ מיך גליקליך צו דערלעבען אזא נקמה אן איהם. דאכט זיך, קיין בעסערע נקמה אן דעם „אפיקורוס" צאלע נאפטאלין האב איך ניט געקענט ערווארטען, ווי צו זעהן מיט מיינע אויגען ווי ער לויפט מיט מסירת־נפש זוכען וואסער די הענד צו וואשען כדי צו דאווענען מנחה...

# רבי הלל מילייקאָווסקי

## (רבי הלל סאַלאַנטער)

געבאָרען אין ווילנא תקע"ט, געשטאָרבען אין אַמציסלאַוו, סיון תר"ס.

איינער פון די אָריגינעלסטע און באַדייטענדסטע רבנים פאַר די לעצטע צוויי דורות איז בלי ספק געווען דער גרויסער חריף, דער גרויסער גאון, ועל כולם דער באַריהמטער חכם מחוכם רבי הלל סאַלאַנ־טער אָדער שקלאָווער, פּאָנעוויעזער, חאסלאַוויצער, אַמציסלאַווער (יעדע שטאָדט וואו ער איז רב געווען, ווילט זיך איהם אָנרופען אויף איהר נאָמען). דאָכט זיך קיין ספרים ניט געשריבען, קיין פּרסום אין די צייטונגען קייז מאָל ניט געהאט, און פונדעסטוועגען איז ער געווען איינער פון די מפורסמים פאַר אַ משך פון 50 יאָהר, ניט נאָר אין דער רבני'שער וועלט, זאָנדערן אויך ביים גרויסען עולם. אמת, קיין גרויסע גאונים האָבען אין זיין דור ניט געפעהלט, און עס זיינען געווען מאַנכע ריזען וואָס האָבען איהם אין לומדות איבערגעשטיגען, אָבער מיט זיין שכל־הישר, מיט זיין שאַרפזיניגע חכמה, מיט זיין גרויס ידיעה אין הויות העולם איז ער געשטאַנען העכער כמעט פאַר אַלע זיינע צייטגענאָסען.

זיין ביאָגראַפיע איז די געוועהנליכע ביאָגראַפיע פון אַ פאַרציי־טיגען גאון. געבאָרען אין יאָהר תקע"ט אין פאָרעצע (אַ פאָרשטאָדט פון ווילנא). צו 13 יאָהר האָט ער שוין גע'שמ'ט פאַר אַן עלוי און מען האָט איהם גערופען דער „פאָרעצער עלוי". צו 15 יאָהר איז ער אָנגעקומען פאַר אַן איידים ביי אַ ווילנער בעל־הבית, געלערנט 10 יאָהר בהתמדה גדולה און אויסגעוואַקסען אַ גאון. פאַר דער ער־שטער צייט איז ער געווען אַ תלמיד פון ר' מרדכי מעלצער אין רימאַליעס ישיבה אין ווילנא, דערנאָך אַז רבי ישראל סאַלאַנטער איז דאָרט אָנגעקומען פאַר אַ ראש הישיבה איז ער איבערגעגאַנגען צו איהם. רבי ישראל האָט תיכף דערקאָנט זיינע אויסעראָרדענטליכע כשרונות, זיין שאַרפען שכל און זיינע טייערע מדות און האָט איהם געמאַכט פאַר זיינעם אַ חבר. איבער 40 יאָהר האָט אָנגעהאַלטען זייער אינטימע פריינדשאַפט, ביז דער טויט האָט זיי פונאַנדערגע־שיידט. רבי ישראל האָט פאַר דער גאַנצער צייט כמעט קיין כלל־ענין ניט געטהאָן, וואו ער האָט זיך פריהער ניט מישב געווען מיט ר'

הלל׳ז, און עס פלעגט זעלטען אוועקגעהן אייניגע חדשים, אז דיביידע חברים זאלען ניט צוזאמענקומען. זייער געוויינליכער צוזאמענ־קונפטס־ארט איז געווען אין קרעטינגע, אין דער הויז פון דעם באַ־וואוסטען גאון און גביר ר׳ אליה לעווינזאן, דער דריטער אין זייער בונד.

אין יאהר תר״ד איז רבי הלל אנגעקומען פאר א רב אין קרעווע (ווילנער גובערניע). ביי מיר איז נאך פארבליבען אין זכרון א זעהר אינטערעסאנטע מעשה וואס רבי הלל האט דערצעהלט, וואס האט פאסירט אין דעם ערשטען יאהר פון זיין אנקומען פאר א רב. אין יענעם יאהר האט די רעגירונג געבויט דעם שאסעע וואס געהט פון ווילנא קיין מינסק און קיין מאהילעוו. דער פאדריאטשיק איז געווען דער באוואוסטער גביר ניסן ראזענטאל, א טיפ פון די פארצייטיגע ערשטע משכילים: א האלבער אפיקורס, א גאנצער בעל־תאוה, זיך געפיהרט מעשה פריץ און ניט געהאלטען פון דער גזירה אויף פתם, אויף יינם א. ז. וו. אידען פלעגען איהם רופען, צוליעב זיין ניט־פרומקייט, „ניסקע ראזענטאל“. אין פאלק איז ארומגעגאנגען פיעל מעשיות פון זיין גרוים העלדישקייט אין עניני אכילה ושתיה, און איך געדענק נאך דעם לעצטען סטראף פון א פאלקס־ליעדעל: „שטאפט די קישקע, טרינקט יין כנסכו“. אין די אלע שטעדטלאך, וואו דער שאסעע האט געדארפט דורכגעהן אדער פארבייגעהן, איז געווען פאר דער צייט פון בויען א גרויס שפע אין פרנסה, דען ניסן ראזענטאל איז געווען פון דער נאטור א גוטער מענש מיט א ברייטער האנד, פלעגט באשעפטיגען פיעל אידען אין זיינע פאדריאדען און איז געווען לייכט אויף צדקה געבען. דארף זיך גראד מאכען, אז ראזענטאל איז תשעה־באב בייטאג אריינגעפאהרען אין א קליין־שטעדטעל נעבען קרעווע און זיך אפגעשטעלט מיט זיין שעהנע קארעטע און מיט די פיער פערד ביים רב׳ס דירה, א קליין נידעריג הייזקע. אז אריינ־געהענדיג צום רב האט זיך געמוזט דער הויכער, דיקער ראזענטאל צוזאמענבויגען אין דרייען. דער רב, אן אלטינקער, א דארינקער און אפגעשוואכט פון תענית, האט אויסגעשטעלט א פאר אויגען דער־זעהענדיג ביי זיך דעם גרויסען אדיר, און נאך גרעסער איז געווארען זיין וואונדער דערהערענדיג ווי ראזענטאל גיט איהם א זאג בתמימות: „רבי, איך קום אייך פרעגען א שאלה. היות ווי איך פיהל זיך זעהר שוואך, אויב איך מעג אנבייסען“. דער רב, קוקענדיג אויף ראזענ־טאל׳ס געזונטען פנים מיט דעם רויטען דיקען קארק, האט ניט גע־וואלט גלויבען אין זיין שוואכקייט און איהם געענטפערט, אז ער האט ניט בכח איהם צו געבען א היתר, ווייל דער תענית פון תשעה באב איז כמעט אזוי הארב ווי פון יום־כפור. „דאס וויים איך אויך,

רבי״ — האָט איהם ראָזענטאָל מיט אַ פרום פּנים געענטפערט. — „אָבער לב לב יודע מרת נפשו, איך פיהל ביי זיך, אַז איך האַלט שוין ביי בולמוס, עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען. איבעריגענס בין איך גרייט צו געבען אַ גרויסען פּדיון תענית, היות ווי אייער שטעדטעל נויטיגט זיך אין אַ מרחץ, וועל איך באַלד מאָרגען שיקען מיינע מענשען אייך אויפשטעלען אַזאַ מרחץ, וואָס אַלע שטעדטלאַך וועלען אייך מקנא זיין״. דער רב האָט זיך שוין ניט מעהר גערונגען און איהם מתיר געווען. „אָבער, רבי, וואו נעמט מען דאָ עסען?״ — האָט ראָזענטאָל ווייטער אָנגעהויבען. — „אין אַכסניא וועלען זיי ניט וועלען געבען אַ אידען עסען אום תשעה באב, אפשר איז מעגליך מיר צו געבען ווענמען איינצוקויפען איניגע קליינינקייטען און ביי אייך גופא אָנבייסען״. דער רב האָט מסכים געווען, און מען האָט פּאַר איהם געקויפט עטליכע בייגעל מיט אַ הערינג און אַ פלעשעל בראָנפען און ראָזענטאָל איז זיך געגאַנגען וואַשען. מיט אַמאָל דערלאַנגט ער אַ כאַפּ דעם רב מיט אַ געשריי: „זעהט, רבי, איהר קוקט דאָך אויס ווי אַ געשטאָרבענער! איך וועל בשום אופן ניט געהן עסען אָהן אייך, ניט עובר צו זיין אויף דעם „לא תעמוד על דם רעך״. איבעריגענס האָב איך פּאַר אייך אויך אַ טייערען פּדיון־תענית: היות ווי אין אייער שטעדטעל פעהלט אַ גדר צום בית־עולם, וועל איך אַריבערשיקען מיינע מענשען אויפשטעלען אַ גדר, אשר לא גדרו אבותינו״. דער רב, וואָס איז טאַקע באמת געווען זייער אָפּגעשוואַכט, האָט זיך פון זיינע רייד שטאַרק דערשראָקען. אַ שפּיגעל אויף זיך איינצוקוקען איז בטבע ניט געווען, און זיך אָפּדוכטענדיג אַז עס ווערט איהם טאַקע פינסטער אין די אויגען, איז ער זיך שוין אויך געגאַנגען וואַשען. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט עסען. אונזער ניסקע האָט איהם בים־לאָכוויז אונטערגערוקט אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, אַז דעם רב איז שפּיציג געוואָרען אין די אויגען, דער פּנים רויטלאַך און דאָס האַרץ פריילאַך. ראָזענטאָל׳ן איז דער עסק געפעלען געוואָרען און גיט זיך אין מיטען אַ הויב מיט די ווערטער: „הערט, רבי, מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען, אַז משיח ווערט געבאָרען אום תשעה באב און אידען וועלען ווערען אויסגעלייזט פון גלות, טאָ לאָמיר מאַכען אַ טענצעל לכבוד דער אידישער גאולה״. און אַזוי ריידענדיג האָט ער אַ נעם געטאָן דעם רב, זיך דרעהענדיג מיט איהם אַרום טיש, פּלאַסקענדיג מיט די הענד און זינגענדיג „שושנת יעקב צהלה ושמחה״. דער עולם אין שוהל, ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען אויפ׳ן רב צו מנחה, האָט מען נאָכגעשיקט נאָך איהם אַ שליח און דערזעהענדיג אַזאַ קאָמישען בילד ווי דער אַלטער רב האָט זיך אָנגע׳שכור׳ט אום תשעה באב, זינגט און טאַנצט, — איז געוואָרען אין שטעדטעל אַ גרויסער רעש. ראָזענטאָל

האָט זיך זיין שטוקע אָפּגעטהאָן און אוועקגעפּאָהרען, איבערלאָזענדיג דעם רב אויף געבראָטענע צרות. תיכף נאָך תשעה באב האָט מען צוזאַמענגערופען אַן אספה און אָפּגעזאָגט דעם רב פון רבנות. אז ר׳ הלל האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד געקומען אין שטעדטעל און באַפוילען דאָס מען זאָל דעם רב צוריקנעהמען. „אמת, ער האָט אָפּגעטאָן אַ גרויס שטות״ — האָט ר׳ הלל זיי צוגעגעבען — „אָבער פאַרגעסט ניט, אַז איהר, בעלי־בתים, האָט נאָך אַ פיעל גרעסערען שטות אָפּגעטהאָן, צו קענען האַלטען עטליכע און צוואַנציג יאָהר אַזאַ גרויסען שוטה פאַר אַ רב, טאָ האַלט זיך שוין־זשע ווייטער מיט איהם״.

זיין הויפּט־פּרסום האָט רבי הלל געקראָגען בעת ער איז געווען אַ רב אין סאַלאַנט. אין דער אידישער וועלט האָט מען זיך דערוואוסט פון זיין גראָדען און שאַרפען שכל אין דיני ממונות, אַז פון ווייטיגע שטעדט פלעגט מען צו איהם קומען אויף דין־תורות. פּסק־געלד האָט ער קיינמאָל ניט גענומען, איבערהויפּט ניט גענומען קיין שום נדבה אָדער מתנה, ניט קיין רגל־געלד, ניט קיין מכירת־חמץ־געלד און דערגלייכען, און געזוכט תמיד אויסצוקומען מיט די טרוקענע, מאָגערע שכירות. געווען פון דער נאַטור אַ דזשענטעלמאַן, באַזעסען דעם איידעלען שטאָלץ פון אַן אמת׳ן תלמיד־חכם, געגאַנגען שטענדיג זעהר זויבער געקליידט, און אַ דאַנק זיין שטאַטליכע פיגור, מיט זיינע שעהנע קלוגע אויגען און מיט זיין וואונדערבאַרען הדרת־פּנים, האָט ער מיט זיין ערשיינונג אַלעמען אימפּאָנירט. חניפה האָט ער פיינט געהאַט ווי דעם טויט, ניט ער האָט וועמען־עס־איז געחנפ׳עט און ניט געקענט ליידען אַז מען האָט איהם אַ חניפה געגעבען. ער האָט אויך ניט ליעב געהאַט קיין פּרסום, איז געווען ברוגז אַז מען האָט אַמאָל וועגען איהם געשריבען אין דער עפענטליכקייט. נאָך מעהר פון אַלץ האָט ער פיינט געהאַט אַ שוטה, ער האָט געמעגט זיין דער גרעסטער למדן, אָבער ווי נאָר ער האָט באַמערקט אַז ער איז אַ שוטה, האָט ער זיך פון איהם מרחק געווען.

איבער 50 יאָהר האָט ער זיך באַשעפטיגט מיט כלל ענינים, און ביז צום סוף פון זיין לעבען האָט ער געהאַט גרויס אינטערעס אין אַלץ וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט. צום דעם צוועק פלעגט ער לייענען אַלע אידישע צייטונגען, כאָטש זייענדיג אַ גרויסער צדיק און אַ גרויסער מתמיד. אין יאָהר 1893 איז ער אויסגעקליבען געוואָרען צו דער רבני׳שער קאָמיסיע וואָס די רעגירונג האָט פאַררופען אין פּעטערבורג, און ניט קוקענדיג אויף זיין אַלטקייט, אַז ערך פון 75 יאָהר און זיין אָפּגעשוואַכטען געזונד, איז ער אָפּגעזעסען אין פּעטערבורג אייניגע חדשים און שווער געאַרבייט.

אין משך פון דרייסיג יאָהר פלעגט רבי הלל קומען אַלע זומער קיין ליבוי זיך באָדען אין ים, און איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין פון זיינע נאָהענטע מקורבים. עס איז געווען אַ ווירקליכער גייס־טיגער פאַרגעניגען צו הערען איהם ריידענדיג — הן אין דברי תורה און הן אין וועלטליכע ענינים. אַלס אַ כאַראַקטעריסטיק וויל איך דאָ אי־בערגעבען אַ גייסטרייכען ענטפער וואָס ער האָט אַמאָל געגעבען איינעם אַ גרויסען גביר, איינעם פון זיינע נאָהענטסטע מקורבים, ביי דער פאָלגענדער פאַסירונג:

איינע אַ גרויסע אידישע עקספּאָרט־פירמע אין ליבוי האָט באַנק־ראָטירט אויף אַ סומע פון איבער אַ מיליאָן רובעל. דער אינהאָבער פון דער פירמע, וועלכער איז אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, האָט איבער־געלאָזען ביי איינעם אַ באַוואוסטען פרומען גביר מיט דעם נאָמען ז., אַ גרויסע סומע געלד אויף צו סעטלען מיט די קרעדיטאָרס, בכדי ער זאָל קענען קומען צוריק. צווישען די קרעדיטאָרען איז אויך געווען איינע אַ באַנק אין פּאָנעוועז, וואָס האָט געמאָנט איבער 80 טויזענד רובעל און איך בין געווען דער באַפאָלמעכטיגטער פון דער באַנק אויף צו סעטלען. וואָכען און חדשים האָט מען געאַרבייט, ביז עס איז געלונגען צו ברענגען צו אַ סעטעלמענט, אָבער אַז עס איז געקומען דערצו, אַז דער גביר ז. זאָל אָפּגעבען דאָס געלד וואָס מען האָט איהם אַנגעטרויעט צו סעטלען, האָט ער געזוכט מיט אַלע קונצען זיך אַרויס־צודרייען, כדי ניט אַרויסצוגעבען דאָס געלד. וויסענדיג אַז רבי הלל האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם דאָזיגען גביר, האָב איך, מיט נאָך אַ פּאָר בוררים, זיך געווענדעט צו איהם, אַז ער זאָל אונז העלפען. רבי הלל האָט תיכף געשיקט רופען דעם גביר, וועלכער איז באַלד געקומען און אַהן שום הקדמות האָט רבי הלל, מיט אַ שטרענגען טאָן, איהם אַ פרעג געגעבען, פאַרוואָס ער גיט ניט אַרויס די ק״ן אלף רובעל, וואָס ליגט ביי איהם, צו סעטלען? ז. האָט זיך אַנגעהויבען צו פאַרטהיידיגען דערמיט, וואָס די בוררים ווילען זיך ניט צוהערען צו זיין גוטע עצה, וואָס ער האָט זיי געגעבען. „וואָס דרעהט איהר אַ קאָפּ מיט עצות, צו וואָס טויגען אייערע עצות? איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, אַז באמת זייט איהר אַ איד אַ שוטה. אייער גרויס עשירות האָט איהר געמאַכט דורך אייער גרויסען מזל, אָבער ניט מיט אייער שכל, היינט וואָס פאַר אַ ווערטה קענען האָבען אייערע עצות וואָס איהר גיט אַן אַנדערען. איהר קענט נאָר איבערגעבען אייער נאַרישען שכל, אָבער ניט אייער קלוגען מזל, ובכן גיט תיכף אָפּ דאָס געלד“. רבי הלל׳ס פעסטע האַלטונג און שאַרפער טאָן האָט שטאַרק געווירקט און אין דעם זעלבען טאָג אַרויסגעגעבען דאָס געלד.

קיין געדרוקטע ספרים האָט רבי הלל ניט איבערגעלאָזען, נאָר אַ סך כתבי־יד, וואָס ער האָט פאַר זיין לעבען ניט געוואָלט דרוקען, נור אָנגעבעטען די יורשים צו דרוקען נאָך זיין טויט. ביז היינט איז נאָר געדרוקט איין איינציגע תשובה זיינע אין דעם ספר „נחלת שמעון" פון הגאון ר' שמעון זרחי, טאָווריגער רב.

רבי הלל איז נפטר געוואָרען כ"ג סיון תר"ס.

# רבי חיים סאָלאָווייציק

געבאָרען אין וואָלאָזין תרי״ג. געשטאָרבען אין אָטוואָצק, אב תרע״ט.

רבי חיים, וועלכער איז געווען אַנערקענט פאַר׳ן „רבן של כל בני הגולה״ פאַר אַ משך פון איבער 30 יאָהר, איז ווירקליך געווען איינער פון די וואונדערבאַרסטע גרויסע פערזענליכקייטען וואָס דאָס ליטווישע יודענטום האָט אַרויסגעגעבען. ווער ס׳איז נאָר געווען אין וואָלאָזין אָדער אין בריסק, האָט געהאַט צו דערצעהלען פעק מעשיות פון רבי חיים׳ס שאַרפען האַרשפּאַלטענדיגען שכל אין תורה און אין הויות העולם. פון זיינע זעלטענע מידות, פון זיין ברענענדיגער יראת שמים און, ועל כולם, פון זיין גוט האַרץ. רבי חיים האָט זוכה געווען נאָך פאַר זיין לעבען צו ווערען ביים פאָלק אַ לעגענדאַרישע פערזענליכקייט, ס׳איז אָבער צו באַדויערען וואָס אין אַ געדרוקטען וואָרט — סיי אין העברעאיש און סיי אין אידיש — איז נאָך זיין גרויסקייט עד היום ניט אָפּגעשאַצט געוואָרען. אַזוי ווי ער האָט קיין ספר ניט נאָכגעלאָזען, איז עס טאַקע אַ געפאַהר ער זאָל מיט דער צייט אינגאַנצען פאַרגעסען ווערען. איך שעץ מיך דעריבער גליקליך, אַ דאַנק מיין נאָהענטע באַקאַנטשאַפט מיט רבי חיים׳ן פאַר אַ לענגערער צייט, צו זיין דער ערשטער, וועלכער וועט אַריינברענגען אַביסעל היסטאָרישען מאַטעריאַל פאַר זיין צוקינפטיגען ביאָגראַפער.

רבי חיים איז כמה יאָהרען נאָכאַנאַנד געקומען קיין ליבוי אויף מעהרערע וואָכען, זיך באָדען אין ים. פאַרבאָטען פון די דאָקטוירים, אַז ער זאָל אין דער צייט פון זיין ערהאָלונג ניט פיעל עוסק זיין אין לערנען פלעגט מיר אויסקומען שעה׳ן לאַנג מיט איהם אַרומצושפּאַצירען ביים ברעג ים; זיך אָנגעהערט פון איהם אַ סך פערלדיגע ווערטער אין תורה און אין הויות העולם; זיך צוגעקוקט צו זיין מוסטערהאַפטער הנהגה און געהאַט די בעסטע געלעגענהייט צו דערקענען די הויכקייט און גרויסקייט פון זיין וואונדערבאַרער פערזענליכקייט.

רבי חיים האָט בטבע ניט ליעב געהאַט צו ריידען וועגען זיין אייגענער פערזאָן און בפרט וועגען זיינע מעלות. וויפיעל איך האָב זיך ביי איהם ניט צובעטען מיר צו דערצעהלען פון זיין לעבען, פלעגט ער זיך שטענדיג מיט גלייכווערטלאַך אַרויסדרעהען, האָבענדיג טענות

צו דער וועלט, וואָס זי מאַכט פון איהם אַזאַ פירוש. מיט אויפריכ־טיגער תמימות האָט ער זיך פאַר מיר מעהרערע מאָל באַקלאָגט, וואָס די אומשטענדען האָבען געבראַכט, ער זאָל זיין רב אין בריסק, אַ שטעל וואָס איז ניט פאַר זיינע כחות און ניט נאָך זיין רצון. ער וואָלט אפשר געקענט זיין, אַ דאַנק זיין גוטער הסברה, ניט קיין שלעכטער גמרא־מלמד מיט אַ פּאָר קינדער...

מיט זיינע עניוות האָט ער מאַנכעסמאָל איבערגעכאַפּט די מאָס, וואָס ביי זיינע מקורבים פלעגט דאָס אַרויסרופען גרויס פּאַרדרוס. שוין ניט ריידענדיג פון זיין הנהגה אין די יונגע יאָהרען אין וואָלאָזין, בעת ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ חבר מיט יעדען בחור'ל, וואָס האָט ניט געגרייכט אין ידיעת התורה צו זיין קנעכעל. ס'איז באַ־קאַנט דאָס גלייכווערטעל וואָס דער נצי"ב האָט איהם אַמאָל געזאָגט, זעהענדיג ווי ער נעהמט אַרום יעדען בחור און לעגט זיך איהם אַרויף אויפ'ן האַלז — „חיים, דו ביסט דאָך איהם מבטל פון לערנען — רבי חיים (רחיים) על צוארו ויעסוק בתורה!" נאָר אויך זייענדיג שוין בריסקער רב, און פון דער וועלט אַנערקענט פאַר'ן „גדול הדור", האָט ער זיך אויך אַנדערש ניט געפיהרט. עס האָט ניט איינמאָל געטראָפען, אַז ער האָט געלאָזען זיצען שעה'ן לאַנג די גרעסטע בריסקער גבירים וואַרטענדיג אויף איהם און זיך פאַרנומען אין דער צייט מיט אויס־הערען רייד פון צובראָכענע הערצער פון אָרימע אידען און אידענעס. אויך זייענדיג אין ליבוי פלעגט ער זיך אָפט אָוועקזעצען אין בית־המדרש אין אַ זייט און פאַרפיהרען אַ לענגערען שמועס מיט איינעם אַן אַלטען פּראָסטען אידען. איך האָב ניט געקענט מיך איינהאַלטען און איהם אַמאָל אַ פרעג געטהאָן, וואָס אַ שטייגער פאַר אַ שמועס קען ער האָבען מיט אַזאַ אידען, אַ תהילים־זאָגער? דאַרויף האָב איך באַקומען ניט קיין זעהר שמייכעלהאַפטען ענטפער: „אייך און אייער גלייכען פּאַסט ניט מיט אַזאַ אידען צו ריידען, ניט באַרעכענענדיג, אַז ער האָט אפשר אַ האַרץ פול מיט צרות און נויטיגט זיך אין אַ מענשען מיט וועמען זיך דורכצוריידען".

פאַר די עטליכע זומערן וואָס ער האָט צוגעבראַכט אין ליבוי, פלעגט כמעט ניט אָוועקגעהן אַ טאָג, וואָס מיר זאָלען ניט צוזאַמענ־קומען. מיר פלעגען זיך באָדען צוזאַמען און ליגען שעה'ן־לאַנג אויף די זאַמד ביים ברעג ים, און ליגענדיג זיך באַשעפטיגען מיט מאַטעמאַ־טישע אויפגאַבען, מאַכענדיג די פיגורען אויפ'ן זאַמד. איך פלעג וויפיעל מאָל נתפּעל ווערען, ווי ער פלעגט מיט זיין שאַרפען שכל אויפלייזען די שווערסטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבען, ניט וויסענדיג צומאָל די עלעמענטאַרסטע רעגעלן. מיר פלעגען זיך אויך באַשעפ־טיגען מיט פיזיק און מיט אַנדערע וועלטליכע ידיעות. אָבער ווי עס

פלעגט קומען צו אַ פּראָבלעם, וואָס איז עפּעס אַ סתירה צו דער מיינונג פון חז״ל, פלעגט ער אַ מאַך טהאָן מיט דער האַנט, אַז דאָס איז באָבקעס...

ער פלעגט זעהר אָפט צייגען גרויס ליעבשאַפט צו מיר, און איך האָב איהם אַמאָל אין שפּאַס געזאָגט: „פון אייער חביבות צו מיר זעה איך, אַז איהר האַלט מיר אָפּנים ניט פאַר קיין גביר, ווייל איך ווייס, אַז האָט איהר פיינט גבירים“. דאַרויף האָט ער מיר געענט־פערט, אַז ער האָט נאָר פיינט די יעניגע, וואָס מאַכען געלד פון ניט־קיין־כשר׳ע געשעפטען, ווי רמאות, עקספּלואַטאַציע און דערגלייכען. „אייער רובעל איז אָבער אַ גאַנץ כשר׳ער רובעל“.

ער איז אַמאָל געווען ביי מיר אין הויז אויף אַ שמחה פון אַ חנוכת הבית. דאָס איז געווען פּ׳ ראה, יאָהר תרנ״ז. נאָכדעם ווי ער האָט געזאָגט עטליכע ווערטער אויף דעם פּסוק „מה טובו אהליך יעקב“, קערט ער זיך אום צו מיר און גיט מיר אַ פרעג אין דער שטיל: „כמה נפשות נשקעו בבנין?“ (אָנשפּילענדיג אויף מיין פּראָפעסיע, ד. ה., וויפיעל תלמידים האָב איך געברויכט צו האָבען, צו קענען קויפען אַזאַ הויז).

אָבער ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון איהם ביטערע פאָרווירפע, כמעט זלזולים, ווען מען האָט איהם דערצעהלט אַ מעשה וועגען מיר, וואָס איהם איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען. ווי גרויס זיין ליעבע און דרך־ארץ איז געווען פאַר׳ן קלענסטען למדן און ירא־שמים, אַזוי איז געווען ביי איהם אין האַרצען אַן איינגע־באַקענע שנאה צו משכילים, און אַזוי ווי איך בין געווען פאַררעכענט פאַר אַ שטיקעל משכיל, האָב איך געהאַט דערפון גענוג אויסצושטעהן פון איהם. ער האָט מיר אַמאָל אָנגעכאַפּט אין מיטען גאַס און מיר גענומען זידלען, ווייל מ׳האָט איהם דערצעהלט, אַז אין דער שטאָדטישער תלמוד־תורה, וואו איך בין געווען דער גבאי, לערענט מען צו־וועניג אידישע למודים און אַז די גאַנצע צייט געהט אַוועק אויף למודי־חול. מיר האָט שטאַרק פאַרדראָסען די פאַלשע פאַרלוימדונג און האָב איהם אויפגעפאָדערט, ער זאָל תיכף מיט מיר געהן אין תלמוד תורה זיך איבערצייגען ווי ווייט דאָס איז אמת. ער האָט אָבער ניט געוואָלט געהן און כמעט ווי מיט געוואַלד האָב איך איהם אַוועקגעפיהרט אַהין. אַריינקומענדיג אין דער ערשטער קלאַס, האָב איך איהם געבעטען פאַרהערען די קינדער אין חומש. ער איז אָבער שטעהן געבליבען ביים טיר און ניט געגאַנגען ווייטער, באַטראַכט אַ לענגערע ווײלע די ספרים, וועלכע זיינען געלעגען אויף אַ טיש נעבען טיר, און גיט מיר האַסטיג אַ זאָג: „קומט, לאָמיר געהן“. אַרויסגעהענדיג גיט ער מיר די האַנט און בעט מיר מחילה. ער האָט, נעמליך, דערזעהן אויפ׳ן

טיש א רעכט ביסעל צוריסענע סידורים און חומשים, וואס דאס איז פאר איהם דער בעסטער באוויז, אז עס ווערט פיעל געלערענט אידישע לימודים.

איינמאל האב איך פון איהם געכאפט א מפלה אין געגענווארט פון א סך מענשען. אריינקומענדיג צו איהם אמאל שבת נאך מנחה האט ער מיר גענומען שטארק מוסר׳ן, פארוואס איך בין מבטל אידען פון תורה. מען האט איהם דערצעהלט, אז איך לעקטשור אלע שבת פאר א גרויסען עולם אידישע היסטאריע, און אז אנשטאט די אידען זאלען געהן הערען זאגענדיג חומש מיט רש״י און מדרש, אדער הערען א מגיד, פארנעם איך זיי מיט דברים בטלים. איך האב מיך אנגעהויבען צו פארטהיידיגען, אז מיינע צוהערער זיינען ניט פון המון, נאר פון אינטעליגענטען קלאס, וואס הערען ניט קיין מגידים, און דער צוועק פון מיינע לעקציעס איז, זיי צו מאכען פאר בעסערע אידען. אויך האב איך איהם באמערקט, אז באמת איז גאר א מצוה צו לערנען אידישע געשיכטע, ווי עס שטעהט אין פסוק: „זכור ימות עולם״. עס האט אבער קיין הצטדקות ניט געהאלפען און איך האב געמערקט, אז ער איז געווארען אויף מיר אביסעל ברוגז׳לאך. קומענדיג צו איהם דעם צווייטען שבת נאך מנחה, האט ער מיר זעהר פריינדליך און ליעבליך עמפפאנגען און זיך עפענטליך ארויסגעזאגט, אז עס טהוט איהם לייד, וואס ער האט מיך פאריגען שבת מבייש געווען. ער האט זיך דערוואוסט, אז אנשטאט צו דערצעהלען מעשיות פון היסטאריע, לערן איך גאר מיט מיין עולם הלכות שבת. די מעשה איז פשוט: ער האט געשיקט יעמאנדען פאר א שפיאן, בייצוּוואוינען ביי דער לעקציע. גראד האב איך דעם דאזיגען שבת געהאלטען ביי דער תקופה פון די „אנשי כנסת הגדולה״, און ערקלעהרענדיג די אלע גרויסע זאכען וואס זיי האבען אויפגעטהאן, בין איך געקומען צו זייער מאמר „ועשו סיג לתורה״, און ביי דער געלעגענהייט האב איך ארומגערעדט די דינים פון שבת, אויסגערעכענט די אלע ל״ט מלאכות, די יסודות פון מוקצה און דאסגלייכען.

רבי חיים האט פיינט געהאט געלד שנאת מות. עס האט ביי איהם אין הויז ניט געטארט נעכטיגען קיין געלד, און די געלד אויף דער הוצאה האבען די בני ביתו שטענדיג פון איהם געמוזט באהאלטען. אין דער ערשטער צייט פון זיינע רבנות האט מען איהם אליין אין האנט אפגעגעבען די שכירות, אבער אזוי ווי ער פלעגט דאס תיכף פארטיילען צו ארימע לייט, האט מען אויפגעהערט איהם צו געבען און דירעקט נעגעבען צו דער רביצין, און אזוי האט זיך טאקע די אלע יאהרען נעפיהרט.

ר׳ חיים האָט אַמאָל אין שפּאַס דערצעהלט, אַז איהם איז קיינמאָל ניט אַזוי שלעכט געווען, ווי אין דער קורצער צייט, בעת ער איז געווען בבחינת „גביר״. דאָס איז געווען בעת ער האָט חתונה געהאַט און באַקומען טויזענד רובעל נדן, און ער האָט ממש ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. צום גליק האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין שווער רבי רפאל האָט דעם גרעסטען טהייל פון די נדן־געלד געליהען ביי איינעם אַ מינסקער גביר געגען וועקסלען. ניט פיעל געקלערט האָט ער אָפּגעצאָהלט דעם שווער׳ס חוב, און די איבעריגע פאַרטהיילט צו אָרימע לומדים. נאָכדעם ווי זיין פאָטער, רבי יוסף בער, האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער איהם שטאַרק אויסגערעדט, אָבער רבי חיים האָט איהם מסלק געווען מיט׳ן ענטפער, אַז איהם האָט זיך ניט געוואָלט עובר זיין אויף די רייד פון חז״ל און נעהמען אַ פּרוי צוליעב געלד. אגב האָט ער דאָך קעסט, טאָ צו וואָס דאַרף ער נאָך האָבען געלד...

כאָטש ר׳ חיים האָט אַזוי פיינט געהאַט געלד, איז דאָס אָבער נאָר געווען בנוגע איהם אַליין, אָבער אַז אַנדערע זאָלען האָבען, און אויף אַ כשר׳ן אופן, איז ער געווען זעהר צופרידען. איהם האָט זיך געוואָלט יעדען אָרימאַן רייך מאַכען, און אויב פאַר זיך איז ער געווען אַ מסתפּק במועט, איז ער אָבער געווען זעהר ברייטלאַך ביים פאַרטהיי־לען געלד צו אָרימע לייט, און וויפיעל מען האָט געגעבען האָט זיך איהם אַלץ אָפּגעדוכט, אַז ס׳איז געווען ווינציג.

אָט נאָט אייך אַ פאַקט:

אין די זומערן וואָס רבי חיים איז געקומען קיין ליבוי, פלעגט די שטאָדט האָבען אַ גרויס שפע פון אָרימע באָדע־געסט, וואָס זיינען געקומען טאַקע צוליעב איהם. עס פלעגען צונויפפאָהרען צעהנדליגע רבנים, פּרושים און ישיבה־בחורים, וועלכע האָבען געוואָלט אויסנו־צען זיין אַנוועזענהייט פון זייער טובה וועגען. דער האָט געוואָלט דורך זיין השפעה באַקומען אַ גרעסערע רבנות, דער סמיכות, דער קבלה אויף שחיטה און דער גלאַט אַ רעקאָמענדאַציע. זיין וואוינונג איז שטענדיג פול געווען מיט די דאָזיגע אורחים. מיט גרויס געדולד האָט ער יעדערן אויסגעהערט און נאָך מעגליכקייט געהאָלפען. אין פאַרלויף פון איינציגע טעג האָט ער שוין געקענט אָט די אַלע אורחים און געוואוסט יעדערענס לאַגע און זיין הצטרכות, און באַלד דאַרויף אָנגעהויבען צו מינטערען די בעלי־בתים פון שטאָדט, אַז מען זאָל זעהן צו שאַפען געלד פאַר זיי.

באמת איז נאָך בעפאָר ר׳ חיים האָט אָנגעהויבען צו קומען קיין ליבוי, פלעג איך, צוזאַמען מיט אַ געוויסען בעל־הבית, ר׳ אבא זאַקס, אַלע זומער אויפקלייבען אַ היבשע סומע געלד פאַר די אָרימע באָדע־

געסט, וואָס מיר פלעגען אַליין פאַרטהיילען און יעדען געגעבען לפי־ערך. רבי חיים, באַלד ווי ער איז געקומען, האָט זיך גענומען טשעפּען צו אונז, אַז מיר טהוען שלא כדין, ווייל ביים פאַרטהיילען געלד מוזען זיין דריי מענשען, ובכן האָט ער פאַרלאַנגט אַז מען זאָל איהם נעהמען פאַר אַ דריטען. פאַרשטעהט זיך, אַז מיר האָבען דערצו מסכים געווען, און בעת עס איז געקומען צום פאַרטהיילען די צונויפגעזאַמעלטע צוויי טויזענד רובעל, האָט רבי חיים אונז דערלאַנגט אַ פאַרטיגען ליסט מיט די נעמען פון אַלע נצרכים און די סומען וואָס יעדער ברויכט צו באַקומען. דערזעהענדיג די ליסט איז אונז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. עס האָט אַנגעטראָפען איבער פינף טויזענד רובעל, אָבער ניט אַכטענדיג אויף אונזערע פּראָטעסטען, האָט ער אָנגעהויבען פאַרצולייענען די נעמען, באַמערקענדיג דערביי יעדערענס לאַגע: אָט דער רב איז אַ געוואַלדיגער נצרך, האָט זעהר קליינע שכירות און אַ גרויסע פאַמיליע, מוז ער לכל הפחות באַקומען צוויי הונדערט רובל; דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם אַנדער רב — ער האָט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען, קען אויך מיט ווייניגער ניט אויסקומען; אָט דער יונגערמאַן, אַ צאַצקע, האָט נעבאַך ניט קיין שטעל און איז שוין אַרויס פון קעסט, וואָס קען זיין ווייניגער ווי הונדערט און פופציג רובעל; אָט דער פּרוש, אַ זעלטענער יקר, אַ גרויסער חולה און אַ בעל־יסורים, קען מען אויך ווינציגער ווי הונדערט און פופציג רובעל ניט געבען, און אַזוי כסדר, ביז די גאַנצע געלד וואָלט קוים געקלעקט פאַר פופצעהן פערזאָן, וועהרענד אויפ'ן ליסט זיינען נאָך פאַרבליבען איבער פופציג נצרכים! אויף אונזער שאלה: וואָס וועט זיין מיט די איבעריגע — האָט ער אונז געענטפערט מיט אַ בייזער: „זייט זשע מוחל, און נעהט קלייבט ווייטער, פון די וואָס איך האָב אַנגעמערקט וועל איך אַ פּרוטה ניט אַרונטערלאָזען“. אונז איז קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען ווי צו געהן ווייטער שנאָרען, און מיט גרויס מיה און מאַ־טערניש צוזאַמענגעבראַכט נאָך אַ סומע, אָבער איהם ווייטער צו נעהמען פאַר אַ דריטען האָבען מיר זיך שוין געהיט.

זיין ברייט רחמנות'דיגע האַרץ און זיין גרויסע מענשען־ליעבע האָבען זיך באַזונדערס אַרויסגעצייגט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט איז אַן ענין פון פדיון־שבויים. דאָ איז ביי איהם רעכט געווען זיך ממש מפקיר צו זיין. מען האָט אַמאָל אין בריסק אַרעסטירט איינעם אַ בונדיסט. איז געקומען די מוטער צום רב בעטען, אַז מען זאָל זיך משתדל זיין ביי דער זשאַנדאַרמעריע, צו באַפרייען איהר זוהן. די מקורבים האָבען איהם מתרה געווען, אַז ער זאָל זיך ניט מישען אין אַזאַ זאַך, וואָס קען איהם זעהר פיעל שאַדען, און איהם ניט גע־וואָלט לאָזען געהן. ער האָט זיי ניט געפאָלגט און אַפּגעפאַרטיגט

מיט פאָלגענדען ענטפער: „אז פדיון שבויים איז אַ גרויסע מצוה — איז קיין שום ספק ניט; אז דער מאַמען איז די האַרץ צובראָכען איז אויך קיין ספק ניט, אָבער אויב דאָס וועט מיר אָהן שום ספק שאַדען, דאָס קען דאָך קיינער ניט זאָגען אויף געוויס".

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וועלכער איז נאָך ביז היינט וועניג באַוואוסט און וואָס מיט דער צייט וועט זיך בלי ספק אַרום איהם אויסוועבען מאַסען לעגענדעס, איז אַט וואָס: אין ערשטען מלחמה־יאָהר, בעת די רוסען האָבען נאָך געהאַלטען בריסק, האָט מען אין דער צייט צווישען ראש־השנה און יום־כפור אַרעסטירט פינף אידען אויף אַ בלבול פון שפּיאָנאַזש און זיי זיינען געשטאַנען אין סכנה געהאָנגען צו ווערען. רבי חיים האָט זיך דערוואוסט, אז מיט פינף טויזענט רובעל קען מען דעם בלבול מבטל מאַכען, איז ער אַרומ־געלאָפען פון איין גביר צום צווייטען, אָבער אָהן ערפאָלג, ווייל אין יענער צייט, בעפאָר עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען די מלחמה־פּראָפיטען, האָט יעדערער נאָר געקלערט וועגען זיך, מורא־האָבענדיג אז ער זאָל ניט צו־קורץ קומען אין געלד. רבי חיים האָט דערפון שרעקליכע עגמת־נפש געהאַט, ווייל אַ חוץ די פינף אומשולדיגע קרבנות, וועט עס זיך נאָך שלעכט אָפּרופען אויפ'ן גאַנצען כלל ישראל, און ער האָט באַשלאָסען צו טהאָן אַ זאַך, וואָס איז בודאי געווען געגען זיין רצון. ערב יום־כפור, קיינעם ניט דערצעהלענדיג, האָט ער אַרומגעשיקט אין אַלע שוהלען אָנזאָגענדיג, אז מען זאָל ניט דאַווענען מעריב ביז ער וועט הייסען. דער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אין די שוהלען, געזעסען אין טלית און קיטעל שעה'ן לאַנג וואַרטענדיג ביז דער רב וועט ערלויבען צו דאַווענען. דערווייל איז רבי חיים מיט אַ פּאָר בעלי־בתים אַרומגעגאַנגען פון שוהל צו שוהל, האַלטענדיג אין האַנד בייטלען געלד, אַרויסגערופען די גבירים פון יעדער שוהל און מיט יעדערן אַוועקגעגאַנגען אין זיין היים, וואו יענער האָט געמוזט געבען וויפיעל רבי חיים האָט גוזר געווען. ערשט שפּעט אין דער נאַכט, בעת ער האָט שוין געהאַט אויפגעזאַמעלט די גאַנצע פינף טויזענד רובעל, האָט ער געשיקט זאָגען אין די שוהלען, אז מען מעג שוין דאַווענען. אויף מאָרגען זיינען די תפוסים באַפרייט געוואָרען.

ווער עס האָט געוואוסט פון רבי חיים'ס הנהגה אין די ערשטע פערציג יאָהר פון זיין לעבען, האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָר־שטעלען, אז אין זיינע עלטערע יאָהרען וועט דער דאָזיגער הימעל־מענש, וואָס זיין גאַנצע וועלט האָט זיך שטענדיג אַרומגעדרעהט נאָר אַרום בית־מדרש, אויסוואַקסען צו איינעם פון די טיכטיגסטע און פעהיגסטע כלל־טהוער פון זיין צייט. עס האָבען איהם אייגענטליך געמאַנגעלט די אַלע נויטיגע אייגענשאַפטען פון אַ כלל־מענש, שוין ניט רעדענדיג

פון זיין אפגעלאזענעם הילוך, איז ער געווען א מענש מיט א צו־שטאר־קען כאראקטער, מיט אן אייזערנעם ווילען, וואס וויל ניט וויסען פון קיין פשרה. און ווען מען זאל נאך צורעכענען זיין מידה פון ניט רעספעקטירען גבירים, פון זיין שרעקליך פיינט האבען הניפה, פארשטעהט זיך, אז ער האט זעהר ווייניג געפאסט צו זיין א כלל־טהוער.

באמת איז ער טאקע ווי מיט געוואלד, געגען זיין רצון, אריינ־געצויגען געווארען צו כלל־ארבייט; אבער א דאנק זיין ברייט וואר־רעם הארץ, פול מיט צער און רחמנות אויף די צרות פון כלל האט זיך ביי איהם מיט דער צייט ענטוויקעלט דער חוש־צבורי אויף אזוי ווייט, אז אין די לעצטע פופצעהן צוואנציג יאהר פון זיין לעבען איז ער געשטאנען אין דער ערשטער שורה פון די אידישע כלל־טוער. רבי חיים האט זיך אינטערעסירט אין אלע פארשידענע ענינים וואס זיינען נוגע צום כלל־ישראל, און מיט דער אייגענער ענערגיע, וואס ער האט געברויכט אויף צו פארשטארקען תורה און אידישקייט, האט ער אויך געארבייט צו פארלייכטערען די גזירות, פון וועלכע דאס רוסישע יודענטום האט אין זיין צייט שטארק געליטען, ווי אויך צו פארבעסערען ווי ווייט מעגליך זייער עקאנאמישע לאגע. נאך דער פטירה פון קאוונער רב, איז דער מרכז פון די אלע כלל־ענינים ארי־בערגעגאנגען פון קאוונא קיין בריסק.

אלס עפענטליכער כלל־טוער איז רבי חיים ערשט ארויסגעטרעטען אין יאהר 1910 אויף דער „אספת הרבנים“ אין פעטערבורג, וואס איז גערופען געווארען פונ׳ם דאמאלסדיגען רוסישען פרעמיער־מיניסטער סטאליפין. אפיציעל האט עס געהייסען, אז די דאזיגע אספה זאל פארטזעצען די ארבייט פון די פאריגע „ראווינסקי־קאמיסיעם“, אויף צו פארענטפערען מאנכע נעוויסע רעליגיעזע שאלות, וואו דער אידי־שער דין קומט אין קאנפליקט מיט׳ן מלוכה־געזעץ, ווי א שטייגער: שאלות וועגען חליצה, וועגען עגונות, וועגען גט׳ן, וכדומה. באמת אבער האט דער צורר סטאליפין נאך געהאט דערביי זייטיגע פניות. פון איין זייט האט זיך איהם געוואלט ווייזען דער וועלט זיין כלומר־שטען ליבעראליזם — אנב האט רוסלאנד דאמאלס געזוכט א הלואה אין אויסלאנד, און דעריבער האט ער, אחוץ די אספת הרבנים, אויך ערלויבט אז אלגעמיינעם צוזאמענפאהר פון אידישע כלל־טהוער; פון דער צווייטער זייט האט ער געוואלט אויסנוצען די רבנים און די כלל־טהוער, כדי צו האבען א געלעגענהייט איינצושרעקען די אידי־שע רעוואלוציאנערע יוגענד, און ער האט די רבנים טאקע געגעבען אנצוהערעניש, אז אויב די אידישע יוגענד וועט ניט אויפגעבען איהר רעוואלוציאנערע ארבייט קען דאס אידישע פאלק ערווארטען ביטערע גזירות.

אויף דער דאָזיגער אספה האָט רבי חיים געשפּילט די הויפּט־ראָלע און געצויגען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט דורך זיין פעסטען כאַראַקטער און אייזערנעם ווילען, בפּרט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען וויתורים אין ענינים וואָס זיינען נוגע צום דת. ער איז ניט איינגעגאַנגען אויף דער מינדסטער פּשרה, און צוזאַמען מיט'ן ליובאַוויטשער רבי'ן האָבען געזוכט משפּיע צו זיין אויך אויף די אַנדערע חברים זיך צו האַלטען אָן זייער שיטה.

אויב אָבער אויף דער „אספת הרבנים" האָט ער מעהר אָדער ווייניג דורכגעפיהרט, איז איהם ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען דורכצוזעצען זיין ווילען אויף דער אספה פון די כלל־טהוער, אי"ז וועלכע עס זיינען געווען באַטהייליגט זעהר פיעל ראַדיקאַלען. עס פלעגט ניט אַוועקגעהן אַ זיצונג וואו ער האָט ניט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט דעם לינקען פליגעל אין די פראַגען וועגען איינאָרדנען די קהלות, וועגען חינוך, וועגען דוכאָוונע און קאַזיאָנע רבנים און דאַסגלייכען. אַמאָל, אויף אַ זיצונג, אין אַ הייסער דעבאַטע וועגען חינוך, האָט וולאַדימיר טיאָמקין, דער פיהרער פון לינקען פליגעל, אַטאַקירט די רבנים, מאַכענדיג זיי דעם פאָרוואורף, אַז זיי האָבען גאָרניט געטאָן פאַר דער יוגענד, וועלכע איז אַוועק פון פאָלק, בעת ער מיט זיינע חברים האָבען געקלונגען אין די גלאָקען און זיי צוריקגעבראַכט. דאַרויף האָט איהם דער ליובאַוויטשער רבי געענטפערט: „ערשטענס, אין גלאָקען קלינגט בטבע אַ גוי — ניט קיין איד; און, צווייטענס, ווען איהר וואָלט אָבער פריהער ניט געמאַכט די שרפה, וואָלט איהר דאָך ניט געברויכט שפּעטער צו קלינגען מיט די גלאָקען". די דאָזיגע באַליידיגענדע תשובה האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען שטורם ביי די אינטעליגענטען און זיי האָבען פאַרלאַנגט, אַז דער ליובאַוויטשער רבי זאָל זיך ענטשולדיגען, אָדער זיך אָפּזאָגען פון באַטייליגונג אין דער אספה. ער האָט אָבער ניט איינע פון די זאַכען געטהאָן, און עס האָט געהאַלטען, אַז די גאַנצע אספה זאָל צוזאַמענברעכען. רבי חיים מיט זיין גרויס חכמה און גרויס אויטאָריטעט, איז געווען דער איינציגער וועמען עס איז געלונגען צו באַרוהיגען די צוהיצטע געמיטער און איינצושטילען דעם טומעל.

בעת עס האָט זיך צופלאַקערט, אין יאָהר תרנ"ז, די גרויסע מחלוקה צווישען די פּרושים און די מוסר'ניקעס, און צוטהיילט די ליטווישע רבנים און אַ טהייל פון די פּוילישע אין צוויי קעמפענדע לאַגערען, איז רבי חיים אין דער ערשטער צייט גאָר געשטאַנען פון ווייטען. שפּעטער אָבער, ווען ביידע צדדים האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַנוצען מיט ניט קיין שעהנע קאַמפּס־מעטאָדען, וואָס האָט געקענט פיהרען צו אַ חילול־השם, איז ר' חיים ניט מעהר געבליבען פּאַסיוו און מיט

זיין גרויס השפעה און קלוגשאפט האָט ער איינגעלאָשען דעם פייער פון דער מחלוקה.

אין יאָהר תרס״ח האָט רבי חיים, צוזאַמען, להבדיל בין חיים למתים, מיט׳ן „חפץ חיים״ און מיט רבי חיים עוזר׳ן פון ווילנע, געגרינדעט די „אגודת ישראל״. אין די אינטערעסען פון דער אגודה איז איהם אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל צו זיין אין האַמבורג און אין פראַנקפורט, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען איבעראַל מיט׳ן גרעסטען כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר׳ן „אָבער ראַבינער פון גאַנץ רוסלאַנד״, ווי די דייטשען פלעגען איהם רופען.

ווי באַוואוסט איז רבי חיים כל ימיו געווען אַ געגנער פון ציוניזם, און וויסענדיג דערפון, האָב איך מיך שטענדיג געהיט אין מיינע שמועסען מיט איהם, ניט צו באַריהרען דעם דאָזיגען ענין, אפילו בעת ער פלעגט מיר קיבעצען און זיך לוסטיג מאַכען איבער מיר און איבער מיינע ציוניסטישע חברים, האָב איך שטענדיג געזוכט אָפּצוהאַקען דעם שמועס, און זיך ניט אַריינלאָזען מיט איהם אין דיספּוטען. איך האָב גוט געקענט ר׳ חיים׳ס פעסטען כאַראַקטער און געוואוסט, אַז אַלע מיינע אַרגומענטען, מעגען זיי זיין די גערעכטסטע און לאָגישסטע, וועלען ניט ענדערען זיין מיינונג.

דאָך איז מיר אַמאָל געלונגען צו האָבען מיט איהם אַן ערנסטען שמועס וועגען ציוניזם, און געהאַט די געלעגענהייט צו ערפאַהרען די ווירקליכע אורזאַכע פון זיין געגנערשאַפט. ס׳איז געקומען צו רייד וועגען דעם דין פון שביעית בזמן הזה. און ביי דער געלעגענהייט האָב איך איהם דערצעהלט, אַז אין דער צייט ווען דער נצי״ב ז״ל, זיין ווייב׳ס זיידע, האָט זיך געבאָדען אין ליבוי, אין יאָהר תרמ״ח, איז אַרויס אַ היתר פון כמה רבנים, אַז די קאָלאָניסטען אין ארץ־ישראל מעגען אַרבייטען אום שביעית. דער נציב האָט דערפון געהאַט שרעקליכע עגמת נפש און אין מיין געגענוואַרט איז ער אַמאָל מיט טרערען אין די אויגען אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער טענה׳ענדיג: „געוואַלד, ווי קען מען געבען אַ היתר אויף שביעית. די תורה רופט עס אַן „שבת״, הייסט דאָס אַז מען מעג אַרבייטען אום שבת?״ און דאָך — האָב איך אויסגעפיהרט — „איז דער נצי״ב געווען און פאַרבליבען אַ וואַרימער חובב־ציון״.

רבי חיים האָט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, און מיר דאַרויף באַמערקט: אַז נישט נאָר זיין זיידע און זיין פאָטער זיינען געווען גרויסע אָנהענגער פון גרינדען קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, נאָר אויך ער אַליין האָט געהאַט אַ צייט לאַנג גרויס סימפּאַטיע פאַר די דאָזיגע אידעע, אָבער די מעשים פון די כאַרקאָווער סטודענטען האָבען איהם געמאַכט פאַר אויס חובב־ציון. ער דער־

מאַנט זיך שטענדיג אַן יענעם גרויסען היסטאָרישען טאָג, בעת די סטודענטען פון אייניגע אוניווערזיטעטען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין דער גרויסער קיעווער שוהל, געפּאַסט, געוויינט און זיך מתודה געווען אויף זייערע זינד, פאַר׳ן האַלטען זיך ביז איצט ווייט פון אידיש־קייט, און אַרויס מיט דער פּאַראָל „בית יעקב לכו ונלכה“. ניחאַי וואָלט זיך געפונען איינער, וועלכער זאָל אין אַזאַ הייליגען מאָמענט, אַ רוף געבען: „לכו ונשובה אל ד׳“, לאָמיר, ברידער, אָנהויבען צו היטען שבת, צו היטען כשרות! נייז, זיי זיינען אַלע געבליבען די זעלבע פּושעים. געקומען אין ארץ־ישראל — און אויף אַ האָר ניט פרימער געוואָרען; געמאַכט בן־יהודה׳ן פאַר זייער רבי׳ן און פאַר־שפּרייט אין אונזער הייליג לאַנד כפירה און הפקרות. פאַרשטעהט זיך, אַז מיר מוזען זיין געגנער צו אַזאַ באַוועגונג, אַזוי לאַנג ווי אַז דער שפּיץ וועלען שטעהן אַזעלכע פיהרער“.

אמת, איך האָב פּרובירט איהם אָפּשלאָגען, און דוקא מיט זיינע אייגענע וואָפען, מיט ראיות פון דער גמרא, ווי למשל, מיט׳ן „אם תוציא יקר מזולל“, מיט׳ן „אף על פי שחטא ישראל הוא“, מיט׳ן מאמר „פּושעי ישראל מלאים מצוות כרמון“ וכהנה אַזעלכע ראיות, אַז מען דאַרף קיין אידען פון זיך ניט אָפּשטויסען. איך האָב איהם אויפגע־וויזען, אַז אין דער צווייטער עליה פון עזרא, זיינען זיי נאָך פיעל ווייטער געווען פון אידישקייט ווי די היינטיגע, און דאָך האָבען זיי אויסגעבויט אַ בית־המקדש און זייערע קינדער האָבען אונז געשאַפען די ריעזען־גרויסע תלמודישע ליטעראַטור, פון וועלכע מיר ציהען נאָך היינט אונזער יניקה. און נאָך און נאָך אַזעלכע באַוואוסטע היסטאָ־רישע פאַקטען, וואָס לאָזען זיך ניט אָפּשטרייטען. ער איז אָבער געבליבען ביי דאָס זייניגע, און מיט גרויס ביטערקייט באַמערקט, אַז ביי איהם איז קיין ספק נישט, אַז דער אידישער אינטעליגענט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרען דעם באָדען אונטער זיינע פיס, פאַרשטויסען געוואָרען פון די גויים מיט וועמען ער האָט זיך כמה יאָהרען גע־חבר׳ט, אויף אַזוי ווייט, אַז שמד איז אויך קיין מיטעל ניט — וואָלט בוודאי, ווען ניט דער נייער געדאַנק פון ציוניזם און נאַציאָנאַליזם, צוריקגעקעהרט צום מקור, צו זיין פאָלק און צום בית המדרש, און דאָס וואָס איך האָב איהם געבראַכט אַ ראיה פון עזרא׳ס צייט, האָט ער מיר אָפּגעפּאַרטיגט מיט אַ האַלבער לצנות: אין עזרא׳ס צייט האָבען זיי אָוועקגעשיקט אויף׳ן באַפעהל פון זייער פיהרער עזרא — די גויאישע ווייבער באַלד ווי זיי זיינען געוואָרען ציוניסטען, און איצט האַלטען די ציוניסטישע פיהרער — די היינטיגע עזראָ׳ס — אַליין גויאישע ווייבער און קלערען גאָרניט וועגען אָוועקשיקען. און נאָך שלימער איז, וואָס ביים עולם איז דאָס רעכט...

צו זיין קרעדיט מוז מען זאגן, אז טראָצדעם, וואָס ער איז געווען א געגנער פון ציוניזם און פון דער נאַטור א גרויסער קנאי, האָט ער דאָך ניט אויסגענוצט זיין גרויס אויטאָריטעט — ווי פיעל קלענערע פאַר איהם האָבען דאָס געטהאָן — צו רודפ'ן די ציוניסטען, ווייל רבי חיים איז פון דער נאַטור געווען א זעלטען גוטער מענש, די גוטסקייט אַליין, און ניט געוואָלט קיינעם וועה טהאָן, אפילו דעם גרעסטען געגנער.

מען האָט אַמאָל ביי איהם גע'גנב'עט זיין זילבערנע טאַבאַק־פּושקע און דעם גנב כמעט ווי ביי דער האַנט געכאַפּט. די בני־ביתו האָבען געוואָלט שאַקלען דעם גנב'ס קעשענעס. ר' חיים האָט אָבער ניט געלאָזען, באַמערקענדיג: „ווען עס וואָלט ביי מיר א ספק געווען, קען זיין, אז איך וואָלט געהייסען איהם שאַקלען. אַזוי, אָבער, אז איך בין איבערצייגט אז ער האָט אודאי די פּושקע ביי זיך, וויל איך איהם ניט אַנטהאָן דעם בזיון".

א בריסקער אידענע איז אַמאָל אריין ביי איהם אין הויז און אנגעפאַנגען שרייען: "גזלן, איהר האָט אוועקגע'גזל'ט מיין געלד!" (זי האָט נעמליך געהאַט א דין־תורה און פאַרשפּילט). דער דיין, רבי שמחה זעליג, האָט געגעבען אויף איהר א געשריי און איהר גערופען „חצופה". רבי חיים האָט זיך אַנגעבייזערט אויף איהם, פאַרוואָס ער באַליידיגט איהר: „פאַרגעסט ניט, אז די האַרץ טהוט איהר וועה. זאָל זי זיך אויסשרייען, אפשר וועט איהר לייכטער ווערען".

רבי ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגען: פאַרוואָס רופט מען די היינטיגע משכילים „קענער"? פּשוט, ווייל זיי „קענען" טהאָן אַלץ וואָס מען טאָר ניט. למשל, זיי קענען אַלץ עסען, זיי קענען ריידען אַלץ וואָס פאַלט זיי אין מויל אריין. אָבער אונזער איינער קען דאָס ניט. בודאי ווילט זיך אַמאָל, בעת עס שפּאַרט אַז, ארויסזאָגען א שאַרפען גלייכווערטעל, א געפעפערטען וויץ, און אפשר נאָך א בעסערען פון זייערען, אָבער מען קען ניט, מורא האָבענדיג, אפשר איז פאַראַן דאָביי א חשש לצנות, א חשש לשון הרע און מען האַלט זיך צוריק. איך זאָג דאָס געגען ר' חיים'ן, וועלכער איז געווען באַגאַבט מיט א שאַרפען הומאָר און מיט א בייסיגער סאַטירע און ווען ניט זיין יראת שמים וואָלט ער געווען איינער פון די בארימטסטע סאַטיריקער אין זיין צייט. נאָר זעלטען ווען פלעגט ער זיך ערלויבען ארויסצו־זאָגען א בליציגען וויץ, זיך באַרעכענענדיג פריהער קיינעם ניט וועה צו טהאָן. געמערקט האָט מען דאָס אין זיינע אינגעלשע יאָהרען, בעת דער צדיק אין איהם איז נאָך ניט געווען גענוג ענטוויקעלט. דאַמאָלסט איז ווירקליך געפעהרליך געווען איהם צו טשעפּען. ער

פלעגט קיינעם ניט שאַנעווען, וואַרפען שטעכעדיגע גלייכווערטלאַך אויף רעכטס און לינקס, ניט שוינענדיג אפילו די סלוצקער מיוחסים.

אין סלוצק האָט דאַמאָלסט געלעבט איינער א גביר, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר א גרויסען למדן און פלעגט פאַרמאַטערען ר׳ יוסף־בער׳ן מיט זיינע קרומע קשיות. ניט קענענדיג פטור ווערען פון איהם האָט ער איהם אָפּגעשיקט מיט זיינע קשיות צו חיים׳קען, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען בסך הכל צוועלף יאָהר, און ער האָט איהם שוין אויף אַזוי ווייט צורעכט געמאַכט, אַז ער האָט שוין פאַרזאָגט א צעהנטען ניט מעהר צו פרעגען נאַרישע קשיות.

אינגעלוויז האָט ער געלערענט ביי זיין פאָטער צוזאַמען מיט רבי זלמן סענדער׳ן. אַמאָל פרעגט איהם זיין פאָטער אין שפּאַס: „זאָג מיר, חיים׳קע, ווער פון אייךביידען קען בעסער לערנען?“ „ס׳איז מיר שווער, טאַטע, דאַרויף צו ענטפערן“,— האָט איהם חיים׳קע געזאָגט. „זאָל איך זאָגען אַז איך קען בעסער, וועל איך זיין א בעל־גאוה. זאָל איך, ווידער, זאָגען, אַז זלמן סענדער קען בעסער, וועל איך זיין א ליגנער“. (אמת, ר׳ זלמן סענדער האָט דאַרויף באַמערקט: „און איך זאָג, אַז חיים איז אי א בעל־גאוה און אי א ליגנער“.)

ס׳איז אַמאָל געקומען קיין בריסק איינער פון די באַריהמטע מטיפים, וועלכער האָט פּראָפּאַגאַנדירט דעם ציוניזם און ר׳ חיים האָט איהם ניט געלאָזען זאָגען אין זיין בית־המדרש. דער מגיד איז אוועק צו איהם מיט דער טענה, אַז זיינע דרשות זיינען, דאַכט זיך, אַלע כשר׳ע, כדין וכדת, און מיט וואָס פאַר א רעכט מאַכט ער זיי טריף? דאַרויף האָט איהם ר׳ חיים געענטפערט: „א בהמה, כאָטש זי איז געקוילעט כדין וכדת און האָט אויף זיך קיין שום שאלה ניט, דאָך פּאַסירט עס אַז זי איז טריף,— אויב מען קאָכט איהר אין א טריפ׳ן טעפּעל...“

זיין ווייב האָט איהם אַמאָל אויסגערעדט, פאַרוואָס ער זאָגט אויף זיין מחותן, אַז ער איז א שוטה. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז קליגער פאַר דיר. ער האָט געלד און דו ניט! דאַרויף האָט איהר ר׳ חיים געענטפערט: „איך וועל דיר ווייזען מיט א ממה־נפשך, אַז ער איז א שוטה, על־כל־פּנים, אַז איך בין קליגער פאַר איהם. זעה, ווען ער וואָלט געווען אַזאַ קבצן ווי איך, וועסטו דאָך אודאי מודה זיין אַז איך בין קליגער פאַר איהם; און ווידער, ווען איך וואָלט געווען אַזוי רייך ווי ער, מוזטו דאָך צוגעבען, אַז איך וואָלט ניט געווען אַזאַ שוטה ווי ער, און געוואוסט מיט מיין געלד קליגער צו לעבען, ווי דער דאָזיגער קאַרגער שוטה...“

זיין מנהג איז געווען, פאַר דער צייט וואָס ער האָט זיך אויפגע־האַלטען אין ליבוי, צו דאַווענען ביחידות, סיי שבת און סיי אין

דער וואך, גאנץ פריה מיט זון־אויפגאנג, כדי צו קענען ריכטיג מכוון זיין די צייט פון וותיקין. אין בית־מדרש פלעגט ער קומען בלויז הערען קריאת התורה, און איך האב געהאט דעם כבוד און דאס פארגעניגען איהם צו האבען פאר א שכן און צו נאשען פון איהם א גוט־ווערטעל אין דער סדרה. מיט מיר צוזאמען פלעגט דאוונען מיינס א אינגעל, א וואויל קינד, מיט עלוי׳שע פעהיגקייטען (לײדער געשטארבען יונגערהייט, צו אכצעהן יאהר). רבי חיים האט זעהר ליעב געהאט מיט איהם צו פארברענגען, און כמעט יעדען שבת געהאט פאר איהם א קשיא מענינא דיומא. אמאל שבת, פ׳ מסעי, ריידענדיג וועגען דעם ענין פון ערי מקלט, גיט ר׳ חיים איהם א פרעג: „זאג־זשע, לייבעלע, פארוואס האבען גראד די מוטערס פון די כהנים גדולים געשפייזט און געקליידט די רוצחים כדי זיי זאלען ניט מתפלל זיין אז דער כהן גדול זאל שטארבען און ניט די כהנים גדולים אליין?״ אזוי ווי ער האט ניט געכאפט באלד דעם תירוץ, האט רבי חיים איהם אנגעהויבען צו קיבעצען און צו לאכען פון איהם, אז ער קען ניט לערנען, און אז ער אין זיינע יאהרען האט תיכף געענטפערט א תירוץ. מיין לייבעל, וועלכער איז דאמאלס אלט געווען א יאהר דרייצעהן, האט זיך פארשעמט און וועלענדיג זיך נוקם זיין אן ר׳ חיים׳ן האט ער איהם אליין געפרעגט א קשיא, און אויך מענינא דיומא: ווי וואלט זיין, ווען דער רוצח הרג׳עט אוועק דעם גואל הדם, וועלכער איז זיין רודף, אויב עס קומט איהם מיתה? רבי חיים׳ן איז די קשיא זעהר געפעלען געווארען און געבענדיג איהם א קניפ אין בעקעל, האט ער באמערקט אין שפאס, אז זיין גליק איז וואס דער „משנה למלך״ קלעהרט שוין וועגען דעם, אז ניט וואלט ער אפשר ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען און נאך געקענט דאדורך פארלירען בריסקער רבנות!

נאכ׳ן לייענען האט איהם מיין אינגעל געענטפערט א תירוץ אויף זיין קשיא, און, דאכט זיך, א זעהר לאגישען: היות ווי די איינריכ־טונגען פון די ערי מקלט האבען פארפאלגט א דאפעלטען צוועק, דען א חוץ וואס זיי זיינען געשאפען געווארען צו באשיצען דעם רוצח בשגגה פון גואל הדם, האבען זיי אויך געדינט אלס א שטראף פאר׳ן רוצח, פארטריבען צו ווערען פון זיין היים און זיין געצוואונגען צו לעבען אין גלות, אונטער שווערע אומשטענדען, כדי צו זיין פאר־זיכטיגער און צו פארמינדערן בלוט־פטרגיסונג. היינט אז די כהנים גדולים אליין וואלטען פאר זיי געזארגט, אז זיי זאל ניט פעהלען קיין שפייז און קיין קליידער, וואלט דאס געווען פאר זיי א קנאפע שטראף, דען ווי לאנג דער כהן גדול לעבט, האט זיי קיין שום זאך ניט געפעהלט, נאך זיין טויט זיינען זיי אינגאנצען פריי געווארען און געקענט קומען

אַהיים. אַנדערש איז אָבער ווען די מוטערס פון די כהנים גדולים האָבען זיי געדאַרפט מספיק זיין, וואָס געוועהנליך שטאַרבען זיי פריהער ווי די קינדער. די רוצחים האָבען געמוזט פאַרבלייבען אין די ערי מקלט ביז דער כהן גדול וועט שטאַרבען און קיין פיעל שפּייז און קליידער האָבען זיי שוין אויך ניט געהאַט.

ביי דיזער געלעגענהייט ווילט זיך מיר פאַרצייכענען נאָך אַ לאַגישען וואָרט פון דעמזעלבען קינד מיינעם. בעת מיינע קינדער זיינען קליין געווען האָב איך געהאַלטען פאַר זיי אַ מלמד אין הויז, וועלכער האָט געלערענט מיט דעם דאָזיגען אינגעל און מיט אַן עלטערע מיידעל. לערנענדיג די סדרה „ויחי“ און קומענדיג צום פּסוק „וידגו לרוב בקרב הארץ“, פאַרטייטשט דער רבי דאָס וואָרט „וידגו“ — זיך מעהרען ווי פיש, וואָס זיי זיינען די מעהרסטע ברואים אויף דער וועלט. צווישען דעם רבי׳ן און די קינדער (די מיידעל איז אַלט געווען 9 יאָהר און דער אינגעל — 7), האָט זיך ענטוויקעלט אַ דיספּוט, פאַרוואָס זיינען טאַקע פיש פאַראַן אויף דער וועלט מעהר ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישען. נאַטירליך, האָט זיי דער רבי געזאָגט דעם טעם פון דער גמרא, ווייל זיי זיינען פאַרדעקט אין וואַסער און געשיצט פון אַן עין־הרע. די קינדער האָט דער דאָזיגער טעם ניט באַזונדערס געשמעקט און יעדער האָט געפּרואווט געבען אַן אַנדער טעם. די מיידעל האָט געזאָגט, אַז ס׳איז גאַנץ פּשוט, אַזוי ווי דער שטח פון וואַסער פאַרנעהמט גאַנצע צוויי־דריטעל פון כדור הארץ, פאַרשטעהט זיך, אַז מעהר טעריטאָריע — מעהר ברואים. דער אינגעל האָט געגעבען אַ שאַרפערען טעם: היות ווי די פיש האָבען ניט קיין אַנדער שפּייז אחוץ ווי פאַרצעהרען איינער דעם צווייטען, דעריבער מוזען זיך געפינען פיש אין אַזאַ גרויסער צאָהל, אַז עס זאָל קלעקען אי אויף שפּייז פאַר זיך אַליין און אי אויף שפּייז פאַר דער גאַנצער מענשהייט. די אינגסטע מיידעלע — 5 יאָהר אַלט (היינט די באַוואוסטע כלל־טהוערין, פרוי בערטאַ מאַרק — פישער), וועלכע האָט נאָך דאַמאָלסט אַליין ניט געלערענט, נאָר זיך שטענדיג צוגעהערט ווי די אַנדערע לערנען, האָט באַמערקט מיט קינדישער נאַאיוויטעט: ווייל די פיש זיינען דאָך ניט דערטרונקען געוואָרען אין מבול און לעבען זייט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען...

רבי חיים איז געבאָרען געוואָרען אין וואָלאָזין אום פּורים פון יאָהר תרי״ג, און נאָך זייענדיג אַ יונג קינד האָט ער שוין אַרויסגערופען גרויס פאַרוואונדערונג אין וואָלאָזין און אין די שטעדטלאָך אַרום, מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע כשרונות און מיט זיין שאַרפען שכל אין לערנען. ער פלעגט פאַרמאַטערען די גרעסטע לומדים מיט זיינע קלאָץ־קשיות, און מען האָט איהם גערופען „דער קליינער

רבי עקיבא איגער". בעת זיין פאטער, רבי יוסף בער, איז אוועק פון וואלאזין (אין יאהר תרכ"ה), אננעהמענדיג די רבנות אין סלוצק, האט דער נצי"ב איהם געבעטען, אז ער זאל איבערלאזען דעם קליינעם חיים'לען אין וואלאזין, ער וואלט איהם וועלען האלטען פאר אן איידים פאר זיין אייניקעל, און ער האט געוואלט תיכף מאכען א תקיעת־כף. רבי יוסף בער האט אבער ניט מסכים געווען און מיטגענומען חיים'לען מיט זיך. שפעטער איז דער נצי"ב צוזאמען מיט רבי רפאל'ן אונטער־געפאהרען קיין סלוצק און מיט גרוים מיה גע'פועל'ט ביים רבי יוסף בער'ן צו מאכען א קבלת־קנין מיט'ן תנאי ער זאל בלייבען לערנען אין סלוצק. ר' חיים איז פארבליבען לערנען אין סלוצק ביז צו דער חתונה.

נאך דער חתונה איז ער, אין יאהר תרל"ג, ווידער געקומען קיין וואלאזין, געלערענט מיט א געוואלדיגער התמדה, און נאכדעם ווי זיין שווער, דער ראש ישיבה רבי רפאל, איז אויפגענומען געווארען אלס רב אין נאוואאלעקסאנדראווסק, האט רבי חיים איבערגענומען זיין ארט. מיט זיין גרוים באשיידענהייט און זיין נעימות'דיגען אומגאנג מיט די ישיבה־לייט, איז ער געווארען דער ליעבלינג פון דער ישיבה. די תלמידים פלעגען ממש קושען זיינע טריט, און קיינמאל איז אין וואלאזין ניט געווען אזוי פיעל תלמידים, ווי אין די צוועלף יאהר בעת ר' חיים איז געווען ראש הישיבה. זיינע שיעורים זיינען שטענדיג געווען געפאקט מיט צוהערער, און אלע זיינען געווען ענטציקט פון זיין נייעם דרך אין לערנען, אז ארט מיטעלוועג צווישען זיין פאטער'ס דרך הלימוד, געבויט אויף פלפול מיט חריפות, און דעם דרך פון נצי"ב, זיך האלטענדיג אן פשט און אן דער מסקנא פון דער הלכה.

רבי חיים האט געמיינט אזוי אויסצולעבען זיינע יאהרען אין וואלאזין. ער האט צוליעב דעם אפגעזאגט די גרעסטע רבנות־שטעלעס וואס מען האט איהם אנגעבאטען. איז אבער אין יאהר תרנ"א פלוצ־לונג געקומען א באפעהל פון פעטערבורג צו פארמאכען די וואלאזינער ישיבה און ארויסצוטרייבען פון דארט די ביידע ראשי ישיבה — דעם 75־יעהריגען נצי"ב און רבי חיים'ן. די גזירה האט געלויטעט, אז די ביידע טארען זיך ניט אויפהאלטען ניט בלויז אין וואלאזין, נאר אויך ניט אין די גאנצע גובערניעס פון מינסק, ווילנא און גראדנא. דער נצי"ב ז"ל האט זיך באזעצט אין ווארשא און פון גרוים עגמת־נפש, וואס ער איז אפגעריסען געווארען פון מקור החיים, איז ער קראנק געווארען און איז אין א יאהר ארום געשטארבען. רבי חיים האט געוואלט קומען קיין בריסק צום פאטער, אבער אזוי ווי בריסק איז אין גראדנער גובערניע, האט ער ניט געטארט קומען אהין, און ער האט זיך באזעצט אין א דערבייאיגער פוילישער שטעדטעל. שפעטער איז מיט גרוים השתדלות געלונגען צו באקומען פאר איהם אן ער־

לויבניש צו מעגען זיין אין בריסק, און ער איז געקומען אַהין אויף פּסח.

אין דער צייט פון זיין נע־ונד האָט מען איהם פאָרגעשלאָגען רבנות־שטעלען פון מעהרערע גרעסערע שטעדט. ער האָט אָבער דער־פון ניט געוואָלט הערען און געזוכט אַ פּאַסיגע שטעלע אַלס אַ ראש־הישיבה, ער האָט געוואָלט געפינען אַן אָרט, וואו ער זאָל קענען אַרי־בערפיהרען כאָטש אַ טייל פון דער וואָלאָזשינער ישיבה. אַ לענגערע צייט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אָננעהמען פינסקער רבנות, בתנאי צו מאַכען דאָרט אַ קבוץ, אָבער אין מיטען די פאַרהאַנדלונגען איז רבי יוסף בער נפטר געוואָרען (ד׳ אייר תרנ״ב) און רבי חיים איז געצוואונ־גען געוואָרען, געגען זיין רצון, זיך צו באַזעצען אויף זיין פאָטער׳ס שטוהל אין בריסק און אויפצוגעבען זיין ראש־הישיבה־קאַריערע.

כאָטש רבי חיים האָט אין די גאַנצע דריי־און־צוואַנציג יאָהר וואָס ער איז געווען רב אין בריסק, ניט אויפגעהערט צו זאָגען אַז ער טויג ניט פאַר קיין רב, אַז ער ווייסט ניט ווי אומצוגעהן מיט גבירים תקיפים וואָס ווילען ניט הערען דעם אמת — דאָך איז ער געווען איינער פון די באַליבטעסטע רבנים אין זיין צייט, געשעצט און געאַכט פון אַלע פאַרשידענע קלאַסען פון חסידים און מתנגדים, פון רייך און אָרים, פון די עקסטרימסטע פאַנאַטיקער ביז די לינקסטע ראַדיקאַלען. בריסק האָט מיט איהם שטאָלצירט און וואו אַ בריסקער פלעגט קומען האָט ער ליעב געהאַט צו דערצעהלען וואונדערבאַרע מעשיות פון זיין „ליטווישען צדיק״, געריהמט זיין גרוים יראת שמים, זיין גוט הארץ און בכלל זיין מוסטערהאַפטע הנהגה.

אַזוי ווי בריסק ליגט ביי פּוילען, דער מקור פון חסידות און פון גוטע־אידען, און אין בריסק גופא האָבען זיך אויך געפונען זעהר פיעל חסידים, וועלכע האַלטען שטאַרק פון מופתים, האָבען זיי פיעל פון זיינע קלוגע מעשים און האַנדלונגען, פון זיינע גלענצענדע איינ־פאַלען פאַרוואַנדעלט אין מופתים, וואָס באמת איז ער זעהר ווייט געווען דערפון, ווי אַ שטייגער די באַוואוסטע מעשה מיט דער שאלה אויף דער הוהן: רבי חיים געהענדיג אַמאָל אַהיים האָט ער באַ־געגענט אַ מיידעל אַרויסגעהענדיג פון זיין בית־דין־שטיבעל, האַל־טענדיג אין האַנד אַ הוהן אויף וועלכער זי האָט אַ שאלה געפרעגט. ער האָט געבעטען די מיידעל, זי זאָל איהם ווייזען די הוהן. ער האָט די הוהן גוט באַטראַכט, און הערענדיג אַז מען האָט גע׳פּסק׳ענט אַז עס איז כשר, האָט ער צוגענומען די הוהן און האָט געהייסען זי זאָל ברענגען די צווייטע הוהן וואָס איז געבליבען ביי איהר אין שטוב. די מיידעל האָט געבראַכט די צווייטע הוהן, וועלכע איז טאַקע טריף געוואָרען. חסידים האָבען דאָס געהאַלטען פאַר געוואַלדיגען

מופת, אבער באמת איז דאס געווען אן איינפאכער, לאגיש־בארעכענ־טער געראנק. באטראכטענדיג די הוהן אויף וועלכער די מיידעל האט געפרעגט די שאלה און געפינענדיג אז זי איז א פאלקאם געזונטע, אז עס איז גאר ניט שייך צו פרעגען אויף איהר א שאלה, איז רבי חיים געקומען אויפ׳ן געראנק, אז מן הסתם האט מען אין דעם זעלבען טאג געקוילעט נאך א הוהן, אויף וועלכער עס איז באמת דא א שאלה, נאר די מיידעל האט פארביטען דיביידע היהנער. און כך הוה.

זיין שטוב איז געווען טאג און נאכט אפען. ארימע לייט, ארומ־געהערס, פלעגען ביי איהם אין הויז אפלעגען זייערע צוזאמענגעקלי־בענע ברויט, זיך אויפקאכען עסען און זיך דארט אויך אוועקלעגען שלאפען, און קיינער האט זיי ניט געשטערט. מען האט איהם א פאר מאל אונטערגעווארפען קינדער, און ער האט זיי געלאזט האדעווען אויף זיינע קאסטען. צוליעב דעם וואס זיין הויז איז שטענדיג געווען פול מיט מענשען, האבען טאקע סוחרים דאס אויסגענוצט און גע־קלעפט אויף די ווענט מודעות, און ער האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג.

רבי חיים איז געווען פון דער נאטור א געזונדער מענש, נאר דורך זיין נאכלעסיגען לעבען, ניט קוקענדיג אויף זיך, האט ער אויף זיך אנגעצויגען מאנכע קראנקהייטען. אויך אין דער צייט, ווען ער פלעגט קומען קיין ליבוי, כלומרשט לשם רפואה, האבען מיר, זיינע מקורבים, געהאט ניט ווייניג שוועריגקייטען צו פועל׳ן ביי איהם ער זאל אויף זיך בעסער אויפפאסען. איך ערינער מיך אז אמאל, תשעה־באב נאכט, נאך קינות, האט מיר רבי הלל סאלאנטער, וועלכער פלעגט קומען אלע זומער קיין ליבוי, געבעטען איך זאל געהן צום רבי חיים׳ן און זאגען אין זיין נאמען, אלס עלטערער מורה־הוראה, אז ער טאר מארגען ניט פאסטען. איך האב מקיים געווען מיין שליחות, אבער רבי חיים האט זיך דערפון אויסגעלאכט. און אז איך האב דאס דער־צעהלט אויף מארגען רבי הלל׳ן האט ער מיך אריבערגעשיקט נאך אמאל צו איהם זאגען אין זיין נאמען, אז ער איז גוזר אויף איהם תיכף צו עסען, ווייל ניט דער יצר־טוב הייסט איהם פאסטען, נאר דער יצר־הרע, וועלכער רעדט אז אלע קראנקע ניט צו פאלגען דעם רופא. צוגלייך האט ער מיר אנגעזאגט ניט אפצוטרעטען פון איהם, ביז ער וועט וואס טועם זיין. עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפען, און רבי חיים האט אויסגעפאסט דעם גאנצען טאג, און נאך וואס פאר א טאג — ביז 11 אזייגער אין דער נאכט! ווייל נאך זיין חשבון, אננעהמענדיג אלע חומרות, איז אויסגעקומען, אז צאת הכוכבים אין ליבוי, זומער צייט, איז ניט פריהער ווי צוויי און א האלב שעה נאך דער שקיעה. דער סוף איז געווען אז דער תענית האט איהם טאקע שטארק פאר־

שאַרט, אָבער ער האָט בשום־אופן ניט נאָכגעגעבען אַז ער האָט ניט ריכטיג געהאַנדעלט.

אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה איז רבי חיים פאַרבליבען אין בריסק אונטער די שווערסטע אומשטענדען און ערשט פאַרלאָזען די שטאָדט, בעת דער פראָנט איז שוין געווען גאָר נאָהענט, מורא־דיג, אַז מען זאָל איהם ניט נעהמען פאַר אַ זאַלאָזשניק. געקומען קיין מינסק מיט זיין פאַמיליע, ווי די אמת׳ע בעזשענצעס, אַ צייט לאַנג זיך אַרומגעוואַלגערט אָהן אַ דירה, ביז עס האָט זיך געמאַכט אַ נס, אַז איינער אַ גביר איז אַרויסגעפאָהרען פון מינסק און איבערגעלאָזען זיין וואוינונג צו רבי חיים׳ן, אגב — זאָל ער דערווייל היטען זיין הויז. בכלל האָט איהם מינסק זעהר ניט גוט באַהאַנדעלט. עס זיינען געווען צייטען, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט, וואָס ער מיט זיין פאַמיליע האָבען ממש געליטען נויט. שפּעטער איז איהם אַביסעל בעסער געוואָרען. ער האָט אָנגעהויבען צו באַקומען שטיצע פון בריסקער גבירים אין מאָסקווע און פּעטערבורג. די אייגענע צרות און בפרט די גרויסע צרות פונ׳ם כלל ישראל, האָבען זיך שטאַרק אָפּגערופען אויף זיין שוואַכען געזונד, און ער איז אינגאַנצען צוזאַמענגעבראָכען געוואָרען. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ צוזאַמענגעפאַלענער זקן פון נײַנציג יאָהר. די גרויסע, שוואַרצע, ברענענדיגע אויגען אָהן שום גלאַנץ און אויפ׳ן געלען פּנים איז געלעגען אַ שרעקליכער אומעט און טרויער פול מיט יאוש. ער האָט זעהר שטאַרק געליטען פון לעבער־קראַנקהייט און די מייסטע צייט געלעגען צו בעט. מען האָט איהם געבראַכט צו גרויסע דאָקטוירים אין וואַרשוי, אָבער ס׳איז שוין ניט געווען מעהר צו העלפען. דעם זומער פון יאָהר 1919 האָט ער צוגעבראַכט אין אָטוואָצק, נעבען וואַרשאַ, וואו ער איז נפטר געוואָרען כ״א אב, אין עלטער פון 66 יאָהר.

רבי חיים האָט איבערגעלאָזען דריי זיהן. פון זיי זיינען צוויי גרויסע רבנים. דער עלטערער, רבי משה, איז געווען רב אין חאָסלאָוויץ און היינט אין וואַרשאַ; און דער צווייטער זון, רבי וועלוועלע, וועלכער איז אין פיעל פּרטים עהנליך צום פאָטער, איז פאַרבליבען זיין ממלא מקומו אין בריסק.

# רבי יהושע העליר

ז געבאָרען אין יאָהר תקע״ד, געשטאָרבען אין טעלז אין סיון תר״מ.

ער איז געווען דער ערשטער רב וואָס איך האָב אין מיין לעבען געזעהן. בעת איך בין אַלט געווען פינף יאָהר איז רבי יהושע העליר פון גראָדנא אנגעקומען פאַר א רב אין מיין געבורטסשטעדטעל פאַ־לאַנגען און פאַרבליבען דאָרטען אַן ערך צעהן יאָהר. אזוי ווי מיין פאָטער ע״ה איז געווען דער דיין, איז מיר אויסגעקומען פאַר דער גאַנצער צייט צו זיין תמיד אינ׳ם רב׳ס סביבה. פאַר מיינע אויגען שטעהט נאָך פאַר ווי לעבעדיג זיין וואונדערבאַר שעהנער הדרת־פּנים מיט׳ן לאַנגען פּרעכטיגען באָרד און מיט די האַלב־רונדע פּויסטענע פּאות, זיין שטאַטליכע פיגור, זיינע זויבערע מלבושים: שבת און יום־טוב אין אַטלעסענע בגדים מיט א הויכען צילינדער־הוט, שוואַרצע טוכענע בגדים מיט א ברייטען סאַמעט־הוט אין די וואָכעדיגע טעג און א צווירכענעם רעקעל מיט א פּראָסטע היטעלע אום תשעה־באב. מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישען אויסזעהן, מיט זיין שעהנע רבנישע האַל־טונג, האָט ער ארויסגערופען ביי אַלעמען גרויס רעספּעקט.

רבי יהושע איז אין זיין צייט געווען איינער פון די רבנים מפורסמים. אבער ניט בלויז צוליעב זיין גדלות אין תורה, נאָר אויך וועגען זיין גרויסען כח אין דרוש, א זאַך וואָס מיט זעכציג יאָהר צוריק איז דאָס נאָך געווען א גרויסער חידוש אין דער רבני׳שער וועלט. מען האָט איהם געהאַלטען פאַר איינעם פון די גרעסטע דרשנים אין זיין דור, און זיינע דרוש־ און מוסר־ספרים: דברי יהושע, תולדות יהושע, חוסן יהושע און מעוז הדת זיינען פאַרבליבען קלאַסיש.

אמת, קיין גרויסע חידושים געפינען זיך ניט אין די דאָזיגע ספרים, און די מייסטע חקירות זיינען געבויט אויפ׳ן יסוד פון נפתלי הערץ וויזעל׳ס „ספר המדות״, אָבער אין מאַנכע פּרטים זיינען זיי דאָך אָריגינעל. דער חלק המוסר איז צוואַר זעהר פייערדיג, ברענענדיג און גיהנום׳דיג, אָבער ניט דער פּשוט׳ער גיהנום פון „ראשית־חכמה״, נאָר אַן איידעלערער און אפשר נאָך א ביטערער. די משלים, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך אין זיינע ספרים, זיינען גענומען פון לעבען, אָבער מיט א ברייטערע פּערספּעקטיווע ווי די משלים, למשל, פון

דובנער מגיד. זייענדיג א תלמיד מובהק פון רבי ישראל סאלאנטער האט ער זיך מעהר אפגעגעבען אין זיינע ספרים מיט מוסר אין ענינים פון בין אדם לחבירו. ער מוסר'ט די פאבריקאנטען, אז זיי זאלען בעסער באהאנדלען זייערע ארבייטער, און די ארבייטער — אז זיי זאלען געטריי זיין זייער ארבייט־געבער. דאס אייגענע מוסר'ט ער די בעלי מלאכות, די קרעמערס, די בעלי־עגלות וכדומה און געפינט ביי יעדערן עוולות וואס איינער טהוט דעם צווייטען, גערן אדער אומגערן.

נאך א גרויסע מעלה האבען זיינע ספרים, וואס זיי זיינען געשריבען אין א שעהנעם רייכען העברעאיש, אויסגעהאלטען נאך אלע כללים פון דקדוק — א זעלטענע ערשיינונג אין דער רבניישער ליטעראטור. באזונדערס צייכענט זיך דערמיט אוים זיין ספר „מעוז הדת", וואס באהאנדעלט דיספוטען צווישען א חוקר און א מאמין.

טראץ וואס רבי יהושע האט זיך פיעל באשעפטיגט מיט חקירה־ספרים און אויך געהאט א רעכטע ידיעה אין וועלטליכע וויסענשאפטען, איז ער דאך כל ימיו געווען א שרעקליכער קנאי און גע'רודפ'ט בעלי־עבירות מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. איך געדענק, אז מען פלעגט ביי אונז זאגען אין שטעדטעל, אז א פאלאנגער איד וויל זינדיגען, האט ער קיין אנדער ברירה ניט געהאט, סיידען אוועקצופאהרען קיין קרעטינגע!... ער האט ניט געוואוסט וואס דאס הייסט מורא האבען פאר א מענשען, דאגעגען האבען אלע פאר איהם מורא געהאט. אז עס פלעגט קומען פרייטאג פארנאכט פלעגט ארויספאלען אויף די קרעמערס אן אימה ופחד, ווי נאר מען האט איהם דערזעהן פון ווייטען, געהענדיג אין שוהל צו קבלת־שבת, האבען די קרעמער האסטיג צוגעקלאפט די טיהרען פון די קראמען, דער בעדער — ארויסגעטריבען די בעלי־בתים פון באד און די בעל־עגלות געמוזט אויף זייטיגע וועגען אריינפאהרען אין שטאדט. טאמער האט א קרעמער ניט אזוי שנעל צוגעמאכט זיין קראם פלעגט ער אליין צוגעהן, ארויסטרייבען די קונים און פארמאכען די טיהר. אמאל האט א קרעמער, אן עזות פנים, איהם ניט געפאלגט און ניט פארמאכט די קראם אין דער צייט, האט רבי יהושע געלאזען אויסרופען אין שוהל, אז מען טאר ביי דעם קרעמער ניט קויפען, און ערשט אראפגענומען דעם איסור, ווען דער קרעמער האט איהם בפרהסיא מחילה געבעטען און אויף זיך מקבל געווען גוט און פרום צו זיין.

ווי גרויס זיין קנאת־הדת איז געווען, קען מען זעהן פון פאלגענדען פאקט: רבי יהושע און מיין פאטער ז"ל זיינען אמאל געגאנגען תשעה־באב פון בית־עולם צוריק אין שטאדט. געגאנגען זיינען מיר (איך בין דאמאלסט געווען א אינגעל פון א יאהר צעהן) פאזע ים. פארבייגעהענדיג דעם פלאץ וואו עס באדען זיך מאנסלייט האט זיך

רבי יהושע׳ן פון ווייטען אָפּגערוכט אַז עס באַדט זיך דאָרטען אַ איד און מיר געהייסען צולויפען נעהענטער אַ קוק געבען ווער דאָס איז. מיט גרויס שרעק האָב איך טאַקע דערזעהן אַ אידען אין ים, אַ געוויסען נחמיה מאיראַוויץ, פון דער שטעדטעל ריטעווע, אַ איד אַ גרויסער נגיד און אַ גרויסער תקיף ביים קניאַז אָגינסקי, וואָס פאַר איהם האָט האַלב זאַמוט געציטערט. רבי יהושע איז צוגעגאַנגען נאָהענט צום ברעג און איהם באַפוילען ער זאָל תיכף אַרויסגעהן פון ים, ווייל היינט איז תשעה באב און מען טאָר זיך ניט באַדען. נחמיה האָט זיך אויסגעלאַכט פון רב׳ס דבורים און זיך געבאָדען ווייטער. רבי יהושע האָט איהם אָנגעהויבען צו סטראַשען, אויב ער געהט ניט תיכף אַרויס וועט ער אַריינוואַרפען אין ים זיינע זאַכען, וועלכע זיינען געלעגען אין אַן אָפּענע ביידעל ביים ברעג. דאַרויף האָט איהם רבי נחמיה געענטפערט מיט אַ מיאוס׳ן ליטווישען וואָרט, אַז רבי יהושע ווערט דאָס אין כעס און נעהמט טראָגען נחמיה׳ס זאַכען אַריינצוּוואַרפען אין ים. זעהענדיג אַז דער רב מיינט ניט קיין שפּאַס האָט נחמיה געמוזט אַרויסגעהן פון וואַסער, און מיט רציחה געזאָגט צום רב, אַז ער וועט זיך אָן איהם נוקם זיין. נחמיה איז טאַקע תיכף אַוועק צום פּאָליציימייסטער און איהם דערצעהלט די מעשה, און פאַרלאַנגט פון איהם, אַז ער זאָל דעם רב תיכף אַרויסשיקען פון שטאָדט, אויב ניט — וועט ער טעלעגראַפירען צום גובערנאַטאָר אַז אין פּאָלאַנגען זיצט אַ רב אַ ווילדער פאַנאַטיקער, וואָס פאַרטרייבט די באָדע געסט פון שטאָדט און דער פּאָליציימייסטער מאַכט זיך ניט זעהענדיג. דער פּאָליציימייסטער, אַ קורלענדער באַראָן, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ פּסול צוליעב זיין ליבעראַליזם, האָט זיך תחילת דערשראָקען פאַר נחמיה׳ס סטראַשונאַק, געשיקט רופען דעם רב און איהם געבעטען, אַז ער זאָל זוכען זיך איבערצובעטען מיט נחמיה׳ן, כדי עס זאָל ניט קומען צום גובערנאַטאָר. דער רב האָט בשום אופן ניט מסכים געווען צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט אַזאַ רשע און ווייל בעסער באַלד אַרויספאַהרען פון שטאָדט, כדי צו פאַרמיידען אונאַנגענעמליכקייטען דעם פּאָליציימייסטער, וועלכער איז געווען אַ זעלטענער אוהב ישראל. דער פּאָליציימייסטער איז געווען פאַרצווייפעלט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, צום סוף האָט ער אַליין טעלעגראַפירט צום גובערנאַטאָר די מעשה, פאַרגעשטעלט דעם רב אַלס אַ הייליגער מענש, וואָס האָט געהאַנדעלט לויט דער אידישער רעליגיע און אָנגעפרעגט וואָס צו טהאָן. דעם גובערנאַטאָרס תשובה איז געווען, אַז ער זאָל נחמיה׳ן אין אַ משך פון 24 שעה אַרויסשיקען פון שטאָדט.

צוליעב זיין גרויס פאַנאַטיזם האָב איך אין מיינע אינגעלשע

יאהרען געהאט פיעל צו ליידען. אזוי ווי ביי אונז אין שטעדטעל, ווי געוועהנליך אין קורלאנד, זיינען נאר געווען געצעהלטע קינדער וואס האבען געלערענט גמרא, האט ער זיך מיט זיי פיעל אפגעגעבען, ובפרט מיט מיר, וואס איך בין געווען פאררעכענט פאר'ן בעסטען. ער פלעגט מיר תמיד מוסר'ן און אכטונג געבען אויף מיין יראת־שמים, און אז איך בין עלטער געווארען, פלעג איך מוזען אלע שבת פאר איהם אויפזאגען אויף אויסווענינג א שטיק „משנה למלך". מיין באַלוינונג איז געווען עטליכע גיסלאך און א פאר קניפען אין באק. די גרעסטע צרות האב איך אבער געהאט פון איהם בעת איך בין אריינגעטראטען אין פרא־גימנאזיום. ער האט געקעהרט וועלטען, כאטש דעם גאנצען נאכמיטאג פלעג איך לערנען גמרא. א צייט לאנג איז ער געווען ברוגז'לאך אויף מיין פאטער און אויף מיר, ביז ער האט דאך איינגעזעהן, אז די יעניגע, וועלכע האבען אין דער יוגענד עוסק געווען אין למוד התורה אליין, האבען שפעטער, בעת זיי האבען זיך גענומען צו וועלטליכע למודים, די תורה אינגאנצען אוועקגעווארפען, אבער די יעניגע, וועלכע האבען פון קינדרווייז אן געלערענט תורה מיט וויסענשאפט צוזאמען, זיינען פארבליבען ביי ביידע זאכען און אויסגעוואקסען בעסערע אידען. ער איז שפעטער ווידער גוט געווארען מיט מיר און בעת ער איז אין יאהר תרל"ד אנגעקומען פאר א רב אין טעלז, האט ער מיר ארויסגערופען דארט קומען לערנען און האב געהאט פון איהם גרויס התקרבות.

ער האט איינגעפיהרט אין שטאדט זעהר פיעל פארנינפטיגע תקנות, וועלכע מאנכע עקזיסטירען נאך ביז היינט, למשל: צו ארבייטען אין די פאבריקען ערב שבת און ערב יום טוב נאר ביז האלבען טאג, כדי די ארבייטער זאלען זיך קענען צוגרייטען; אז איז מיטען וואך זאל מען אפלאזען די ארבייטער אויף א שעה צייט בין מנחה למעריב, אום צו לערנען אלע טאג חיי אדם און מנורת המאור...

בעת עס פלעגט קומען נאהענט צו ימים נוראים האט זיך אנגעהויבען אין שטעדטעל א רעוויזיע אויף כשרות, בפרט אויף די מאסען און געוויכטען ביי די קרעמער. מיט זיינע פייערדיגע מוסר־דרשות פלעגט ער ממש פטר'ן זיין געזונד און אין מיין זכרון איז נאך פארבליבען איינע אן אריגינעלע דרשה וואס ער האט אמאל געהאלטען ראש השנה פאר תקיעות. דער אינהאלט איז אומגעפעהר געווען פאלגענדער:

„כאטש על פי דין דארף מען ניט אום ראש השנה זאגען וידויים בצבור, דאך דארף און מוז יעדער יחיד פאר זיך מהרהר בתשובה זיין און זיך מאכען אן איינענעם „אשמנו", וואס פאסט גראד פאר איהם. „אט דא אין שוהל" — האט ער אנגעהויבען מיט א וויינענדיגען קול —

„געפינען זיך פארשידענע סארטען אידען, וואס יעדער פאר זיך טהוט אזעלכע עבירות, וואס דער צווייטער טהוט דאס ניט און איז ניט בכח דאס צו טהאן. עס געפינען זיך דא „פאבריקאנטען" (פאלאנגען איז פון שטענדיג אן געווען אן אינדוסטריע ארט פאר בערנשטיין זאכען) וואס באַגזל'ן זייערע ארבייטער דערמיט, וואס זיי רוקען צוריק דעם זייגער אין דער פאבריק, כדי דער ארבייטער זאל לענגער ארבייטען. דא געפינען זיך „ארבייטער", וואס דארפען מהרהר בתשובה זיין פאר פארשוועדען איבעריגע צייט אין דער ארבייט, בשעת מען פאסט זיי ניט אויף; „קרעמער", וועלכע שרייבען (פון ספק וועגען) אויף דעם חשבון פון קונה, צוויי מאל איין זאך, אדער וואס זיינען זיך טועה אין צוזאמענרעכענען און שטענדיג צו זייער פארטייל; „מלמדים", וואס פוילען זיך אונטער און פאלשעווען זייער עבודת הקודש; „שניידער", וואס נעהמען פאר זיך מעהר יתור ווי־פיעל עס קומט זיי על פי דין; „שוסטער", וואס גיבען שלעכטע לעדער און לייגען ארויף לאטקעס וואס פאלען באלד אראפ; „פוהרמאנעס", וואס באהאנדלען שלעכט זייערע פערד און זשאלעווען זיי עסען; „ישוב־ניקעס" וואס לאזען זייערע מיידלאך ארומגעהן מיט שגצים, און נאך אזוי ווייטער פארשידענע עבירות פון פארשידענע קלאסען אידען, וואס געפינען זיך ניט אין דעם סקארבאווען אשמנו".

א נאכשפיעל פון דער דאזיגער דרשה האט זיך ארויסגעצייגט אין עטליכע טעג ארום, אין דער פארם פון א פאמיליען־דראמע. בעת דער רב האט גע'מוסר'ט די ישוב־ניקעס, אז זיי זאלען ניט לאזען זיי־ערע מיידלאך ארומגעהן מיט שגצים, האט חיים דער מילכיגער, פון א דערבייאיגען דערפעל, זיך שרעקליך פונאנדערגעוויינט. וואס די סיבה דערפון איז געווען האבען אלע געוואוסט, דען זיין מיידעל האט זיך געהאלטען ביים שמד'ן כדי חתונה צו האבען פאר א שייגעץ. א פאר טעג פאר יום־כפור האט חיים דער מילכיגער געבראכט זיין טאכטער צום רב, טאמער וועט איהם געלינגען אפצוהאלטען איהר פון שמד. דער רב האט נאכגעשיקט נאך מיין פאטער, כדי עס זאל האבען א כאראקטער פון א בית־דין און ער האט מיך אויך מיטגע־נומען. פאר מיינע אויגען שטעהט מיר נאך פאר אט דאס טראגישע בילד: חיים דער מילכיגער, איינגעבויגען אין דרייען, שטעהט און ברעכט מיט די הענט און בעט זיך מיט א געוויין: „ראטעוועט מיין קינד!" נעבען איהם שטעהט א הויכע מויד מיט א פאטשיילע איבער'ן קאפ, וואס זעהט זיך קוים דער פנים ארוים און אהן שום באוועגונג. דער רב גיט איהר א פרעג: „זאג־זשע טאכטער דעם אמת, דו ווילסט זיך טאקע שמד'ן צוליעב חתונה האבען פאר א שייגעץ?" — „ניין, רבי'נקע, איהר האט א טעות", און דער פנים

האט זיך איהר אנגעפלאמט. „איך וויל זיך שמד׳ען פשוט, ווייל מיר געפעהלט בעסער די קריסטליכע אמונה. איהר זאלט וויסען, אז איך בין אויפגעוואקסען צווישען א גוי׳אישע סביבה, און אזוי ווי מען האט מיר קיין אידיש קיינמאל ניט געלערענט, ווייס איך נאר פון אידישקייט אזוי פיעל, אז טראצדעם מיינע עלטערען זיינען פאנאטיש פרום און פון אלע מאל שרעקליכע אביונים, הער איך אלץ תמיד ווי זיי זיפצען און קרעכצען אויף זייערע עבירות, און מורא האבענדיג, אז זיי זאלען חלילה ניט פארשפילען זייער עולם־הבא. אנדערש איז אבער ביי אונזערע שכנים, די גויים. אז איך קום אריין זונטאג אין קירך צו הערען דעם פאסטאר׳ס פרעדיג, איז א מחיה צו הערען ווי ער שילדערט די צוקינפטיגע וועלט מיט אלע איהרע תענוגים און פארשפרעכט יעדען, אז ער וועט גן־עדן האבען. און ווער רעדט נאך, ווען דער פאסטאר קומט צו א גוסס׳ן, ווי שעהן ער טרייסט איהם און באפרייט איהם פון אלע עבירות, אז דער מאן מאכט צו די אויגען מיט א פרעהליכען שמייכעל, וויסענדיג, אז ער האט פארבראכט א גוטען לעבען און קומט צו נאך א בעסערען לעבען. נון, זאגט אליין, רבי, איז כדאי צו זיין א איד — ניט צו האבען די וועלט און ניט יענע וועלט, בעת א גוי האט ביידע וועלטען, און דעריבער האב איך באשלאסען אנצונעהמען די קריסטליכע אמונה, אבער אזוי ווי די עלטערן וועלען מיר דאך אודאי ארויסטרייבען פון הויז, בין איך דעריבער געצוואונגען חתונה צו האבען פאר א שייגעץ“.

דער רב האט א ווײלע נאכגעטראכט און איהר געגעבען א זעלטען אינטערעסאנטען ענטפער, וואס האט אומגעפעהר אזוי געלויטעט:

„הער, מיין טאכטער, דו האסט א גרויסען טעות. די מעשה איז גארניט אזוי ווי דו מיינסט. יצחק האט געהאט צוויי זיהן — עשו און יעקב. פון יעקב׳ן קומען ארויס די אידען און פון עשו׳ן די גויים. צווישען די ביידע קינדער האט ער פארטיילט ביידע וועלטען. עשו׳ן האט ער אוועקגעגעבען די וועלט און יעקב׳ן די צוקינפטיגע וועלט. און אזוי איז עס באמת פארבליבען ביז היינטיגען טאג. היינט זשע, אז די גוים זאלען וויסען דעם אמת, אז זיי האבען קיין שום עולם הבא ניט, וועט זיי דאך ניט איינגעהן דאס לעבען אויף דער וועלט. און אזוי ווי זיי מוזען דאך האבען עולם־הזה אין פולען מאס, האט גאט געמאכט, אז די גויים זאלען האבען שטענדיג דעם גלויבען, אז זיי וועלען נאך האבען א סך עולם־הבא אויך. ביי אידען איז עס אבער אנדערש. אלע אידען האבען עולם הבא — איינער מעהר, איינער ווייניגער. ווען אבער דער איד וואלט געוועזען איבערצייגט, אז איהם ווערט ערוואַרטעט א גליקליכע צוקינפטיגע וועלט, וואלט ער דאך דערפון גרויס הנאה געהאט, ווי לאנג ער לעבט אויף ד ע ר וועלט.

אזוי אָבער ווי ער טאָר דאָך קיין עולם־הזה ניט האָבען, האָט דעריבער גאָט געמאַכט, אז דער איד זאָל תמיד דאגה'ן ווענען זיין עולם הבא. און אזוי ווי דיינע עלטערן איז ניט באשערט צו האָבען הנאה פון דער וועלט, דעריבער איז ביי זיי די דאגה נאָך גרעסער, אָבער באמת וועלען זיי האָבען עולם־הבא מעהר פאַר אַלע גוים צוזאַמען".

איך קען מיר שוין ניט עראינערען וואס ס'איז געוואָרען דער סוף מיט דער מיידעל, אָבער אויף מיר, דעם צוועלף־יאָהריגען אינגעל, האָט דיעזער פילאָזאָפישער געדאַנק געמאַכט אַן ערשיטערנדען איינדרוק און ביז זעהר צופריעדען, האָבען יעצט די מעגליכקייט דאָס צו פאַר־שרייבען.

רבי יהושע העליר איז אויך געווען אַ גרויסער כלל־טהוער, און אזוי ווי פּאַלאַנגען ליגט ניט ווייט פון מעמעל און ניט ווייט פון קרעטינגע, האָט ער זעהר פיעל מיטגעהאָלפען אי דר. רילף פון מעמעל און אי רבי עלינקע קרעטינגער אין זייער כלל־ארבייט.

פון זיין ביאָגראַפיע איז מיר נאָר אזוי פיעל באוואוסט, אז ער שטאַמט פון דער גרויסער מיוחס'דיגער פאַמיליע „העליר", אַ ברודער פון די דריי גרויסע גאונים: רבי יחיאל, רבי ישראל און רבי מאיר העליר. געווען אַ תלמיד מובהק פון רבי דוד טבלי, דער מרא דאתרא פון מינסק. נאָך אַלס יונגער מאַן האָט ער זיך ערוואָרבען אַ פּרסום דורך זיין ספר „דברי יהושע", לומד'ישע דרוש אויף דער תפלה פון שמונה־עשרה. א חוץ די אויבענדערמאָנטע דרוש ספרים, האָט ער הארט פאַר זיין טויט אָפּגעדרוקט אַ לומד'ישען ספר „מעיני יהושע" אַ באור אויף די מסכתות קנים ואהלות. פון זיינע פאַרבליבענע כתבים האָט דער אַצעלסקער רב, זיינער אַ פּלימעניק, ארויסגעגעבען דעם ספר „אהל יהושע".

אין יאָהר תרל"ד איז ער אָנגעקומען אַלס רב אין טעלז און פאַר־בליבען דאָרט ביז צום יאָהר תרל"ט, ביז ער איז אויסגעקליבען גע־וואָרען פאַר'ן שטאָדט־מגיד אין ווילנא. אָבער קומענדיג קיין טעלז אָפּנעהמען זיין פרוי (קינדער האָט ער קיינמאָל ניט געהאָט) איז ער קראַנק געוואָרען און דאָרט געשטאָרבען כ"ג סיון תר"מ.

# רבי ישראל סאלאנטער

געבארען אין זאגער תקע"א, געשטארבען אין קעניגסבערג שבט תרמ"ג.

אין מיינע יונגע יאהרען איז מיר זעהר אפט אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט רבי ישראל'ן. איך האב געהערט זיינע עפענטליכע דרשות, זיינע פריוואטע שמועסען און געהאט די געלעגענהייט איהם צו באאבאכטען פון גאנץ נאהענט. איך האב זאגאר געהאט די זכיה אז ער זאל מיר פארהערען אין לערנען, און אמאל נאך געוועזן אין דער גליקליכער לאגע, איהם א פערזענליכע הילף צו לייסטען, וואס איז פארגעקומען אונטער פאלגענדע אומשטענדען: רבי ישראל האט אפט באזוכט מיין געבורטסשטעדטעל פאלאנגען, וואס געפינט זיך נאהענט צו מעמעל און צו סאלאנט, און בפרט זומער־צייט, וואוהין די דאקטוירים האבען איהם געשיקט צו געניסען ים־לופט, אלס א רפואה צו זיינע שטענדיגע קאפּ־וועהטאגען. ער פלעגט זיך נוהג זיין צו קומען גאנץ פריה אין שוהל און דאוונען מיט'ן ערשטען מנין, און פלעגט זיך כמעט קיינמאל ניט פארשפּעטיגען. איינמאל האט געטראפען אז ער איז ניט געקומען. מען האט שוין אפּגעדאוונט אלע מנינים און ער איז נאך ניטא. האט מען נאכגעשיקט אויף זיין אכסניא זיך ערקונדיגען די סיבה, אבער צו אלעמענס שרעק האט מען זיך דערוואוסט, אז ער איז אין דעם טאג, ווי אין אלע טעג, גאנץ פריה אויפגעשטאנען און אוועקגעגאנגען אין שוהל מיט'ן טלית ותפילין. דער שרעק איז נאך גרעסער געווארען דורך דעם, וואס ר' ישראל האט זיך אין יענער צייט געפונען אין א שטענדיגען מרה־שחורה־דיגען צושטאנד. עס איז געווארען א בהלה אין שטעדטעל, ארויסגעשיקט שלוחים אויף אלע זייטען. די גרעסערע חדר־אינגלאך האבען אוועקגעווארפען דאס לערנען און זיך א לאז־געטהאן אין גרופּען אויף פארשידענע וועגען, אין די ארומיגע וועלדער און ביי די ברעגען פון ים זוכען רבי ישראל'ן. געפונען האט איהם טאקע איין גרופּע אין מרחק פון א פאר ווערסט הינטער'ן שטאדט, זיצענדיג צווישען צוויי זאמדבערג פארטראכטערהייד, אונטערגעשפּארט דעם איינגעבויגענעם קאפּ מיט איין האנד און מיט דער צווייטער האלטענדיג זיין טלית און תפילין. אז מיר, עטליכע אינגלאך, זיינען צוגעלאפען צו איהם,

האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געפרעגט וויפיל איז די צייט און וואָס טהוען מיר דאָ. מיר האָבען איהם דערצעהלט, אַז די שטעדטעל איז זעהר אומרוהיג, האָט ער זיך תיכף אויפגעהויבען און האַסטיג גענומען געהן צום שטאָדט, אַז מיר האָבען איהם קוים געקענט נאָכהאַלטען.

רבי ישראל איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר תקע״א אין דער שטאָדט זאַגער (קאָוונער גובערניע), וואו זיין פאָטער, רבי וואָלף ליפּקין, איז געווען אַ גמרא־מלמד. דער דאָזיגער מלמד איז אָבער געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט און גוט באַוואוסט אין דער לומדישער וועלט דורך זיין „הגהות בן־אריה" אויף ש״ס, רמב״ם און טורים. צוליעב זיין גרויס צדקות האָט ער ניט געזוכט קיין רבנות, אָבער אין די שפּעטערע יאָהרען האָט ער דאָך אָנגענומען רבנות — פריהער אין גאָלדינגען און דערנאָך אין טעלז. רבי ישראל׳ס ערשטע רביים זיינען געווען זיינע אייגענע עלטערן, פריהער די מוטער און דערנאָך דער פאָטער. זיין מוטער, די באַריהמטע לאה׳לע, האָט געגאָלטען פאַר אַ גרויסע מלומדת אין תנ״ך און תלמוד.

שוין אין זיינע אינגעלשע יאָהרען האָט רבי ישראל אַרויסגעוויזען גוואַלדיגע כשרונות. מיט זיין לייכטער תפיסה און שאַרפען שכל האָט ער עס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז צו צעהן יאָהר פלעגט ער שוין זאָגען פאַר אַ לומדישען עולם חריפ׳ישע פּלפּולים און חלוקים און איז באַריהמט געוואָרען ווייט אַרום אַלס דער „זאַגערער עלוי". זיין פאָטער האָט אַ פּנים ניט געגליכען זיין אַרט לערנען, וואָס איז באַשטאַנען פון פּלפּולים און לשיטתו׳ס, און ער האָט איהם דעריבער אָוועקגעשיקט לערנען אין סאַלאַנט צום דאַמאָלסדיגען סאַלאַנטער רב רבי הירשעלע ברוידע, וואָס איז געווען אַ מפורסם פאַר אַ גרויסען פּשטן און פאַר אַ זעלטענעם בעל שכל הישר, וועלכער האָט געהאַט בכח מיט איין קנייטשעלע צו פאַרענטפערען די שווערסטע קשיות און צו־נישט־מאַכען די שאַרפסטע פּלפּולים.

איך געפין פאַר נויטיג זיך עטוואָס אָפּצושטעלען און אָנשרייבען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען מענשען, וואָס כאָטש ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, און יחידי־סגולה האָבען איהם געהאַלטען פאַר׳ן „גדול הדור" און איהם אַ נאָמען געגעבען דער „בעל תוספות" — רעכענט ער זיך שוין היינט צווישען די „פאַרגעסענע". קיין ספרים האָט ער ניט איבערגעלאָזען, זיינע כתבים זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען און זיין נאָמען ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט. אין מיינע אינגעלשע יאָהרען האָב איך אַמאָל געהערט פון איינעם, אַ פּאַלאַנגער אַלטען סוחר, אַז איהם איז אַמאָל אויסגעקומען צו האַלטען שבת אין פּויזען,

און ער האָט באַזוכט רבי עקיבא איגר׳ן, וועלכער האָט זיך זעהר געפרעהט צו זעהן אַ אידען, וואָס וואוינט ניט ווייט פון סאַלאַנט, וועלכער קען בודאי פערזענליך דעם גרויסען „רבי־רבי הערש״, ווי רבי עקיבא איגר האָט איהם אָנגערופען. דער איד איז נשתומם געוואָרען הערענדיג ווי אַזאַ גרויסער וועלט־גאון ווי רבי עקיבא איגר, מאַכט אַזאַ גרויסען פירוש פון סאַלאַנטער רב, פון דעם קליינעם דאָרען אידעל, וואָס האָט קיין שום הדרת פנים ניט געהאַט און וועלכער איז אפילו זומער אַרומגעגאַנגען אין אַ ווייסען שעפּסענעם פּעלצעל. רבי עקיבא׳ן האָט שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס די אידען פון די דערבייאיגע שטעדט ווייסען ניט וואָס פאַר אַן אוצר זיי האָבען אין זייער שכנות, און האָט דעם אידען ניט געבענשט מיט „פאָהרט געזונד״ ביז ער האָט איהם ניט צוגעזאָגט, אַז בעפאָר ער וועט נאָך צופאָהרען אַהיים, זאָל ער פאַרפאָהרען אין סאַלאַנט אָפּגעבען רבי הירשלען אַ פערזענליכען גרוס פון איהם.

חוץ זיין לומדות איז נאָך רבי הירשעלע געווען אַ גרויסער צדיק און אַ זעלטענער עניו. דרייסיג יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער געלערנט שטעהענדיג און פאַרבליבען זיין גאַנצען לעבען אַ קאַליקע אויף די פיס. ער איז געווען כל ימיו אַ בעל־יסורים, און דערצו נאָך געהאַט צרות פון זיין ווייב, וואָס האָט איהם פאַרביטערט דעם לעבען. זי האָט אויך ניט געוואָלט ליידען וואָס ער האָט זיך אָנגענומען צו לערנען מיט רבי ישראל׳ן און פלעגט איהם שטענדיג וואָרטשען פאַרוואָס ער לערענט מיט׳ן מלמד׳ס אינגעל. אַמאָל האָט דאָס גראַד רבי ישראל געהערט און זיך אָננעהמענדיג פאַר זיין פאָטער׳ס כבוד, האָט ער געהאַט די דרייסטקייט איהר צו זאָגען, אַז זיין טאַטע דער מלמד איז אפשר מעהר למדן פון אַן אַנדער רב. דאָס האָט איהר נאָך מעהר איינגערייצט, זי האָט איהם פון שטוב אַרויסגעטריבען און פלעגט צושליסען די טיהר בעת רבי ישראל פלעגט דאַרפען קומען לערנען, אַז אַ צייט לאַנג פלעגט איהם רבי הירשעל מוזען אַריינלאָזען דורכ׳ן פענסטער.

פון רבי הירשעלע׳ס שטוב האָט מען אַמאָל עפּעס גע׳גנב׳עט און די בייזע רביצין האָט חושד געווען די דינסט, אַז זי האָט די גנבה. טאָג און נאַכט פלעגט זי איהר זידלען און שילטען דערפאַר, ביז איינמאָל האָט דאָס דערהערט רבי הירשעלע, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו בעטען ביי איהר, אַז זי זאָל דאָס מיידעל צופרידען לאָזען, און אויב זי האָט אויף איהר אַ חשד, טאָ זאָל זי איהר רופען צו אַ דין־תורה, אָבער אַזוי ווי ער איז אַ נוגע־בדבר, זאָל זי מיט איהר געהן צום דיין פון שטאָדט. די ווייב האָט איהם געפאָלגט, אָבער אַרויסגעהענדיג פון שטוב צו־זאַמען מיט דער דיענסט צו דער דין־תורה, זעהט זי ווי רבי הירשעל

טהוט זיך אַז זיין פּעלצעל און געהט אויך. אויף איהר שאלה וואוהין ער געהט, האָט ער געענטפערט בתמימות: „דאָס מיידעל איז נעבאך אַ יתומה און האָט נויטיג אַ טוען, וויל איך מיטגעהן פאַר איהר טענה׳ן“...

ווי גרויס עס איז געווען די השפעה פון זיין רבי׳ן רבי הירשעלע, אַז ער האָט מיט דער צייט אוועקגעוואָרפען די פּלפּולים און חלוקים און זיך גענומען מעהר צו בקיאות. דורכגעלערענט גאַנץ ש״ס און רבי הירשעל פלעגט איהם רופען „דער קליינער אלפס“ — איז אָבער נאָך גרעסער געווען די השפעה פון זיין צווייטען רבי׳ן, וואָס אַ דאַנק איהם האָט טאַקע רבי ישראל דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מוסר און אויסגעוואַקסען צום גרעסטען מאָראַליסט פון אַלע צייטען. דער דאָזיגער רבי האָט געהייסען רבי יוסף זונדל, אַ מערק־ווירדיג אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט. אָפּגעלעבט כל ימיו ווי אַ פּשוט׳ער איד, פאַרבלייבענדיג אַ האַלבער מלמד און אַ האַלבער סוחר, טראָצדעם וואָס ער איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון און אַ צדיק, אַ תלמיד פון רבי חיים וואָלאָזינער און פון רבי עקיבא איגר, און פיעל שטעדט האָבען איהם אָנגעבאָטען זייערע רבנות. ער פלעגט פון צייט צו צייט פאָהרען קיין מעמעל ברענגען סחורה, און ווען ער האָט דער־פון פאַרדינט אויף אַזוי פיעל, אַז די פּרנסה זאָל איהם קלעקען אויף צו לעבען איינינגע וואָכען, פלעגט ער שוין מעהר ניט פאָהרען קיין מעמעל, נאָר צופאָהרען אין אַ דערבייאיגער שטעדטעל און פאַרברענגען די עטליכע וואָכען אין תורה ועבודה אַלס פּרוש; קיינמאָל ניט מקבל געווען די קלענסטע מתנה, און אין אַ צייט וואָס עס פלעגט זיך ניט לאָזען האַנדלען, פלעגט ער גאָר ווערען אַ מלמד. זיין גאַנצע הנהגה איז געווען ווי פון אַ צדיק תמים אין אַלע פּרטים. זיינע עניוות האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ער האָט ביי זיך ניט געקענט פּועל׳ן צו געהן אין אַ לומדי׳שער קאַפּאָטע און איז שטענדיג געגאַנגען אָנגעטהאָן ווי אַ פּראָסטער אַרבייטער. בכלל איז רבי זונדעל געווען אַן אָריגינאַל, געווען, דוכט זיך, אַ מעורב עם הבריות און דאָך געווען אַ נסתר, און מיט דער צייט איז ער געוואָרען אַ לעגענדאַרע פּערזענליכקייט.

אין מיינע קינדערשע יאָהרען האָב איך געהערט פון מיין זיידען רבי גרשון סאַלאַנטער ז״ל (געשטאָרבען אין ירושלים צו 94 יאָהר, אין יאָהר תרס״ט) מאָסען וואונדערבאַרע מעשיות דערצעהלענדיג פון דעם דאָזיגען רבי זונדל חסיד, וועלכע אילוסטרירען זיין כאַראַקטער און זיינע זעלטענע מדות, ווי אַ שטייגער אַזעלכע מעשיות:

אַמאָל, יום־כפּור ביים דאַוונען, האָט ער דערזעהן דורכ׳ן פענסטער פון שוהל ווי אַ אידישע ציעג איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם דער־בייאיגען גוי׳אישען גאָרטען. מורא האָבענדיג, טאָמער וועט דער גוי

די ציצית פאַרנעהמען אָדער איהר גאָר דער׳הרג׳ענען, איז ער, אַזוי אַנגעטאַנענערהייט אין טלית און קיטעל, האַסטיג אַרויס פון שוהל און אַרויסגעטריבען די ציגען פון גאַרטען.

מען האָט איהם אַמאָל געפונען אין מיטען דער נאַכט ליגענדיג אין בלאָטע און באַשעפטיגענדיג זיך מיט אויסלייגען שטיינער אין א בלאָטיגער געסעל, כדי די מאַמע זיינע, וואָס פלעגט שטענדיג געהן דורך דער דאָזיגער געסעל, זאָל זיך ניט פאַרנעצען די פיס.

פאַהרענדיג אַמאָל קיין ווילנא האָט איהם איינער מיטגעגעבען א בריעף צום באַוואוסטען רבי גרשון אַמשטערדאַם. אַזוי ווי ער איז שטענדיג געגאַנגען פּראַסט אָנגעטהאָן, האָט רבי גרשון געמיינט, אַז ער איז א פּראַסטער בעל־עגלה, און ווי דער שטייגער איז, איהם מכבד געווען מיט א שנאַפּס. אַפּהיטענדיג דעם „כל מה שיאמר לך בעל־הבית עשה״, האָט ער געגעבען זיין רצון דעם שנאַפּס אויס־געטרונקען. אַרויסגעהענדיג פרעגט איהם רבי גרשון, וואָס מאַכט אין סאַלאַנט דער גרויסער חסיד רבי זונדעל און זיך צורעדט וועגען איהם מיט גרויס התפעלות. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט הע־רענדיג און נאָך אָנגעהויבען ביסלעכווייז אַרונטערצומאַכען רבי זונדל׳ען. רבי גרשון׳ען האָט שטאַרק פאַרדראָסען די חוצפה פונ׳ם דאָזיגען בעל־עגלה און געוואָלט איהם שטאַרק אויסזידלען, אָבער אין מיטען איז איהם אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אפשר איז דאָס טאַקע ער אַליין, ווייל עס האָט זיך געהערט אַז ער איז א גרויסער עניו און געהט זעהר פּראַסט אָנגעטהאָן, און גיט איהם אין מיטען א פרעג: „ווי רופט מען אייך, רבי איד?״ „זונדאַ, הייסט איך!״ האָט ער איהם געענטפערט, און געבעטען רבי גרשון׳ען מעהר ניט ריידען וועגען איהם.

ער איז אַמאָל געפאָהרען אונטערוועגנס מיט נאָך סוחרים, א חברה לצים, וואָס די גאַנצע וועג האָבען זיי זיך איבער איהם לוסטיג געמאַכט, האַלטענדיג איהם פאַר אַן אַרומגעהענדיגען שנאָרער. קומענדיג ביי דער נאַכט אין קרעטשמע האָט ער זיך געלעגט שלאָפען אויף א האַרטער באַנק ביים טיהר. חברה לצים האָבען איהם אָנגעהויבען צו קיבעצען, און מיט א ברענענדיגער ליכט איהם אָפּגעשמאַליעט א שטיקעל באָרד, וואָס ער האָט אַלץ מקבל באהבה געווען און צומאָל ניט פּראָ־טעסטירט. אין א צייט אַרום האָבען די דאָזיגע סוחרים איהם באַ־געגנעט אין מעמעל, שטעהענדיג אין גאַס און ריידענדיג מיט איינעם פון די גרעסטע מעמלער נכבדים, וואָס האָט אַרויסגערופען ביי זיי א גרויס וואונדער. נאָכדעם ווי זיי האָבען ערפאָהרען, אַז דאָס איז רבי זונדל חסיד, זיינען זיי געקומען צו איהם, ניט־טויט ניט־לעבעדיג, מחילה בעטען פאַר׳ן בזיון וואָס זיי האָבען איהם דאַמאָלס אָנגע־

טהאן. ער האט זיי תיכף מוחל געווען בתנאי זיי זאלען אויף זיך מקבל זיין אין זייער גאנצען לעבען ניט צו פראווען אזעלכע לצנות.

אט דעם דאזיגען וואונדערבארען מענשען האט זיך רבי ישראל אויסגעזוכט פאר א רבי'ן און איהם גענומען אלס מוסטער פאר זיין לעבען. נאך זייענדיג א יונגער אינגעל פלעגט רבי ישראל איהם בשתיקה נאכגעהן, בעת ער פלעגט ארויסגעהן אויסערן שטאדט אויף התבודדות לערנען מיט זיך מוסר. אמאל האט דאס רבי זונדל באמערקט, איהם צוגערופען און געזאגט: „ישראל, לערן מוסר און זיי א ירא שמים". די דאזיגע ווערטער האבען אויף רבי ישראל'ס עמפפינדליכעם הארץ געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק, און איז פון איהם ניט אפגעטרעטען די גאנצע צוואנציג יאהר וואס ער האט פארבראכט אין סאלאנט. אויך אין די שפעטערע יאהרען, בעת רבי ישראל איז שוין זיין דאזיגען רבי'ן באדייטענד אריבערגעוואקסען, פלעגט ער שטענדיג זאגען, אז ער קומט ניט, אין מוסר און אין מדות טובות, אפילו צו די קנעכלאך פון זיין רבי'ן רבי יוסף זונדל.

רבי ישראל האט זיך ניט געקענט שיידען פון זיינע גרויסע רביים און איז שוין פארבליבען אין סאלאנט, וואו ער האט חתונה געהאט צו פערצעהן יאהר און איז אנגעקומען פאר אן איידעם ביי א דארטיגען בכבוד'יגען בעל־הבית מיט'ן נאמען ר' יעקב יענטעס. אן ערך פופצעהן יאהר האט ער גענעסען קעסט ביי זיין שווער, און אין דער צייט יומם ולילה געלערענט און זיך פארטיפט אין חקירה־ספרים. זיין נאמען האט שוין געקלונגען איבעראל, און פון פיעל גרויסע שטעדט האט מען איהם אנגעבאטען רבנות. ער האט אבער ניט אנגענומען קיין רבנות־שטעלע, אפילו ניט נאכדעם, ווי דער מצב פון זיין שווער איז געווארען א גערדיקטער און שוין געמוזט אנהויבען צו קלעהרען וועגען א תכלית. ער האט שוין געהאט בדעה אריינצופאהרען אין דער דערבייאיגער שטאדט מעמעל, אין פרייסען, און זוכען א שטעל פאר א בוכהאלטער (די דייטשע שפראך האט ער גרינדליך פארשטאנען), אבער אינדעסען האט ער באקומען אן אויפפאדערונג פון ווילנא אנצונעהמען די שטעלע פון א ראש־הישיבה אין דער באוואוסטער רימאלעס ישיבה, וואס ער האט טאקע אנגענומען מיט גרויס צופרידענהייט, האפענדיג צו געפינען אין ווילנא א ברייטע פעלד אויף צו פארווירקליכען זיין אידעע פון פארשפרייטען די לעהרע פון מאראל.

רבי ישראל איז אייגענטליך געווען דער ערשטער און כמעט דער איינציגער אין זיין דור, וועלכער האט אנגעהויבען צו מערקען די גרויסע סכנה וואס שטעהט פאר פאר'ן יודענטהום דורך דער השכלה־כוואליע, וואס האלט אין אנקומען. מערקווירדיג, אז גראד אין יענער

צייט האָט די תורה און די אידישקייט געפּייערט זייער גלאַנץ פּעריאָדע, די גרויסע ישיבות פון וואָלאָזין, ווילנא, סלוצק, מינסק, קאַרלין, לובלין און אַנדערע זיינען געווען פול מיט ישיבה־לייט, קלענערע ישיבות זיינען געווען כמעט אין יעדער ליטווישער שטעדטעל און די בתי־מדרש זיינען שטענדיג פול געווען מיט לערנער, און ניט בלויז מיט ישיבה־בחורים, נאָר אויך מיט בעלי־בתים לערנער. היינט נאָך די איידימס, די זאָגענאַנטע „קעסטניקעס", און וועלכער בעל־הבית, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ טאָכטער, האָט ניט גענומען אַ זיידענעם איידים אויף קעסט, וועלכער פלעגט זיצען יומם ולילה און לערנען? דער נגון פון „תנו רבנן" האָט געקלונגען פון איין ברעג טשערטאָ אַסיעדלאָסטי ביז צום צווייטען, און אַהן אַ גוזמא צו זאָגען, אַז פון זייט אידען זיינען אידען, איז אפשר ניט מקוים געוואָרען דער „כל בניך למודי ד'", ווי אין יענער צייט. אויך די אידישקייט האָט זיך ניט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגען. דער „שולחן ערוך" האָט באַהערשט די אידישע גאַס, און דער „צאינה וראינה" מיט׳ן „קב הישר" — די אידישע שטוב.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די רבנים אין יענער צייט, צו וועמען רבי ישראל האָט זיך געווענדעט וועגען געפינען מיטלען פאַר׳ן קיום היהדות צוליעב די נייע לעבענס־באַדינגונגען וואָס האַלטען אין קומען — האָבען איהם ניט פאַרשטאַנען. אַנדערע זאָגאַר האָבען זיך אויף איהם אָנגעבייזערט און איהם אָפּגע׳פּטר׳ט מיט׳ן שלאַג־וואָרט „חדש אסור מן התורה", דאָס הייסט, מען טאָר קיין נייעסען ניט מאַכען. רבי ישראל׳ס קוק איז אָבער געווען אַ פיעל־וועיטערער. ער האָט פאַראויסגעזעהן, אַז גראָד ליטא, מיט איהר גאַנצע תורה און אידיש־קייט, וועט נאָך האָבען וועניגער ווידערשטאַנדס־פעהיגקייט געגען שטראָם פון דער השכלה, ווי אַ שטייגער פוילען, ווייס־רוסלאַנד, אוקראינא און גאַליציע, וואו דער חסידיזם האָט זיך דאָרטען אין אַ פערלויף פון יאָהרען גוט איינגעפונדעוועט, וואו עס איז פאַראַן אַן אויטאָריטעט פון צדיקים און רביים, אַן אמונת־חכמים און אַ געזעל־שאַפטליכער קאָנטראָל.

אַזוי קלעהרענדיג און דענקענדיג איז רבי ישראל געקומען צו דער אידעע, אַז דער איינציגער מיטעל אויפצוהאַלטען תורה און אידישקייט און אָפּצוהאַלטען דעם שטראָם פון דער צייט, איז צו פאַרשפּרייטען מוסר, מדות און יראת שמים; און ניט בלויז צווישען די יונגע בחורים, נאָר אויך צווישען די בעלי־בתים און די עלטערן פון די קינדער. ער פלעגט תמיד זאָגען, אַז צו ערציהען די עלטערן איז פיעל נויטיגער און פּראַקטישער ווי צו ערציהען די קינדער. זאָלען נאָר די עלטערן אַביסעל מעהר יראת שמים האָבען, וועלען זיי שוין אַליין ניט וועלען אָפּגעבען זייערע קינדער אין פרעמדע לאַגערן

און זיי פארלירען לעבעדיגערהייט, און בפרט אין יענער צייט, וואס האט געהייסען אפגעבען א קינד צו דער השכלה, ווי אפגעבען צו הפקרות.

כל־זמן רבי ישראל האט געלעבט אין א קליין שטעדטעל ווי סאלאנט, האט ער ניט געהאט די מעגליכקייט אפילו צו טראכטען וועגען רעאליזירען זיינע אידעען, אבער מיט זיין אנקומען קיין ווילנא הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין זיין לעבען. טראצדעם וואס ער איך נאך דאמאלס געווען לפי ערך א יונגער מאן, נאך ניט פולע דרייסיג יאהר, איז ער באלד מפורסם געווארען אין ווילנא און אין די שטעדט ארום, פאר א גרויסען גאון און א צדיק, און געווארען דער ניט־געקרוינטער רב און פיהרער פון ווילנא. זיין גרויסען איינפלוס האט ער באלד אנגעפאנגען אויסצונוצען פאר זיינע אידעאלען, געגרינדעט חברות צו לערנען בצבור דעם „חובות הלבבות" און דעם „מסלת ישרים" און נאך אליין אפט פארגעזאגט פאר'ן עולם. א חוץ דעם פלעגט ער אליין דרש'ענען אין די שוהלען, — א גרוים חידוש פאר יענער צייט, אז א יונגערמאן א גאון און א חריף זאל זיך אריינלאזען אין דרוש — און מיט זיינע פייערדיגע דרשות וועגען מאראל און מענשענליעבע פלעגט ער שטענדיג מאכען א געוואלדיגען רושם, געווארען דער ליבלינג פון פאלק און די פאפולערסטע פערזענליכקייט אין ווילנא. רבי ישראל איז אבער געווען ניט נאר א נאה דורש נאר אויך א נאה מקיים און טאג און נאכט זיך באשעפטיגט מיט העלפען באדריקטע און נויטליידענדע.

אין ווילנא האט רבי ישראל ווירקליך געפונען א ברייטע פעלד פאר פראקטישע מעשים. אזוי ווי זיין מאטעריעלער מצב איז געווען, לויט זיין השגה, זעהר א געהויבענער — זיינע שכירות האט באטראפען 4 רובעל א וואך, די יום־טוב'דיגע וואכען זאגאר 8 רובעל, א חוץ דעם א פרייע דירה, און דערצו האט נאך זיין ווייב געהאט א שטובפרנסה, וואס פלעגט אויך ציהען א פאר קערבלאך א וואך — האט ער זיך געשעצט גליקליך צו קענען מקיים זיין מיט פולער האנד די מצוה פון צדקה. זיין שטוב איז געווען אן אפענע פאר אלע ארימע און נויטליידענדע און פלעגט זיי ממש אפגעבען דאס לעצטע. עס האט איהם נאר לייד געטהאן, וואס ער האט ניט בכח אויך מקיים צו זיין די מצוה פון גמילות חסדים, דען אזוי פיעל געלד אויף צו קענען פארלייען האט ער נאך אלץ ניט געהאט. אבער ניט קענענדיג מקיים זיין די מצוה מיט זיין געלד האט ער מקיים געווען מיט זיין גוף. וואו נאר א צרה, וואו עס איז נויטיג געווען א גאנג, א טרייסט, איז ער תמיד געווען דער ערשטער. אט זיינען א פאר לעבעדיגע פאקטען פון זיין ארט טהאן גמילות־חסדים:

ס׳איז אַמאָל געקומען צו רבי ישראל׳ן אַ אָרימאַן און זיך באַ־קלאָגט פאַר איהם אויף זיין פינסטערען מזל, אַז דאָס וואָס ער הויבט אָן צו טהאָן איז איהם ניט מצליח. ער האָט שוין אויסגעפּרובירט אַלע סאָרטען געשעפטען און מלאכות און עס געהט ניט, ובכן האָט ער באַשלאָסען צו ווערען אַ „מגיד", און אַרומפאָהרען איבער דער וועלט „זאָגענדיג". איז אָבער די צרה, וואָס ער האָט ניט קיין צוגעגרייטע דרשות וואָס צו זאָגען. דאָ האָט רבי ישראל אָפּגעלייגט אַלע אַרבייט אַ צייט, אָנגעשריבען פאַר דעם אידען עטליכע דרשות, און איהם נאָר געהאָלפען זיי איינ׳חזר׳ן. דער איד איז געוואָרען אַ מגיד און געמאַכט אַ שעהן לעבען פון די פּאָר דרשות.

מען האָט אַמאָל אָנגעטראָפען רבי ישראל׳ן ווי ער שטעהט אין אַ ווילנער גאַס און רעדט מיט איינעם, גלאַט אין דער וועלט אַריין, וועגען פאַרשידענע אונוויכטיגע ענינים. דערצו האָט מען באַמערקט, ווי רבי ישראל גיט זיך די מיה צו זאָגען וויצען, אַליין צו לאַכען און מאַכען דעם צווייטען לאַכענדיג. די פאַרביינגעהער האָבען זיך שטראָשנע געוואונדערט, ווי קומט עס צו רבי ישראל׳ן, דער תמיד־פאַר׳דאגה׳טער און פאַראומערטער צו שטעהן און צו זאָגען גלייכווערטלאַך און לאַכען, איבערהויפּט אַז ער זאָל עוסק זיין אין דברים בטלים. שפּעטער איז מען אָבער ערפאָהרען אַז דער דאָזיגער איד, מיט וועמען רבי ישראל האָט גערעדט, איז פון גרויס צרות געוואָרען מעלאַנכאָליש, און די איינציגע זאַך וואָס מען האָט פאַר איהם געקענט טהאָן, איז צו זוכען איהם אויפצומונטערן און איהם מאַכען צו לאַכען, וואָס רבי ישראל פלעגט דאָס טהאָן, ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט.

וועגען רבי ישראל׳ס אונגעוועהנליכע מענשענליבע, פאַרבונדען מיט מערקווירדיגע איינפעלע, געהען אַרום צווישען פאָלק מאַסען מעשיות. מען דערצעהלט זיך, אַ שטייגער, אַז רבי ישראל האָט אַמאָל באַמערקט ווי זיינער אַ תלמיד, וועלענדיג זיין אַ מהדר, האָט פאַרברויכט צופיעל וואַסער אויף נטילת ידים. האָט ער איהם צוגערופען און אָנגעזאָגט דאָס נאָך אַמאָל ניט צו טהאָן, ווייל דער אָרימער וואַסערטרעגער איז דאָך ניט מחויב צו שלעפּען איבעריגע וואַסער, כדי ער זאָל קענען זיין אַ מהדר.

ס׳איז אַמאָל אויסגעפאַלען דער צווייטער טאָג ראש השנה אום פרייטאָג און ווי דער שטייגער איז, זוכט מען לכבוד שבת מקצר צו זיין אין די פּיוטים. דאָ האָט מען געפרעגט ביי רבי ישראל׳ן, וועלכע מען קען איבערהיפּען, האָט ער געענטפערט, אַז איהר מעגט כאָטש אַלע פּיוטים אויסלאָזען, אפילו ונתנה תוקף, אָבער למען השם זאָגען די לאַנגע שטיקער פּיוט צווישען מלכיות, זכרונות און שופרות (וואָס

געוועהנליך היפּט מען דאָס איבער), כדי דער חזן זאָל זיך קענען אביסעל אָפּרוהען.

איך וויל מיך דאָ אָפּשטעלען אויף אַ געוויסע מעשה וואָס ווערט דערצעהלט פון רבי ישראל'ן, אז אין אַ כאָלערא־יאָהר זאָל ער האָבען יום־כּפּור עפענטליך געמאַכט קידוש אין דער ווילנער גרויסער שוהל, כדי דער עולם זאָל ניט וועלען פאַסטען און ניט אַכטענדיג אויף די פּראָטעסטען פון די ווילנער מורי הוראות. די דאָזיגע פּאַסירונג איז שוין זאגאר אריין אין דער ליטעראַטור (עיין „עיר ווילנא״, פון שטיינ־שניידער; „שלשה שאכלו״ — פרישמאַן) אלס אַן אמת'ער פאַקט, אָבער באמת איז דאָס נאַר אַ לעגענדע. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שמועס וועגען דעם מיט רבי שמעון שטראַשון פון ווילנא, וואָס איז גראָד געווען דאַמאָלסט אין שוהל, און לויט ווי ער האָט מיר דערצעהלט איז די מעשה אַזוי געווען: ערב יום־כּפּור האָט רבי ישראל מיט דעם הסכם פון די מורי־הוראות געלאָזט אָנקלעפּען מודעות אין אַלע שוה־לען, אַז צוליעב די אַרומגעהענדע קראַנקהייט זאָל מען קיין פּיוט ניט זאָגען, מקצר זיין אין תפלות ווי ווייט מעגליך און וואָס מעהר זיצען אויף פרישע לופט. אין די שטיבלאַך פון אַלע שוהלען זאָל מען צוגרייטען צו שטיקלאַך לעקיך פון אַ חצי שיעור, דאָס צו גע־ברויכען ווען עס וועט נויטיג זיין. יום־כּפּור נאָך שחרית איז רבי ישראל אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בימה אין דער גרויסער שוהל און מודיע געווען דעם עולם, אַז יעדער איינער וואָס פיהלט זיך שוואַך, דאַרף ניט פרעגען קיין דאָקטאָר און מעג אריינגעהן אין שטיבעל וואָס צו געניסען, אָבער עסען מיט הפסקות, ווי דער דין איז, כדי ניט צו קומען צו אַן איסור דאורייתא. נאָכדעם ווי רבי ישראל איז אַרונ־טערגעגאַנגען, איז אַרויף אויפ'ן בימה דער הויפּט מורה־הוראה רבי בצלאל און פּראָטעסטירט אין נאָמען פון די מורי־הוראות אויף דעם היתר צו עסען סתם, ניט פרעגענדיג ביי אַ דאָקטאָר, אָבער באמת האָט רבי ישראל אַליין גאַרניט טועם געווען.

דאָגעגען די מעשה מיט'ן ניאַנקענען אַמאָל אַ פרעמד קינד אין דער צייט פון „כל־נדרי״ איז אַן אמת'ער פאַקט, ניט קיין לעגענדע. נאָך אַלס יונג קינד האָב איך עס געהערט פון מיין מוטער ע״ה, וועלכע איז געווען אַ געבאָרענע אין סאַלאַנט און זיך געהאַדעוועט צוזאַמען מיט רבי ישראל'ס קינדער, און די מעשה האָט פּאַסירט בעת רבי ישראל איז געווען אין סאַלאַנט. דער עולם איז צוזאַמענגעקומען אין שוהל צו „כל־נדרי״. מען וואַרט אויף רבי ישראל'ן און ער קומט ניט. עס ווערט שפּעטלאַך — און מען האָט געמוזט אָפּזאָגען „כל־נדרי״ אָהן איהם. מען האָט אַרויסגעשיקט שלוחים איהם זוכען, אָבער ניט געקענט געפינען. דער עולם איז געוואָרען שרעקלאַך אונרוהיג; שוין

באַלד געענדיגט דעם גאַנצען דאַווענען — און רבי ישראל איז ניטאָ. מיט אַמאָל לאָזט ער זיך אַריין אין שוהל, אַרויפגעגאַנגען אויף זיין „שטאַט“, אַריבערגענומען דעם טלית איבער׳ן קאָפּ און זיך געשטעלט דאַווענען. אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגענומען זעהענדיג ווי רבי ישראל האָט אויסגעקוקט: זיין מאַנטעל שרעקליך צוקנייטשט און די באָרד און די האָר פון קאָפּ פול אין פּוך און אין פעדערען. זיינע מקורבים זיינען פאַרבליבען אין שוהל וואַרטען ביז ער וועט ענדיגען דאַווענען, כדי צו ערפאַהרען וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

מיט אַ נאַטירליכער תמימות האָט ער זיי דערצעהלט, אַז גע־הענדיג אין שוהל צו כל־נדרי האָט ער געהערט פון אַ שטוב דאָס געוויין פון אַ קליין קינד. אַריינגעהענדיג אַהין האָט ער געזעהן ווי אַ קינד פון עטליכע חדשים ליגט אין אַ וויגעלע און וויינט און נעבען דאָס קינד ליגט אַ פלעשעל מיט מילך. אַפּנים אַז די מאַמע אַוועק־געהענדיג אין שוהל האָט צוגעגרייט דאָס פלעשעל פאַר׳ן קינד און איבערגעלאָזען די עלטערע שוועסטערל, אַ קינד פון אַ יאָהר זעקס, איהם צו דערלאַנגען. די שוועסטערל האָט אָבער געשמאַק איינגעשלאָפען און ניט געהערט דאָס געוויין. רבי ישראל האָט דאָס קינד אָנגעפּיטערט און איינגעשלעפערט, אויפגעוועקט די מיידעלע און געוואָלט אַוועק־געהן. דאָס מיידעלע האָט זיך אָנגעהויבען צו בעטען ביי איהם, ער זאָל ניט אַוועקגעהן — זי האָט מורא אַליין צו בלייבען; אַגב האָבען זיך די ליכט פונאַנדערגעשמעלצט און ניט וועלענדיג לאָזען קליינע קינ־דער אַליין מיט ברענעדיגע ליכט, איז ער פאַרבליבען ביז די מוטער איז געקומען פון שוהל. ובכן, איז ער מלא שמחה, אַז ס׳איז איהם באַשערט געווען אין אַזאַ הייליגער צייט ווי יום־כפור אַוועקגעגאַנגען מקיים צו זיין אַזאַ גרויסע מצוה. און אַז די צוהערער האָבען אויסגעדריקט זייער פאַרוואונדערונג, ווי געהט מען דאָס ניט יום־כפור אין שוהל צוליעב אַ קינד׳ס געוויין, האָט ער זיך אויף זיי אָנגעבייזערט: שוין ווייסען זיי ניט, אַז אפילו צוליעב אַ ספק ספיקא פון פקוח נפשות מעגען כל ישראל ניט בלויז מבטל זיין תפילה, נאָר אויך לכתחילה מחלל שבת זיין.

אַט די דאָזיגע פּיצינקע מעשה׳לע כאַראַקטעריזירט רבי ישראל׳ן אפשר מעהר ווי גאַנצע ספרים. דאָ איז בולט זיין אהבת הבריות אין זיין גאַנצער גלאַנץ און גרויסקייט. שטעלט זיך פאַר ווי ביי אַזאַ צדיק איז גרויס די הייליגקייט פון יום־כפור, וואו דער מענש אי־בערהויפּט האָט אין איהם אויפגעהערט צו עקזיסטירען און קומט צו דער בחינה פון מלאך, זאָל רעכט זיין מוּתּר צו זיין אום יום־כפור אויף תפילה בצבור, אויף די ווידויים בצבור און אַלץ — צוליעב ניט לאָזען וויינען אַ קינד? אָדער צוליעב ניט וועלען מצער זיין די מוטער

פון קינד, וואס ער האט איהר גאנץ גוט געקענט לאזען דורכ'ן שמש ארונטעררופען פון שוהל און איהר שיקען אהיים? — דוכט זיך, אז קיין בעסערען סימבאל פון אהבת הבריות דארף מען ניט האבען. איך גלויב, אז די בעסטע לעגענדען־שרייבער וואלטען צו אזא פאנטאזיע ניט געקענט קומען...

ניט ווייניגער כאראקטעריסטיש איז אויך דער פאלגענדער פאקט: בעת ער האט געוואוינט אין סאלאנט איז איהם אמאל אויסגעקומען ניט צו קענען דערביי זיין ביים באקען זיינע שמורה מצות, וואס ער פלעגט היטען צו זיין יעדען יאהר. זיינע תלמידים און מקורבים האבען איבערגענומען די השגחה און ביי איהם אנגעפרעגט אויף וועלכע חששים זיין זאלען מעהר אכטונג געבען. דארויף האט ער געענטפערט, אז די איינציגע זאך וואס ער בעט זיי, דאס זיי זאלען חלילה ניט פון גרוים אייפער זיך אנערגערען אויף ציפע די קנע־טערקע, אפשר קנעט זי, נאך זייער מיינונג, אביסעל צו לאנגזאם. פארגעסט ניט אז זי איז אן אלמנה, און מען טאר אן אלמנה ניט מצער זיין...

רבי ישראל איז אמאל אין א יאהר־צייט טאג אריינגעקומען אין שוהל זאגען קדיש נאך זיין פאטער. גראד אין דעמזעלבען טאג האט איינער, אן ארימער איד אויך געהאט יאהרצייט, אבער נאר נאך א טאכטער, און וויסענדיג אז דער קדיש קומט דעם יאהרצייט נאך עלטערען, האט דער דאזיגער פשוט'ער איד געהאט דערפון עגמת נפש. רבי ישראל האט דאס באמערקט און געהייסען דעם אידען זאגען דעם יאהרצייט־קדיש. די מתפללים האבען זיך געוואונדערט: סטייטש, ווי קומט צו רבי ישראל'ן אזוי מזלזל זיין די מצוה פון כבוד־אב, אפ־צוגעבען א פרעמדען דעם קדיש וואס געהערט צו זיין פאטער? דא־רויף האט ער מיט א שמייכעל געענטפערט: „איך בין זעהר צו־פרידען, אז מיט'ן אוועקגעבען דעם קדיש האב איך געקענט מיין טאטען אין קבר מזכה זיין מיט דער מצוה פון „גמילות חסדים".

בעת רבי ישראל האט זיך אין די עלטערע יאהרען אויפגעהאל־טען אין פאריז, פלעגט ער אפט קומען דאווענען אין דער דייטש־ארטא־דאקסישער שוהל פון טאדעסקא (א פרומער איטאליענישער איד). איין מאל, א שבת וואס מען האט געדארפט לייענען די תוכחה, האט זיך ניט געפונען ביי דער האנד אן ארימער איד, וועמען אויפצורופען צו דער תוכחה. דא איז, צו אלעמענס שרעק, רבי ישראל האסטיג ארויפגע־גאנגען אויף דער בימה און געמאכט די ברכה. דער בעל־קורא האט אבער בשום אופן ניט געוואלט ווייטער לייענען, ווייל די אלע קללות זיינען אין לשון נוכח — הייגט גער לייען דאס רבי ישראל'ן! דא האט רבי ישראל אליין געלייענט די גאנצע תוכחה און האט דעם

עולם שטאַרק אויסגע׳מוסר׳ט פאַר דעם. „אויב איהר האָט יאָ מורא פאַר דער תוכחה, טאָ פאַרוואָס שטאָפּט איהר דאָס תמיד אַן אַן אָרימען אידען, וואָס מוז זיך נעבאך פאַרקויפען פאַר אַ פאַר פראַנק?“...

טראָצדעם וואָס רבי ישראל איז כל ימיו געוועזן אַ גרויסער מחמיר אויף זיך, אָפּגעהיט אַלע דינים און מנהגים מיט די פּרטי פּרטים, מיט די חומרות פון די אחרונים שבאחרונים, אָבער צוליעב אהבת הבריות איז ער געווען פאַר אַנדערען אַ געוואַלדיגער מקיל און געגען זיין רצון שוין געמוזט אויף זיך אַליין אויך מקיל זיין. למשל: בעת ער פלעגט דאַוונען ביחידות האָט ער שרעקליך מאריך בתפלה געווען, אָבער בעת ער האָט געדאַוונט בצבור פלעגט ער אויסשטעהן שמונה־עשרה נאָך פריהער ווי מאַנכער איינער. מוצאי־שבת אָדער אין אַ טאָג פון אַ תענית פלעגט ער דאַוונען מעריב מיט אַ שעה שפּעטער פאַר אַלעמען, אָבער קוים האָט ער געדאַוונט בצבור פלעגט ער ניט לאָזען וואַרטען אַן איבעריגע מינוט.

דאַוונענדיג אַמאָל אין שוהל מנחה, איז האַסטיג אַריינגעלאָפען אַ איד פון גאַס „כאַפּען“ אַ קדושה און אַזוי זיך איילענדיג איז ער אַרויפגעטראָטען איינעם אויף די פיס און איהם איינגעשמוצט זיינע אָפּגעפּוצטע שיך. דאַכט זיך וועמעס דאגה איז דאָס — אָבער רבי ישראל האָט דאָס באַמערקט, אָפּגערופען דעם אידען אַן אַ זייט און איהם געהייסען מפצה זיין דעם צווייטען פאַר דעם שאָדען וואָס קאָסט איהם פאַר באַשמוצען די שיך, און דערביי באַמערקט, אַז ווי וויכטיג עס איז אַ אידישע קדושה, האָט זי אָבער קיין שום ווערט ניט, ווען דורך איהר זאָלען אַרויסקומען פאַר אַ צווייטען דער קלענסטער היזק און דער קלענסטער צער...

רבי ישראל׳ס רחמנות אויף דער מענשהייט איז געגאַנגען נאָך ווייטער. איהם האָט זיך געוואָלט, אַז יעדער איד זאָל אויך האָבען אַ גרויסען חלק אין עולם הבא און זאָל חלילה ניט דאַרפען ליידען די יסורים פון גיהנום, וואָס זיינען נאָך פיעל שרעקליכער ווי די יסורים פון ד ע ר וועלט. דאָס צו דערגרייכען האָט ער תמיד געשטרעבט צו זיין צווישען מענשען, צו לעבען אין פאַרשידענע שטעדט און מדינות, כאָטש פון דער נאַטור האָט ער געהאַט אַ גרויסע נטיה צו התבודדות, אומעטום געוועקט דעם עולם צו תשובה און מעשים טובים, כדי ניצול צו ווערען פון די גרויסע יסורים וואָס ערוואַרטען דעם זינדיגען. בעת רבי ישראל איז געווען אין ווילנא האָט מען איהם דערצעהלט, אַז עס געפינט זיך דאָרטען איינער אַ „נסתר“ — ער איז אַן איינפאַכער בעל־מלאכה, אַ סטאָליאַר, אָנגעטהאָן אַ גאַנצען טאָג אין תפילין, זיינע ליפּען באַוועגען זיך שטענדיג ווי ער וואָלט כסדר עוסק זיין אין לערנען; ובכן, האָט מען געבעטען רבי ישראל׳ן, ער

זאָל איהם רופען צו זיך אויסצוגעפינען דעם מהות פון דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען מענשען. דאַרויף האָט זיי ר׳ ישראל געענטפערט, אַז ער גלויבט ניט אַז די גרויסע חכמה און יראת שמים פון אָט דעם מענשען. ווען ער וואָלט דאָס ווירקליך געהאַט, וואָלט ער היינטיגע צייטען ניט געקענט פאַרבלייבען אַ „באַהאַלטענער" און ניט זוכען אויך צו זאָרגען פאַר׳ן דור.

בעת ער פלעגט זיך שטעלען זאָגען און דערלאַנגט אַ קוק מיט זיינע גוטמוטהיגע שעהנע אויגען אויפ׳ן עולם, פלעג איך מיר שטענדיג פאַרשטעלען, אַז זיין ערשטע מחשבה איז: אַי אַ רחמנות אויף די דאָזיגע טייערע אידען, וועלכע וועלען נעבאַך אַמאָל האָבען גרויסע יסורים פאַר זייערע עבירות און פון גאַנצען הארצען פלעגט זיך ביי איהם ארויסרייסען, מיט אַ ביטערען געוויין, דער פסוק „השיבנו ד׳ אליך ונשובה וכו׳" און מערקענדיג אַז דער עולם וויינט מיט, אפנים אַז זיי זיינען מהרהר בתשובה, פלעגט זיין פנים שטראַהלען פון נחת און פרייד. זיינע דרשות האָבען זיך אויסגעצייכענט ניט בלויז מיט זייער רייכען און אינטערעסאַנטען אינהאַלט, נאַר אויך מיט זייער נאַטירליכקייט. רבי ישראל האָט קיינמאָל ניט געברויכט אָראַטאָרישע עפעקטען צו באַגייסטערן די צוהערער. זיין ריידען איז געווען זיין קרעכץ... אַי זיין קרעכץ! ווער עס האָט דאָס ניט געהערט, ווייסט ניט וואָס עס הייסט אַז אמת׳ער אידישער קרעכץ, אַ קרעכץ וואָס פאַרקלעמט דאָס הארץ און געהט דורך אַלע גלידער.

נאָך אַ גרויסע מעלה האָבען געהאַט זיינע דרשות וואָס ער פלעגט זיי צופּאַסען צו דער צייט, צום אָרט און צו דער אוידיטאָריע. פאַר אַן אוידיטאָריע פון לומדים פלעגט ער זיך אַריינלאָזען אין טיעפע, האַר־שפּאַלטענדיגע חקירות און ענדיגען אַמאָל מיט אַ חריפ׳ישען פלפול. פאַר׳ן המון פלעגט ער ריידען וועגען לייכטע, פאַרשטענדליכע ענינים, אַרומריידען אַ מאמר חז״ל און אַרויסנעהמען דערפון אַ מוסר־השכל, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צום אַלטעגליכען לעבען.

רבי ישראל׳ס „מוסר" איז באַשטאַנען, ווי איך האָב דאָ שוין דערמאַנט, אין זוכען אויסבעסערען די מענשליכע מדות און די באַציהונגען פון מענש צו מענש. זיין מאָטאָ איז געווען „דע את עצמך", דערקען זיך זעלבסט, דאָס הייסט: יעדער מענש דאַרף זיך אַליין שטודירען, זיך אַליין ערציהען, און דערוויסענדיג זיינע חסרונות, זאָל ער זוכען זיי אויסצובעסערען. ווען איינער פיהלט ביי זיך, למשל, אַז ער האָט אַ שוואַכקייט צו גאוה, טאָ זאָל ער אַנווענדען אַלע כחות זיך אָפּצוגעוואוינען דערפון. דאָס איינענע, ווען ער איז פון נאַטור אַ כעסן ,אַן עקשן, אַפּאַראיבעלניק, זאָל ער זיך ביסלאַכווייז געוואוינען צו קענען באַהערשען זיין כעס, זיין שנאה און זיין האַרטנעקיגקייט.

ער פלעגט שטענדיג זאָגען, אז יעדער מענש איז בכח זיך אזוי ווייט אויסצובעסערען, אז „אהבת הבריות" זאָל ווערען ביי איהם א נאַטירליכע זאַך; אז דאָס ניט־גלוסטען דעם צווייטענס זאָל ניט זיין בלויז צוליעב דעם „לא תחמוד" פון דער תורה, נאָר ווייל עס גלוסט זיך קיינעם ניט א מיאוס׳ע, עקלהאַפטע זאַך, ווי א שטייגער עס גלוסט זיך ניט צו עסען שטינקענדיגע פיש. דערגרייכען אזא מדרגה קען א מענש נאָר דורך זעלבסטערציהונג.

זיין לעבענסאויפגאַבע, וואָס רבי ישראל האָט אויף זיך גענומען, צו פאַרעדיגען מאָראַל און אויסצובעסערען די באַציהונגען פון בין אדם לחבירו, איז, דאַכט זיך, ניט געווען בלויז צוליעב די פאַלגען פון זיין זעלטען עדלען כאַראַקטער, וואָס גוטסקייט און רחמנות איז ביי איהם געווען א צווייטע נאַטור, נאָר עס האָט אויך געהאַט א גרויס שייכות — און אפשר נאָך א גרעסערער — צו דעם בין אדם למקום. רבי ישראל פלעגט שטענדיג זאָגען, אז זיין גרעסטער וואונש איז, אז א איד זאָל געהן צו א רב פרעגען א שאלה וועגען א דין פון חושן־משפט, אזוי ווי ער פרעגט וועגען א דין פון יורה־דעה. אין זיינע דרשות האָט ער ניט איינמאָל ערקלעהרט, אז דער לאו פון „לא תונו איש את עמיתו" איז אפשר אין כמה פרטים נאָך האַרבער ווי דער לאו פון „ואת החזיר לא תאכלו", ווייל אויף אַן עבירה וואָס איז נאָר בין אדם למקום, איז לייכט תשובה צו טהאָן, בעת אויף אַן עבירה פון בין אדם לחבירו איז די תשובה פאַרבונדען מיט גרויס שווערינקייט, און אמאָל איז דאָס איבערהויפּט מעהר ניט מעגליך גוט צו מאַכען. ובפרט אז דער לאו פון „לא תונו" באַציהט זיך ניט נאָר אויף אויסנאַרען יענעמ׳ס געלד, נאָר אויך אויף אונאת דברים, ניט צו נאַרען מיט רייד, ניט מצער זיין און דערגלייכען עבירות בין אדם לחבירו, וואָס אויך די יעניגע, וועלכע היטען זיך אָפּ פון פיעל עבירות בין אדם למקום, זיינען עובר אויף די דאָזיגע עבירות אויף יעדען שריט און טריט. דאָס ווי ווייט מעגליך אויסצובעסערען איז געווען רבי ישראל׳ס לעבענאויפגאַבע.

אויב אין די ערשטע פינף יאָהר פון רבי ישראל׳ס לעבען אין ווילנא איז ער נאָך געווען פאַר אַלעמען א רעטעניש — קיינער פון די רבנים האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס רבי ישראל רייסט איין וועלטען פאַר׳ן קיום היהדות, בעת עס האָט זיך ניט געצייגט דער מינדסטער צייכען פון אַן אַנקומענדיגען שטורם. מאַנכע האָבען זאָגאָר פּראָטעסטירט אַז מיט זיין פאַרשפּרייטען די לעהרע פון מוסר און מדות, אַלס א פאַנצער פאַר דער סכנה וואָס באַדראָהט אידישקייט, ברענגט ער צו בטול־תורה און אַז „שור שנגח את הפרה" איז דער בעסטער מוסר־ספר, ובדומה אזעלכע טענות. — איז אָבער געקומען דער יאָהר 1844

און אַלע האָבען דערזעהן ווי ווייט קורצזיכטיג זיי זיינען געווען און אַז רבי ישראל איז טאַקע געווען דער איינציגער וואָס האָט געזעהן די שוואַרצע וואָלקענס, בעת דער הימעל איז נאָך לויטער געווען.

אין דעם דאָזיגען יאָהר האָט די רוסישע מלוכה, אויף דער בקשה פון די השכלה־פּיאָנערען, געעפענט אין ווילנא אַ ראַבינער־שול, מיט׳ן צוועק צו ערציהען געבילדעטע רבנים, וועלכע זאָלען זיין שפּעטער די בילדונגס־פאַרשפּרייטער צווישען אידישען פאָלק. אמת, נאָך אונזער היינטיגען באַגריף וואָלט מען אַזאַ אידעאַלען אינסטיטוט, וואָס זיין פּראָגראַם איז צו פאַראייניגען תורה מיט חכמה, באַגריסט מיט פרייד און צופרידענהייט, אָבער אונזערע גוטע עלטערן מיט זייערע דאַמאָלסדיגע השגות פון לעבען, האָבען דאָס געהאַלטען, און אפשר מיט רעכט, פאַר אַ גרויס אונגליק, פאַר׳ן אָנפאַנג פון׳ם סוף צו דער תורה און אידישקייט.

רבי ישראל׳ס נביאות האָט אָנגעהויבען מקוים ווערען נאָך פריהער ווי ער האָט אַליין געדאַכט. קוים האָט זיך די ראַבינער־שול געעפענט האָבען שוין פיעל בחורים פאַרלאָזען די ישיבות — צוזאַמען מיט זייער אידישקייט — און געלאָפען אַהין. די דאָזיגע פּלעצליכע איבערקערעניש האָט געבראַכט, אַז אַ טהייל פון די תלמידים זיינען גלייך אַריבער צו הפקרות, און אין אַזאַ גרויסען פאָרמאַט, אַז זאָגאַר די ווילנער משכילים, די גרינדער פון׳ם דאָזיגען אינסטיטוט, זיינען געווען זעהר אונצופרידען מיט זייערע מעשים, און אַליין אָנגעהויבען זיך צו שרעקען, אויב די ראַבינער־שול זאָל ניט אַרויסגעבען „מופקרים״, אַנשטאָט געבילדעטע, און „משומדים״ אַנשטאָט רבנים. ווייטער זיינען די גרינדער זעהר אונצופרידען געווען, וואָס דער בעל־הבית׳ישער קלאַס האָט אינגאַנצען באָיקאָטירט די ראַבינער־שול, און כמעט אַלע תלמידים האָבען געהערט צום נידעריגען, אָרימען קלאַס, וואָס ביי זיי איז געווען אַ קרן די אומזיסטע ברויט, די באַזונדערע פּריווילעגיעס, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט זיי געגעבען און די אויסזיכטען אויף גוט באַצאָהלטע שטעלעס וואָס וואַרטען אויף זיי, ווען זיי וועלען ענדיגען די שול.

אום אָוועקצושטעלען די ראַבינער־שול אויף דער הויך פון איהר אויפגאַבע: איהר צו מאַכען פּאָפּולערער ביים פאָלק און צו שאַפען ביי די תלמידים מעהר רעספּעקט פאַר אידישקייט — האָבען די ווילנער משכילים געוואָרפען אַן אויג אויף רבי ישראל׳ן, אַז ער מיט זיין גרויס אויטאָריטעט, מיט זיין הויכען גייסט, וואָלט געווען דער פּאַסיגסטער לייטער פון׳ם דאָזיגען אינסטיטוט. רבי ישראל האָט זיך אָבער ענטזאָגט דאָס אָנצונעהמען און עס האָט ניט געהאָלפען אַלע זייערע השתדלות, און אויך ניט די גרויסע הנחות וואָס זיי

האבען פון זיינעטוועגען געוואלט מאכען. עס האט איהם אויך ניט אנגעלאקט די גרויסע שבירות וואס מען האט איהם אנגעבאטען, אז ערד פון טויזענד רובעל א יאהר — אז אוצר געלד אין יענער צייט. רבי ישראל מיט זיין ווייטען בליק האט געזעהן, אז ווי גוט און פרום מען זאל ניט אוועקשטעלען אזא אינסטיטוט, וועט די טראדיציאנעלע אידישקייט אלץ דערפון ליידען. ער האט פאראויסגעזעהן, אז פונ'ם דאזיגען אינסטיטוט וועלען ניט ארויסקומען רבנים, נאר טשינאווניקעס וואס וועלען זיך רופען „רבנים" און ענג מאכען די אמת'ע רבנים גדולי התורה. ער איז געווען אזוי ערביטערט געגען דער ראבינער־שול, אז בעת מען האט שפעטער געעפענט א צווייטע ראבינער־שול אין זשיטאמיר האט ער אין אן עפענטליכער דרשה זיך ארויסגעזאגט, אז דיביידע שולען זיינען גלייך צו די ביידע קעלבער, וועלכע ירבעם בן נבט האט אויפגעשטעלט, און אזוי ווי יענע, אזוי וועלען דיביידע שולען ברענגען א חורבן אויפ'ן כלל־ישראל.

די משכילים האבען אבער איהם ניט געוואלט אפלאזען און זיך געווענדעט צו דעם דאמאלדיגען מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג, אוואראוו, א זעהר ליבעראלער, טאלעראנטער מענש, אז ער זאל מיט זיין מלוכה־כח באפעהלען רבי ישראל'ן אנצונעהמען די שטעלע פון אינספעקטאר, און געהאפט האבען זיי, אז רבי ישראל וועט בודאי ניט וועלען עובר זיין אויפ'ן דינא דמלכותא דינא. גראד איז דעם מיניסטער אויסגעקומען צו זיין אין ווילנא, און אין באגלייטונג פון חיים לייב קאצענעלענבויגען האט ער אליין אויפגעזוכט רבי ישראל'ן אין זיין ישיבה אויף זארעצער גאס, און איהם געבעטען מיט גוטען אנצונעהמען דעם פאסטען, פארשפרעכענדיג איהם כל־טוב. רבי ישראל האט אבער אויך דעם מיניסטער קאטעגאריש ענטזאגט און איהם אפען ערקלעהרט זיינע מאטיווען, אז פון אזא אינסטיטוט, וואו די וועלטליכע לימודים זיינען דער עיקר און די אידישע לימודים דער טפל, קענען ניט ארויסקומען קיין רעכטע רבנים.

אין יאהר 1848, בעת עס איז פארגעקומען די ערשטע אספת־הרבנים אין פעטערבורג, האט דערזעלבער מיניסטער אוואראוו אנגעבעטען רבי איצעלע וואלאזינער, אז ער זאל זוכען צו פועל'ן ביי רבי ישראל'ן דאך אנצונעהמען די שטעלע. ביי רבי איצעלע'ן איז באמת אויסגעקומען, אז רבי ישראל טהוט ניט ריכטיג מיט זיינע עקשנות און געזוכט איהם אויפווייזען זיין טעות, אגב איהם אויך דערמאהנט דעם „דינא דמלכותא דינא". דארויף זאל איהם האבען רבי ישראל געענטפערט, אזוי האב איך וועניגסטענס געהערט פון אן איש מהימן, אין זעהר א שארפען טאן, בזה הלשון: רבי יצחק, איהר בלאנדזשעט און ניט איך. עס איז ניט קיין „דין המלכות", נאר א

„גזירת המלכות", און ניט קיין פשוט'ע גזירה, נאר א גזירת־שמד. א רעגירונג פון ניקאלאי דעם ערשטען זוכט ניט אונזער טובה, נאר פשוט אפצו'שמד'ען אידישע קינדער, און אויף אזא גזירה איז דער דין „יהרג ואל יעבור". די אלע אומשטענדען האבען געבראכט דערצו, אז רבי ישראל האט איינגעזעהען, דאס אין ווילנא קען ער שוין לענגער ניט בלייבען, האט פלוצים פארלאזען די שטאדט און ארויסגע־פאהרען קיין קאוונא.

אין א יאהר דרייסיג ארום איז ענטשטאנען א פאלעמיק אין דער העברעאישער ליטעראטור, אויב רבי ישראל האט ריכטיג געהאנדעלט מיט זיין אפזאגען זיך אדער ניט. געוועהנליך איז ביי די מייסטע משכילים אויסגעקומען, אז רבי ישראל האט געהאנדעלט ווי א פא־נאטיקער, אז אויך פון זיין שטאנדפונקט האט ער בעסער געדארפט יא איבערנעהמען די לייטונג פון דער ראבינער שול, כדי עס זאלען פון דארטען ארויסקומען בעסערע אידען. אינטערעסאנט איז, אז דוקא דער פריידענקער פרץ סמאלענסקין האט רבי ישראל'ן פארטיידיגט און אויפגעוויזען, אז אין אן אינסטיטוט וואו די הויפט־דעה האט געהאט דער רוסישער גוי'אישער טשינאווניק, פארשטעהט זיך שוין אליין וואס פאר א רבנים עס קענען שוין דערפון ארויסקומען, און ער האט אילוסטרירט מיט א פאקט: אמאל האט א תלמיד אום שבת נעקויפט טריפה פלייש און אין געגענווארט פון אנדערע חברים אפ־געבראטען אום שבת און געגעסען. די אידישע לעהרערס האבען צוואר איינגערייכט געגען איהם א פראטעסט ביים גוי'אישען הויפט־דירעקטאר, אבער ער האט זיך פון זיי אויסגעלאכט. פארשטעהט מען שוין, אז פאר אזא רעליגיעזען מאראלישען מענשען ווי רבי ישראל איז דארטען קיין פלאץ ניט געוועז.

רבי ישראל איז אנגעקומען אין קאוונא בעירום וחוסר כל. מען האט איהם פון פיעל שטעדט אנגעבאטען רבנות — ער האט אבער ניט אנגענומען און זיך בעסער אויסגעקליבען צו זיין א שרייבער אין קאוונער אידישער קהלה. מיט גרויס השתדלות איז געלונגען רבי הירשל נאוויאזער, א קאוונער פרומען גביר, צו פועל'ן ביי רבי ישראל'ן, אז ער זאל אויפגעבען זיין שטעל, וואס האט איהם אוועקגערויבט פיעל צייט, איהם מבטל געווען פון תורה לערנען און, דער עיקר, איהם גע־שטערט אין זיין ארבייט, צו פארשפרייטען די לעהרע פון מוסר, און נעגען זיין ווילען האט רבי ישראל מסכים געווען, צו לעבען פון די קצבה פונ'ם דאזיגען גביר. ער האט אבער ניט גענומען קיין איין פרוטה מעהר וויפיעל ער האט נויטיג געהאט אויף א לעבען בצמצום, און אויך וייל דארויף האט ער געפונען א היתר, ווערליג מיט זיין פרייער צייט וועט ער אפשר מעהר נוצען ברענגען דער מענשהייט ווי מיט זיין

זיין פארדינסט פון יגיע כפו. אשטייגער ווי ער מעג לערנען אין פרעמדע ספרים, ווייל ער האט קיין געלד ניט זיי אליין צו קויפען.

נאכדעם ווי רבי ישראל האט פון זיך אראפגעווארפען דאגת פרנסה, האט ער זיך מיט גרויס אימפעט גענומען פארטצוזעצען זיין לעבענס־אויפגאבע. דאס ערשטע וואס ער האט געטהאן איז געווען די איינפיהרונג פון לערנען מוסר און מדות מיט די יונגע לייט, וועלכע האבען געלערענט אין נעוויאזער׳ס קלויז און זיך געהאלטען אין צו־גרייטען צו רבנות.

ביז צו יענער צייט האט מען געהאלטען פאר א חלול התורה, אז א יונגערמאן זאל געהן לכתחילה לערנען מיט׳ן צוועק א רב צו ווערען. מען האט געוואוסט, אז מען דארף לערנען תורה לשמה, ניט קלעהרענדיג וועגען תכלית. דא איז געקומען רבי ישראל און האט גע׳דרשנ׳ענט, אז „תורה לשמה" מיינט אויך לערנען תורה לשם רבנות, און כדי צוצוציהען די יונגע לייט, אז זיי זאלען טאקע וועלען געהן אויף רבנות, האט רבי ישראל געגרינדעט אין קאוונא א „כולל פרושים", וועלכער איז שפעטער דורך רבי יצחק אלחנן נאך פאר־שטארקט געווארען, מיט׳ן צוועק אויסצוהאלטען די יונגע לייט בדרך כבוד, ביז זיי וועלען באקומען סמיכה. רבי ישראל האט געלעגט גרויס אויפמערקזאמקייט אויף די דאזיגע יונגע לייט, וואס וועלען שפעטער זיין אמת׳ע רבנים, מיט גרויסע ידיעות אין תורה און צוגלייך בעלי מדות טובות, אלס געגענזאץ צו די רבני־השקר, וועלכע די ווילנער ראבינער־שול וועט ארויסגעבען. צו דעם צוועק האט רבי ישראל איינ־געפיהרט א נייעס, אז יעדער יונגערמאן וואס האט בדעה צו ווערען א רב זאל זיך צוגעוואוינען צו קענען דרש׳ענען ברבים, כדי צו ער־ציהען און באלעהרען דעם המון און די פרויען — דער הויפטבאשטאנד פון יודענטום, וואס ביז זיין צייט איז געווען א בזיון פאר א רב זיך אפצוגעבען מיט דרשות ווי א מגיד.

רבי ישראל האט אויך איינגעפיהרט מוסר־שטיבלאך פאר בעלי־בתים, וואו מען פלעגט צונויפקומען לערנען מוסר־ספרים און הערען דרשות פון איהם און פון זיינע תלמידים. די דאזיגע מוסר־שטיבלאך האבען זיך שפעטער פארשפרייט אויך אין אנדערע שטעדט און האבען זעהר פיעל בייגעטראגען אויסצופיינערען די זיטען פון פאלק. אבער ניט אלע רבנים האבען געלאזען אין זייערע שטעדט גרינדען אזעלכע מוסר־שטיבלאך, מורא־האבענדיג, אז עס זאל דערפון ניט ארויסקומען א נייע חסיד׳ישע כתה. די הויפט־געגנער צו רבי ישראל׳ס שיטה זיינען געווען די גאונים: רבי ליב שפירא, רבי יצחק אביגדור, רבי אברהם שמואל ראסיינער, רבי מרדכי עליאסבערג און מאנכע אנדערע.

ניין יאהר איז רבי ישראל אפגעזעסען אין קאוונא ביז ער איז,

פון גרויס איבעראַרבייטען דעם מח, שטאַרק קראַנק געוואָרען אויף די נערוועז, פון וועלכער קראַנקהייט ער האָט געליטען כמעט די גאַנצע דרייסיג יאָהר וואָס ער האָט נאָך געלעבט. זיינע פריינד האָבען איהם אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד זיך קורירען, וואו ער איז שוין פאַרבליבען כמעט ביז צום סוף פון זיין לעבען.

אין זיינע בעסטע יאָהרען און אין רעכטען מיטען אַרבייט האָט רבי ישראל, אין יאָהר תרי"ז, פאַרלאָזען רוסלאַנד און זיך באַזעצט אויף שטענדיג אין דייטשלאַנד. לכתחילה איז ער געפאָהרען אַהין בלויז צוליעב זיין נערוועז־קראַנקהייט, צו איינעם אַ גרויסען ספּעציאַליסט אין האַלבערשטאַדט, וואו דער פרומער מיליאָנער עמיל הירש האָט איהם גענומען צו זיך און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען איהם געזונד צו מאַכען. אָבער פאַרברענגענדיג אַ האַלב יאָהר אין האַלבערשטאַדט, און באַקאַנט געוואָרען מיט'ן גייסטיגען לעבען פון די דייטשע אידען, האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז אין אויסלאַנד לאָזט זיך מעהר אויפטהאָן פאַר'ן קיום היהדות, ווי אין יענער צייט אין רוסלאַנד. צוליעב דעם איז ער שוין טאַקע פאַרבליבען אין אויסלאַנד ביז צום ענד פון זיין לעבען, שטענ־דיג בייטענדיג זיין אויפהאַלטס־אָרט, אין די פאָלגענדע שטעדט: האַלבערשטאַדט, מעמעל, קעניגסבערג, פראַנקפורט, בערלין, האַמבורג, פּאַריז. אין רוסלאַנד, וואו זיין פאַמיליע איז פאַרבליבען פלעגט ער גאָר זעלטען קומען און אויך נאָר אויף אַ קורצער צייט. מייסטענס פלעגט ער דאָרט קומען, אַז מען פלעגט איהם אַרויסרופען וועגען אַ וויכטיגען כלל־ענין. אין יאָהר תרכ"ד האָט מען איהם אויפגעפאָדערט צו קומען קיין קאָוונא וועגען אַ וויכטיגען ענין, און קומענדיג אַהין האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אַרויסגערופען אָנצונעהמען קאָוונער רבנות. ער האָט זיך תיכף ענטזאָגט דערפון און נאָך אַליין זיך משתדל געווען פאַר'ן נאָוואָראַקער רב, רבי יצחק אלחנן. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זיי זיינען געווען צוזאַמען אין קאָוונא, פלעגט איהם רבי ישראל אָפּגעבען דעם גרעסטען הדור הכבוד וואָס עס קומט אַ מרא דאתרא, כאָטש רבי ישראל איז עלטער געווען און די וועלט האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גרעסערען גאון. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען בעת ער פלעגט קומען קיין ווילנא, וואו זיין איידים רבי אליהו אליעזר איז געווען דער הויפּט מורה־הוראה.

די שרייבער פון „השחר" וואָס האָבען מערקווירדיגער וויז זיך פיעל אינטערעסירט מיט רבי ישראל'ס לעבען און ווירקען, האָבען איהם אַמאָל שטאַרק קריטיקירט פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט צו אַר־בייטען פאַר'ן רוסישען יודענטום, וואו ער איז געבאָרען און גרויס געוואָרען און וואו ס'איז פאַראַן אַ גרויס פעלד פאַר אַרבייט, און גיט אָפּ זיין גאַנצע ענערגיע פאַר די אויסלענדישע אידען, וואָס אין צאָהל

זיינען זיי קוים אַ צעהנטעל פּונ׳ם רוסישען יודענטהום. אויך אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט האָט אַרויסגערופען גרויס פאַרוואונדע־רונג וואָס רבי ישראל האָט פּלוצים אויפגעהערט זיך צו אינטערע־סירען פאַר׳ן קיום היהדות אין רוסלאַנד, וואָס דאָס איז שטענדיג געוועזן זיין לעבענס־אויפגאַבע.

דאַכט זיך, אַז איך האָב אַ תירוץ מספּיק אויף דער דאָזיגער שאלה. אין אַ שמועס וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט, און טאַקע וועגען דעם ענין, מיט׳ן באַוואוסטען גאון און גביר, רבי עלינקע קרעטינגער, רבי ישראל׳ס נאָהענטסטער חבר און ראטהגעבער, האָט ער מיר איי־בערגעגעבען רבי ישראל׳ס אַן אייגענעם כאַראַקטעריסטישען תירוץ מיט׳ן פאָלגענדען משל: „בעת פערד פאַטראַקאַווען זיך און לויפען אין גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ, קען מען זיי בשום אופן אין מיטען באַרג ניט אָפּשטעלען, און ווען איינער זאָל דאָס יאָ פּרובירען טהאָן, ריזיקירט ער מיט זיין לעבען, די פערד וועלען איהם בודאי צוטרעטען. ערשט בעת די פערד זיינען שוין דעם באַרג אַרונטערגעלאָפען איז מעגליך זיי אָנצוהאַלטען און זיי צורעכט מאַכען. דאָס איינענע איז מיט׳ן איינאָרדנען די קהלות. אין די גרויסע שטעדט אין רוסלאַנד האַלטען נאָך די קהלות אין לויפען באַרג־אַראָפּ, ובכן לאָזט זיך ביי זיי קיין שום אָרדנונג מאַכען, בעת אָבער די קהלות אין אויסלאַנד זיינען שוין לאַנג אַרונטערגעלאָפען דעם באַרג און האַלטען שוין אַזוי ווייט, אַז מען קען זיי שוין אָוועקשטעלען אויף אַ שטאַנד“.

אין יאָהר תרי״ח געפינען מיר רבי ישראל׳ן אין קעניגסבערג, וואו ער, צוזאַמען מיט׳ן דאָרטיגען רב, הרב מעקלענבורג, דער מחבר פון „הכתב והקבלה“, אַרבייטען פאַר׳ן באַפעסטיגען אידישקייט אין די דייטשע קרייזען, ובפרט צווישען דער שטודירענדער יוגענד. יעדען אָווענד פלעגען קומען גרופּעס שטודענטען צו רבי ישראל׳ן און ער פלעגט פאַר זיי לעקטשורען תנ״ך, תלמוד און מוסר־היהדות.

נאָכדעם ווי ס׳איז איהם געקומען איינצואָרדנען אין קעניגסבערג אַ פרומע אידישע קהלה, איז ער אַריבער נאָך מעמעל, וואו ער פלעגט זיך אויפהאַלטען אַם ליעבסטען און אַם לענגסטען. מעמעל איז פאַר יענער צייט געווען אַ גרויסע האַנדעלס־שטאָדט, און אַ דאַנק איהר געאָגראַפישער לאַגע, אַרומגערינגעלט פון צעהנדליגער זאַמוטער שטעדטלאַך, פלעגען זיך שטענדיג געפינען אין מעמעל מעהרערע טוי־זענדער אידען. מיט גרויס כבוד און ליעבשאַפט האָבען די מעמעל׳ער אידען איהם אויפגענומען, און די דאָרטיגע גבירים אליהו בער פישעל און בן־ציון האַנעמאַן און בפרט רבי עלינקע קראַטינגער, האָבען זיך מקבל געווען אויסצוהאַלטען איהם און זיין פאַמיליע בדרך כבוד. געוואוינט האָט ער אין האַנעמאַנ׳ס הויז, וואו ער האָט געהאַט זיין

שטענדיגען מנין צום דאווענען, און א באזונדער שטוב אויף קבלת־אורחים, וואס פלעגט שטענדיג זיין פול מיט מענשען, וועלכע זיינען געקומען קיין מעמעל וועגען זייערע עסקים, און דרך־אגב זיך אריינכאפען ביי רבי ישראל׳ן עפעס הערען פון איהם א אידיש ווארט, צו קענען שפעטער איבערזאגען קומענדיג צוריק אין זייער שטעדטעל.

באלד ווי רבי ישראל האט זיך באזעצט אין מעמעל, האט ער איינגערייכט א בקשה צו דער פרייסישער מלוכה איהם אויפצונעהמען פאר א בירגער, און געזוכט זיך צו פארפאלקאמענען אין ריידען דייטש, כדי צו קענען אונטערהאנדלען מיט דער רעגירונג וועגען אידישע כלל־ענינים. פארבלייבענדיג א דארטיגער תושב האט ער זיך אינטערעסירט מיט אלע צרכי העיר, און איינגעארדענט אין מעמעל א מוסטער־געמיינדע מיט תורה און צדקה, זיינע עכט־אידישע און שכל׳דיגע תקנות, וועלכע ער האט דארט איינגעפיהרט און וועלכע עקזיסטירען עד־היום, ווערען שטענדיג דערמאנט פון די מעמעל׳ער מיט גרוים שטאלץ.

איך ערינער מיך נאך דעם חנוכת־הבית וואס די מעמלער אידען האבען פאראנשטאלטעט בעת סא׳יז פארטיג געווארען דער גרויסער ליטווישער בית־מדרש. פון אלע שטעדט ארום זיינען צוזאמענגעקומען די רבנים און סתם־אידען צו דער שמחה. דער „קעמפענער״, וועלכער איז דאמאל געווען רב אין קעניגסבערג, האט געהאלטען די ערשטע רעדע, און מיט זיין הויך־קלינגענדיגע שטימע האט ער אויסגעשריען דעם פסוק „מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל״ — שעהן זיינען דיינע געצעהלטען יעקב, אז אין דיינע וואוינונגען געפינט זיך ישראל סאלאנטער! דער גרויסער עולם איז ניט זאט געווארען קוקענדיג אויף די דאזיגע צוויי גאונים, די ווירקליכע גדולי־הדור פון יענער צייט. אויף רבי ישראל׳ס פארלאנג האט מען צוגעבויט צום בית־מדרש א באזונדער שטוב פאר ארימע ישיבה־בחורים צו שלאפען, וועלכע עקזיסטירט נאך היינט.

פון צייט צו צייט פלעגט ער פארלאזען מעמעל און ארומפאהרען איבער פארשידענע דייטשע שטעדט אויסבעסערען דעם גייסטיגען מצב פון די אידישע קהלות. אן אפטער גאסט איז ער געווען אין בערלין, וואו דער פרומער דר. שטערנהיים האט איינגעארדענט פאר איהם א באזונדערע באקוועמע וואוינונג מיט א גרויסע ביבליאטעק צו זיין געברויך. אינטערעסאנט, אז גראד אין דער גרויסער, טומעלדיגער וועלט־שטאדט בערלין, האט רבי ישראל — דער „רוסישער פילאזאף״, ווי מען האט איהם דארטען גערופען — געצויגען אויף זיך מעהר אויפמערקזאמקייט ווי אנדערשוואו. אלע וועלכע פלעגען איהם באגעגענען אויפ׳ן גאס, סיי אידען, סיי גוים, האבען איהם העפליכסט באגריסט. זאגאר אין די לעבהאפטסטע גאסען פון בערלין פלעגט זעלטען־ווער

איהם גלייכגילטיג פארבייגעהן און זיך ניט אפשטעלען באוואונדערן דעם גרויסען דענקער, וואס פלעגט שטענדיג ארומגעהן פארזונקען אין געדאנקען. אימפאנירט האט אלעמען זיין שטאטליכע פיגור, זיין וואונדערבאר־שעהנעם הדרת־פנים, זיין אינטערעסאנטער כאראקטער־קאפ מיט'ן גוואלדיגען ברייטען שטערן און ווייס־רויטליכען פנים, זיינע בלויע אויגען מיט'ן שארפען גוטמוטהיגען בליק. טראצדעם וואס ער איז קיינמאל ניט געגאנגען אין אויפפאלענדע רבני'שע קליידער, נאר אין פשוט'ע בעל־הבית'ישע, מיט א געוועהנליכער היטעל אויפ'ן קאפ און אויך ניט באזונדערס עלעגאנט, נאר שטענדיג געווען ריין און זויבער. א גרויסער שאדען, וואס פון איהם איז קיין שום בילד ניט נאכגעבליבען. מען האט בשום־אופן ביי איהם ניט געקענט פועל'ן זיך צו לאזען מאלען אדער פאטאגראפירען.

זיין פרסום אלס טיעפער דענקער און גרויסער מאראליסט האט דערגרייכט אויך צו די ניט־אידישע געלעהרטע אין בערלין, און איינער פון די באריהמטעסטע פראפעסארען (אויב איך מאך קיין טעות ניט, זאל דאס האבען געווען דער וועלט באריהמטער פראפעסאר העלמהאלץ) האט זיך פאראינטערעסירט רבי ישראל'ן פערזענליך צו קענען. אז זיי זיינען צוזאמענגעקומען האט דער פראפעסאר איהם געפרעגט: ווי אזוי קומען אריין אין תלמוד, וואס איז געשאפען געווארען פון גרויסע ראציאנאלע גייסטער, באגרינדעט אויף פארנונפט און לאגיק, אזעלכע פאנטאסטישע אראבישע לעגענדעס, ווי די מעשיות וואס רבה בר בר חנה דערצעהלט, אז ער האט, למשל, געזעהן א פויגעל הויך 300 מייל וכדומה אזעלכע ווילדע מעשיות, וואס פאסען זיך מעהר אריין אין א בוך פון מינכהויזען (א באקאנטער דייטשער פארפאסער פון באבע־מעשיות)? דארויף האט איהם רבי ישראל געענטפערט: „מיר געפינען זיך איצט אין יאהר 1871 נאכ'ן גרויסען נצחון וואס דייטשלאנד האט געהאט איבער פראנקרייך. דער פרייסישער קעניג איז געווארען קייזער פון גאנץ דייטשלאנד. זיין סימבאל, דער אדלער, וועלכער איז ביז איצט געווען מיט איין קאפ, האט מיט אמאל באקומען צוויי קעפ, הונדערטער דיכטער און פאעטען טהוען איצט שילדערן די דאזיגע וויכטיגע היסטארישע פאסירונג. איך האב אליין געלייענט ווי איינער א דיכטער שטעלט פאר אין א לידעל די גרויס־קייט פון דאס נייע דייטשלאנד, אז דער גרויסער דייטשער אדלער גרייכט מיט איין קאפ ביז מעמעל און מיט דעם צווייטען קאפ ביז מעץ, דער שפיץ פון איין פליגעל גרייכט ביז קיעל און דער צווייטער ביז צום באדענזעע. נו, מיר אלע ווייסען וואס דאס באדייט. דער דיכטער באצייכענט דערמיט די גרעניצען פון דייטשלאנד פון אלע פיער זייטען. שטעלט זיך אבער פאר, אז אין זעכצעהן הונדערט יאהר

ארום, בעת עס וועט שוין בודאי קיין זכר ניט זיין פון די אַלע איצ־טיגע איינגעטיילטע מלוכות, און בפרט נאָך פון אַ קעניגרייך אָדער קייזערטהום מיט׳ן סימבאָל פון אַן אָדלער — וועט איינער געפינען אין אַ ביבליאָטעק אַזאַ מין מעשה פון אַן אָדלער מיט צוויי קעפּ, מיט פליגלען וואָס יעדער פליגעל האָלט דריי הונדערט מייל, וועט ער דען ניט זאָגען דאָס אייגענע וואָס איהר זאָגט היינט אויף רבה בר בר חנא׳ס מעשיות? אַבער אַזוי ווי מיר פאַרשטעהען היינט דעם זין פונ׳ם אָדלער מיט די צוויי קעפּ, אַזוי האָבען די דאַמאָלסדיגע פאַרפאַ־סער פון תלמוד קלאָהר געוואוסט דעם געדאַנק פון די דאָזיגע ערצעה־לונגען, וועלכע זיינען נאָך פיל־ייכט גייסטרייכער ווי די שילדערונג פון אָדלער, נאָר ווייל מיר לעבען צו ווייט אַפּגערוקט פון יענער צייט, דעריבער קומט אונז פאָר אַזוי קאָמיש. דאָס אייגענע איז אויך מיט נאָך פיעל פאַרשידענע אגדות פון תלמוד".

אין די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר פון זיין לעבען האָט זיך זיין כראָנישע נערוועֶנקראַנקהייט זעהר פאַרשטאַרקט, און צייטענווייז פלעגט זיך רבי ישראל געפינען אין אַזאַ מרה־שחורה׳דיגען צושטאַנד, אַז ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען מענשליכע געזעלשאַפט. אין אַזאַ צייט, וואָס פלעגט מאַנכעסמאָל אַנהאַלטען כמה וואָכען, פלעגט ער דאַוונען ביחידות און שטענדיג אַרומגעגאַנגען פאַרזונקען אין געדאַנקען האַלטענדיג די האַנד אויפ׳ן שטערן. זיינע מקורבים פלעגען די גאַנצע צייט זייערע אויגען פון איהם ניט אַראָפּלאָזען: וואו ער פלעגט געהן איז איינער בשתיקה איהם פון ווייטען נאָכגעגאַנגען כדי איהם אויסצוהיטען פון אַן אומגליק. ווי עס ווייזט אויס, איז די דאָ־זיגע קראַנקהייט געלעגען אין דער פאַמיליע. איך האָב געקענט רבי ישראל׳ס אַ ברודער, רבי מיכל, וואָס האָט דערפון נאָך מעהר געליטען ווי ער.

ניט קוקענדיג אויף זיין קראַנקהייט, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט שרעקליכע קאָפּשמערצען, האָט ער ניט אויפגעהערט צו האַלטען זיינע פייערדיגע דרשות און נאָך מיט מעהר ברען, ווייל דער כח־הדמיון איז דאַמאָלסט ביי איהם שטאַרקער געווען ווי געוועהנליך. בעת ער פלעגט ריידען אין אַזאַ צייט וועגען גיהנום איז דאָס געווען מיט אַזאַ איבערצייגונג, ווי ער וואָלט דאָס טאַקע זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. אין מיין זכרון איז נאָך פאַרבליבען זיינע אַ דרשה, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַלטען אין מיין געבורטס־שטעדטעל פאַלאַנגען, איבער די דאָזיגע טהעמא, און אויך אין אַ צושטאַנד פון אַ מרה־שחורה׳דיגען אַנפאַל. אין מיטען דרשה גיט ער אַ פרעג דעם עולם, אויב זיי גלויבען באמת, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גיהנום? געוועהנליך האָבען אַלע געענטפערט מיט „יא". רבי ישראל אַבער האָט זיי אויפ־

געוויזען, אַז זיי זאָגען ניט אמת און נאַרען זיך אַליין אָפּ, און אַז באמת פעהלט אַלעמען אמונת חכמים. מסביר געווען האָט ער דאָס מיט פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען משל: „שטעלט זיך פאָר אַז דאָ אין שטעדטעל קומט אַ פרעמדער וואָס האָט ביי זיך אַ היבשע סומע געלד און דאַרף דאָ בלייבען איבער שבת, אַזוי ווי קיין באַנקען זיינען דאָ ניט פאַראַן און מורא־האָבענדיג צו לאָזען דאָס געלד אין אכסניא, געהט ער אַרום נאָכפרעגענדיג זיך, ביי איינעם, ביי אַ צווייטען, ווער איז דאָ פאַראַן דער גרויסער בטוח, ביי וועמען מען קען זיכער געבען צו באַהאַלטען געלד? געוועהנליך זאָגען איהם אַלע, אַז דער גרעסטער נאמן איז רבי איצעל דער קרעמער (זיינער אַן אייניקעל געפינט זיך גראַד דאָ אין אמעריקא, און דאָס איז דער באַריהמטער שאַך־שפּילער זוסמאַן פון באָסטאָן), און אויף די דאָזיגע אויסקונפט טרויט ער אָן רבי איצלען זיין געלד. ווען עס קומט אוים דעמזעלביגען מענשען נאָך אַמאָל צו פאַרפאָהרען דאָ אין פאָלאַנגען און האַלטען שבת, וועט ער שוין מעהר ניט געהן זיך ערקונדיגען, און בלויז מיט דער אמונה פון פריהער און מיט זיין אייגענע איבערציייגונג, אַז רבי איצעל איז באמת אַ בטוח, וועט ער איהם ווידער אָנטרויען זיין געלד און אַזוי ווייטער — און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. נון, שטעלט זיך ווייטער פאָר, ווי עס וואָלט אויסגעזעהן דאָ אין שטעדטעל, ווען דער גיהנום, למשל, וואָלט זיך געפונען דאָ גופא, אויף דער גרויסער פעלד פאָה־רענדיג קיין קרעטינגע, באופן, אַז יעדער פּאָלאַנגענער איד וואָלט געקענט זעהן מיט זיינע אויגען, ווי מען משפט אין גיהנום זיינע באַ־קאַנטע, וועלכע זיינען ניט לאַנג געשטאָרבען, אַך, וואָס פאַר־אַ־גרויסע צדיקים איהר וואָלט דאַמאָלסט אַלע געווען! היינט אָבער אַז איהר זינדיגט דאָך, ציינט איהר אַליין אַרוים אַז איהר גלויבט ניט אַז ס׳איז פאַראַן אַ גיהנום, וויבאַלד איהר זעהט דאָס ניט מיט אייערע אייגענע אויגען. צו האָבען אמונה אַז רבי איצעל איז אַ נאמן איז גענוג וואָס צוויי־דריי פשוט׳ע מענשען זאָגען, כאָטש ניט האָבענדיג די געלעגענהייט זיך אַליין צו איבערציינגען, און דאָס וואָס עס זאָגען אייך אונזערע גרויסע הייליגע חז״ל, ווילט זיך ניט גלויבען ביז מען זעהט דאָס ניט מיט די אייגענע אויגען...“

אין די עלטערע יאָהרען פלעגט ביי רבי ישראל׳ן אָפּט פּאַסירען, אַז ער האָט זיך פאַרטראַכט אין מיטען זאָגען, אַנגעשפּאַרט זיין קאָפּ, וואָס פלעגט בשעת מעשה זיין אָנגעצונדען מיט אַ הייליגען פייער, אויףביידע הענד און ווערען אַנטשוויגען אויף אַ לענגערע צייט. מיט גרוים יראת הכבוד און מיט אַ פיינליכער שטילקייט, פלעגט דער עולם אָפּוואַרטען ביז ער איז געקומען צו זיך און געענדיגט די דרשה, און מאַנכעסמאָל פלעגט ער אַרונטערגעהן פון בימה ניט ענדיגענדיג וואָס ער האָט אָנגעהויבען. עס האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז אין מעמעל איז

געשטאָרבען מיט אַ מיתה פּתאומית איינער פון די גרעסטע כלל־טהוער, פון רבי ישראל'ס נאָהענטסטע מקורבים, אַ געוויסער ליבציק טרויב. לכבוד דעם נפטר האָט מען דעם אָרון אריינגעבראַכט אין גרויסען בית־מדרש, וואו דער נפטר איז געווען איינער פון די גרינדער, און רבי ישראל איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה זאָגען אַ הספּד. אָנ־געהויבען האָט ער מיט דעם פּסוק: „כי גם לא ידע האדם את עתו כדגים שנאחזים במצודה רעה“. ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרטראַכט, זיך פאַרטיפט אין אַנדערע געדאַנקען, און מיט זיין טראַגישע דורכ־דרינגענדע שטימע האָט ער אפשר פופציג מאָל מעכאַניש ווידער־האָלט דעם דאָזיגען פּסוק, ביז דער עולם האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צו וויינען. ער האָט זיך פלוצים ווי אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף און געהייסען אַרויסטראָגען דעם אָרון, ניט ריידענדיג ווייטער.

זיין עלטער און זיין קראַנקהייט האָבען אויף אַ רגע ניט אָפּגע־שטעלט זיין גרויסען גייסט פון טראַכטען און דענקען, ווי צו באַ־פעסטיגען די טראַדיציאָנעלע אידישקייט, כדי זי זאָל קענען ווידער־שטעהן דעם שטורם פון דער נייער צייט. פאַרברענגענדיג אַזוי פיעל יאָהרען אין אויסלאַנד און צוקוקענדיג די גרויסע עם־הארצות אויך ביי די זאָגענאַנטע אָרטאָדאָקסען, האָט זיך רבי ישראל סוף־כל־סוף אַרומ־געזעהן, אַז מיט'ן פאַרשפּרייטען די אידישע מאָראַל אַליין איז וועניג, אויב דער לימוד התורה וועט פאַרנאַכלעסיגט ווערען. דאָס האָט איהם געבראַכט צום געדאַנק, אַז מען דאַרף אָנווענדען אַלע מיטלען, כדי צו מאַכען דעם תלמוד פּאָפּולער ביים פאָלק, און בפרט ביי דער שטו־דירענדער יוגענד. אַזוי ווי ס'איז אָבער ניט מעגליך פאַר'ן נייעם דור צו לערנען תלמוד אויף דערזעלבער מעטאָדע ווי מען האָט פריהער געלערענט, זיך צו באַשעפטיגען מיט דעם דאָזיגען לימוד פון אַכט ביז צעהן שעה טעגליך אין אַ משך פון כמה יאָהר, טאָ מוז מען זוכען צו פאַרגרינגערען דאָס לערנען און צוצופּאַסען צו די אומשטענדען פון דער צייט.

ראשית האָט ער געוואָלט זוכען מלומדים אין אָריענטאַלישע שפּראַ־כען, אויסצואַרבייטען אַ ספּעציעלען ווערטערבוך פאַר די אַראַמעאישע ווערטער פון תלמוד, וואָס דאַדורך וועט זעהר פיעל פאַרלייכטערט ווערען דאָס לערנען. צוליעב דעם איז ער אַוועק קיין בערלין זיך מישב זיין מיט די דאָרטיגע גרויסע שפּראַכען־געלעהרטע, ווי צוצוגעהן צו אַזאַ אַרבייט. ליידער האָט ער קיין ערפאָלג ניט געהאַט. דערנאָך איז ער געקומען צו דער אידעע, אַז אפשר וואָלט נאָך בעסער זיין צו איבערזעצען דעם גאַנצען תלמוד אין אַ ריינעם העברעאיש און צוגעבען דערצו אַ קורצען און אַ לייכטען פּירוש, וואָס זאָל ערקלעהרען די האַרבע שטעלען, וועלכע האָבען קיין שייכות ניט צו דער שפּראַך. זיין

פלאַן איז געווען זיך צו שטעלען אין פאַרבינדונג מיט הונדערט רבנים, וואָס יעדער רב זאָל אויף זיך נעהמען די אויפגאַבע צו איבערזעצען וועניגסטענס דרייסיג דפים. אָבער דערפון איז אויך גאָרניט געוואָרען. צי די סיבה איז געווען, ווייל די רבנים האָבען איבערהויפּט ניט גע־וואָלט מסכים זיין צו אַזאַ רעפאָרם, אָדער עס האָבען זיך בכלל ניט גע־פונען אַזוי פיעל רבנים וואָס זאָלען אַזוי גוט קענען באַהערשען די העברעאישע שפּראַך ווי פיעל עס איז נויטיג געווען פאַר אַזאַ שווערער איבערזעצונג. אין דערזעלבער צייט האָט רבי ישראל געזוכט אַ פאַר־לעגער, וועלכער זאָל אַרויסגעבען גאַנץ ש״ס אין איין כרך, כדי אַז אין יעדער אידישער הויז זאָל זיך געפינען אַ ש״ס, ממילא וועט שוין די תורה ניט פאַרגעסען ווערען. אָבער דאָס איז איהם אויך ניט גע־לונגען.

געזעהן אַז די אידישע לערנענדיגע יוגענד רוקט זיך אָפּ אַלץ מעהר און מעהר פון תלמוד, האָט רבי ישראל פּרובירט געהן נאָך אַ שריט ווייטער, וואָס אין זיין צייט האָט עס ביי פיעלע אַרויסגערופען פּראָ־טעסטען. ער האָט אָנגעהויבען זוכען וועגען און מיטלען צו איבער־זעצען דעם תלמוד אין איינע פון די הויפּט־אייראָפּעאישע שפּראַכען, כדי די גרויסע וועלט זאָל זיך דערוויסען פון די געוואַלדיגע קולטור־אוצרות וואָס געפינען זיך אין תלמוד. צוגלייך האָט ער זיך געזעצט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע גרויסע פּראָפעסאָרען, אַז זיי זאָלען איינפיהרען דעם תלמוד אַלס לימוד אין גימנאַזיומס און אוניווערזי־טעטען; ער האָט זיי פאָרגעשטעלט, ווי וויכטיג עס איז דער תלמוד אויך פאַר קריסטליכע סטודענטען, וואָס אַ חוץ די מאָראַל און לאָגיק אויף וואָס דער תלמוד איז באַגרינדעט, וועט אויך דער גייסט פון די סטודענטען מעהר געווינען און געשאַרפט ווערען פון תלמוד, ווי פון לערנען די לאַטיינישע און גריכישע קלאַסיקער. זיין הויפּט־צוועק איז אָבער געווען, אַז דערמיט וואָס די וועלט וועט אָנערקענען דעם תלמוד פאַר אַ קולטור־ווערק, וועט שוין ממילא דער אידישער יונגער דור מעהר אַכטונג באַקומען פאַר'ן תלמוד, זיך פעסטער אָנשליסען אָן דער טראַדיציע, שטאַלצירען מיט זיין פאָלק און זיין גלויבען און אויס־וואַקסען גוטע און געטרייע אידען. אינטערעסאַנט איז, אַז זיין גרויסע ליעבע צום תלמוד איז געגאַנגען אַזוי ווייט זיך אפילו ניט צו וועלען רעכענען מיט'ן מאמר פון גמרא, אַז מען דאַרף מיט אַ גוי ניט לערנען קיין תורה — ווייל „מורשה קהלת יעקב״...

זיך איבערצייגענדיג אַז אין דייטשלאַנד איז ניט מעגליך דורכ־צופיהרען די דאָזיגע אַלע פּלענער, איז דער זיבעציג יעהריגער רבי ישראל סאַלאַנטער אַוועקגעפאָהרען קיין פּאַריז, אפשר וועט ער דאָרטען געפינען מעהר סימפּאַטיע פאַר זיין אונטערנעהמונג.

אַ קראָנקער, אַ צובראָכענער, פול מיט ענטוישונגען, איז רבי ישראל אין יאָהר 1880, זייענדיג אַ זקן פון איבער זיבעציג יאָהר, אָנגעקומען אין פּאַריז. דער צוועק פון דער דאָזיגער שווערער רייזע איז געווען, צו געפינען אין פּאַריז די נויטיגע געלעהרטע, וואָס זאָלען קאָנען איבערנעהמען די אַרבייט צו איבערזעצען דעם תלמוד, אָדער לכל הפּחות אייניגע מסכתות אויף פראַנצויזיש; צוגלייך זיך משתדל זיין איינצופיהרען דעם תלמוד אַלס אַ אַלגעמיינער לימוד אין די קלאַסישע גימנאַזיעס און אין די הויכשולען, וואָס אין דייטשלאַנד — דער נעסט פונ'ם קלאַסישען אַנטיסעמיטיזם, איז איהם דאָס ניט גע־לונגען. טראָץ דער בכבוד'יגער אויפנאַהמע וואָס ער האָט געקראָגען פון דער פּאַריזער אידישער קהלה, און טראָץ דער גרויסער התקרבות מצד דעם רב־הכולל ר' צדוק כהן, פון מיכאל ערלאַנגער פון פּראָפעסאָר דערנבורג און אַנדערע פּאַריזער גדולים — איז נישט איינער פון אַלע זיינע פּלענער דורכגעפיהרט געוואָרען. ניט ער האָט באַקומען די פּאַסיגע מענשען צו איבערזעצען און ניט די נויטיגע געלד־מיטלען. די פינף מסכתות (די דריי בבות, סנהדרין, חולין), וועלכע אַ געוויסער דר. ראַבינאָוויטש האָט אין יענער צייט איבערזעצט אויף פראַנצויזיש האָט קיין שום שייכות ניט צו רבי ישראל'ס פּלענער, און לויט ווי איך האָב געהערט פון אַ זיכערען מקור, איז רבי ישראל געווען זעהר אונ־צופרידען פון ראַבינאָוויטש'עס אַרבייט, וועלכע ענטהאַלט אין זיך קריטיקען און באַליידיגונגען אויף די חכמי התלמוד, אַנשטאַט וואָס עס זאָל דינען „להראות העמים והשרים את יפיה".

די איינציגע זאַך וואָס ער האָט דאָך מעהר אָדער ווייניגער אויפ־געטהאָן אין פּאַריז, איז דאָס איינאָרדענען די דאָרטיגע רוסיש־פּוילישע קהלה, איינצושטילען די מחלוקת וואָס האָט זיך געצויגען יאָהרען־לאַנג, צו פאַראייניגען די פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטען אין איין קהלה און אַריינזעצען רבי העשיל לעווין פאַר'ן רב איבער דער פאַר־אייניגטער קהלה. געוואוינט האָט ער ביים פרומען דר. שטערנהיים, זיינער אַ באַקאַנטער פון בערלין, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר אַלע זיינע הצטרכות'ן. זיין באַדאַרף איז אָבער ניט גרויס געווען. ער האָט געלעבט בצמצום גדול, געגעסען בלויז איין מאָל אין טאָג. זיין פרוי איז שוין דאַמאָלסט געווען געשטאָרבען און די קינדער אַלע אויס־געגעבען.

פון די צוויי יאָהר וואָס רבי ישראל האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז איז ניט פיל פאַראַן צו דערצעהלען. פון זיינע דאָרטיגע מקורבים האָב איך אַמאָל געהערט, אַז רבי ישראל האָט בכלל חרטה געהאַט אויף דער פּאַריזער נסיעה, ובפרט דערמיט וואָס איז איהם ניט געלונגען צו ברענגען אַהין זיין תלמיד און שפּעטער זיין נאָהענטסטער חבר,

דעם גרויסען גאון און וועלט־חכם רבי הלל סאלאנטער, אלס רב פאר דער פאראייניגטער קהלה.

רבי ישראל איז אין זיין צייט געווען כמעט דער איינציגער מתנגד־ישער גדול, וואס האט פאר זיך ערווארבען גרוים רעספעקט אויך אין דער חסיד־ישער וועלט. ניט קוקענדיג וואס רבי ישראל איז געגאנגען אין די דרכים פון ווילנער גאון, כל ימיו געווען א פארברענ־טער מתנגד און זעהר ניט געגליכען כמה חסיד־ישע מנהגים, וועלכע ברענגען צו קלות־ראש, האבען דאך די חסידים פון איהם געהאלטען אן עולם ומלואו; בפרט איז ער געווען א גרויסער תקיף ביי די חב"ד־ניקעס, און אין די ליובאוויטשער שטיבלאך פלעגט מען זיך אנדער־צעהלען וואונדערבארע מעשיות פון רבי ישראל׳ן, אקוראט ווי פון זייערען א גוטען אידען. פיעל האט דערצו בייגעטראגען, וואס רבי ישראל איז געווען א לאנגע צייט א מקורב מיט׳ן ליובאוויטשער רבי׳ן, מיט רבי שמואל׳קען, וועלכער זאל זיך האבען אמאל געאייסערט, „אז נאך א סך דורות האט זיך דער אויבערשטער איינמאל דערבארימט אויף די אומגליקליכע מתנגדים און אראפגעשיקט צו זיי א נשמה פון א רבי׳ן — רבי ישראל סאלאנטער, און די דאזיגע שלים־מזל׳ניקעס האבען דאס אויך פארשלאפען..."

צווישען די חסידים איז א צייט לאנג ארומגעגאנגען רבי ישראל׳ס א כאראקטעריסטיש ווערטעל, אז דער חסיד און דער מתנגד פארדינען ביידע א שטראף. דער חסיד — וואס ער זאגט, צו וואס דארף איך א ספר, אז איך האב א רבי׳ן; און דער מתנגד וואס זאגט — איך האב דאך א ספר, צו וואס דארף איך א רבי׳ן?

רבי ישראל׳ס ערשטע באקאנטשאפט מיט׳ן ליובאוויטשער רבי׳ן איז געווען אין א דייטשען קור־ארט, וואו זיי פלעגען זיך טעגליך טרע־פען, ביים טרינקען וואסער פונ׳ם ברונעם. חסידים דערצעהלען, אז דער רבי האט אמאל געזאגט צו רבי ישראל׳ן: „ווי גיט איהר זיך אן עצה מיט גלוי ראש?" (צוליעב דעם כבוד פון די גרויסע פערזענליכ־קייטען וואס קומען צום ברונים טרינקען וואסער, האבען אלע געמוזט טרינקען בגלוי ראש), דארויף זאל איהם האבען רבי ישראל געענט־פערט: „עס איז טאקע שווער, רבי שמואל, אבער מען איז דאך בבחינת אונס, און אונס רחמנא פטרי׳" — "וואס הייסט שווער?" — זאגט דער רבי — „מען גיט זיך אן עצה. איידער איך פאהר צום ברונים טהו איך אן אט דאס", און ווייזט איהם דעם פארוק, וואס איז ארויפ־געטהאן אויף זיין קאפ, וועלכען ער האט געלאזען מאכען צוליעב דעם דאזיגען צוועק, כדי נישט נכשל צו ווערען אין גלוי־ראש. א מתנגד־ישער נוסח איז פאראן, אז רבי ישראל זאל דערצו האבען באמערקט: „איך קען מיר דאס ניט פארגינען. ווען איך זאל אוים־

געבען געלד אויף א פארוק, וועל איך ניט האבען מיט וואס צו באַ־צאָהלען פאר דער אכסניא...״

נאך א מעשה דערצעהלען חסידים פון זייער באַגעגעניש אין קור־אַרט, וואס כאראקטעריזירט זייערע ביידענס פארשידענע וועלט־אַנ־שויאונגען: דער ליובאוויטשער רבי פלעגט טעגליך פאהרען צום ברונים, מיט א באגלייטונג פון גבאים און שמשים, אין אן עלעגאנטען עקיפאַזש; דאגעגען רבי ישראל, פארשטעהט זיך, איז תמיד געגאנגען צופוס. צו דעם רבי׳ס מקורבים איז דערגאנגען, אז אין רבי ישראל׳ס סביבה האט מען טענות צום רבי׳ן, הלמאי ער פאהרט אין אן עקיפאַזש. אין וואס זייערע טענות זיינען אייגענטליך באשטאנען, האט מען ניט געוואוסט, נאר משער געווען האט מען זיך, אז דאס איז מן־הסתם צוליעב א חשש פון שעטנז. איינער א חסיד איז אוועק צום רבי׳ן און איהם דערצעהלט, אז מתנגדים בארײדען איהם פארוואס ער איז עובר אויפ׳ן לאו פון שעטנז. דער רבי איז וועניג־וואס נתפעל געווארען און באמערקט בזה הלשון: „און אז יא? דער שבות יעקב איז דאך מתיר! אויף מארגענס האט זיך גראד געטראפען, אז דער רבי, פאה־רענדיג האט דערזעהן רבי ישראל׳ן געהענדיג צו פוס, געהייסען תיכף זיך אפשטעלען און אויפגעפאָדערט רבי ישראל׳ן זיך ארייננצוזעצען, זאגענדיג צו איהם: „זייט־זשע מוחל, זעצט זיך אריין, איידער צו געהן צו־פוס איז שוין בעסער צו זיצען אויפ׳ן „שבות יעקב״.

אויב רבי ישראל האט זיך ארייננגזעצט אדער ניט, געהען די נוסחאות פאנאנדער. לויט דעם חסיד׳ישען נוסח האט רבי ישראל מסכים געווען צום רבי׳ן, און פון דעם טאג אן זיינען זיי טעגליך געפאהרען צוזאמען. דער מתנגד׳ישער נוסח זאגט אבער אנדערש, אז רבי ישראל זאל איהם האבען באמערקט, „אז בנוגע צום חשש פון שעטנז קען מען זיך בודאי פארלאזען אויפ׳ן היתר פון „שבות יעקב״, אבער וואס טהוט מען מיט׳ן חשש פון גאוה?״ רבי ישראל האט זיך בשום אופן ניט געקענט פארשטעלען, אז פאהרענדיג מיט אזא פאראד און ברייטקייט זאל ניט דורכדעם געשלאגען ווערען די מדה פון ענוה. וועגען דעם דאזיגען שמועס געהען ארום נאך צוויי וואריאציעס. איין נוסח איז, אז דער רבי האט רבי ישראל׳ן רעכט געגעבען און האט טאקע אויפגעהערט צו פאהרען. דער אנדער נוסח זאגט, אז דער רבי זאל איהם האבען גענטפערט: „אדרבה, נאר דורך אזא דרך קען מען ערשט דערגרייכען די מדה פון ענוה. פאהרענדיג מיט משרתים אין א שעהנעם עקיפאַזש, זיך לאזען געבען כבוד — און דאך בלייבען אן עניו...״

אט דא שטויסען זיך צוזאמען די צוויי פארשידענע ריכטונגען אין יהדות: די מתנגד׳ישע און די חסיד׳ישע — די ווילנער און די ליאדיער,

אַדער הער שכל און געפיהל, לאָגיק און פאַנטאַזיע, ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם. ביי חסידים איז דאָס גאָר קיין שאלה ניט, בודאי מעג דער רבי זיך לאָזען געבען כבוד, פאָהרען אין עקיפּאַזשען און פיהרען א גרויסען הויף. ביי זיי קומט אויס, אַז ניט נאָר מ ע ג ער, זאָנדערן ער מ ו ז; אויב ניט דער רבי, דער בחיר האנושי, טאָ ווער זשע דען זאָל פאָהרען אין עקיפּאַזשען? פאַר וועמען דען זיינען זיי דען געמאַכט געוואָרען — אפשר פאַר די רשעים און הולטאַיעס?! דער כבוד התורה פאַרלאַנגט פון גדול־הדור זיך צו פיהרען מיט גדלות און רחבות, און וואָס גרעסער די רחבות אַלץ גרעסער איז ביי איהם די מדה פון עניוות. אי וואו איז דער שכל דערפון? גאָר נישט, אַז מען זעהט עס בחוש, ווער פרעגט זשע דעם שכל?!...

גאַנץ אַנדערש איז געווען רבי ישראל׳ס השקפה וועגען דער מדה פון ענוה. אַ דאַנק זיין גרויס פּאָפּולאַריטעט און באַליעבטהייט, האָט רבי ישראל געהאַט בכח צו לעבען אין גרויס רחבות, אפשר ניט ווע־ניגער ווי א חסיד׳ישער גוטער איד. משה מאָנטיפיאָרע, די ברידער הירש פון האַלבערשטאַט, פיינבערג׳ס נאָכפאָלגער פון קעניגסבערג און נאָך פיעל גרויסע גבירים פון פאַרשידענע מדינות האָבען געוואָלט רבי ישראל׳ן מהנה זיין מיט גאַנץ גרויסע סומען. ער האָט זיך אָבער ענט־זאָגט און האָט גענומען בלויז וויפיעל עס איז נויטיג געווען אויף צו דערהאַלטען אין איהם דאָס לעבען.

דאָס אייגענע איז אויך געווען בנוגע צו כבוד. אַזוי ווי רבי ישראל האָט בשום אופן ניט געקענט ביי זיך פּועל׳ן, אַז ער איז חשוב׳ער פון אַ צווייטען און זיך לאָזען געבען כבוד, האָט ער דעריבער ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי קען מען פּראָווען גדלות צוזאַמען מיט עניוות. אויב עס געפינען זיך צדיקים וואָס האָבען דאָס יאָ בכח, האָט ער אָבער מורא צו ריזיקירען, און דעריבער איז זיין עניוות געווען אַ פּשוט׳ע, אַ נאַטירליכע, אָהן שום קונצען. כדי ניט צו ווערען אויפפאַלענד, פלעגט ער שטענדיג געהן געקליידעט ווי אַ געוועהנליכער בעל־הבית, קיינמאָל ניט געלאָזען מאַכען פאַר איהם וועלכען־עס־איז פּאַראַד. ער פלעגט קיינעם ניט „דו״צען, אפילו אַ אינגעל, און בכלל איז ביי איהם דער כבוד פון אַ צווייטען געווען טהייערער ווי זיין אייגענער כבוד. כל ימיו האָט ער אַפּגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז ער שטעהט ניט העכער פון אַז אַנדער אידען, כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אַז ער איז אַ גדול בתורה און אַז ער איז דערוואַקסען צו ווייזען אַ נייעם דרך אין יהדות. אָבער ביי איהם איז אויסגעקומען אַז דאָס איז ניט זיין פאַרדינסט, נאָר אַ מתנה פון אויבען, און בכלל האָט ער געהאַלטען, אַז כבוד הבריות שטעהט נאָך העכער פון כבוד התורה.

איך וויל ברענגען א פאר פאקטען, וועלכע אילוסטרירען רבי ישראל'ס נאטירליכע עניוות: לעהרנענדיג אמאל שפעט אין דער נאכט אין א קאוונער בית־מדרש, הערט ער ווי איינער א ישיבה־אינגעל, וואס האט געשלאפען אין דער ווייבערשער שוהל, בעט זיך רחמים ביי זיינעם א חבר, ער זאל איהם מיטנעהמען צום ברונים נעהמען א ביסעל וואסער, ווייל ער האט מורא אליין צו געהן און קען שוין נישט מעהר אויסהאלטען פון דארשט. דער חבר האט זיך אבער ניט געריהרט פון ארט אפילו נאכדעם ווי ער האט איהם אנגעבאטען צו געבען גאנצע צעהן קאפיקעס פאר'ן מיטגעהן. רבי ישראל האט קיין שאלה ומענה ניט געמאכט, ארויסגעגאנגען צום ברונים און ארויפגעטראגען דעם בחור'ל וואסער, און שטארק אויסגע'מוסר'ט דעם חבר פאר זיין אכזריות. ווען אן ארימער אינגעל וויל שוין געבען צעהן קאפיקעס איז דאס א סימן, אז עס שמעקט מיט פקוח־נפשות.

דער קאוונער „הקדש", וואו די ארימעלייט פלעגען זיך אויפהאלטען, איז געווען אן אמת'ע חורבה; ממש סכנות נפשות געווען זיך דארטען אויפצוהאלטען, און די גבאים האט עס ניט געקימערט. רבי ישראל האט זיך דערפון דערוואוסט איז ער דארט אמאל, אלס פראטעסט, אהינגעגאנגען שפעט אין דער נאכט און אונבאמערקטערהייט זיך אוועקגעלעגט שלאפען אויפ'ן הארטען פלאר. אויף מארגען פריה האט מען איהם דערקענט. עס איז געווארען א גרויסער רעש אין שטאדט און מען איז תיכף צוגעטראטען מאכען די נויטווענדיגע רעמאנט.

רבי ישראל איז אמאל געפאהרען קיין ווילנא. אין וואגאן וואו ער איז געזעסען האט זיך געפונען איינער א אידישער יונגערמאן, א גרויסער חצוף, וואס האט געזוכט צו טשעפען זיך מיט איהם. רבי ישראל האט געעפענט דעם פענסטער וואו ער איז געזעסען — האט יענער אנגעפאנגען צו שרייען אז ער זאל פארמאכען. רבי ישראל האט צוגעמאכט, כאטש די איבעריגע פאסאזשירען האבען ניט געהאט דאגעגען. דערנאך, אז רבי ישראל האט אנגערויכערט א ציגאר, האט דער יונגערמאן ווידער אנגעהויבען צו פראטעסטירען און רבי ישראל האט תיכף פארלאשען. ניט אכטענדיג וואס רבי ישראל האט איהם אלץ נאכגעגעבען, האט דער יונגערמאן נאך אנגעהויבען צו גיסען פעך און שוועבעל אויף די פרומאקעס, וואס וויסען ניט פון דרך־ארץ. רבי ישראל האט געשוויגען, נאר א פאר מאל זיך אפגעזיפצט. קומענדיג אין ווילנא זיינען צום וואקזאל ארויסגעקומען די ווילנער נכבדים מיט זיין איידעם רבי אליהו אליעזר, דער הויפט מורה־הוראה צו יענער צייט, רבי ישראל'ן מקבל־פנים זיין. דער יונגערמאן האט זיך דערוואוסט, אז דער איד וועמען ער האט געטשעפעט איז געווען

רבי ישראל סאַלאַנטער, איז ער געוואָרען אויסער זיך, ווייל ער האָט געהאַלטען אין באַקומען אַ שטעל פאַר שוחט און חזן אין אַ שטעדטעל נעבען ווילנא, אָבער מען האָט איהם נישט אָנגענומען ביז ער וועט ניט ברענגען אַ הסכם פון רבי אליהו אליעזר׳ן, און צוליעב דעם פאַהרט ער דאָס טאַקע קיין ווילנא. נון, האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז ער האָט פאַרקאַכט אַ גוטע קאַשע — בודאי וועט רבי ישראל ניט צולאָזען אַזאַ חצוף זאָל קריגען אַ רעקאָמענדאַציע.

דער יונגערמאַן איז אַוועק צו רבי ישראל׳ן, גענומען וויינען און בעטען מחילה. ער האָט איהם אָבער ניט געלאָזען פיעל ריידען און תיכף איהם מוחל געווען. כדי עס זאָל איהם אָבער ניט דוכטען אַז ס׳איז דאָך נאָך עפּעס פאַרבאָרגען אַ שטיקעל טינא בלבבו אויפ׳ן דאָזיגען יונגענמאַן, האָט ער זיך אַליין משתדל געווען ביי זיין איידעם איהם צו געבען אַ גוטען בריעף, און אַליין זיך אויך אונטערגעשריבען אונ־טער׳ן כתב, נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן האָט איהם פאַרשפּראָכען אויסצובעסערען זיינע מדות.

רבי ישראל׳ן איז אַמאָל אויסגעקומען צו פאַהרען אין אַ קור־אָרט אין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט איינעם אַ גרויסען רב. זיך אָפּשטעל־לענדיג אונטערוועגנס אויף אַ סטאַנציע האָט רבי ישראל געקויפט ביים בופעט אַ שטיקעל ברויט צו עסען. דער רב, וואָס האָט געהאַט מיטגענומען פון דער היים געבעקס, וואָס עס איז שוין געווען שטאַרק פאַרטריקענט און בּיסלאַכווייז פאַרדאַרבען, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און געפרעגט רבי ישראל׳ן, ווי אַזוי ער וויל דאָס עסען פּת פלטר? (ברויט פון אַ גוי׳אישען בעקער). דאַרויף האָט איהם רבי ישראל בתמימות געענטפערט: „איך פאַהר נישט אין קור־אָרט אויף מיינע אייגענע הוצאות, נאָר אויף די קאָסטען פון מיינעם אַ פריינד, וועלכער, ביים געבען דאָס געלד האָט מיט מיר אויסגענומען אַ תנאי, אַז איך מוז אַוועקלייגען אַז אַ זייט אַלע חומרות וואָס קענען שטערען מיין קור, כדי איך זאָל קענען קומען צו מיינע פריהערדיגע כחות. נון, ווען איך זאָל אויף זיך מחמיר זיין און ניט עסען אויף דער רייזע קיין פרישע געשמאַקע ברויט, וועל איך טאַקע אויסמיידען דעם איסור פון פּת פלטר, וואָס היינטיגע צייטען איז דאָס באמת נאָר אַ זהירות יתירה, דערפאַר וועל איך אָבער עובר זיין אויף דעם איסור פון גזל און גניבת־דעת, אויב איך זאָל ניט מקיים זיין דעם תנאי...

טראָץ דעם וואָס רבי ישראל איז געווען אַזוי אָפּגעהיט פון אַ חשש גזל, האָט ער דאָך זיין גאַנצען לעבען זיך מצער געווען, אַז איהם קומט גראָד אויס צו מאַכען אַ לעבן פון גזל. ער האָט אַמאָל פאַרבעטען צו זיך אויף מיטאָג אַ רב אַן אורח און איהם געזאָגט,

אז ער מעג ביי איהם עסען בלי שום פקפוק, פאר'ן אורח איז אלץ כשר. אויף דעם רב'ס שאלה: פארוואס עפעס כשר פאר איהם אליין? האט רבי ישראל געענטפערט מיט א זיפץ: „גוטע מענשען האלטען מיר אויס, זיי גיבען מיר חיונה, ווייל זיי האלטען מיר פאר א גדול, אבער אזוי ווי איך בין דאס נישט, איז דאס געלד וואס זיי גיבען מיר ממילא אמת'ע גזל, אפילו אין פאל ווען זיי האבען זיך שוין מיאש געווען. איהר זייט עס אבער קונה בשינוי רשות, ובכן איז פאר אייך דאס עסען כשר לכל הדעות".

רבי ישראל, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען אפגעגעבען צו ערציהען דעם דור, האט די ערציהונג פון זיינע אייגענע קינדער אי־בערגעלאזען צו אנדערע. דריי זיהן האט רבי ישראל געהאט, צוויי פון זיי זיינען געווארען רבנים אין קליינע שטעדטלאך — אין בערזין און קראז, און טראץ זייער גרוים לומדות און צדקות זיינען זיי זעהר ווייט געווען פון זייער געניאלען פאטער. דאגעגען אבער דער דריטער זוהן, דער דר. ליפמאן ליפקין, ניט קיין רב און ניט קיין צדיק, האט פון זיין גרויסען פאטער מעהר גע'ירש'ענט ווי די אנדערע ברידער, און ניט נאר דעם פאטער'ס געניאלע פעהיגקייטען, נאר אויך זיינע מידות. דר. ליפקין אויף זיין געביעט, מעכאניק און מאטעמאטיק, איז אפשר געווען ניט קיין קלענערער געניוס ווי רבי ישראל אין זיין מקצוע. דאס אייגענע אויך בנוגע מאראל און עטהיק. דר. ליפקין מיט זיין זויבערע מאראלישע הנהגה, מיט זיין באשיידענעם לעבען, מיט זיין נאטירליכער עניוות, מיט זיין גרויסער ליעבע צום פאלק, איז ווירקליך געווען דאס עבענבילד פון זיין גרויסען פאטער. אין די קורצע עטליכע יאהר וואס ער האט געלעבט, האט ער באוויזען אי־בערצולאזען אן אונשטערבליכען נאמען אין דער וויסענשאפטס־וועלט און פארשאפט גרוים כבוד דעם אידישען פאלק.

ליפמאן ליפקין איז געבארען אין יאהר 1846. נאך אלס קינד האט ער ארויסגעוויזען אוננאטירליכע פעהיגקייטען פאר מאטעמא־טיק. שפעטער, אין חדר און אין ישיבה, פלעגט ער מיט לייכטקייט צורעכט מאכען אלע הארבע שטעלען אין ש"ס, וואס האבען א שייכות מיט חשבון, איבער וועלכע די גרעסטע לומדים קענען ניט דורכ־קריכען. אט די אלע ידיעות האט ער געשעפט פונ'ם „צפנת פענח" און אנדערע עהנליכע אידישע ספרים איבער חכמת החשבון. אבער די אלע ספרים האבען זיין גרויסען זשעניע ניט געקאנט באפרידיגען, און דעריבער האט ער באשלאסען צו פארלאזען בשתיקה זיין פא־טער'ס הויז אין מעמעל און צו פאהרען קיין קעניגסבערג שטודירען. אלס דער פופצעהן־יעהריגער אינגעל האט זיך פארגעשטעלט פאר די פראפעסארען פון דער קעניגסבערגער אוניווערזיטעט, האבען זיי איהם

בשום אופן ניט געוואָלט אָננעהמען, ווייל איהם האָט געפעהלט די עלעמענטאַרסטע פאָרבילדונג, אָבער דער באַוואוסטער פּראָפעסאָר רישעליאָ האָט באַלד דערקענט זיינע געניאַלע פעהיגקייטען, און נאָכ־דעם ווי ער האָט איהם באַזאָרגט מיט אַ לעהרער צו ערלערנען די דייטשע שפּראַך, איז ער אויפגענומען געוואָרען. צוליעב זיין פאָטער'ס כבוד, וואָס דער שטודיום איז איהם ניט געווען לרצון, איז ער לאַנג ניט פאַרבליבען אין קעניגסבערג, וואו רבי ישראל פלעגט אָפט קומען, און איז אַוועק ענדיגען זיין שטודיום אין דער שטאָדט יענאַ. געענדיגט און געמאַכט זיין דאָקטאָר עקזאַמען מיט גרויס אויסצייכנונג, איז ער פון דאָרטען אַוועק קיין פּעטערבורג צו פאַרפאָלקאָמען זיין שטודיום אום צו קענען ווערען אַ פּראָפעסאָר. דעם טיטול „מאַגיסטער" האָט ער באַקומען פאַר זיין געניאַלער ערפינדונג, אַ מין רעכען־מאַשין, וואָס וואַנדעלט אום גראַדלויפענדע ליניען אין רונדע ליניען. די דאָזיגע ערפינדונג איז באַוואוסט אין דער וויסענשאַפטס־וועלט אונטער'ן נאָ־מען „פּאַראַלעלאָגראַם"־ אָדער „מעכאַניזם־ליפּקין". איינער פון די גרעסטע ענגלישע מאַטעמאַטיקער פון יענער צייט האָט גראַטולירט די פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק אַרויס־צוגעבען אַזאַ געלעהרטען, וועמעס נאָמען וועט גלענצען פאַר אַלע צייטען, און דאָס זיין וויכטיגע ערפינדונג האָט געבראַכט גליק און זעגען פאַר דער מענשהייט.

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט שטודירט האָט ער פון פאָטער קיין שום שטיצע ניט באַקומען און איז געווען אָנגעוויזען אויף זיך אַליין צו פאַרדינען אויף אַ לעבען צו מאַכען. אַ דאַנק זיין תמימות און עניוות האָט ער קיינמאָל ניט פאַרדינט אַזוי פיעל אויף צו קענען זיך זאַט אָנעסען און כמעט זיין גאַנצען לעבען צוגעהונגערט. אין די אינטעליגענטע הייזער, וואו ער פלעגט פאַרקעהרען, האָט ער ניט גע־וואָלט עסען צוליעב טרפות, און אַזוי איז זיין קערפּער אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אַז ער האָט ניט געהאַט די קרעפטען אַריבערצוטראָגען די פּאָקען־קראַנקהייט, וואָס האָט איהם געכאַפּט אין יאָהר 1876 און איז אין איינינגע טעג שפּעטער געשטאָרבען, אין זיין ניט־פאַרענדיגטען 30טען לעבענס־יאָהר. די פּעטערבורגער קהלה, וועלכע האָט זיך וועניג־וואָס פאַר איהם נע'דאגה'ט בחייו, האָט אויף זיין קבר אַוועקגעשטעלט אַ פּרעכטיגע מצבה.

געוועהנליך איז רבי ישראל'ן ניט שטאַרק ניחא געווען וואָס זיין זוהן איז אַוועק אין אַנדערע דרכים. אָבער די מעשה וואָס געהט אַרום, אַז רבי ישראל איז געזעסען „שבעה" בעת ער האָט דערהערט אַז דער זוהן איז אַוועק שטודירען, און אַז בעת ער איז געשטאָרבען האָט ער קיין שום אבילות ניט געפּראַוועט, איז אַ פּשוט'ע לעגענדע.

ווי ווייט מיר איז באוואוסט, האט ער זעהר געטרויערט בעת ער איז געשטארבען און טאקע שבעה געזעסען, אבער ניט דאמאלסט בעת ער איז אוועק פון איהם. רבי ישראל האט בכלל ניט ליעב געהאט צו ריידען וועגען דעם דאזיגען זוהן, נאר איינמאל איז ער ארוים אין דער עפענטליכקייט אין „המגיד" (1865) אלס אן ענטפער אויף א באמערקונג פון דעם רעדאקטאר, אז רבי ישראל איז א גרויסער פריינד פון השכלה, א סימן איז, אז ער האט זיין אייגענעם זוהן געשיקט שטודירען. דארויף האט רבי ישראל געענטפערט: „ניט אזוי וואס ער האט זיין זוהן ניט געשיקט קיין קעניגסבערג שטודירען, נאר זיין הארץ טהוט איהם שרעקליך וועה, וואס זיין קינד איז אוועק אויף אן אנדער דרך. אזוי ווי ער איז נאך יונג און ניט ערפאהרען, בעט ער אלע זיינע באקאנטע, אפשר איז מעגליך זיי זאלען איהם קענען באאיינפלוסען, ער זאל זיך צוריקקעהרען".

אפילו נאכדעם ווי רבי ישראל האט שוין עפענטליך ערקלעהרט, אז ער איז געגען זיין זוהן'ס שטודיום, האבען נאך אלץ די משכילים פון יענער צייט אויסגענוצט רבי ישראל'ס נאמען פאר פראפאגאנדע, און ביי יעדער געלעגענהייט אנגעמערקט, אז דער גרויסער צדיק רבי ישראל איז אויך א גרויסער אנהענגער פון השכלה, א סימן, אז ער האט זיין אייגענעם זוהן געשיקט שטודירען.

באמת איז רבי ישראל טאקע געווען א פריינד פון בילדונג און וויסענשאפט, אבער ניט פון אהבת השכלה, נאר האלטענדיג פון ווילנער גאון'ס שיטה, „אז צו דערגרייכען גרינדליך די חכמה פון אונזער תורה איז נויטיג צו וויסען אויך אנדערע חכמות", און דעריבער איז טאקע ביי רבי ישראל'ן רעכט געווען צו פארברענגען מאנכעס־מאל גאנצענע טעג אין די ביבליאטעקען צו דערגעהן גרינדליך א הלכה וואס האט א שייכות מיט אנאטאמישע און פיזישע וויסענשאפט. עס האט איהם אויך ניט אפגעהאלטען פון צו מאכען זאגאר נסיעות צוליעב אזא ענין, און איינמאל זייענדיג אין מעמעל איז איהם קשה געווען א שאלה אין הלכות נשים, און אום דאס צו קענען גוט פארשטעהן, איז נויטיג א ידיעה אין אנאטאמיע. אזוי ווי די מעמלער דאקטוירים האבען ניט פארשטאנען איהם צו געבען א באפרידיגענדע אויסקונפט, האט ער ניט געקלערט און גלייך אוועקגעפאהרען קיין גארזד (א רוסישע שטעדטעל ביים פרייסישען גרענעץ), דארטען האט זיך געפונען א געוויסער דאקטאר יהודה אראנסאן, א געוועזענער ישיבה־בחור, מיט דער מיינונג, אז ער, אלס תלמודיסט און געלעהרטער, וועט בודאי וויסען ווי אוועקצושטעלען דעם דין, אז עס זאל ניט זיין קיין סתירה צו די אנאטאמישע כללים.

רבי ישראל האָט פאַרבראַכט אַ טרויעריגען עלטער. עלענד און פאַרלאָזען האָט ער אין די לעצטע פאָר יאָהר פון זיין לעבען זיך געפונען אין פּאַריז. דערצו האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט זיין נערוועז־קראַנקהייט און זיין ראיה איז שוואַכער געוואָרען. דעריבער האָט ער מיט גרויס צופרידענהייט אָנגענומען די אויפפאָדערונג פון דער קעניגסבערגער רוסישער פּוילישער קהלה צו קומען אַהין באַפעסטיגען די אידישקייט, וואָס האָט אָנגעהויבען שוואַכער צו ווערען נאָכ׳ן מלבי״ם׳ס אַרויספאָהרען. אָבער קומענדיג אין קעניגסבערג איז ער קראַנק געוואָרען און אין אייניגע חדשים אַרום איז ער געשטאָרבען, ביום כ״ח לחודש שבט, אין יאָהר תרמ״ג.

זיין טויט האָט אַרויסגערופען אַ נאַציאָנאַל־טרויער. כמעט אין אַלע אידישע שטעדט איבער דער גאַנצער וועלט האָט מען איהם מספיד געווען און אַ גאַנצע ליטעראַטור פון הספדים אויף רבי ישראל׳ן איז געשאַפען געוואָרען.

בעת די ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזען זיינע קינדער איז באַשטאַנען בלויז אין אַן אַלטען טלית ותפילין, האָט ער זיין פאָלק נאָכגעלאָזען אוצרות פון אידעען. און אויב אפילו ער האָט ניט געהאַט די הצלחה זיי צו פאַרווירקליכען אין לעבען, האָט ער אָבער זיך געגנוג פאַרדינט געמאַכט מיט׳ן אָנווייזען דעם וועג ווי צו געהן — און מעגען איצט קומען אַנדערע און עס פּראַקטיש דורכפיהרען.

קיין פיעל ספרים האָט רבי ישראל ניט געשריבען. ער האָט נאָר אַ פּאָר קליינע ספרים געדרוקט, אָבער נאָך זיין טויט האָבען צוויי פון זיינע תלמידים, רבי יצחק בלאַזער און דער גאָלדינגער רב, רבי שניאור זלמן, אַרויסגעגעבען אַ טהייל פון זיינע כתבים. דער ערשטער ספר איז „אור ישראל“ און דער צווייטער — „אבן ישראל“.

אינטערעסאַנט איז, אַז רבי ישראל איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געשאַפען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל פאַר דער לומד־ישער וועלט, און דאָס איז געווען דער זשורנאַל „התבונה“, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אין מעמעל אונטער זיין רעדאַקציע אין די יאָהרען תרכ״א—תרכ״ב. אין יעדער חוברת האָט זיך געפונען רבי ישראל׳ס אַ מאמר, צו אַ פּלפּול אין הלכה אָדער אַ חקירה אין מוסר, און באַטייליגט האָבען זיך די גרעסטע גאונים פון יענער צייט, ווי, למשל: רבי צבי קאַלישער, רבי אליהו גריידיצער, רבי יוסף שאול נאַטאַנסאָן, רבי שלמה קלוגער, רבי יצחק אלחנן, רבי יוסף בער, רבי יחיאל העליר, רבי אלעזר משה הורוויץ, רבי מרדכי גימפּעל, רבי שמואל אביגדור, רבי אלכסנדר משה לפּידות, רבי מאיר אויערבאַך און רבי שמואל סאַלאַנט פון ירושלים און נאָך אַנדערע.

רבי ישראל מיט זיין אָריגינעלער וועלט־אַנשויאונג האָט אַרויסגע־רופען גרויס התפעלות ניט בלויז ביי זיינע צייט־גענאָסען, נאָר אויך היינט, ווען מען באַטראַכט אַז אַ מענש, וואָס זיין גאַנצע לעבענס־אויפגאַבע איז געווען, די מענשען ווי ווייט מעגליך גליקליך צו מאַכען; געוואָלט, אַז אַלע אָרימע לייט זאָלען זיין רייך און הנאה האָבען פון עולם הזה, און ער אַליין האָט ניט געוואָלט קיין שום הנאה האָבען פון דער וועלט, אָפּגעלעבט זיין גאַנצען לעבען מעשה נזיר, אין גרויס צער און דחקות, אַז ער האָט אפילו קיינמאָל ניט געזוכט צו פאַרזאָרגען זיינע קינדער מיט אַ בעסערען לעבען און מעהר גע׳דאגה׳ט פאַר זייער „חיים של יראת שמים” ווי פאַר זייער „חיים של פרנסה”. ער האָט קיינמאָל ניט אויסגענוצט זיין השפעה אויף באַקאַנטע גבירים צוליעב אַ טובה פאַר זיינע אייגענע קינדער, וואָס ער פלעגט דאָס שטענדיג טהאָן פאַר פרעמדע, פשוט, ווייל זיינע אייגענע קינדער האָט ער באַטראַכט ווי אַ חלק פון זיין איך, און אַזוי ווי ער אַליין וויל קיין הנאה ניט האָבען פון דער וועלט, אַרט איהם ניט אַז די קינדער זאָלען דאָס אויך ניט האָבען. באַטראַכטענדיג דאָס אַלץ, מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז ער האָט באַזעסען אַ וואונדערבאַרע הויכע נשמה, וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אפשר איינמאָל אין הונדער־טער יאָהרען.

# רבי יצחק אלחנן

געבאָרען אין ראָש תקע״ז, געשטאָרבען אין קאָוונא אדר תרנ״ו.

ניט אַכטענדיג וואָס אין די רבני׳שע קרייזען איז אפשר רבי יצחק אלחנן ניט אָנערקענט געוואָרען פאַר׳ן גרעסטען גאון פון זיין צייט, דאָך האָט איהם די וועלט געקרוינט מיט׳ן טיטול „רבן של כל בני הגולה“ און „גדול הדור“ פאַר אַ משך פון דרייסיג יאָהר, אַז אויך די גרעסטע רבנים, זיינע אַמאָליגע חברים, האָבען זיך געמוזט בייגען צו זיין אויטאָריטעט. פון אַלע עקען וועלט האָבען זיך רבנים געווענדעט צו איהם מיט שאלות ותשובות, ווי צו דעם מהר״ם מרוטענ־בערג און צום „חתם סופר“ אין זייערע צייטען, און מיט זיינע פסקים האָט מען זיך גערעכענט ווי מיט אַ פסק פון שולחן ערוך.

זיין גרויסע אויטאָריטעט האָט זיך ניט באַשרענקט בלויז אויף לומדי׳שע ענינים אַליין, נאָר גרויס איז אויך געווען זיין השפעה אויף אַלע אידישע כלל ענינים. באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין קאָוונא האָט ער די שטאָדט געמאַכט פאַר׳ן צענטער פונ׳ם רוסישען יודענטום. אָהן שום אַגיטאַציעס, אָהן שום וואַהלען איז ער באַשטעטיגט גע־וואָרען פון כלל־ישראל פאַר׳ן „פרנס הדור“, פאַר אַ משך פון צוויי און דרייסיג יאָהר וואָס ער האָט געלעבט אין קאָוונא. קיין רב אין זיין צייט איז ניט אַזוי באַליבט און געאַכטעט געוואָרען פון אַלע פאַרשידענע קלאַסען, ווי רבי יצחק אלחנן. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז זיין קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבען אין רעכטען ברען פון דער השכלה־עפּאָכע, בעת די משכלים האָבען געפיהרט ביטערע קעמפּפע מיט דער תורה און מיט די רבנים; אַז רבי יצחק אלחנן האָט געלעבט אין דערזעלבער שטאָדט און אין דערזעלבער צייט, ווען ס׳איז אַרום דער „עיט צבוע“, וואו דאַרטען ווערט אַ בידנעסטער שרייבערל אָדער אַן אַפּטייקער אַ בעל־עבירה, העכער געשטעלט אין מאָראַל און אין מענשליכקייט פאַר אַ רבי ישראל סאַלאַנטער, און פונדעסטוועגען האָבען אַלע משכלים זיך באַצויגען צו איהם מיט גרויס רעספּעקט. רבי יצחק אלחנן איז כמעט געווען דער איינציגער גרויסער רב אין זיין צייט, וועמען די משכילים האָבען געשוינט, ניט קוקענדיג וואָס זיין גאַנצע הנהגה איז געווען פון אַ פאַרצייטיגען רב, ביי וועלכען די

לשון־קודש׳דיגע ביכלאך זיינען טריף געווען און אין א אידישער צייטונג אויך נאר אריינגעקוקט בלאחר־יד.

דער פראסטער עולם האט איהם געוואלדיג פארגעטערט, כאטש ער האט זעלטען ווען געהאט די זכיה איהם צו הערען ריידענדיג. רבי יצחק אלחנן איז בכלל געווען א שוואכער רעדנער, און זיין גאנצען רעדען פאר׳ן עולם האט זיך באשרענקט אויף צוויי שבתים אין יאהר: שבת הגדול און שבת תשובה. און ווי געוועהנליך זיינען די דרשות באשטאנען פון טיפע פלפולים און חלוקים וואס נאר יחידי סגולה האבען דאס פארשטאנען. העכסטענס האט דער עולם געקענט פארשטעהן די עטליכע דינים פון פסח, וואס ער פלעגט זיך נוהג זיין צו זאגען נאכ׳ן פלפול, אבער די אלע דינים האט דער עולם שוין אליין געוואוסט פון דער הגדה מיט עברי־דייטש.

איבער די חביבות פון המון צו רבי יצחק אלחנן פלעגען ארומגעהן זעהר פיעל מעשיות. איך וויל דא נאר איבערגעבען א קליינעם פאקט, וועלכער איז פארגעקומען אין ווילנא, וואס כאראקטעריזירט אמבעסטען דעם גרויסען רעספעקט וואס דער המון האט געהאט פאר איהם, אפילו די, וועלכע האבען איהם גארניט געקענט. בעת רבי יצחק אלחנן איז געקומען קיין ווילנא אויף רבי מתתיהו שטראשון׳ס לויה, און ווי ער איז ארוים, צוזאמען מיט זיין שמש, פון וואקזאל זיך צו זעצען אויף א דראזשקע אריינצופאהרען אין שטאדט, האבען אלע אידישע בעלי־עגלות זיך אנגעפאנגען צו בעטען ער זאל מיט זיי פאהרען. איינער האט אבער אלעמען אריבערגעשריען און ניט ווי מיט זיין קול האט ער אנגעפאנגען צו שרייען: „געוואלד רבי, האט רחמנות!" רבי יצחק אלחנן, דערהערענדיג דאס ווארט „רחמנות", האט ער זיך שוין אריינגעזעצט אין זיין קארעטקע, כאטש דער בעל־עגלה האט אויסגעזעהן פראסט און מגושמ׳דיג, און איז מיט איהם ארומגעפאהרען דעם גאנצען טאג און שפעטער אויך צוגעפאהרען מיט איהם צום וואקזאל אויף אוועקצופאהרען צוריק קיין קאוונא. דעם רב׳ס שמש האט דאן דעם פורמאן געפרעגט וויפיעל ער האט צו צאהלען פאר די אלע יאזדעס, האט דער פורמאן אויף איהם דערלאנגט א געשריי, ווי ערלויבט ער זיך איהם צו באליידיגען, צו וועלען באצאהלען פאר׳ן פיהרען דעם רבי׳ן. רבי יצחק אלחנן אליין איז צוגעגאנגען און זיך געבעטען רחמים ביים פורמאן, ער זאל זיך לאזען באצאהלען, ווייל ער ברענגט איהם דורכדעם צו אן עבירה. אויך אנדערע מענשען האבען זיך אריינגעמישט. עס האט אבער ניט געהאלפען. דער פורמאן האט געכאפט און געשווארען ביי ווייב און קינדער, אז ער וועט קיין געלד ניט נעהמען. נאכדעם ווי רבי יצחק אלחנן איז אוועקגעפאהרען גיט דער פורמאן א זאג צו די ארומיגע: „געכאפט א יאלד ווער עס

וועט נעהמען געלד פאר אזא מצוה!" — אך, וויפיעל הארציגקייט און נשמה עס ליגט אין די דאזיגע איינפאכע ווערטער!...

ניט ווענינער געשעצט און רעספעקטירט איז ער געווארען אויך פון דער רוסישער נאטשאלסטווע, מיט וועלכע ער איז אפט געקומען אין באריהרונג, בעטענדיג ביי זיי טובות פאר יחידים. און דאס איז ווירקליך א חידוש, ווייל צוזאמענריידען זיך מיט זיי האט ער ניט געקענט און פלעגט שטענדיג מוזען מיטנעהמען א דאלמעטשער, נאר בעת דער דאלמעטשער פלעגט פארלעגען זיין בקשה, פלעגט ער שטעהן און צושאקלען מיט'ן קאפ און מיט זיינע פארוויינטע באַ־צויבערנדע אויגען פלעגט ער ארויסרופען רחמנות ביי די ערגסטע נאטשאלסטוועס און מבטל געמאכט די שווערסטע גזירות, וואס די באריהמטעסטע אדוואקאטען מיט זייערע געשליפענע צינגער האבען דאס ניט געהאט בכח.

פאר דער צייט וואס ער איז געווען רב אין קאוונא האבען דארט רעגירט פארשידענע גובערנאטארס, גוטע און שלעכטע, און כמעט ניט איינער פון זיי איז אפגעפאהרען פון קאוונא, וואס ער זאל ניט קומען זיך געזעגענען מיט דעם רב. דער גובערנאטאר גענעראל מעל־ניצקי האט פאר'ן אפפאהרען דערלאנגט דעם רב זיין בילד און געבעטען דעם רב'ס בילד צום אנדענקען. אין באזונדערע פריינדליכע באַצי־הונגען איז ער געשטאנען מיט דעם גובערנאטאר באראנאוו, א ליבע־ראל און א באוואוסטער אוהב ישראל, וועלכער איז אמאל, אין א מיטענוואכעדיגען מיטוואך אנגעפאהרען צום רב, ניט אנגעמעלדעטער־הייט, צו זעהן ווי דער רב זעהט אוים אין דער היים. געפונען האט ער א פולע שטוב מיט מענשען, ווי שטענדיג: דא זיינען געזעסען יונגע לייט און געלערנט אין לערנען; דא א אידענע מיט א שאלה; דא אורחים פון ארומיגע שטעדט און אין מיטען קומט אריין דער בריעפטרעגער און גיט אפ א פאק בריעף. באראנאוו איז נתפעל גע־ווארען, ווי אז אלטער מאן קען זיך נאך אזוי איספראווען און אליין צוגעבען די אונגערעכטיגקייט פון די רוסישע געזעצען, אז אזא מאן ווי רבי יצחק אלחנן טאר ניט באטרעטען אפיציעל די שטעלע פון א רב, און העכסטענס קען ער דיענען אלס געהילף פון א קאזיאָנעם רב...

די ערשטע באקאנטשאפט פון גובערנאטאר באראנאוו מיט רבי יצחק אלחנן איז פארגעקומען אונטער די פאלגענדע אומשטענדען:

אין דער צייט פון די פאגראמען אין יאהר 1882 האט זיך געבילדעט אין קאוונא א קאמיטע אונטער'ן פארזיץ פון רבי יצחק אלחנן צו זאמלען אין דער וועלט נדבות פאר די געליטענע שטעדט. אזוי ווי ס'איז נויטיג געווען צו שרייבען בריעף קיין אויסלאנד אין דייטש, ענגליש און פראנצויזיש, האט דער קאמיטעט צוגעצויגען צו דער אר־

מיט איינעם א שטודענט זיוו (וועלכער געפינט זיך היינט ביי אונז אין ניו יארק אויף דער איסט סייד, דער באוואוסטער דאקטאר הענרי זיוו). אין מיטען א מיטינג אין רב׳ס הויז איז אמאל ארייננעקומען אונגעריכטערהייט דער גובערנאטאר באראנאוו און אנגעמעלדעט די אנוועזענדע, אז ער האט א וויכטיגע זאך מיטצוטהיילען דעם רב, וואס קיין זייטיגע דארפען דאס ניט הערען, און געבעטען, אז אלע זאלען זיך דערווייטערען. דער רב איז געבליבען אין גרוים פארלע־גענהייט, דען ער האט ניט פארשטאנען וואס דער גובערנאטאר וויל דא האבען. דא איז צוגעגאנגען דער שטודענט זיוו צום גובערנאטאר און איהם ערקלעהרט, אז דער רב פארשטעהט ניט א ווארט רוסיש, און אפשר איז מעגליך אז ער זאל איהם ערלויבען צו בלייבען פאר א דאלמעטשער, צוגלייך איהם פארזיכערענדיג, אז ער ווייס ווי צו האלטען א סוד. דער גובערנאטאר האט מסכים געווען און אויסגע־זאגט דעם סוד, אז דער פאליציי־דעפארטמענט פון פעטערבורג האט אהער געשיקט צוויי שלוחים צוצוגרייטען אין קאוונא א פאגראם, און צוליעב דעם צוועק איז ער געקומען צום רב זיך מישב זיין, וואס מען הויבט אן צו טהאן. דער רב האט זיך שרעקליך פונאנדער־געוויינט, איהם געבעטען רחמים אנצואווענדען אלע כחות דאס צו פארהינדערען. די טרעהרען האבען אויף באראנאוו׳ן א גרויסען רושם געמאכט, ער איז תיכף אוועק קיין ווילנא צום גענעראל גובערנאטאר טארטלעבען, וועלכער האט געגעבען א באפעהל דיביידע פאגראמ־שטשיקעס משלח צו זיין פון קאוונא.

דער איינציגער פון אלע רוסישע הויכע בעאמטע, מיט וועמען ער פלעגט זיך קענען אליין צוזאמענריידען, איז געווען דער גענעראל רייכבערט, דער פאליציימייסטער פון קאוונא, וועלכער האט פארשטאנען דייטש (דאס מיינט מען אידיש) און דער רב האט איהם געמאכט פאר אן אוהב ישראל. בעת רייכבערט איז פארזעצט געווארען פאר אן אויבערפאליציימייסטער אין ריגא, זיינען דאמאלסט פארגעקומען גירושים אויף אידען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין וואוינרעכט אין ריגא. צווישען די וואס האבען געדארפט ווערען אויסגעוויזען איז אויך געווען איינער פון קאוונא. פרעגט איהם רייכבערט אין א שפאס, אויב ער קען רבי יצחק אלחנן, און אז דער איד האט איהם געענטפערט, אז ניט נאר ער קען איהם, נאר אז ער האט יאהרען־לאנג געדאווענט אין זיין בית־מדרש, האט איהם רייכבערט תיכף ארויסגעגעבען א פא־פיר, אז ער מעג בלייבען אין ריגא.

אין וואס איז טאקע באשטאנען דער כח פונ׳ם דאזיגען פארציי־טיגען, אלטמארישען רב? א רב וואס איז אויפגעוואקסען און אפגע־לעבט דאס רוב יאהרען אין קליינע שטעדטלאך; וואס האט קיין שום

וועלטליכע בילדונג ניט געהאט; וואס זיין מח איז תמיד באשעפטיגט געווען מיט תקנות עגונות, אדער א שטייגער ווי צו שרייבען דעם נאמען „דוואסע“ אין א גט; אויב אומה הסרוכה לדופן איז טריפ, וכדומה? — צו ווערען אזוי באליעבט און געשעצט פון גובערנאטארען און גענעראלען, וועלכע האבען צומאל זיך מיט איהם ניט געקענט צוזאמענריידען? ווי עס שיינט איז אין זיין פאטריארכאלען אויס־זעהן, אין זיינע וואונדערבאר שעהנע און גוטמוטיגע אויגען, אין זיינע אויפריכטיגע און ניט־געקינצעלטע פריינדליכקייט געלעגען א מאגנע־טישער צויבער, וואס האט צוגעצויגען אלעמען, וועלכע זיינען געקומען מיט איהם אין באריהרונג.

נאך מעהר חידוש איז געווען דער גרויסער רעספעקט און די אויפריכטיגע ליעבשאפט צו איהם מצד די משכילים און ראדיקאלען, ניט קוקענדיג וואס ער איז געווען עקסטרים ארטאדאקסיש, ווי אלע פארצייטיגע רבנים, און געשטרעבט כל ימיו צו פארשפרייטען תורה און יראת שמים — אט דאס וואס זיי רופען „פינסטערניש“. נאך מעהר: אין זיין צייט האבען זיך שוין געפונען א רעכט ביסעל רבנים מיט וועלטליכע בילדונג, גוט פארשטאנען די רוסישע שפראך, גע־שריבען א ריינעם מאדערנעם העברעאיש און בכלל פאראייניגט תורה מיט השכלה, און דאך האבען די משכילים פון זיי קיין גרויסען פירוש ניט געמאכט. פיעל מיינען, אז זיין באליעבטהייט קומט פון זיין „כחא דהתירא“, אבער דאס איז א טעות, און ווער עס איז באקאנט מיט זיינע תשובות, סיי וואס געפינען זיך אין זיין „באר יצחק“ און „נחל יצחק“ און סיי אין אנדערענס ספרים, דער ווייסט, אז מאנכעס מאל איז ער מחמיר וואס אנדערע פון די אחרונים האבען מקיל געווען. בכלל האט ער מיט זיין גאנצער ברייטקייט זיך ניט ערלויבט אריבערצופסק׳ענען אפילו די לעצטע נושאי כלים פון שלחן ערוך, העכסטענס א „נודע ביהודה“ אדער א „חתם סופר“ און אפשר אמאל א „פרי מגדים“, און אליץ נאר וואו עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א הפסד מרובה.

דער טעות, אז רבי יצחק אלחנן איז געווען א גרויסער מקיל נעמט זיך אפנים דערפון, וואס צוליעב זיין מזג־טוב, זיין ברייט הארץ פול מיט צער און רחמנות, איז ביי איהם רעכט געווען אפצוזיצען טעג און נעכט וועגען א שאלה טאמער לאזט זיך געפינען א היתר אום מציל צו זיין א אידען פון א שאדען און פון הארצוועהטאג. בעת עס פלעגט פארקומען פאר איהם א שאלת הריאה, האט ער ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען די גרויסע יסורים וואס דער ארימער קצב וועט האבען אז די בהמה וועט טריפ ווערען, און אז דורכדעם וועלען די ארימע לייט מוזען צאהלען טייערער פאר כשרה פלייש. וואס מעהר דער שאדען איז גרעסער געווען איז ביי איהם אליץ שטארקער געווען

דער רחמנות, און געטהאן אלץ מעהרער און מעהרער זוכען און זיך פארטיפען כדי צו געפינען א היתר. און ווער רעדט נאך ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען מתקן זיין א פינסטערע עגונה. דא איז שוין רעכט געווען צו ארבייטען חדשים לאנג אויף צו געפינען א היתר, זיך תמיד פארשטעלענדיג דעם גרויסען צער פון דער אידישער טאכ־טער, אז איהר לעבען און איהר צוקונפט ליגען אין זיינע הענט.

זיין אונבאגרעניצטע מענשען־ליעבע, זיין גוט הארץ, האט איהם ניט צוגעלאזען צו קענען זיין א קנאי און רודפ׳ן מענשען מיט אנדערע אידעען, ווי עס האבען געטהאן פיעל פון די רבנים אין זייער קאמפף מיט דער השכלה.

באמת איז רבי יצחק אלחנן אפשר געווען ניט ווייניגער נעגנער פון דער השכלה ווי א רבי יוסף בער, ווי א רבי שמואל אביגדור אדער ווי רבי יוסף זכריה. זיין שיטה איז אבער געווען אן אנדערע. ניט מיט זלזולים, ניט מיט רדיפות און התרחקות האט ער געזוכט זיי צו באקעמפפען, נאר דוקא מיט התקרבות, מיט פריינדליכקייט און צערטליכקייט, מיט הארציגע רייד פלעגט ער זוכען זיי צו באקעהרען און ארויספיהרען אויפ׳ן דרך הישר, און אויב דאס האט ניט געהאלפען, איז ביי איהם רעכט געווען זיך צו בעטען מיט תחנונים און מיט טרעהרען אין די אויגען, אז זיי זאלען כאטש ניט ערגער ווערען.

דערמיט ערקלעהרט זיך טאקע די גרויסע סימפאטיע און רעס־פעקט פון די היינטיגע צו דעם דאזיגען אלטען פארצייטיגען רב. איינער א באקאנטער מיינער האט מיר דערצעהלט, אז בעת ער איז געווען א שטודענט, איז איהם אמאל אויסגעקומען צו פארברענגען א שבת אויף א זומער־פלאץ נעבען קאוונא, וואו רבי יצחק אלחנן פלעגט ארויספאהרען אלע זומער. אזוי געהענדיג א קאמפאניע שטו־דענטען צוזאמען מיט מיידלאך, אלע מיט די שטעקענס, אנדערע אויך מיט ציגארעטלאך אין מויל און פלוצלונג קומט זיי אנטקעגען רבי יצחק אלחנן. די ציגארעטען באלד אוועקגעווארפען, די שטעקענס באהאלטען פון הינטען און אלע מיט אמאל א זאג געטהאן: „גוט־שבת, רבי!“ און כאטש ער האט באמערקט די באהאלטענע שטעקענס, האט ער זיך געמאכט ניט זעהענדיג און מיט גרויס פריינדליכקייט זיי נעענטפערט: „א גוט יאהר אייך, קינדערלאך!“ איהם איז ניחא געווען וואס זיי שעהמען זיך כאטש.

רבי יצחק אלחנן׳ס ברייט הארץ, פול מיט צער און רחמנות אויפ׳ן כלל און אויף יעדען יחיד, האט איהם ניט געלאזט פארבלייבען איינגעשלאסען אין די ד׳ אמות של הלכה, צו וואס ער איז פון דער נאטור געשאפען געווארען. צו אלעמענס וואונדער איז פון דעם דא־

זיגען געבארענעם בטלן, פון דעם אונגעוועהנליכען מתמיד, וואס האט אין משך פון יאהרען געלעהרענט ניט וויניגער פון אכצעהן שעה אין מעת־לעת, אויסגעוואקסען דער איינפלוסרייכסטער און פראדוקטיווסטער כלל־טהוער אין זיין צייט. דיקטירט פון הארץ־געפיהלען האט רבי יצחק אלחנן ניט געקענט זיין וועהלעריש אין זיין כלל־ארבייט און דעריבער איז זיין טהעטיגקייט תמיד געווען פיעלזייטיג און בונט־פארביג. אין דערזעלבער צייט וואס ער האט זיך משתדל געווען וועגען פארלייכטערען די גזירות פון פראוואזשיטעלסטווא, וועגען געבען אידען מעהר בירגער־רעכט און מענשען־רעכט — האט ער זיך צוגלייך משתדל געווען פאר איינעם א קליינשטעדטעלדיגען רב, אז מען זאל איהם מוסיף זיין אויף זיינע שכירות. אין דערזעלבער צייט וואס ער האט צושיקט קול־קורא׳ס צו אלע גבירים אין רוסלאנד און אויסלאנד, צו העלפען געליטענע פון פאגראמען; אויפריכטען אפגעברענטע אידישע שטעדט; צו שטיצען די ישיבות און די כוללים; איינצוריכטען כשר׳ה קיכען פאר סאלדאטען — האט ער אויך פונאנדערגעשיקט קול־קורא׳ס אין אלע אידישע שטעדט, אז מען זאל ניט מסיג־גבול זיין א רב אדער א שוחט, אז מען זאל ניט נוצען מארגארינע צוליעב א חשש־חלב, אז מען טאר ניט געברויכען קארפירער אתרוגים וכדומה. די זעלבע פאסט וואס האט אוועקגעפיהרט זיינעם א בריעף צו באראן גינצבורג אדער צו איינעם פון די ראטשילד׳ס מיט א בקשה פאר׳ן כלל, האט אויך אוועקגעפיהרט זיינעם א בריעף צו א בעל־הבית ערגעץ אין א קליין שטעדטעל מיט א בקשה, ער זאל כאטש נאך א האלב יאהר געבען זיין איידעם קעסט, ביז ער וועט ראוי זיין צו באקומען סמיכה פאר א רב! א חוץ דעם, די אונצעהליגע רעקאמענדאציאנס־בריעף וואס ער פלעגט געבען צו רבנים און מגידים, צו געפאלענע בעלי־בתים וואס האבען נויטיג געהאט ארומצופאהרען איבער דער וועלט זיך צו פארהעלפען און צו עמיגראנטען וואס פאהרען קיין אמעריקא, אדער א שטייגער, געבען א בריעף צו פראפעסאר שרייבער אין קעניגסבערג אריינצונעהמען אן ארימען חולה אין קליניק; צו ראטשילד׳ס קראנקענהויז אין זאדען, ביי פראנקפורט, פאר איינעם א הארץ ליידענדען; צו דר. הילדעסהיימער אין בערלין פאר איינעם וואס האט נויטיג א קור אין א דייטשען באדע־ארט וכדומה. און דאס אלץ האט ער געטהאן אין דערזעלבער צייט וואס ער איז געווען אריינגעטהאן אין ענטפערן תשובות אויף שווערע און קאמפליצירטע שאלות. און נאך אלעם דעם האט ער נאך געפונען צייט צו פיהרען קאוונער רבנות און זיך צו אינטערעסירען פאר אלע לאקאלע אינסטיטוציעס.

רבי יצחק אלחנן איז געווען כמעט דער ערשטער, וועלכער האט

געשאַפן אַ נאָהענטע פאַרבינדונג צווישן די מערב און מזרח־אידן. וואָס אין די לעצטע הונדערט יאָהר האָבן זיי זיך שטאַרק דערווייטערט איינער פון אנדערן. די איינציגע אינטערעסע וואָס די מערב־אידן, וועלכע האָבן זיך תמיד געפונען אין אַ בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָבן נאָך געהאַט צו זייערע „אָרימע גלויבענסגענאָסן אין אָסטן", איז באַשטאַנען — מיט אויסנאַהמע פון משה מאָנטעפיאָרע — אין ספּענדן גראָשענס צו די „שנאָרערס" פון רוסלאַנד, פּוילען און גאַליציע.

רבי יצחק אלחנן, און שפּעטער דר. רילף פון מעמעל, האָבן פאַרשטאַנען צו וועקן די פאַרשלומערטע ברודער־ליעבע, און ביי יעדער עת־צרה — און צרות האָבן קיינמאָל ניט געפעהלט — האָבן זיי זיך געווענדעט צו די דייטשע, פראַנצויזישע און ענגלישע אידן און געהאַט גרויס ערפאָלג, און דער ערפאָלג איז געווען ניט בלויז אַ מאַטעריעלער, נאָר אויך אַ מאָראַלישער. זיי האָבן ארויסגערופן ביי די גרויסע אידישע מאַגנאַטן סימפּאַטיע צו זייערע עלענדע און פאַרפאָלגטע ברידער, וואָס האָט מאַנכעסמאָל געפיהרט אויך צו אַ פּאָליטישן ערפאָלג. דאָס וואָס די ראָטשילד׳ס פלעגן מאַכן שוועריגקייטן דער רוסישער רעגירונג ביים מאַכן אויסלענדישע הלוואות, האָט פיעל בייגעטראָגן, אז די פינאַנץ־מיניסטאָרן אין רוסלאַנד פלעגן תמיד זוכן צו פאַרלייכטערן דעם אידישן מצב. מיט דעם פאַרבינדונגס־בריק, וואָס רבי יצחק אלחנן האָט אָועקגעשטעלט צווישן מזרח און מערב, האָט אויך פיעל פאַרלייכטערט דאָס אריינדרינגען פונ׳ם ציוניזם אין די הערצער פון די אַסימילירטע וועסט־אייראָפּעאישע אידן.

רבי יצחק אלחנן איז געשטאַנען אין שטענדיגער קאָמוניקאַציע מיט די איינפלוסרייכסטע אידן פון אַלע מדינות; אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו צייגן זיי זיין טהיילנאַהמע אין זייער לייד און פרייד. אַ ברכת מזל־טוב צו נתנאל ראָטשילד בעת ער איז געוואָרן אַ „לאָרד"; אַ מכתב־תנחומים צו באַראָן הירש, בעת זיין זוהן איז געשטאָרבן און דאָס אייגענע אויך מיט די רוסישע מאַגנאַטן: די פּאָליאַקאָוו׳ס, די באַראָנען גינצבורג׳ס וכדומה, דעריבער פלעגן זיי זיך אָפּרופן מיט אַ ברייטער האַנד צו יעדער עת־צרה, ווען ער האָט זיך געווענדעט צו זיי וועגן הילף.

אויך וועגן אנדערע כלל־ענינים, אַ חוץ געלד־שטיצע, פלעגט ער זיך אָפּט ווענדען צו די אידישע פיהרער אין אויסלאַנד. אַלס אילוסטראַציע וויל איך ברענגען פאָלגענדע פּאַסירונג, וואו איך בין דאַביי אויך געווען עטוואָס באַטהייליגט:

אין יאהר 1884 האט אלעקסאנדער דער דריטער באשטימט א קאמיסיע, אונטער׳ן פארזיץ פון גראף פאהלען, צו געפינען א לעזונג צו דער אידישער פראגע אין רוסלאנד. אזוי ווי גראף פאהלען איז געוועזן א קורלענדער שררה און געהאט באקאנטע צווישען די קור־לענדישע אידען, וועלכע האבען געוואוינט אויף זיינע אימעניעס, האבען מיר, אייניגע יונגע לייט אין ליבוי, באשלאסען אויסצוגעפינען איינעם פון זיינע ארענדאטארס, וועלכער זאל ארויסבאקומען פון גראף פאהלען זיין מיינונג איבער אידען. דער גורל איז געפאלען אויף א געוויסען דוד אידעלסאן, א איד א תלמיד־חכם און א משכיל (דער פאטער פון דעם ניט־לאנג פארשטארבענעם ציוניסטישען פיהרער אברהם אידעלסאן) וועלכער איז געוועזן א גרויסער תקיף ביי גראף פאהלען. ליידער האט ער אונז געבראכט א זעהר אונגינסטיגע נאכ־ריכט, אז דער גראף האט איהם בפירוש געזאגט, דאס אזוי לאנג ווי די אידען וועלען זיך האלטען אן דעם פארשימעלטען תלמוד, וועלכער דעמאראליזירט די מאראל און זיטליכקייט, קענען זיי ניט ערווארטען קיין בעסערע באהאנדלונג פון דער רוסישער רעגירונג. אזוי ווי דער גורל פונ׳ם אידישען פאלק איז דעמאלסט ווירקליך געלעגען אין גראף פאהלענ׳ס האנד, האבען מיר געפונען פאר נויטיג מודיע צו זיין רבי יצחק אלחנן אט דעם ענין. ער האט זיך תיכף געווענדעט צו רבי שמשון רפאל הירש אין פראנקפורט און איהם געבעטען אנצושרייבען א בוך אין דער דייטשער שפראך איבער די הויכע מאראל וואס גע־פינט זיך אין תלמוד, און דאס צושיקען צו גראף פאהלען. אין א קורצער צייט האט רבי הירש ארויסגעגעבען דאס בוך אונטער׳ן נא־מען „איבער די בעציהונג דעם תלמוד׳ס צום יודענטום אונד צו דער סאציאלער שטעלונג זיינער בעקעננער“. אין דער הקדמה פון בוך שרייבט רבי הירש, אז דאס בוך האט ער פארפאסט אויף דער בקשה פון איינעם א גרויסען מענשען, וואס וויל ניט מען זאל זאגען זיין נאמען. דאס בוך האט רבי הירש צוגעשיקט צו גראף פאהלען מיט א רעקאמענדאציע פון א הויך־אנגעשטעלטער פערזענליכקייט אין דייטשלאנד, און דערגרייכט זיין צוועק. די פאהלענשע קאמיסיע האט אויסגעארבייט רעכט פיעל פארלייכטערונגען פאר אידען, אבער דער צורר אלעקסאנדער האט דאס ניט באשטעטיגט. דאך איז די ארבייט ניט אומזיסט געוועזן. דאס דאזיגע בוך איז פארבליבען קלאסיש און ווערט נאך היינט אפט געברויכט צו פארשטאפען די מיילער פון די כלבים וואס בילען אויפ׳ן תלמוד.

איבערהויפט האט רבי יצחק אלחנן געהאט א וואכזאמע אויג אויף אלץ וואס איז פארגעקומען אין אידישען לעבען. אין הונגער־יאהר, 1869, האט ער ארויסגעגעבען א היתר צו נוצען ארבעס און

בעבלאַך אויף פּסח. אמת, רבי ישראל סאַלאַנטער האָט אין אָנפאַנג פּראָטעסטירט געגען היתר, כדי עס זאָל ניט אַרויסקומען אַ תקלה לדורות, אָבער רבי יצחק אלחנן האָט איהם געענטפערט, אַז ער האָט דערפאַר קיין מורא ניט. אַלע ווייסען דאָך, אַז נאָר צוליעב דעם הונגער האָט מען דאָס אויסנאַהמסווייזע מתיר געמאַכט, און האָט געענדיגט זיין תשובה מיט פאָלגענדע האַרציגע ווערטער: „איך און מיין הויז־געזינד און אַלע קאָוונער נכבדים וועלען אַליין עסען אַרבעס אום פּסח און איך בעט אייך, רבי ישראל, איהר זאָלט דאָס אויך טהאָן, כדי די אָרימע לייט, וואָס זיינען נעבאך געצוואונגען דערצו, זאָלען ניט מיינען אַז זיי טהוען חלילה אַן עבירה און וועלען האָבען אַ פאַר־שטערטען יום־טוב". רבי ישראל מיט זיין איידעלע, פיינפיהלענדע האַרץ, האָט תיכף מסכים געווען, אָבער דער קיידאַנער רב, רבי אברהם שמעון טרויב, אַ גרויסער קנאי, האָט מרעיש עולם געווען אויפ'ן היתר. ער האָט זאָגאַר געסטראַשעט רבי יצחק אלחנן מיט אַ חרם, אויב ער וועט ניט צוריקציהען דעם היתר, אָבער רבי יצחק אלחנן האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און אפילו ניט געזוכט זיך צו פאַרטהיידיגען.

בעת באַראָן הירש איז אַרוים מיט זיין גרויסער נדבה, צו באַזעצען אידען אין אַרגענטינא און זיי מאַכען פאַר לאַנד־אַרבייטער, האָט רבי יצחק אלחנן איהם תיכף באַגריסט מיט אַ דאַנק און אַ ברכה אין נאָמען פון רוסישען יודענטהום, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך געווענדעט צו רבי צדוק כהן, דער טשיעף־רבי פון פראַנקרייך און צו רבי אַדלער, דער טשיעף־ראַבי פון ענגלאַנד, אַז זיי זאָלען ווירקען אויף באַראָן הירש אַוועקצושטעלען דעם נייעם ישוב נאָך דער אַלטער אידישער טראַדיציע, אַז אין יעדע גרעסערע קאָלאָניע זאָל מען אָנ־שטעלען אַ רב, אַ שוחט, אַ מוהל און אַ מלמד; איהם ערקלעהרען, אַז די אַלע צרות וואָס אידען שטעהען אוים אין רוסלאַנד איז אַלץ נאָר צוליעב דער רעליגיע, און אויב אין אַרגענטינא זאָל מען דאָס חלילה אַלץ אַוועק־וואַרפען, האָט דאָך טאַקע ניט געלוינט דער גאַנצער עסק. אָהן דער רעליגיע האָבען זיי גאַנץ גוט געקענט בלייבען אין רוסלאַנד, וואו עס וואָלט זיי אויך ניט שלעכט געווען.

אין אָנפאַנג פון די נייַנציגער יאָהרען, בעת אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען אַ באַוועגונג צו פאַרבאָטען די טראַדיציאָנעלע שחיטה, איז אַרוים דער אונפאַרגעסליכער דר. יצחק דעמבאָ, אַלס דער איינ־ציגער פאַרטהיידיגער. אום צו האָבען ערפאָלג איז נויטיג געווען צו באַקומען גוטאַכטען פון די גרויסע אייראָפּעאישע געלעהרטע, אַ זאַך וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט אַ גרויסע הוצאה. רבי יצחק אלחנן האָט אַרויסגערופען דר. דעמבאָ'ן קיין קאָוונא, איהם מחזק געווען אין זיין הייליגער אַרבייט, איבערגענומען אויף זיך די אַלע הצטרכות'ן

און איהם אוועקגעשיקט קיין אויסלאנד. דער רעזולטאט איז געווען א גלענצענדער. דר. דעמבא'ס בוך מיט די הסכמות פון די גרעסטע אייראפעאישע געלעהרטע האט געמאכט א קאלאסאלען רושם און פארמאכט די מיילער פון די צוררים, וואס האבען אונטער דער מאסקע פון „צער בעלי־חיים" געוואלט באפרידיגען זייערע מערדערישע אינ־סטינקטען.

מיין ערשטע פערזענליכע באקאנטשאפט מיט רבי יצחק אלחנן האב איך געמאכט אין יאהר תרמ"ט. מיר איז אויסגעקומען צו האלטען שבת אין קאוונא און בין אוועק צו איהם בין מנחה למעריב. ער האט מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען, באדויערט וואס אונזער רב, דר. קליין, מוז צוליעב גזירת המלכות פארלאזען רוסלאנד, און זיך ערקונדיגט ביי מיר וועגען דעם מצב פון אידישקייט אין ליבוי. אינ־דעסען איז אריינגעקומען זיין סעקרעטער, דער באוואוסטער ר' יעקב ליפשיץ, וועלכער האט געהערט פון מיר און זיך זעהר דערפרעהט מיך צו קענען פערזענליך. נאכ'ן מעריב דאוונען האט ער מיר פארגעשטעלט פאר רבי יצחק אלחנן אלס א משכיל דורש אלקים און אז עסקן בצרכי צבור, וועלכער וואלט פאסען צו זיין זייער „אגענט" פאר קורלאנד וועגען אידישע כלל־ענינים. אין יענער צייט האט רבי יצחק אלחנן גראד געארבייט דורכצופיהרען ביי דער רוסישער מלוכה, אז מען זאל ניט מאכען קיין שוועריגקייטען די מלמדים, וואס דערצו איז נויטיג געווען, אז פון אלע שטעדט און שטעדטלאך, וואו עס וואוינען אידען, זאל מען צושיקען צום מי־ניסטער פעטיציעס מיט מאסען חתימות. אין יעדער גובערניע האט רב יצחק אלחנן'ס „קאנצעלאריע" אויסגעזוכט פאסיגע כלל־טהוער, וועל־כע זאלען ארגאניזירען די טויזענדער חתימות. רבי יצחק אלחנן האט מיר געבעטען אנצונעהמען די אגענטסטווע, וואס איך האב אויך געטהאן און געכאפט פון איהם א הארציגע ברכה.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט ווילט זיך מיר מאכען א פאר זייטיגע באמערקונגען וועגען ר' יעקב ליפשיץ'ס פערזענליכקייט, איי־נער פון די אינטערעסאנטסטע טיפען וואס איך האב וועון אין מיין לעבען באגעגענט. איבער דרייסיג יאהר איז ליפשיץ געווען רבי יצחק אלחנן'ס רעכטע האנד, און דאס איז א פאקט, אז ווען ניט ליפשיץ וואלט רבי יצחק אלחנן זיכער ניט געקומען צו דער מדרגה פון ווערען דער אלוועלטליכער פיהרער פון דור. ר' יעקב ליפשיץ איז געווען חוץ א גרויסער למדן און א טאלאנטפאלער שרייבער, אויך א גוטער מענשען־קענער, קלוג און שארפזיניג. דערצו האט ער בא־זעסען א זעלטענע ענערגיע און אן אונגעוועהנליכע ארבייטס־קראפט. די צעהדליגער טויזענדער בריעף וואס זיינען ארוים פאר דער גאנצער

צייט מיט רבי יצחק אלחנן׳ס חתימה, זיינען כמעט אלע פון ליפשיץ׳ן געשריבען. מאנכע קארעספאנדענציעס, וואו עס האט ניט געפאסט אז עס זאל זיין רבי יצחק אלחנן׳ס חתימה, פלעגט ליפשיץ אליין חתמ׳ענען. אבער צוליעב זיין עקסטרימקייט און אונטאלעראנטקייט איז ר׳ יעקב ליפשיץ געווען זעהר ווייניג באליעבט, ניט בלויז ביי די פרייערע, נאר אויך ביי א גרויסען טהייל פון די ארטאראקסען. אין דער העברעאישער און אידישער פרעסע האט ער געגאלטען אלס דער שטארק געהאסטער מענש, און יעדער איינגעל האט זיך ערלויבט איהם צו זידלען מיט די שארפסטע זלזולים.

טראצדעם וואס ליפשיץ׳עס כאראקטער איז געווען דער היפוך פון רבי יצחק אלחנן׳ס כאראקטער, האט ער דאך געהאט צו איהם זיין פולען צוטרויען און פארבליבען זיין נאהנטסטער פריינד און בעל־יועץ ביז צום ענד פון זיין לעבען. ליפשיץ איז געווען גענוג קלוג ניט צו וועלען ארויפדרינגען אויף רבי יצחק אלחנן זיינע פאנאטישע אנשוי־אונגען און דעריבער איז די הארמאניע צווישען זיי קיינמאל ניט גע־שטערט געווארען. שטארק אויסאיינאנדער זיינען זיי נאר געגאנגען אין דעם ענין פון „חבת ציון“.

רבי יצחק אלחנן איז געווען א גרויסער אנהענגער פון דער מא־דערנער ציוניסטישער באוועגונג, און האט ביי יעדער געלעגענהייט ארויסגעצייגט זיין סימפאטיע. אמת, ער איז לאנג ניט געווען אזא באגייסטערטער און איבערגעגעבענער חובב־ציון ווי א רבי שמואל מאהיליווער ,א נצי״ב, א רבי מרדכי עליאסבערג. דערצו האט איהם געפעהלט זייער הויכע פאעזיע, זייער ברייטער האריזאנט און זייער ווייטער היסטארישער חוש. איהם האט געבראכט צום ציוניזם פיעל מעהר דער רחמנות אויף די קאלאניסטען און דער רחמנות אויף די עלטערן וואס זייערע קינדער האבען זיך אפגעריסען פון זיי און זיינען אוועק פון אידישקייט, וועלכע דער ציוניזם האט זיי ווידער פאראיי־ניגט, דעריבער האט איהם אויך געפעהלט די נויטיגע מסירת נפש צום רעיון, און כאטש ער פלעגט זיך זעהר אפט בעטהייליגען אין אספות פון קאוונער חובבי ציון און תמיד נעגעבען שעהנע נדבות, דאך האט ער זיך געהיט ניט אויפצוטרעטען עפענטליך, כדי ניט צו קומען אין קאנפליקט מיט נאטשאלסטווא אדער ניט צו וועלען איינ־ערגערען דעם באראן גינצבורג, א פארביסענער נעגנער, צו וועמען ער האט געדארפט אנקומען וועגען השתדלות פאר׳ן כלל. צוליעב דעם האט ער אויך ניט געוואלט געבען זיין חתימה אויף דעם „קול־קורא“ צו שטעלען קערות ערב יום כפור פאר ישוב ארץ ישראל, ניט קוקענדיג וואס רבי נפתלי צבי יהודא בערלין, רבי שמואל מאהילעווער און רבי מרדכי עליאסבערג האבען יא נעגעבען. ביי איהם איז אויס־

געקומען, אז כל־זמן די ממשלה ערלויבט דאָס ניט און מען דרוקט דאָס בשתיקה (מען פלעגט דאָס דרוקען אין ליבוי, און דער שרייבער פון די דאָזיגע צייל͏ען פלעגט עס פאַנאַנדערשיקען אין אַלע שטעדט) דאַרף מען דאָס ניט טהאָן. ערשט נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט דאָס באַשטעטיגט, האָט ער אַנגעהויבען געבען זיין חתימה.

רבי יעקב ליפשיץ, דאָגעגען, איז געווען איינער פון די פאַרבי־סענדסטע געגנער וואָס דער ציוניזם האָט ווען געהאַט, און ניט בלויז מיט זיין בייסיגער פעדער, נאָר אויך מיט זיין נאָך בייסיגערער מויל, פלעגט ער זוכען אויף שריט און טריט אַרונטערצורייסען דעם ציוניזם און די ציוניסטען. אמת, כל זמן רבי יצחק אלחנן האָט געלעבט, פלעגט ער נאָך זוכען אוים רעספעקט פאַר׳ן „אַלטען“, צו פאַרדעקען זיין ברענעדיגע שנאה, אָבער נאָך זיין פטירה איז ער אַרוים אַלס אָפענער געגנער, געגרינדעט די אַזוי־גערופענע „לשכה השחורה“, מיט דעם איינציגען צוועק צו באַקעמפען דעם ציוניזם. זיינע שונאים פלעגען צוואַר זאָגען, אַז ער טהוט דאָס ניט לשם־שמים, נאָר מחמת זייטיגע פניות. עס איז אָבער אַ טעות. ווי ווייט איך האָב זיך אי־בערצייגט, האָט ער פון זיין געגנערשאַפט קיין שום פערזענליכען נוצען ניט געהאַט, אדרבה, דאָס האָט איהם נאָך זעהר פיעל געשאַדט צו זיינע פריוואַטע אינטערעסען. דער אמת איז, אַז ער איז געווען פון דער נאַטור אַ געוואַלדיגער קנאי, אַ מורא׳דיגער פאַנאַטיקער און ניט געוואָלט וויסען פון קיין פשרות.

אַן אינטערעסאַנטען שמועס האָב איך אַמאָל מיט איהם געהאַט מכח דער שמיטה־פראַגע. דאָס איז געווען אין שמיטה־יאָהר פון תרמ״ט, און ער האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער האָט אַ גרויסען חלק אין דעם היתר וואָס רבי יצחק אלחנן האָט דאַמאָלסט אַרויסגע־געבען, ווייל ער איז צוגעשטאַנען צום רב צו געפינען אַ צד היתר... „אי וועט, איהר דאָך פרעגען, ווי קומט צו יאַנקעל ליפשיץ אַז ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר ציוניסטען?“ — זינגט ער זיך אונטער מיט אַ גמרא־ניגון. — „די מעשה איז אָבער, אַז די ציונים, די שוטים, האָבען זיך אַליין מעהר געשאַדעט מיט זוכען אַ היתר, ווי זייערע ערנסטע שונאים. שטעלט זיך פאָר, אַז ווען די כאַרקאָווער סטודענטען וואָלטען, נאָך אַ משך פון 1800 יאָהר, ווידער איינגעפיהרט די מצוה פון שמיטה, וואָס אַ סברא איז, אַז צוליעב ניט האַלטען שמיטה איז ארץ־ישראל חרוב געוואָרען, דאַכט זיך אַז וויפיעל שטיינער עס געפינען זיך אין קאָוונער גאַסען וואָלט מען יאַנקעל ליפשיץ אין קאָפּ געוואָרפען, ווי אַזוי ער וואָגט צו ריידען אויף אַזעלכע צדיקים. חוץ דעם, וואָס פאַר אַ טייערע רעקלאַמע דאָס וואָלט געווען. די גאַנצע פרומע וועלט וואָלט זיי ממש אויף די הענט געטראָגען און געלד

וואלטען זיי געהאט זיך צו באדען. אבער זייער נארישער יצר־הרע האט זיי אין א בלאטע ארייגעשלעפט און איך האב איהם געהאלפען אונטערשטופען". פון מיין באמערקונג, אז אזא מין דרך שמעקט מיט יעזואיטיזם ,איז ער וועניג־וואס נתפעל געווארען.

אזוי ווי רבי יצחק אלחנן איז ווייט געווען פון יאגען זיך נאך כבוד, אזוי איז ער געווען להיפוך א מהדר צו געבען כבוד אנדערען, אז עס פלעגט איהם אויסקומען דורכצופאהרען א שטאדט אדער א שטעד־טעל און זיך געברויכט דארט אפצושטעלען, כאטש נאר אויף א פאר שעה, פלעגט ער תיכף לויפען צום רב מיט א וויזיט, אפגעבען דעם כבוד, וואס עס קומט דעם מרא דאתרא. אז מען פלעגט איהם לאדען צום א סיום אויף ש"ס אדער משניות, האט ער תמיד געזוכט צו הויבען דעם כבוד פונ׳ם זאגער און פון די גבאים ביי די אלע אנוועזענדע. דאס אייגענע איז געווען בעת איהם פלעגט אויסקומען צו הערען א חזן אדער א מגיד, פלעגט ער תמיד זיין פון די ערשטע זיי אפצוגעבען א ברייטען און הארציגען יישר־כח. ער האט געהאט א רגילות אלע זיינע באקאנטע אנצורופען מיט׳ן טיטול „רבי", אפילו אונטער די אויגען, און ניט בלויז די שעהנע בעלי־בתים, נאר אויך זיינע בעלי־מלאכות. ווער פון די איינגעהער אין זיין הויז האט ניט געהערט ווי ער פלעגט זאגען צו זיינע בני־בית: „לאזט רופען רבי ישעיה׳ן דעם שוסטער", אדער: „געהט זשע באשטעלען רבי גרשון דעם איזוואשטשיק" און כהנה.

זיין גרויס רחמנות געפיהל און מענשען־ליעבע האט זיך אמ־מייסטען ארויסגעצייגט ביים איינשטילען א מחלוקת. ער פלעגט תמיד זאגען, אז אין א מחלוקת ר"ל האט דאך איין צד בודאי צער און על־פי־רוב ליידען ביידע צדדים. קוים האט ער געקראגען צו הערען, אז ערגעץ וואו אין א שטעדטעל איז אויסגעבראכען א מחלוקת צוליעב א רב, א שוחט וכדומה, פלעגט ער תיכף אריינשרייבען בריעף צו ביידע צדדים און זיך אליין אנגעבאטען, ניט געבעטענערהייט, צו קומען אהין מאכען שלום. דאס אייגענע ווען מען פלעגט איהם דערצעהלען פון צוריסענע לעבענס צווישען מאן און פרוי, צווישען עלטערן און קינדער אדער צווישען שותפים, האט ער געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען ארייצומישען זיך, אום צו ברענגען שלום און הארמאניע. אין ארויס־געבען א גט איז ער געווען זעהר צוריקהאלטענדיג און די פאר פאלק האבען זיך געמוזט געגוג אנלויפען ביז זיי האבען דאס געקראגען. געוועהנליך פלעגט ער פריהער באשטעלען צו זיך די בעלי דברים יעדען באזונדער און אנווענדען אלע כחות אויף א שלום, און ערשט, אז קיין מיטעל האט ניט געהאלפען, האט ער מיט א זיפץ געהייסען שרייבען א גט.

רבי יצחק אלחנן׳ס גוט הארץ האט בשום אופן ניט געקענט פאר־שטעהן, ווי קען מען א אידען רודף זיין. דערהערענדיג אז אין א שטעדטעל, וואו מתנגדים זיינען אין דער מאיאריטעט זיינען זיי רודף די חסידים, האט ער תיכף ארייגעשיקט א בריעף מיט מוסר. דאס־זעלבע האט ער גע׳מוסר׳ט די חסידים וואס זיי רודפ׳ן מתנגדים אין די ערטער וואו זיי זיינען דער רוב, און די חסידים פלעגען זיך צוהערען צו זיינע רייד ניט וועניגער ווי די מתנגדים. ער האט אויך ניט צוגעלאזען די קאוונער און ווילקאמירער קנאים צו רודפ׳ן ליליענבלום׳ען אין זיין צייט, בעת זיי האבען איהם געוואלט אפגעבען פאר א סאלדאט, כאטש ער אליין איז זעהר ווייט געווען אי פון השכלה, אי פון משכילים.

נאך א מערקווירדיגען כאראקטער־צוג האב איך באמערקט ביי רבי יצחק אלחנן, אז איהם האט געפעהלט דער חוש פאר הומאר. לא־די וואס ער אליין איז ווייט געווען פון זאגען אמאל א וויץ, אדער א גלייכווערטעל, ווי א שטייגער רבי אייזעלע סלאנימער, רבי יוסף בער וכדומה, ער האט אפילו ניט געוואלט הערען פון אן אנדערען, וויל יעדער גלייכווערטעל איז פארבונדען, מעהר אדער וועניגער, מיט אראפרייסען דעם כבוד פון א צווייטען און ביי איהם איז דער כבוד הבריות צו הויך געשטאנען. פאר די אלע גלייכווערטלאך וואס מען דערצעהלט אין רבי יצחק אלחנן׳ס נאמען, וואלט איך זעהר ניט וועלען ערוב זיין, ווייל ווי ווייט איך האב איהם געקענט, איז ער גארניט פעהיג געווען דער צו. נאר א פאר שארפע ווערטער זיינע וויל איך דא איבערגעבען, וואס איך האב געהערט פון צופארלעסיגע קוועלען:

איינער, א קאוונער גביר, וואס איז שוין געווען א האלבער משכיל, האט זיך אמאל גע׳חקירה׳ט מיט איהם וועגען לאנגע און קורצע קליי־דער און זיך אויסגעדריקט, אז ער האלט פאר א גרויסען שטות פון די פרומע אידען, וואס ווילען טראגען דוקא לאנגע קליידער. דארויף האט איהם רבי יצחק אלחנן געענטפערט, אז דער חלוק באשטעהט אין דעם, אז דער וועלכער געהט אין א לאנגען ראק, קען צו יעדער צייט מאכען פון לאנגען א קורצען, אבער דער ווער עס געהט שוין אין א קורצען, קען זיך מעהר ניט צייגען אין א לאנגען, סיידען ער זאל אנזעצען". דער וויץ באקומט נאך זיין שארפקייט דערמיט, וואס דער באטרעפענדער פלעגט מאנכעס מאל וועלען שפילען א פרומע ראליע און האט טאקע אמאל אויך „אנגעזעצט" אין זיינע מסחרים.

איינער א רב האט איהם אמאל צוגעשיקט א הארבע קשיא וואס מאטערט איהם פון לאנג און געפינט ניט קיין תירוץ, און אז צוליעב דעם קען ער ווייטער ניט לערנען. דארויף האט איהם רבי יצחק אלחנן געענטפערט, אז ער זאל איינקוקען אין מסכת מנחות אין דעם און דעם דף אין תוספות, וועט שוין רעכט ווערען. דער רב האט

געזוכט און ניט געפונען, ווייל תוספות רעדט דארטען פון גאנץ אנ־דערע ענינים און האט אנגעשריבען נאך אמאל א בריעף צו איהם, אז ער האט בודאי במחילת כבודו א טעות געהאט. רבי יצחק אלחנן׳ס תשובה איז געווען: אז דארטען פרעגט תוספות אויך א קשיא און האט קיין תירוץ ניט, און פונדעסטוועגען האט ער ווייטער געלערנט...

רבי יצחק אלחנן איז געבארען געווארען אין דער שטעדטעלע „ראש", גראדנער גובערניע, אין יאהר תקע"ז. זיין פאטער, רבי ישראל איסר, איז געווען דער רב פון שטעדטעל, אליין פון א מתנגד׳ישער משפחה, אבער שטארק נוטה געווען צו חסידות, פלעגט פאהרען צום צדיק רבי חייקעל אמדורער און בכלל זיך געפיהרט ווי א חסיד׳ישער רב. אינטערעסאנט איז צו באמערקען, אז ביי רבי יצחק אלחנן האט זיך וועניג־וואס אפגעשטעלט פון זיין פאטער׳ס חסידיזם, כאטש ער איז געווען זיין איינציגער רבי ביז צו בר־מצוה און איז בכלל אויס־געוואקסען אין א חסיד׳ישער סביבה. רבי יצחק אלחנן׳ס אויסגע־פרעגטער הלכה׳שער גייסט, זיין העלער קלארער מוח איז ניט מסוגל געווען פאר אגדה׳ישע ענינים, און לא־די וואס איהם איז פרעמד געווען די קבלה־ליטעראטור האט ער אויך וועניג־וואס זיך אפגעגעבען מיט אגדות חז"ל און מיט מדרשים. ערשט אין זיינע לעצטע יאהרען, בעת ער איז שוין אלט געווען איבער זיבעציג יאהר, פלעגט מען בא־מערקען, אז ער קוקט אפטמאל אריין בצנעה אין זוהר.

זיין פאטער, א גרויסער עניו און א ירא־שמים, האט געהאלטען פאר ניט פאסיג זיך צו ריהמען פאר לייטען מיט זיין זוהן דעם עלוי, און ווען ניט א באזונדער צופאל, וואלט אפשר רבי יצחק אלחנן כל ימיו פארבליבען אין דער דאזיגער שטעדטעל און גע׳ירש׳ענט דעם פאטער׳ס כסא הרבנות. דארף זיך גראד מאכען, אז איינער, א גאון און א גביר, א געוויסער רבי משה אורים פון קיידאן, האט נויטיג געהאט וועגען אן עסק צו פארווייל׳ען עטליכע טעג אין דער דאזיגער שטעדטעל, און איז זעהר נתפעל געווארען פון דעם דרייצעהן יעהריגען אינגעל, סיי פון זיינע אויסערגעוועהנליכע כשרונות און סיי פון זיין נעוואלדיגער התמדה. אוועקפאהרענדיג האט ער איהם מיטגענומען קיין וואלקאוויסק, איהם פאר׳שדכנ׳ט מיט איינעם פון די דארטיגע נכבדים, וועלכער האט זיך מתחייב געווען איהם צו האלטען אויף קעסט ביז ער וועט זיין ראוי צו רבנות. אין וואלקאוויסק איז דאמאלס געווען א רב דער באוואוסטער גאון רבי בנימין דיסקין, ביי וועמען דער דרייצעניעהריגער בעל־הבית׳ל האט געלערנט תורה צוזאמען מיט׳ן רב׳ס זוהן רבי יהושע ליב (אויסגעוואקסען איינער פון די גדולי הדור, געווען רב אין בריסק און אין ירושלים) און מיט רבי ברוך מרדכי ליפשיץ (דער שפעטערדיגער נאווארדאקער רב). א קורצע צייט

האט מיט זיי געלערנט צוזאמען אויך חיים זעליג סלאנימסקי, דער רעדאקטאר פון „הצפירה".

רבי בנימין דיסקין, באוואוסט אין דער רבניי'שער וועלט אונטער'ן נאמען „ראב"ד", איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע רבני'שע טיפען אין זיין צייט. א חוץ זיין שארפען שכל און גרויס גאונות איז ער געווען באריהמט דורך זיין הנהגה מיט גרויס נימוס און דרך ארץ. ער איז געווען כמעט דער איינציגער רב אין זיין צייט וואס האט געלעגט אזא גרויס געוויכט אויף חצוניות, איז שטענדיג געגאנגען אין שעהנע זויבערע קליידער, און בכלל איז זיין גאנצע הנהגה געווען צוגעפאסט צום רמב"ם'ס הלכות דעות און מיט רעכט האט מען איהם גערופען „דער רבניי'שער אריסטאקראט". רבי יצחק אלחנן האט פון איהם פיעל געלערענט, ניט בלויז תורה, נאר אויך דרך־ארץ.

אז ערד פון זעקס יאהר האט אנגעהאלטען זיין קעסט. אונטער־דעסען איז זיין שווער געווארען א יורד. די דריי הונדערט רובעל נדן, וואס איז געווען איינגעלעגט ביי איינעם, האט יענער אנגעזעצט, און רבי יצחק אלחנן איז געבליבען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אין גרויס נויט. זיין רבי, דער ראב"ד, האט איהם געגעבען סמיכה, און צו קנאפע ניינצעהן יאהר איז ער אנגעקומען פאר א רב אין א קליין שטעדטעלע, זאבאלין, מיט א שכירות פון 5 פוילישע גילדען (40 סענט) א וואך. צוויי יאהר איז ער דארטען פארבליבען, געליטען הונגער און גרויס דחקות, און ניט קענענדיג ווייטער צוזעהן דעם צער פון זיין פרוי און קינדער, איז ער מיט גרויס מאטערניש, האלב צופוס, דערפאהרען אזש ביז קארלין, צום דאמאלסדיגען גדול־הדור רבי יאנ־קעלע קארלינער, דער מחבר פון „משכנות יעקב", אפשר וועט ער קענען דורך זיין רעקאמענדאציע באקומען א בעסערע שטעלע, אדער וועניגסטענס קריגען אין קארלין תלמידים צו לערנען גמרא. אריינ־קומענדיג צום רב א הונגעריגער און א פארמאטערטער, האט ער גע־פונען, ווי רבי יאנקעלע מיט נאך איניגע רבנים זיינען זיך מפלפל אין א דין, און אזוי ווי ער האט נאך אויסגעקוקט ווי א אינגעל, אהן א חתימת זקן, און דערצו נאך געגאנגען אין פשוט'ע קליידער, האבען זיי איהם וועניג וואס באמערקט. ערשט נאכדעם ווי ער האט גע־פרובירט אריינריידען און פארענטפערען זייערע ספיקות, האט איהם דער רב מיט גרויס ליעבשאפט גענומען צו זיך, אויסגעהערט זיין בקשה און איהם אויפגעפאדערט צו בלייבען ביי איהם אין הויז, ביז ער וועט פאר איהם באקומען א שטעל אויף רבנות. גראד איז אנגע־קומען א בריעף פון דער שטעדטעל בעראזע, אז זי נויטיגט זיך אין א רב. רבי יאנקעלע האט באלד דארט אנגעשריבען א בריעף, אז קיין בעסערען ווי דעם זאבעלינער ברויכען זיי ניט, און כאטש ער איז

נאך א יונגערמאנטשיק, איז ער ראוי צו זיין א רב אין נאך א גרע־כערער שטאדט. בעת ער האט געהאלטען ביים אוועקפאהרען האט רבי יאנקעלע באמערקט, אז רבי יצחק אלחנן פעהלען די רבני׳שע מלבושים. ניט לאנג געקלערט און, ווי א פארצייטיגער צדיק, געכאפט און איהם אוועקגעגעבען זיין זופיצע מיט׳ן שטריימעל, וואס אהן דעם וואלט דאס שטעדטעל איהם בודאי ניט גענומען.

שטארק בעסער איז זיין עקאנאמישער מצב אויך אין בערעזע ניט געווארען. בסך הכל האט די שכירות אנגעטראפען א קנאפער רובעל א וואך. אבער א דאנק דעם וואס אין יענער צייט האט מען געבויט א שאסיי אין יענער געגענד און דער הויפט־קאנטאר פון די פאדריאטשיקעס איז געווען אין בערעזע, האט ער געהאט אויך זייטיגע הכנסות פון די פאדריאטשיקעס און זייערע פקידים, מייסטענס בני־תורה, וועלכע פלעגען אפט אריינקומען צו איהם וועגען ספסוכים, אדער גלאט פארברענגען מיט איהם אין לערנען.

איינער פון די דאזיגע פאדריאטשיקעס איז געווען א געוויסער נחום קאלטענאנער (קאלטענאן — א קליין שטעדטעל אין קאוונער גו־בערניע) א גביר, א למדן, א חכם און א גרויסער תקיף ביי דער מלוכה, וועלכער האט געהאלטען פון רבי יצחק אלחנן אז עולם ומלואו, און וואו ער פלעגט קומען פלעגט ער דערצעהלען די גרויסקייט פון דעם יונגען גאון וואס האט נאך קיין בארד ניט. זיך דערוויסט, אז נעסוויזש נויטיגט זיך אין א רב, איז ער אליין אוועק אהין און באקומען פון דער שטאדט א כתב־רבנות פאר רבי יצחק אלחנן, וואס בראש פון די חתומים איז געשטאנען דער בארימטער דאקטאר קיסעלעווסקי (פירסט ראדזיווילס הויף־דאקטאר). בערעזע האט איהם אבער בשום אופן ניט געוואלט ארויסלאזען, ניט צוגעלאזען קיין בעל־עגלה איהם ארויסצופיהרען פון שטאדט, דא האט דער אייגענער ר׳ נחום איהם בשתיקה ארויסגעפיהרט אויסען שטאדט, וואו עס האט געווארט זיין אייגענער עקיפאזש און איהם אוועקגעפיהרט קיין נעסוויזש.

פינף יאהר האט רבי יצחק אלחנן אנגעהאלטען די נעסוויזשער רבנות, געזעסען בכבוד גדול און דערגרייכט צו א שכירות פון פיר רובעל א וואך, פאר יענער צייט א הויכע שכירות, און ניט מעהר געטראכט וועגען זוכען אן אנדער רבנות. דארף זיך מאכען, אז איינער א איד, א יאבעדניק, האט ביי איהם פארלארען א דין תורה, און האט איהם דאנאסירט ביי נאטשאלסטווא, אז דער רב גיט ארויס פסקים, וואס ער האט דאצו קיין רעכט ניט. רבי יצחק אלחנן האט געהאט פון דעם עסק גרויסע צרות, געמוזט וועגען דעם אפט פאהרען קיין

נאוואַרעדאָק צום סלערדאָוואַטעל, ביז די נאָוואַרעדקער גבירים האָבען זיך אַריינגעמישט און איהם באַפרייט פון דער צרה. זיי האָבען זיך אָבער אָנגענומען איהם צו העלפען מיט'ן תנאי, אַז ער זאָל אָננעהמען די נאָוואַרעדקער רבנות. ער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין יאָהר תרי"א, וואו ער איז פאַרבליבען גאַנצע דרייצעהן יאָהר. זייענדיג אין נאָוואַרעדאָק האָט ער שוין געקראָגען אַ וועלט־פּרסום און פון אומעטום האָט מען אָנגעהויבען זיך צו ווענדען צו איהם מיט שאלות ותשובות. זיין פּרסום איז נאָך גרעסער געוואָרען, בעת עס איז אַרויס זיין ערשטער ספר „באר יצחק", וועלכער האָט אַרויסגערופען גרויס התפּעלות אין דער לומדי'ישער וועלט. אין יאָהר תרכ"ד איז ער אָנגעקומען אין קאָוונאָ, וואו ער איז פאַרבליבען ביז צום ענד פון זיין לעבען — כ"א אדר תרנ"ו, כמעט פולע צוויי און דרייסיג יאָהר.

רבי יצחק אלחנן'ס טויט האָט אַרויסגערופען אַ נאַציאָנאַלען טרויער ביי אַלע קלאַסען אידען. אין אַלע שטעדט און שטעדטלאַך האָט מען איהם מספּיד געווען און אַ גאַנצע ליטעראַטור איז געשאַפען געוואָרען פון די דאָזיגע הספדים.

אין פיעלע אידישע קהלות האָבען זיך געגרינדעט מוסדות אויף רבי יצחק אלחנן'ס נאָמען, נאָר זיין אייגענע קאָוונאָ האָט זיך אָפּ־ווינציגסטען אָפּגערופען. אמת, זיי האָבען באַלד אויפגענומען זיין זוהן, רבי הירשלען, אויף זיין אָרט, אָבער דערפאַר קומט זיי אַ קנאַפּען דאַנק. רבי הירשעל איז ראוי געווען צו קאָוונער רבנות אפילו ניט זייענדיג רבי יצחק אלחנן'ס אַ זוהן. אויף דער הייסער שעה, באַלד נאָך זיין פּטירה, האָט מען צוזאַמענגערופען אַן אספה גדולה און באַשלאָסען צו גרינדען אַ גרויסען אַנשטאַלט וואָס זאָל פאַראייביגען זיין נאָמען. דאָס אויסצופיהרען האָט מען אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון צוועלף פּערזאָן, צו דריי פון יעדער ריכטונג: דריי פון די עקסטרים אָרטאָדאָקסען, דריי פון די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, דריי פון די העברעאישע משכילים און דריי פון די בעל־הבית'ישע כלל־טהוער. אָבער קוים זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען אויף דעם ערשטען מיטינג, האָט זיך אָנגעהויבען אַ רייסעריי און מען האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאַרשטענדיגען. די אָרטאָדאָקסען האָבען געוואָלט מען זאָל גרינדען אַ וועלט־ישיבה; די משכילים האָבען געוואָלט גרינדען אַ בית־הספר צו לערנען רוסיש מיט די ישיבה־לייט, וועלכע ווילען זיין קאַזיאָנע ראַ־בינערס; די אינטעליגענטען האָבען פאָרגעשלאָגען אַ בית־יתומים מיט אַ פּראָגראַם פון אַ פאָלקס־שוהל און די בעלי־בתים זיינען געווען פאַר אַ האָספּיטאַל. בינו לבינו איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און קיין זאַך איז ניט אַרויסגעקומען.

אַלע אַכטונג פאַר אַמעריקאַנער אידען! זיי, פון ווײַטען, אויף דער אַנדער זייט ים, האָבען בעסער פאַרשטאַנען אָפּצושאַצען דעם גרויסען ווערטה פונ׳ם גאון און צדיק הדור, ווי זיינע קאָוונער. מיט דער „ישיבת רבי יצחק אלחנן“, דער שטאָלץ פון אַמעריקאַנער יודענ־טום, בלייבט זיין היילינער נאָמען פאַרבונדען און פאַראייביגט פאַר אַלע צייטען.

# רבי יצחק בלאזער

## (רבי איצל פעטערבורגער).

געבארען אין ווילנא אין יאהר ת״ר, געשטארבען אין ירושלים אב תרס״ז.

רבי יצחק בלאזער, באקאנט אונטער׳ן נאמען „רבי איצל פעטערבורגער״, געהערט צום קלאס מענשען, וועלכע זיינען שטענדיג א רעטעניש פאר זייערע מיט־מענשען. איך, ווענינסטענס, האב נאך אין מיין לעבען ניט באגעגענט אזא מערקווירדיגע פערזענליכקייט פול מיט סתירות, וואס א חסיד׳ישע נשמה, מיט א ברייטע פאנטאזיע, וואלט פארבלאנדזשעט אין א גוף פון א טרוקענעם מתנגד א מפולפל! ער האט געהאט בכח צו זאגען א חריפות׳דיגען חלוק מיט האר־שפאלטענדיגע סברות, איבערקעהרען ש״ס מיט רמב״ם׳ס און ענדיגען מיט א פשוט׳ן מאמר פון „מסלת ישרים״; געווען און פארבליבען זיין גאנצען לעבען א בטלן, אהן א לשון, אהן א שפראך און אהן א הדרת־פנים און א רב געווען — דוקא אין פעטערבורג! זיין פסיכאלאגיע, זיין וועלט־אנשויאונג איז געווען ווי פון א פארצייטיגען חסיד וואס האט ניט געוואוסט פון א צורת מטבע, און דאך געווען כל ימיו א גרויסער נגיד — כמעט דער רייכסטער רב אין זיין צייט. זייענדיג דער אמת׳ער ירא־שמים, רבי ישראל׳ס נאהנטסטער תלמיד, און אזוי ווי זיין רבי אזוי האט ער געהאלטען, דאס די וועלט איז נאר א פרוזדור צו דער אייביגער וועלט — און דאך האט ער ליעב געהאט זעהר שעהן צו וואוינען און פיהרען א נגיד׳ישע הויז, און ניט איינער פון די פרושים, וואס פלעגען איהם באזוכען, האט זיך נעבאך אויסגעגליטשט אויף זיין געוויקסטע גלאנציגע פארלאגע.

אבער די אלע סתירות זיינען באמת נאר געווען אויסערליכע. פאקטיש איז רבי איצל כל ימיו געווען א מענש מיט א פעסטער שיטה, מיט א שטארקען כאראקטער, אויסגעהאלטען און קאנסעקווענט אין אלע זיינע האנדלונגען. ער האט די מינדעסטע באוועגונג ניט געמאכט וואו ער האט פריהער זיך ניט איבערלעגט, און יעדען שריט וואס ער האט געטהאן איז געווען אויסגערעכענט, אז ער זאל ניט קומען אין קאנפליקט מיט׳ן דין. איך ווייס ניט א צווייטען צו איהם, אחוץ דעם „חפץ חיים״, וואס האט געהאט אזא פארמאכטען מויל, און געגען זיין כאראקטער און רצון איז ער, דורך זייטיגע מענשען, אריינ-

געצויגען געווארען אין די מוסר־פאליטיק, וואס דורכדעם האט זיין רעפוטאציע אלס גאון און צדיק זעהר שטארק געליטען. מיט רעכט האט זיך אמאל רבי הירשעל קאוונער אין שפאס אויסגעדריקט, אז דער „ניק״ פון „מוסר־ניק״ האט רבי איצלען צוקאליעטשעט...

מיין פערזענליכע באקאנטשאפט מיט רבי איצלען האט זיך אנ־געהויבען אין יאהר 1893, בעת ער מיט זיין פאמיליע האבען זיך אין זומער אויפגעהאלטען אין ליבוי, אלס באדע־געסט. צוליעב די קרובה־שאפט פון אונזערעביידענס פרויען, איז ער געווען אן אפטער בא־זוכער אין מיין הויז. מיר פלעגען אפט שפאצירען ביים ים און גע־האט די געלעגענהייט איהם גרינדליך צו קענען. ביי מיר איז פאר־בליבען דער איינדרוק, אז רבי איצל איז געווען א צדיק תמים, אז אלע זיינע האנדלונגען זיינען געווען אוים ריינער איבערצייגונג, און געהאט דעם מוטה צו זיין א מודה על האמת, בעת ער האט זיך ארומגעזעהן אז ער האט געמאכט א טעות. אין מיין זכרון איז נאך פארבליבען זיין דאמאלסדיגער געזעגענען זיך מיט מיר, דאס איז געווען ערב ראש חודש אלול. מיר איז קשה געווען, וואס ער איילט זיך אוועקצופאהרען, איידער ער האט געענדיגט די קור, אבער זיין פרוי האט מיר ערקלעהרט, אז באמת מיינען זיי נאך צו פארבלייבען א פאר וואכען, נאר אזוי ווי זיין מנהג איז פון יאהרענלאנג ניט צו ריידען פון ראש חודש אלול ביז מוצאי יום־כפור, דעריבער מאכט ער שוין היינט זיינע אפשידס־וויזיטען. יא, מאנכער איינער וועט דאס האלטען פאר א משונה׳דיגע ווילדקייט, אבער איך האב דאמאלסט זעהר באוואונדערט זיין שטארקען כאראקטער און זיין אייזערנעם ווילען. ס׳איז ניט אזוי לייכט צו לעבען צווישען מענשען, אלץ צו הערען און אלץ צו זעהן און פערציג טעג די מויל ניט צו עפענען!

שפעטער איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפען מיט רבי איצלען אין ווילנא, אין דער צייט ווען ער איז שוין געווען א נרדף פון די רבנים, וועלכע זיינען געווען געגען דער שיטה פון לערנען מוסר אין די ישיבות. טראצדעם וואס זיי האבען איהם עפענטליך באליידיגט אין די צייטונגען און אין צירקוליארען צו די קהלות, האט ער פונדעסט־וועגען אויף קיינעם קיין שלעכט ווארט גערעדט, אדרבה, זיי מצדיק געווען, אז זיי זיינען פארפיהרט געווארען פון מחרחרי־ריב און אז זיי מיינען בודאי לשם־שמים. די דאזיגע באנעהמונג זיינע האט אויף מיר געמאכט א געוואלדיגען רושם, און כאטש וואס איך בין געווען — ווי די מייסטע ארטאדאקסישע משכילים און חובבי־ציון — א געגנער פון די מוסר־ניקעס, האב איך עפעס אנגעהויבען פיהלען א סימפאטיע צו זיי, און עד היום איז ביי מיר נאך פארבליבען א שטיקעל נטיה צום למוד־המוסר אין ישיבות.

אזוי ווי רבי איצל, אין זיינע פייערדיגע טעמפעראמענטפולע דרשות, בעת ער איז געווען רב אין פעטערבורג, פלעגט תמיד אנגרייפען די משכילים, פארשטעהט זיך, אז זיי האבען איהם אויך ניט געשאנעוועט. דער „המליץ" האט איהם שטענדיג ארויסגעשטעלט אלס א קאמישע פיגור. קיין אנדער נאמען ווי „רבי יצחק נפחא" (בלאזער בלע"ז) האט ער ביי זיי ניט געהאט. אפלאכען פון זיין אויסזעהן, ווייל ער איז געווען שרעקליך הויך און מאגער, מיט א שיטער בערדל וואס ער פלעגט איהם תמיד האלטען אין מויל, און אויך פון זיינע אלט-פרענקישע מאנירען. דערצו פלעגט מען אפט דערמאנען די לוסטיגע מעשה פון זיין באגעגעניש מיט'ן קייזער, וועלכע איז ארומגעגאנגען אין פעטערבורג אין פארשידענע וואריאציעס, און איך וועל דא איבערגעבען איין נוסח, וועלכער שטאמט פון פעטערבורגער ראבינער דר. ניימאן, און ווי עס שיינט איז דאס קרוב אל האמת. די מעשה דערצעהלט זיך אזוי:

בעת רבי איצל איז אנגעקומען פאר א מתנגד'ישען רב אין פעטערבורג און ניט האבענדיג קיין פראוואזשיטעלסטווא, האט איהם איינער, א פרומער ניקאלאיעווסקער סאלדאט צוגעשריבען צו זיין פאמיליע. דער איד האט געהייסען שמעון, געוואוינט אין צארסקאיע סעלא, נעבען פעטערבורג, און דעריבער האט מען איהם גערופען „שמעון צארסקי", און געווען א באוואוסטע פערזענליכקייט אין פעטערבורג. אמאל איז רבי איצל קראנק געווארען אויף קדחת, און דאקטוירים האבען איהם פאראָרדערט, אז איבער'ן זומער זאל ער ארויספאהרען אויף דאטשע און זיין שטענדיג אין פרייען. דער דאזיגער שמעון צארסקי האט איהם גענומען צו זיך אין צארקאיע-סעלא, און רבי איצל פלעגט שטענדיג זיצען און ארומגעהן אין דארטיגען קייזערליכען פארק. אין די טעג, ווען עס פלעגט איהם כאפען דער ציטערדיגער קדחת, פלעגט ער זיך אנטהאן א פעלץ און אזוי ארומגעהן אין פארק, זיך טרייסלענדיג פון קעלט. דארף זיך גראד טרעפען אז אינ'ם דאזיגען זומער האט זיך דער קייזער אלעקסאנדער דער צווייטער אויך אויפגעהאלטען אין צארסקאיע-סעלא, און פלעגט אויך שטענדיג שפאצירען אין פארק. איינמאל, געהענדיג אזוי צוזאמען מיט זיין אדיוטאנט, האט ער באמערקט רבי איצלען, וועלכער האט געצויגען אויפמערקזאמקייט דורך זיין זיצען אין מיטען זומער אנגעטהאן אין א פעלץ, און דורך זיינע משונה'דיגע מאניערען. פארבייגעהענדיג דעם פלאץ וואו ער איז געזעסען, האט דער קייזער זיך אפגעשטעלט און איהם געפרעגט ווער ער איז? רבי איצל, מיינענדיג אז דאס איז איינער א פאליציייסקער, וואס פרעגט איהם וועגען זיין פראוואזשיטעלסטווא, האט איהם האסטיג

געענטפערט, אז ער געהערט צו דער „צארסקי פאמיליע". דער קייזער האט זיך שרעקליך פאנאנדערגעלאכט און גיט א זאג צו זיין אדיוטאנט: „גיב מיר מזל־טוב, איך האב צוגעקראגען א נייעם קרוב". דער קייזער איז אוועקגעגאנגען, ניט וויסענדיג אז דער דאַזיגער איד איז פעטערבורגער רב, און אפשר האט ער זיך גארניט אנגעשטויסען אז ער איז א איד, ווייל פון זיין פיזיאנאמיע: א העל־בלאנדער מיט בלויע אויגען, איז דאס ניט געווען שטארק בולט. אינטערעסאנט איז, אז דער קייזער האט איהם אין א קורצער צייט ארום נאך דעקארירט מיט א מעדאל פאר זיין טרייהייט צו דער מלוכה. אין מיניסטערסטווא האט מען זיך, נעמליך, דערוואוסט, אז רבי איצל דערמאנט שטענדיג אין זיינע דרשות, אז מען זאל מורא האבען פאר גאט און פאר'ן קייזער און מען זאל זיי טריי דיענען, האט דער מיניסטער איהם דערפאר פארגעשטעלט צו באקומען אן אויסצייכנונג פאר זיינע פארדינסטען צו דער מלוכה...

רבי איצל איז געבארען אין ווילנא אין יאהר ת"ר. לערנענדיג אין רבי ישראל סאלאנטער'ס ישיבה, האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע אויסערארדענטליכע פעהיגקייטען, מיט זיין געוואלדיגער התמדה און בפרט מיט זיין יראת שמים. אלס באזונדערע אויסצייכנונג פלעגט רבי ישראל ביחידות מיט איהם לערנען מוסר און פי־לאזאפיע, און שפעטער איהם געהאלפען צו באקומען די רבנות אין פעטערבורג. אן ערך פערצעהן יאהר, פון תרכ"ד ביז תרל"ח, איז ער דארט פארבליבען רב, און אויף רבי ישראל'ס אויפפאדערונג האט ער פארלאזען די רבנות און איז געקומען קיין קאוונא איבערצונעהמען די הנהגה פון „כולל פרושים", וואס אין יענער צייט איז דער כולל שוין געווען שטארק געוואקסען און נעהאט א בורזשעט פון אן ערך הונדערט טויזענד רובעל יעהרליך.

רבי איצל, דורך זיין נטיה צום לימוד המוסר אין ישיבות, האט אויסגענוצט זיין מאכט און אנגעהויבען ביסלאכוויז צו רעאליזירען זיינע אידעען. אין דער ערשטער צייט, בעת ער האט זיך באגנוגענט דערמיט וואס ער פלעגט איינלאדען די פרושים צו זיך אהיים אויף שבת און האלטען פאר זיי מוסר'דיגע דרשות, האט עס קיינעם ניט געקימערט. שפעטער אבער, אז ארום איהם האט זיך געבילדעט א גאנצע קליקע, געגרינדעט באזונדערע מוסר־שטיבלאך, און די יעניגע פרושים, וועלכע פלעגען געהן הערען מוסר פלעגען באקומען גרעסערע שבירות פון דער כולל־קאסע און אנדערע הנחות — איז ענטשטאנען א גרויסער שטורם פון פראטעסטען יצד די יעניגע, וועלכע האבען נעהאלטען דעם לימוד־המוסר פאר א בטול־תורה. אמת, אזוי לאנג ווי רבי יצחק אלחנן האט געלעבט, האבען ביידע צדדים זיך געבויגען

צו זיין גרויסער אויטאָריטעט, אָבער נאָך זיין טויט האָט זיך דער פייער פון דער מחלוקת צופלאַקערט און אַרויס אין דער עפענטליכקייט. איין גרופּע רבנים, אונטער דער לייטונג פון רבי הירשעל קאָוונער, רבי איצעלע פּאָנעוועזשער און רבי מאיר סלוצקער זיינען אַרויסגעטראָטען אַלס אָפענע געגנער פון די מוסר׳ניקעס, און אַ צווייטע גרופּע רבנים אונטער דער לייטונג פון רבי אליהו דוד מירער, רבי יאָסעלע סלאָנימער און רבי יצחק יעקב ריינעס האָבען פאַרטיידיגט די מוסר־ניקעס. דער קאַמף־פּלאַץ איז געווען דער „המליץ״. אינטערעסאַנט איז אַז די משכילים פון יענער צייט האָבען זיך אויך באַטייליגט אין דעם קאַמף האָבען זיך אויך פאַרטיילט אין צוויי לאַגערען. בעת דער גרעסטער טהייל פון די משכילים און בפרט די ציוניסטען, האָבען פאַרדאַמט די מוסר׳ניקעס, האָבען זיך געפונען מליצי יושר פאַר זיי גראַד צווישען די ראַדיקאַלע משכילים, ווי אַ שטייגער מיכה יוסף באַרדיטשעווסקי, א. ל. לעווינסקי און אַנדערע.

רבי איצל, וועלכער האָט ניט ליעב געהאַט קיין מחלוקת, האָט זיך שפּעטער אַרומגעזעהן, אַז זיינע מיטהעלפער זיינען צו ווייט פאַר־קראָכען; זיך האַסטיג אָפּגעטרייסעלט פון גאַנצען ענין, און פאַר־לאָזען קאָוונא און זיך באַזעצט אַלס פּריוואַט־מאַן אין ווילנא. אין אַ פּאָר יאָהר אַרום איז ער פון דאָרט אַוועק קיין קעלם, זיך צוריקגעצויגען פון אַלע כלל־אַרבייט און אַרויסגעגעבען דעם ספר „אור ישראל״: אַ טהייל רבי ישראל׳ס און אַ טהייל אייגענע רעיונות.

אין יאָהר תרס״ב האָט איהם רבי שמואל סאַלאַנט אַרויסגערופען קיין ירושלים איבערצונעהמען די הנהגה פון ועד־הכולל און איהם אַרויסהעלפען אין זיינע רבנות. פינף יאָהר האָט ער פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל און דאָרט געשטאָרבען אין חודש אב פון יאָהר תרס״ז.

כדאי צו באַמערקען, אַז וועגען זיין טויט איז ניט דערמאָהנט געווען אין קיין אידישע צייטונג. אַזאַ גרינגשעצונג מצד דער אי־דישער פּרעסע האָט אַזאַ אינטערעסאַנטער מענש ווירקליך ניט פאַר־דיענט.

# רבי יצחק יעקב ראבינאָוויץ

## (רבי איצעלע פּאָנעוויעזער)

געבאָרען אין שערשאָוו תרי"ד, געשטאָרבען אין פּאָנעוועז תרע"ח.

ר' איצעלע איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר תרי"ד, ביי אַ רייכען טאַטען און אַ גרויסען למדן, אַ געוויסער ר' שמואל ליב ראבינאָוויץ, וואָס האָט פאַר זיינע לעצטע צעהנדליגע יאָהרען געלעבט אין ריגא אַלס באוואוסטער סוחר. פאַר אַן איידים איז ר' איצעלע אָנגעקומען צו אַ ישובניק אַ גביר, נישט ווייט פון באָריסאָוו, און אַזוי ווי ער האָט פאַרבראַכט כמה יאָהרען אויף אַ ישוב, נישט געהאַט קיין דאגות פרנסה, באַגאַבט מיט עלוי'ישע פעהיגקייטען און דערצו נאָך געווען אַ געוואַל־דיגער מתמיד, איז קיין וואונדער נישט, אַז ער איז אויסגעוואַקסען אַזאַ גרויסער גאון. די וועלט האָט אָבער פון איהם ווייניג וואָס געוואוסט. ערשט אין יאָהר תרמ"ט, בעת ער איז אָנגעקומען פאַר אַ ראש־הישיבה אין סלאָבאָדקע, האָט זיך די לומדי'ישע וועלט פּלוצלונג דערוואוסט, אַז אַ נייער לייכטענדער שטערן האָט זיך באַוויזען אויפ'ן תורה־הימעל. ספּעציעל האָט ער ארויסגערופען באוואונדערונג דורך זיין נייער שיטה אין לערנען, וואָס ער האָט קודם־כל אָפּגעשאַפט פון דער ישיבה די פוסטע פשט'לאַך, די הבל'דיגע פּלפּולים און די געמאַטערטע לשיטתו'ס און אוועקגעשטעלט דעם סדר הלמוד אויף שכל און לאָגיק. פון יעדער תלמוד'ישער שקלא־וטריא ארויסגענומען די חלקי הבונה וחלקי הסותר און מיט לאָגישע סברות אַזוי ווייט פונאַנדערגעגלידערט, ביז ער איז געקומען צו דער גראַדער מיטעל־ליניע, צו דער מסקנא פון דער הלכה. די תלמידים פלעגען אויף איהם שטענדיג זאָגען בדרך מליצה, אַז מיט זיין שאַרפען מח איז ער אימשטאַנד צו שפּאַלטען אַ האָר. פאַר די זיבען יאָהר וואָס ער איז געווען אין סלאָבאָדקע, איז די דאָר־טיגע ישיבה זעהר הויך ארויפגעשטיגען און ארויסגערופען גרויס קנאה אין די אַנדערע ישיבות. נוּן, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה אינטרי־געס, ובפרט מצד די מוסר'ניקעס, וואָס ער איז געווען אַ געפעהר־ליכער געגנער זייערער, און אַזוי ווי ער האָט נישט ליעב געהאַט קיין מחלוקת, אפילו לשם שמים, האָט ער דעריבער אין יאָהר תרנ"ו פאַר־לאָזען די ישיבה, צום באַדויערען פון הונדערטער תלמידים, וועלכע האָבען איהם ממש פאַרגעטערט, נישט נאָר צוליעב זיין גאונות אַליין,

נאָר אויך צוליעב זיין צוגעטאַנקייט און חבר׳שאַפט מיט יעדען תלמיד, און אָנגענומען אַ רבנות שטעל אין שטעדטעל גאַרוז (קאָוונער גוב.).

אין גאַרוז איז ער נאָר קנאַפּע צוויי יאָהר פאַרבליבען און איז פון דאָרט אריבער קיין פּאַנעוויעז, וואָס האָט שטענדיג געהאַט די גרעסטע רבנים. די פּאַנעוויעזער לומדים און די רבנים פון די אַרומיגע שטעדטלאַך זיינען געווען מלא שמחה צו האָבען אַזאַ גאון אין זייער שכנה׳שאַפט. דאַגעגען אָבער זיינען מאַנכע פון די דאָרטיגע גבירים ניט זעהר שטאַרק צופרידען געווען מיט איהם. ר׳ איצעלע, וואָס איז אַליין אויפגעוואַקסען אין עשירות, איז וועניג־וואָס נתפּעל געוואָרען פאַר אַ גביר און פלעגט זיי נישט נושא פנים זיין, און ווער רעדט נאָך פון זיי חנפ׳ענען — אַ זאַך וואָס אידישע גבירים גלייכען זעהר. די גבירים האָט אויך פאַרדראָסען וואָס ער איז געווען זעהר באַליעבט ביים המון, כאָטש ניט וויסענדיג פון זיין גרויסקייט, ווייל ער פלעגט זיך שטענדיג אָננעהמען פאַר די אָרימע און באַדריקטע, ווען די רייכע האָבען זיי געקריוודעט און עקספּלואַטירט. צו זיין גוטסקייט און ברייט הארץ האָט קיין שיעור ניט געהאַט. ער פלעגט ממש אַוועקגעבען דאָס לעצטע פון זיך און זיין איינענע הויז־געזינד האָט געלעבט בדחקות, טראָץ זיינע גרויסע שכירות. בעת די שטאָדט האָט אָנגעפאַנגען צו געבען די שכירות דירעקט צו דער רביצין און ביי זיך האָט ער מעהר קיין געלד ניט געהאַט, איז ביי איהם רעכט געווען צו פאַרקויפען מאַנכע פון זיינע ספרים און דאָס געלד צוטהיילען צו נויטבאַדערפטיגע. ער האָט זיך איבערהויפּט אינטערעסירט מיט דעם סאָציאַליסטישען פּראָבלעם און מיט גרויס עיון דורכגעקוקט דאָס בוך „קאַפּיטאַל" פון מאַרקס און זעהר נתפּעל געוואָרען פון זיינע אידעען און פון זיין עמקות. „איך קען אָבער ניט מסכים זיין צו זיינע טהעאָריען" — האָט ער זיך אַמאָל פאַר מיר אַרויסגעזאָגט — „ווייל זיי זיינען געגען דעם דין התורה וואָס שיצט דאָס פּריוואַטע אייגענטום".

צוליעב זיין דעמאָקראַטיזם איז ער אויך זעהר געאַכטעט געווען אין די ראַדיקאַלע קרייזען, און אַז דער „בונד" האָט זיך צעבושעוועט אין יאָהר 1905 און טעראָריזירט די אידישע שוהלען און בתי־מדרשים אין אַלע שטעדט און שטעדטלאַך פון קאָוונער גובערניע, איז די שטאָדט פּאַנעוויעז געבליבען פאַרשוינט. אַז די רעאַקציע האָט שפּעטער גובר געווען און די פּאָליציי האָט אַרעסטירט אַלעמען, וועלכע זיינען געווען פאַרמישט אין דער רעוואָלוציע, האָט מען אויך זיינעם אַ זוהן אַרעסטירט, און אַז עס איז געקומען פורים איז ר׳ איצעלע אַוועק צו זיין זוהן אין טורמע איהם פאַרלייענען די מגילה. בכלל האָט ער שטענדיג געהאַט צער גדול בנים און קיין גרויס נחת פון זיינע קינדער קיינמאָל ניט געהאַט.

ביז צום יאָהר תר״ע האָט ער זיך וועניג־וואָס געמישט אין כלל־ענינים, און כמעט זיין גאַנצע צייט אָפּגעגעבען אויף ענטפערען תשובות צו נאָהענטע און ווייטע. נאָך רבי יצחק אלחנן׳ס טויט איז ער געוואָרען איינער פון די וועניגע רבנים, אויף וועמעס פסקים די רבנישע וועלט האָט זיך פאַרלאָזען, און בפרט דערמיט וואָס ער איז באַקאַנט געווען פאַר אַ גרויסען מקיל. געגען זיין ווילען איז ער לאַנגזאַם אריינגעצויגען געוואָרען אין כלל־זאַכען און געוואָרען איינער פון די הויפּט עסקני־הצבור פאַר אַ משך פון צעהן יאָהר. צוזאַמען מיט רבי חיים סאָלאָווייציג ז״ל און, להבדיל בין חיים למתים, מיט רבי חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנא, האָט ער געגרינדעט אין רוסלאַנד אַן אָרטאָדאָקסישע אגודה אונטער דעם נאָמען „כנסת ישראל״, וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַראייניגט מיט דער פראַנקפורטער „אגודת ישראל״.

אין יאָהר תרע״א איז ער אויסגעקליבען געוואָרען פון קאָוונער גובערניע צו דער רבני׳שער קאָמיסיע אין פּעטערבורג, וואו ער האָט פאַרנומען אַ זעהר בכבוד׳יגען אָרט. זייענדיג דער פיהרער פון דעם ליבעראַלען פליגעל, האָט ער ניט צוגעלאָזען, אַז די קאָמיסיע זאָל אָננעהמען אַן עקסטרים־פאַנאַטישע פּלאַטפאָרם. אַ חוץ רבי צירעלסאָן פון קישינעוו, איז ער געווען כמעט דער איינציגער פון די עלטערע רבנים, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך. רבי מאיר שמחה, פון דווינסק, אַ מיטגליעד פון דער דאָזיגער קאָמיסיע, האָט זיך אַמאָל אויסגעשפּראָכען, אַז ער איז ניט אַזוי מקנא רבי איצעלע׳ס לומדות, ווי ער איז מקנא דאָס, וואָס ער קען זיך צוזאַמענריידען מיט אַ רוסישען איזוואָסטשיק, אַ זאַך וואָס די אנדערע רבנים פון דער קאָמיסיע האָבען ניט געקענט.

אין דעמזעלבען יאָהר האָט ער געגרינדעט אין פּאָנעוויעזש אַ „קבוץ״ פון געקליבענע יונגע לייט, וועלכע זיינען ראוי להוראה, און ער פלעגט פאַר זיי אַ שיעור זאָגען. אויסגעהאַלטען דעם קבוץ האָט איינע אַ פרוי גאַווראַנסקי פון מאָסקווא, וויסאָצקי׳ס אַ טאָכטער, צוזאַמען מיט איהר שוואָגער ר׳ רפאל גאָץ. דאָס אריינקומען אין׳ם דאָזיגען קבוץ האָט מען געהאַלטען פאַר אַ באַזונדער הצלחה, און ניט אַלע האָבען דאָס זוכה געווען. דען אַ חוץ דעם גליק צו האָבען פאַר אַ רבי׳ן אַזאַ גאון און חריף, זיינען זיי אויך, נאָך די דאַמאָלסדיגע פאַרהעלטניסע, זעהר רייכליך אויסגעהאַלטען געוואָרען. די פאַרהייראַטע האָבען געהאַט אַ תמיכה פון פערציג רובעל און די בחורים צוואַנציג רובעל

אַ חודש, און אין דער ישיבה־וועלט פלעגט מען זיי רופען „די רייכע אָרים־בחורים".

בעת מען האָט אין דעם מלחמה־יאָהר 1915, אַרויסגעטריבען די אידען פון קאָוונער גובערניע, איז ר' איצעלע מיט זיין „קבוץ" אַרי־בערגעגאַנגען קיין לוצין (וויטעבסקער גובערניע) און דאָרט פאַרבליבען אַ קנאַפען יאָהר און נאָך באַוויזען אַפצופאָהרען איידער די דייטשען האָבען באַזעצט די שטאָדט. פון דאָרט האָט ער זיך פאַרקליבען קיין מאַריופאָל (יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע) און דאָרטען אָנגעהאַלטען די ישיבה, ביז די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מלוכה און די תמיכה פון מאָסקווא האָט אויפגעהערט.

פאַר דער צייט וואָס ר' איצעלע האָט זיך אויפגעהאַלטען אין לוצין, איז מיר אויסגעקומען דאָרטען צו זיין איבער צוויי חדשים. איך האָב אָפט באַזוכט זיינע שיעורים און כמעט יעדען טאָג מיט איהם שפּאַ־צירען געגאַנגען. צו הערען זאָגענדיג איהם אַ שיעור איז געווען אַ ווירקליכער עונג רוחני. ער פלעגט פאַרהיפּנאָטיזירען דעם צוהערער מיט זיינע שכל'דיגע איינפעלע, אַז עס פלעגט זיך אָפּדרוקטען, דאָס איינער פון די בעלי־התוספות שטעהט פאַר די אויגען. זיין כח־ההסברה איז געווען ניט באַזונדערס גוט, ווייל דער מח האָט ביי איהם שנעלער געאַרבייט ווי די צונג, און דעריבער איז איהם אויך שווער געווען צו פאַרשרייבען זיינע חדושים. זיין השגה איז געווען איבער־מענשליך. איך האָב אַליין איינינע מאָל באַמערקט ווי אין עטליכע מינוטען פלעגט ער איבערקוקען די גרעסטע ציטונגען און קיין זאַך ניט דורכגעלאָזען, און נאָך געהאַט צו פרעגען קשיות אויף דעם עדי־טאָריעל־שרייבער, אַז ער איז זיך סותר מיט דעם וואָס ער האָט נעכטען געשריבען.

אַ צווייטען מאָל האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען אין יאָהר 1917, אין פעטערבורג. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער רעוואָלוציע, בעת עס איז געווען אַ צוזאַמענפאָהר פון אַלע גרויסע רבנים פון רוס־לאַנד וועגען כלל־ענינים. פאַר די צוויי יאָהר וואָס איך האָב איהם ניט געזעהן איז ער זעהר פאַרעלטערט געוואָרען און אויך געוואָרען שוואַכער אין געזונד, ווייל ער איז שטענדיג געווען אונטערוועגנס צוליעב כלל־ענינים, און זייענדיג אַ גרויסער זהיר אין כשרות, האָט ער זאָגאַר מורא געהאַט צו עסען סתם ברויט, וועגען חשש פון פּת עכו"ם. דאָס אייגענע מיט מילך און פּוטער, און וועגען פלייש עסען. און כדי צו זיין זיכער מיט פּת ישראל, פלעגט ער מיט זיך מיטפיהרען פּסח'דיגע מצות. איך דערמאָן זיך נאָך דעם וויץ וואָס רבי מאיר אַטלאַס, שאַוולער רב, האָט געזאָגט אַמאָל ערב שבועות, קומענדיג פון כאַרקאָוו אַיין פעטערבורג און געפינענדיג

רבי איצעלע׳ן עסענדיג מצה, דאס פעטערבורג איז א צוריקגעשטאנענע שטאדט. אין דער גאנצער וועלט איז שוין היינט ערב שבועות און דא זעהט נאך אוים גאנץ פסח׳דיג: ר׳ איצעלע עסט מצה. אין דרויסען שנעעט און ערשט קום איך פון „ראנאצאוועד״ און איהם געפונען לערנענדיג מסכת פסחים!״

מיט גרוים מסירת־נפש איז ר׳ איצעלע אין דעם דאזיגען יאהר געקומען נאך אמאל פון מאריופאל קיין מאסקווא צום קאנפערענץ פון דער ארטאדאקסיש־משכיל׳ישער ארגאניזאציע „מסורת וחירות״, מיט׳ן צוועק אויסצואדבייטען די אידישע נאציאנאלע אויטאנאמיע נאך דעם גייסט פון דעם טראדיציאנעלען יודענטום. ביים אויפשטעלען דאס פראגראם פון דער קאנפערענץ איז ר׳ איצעלע באשטאנען אז מען זאל אויך ארייננעהמען די אגראר־פראגע, און ווען די אנדערע רבנים־דעלעגאטען האבען געגען דעם פראטעסטירט, ווייל די דאזיגע פראגע איז א ריין־רוסישע און האט קיין שייכות ניט צו אידען, האט ר׳ איצעלע באוויזען, פאנאנדערגלידערענדיג די פארשידענע פארטייאישע פלאטפארמען אין דיעזער פראגע, אז עס האט א גרויסען שייכות צו אידען, צוליעב דעם פרינציפ פון זעלבסט־איינענטהום. עס דארף ווערען פעסטגעשטעלט, ווי ווייט די מלוכה האט דאס רעכט מבטל צו מאכען דעם קנין יחידים. אויסגעפיהרט האט ער, אז מיר מוזען זיך שטעלען אין דער שאלה, מיט איינינע שנויים, אויף דעם קאדע־טישען פלאטפארם, אז די מלוכה מעג אפנעהמען די ערד פון די פריצים, אבער נאר געגען באלוינונג.

פון דאמאלסט אן האב איך איהם מעהר ניט געזעהן. אין א האלב יאהר נאך דעם באלשעוויסטישער רעוואלוציע באקום איך א בריעף פון מיינעם א באקאנטען רב, א בעזשענעץ אין מאריופאל, אז ר׳ איצעלע ליידט גרויס דחקות, און אז דאס ביסעל וואס ער קריגט נאך פון מאסקווא פארטיילט ער צווישען די ישיבה־לייט. מיר איז גע־לונגען צו קריגען פון עטליכע פעטערבורגער נדיבים א גרעסערע סומע פאר איהם און נאך אוספייעט אויף אומוועגען דאס אפצושיקען, אבער באלד האט זיך אנגעפאנגען דער דעניקינ׳שער ארויסטריט און דער גאנצער דרום־רוסלאנד איז געווארען אפגעשניטען פון פעטערבורג. א גאנץ יאהר צייט האט זיך ר׳ איצעלע געמאטערט ביז עס איז איהם געלונגען זיך ארויסצורייסען פון ניהנום און געקומען אין ווינטער פון יאהר 1918, א צובראכענער און אן אפגעשוואכטער קיין פאנעוויעז, געפונען א חרוב׳ע און פוסטע שטאדט, וואו די פלעק־טיפוס מגפה האט געבושעוועט חדשים־לאנג, זיך ניט־שוינענדיג האט ער זיך פיעל אפגעגעבען מיט בקור־חולים, ביז ער איז אויך דערפון אנגעשטעקט געווארען און נאך א קורצער קראנקהייט איז ער נפטר געווארען.

צום שלום וויל איך נאָך באַמערקען, אַז צו אַלע זיינע מעלות מצוינות, איז ער אויך געווען אַ שרעקליכער עניו און פון זיך ניט שטאַרק געהאַלטען, פאַרזוכט כל ימיו צו פאַרמיידען דעם קלענסטען חשש פון מחלוקת און צוליעב דעם האָט ער ניט אָנגענומען דעם כתב־רבנות ניט פון ירושלים, ניט פון קאָוונא און פון נאָך אַנדערע גרויסע שטעדט.

# רבי יעקב יוסף

## (ניו-יאָרקער רב הכולל).

געבאָרען אין קראָז תר"ח געשטאָרבען אין ניו־יאָרק תמוז תרס"ב.

פון רבי ישראל סאַלאַנטער'ס תלמידים זיינען געווען דריי, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר זיינע גייסטיגע יורשים: ר ב י  י ע ק ב  י ו ס ף, דער שפּעטערדיגער רב־הכולל פון ניו־יאָרק; ר ב י  י צ ח ק  ב ל א ז ע ר, דער פּעטערבורגער רב און ר ב י  ש מ ח ה  ז י ס ל  פון קעלם. און יעדערער אין זיין מקצוע האָט געשטרעבט צו פאַרווירקליכען אין לעבען די אידעאַלען פון זייער גרויסען רבי'ן. רבי יעקב יוסף, איינער פון די גרעסטע דרשנים פון זיין צייט, האָט גע־זוכט צו פּאָפּולאַריזירען רבי ישראל'ס אידעען צווישען די מאַסען מיט זיינע פייערדיגע טעמפּעראַמענטפולע דרשות; רבי יצחק בלאַזער, מיט זיין חסיד'ישער נשמה, מיט זיין הויכע פאַנטאַזיע און מיט זיין קלויז־נערישע פּסיכאָלאָגיע, איז געווען ווי צוגעפּאַסט אויף צו פאַרשפּרייטען דעם לימוד פון מוסר אין די ישיבות און אין די קלויזען; רבי שמחה זיסל, אַ איד אַ בעל־הבית, אַן אַרטאָדאָקסישער אַריסטאָקראַט מיט וועלטליכע בילדונג און מיט מאָדערנע מאַנירען, האָט זיך אונטער־גענומען צו פאַרשפּרייטען די תורה פון זיין רבי'ן צווישען די מאָדערנע בעלי־בתים און זייערע געבילדעטע קינדער.

ווער רבי יעקב יוסף איז געווען, דאַרף איך אייגענטליך די אמע־ריקאַנער אידען, ובפרט די ניו־יאָרקער, ניט דערצעהלען. זיי האָבען געהאַט די זכיה איהם צו הערען און זעהן גאַנצע פערצעהן יאָהר. אָבער לויט ווי איך האָב מיך דערוואוסט שוין זייענדיג דאָ אין לאַנד, האָבען די ניו־יאָרקער אידען באמת גאָרניט באַקומען די מעגליכקייט צו הערען און צו זעהן דעם ווירקליכען גייסטיגען ריעזן; אפשר אַז מיט זיין אָנקומען אַהער, האָבען זיך אָנגעהויבען זיינע ימי ירידה. אין דער היים איז רבי יעקב יוסף געווען איינער פון די גרעסטע און וויכטיגסטע רבנים, באַוואוסט געווען פאַר אַ גרויסען חריף, פאַר אַ מענש מיט שכל און לאָגיק, פאַר'ן גרעסטען דרשן אין זיין צייט און פאַר אַ מורא'דיגען ירא־שמים. זיין אָפּפאָהרען פון ווילנא קיין אמע־ריקאַ האָט דאָס ליטווישע אידענטום שטאַרק באַדויערט, און זיין פעה־לען איז אַ לאַנגע צייט קאַנטיג געווען, ווייל אחוץ זיין גרויסער אוי־

טאריטעט איז ער אויך געווען זעהר באַליעבט ביים פאָלק, און דער המון האָט אַ צייט לאַנג רעוואָלטירט געגען די פיהרער פון דער ווילנער קהלה, הלמאי זיי האָבען איהם אַרויסגעלאָזען — אָבער קומענדיג דאָ קיין אמעריקא איז ער געוואָרען אוים חריף, אוים חכם, אוים דרשן און אוים אויטאָריטעט... צו ערקלעהרען די ריכטיגע סבה, לאָז איך איבער פאַר מעהר קאָמפּעטענטע ווי איך. דער פאַקט איז אָבער, אַז דער דאָזיגער גרויסער, האַרציגער מענש האָט געפונען אין אמע־ריקא אַ שרעקליך טראַגישען סוף, און דעריבער וויל איך זיך ניט אָפּשטעלען אויף זיין לעבען דאָ אין ניו יאָרק און וועל נאָר פאַר־צייכענען אייניגע זכרונות פון זיין לעבען ביז צום יאָהר תרמ״ח — דער יאָהר וואָס ער איז אַהער געקומען.

רבי יעקב יוסף איז געווען דער ערשטער פון די דאַמאָלסדיגע יונגע רבנים, וואָס האָט אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען רבי ישראל סאַלאַנטער׳ס שיטה, אַז אַ רב איז ניט בלויז געשאַפען געוואָרען אויף צו פּסק׳ענען שאלות און זיך מפלפל זיין מיט לומדים אין תורה, נאָר אויך — און אפשר די הויפּטזאַך — זיך צו דערנעהנטערן צו די מאַסען, זוכען אויסצובעסערען זייערע מידות און זיי מקרב זיין צו אידישקייט. אין יענער צייט איז דאָס כמעט געווען אַ בזיון, אַז אַ יונגער רב זאָל זיך אָפּגעבען מיט דרוש, און בפרט נאָך פאַר אַזאַ רב ווי רבי יעקב יוסף, וואָס נאָך זייענדיג אַלס בחור אין וואָלאָזין, איז ער שוין געווען אַ מפורסם מיט זיין חריפ׳ישען מח און באַוואוסט געווען מיט׳ן נאָמען „יעקעלע חריף“. אָבער דער דאָזיגער חריף איז אויך געווען אַ מענש מיט אַ הויכער נשמה, מיט אַ ברייטער האַרץ פול מיט געפיהל און פּאָעזיע, וואָס האָט איהם ניט געלאָזט בלייבען איינגעשלאָסען אין זיינע ד׳ אמות פון פּלפול, נאָר זיך געשפּאַרט אַרויסצוטרעטען פאַר דער עפענטליכקייט, צו דערגרייכען די אידישע מאַסען, צו געווינען זייערע הערצער און זיי אָנווייזען דעם ריכטיגען וועג אין וועלכען צו געהן.

זיין שיטה שטענדיג צו זוכען אַ התקרבות צום המון איז אפשר אויך געקומען צוליעב דעם, וואָס ער אליין איז אויסגעוואַקסען אין אַן אָרימער סביבה, ביי אַ פאָטער אַ בעל־מלאכה (אַן אַרבייטער אין אַ ביער־ברויז). זיך צוקוקענדיג ווי זיין אָרימער פאָטער האָט געלעבט אין גרוים דחקות, אָפּרייסענדיג פון די לעצטע כדי צו האַלטען פאַר איהם די בעסטע און טייערסטע מלמדים, איז ער געקומען צו דער איי־בערצייגונג, אַז ביים אידישען המון געפינט זיך נאָך אַ געוואַלדיגע ליעבשאַפט צו דער תורה און אַז דאָגאָר ביים גראָבען המון איז פאַראַן מעהר סענטימענט פאַר אידישקייט ווי ביי פיעל בעלי בתים, וואָס אין זיינע דרשות פלעגט ער דאָס באַווייזען מיט ראיות פון לעבען.

זיין ערשטע רבנות איז געווען אין דער שטעדטעל ווילאן (קאָוו־נער גובערניע), וואו ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה פאַר געקליבענע בחורים מיט גוטע פעהיגקייטען, און איינגעפיהרט אַ נייעם סיסטעם אין לערנען, וועלכער האָט זיך שפּעטער פּראַקטיצירט אויך אין אַנ־דערע ישיבות. ראשית האָט ער אָפּגעשאַפט דעם פּאַרצייטיגען סאָרט לימוד פון אָוועקלייגען כחות און מאַטערניש אויף אַ „כלומר" פון רש"י, אויף „ויש ליישב בדוחק" פון מהרש"א וכדומה, און אַנשטאָט דעם וואָס מעהר און מעהר לערנען גמרא מיט תוספות און רא"ש. יעדער תלמיד האָט זיך געמוזט מתחייב זיין קלאָהר צו ווערען אין איין מסכת, אויף אַזוי ווייט, אַז ער זאָל איהר קענען כמעט אויף אויסווייניג. ער אַליין פלעגט יעדען טאָג זאָגען דעם שעור על דרך הפלפול מיט חלוקים און סברות אין הלכה. צוויי מאָל אין חודש פלעגט ער האַלטען אַ דרוש אין מוסר פאַר די תלמידים, אָבער ניט מיט'ן נוסח ווי ער פלעגט ריידען פאַר'ן המון. די ישיבה האָט באַ־קומען אַ גרויסען פרסום; פון נאָהענט און ווייט איז מען געפאָהרען אַהין, אָבער אַזוי ווי ער האָט נאָר אויפגענומען די באַזונדערס באַ־גאַבטע, האָבען נאָר ווייניג געהאַט די זכיה אַנצוקומען.

זייענדיג שפּעטער אין יורבאַרג האָט ער, צוליב די טרדות פון רבנות, שוין מעהר ניט געקענט אַנהאַלטען די ישיבה ווי געהעריג — אַ זאַך וואָס ער האָט שטענדיג באַדויערט, און אַמאָל אין אַ שמועס מיט איהם האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דער גרעסטער פעהלער אין זיין לע־בען האָט ער געמאַכט דערמיט וואָס ער איז אַרויס פון ווילאן, וואו ער האָט פאַרבראַכט די אַנגענעהמסטע יאָהרען פון זיין לעבען, און איז זעהר בייז געווען אויף זיין יצר־הרע, וועלכער האָט איהם תמיד גע־טריבען צו זוכען אַלץ גרעסערע רבנות־שטעלען.

דער דאָזיגער יצר־הרע האָט איהם טאַקע ניט געלאָזען לאַנג פאַר־בלייבען אין דער קליינער יורבאַרג און איהם אָוועקגעפיהרט קיין זאַגער, איינע פון די גרעסטע רבנות אין ליטא. דאָרט איז די טרדה פון רבנות נאָך אַ גרעסערע געווען און האָט אינגאַנצען געמוזט אויפ־געבען די ישיבה. זייענדיג אין זאַגער האָט ער זיך אַנגעהויבען צו אינטערעסירען אין כלל־ענינים און האָט זיך באַטהייליגט אין די רבני'שע אַספות, וואָס פלעגען געהאַלטען ווערען זומער־צייט אין דובעלן אָדער אין ליבוי און תמיד פאַרנומען אַ בכבוד'ן אָרט. פון יענער צייט פאַנגט זיך אָן מיין פערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט איהם. ער האָט זיך אין זומער תרל"ט אויפגעהאַלטען אין ליבוי אַלס באַדע־גאַסט און מיר איז דאַמאָלסט אויסגעקומען צו הערען זיינע אינ־טערעסאַנטע דרשות, ווי אויך צו האָבען פּריוואַט שמועסען מיט איהם. מיט זיין נאַטירליכער פריינדשאַפט און באַשיידענהייט האָט ער צוגע־

צוינגען צו זיך א קרייז פון לומדישע און משכילישע בחורים און יונגע לייט, בעת די אנדערע רבנים, וועלכע זיינען געווען צום קור, פלעגען בלאזען פון זיך און ניט וועלען צולאזען צו זיך די יונגע שנעקעס. איך עראינער מיך נאך ווי איך און מיין פריינד רעוו. פיליפ יחס, וועלכער האט דאמאלסט געוואוינט אין ליבוי, פלעגען מיט איהם שטענדיג פארברענגען שטונדען־לאנג און שטענדיג אוועקגעהן פון איהם באגייסטערטע.

אין יאהר תרמ"ג איז ער אנגעקומען אלס שטאדט־מגיד אין ווילנא, און אין א גאנץ קורצער צייט ארום איז ער געווארען דער ליעבלינג פון די ברייטע מאסען. בעת ער פלעגט זאגען, איז די גרויסע שוהל תמיד געפאקט געווען און טויזענדער פלעגען נאך מוזען בלייבען אין דרויסען. ווער רעדט נאך בעת ער פלעגט האלטען די געוויסע „רעוויעס" (די פייערדיגע דרשות אין די נעכט פאר די ערשטע סליחות, פאר „זכור ברית" און פאר די „י"ג מדות" אין די סליחות פון עשרת ימי תשובה) האט מען ממש א שפילקע ניט געקענט אריינ־ווארפען. אמת, אז אין דער ערשטער צייט האבען פיעל פון די ווילנער לומדים ניט גורס געווען זיין סארט זאגען, אבער מיט דער צייט זיינען זיי געווארען זיינע שטענדיגע צוהערער. זאגאר די מיוחסים־דיגע יונגע לייט פון אפאטאווים קלויז, וואס כמעט אלע האבען געהאט סמיכות אויף רבנות, פלעגען זיך אויך צוזאמען מיט׳ן המון קוועטשען צו הערען זיינע דרשות, וואס זיינען באשטאנען פון טיעפע רעיונות מיט תורה און חקירה, מיט מוסר און פילאזאפיע.

אחוץ די מגידות האט ער אויך באקליידט דעם פאסטען פונ׳ם ערשטען מורה־הוראה, און איז געווארען די הויפט־פיגור אין אלע וויל־נער כלל־ענינים. אין די פינף יאהר וואס ער האט פארבראכט אין ווילנא האט ער איינגעפיהרט א סך נוצליכע תקונים, און האט ווירק־ליך געדענקט אויסצולעבען דארטען זיינע יאהרען בשלוה. ליידער הא־בען אונפאראנטווארטליכע פערזאנען אויסגענוצט זיינע תמימות, זיין שוואכען כאראקטער און זיין בלינדען צוטרויען צו אלע מענשען, און איהם אריינגעפיהרט אין אזא מיאוס׳ע צרה, וואס האט ארויסגע־רופען א גרויסען חלול־השם און איהם כמעט פון זינען ארונטערגע־בראכט. אין דער ערשטער צייט נאך דער קאטאסטראפע, פלעגט ער מאנכע טעג ניט קומען אין דער היים, שטונדענלאנג פארבראכט אויפ׳ן אלטען בית־עולם אין יללות און בכיות. בעת עס איז אנגעקומען די ידיעה פון ניו יארק, אז זיי נעהמען איבער צו באצאהלען זיינע חובות, האט ער עס געהאלטען פאר אן אצבע אלקים און תיכף מסכים געווען צו פארלאזען ווילנא, וואו ער האט זיך געהאט אזוי שעהן איינגעלעבט.

ליידער איז זיין רייזע קיין אמעריקא געווען א שרעקליכער דורכ־

פאל. די איינציגע צוויי בכבוד׳יגע מאמענטען זיינען געווען: אין חודש תמוז תרמ״ח, בעת אז ערד פון פופציג טויזענד מענשען האבען איהם הארציג מקבל־פנים געווען, און אין חודש תמוז פון יאהר תרס״ב, בעת אז ערד פון הונדערט טויזענד האבען מיט געבויגענע קעפ און מיט חרטה אין הארצען איהם באגלייט צו זיין אייביגער רוה. ווי די ניו יארקער אידען האבען איהם באהאנדעלט אין דער צווישען־צייט, לאז איך איבער צום אורטהייל פונ׳ם קינפטיגען היסטאריקער...

# רבי ירוחם ליב פערלמאן

## (דער מינסקער גדול).

געבאָרען אין בריסק תקצ"ה, געשטאָרבען אין מינסק אדר תרנ"ו.

מיט דעם מינסקער גדול ענדיגט זיך דער טיפ פון די פאַרצייטיגע רבנים, וואָס זייער איינציגע אויפגאַבע איז געווען צו זיצען יומם ולילה און לערנען, צו פסק'ענען שאלות און צו דיענען אַלס מוסטער פאַר'ן פאָלק מיט זייער הנהגה און מיט זייער יראת שמים. צעהנדליגער דורות האָבען די דאָזיגע רבנים געהערשט אין דער אי־דישער וועלט, כמעט אַלע ווי פון איין פורם אויסגעגאָסען; איינער אַ גרעסערער גאון און איינער אַ קלענערער; ביי איינעם די צדקות גרעסער ווי די לומדות און ביי אַן אַנדערן אומגעקעהרט. אמת, דאָס פאָלק האָט זיי געצאָהלט גרויס רעספעקט, אַנערקענט זייער אויטאָרי־טעט, אָבער נאָר אַלס הייליגע מענשען, ניט אַלס זיינע פיהרערס. די פיהרערשאַפט איז געלעגען פיעל מעהר אין די הענט פון די פרנסים, די גבירים און די תקיפים, וועלכע האָבען על־פי־רוב ניט צוגעלאָזען די רבנים זיך צו מישען אין זייערע ביזנעס. אויב עס האָט זיך ווען געפונען אַ רב, אַ בעל־רגש, וועלכער האָט געהאָט דעם מוטה אויפצוטרעטען געגען די תקיפים און פראָטעסטירען געגען די עולות, וואָס זיי באַגעהען זיך געגען די אָרימע און געדריקטע, האָט דער רב זיך שוין געמעגט זוכען אַן אַנדער אָרט, ניט אַכטענדיג וואָס דאָס פאָלק האָט איהם געליעבט און געגליכען. מערקווירדיג, אַז נאָך בעפאָר די ציוויליזירטע וועלט האָט איינגעפיהרט דאָס אָפּטהיילען די קירך פון דער שטאָאַט, האָט זיך שוין די דאָזיגע רעפאָרם, אין געוויסער מאָסען, פון לאַנגער צייט פראַקטיצירט אין דער אידישער וועלט...

די גרויסע שנויים וואָס זיינען פאָרגעקומען אינ'ם אידישען לעבען אין די לעצטע צוויי דורות, האָבען אויך געשאַפען אַ נייעם טיפ רבנים, וועלכע האָבען, ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג, געמוזט אַרויס־געהן פון זייערע ד' אמות של הלכה און אָנהויבען זיך צו אינטערעסירען מיט וועלטליכע ענינים. כמעט דער איינציגער פון די גדולי הדור, וועלכער איז נאָך אין אונזער צייט פאַרבליבען אַ „פאַרצייטיגער", איז

געווען דער מינסקער גדול. ער איז געווען אזוי ארויסגע־טהאן פון דער וועלט, אז אפילו מיט הונדערט יאהר צוריק וואלט ער זיך אויך גערעכענט פאר א „פארצייטיגען", און צוריקגעבליבען אין הויות העולם אפילו געגען זיין יוגענטליכען חבר רבי מאיר מיכל שאטער, וועלכער האט זיך אויך ווייניג־וואס אינטערעסירט מיט וועלט־ליכע ענינים.

געבארען איז דער מינסקער גדול אין בריסק ביי זעהר פרומע עלטערן, און נאך אלס יונגער אינגעל איז ער געקרוינט געווארען מיט'ן טיטול „בריסקער עלוי". ער האט באזעסען אלע טייערסטע כשרונות, ווי: א לייכטע הבנה, א שארפען שכל, א זעלטענעם זכרון און א געוואלדיגע עמקות. באלד נאך „בר־מצוה" איז ער געפאהרען קיין קאוונא לערנען. אנקומענדיג אהין, הונגעריג און אפגעריסען, ניט האבענדיג קיין קרוב וגואל, איז ער תיכף אוועק אין בית־המדרש און זיך געזעצט לערנען. אוועקגעזעצט האט ער זיך אויבען־אי אין א ווינקעלע ביים מזרח־וואנד, כדי ניט געשטערט צו ווערען. אבער אין מיטען לערנען איז צוגעגאנגען צו איהם דער שמש און זיך אנגע־בייזערט אויף איהם, ווי אזוי אזא אפגעריסענער אינגעל האט די העזה זיך צו זעצען ביים מזרח־וואנד, האט איהם אנגענומען פאר'ן כאכאל און אוועקגעפיהרט צום טיהר. פון גרויס חרפה, און דערצו איז ער נאך געווען שטארק הונגעריג, האט ער זיך אוועקגעזעצט ביי דער גמרא און גענומען וויינען. גראד איז אין דעם מאמענט אריינ־געגאנגען אין בית־המדרש דער דאמאלסדיגער קאוונער רב, רבי יצחק אבינדור, וועלכער האט דאס באמערקט, און איהם געפרעגט די סיבה פון זיין וויינען. דער בחור'ל האט איהם דערצעהלט, ווי דער שמש האט איהם באליידיגט און, דרך אגב, האט ער איהם געפרעגט א הארבע קשיא אין דער גמרא וואס ער האט געהאלטען. דער רב האט באלד געזעהן, אז ער האט דא פאר זיך א וואונדער־קינד, אנ־געשריען אויפ'ן שמש, געהייסען ער זאל דעם בחור'ל מחילה בעטען, און זיך ערקונדיגט ביי איהם, אויב ער האט וואס אויף דער הוצאה. פארשעמטערהייט האט ער איהם אויסגעזאגט, אז ער האט ביי זיך ניט קיין פרוטה און אז ער האט נאך היינט ניט געגעסען. דער רב האט איהם מיטגענומען צו זיך אהיים און א צייט לאנג האט ער ביי איהם געגעסען און געשלאפען.

נאכדעם ווי ער האט געלערענט אין קאוונא דריי יאהר איז ער געפאהרען צוריק אהיים. דורכפאהרענדיג סלאנים האט ער באזוכט דעם רב רבי אייזעלע חריף און געוואלט ריידען מיט איהם אין לערנען. רבי אייזעל האט אבער ניט ליעב געהאט די בחורים־לאך, וועלכע ווילען ציינען זייער גדלות און איהם פראסט געזאגט: לא די וואס

ער אליין וויל ניט זאגען קיין תורה, וויל ער נאך ווייניגער הערען אנדערנס תורה. דארויף האט ער איהם געענטפערט: „רבי, ניט איך און ניט איהר זיינען סוחרים און פון עניני מסחר קענען מיר ביידע ניט ריידען, ובכן בלייבט נאר פאר אונז צו ריידען דברי תורה".
רבי אייזעל האט געזעהן אז ער קען זיך פון איהם ניט אפטשעפען, האט ער איהם געפרעגט, אויב ער האט ווען געזעהן זיין ספר „עמק יהושע". זיין תשובה איז געווען, אז ער האט איהם יא געזעהן, אבער דער ספר געפעהלט איהם ניט, און איהם באלד אנגעוויזען איינינע שטעלען, וואו מען קען אפפרעגען. רבי אייזלען, דעם גרויסען וועלט־חכם, איז זעהר געפעלען געווארען די דרייסטיגקייט פון יונגען בחור'ל און געפרעגט איהם אויף שפאס, אויב עס געפינט זיך דאך ניט וואו אין ספר א שטיקעל גוטע תורה? „געווים געפינט זיך" — האט ער איהם תיכף געענטפערט — „למשל, אין דעם און דעם ארט איז די תורה הפלא ופלא". רבי אייזעל איז שרעקליך נתפעל געווארען, ווייל באמת איז יענע שטיק תורה געווען די בעסטע פון ספר, איהם ארומ־געבאפט קושען און האלזען.

נאך זייענדיג א גאנץ יונגערמאן איז ער אנגעקומען אלס רב אין סעלץ און באלד מפורסם געווארען פאר א טיפען און גראדען בעל־שכל. רבנים האבען אנגעהויבען שיקען צו איהם שאלות ותשובות און פון ארומיגע שטעדט איז מען געקומען צו איהם אויף דין־תורה'ס, כאטש מען האט געוואוסט אז ער איז ניט קיין גרויסער מומחה אין הויות העולם.

דער קאוונער רב, הגאון ר"א שפירא, דעם גדול'ס איידים, האט מיר דערצעהלט פון א כאראקטעריסטישען פאל וואס עס איז פארגעקומען ביי זיין שווער. בעת ער איז געווען רב אין סעלץ, זיינען צו איהם געקומען אויף א דין־תורה צוויי ביער־ברויער וועגען א טעכנישען ספסוד אין א ביער־ברויז. זיך ניט שעהמענדיג האט ער זיי גראדעצו געזאגט, אז ער ווייסט בכלל ניט וואס דאס איז א ברויז, און געבעטען זיי ערקלעהרען, ווי אזוי ביער ווערט געמאכט. ער האט זיך אין דעם אזוי פארטיעפט און דורכגענומען דעם גאנצען מעכאניזם, אז ער האט זיי שוין אנגעהויבען פרעגען קשיות פארוואס מען מאכט בעסער ניט אזוי אדער אזוי, כדי עס זאל קענען ארויסקומען מעהר ביער און א בעסערער קוואליטעט. די בעלי־דברים, אלטע געניטע ברויערס, זיינען נתפעל געווארען פון זיינע פראקטישע פלענער אין א מקצוע, וואס אט ערשט האט מען איהם דערמיט באקאנט געמאכט.

אויך זעהר א גייסטרייכען וויץ זיינעם האב איך אמאל געהערט פון קאוונער רב. בעת ער איז שוין געווען אין מינסק, האט אמאל א חתן אונטער דער חופה עפענטליך פאר אלעמען א קוש געטהאן דער

כלה. דארויף זאל דער גדול האבען באמערקט, אז איצט זעהט ער בחוש, דאס דער „לעיני כל ישראל“ איז טאקע דער סוף פון דער תורה...

מיין באקאנטשאפט מיט׳ן מינסקער גדול האט זיך אנגעהויבען אין יאהר תרמ״ז, בעת זיין זוהן האט דאמאלסט געלערענט מיין בוכ־האלטעריע. דער גדול, וועלכער איז געווען א גוטער מאטעמאטיקער, כאטש ניט וויסענדיג די עלעמענטארסטע כללים פון מאטעמאטיק, פלעגט ארויסהעלפען זיין זוהן אין מאנכע שווערע קאמערציעלע חשבונות, און א פאר מאל זיך געווענדעט צו מיר מיט שכל׳דיגע שאלות. אין א יאר ארום האב איך שוין געהאט די געלעגענהייט פערזענליך מיט איהם זיך צו זעהן ,בעת ער איז געקומען קיין ליבוי זיך באדען אין ים. מיר פלעגען ביידע כמעט יעדען טאג ארומ־געהן שפאצירעןביים ברעג ים, און אזוי ווי די דאקטוירים האבען איהם פארבאטען זיך צו פארטיפען אין לערנען, פלעגען מיר זיך אונטערהאלטען אין וועלטליכע זאכען. אויף זיין פארלאנג האב איך מיט איהם דורכגענומען, אזוי ארומגעהענדיג, א קצור פון דער אלגע־מיינער היסטאריע, פון דער פיזישער און פאליטישער געאגראפיע — אזעלכע ענינים וואס זיינען איהם ביז דאמאלסט לחלוטין פרעמד געווען.

אמאל, אזוי שפאצירענדיג, האבען מיר זיך פארשפעטיגט, און דורכגעגאנגען דעם קורגארטען בעת די מוזיק האט שוין געשפילט. גראד אין דעם מאמענט האט איינער, א סאליסט, א גרויסער קינסטלער, געענדיגט שפילען, און דער עולם האט איהם שטארק אפלאדירט. דער גדול, געהענדיג אזוי פארטראכטערהייט און דעם קאפ אראפגע־לאזען, האט זיך שרעקליך דערשראקען פון די פאטשערייען, ניט פאר־שטעהענדיג וואס דא טהוט זיך: עפעס אין א מיטענוואכעדיגען מיט־וואך זיצען אז ערד צוויי טויזענד מענשען, זכרים און נקבות, אויס־געפוצט ווי אויף א חתונה מיט פרעהליכע פנימ׳ער און מען טראסקעט מיט די הענט. נאכדעם ווי איך האב איהם ערקלעהרט, אז מען פאטשט דאס פון גרויס התפעלות, און אז דערמיט באדאנקט מען דעם שפילער, האט ער מיט גרויס בטול א מאך געטהאן מיט׳ן האנד, און מיט א שמייכעל באמערקט: „אך, וואס שוטים קענען...“

מיין ערשטע באגעגעניש מיט׳ן מינסקער גדול אין ליבוי איז פארגעקומען אונטער האלב־קאמישע אומשטענדען. אין דעם אייגענעם זומער האבען זיך געבאדען אין ליבוי איינינגע פון די גרעסטע רבנים, ווי: דער נצי״ב פון וואלאזין, רבי משה סלאבאדקער, רבי הלל סאל־לאנטער און אנדערע. ליבוי איז דאמאלסט געווען א גרויסער צענטער פון די „חובבי־ציון“, און זייענדיג אונטער דעם איינדרוק, אז ווי

נאָר עס וועט געלינגען צו געווינען די רבנים און די יראים פאַר'ן רעיון, וועט מען שוין לייכט דערגרייכען דעם ציעל, האָבען די ליבויער חובבים אויף אַן אספה, אונטער'ן פאָרזיץ פון הרב דר. קליין, באַשלאָסען, אַרויסצוגעבען אויף זייערע קאָסטען אַ „בראַשורע", אין וועלכער עס זאָלען אַנגעוויזען ווערען אַלע מקורים פון תלמוד און מדרשים וועגען דער גרויסער מצוה פון ישוב־ארץ־ישראל ,און דאָס פאַרשפּרייטען אין צעהנדליגער טויזענדער קאָפּיעס איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. אַלס אַ הקדמה צום ספר זאָל זיין אַ „קול־קורא" צום אידישען פאָלק, וועלכער זאָל דערווייל געחתמ'עט ווערען פון די גדולי הדור וועלכע געפינען זיך אין ליבוי, און שפּעטער צושיקען צו נאָך צעהנדליגער רבנים זיך דאַרויף צו חתמ'ענען. דער נצי"ב ז"ל, וועלכער איז אויך אַנוועזענד געווען אויף דער אספה, האָט זיך איבערגענומען אָנצו־שרייבען דעם קול־קורא און געבען זיין חתימה אַלס ערשטער. ער האָט אונז אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז צום ענין איז דורכאויס נויטיג די חתימה פונ'ם מינסקער גדול, ערשטענס אַלס גרויסער אוי־טאָריטעט, און צווייטענס האַלט איהם די וועלט פאַר אַ געגנער צום רעיון, און דעריבער איז זיין חתימה נאָך וויכטיגער. צוגלייך האָט ער באַמערקט, דאָס עס וואָלט געווען פּראַקטישער, אַז בעלי־בתים זאָלען זיך זעהן מיט איהם, ווייל רבנים וועלען ביי איהם בודאי ניט פועל'ן. איך געדענק שוין ניט פאַרוואָס דער גורל איז דאַמאָלסט גראָד געפאַלען אויף מיר (אפשר ווייל איך בין געווען דער אינגסטער) זיך צו זעהן מיט איהם, און בין באַאויפטראַגט געוואָרען אָנצואווענדען אַלע תחבולות און התחכמות אַרויסצובאַקומען זיין חתימה..

נאָכדעם ווי דער נצי"ב האָט אָנגעשריבען דעם קול־קורא, האָט ער עס מיר איבערגעגעבען מיט זיין חתימה, און בין דערמיט אַוועק צום מינסקער גדול אויף זיין סטאַנציע. אַריינקומענדיג צו איהם האָב איך ניט געזאָגט מיין נאָמען, זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ קור־לענדער אידען, וועלכער קומט איהם פרעגען אַ שאלה, אַז היות דאָ אין ליבוי איז אויפגעשטאַנען אַ חברה וואָס קלייבט געלד צו גרינדען קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, אויב עס איז טאַקע אַ מצוה צו געבען דאַרויף? „בודאי איז דאָס אַ מצוה" — האָט ער מיר געענטפערט — „אונזערע הייליגע ספרים זאָגען, אַז די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז איינע פון די גרעסטע מצוות". די דאָזיגע תשובה האָט מיר צו־געגעבען מוטה און האָב שוין פּרובירט געהן אַ טריט פאָרווערטס, און פרעג איהם ווייטער: „אויב אַזוי, ווי קומט עס אַז די גרויסע רבנים, זאָלען געזונד זיין, זיינען גראָד די גרעסטע געגנער, און ווי איך האָב געהערט, איז לאָ די וואָס זיי העלפען ניט, שטערען זיי נאָך די אַר־בייט?" „חס וחלילה" — האָט ער מיר מיט וואַרימקייט געענטפערט —

„די רבנים זיינען ניט קיין געגנער, נאָר זיי קענען ווייניג־וואָס אויפ־טהאָן. אויף צו באַזעצען ארץ־ישראל דאַרף מען דעם עיקר האָבען געלד און דאָס קענען נאָר בעלי־בתים געבען". אויף מיין באַמערקונג, אַז חוץ געלד־געבער דאַרף מען אויך האָבען עסקנים, וועלכע האָבען טאַקע געדאַרפט זיין די רבנים — האָט דער גדול מיר געענטפערט: „רבנים זיינען גרויסע טרודים, חוץ וואָס זיי זיינען פאַרנומען מיט שאלות און דין־תורה'ס, ברויכט יעדער רב צו לערנען לכל־הפחות פינף — זעקס שעה אַ טאָג". זיך פרעהענדיג, אַז איך בין שוין נאָהענט צום ציעל, האָב איך פּרובירט אויסשיסען די לעצטע פולווער און גיב איהם אַ זאָג בתמימות: „עס זיינען פאַראַן רבנים, וואָס וואָלטען געקענט מיט זייערער אַ חתימה, וועלכע דאַרף געוועהרען אפשר אַ האַלבע מינוט, מעהר אויפטהאָן ווי מיר בעלי־בתים אַרבייטענדיג גאַנצע חדשים, אַ שטייגער ווי צו געבען אַ חתימה אויף אַזאַ פּאַפּיר". און אַזוי ריידענדיג נעהם איך אַרויס דעם „קול־קורא" און דערלאַנג איהם אונטערצוצייכענען. אין ערשטען מאָמענט איז ער אַ צוטומעלטער געוואָרען, און קוקענדיג אויפ'ן פּאַפּיר און אויף מיר ניט ער מיר האַסטיג אַ פרעג, ווער איך בין און ווער האָט מיך געשיקט. נאָכדעם ווי איך האָב איהם געזאָגט מיין נאָמען, איז ער געוואָרען מלא שמחה, וואָס ער איז כאָטש „אריינגעפאַלען" אין די הענט פון אַ גוטען פריינד. כמעט ווי מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער מיר געבעטען, אַז איך זאָל איהם אַפּלאָזען, מחמת כמה וויכטיגע טעמים קען ער זיין חתימה ניט געבען, און אַזוי איז עס פאַרבליבען.

נפטר געוואָרען איז ער אין אדר תרנ"ו, אין עלטער פון 61 יאָהר.

# רבי מאיר ליבוש מלבי"ם

**געבארען אין וואלאציסק תקס"ט, געשטארבען אין קיעוו תר"מ.**

מיט עטליכע און פערציג יאהר צוריק האט געלעבט מיט אונז צוזאמען א גאנץ גרויסער מאן, און בלי ספק געפינען זיך נאך היינט מענשען, וועלכע האבען איהם פערזענליך געקענט, און דאך קומט מיר פאר, ווי ער וואלט געהאט געלעבט מיט אייניגע הונדערט יאהר צוריק, עפעס א מין קאמבינאציע פון א „אברבנאל" מיט א „לבוש". דאכט זיך זיינע קלאסישע ספרים וואס ער האט אנגעשריבען פארנעה־מען א בכבוד'יגען ארט, סיי אין דער לומד'ישער און סיי אין דער ליטערארישער וועלט, אבער דער מחבר אליין האט ניט זוכה געווען, ניט אין פאריגען דור און ניט אין היינטיגען דור, צו באקומען די ריכטיגע אפשאצונג פון זיין גרויסען ווערטה און די אנערקענונג פאר זיין גרויסקייט און פאר זיינע ניצליכע שאפונגען. כמעט די גאנצע זיבעציג יאהר וואס ער האט געלעבט, איז ער געווען א נרדף און א מארטירער און ניט בעסער איז ער אויך באהאנדעלט געווארען נאכ'ן טויט. די פרעסע האט איהם אפגעפטר'ט מיט א גאנץ קורצען נעקראלאג, און נאך ווייניגער אויפמערקזאמקייט האט ער באקומען פון די היסטאריע שרייבער.

יא, דער גרויסער שר־התורה, דער וואונדערבארער דענקער און געלעהרטער אויף אלע געביטען, „רבי מאיר ליבוש מלבי"ם", איז גע־קומען אויף דער וועלט אין א ניט־מזל'דיגער שעה. זיין גאנצען לעבען האט ער געהאט צרות און פארפאלגונגען פון אלע סארטען קלאסען — אנגעהויבען פון רבנים, חסידים, קנאים ביז משכילים, אסימילאנטען, רעפארמער און ענדיגענדיג מיט די ליבהארציגע מלוכות פון רוסלאנד און רומעניען. ועל כולם האט ער געליטען כל ימיו פון א אשה רעה, מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט בעת ער איז אלט געווען דרייצעהן יאהר און זי האט איהם נאך אריבערגעלעבט... אמת, אלע זיינע פאר־פאלגער האבען געהאט זייערע תירוצים: די רבנים האבען איהם ניט געקענט מכפר זיין, וואס אזא גאון התורה זאל זיך אפגעבען מיט דרוש, מיט איינטייטשען פסוקים און מיט מאכען א מאדערנעם פירוש אויף עשרים וארבעה — אזא מעשה וואס האט געפאסט פאר מענ־דעלסאן מיט זיינע תלמידים... די חסידים האבען איהם רודף געווען צוליעב זיינע גרויסע ידיעות אין דקדוק און אין וועלטליכע שפראכען,

וואס פאסט ניט פאר א גאון א צדיק, די משכילים האבען געהאט צו איהם טענות, וואס ער האט זיך אריינגעכאפט אין זייער גבול, סטייטש, ווי קומט א מחבר פון אן „ארצות החיים", א פארצייטיגער רב, אנצושרייבען א „משל ומליצה", אן „אילת השחר" און צו מאכען א ביאור אויף תנ"ך, וואו דער פשט מיט׳ן דרש זאלען הארמאנירען? די רעפארמער זיינען דאך בודאי געווען גערעכט, ווייל פון קיין רב האבען זיי ניט באקומען אזעלכע שווערע קלעפ ווי פון איהם, און נאך מעהר — אין זייער אייגענעם לשון, אהן שום נשיאות־פנים, אויפ־געוויזען זייערע פאלשע דרכים און די ניט־אויסגעהאלטענקייט פון זייער שיטה. די ווייב זיינע האט אפשר אויך רעכט געהאט מיט איהרע תביעות, פארוואס ער פארשטעהט ניט מיט זיין גרוים חכמה צו פארדינען געלד — אז אזא וויכטיגער מענש ווי ער זאל ניט זוכען קיין רבנות אין א גרויסער שטאדט און אז ביי איהם איז רעכט געווען ביז צו פופציג יאהר אנצוהאלטען רבנות אין קליינע ערטער...

אויב זיינע געגנער זיינען אפשר אין מאנכע פרטים גערעכט גע־ווען אדער ניט, אבער בינו לבינו האט דער דאזיגער גרויסער גאון און צדיק, דער מוסטער פון אן אמת׳ען „אדם העליון", אפגעפינסטערט כמעט זיין גאנצען לעבען. זיין אונגליק איז געווען, וואס ער האט ניט געלעבט אין זיין ריכטיגער צייט און אויפ׳ן ריכטיגען ארט. זיינע מיט־מענשען האבען איהם ניט פארשטאנען. אנשטאט איהם צו שעצען פאר זיינע מדות טובות, פאר זיין פיינט האבען שקר און חניפה און מעהר פאר אלץ — געלד; איהם צו אכטען פאר זיין מסירות נפש צוליעב דעם אמת; פאר׳ן ניט נושא־פנים זיין דעם גרעסטען גביר און תקיף — האבען זיי איהם גאר אפגעשטעמפעלט פאר א בעל־מחלוקת, פאר אן אונקאמפראמיסליכען עקשן, ובכן איז א מצוה איהם רודף צו זיין. באמת, אט די אלע טענות און תביעות צו איהם האבען נאר געהאט די גבירים און תקיפים, אבער דער המון־עם, מיט זיין נאטירליכען און געזונדען אינסטינקט, האט איהם ממש פארגעטערט, ארויסגעצייגט צו איהם גרוים ליעבשאפט און צוגעטאנקייט, אבער א דאנק די סאציאלע ארדנונג פון יענער צייט, איז דער המון אהנ־מעכטיג געווען זיך צו קענען איינשטעלען פאר איהם. אין אלע שטעדט, וואו ער איז געצוואונגען געווען צו פארלאזען צוליעב דעם דרוק פון די תקיפים, פלעגט דער גרויסער המון זיך געזעגנען מיט איהם מיט גרוים הארצוועהטאג און מיט געוואלדיגע בכיות.

אינטערעסאנט איז אויך זיין לעבענס־לויף, וואס אונטערשיידט זיך אין פיעלע פרטים פון די אלע אנדערע רבנים און צייט־גענאסען. געבארען אין שטעדטעל וואלאציסק (וואהלינער גובערניע) אין יאהר תקס"ט. איינגעלוויז געקלונגען פאר אן „עלוי" און צו זעכצעהן יאהר

איז ער געווען א בקי אין ש"ס בבלי און ירושלמי. זיך האלטענדיג אן די שיטה פון ווילנער גאון, אז כדי צו דערגרייכען גרינדליך די תורה איז נויטיג צו קענען אויך וועלטליכע ידיעות, האט ער פארלאזען זיין היים און גענומען ארומוואנדערען איבער דער וועלט, אום צו קענען דאס לעבען פון דער גרויסער וועלט מיט איהרע פארשידענע לשונות. אוועק פון וואלאציסק קיין אונגארן און פון דארטען נאך טריעסט, פאריז, לאנדאן, האמבורג, פראנקפורט און בערלין. צוויי יאהר האט ער אזוי ארומגעוואנדערט און פאר דער צייט זיך אויסגעלערענט די פראנצויזישע, ענגלישע און דייטשע שפראך. צו אכצעהן יאהר איז ער אנגעקומען אלס רב אין א פריסישע שטעדטעל ורעשען (פראווינץ פאזען). דארטען האט ער געדרוקט זיינע ערשטע ספרים: „ארצות החיים" אויף הלכה און „ארצות השלום" אויף דרוש, וואס האבען צוליב זייער שארפקייט און אריגינאליטעט ארויסגערופען גרויס באוואונדערונג אין דער לומדישער וועלט, אז די גאונים „מפרשי הים" האבען דעם אכצעהן־יעהריגען יונגען מאן געגעבען דעם טיטול „שר התורה".

אן ערך צעהן יאהר איז ער געזעסען אין דער שטעדטעלע ווערשען, כאטש זיין נאמען האט געקלונגען איבער דער גאנצער וועלט און האט געהאט בכח צו באקומען א גרעסערע רבנות. איהם האט זיך אבער געוואלט זיצען רוהיג און לערנען און ארבייטען אויף זיינע ריעזענווערקע, וואס ער האט זיך פארגענומען. פון דארטען איז ער אנגעקומען אין קעמפען, א דערבייאיגע קליין שטעדטעל, וואו ער האט פארבראכט אן ערך צוואנציג יאהר. אט די דאזיגע פארוואָרפענע שטעדטעל אין פרייסען, וואס היינט זיינען דארטען אפשר קנאפ א מנין אידען פאראן, האט זוכה געווען א מלבי"ם זאל זיך נאך איהר רופען „דער קעמפענער" און בלייבען פאראייביגט אין דער ליטעראטור.

אין יאהר תרי"ח האט ער באקומען א כתב־רבנות פון בוקארעשט, די רעזידענץ־שטאדט פון רומעניען. אנקומענדיג אהין האט ער געפונען, אז עס בילדעט זיך דארטען א רעפארם־געמיינדע. האט ער תיכף אנגעהויבען צו פיהרען א קאמפף געגען זיי. די גרינדער פון רעפארם זיינען געווען גרויסע תקיפים ביי דער מלוכה און א דאנק זייערע מסירות איז ער אמאל ארעסטירט געווארען אין מיטען קידוש, איהם געשמידט אין קייטען און אוועקגעשיקט אין רוסטשוקער פעסטונג. צו זיין גליק איז גראד אין יענער צייט אויסגעקומען משה מאנטעפיארע'ן דורכצופאהרען בוקארעשט. דערהערענדיג די מעשה איז ער אוועק צום דאמאלסדיגען פירשט פון רומעניען און דורכגעפיהרט מען זאל איהם באפרייען. ער איז אבער געצוואונגען געווען צו פארלאזען רומעניען, און וועלענדיג זיך ריינוואשען פון די פאלשע בלבולים וואס מען האט געמאכט אויף איהם, איז ער אוועק קיין קאנסטאנטינאפאל

זיך באקלאגען אויף די רומענישע רעגירונג, וועלכע איז דאמאלסט נאך געווען אונטער דער אויבערהערשאפט פון טערקיי. צוליעב פאלי־טישע אורזאכען האט די טערקישע רעגירונג זיין קלאגע צוריקגעוויזען. עס האט אויך ניט געהאלפען די השתדלות פון דער חברה „כל ישראל חברים“, און מלבי״ם האט ניט געקענט מעהר אריינקומען אין רומעניען.

דאס איינענע וואס מיט איהם האט פאסירט אין בוקארעשט, האט זיך אויך ווידערהאלט אין חערסאן, וואו ער איז אנגעקומען פאר א רב, פארלאזענדיג רומעניען. אויך דארטען האבען די אסימילאנטען, די פיהרער פון דער געמיינדע, ניט געקענט פארטראגען זיינע פייער־דיגע דרשות, איהם פאר׳מסר׳ט ביי דער רעגירונג אז ער פארשפרייט פאנאטיזם און פיינדשאפט. צו זיי זיינען אויך צוגעשטאנען די פא־נאטישע חסידים וואס האבען ניט געגליכען דעם „דייטשען רב“ צור ליעב זיינע וועלטליכע ידיעות, אגב פלעגט ער זיי אנגרייפען אין זיינע דרשות וועגען זייער עם־הארצות און זייער אבערגלויבעריי. דער סוף איז געווען, אז ער האט אויך געמוזט אוועק פון חערסאן.

ערשט בעת ער איז אלט געווארען זעכציג יאהר האט ער ענדליך זוכה געווען צו באקומען א רבנות, וואס האט געפאסט פאר זיין גרויס גאונות, צו באטרעטען דעם כסא־הרבנות פון דער אלטער אידי־שער גרויסע קהלה מאהילעוו. פאר דער ערשטער צייט האט ער זיך דארטען געפונען זעהר גליקליך און געמיינט שוין דארט אויסצולעבען די יאהרען בשלום. מיט זיינע הארציגע פייערדיגע דרשות פלעגט ער אזוי ווייט באצויבערען זיינע צוהערער, אז נאכ׳ן זאגען פלעגט מען איהם ממש אויף די הענט ארומטראגען. די גבירים און תקיפים האבען ניט געקענט דולדען די גרויסע ליעבשאפט וואס דער המון האט ארויס־געוויזען צום רב און נאך מעהר האבען זיי ניט געקענט פארטראגען זיין זעלבסטשטענדיגקייט און די קנאפע כבוד וואס ער האט זיי געגעבען. זיי זיינען תמיד געוואוינט געווען, אז דער רב האט גע־דארפט זיין א נכנע צו זיי, און דא קומט א רב, וואס ערלויבט זיך עפענטליך זיי אנצוגרייפען פאר זייער באדריקען די ארימע און עלענדע. דערצו האט זיך נאך געמאכט, אז מלבי״ם האט גע׳פסול׳ט א מורה־הוראה, איהם פארוועהרט צו פסק׳ענען שאלות, און דער דאזיגער מורה־הוראה איז גראד געווען א קרוב צו די תקיפים. סא׳יז ענטשטא־נען א מחלוקת און דער סוף איז געווען, אז דער צד שכנגד האט פאר־מסר׳ט מלבי״ם׳ן ביי דער רוסישער רעגירונג און ער האט באקומען אן אוקאז תיכף צו פארלאזען רוסלאנד.

אזוי איז דער גרויסער גאון, דער שטאלץ פון דור, געבליבען הענגען אין דער לופטען, ניט האבענדיג קיין היים. אן אמת׳ער שאנד־פלעק פאר דאס רוסישע יודענטום איז, אז קיינעם האט עס ניט געקי־

מערט און מען האָט איהם איבערגעלאָזען צו זיין שיקזאל. דערפאר אבער קומט גרויס קרעדיט די דייטשע אָרטאָדאָקסי, באַזונדערס דעם צדיק דר. מאיר לעהמאַן פון מאינץ און זיינע חברים, וועלכע האָבען, ערפאהרענדיג מלבי"ם'ס טרויעריגע לאַגע, איהם תיכף געשיקט געלד אויף דער הוצאה און איהם אויפגעפאָדערט צו קומען זיך באַזעצען אין מאינץ אויף זייערע קאָסטען, וואו ער זאל קענען אָפּלעבען זיינע יאָהרען אין תורה ועבודה ניט האָבענדיג דעם יאָך פון רבנות. אויפ'ן וועג קיין מאינץ איז ער דורכגעפאָהרען קעניגסבערג, וואו ער איז פאַרהאַלטען געוואָרען פאַר א רב אין דער דאָרטיגער ליטווישער און פוילישער גע־מיינדע. זיצענדיג אַן ערך פיער יאָהר אין קעניגסבערג, אייניגערמאַסען בשלוה, האָט ער פאַרענדיגט זיין פירוש אויף חמשה חומשי תורה און אויף מגילות. די געמיינדע איז אָבער קליין און אָרים געווען, געלעבט בדחקות, דעריבער איז ער מרוצה געוואָרען אָנצונעהמען די שטעלע פון ווילנער שטאָדט־מגיד, און איז שוין געווען גרייט צו פאָהרען אַהין, אָבער דער ווילנער גובערנאַטאָר, נאָכדעם ווי ער האָט ערפאָהרען, אַז מען האָט איהם אַרויסגעשיקט פון מאָהילעוו צוליעב פאַנאַטיזם, האָט איהם ניט ערלויבט צו קומען קיין ווילנא.

אין דערזעלבער צייט איז אָנגעקומען צום מלבי"ם'ן אַן אויפפאָ־דערונג פון מעהרערע פאַראייניגטע נויאָרקער שוהלען צו קומען אַהין אַלס רב־הכולל. אָבער זיינע מקורבים, וויסענדיג זיין כאַראַקטער, האָבען איהם אָפּגערעדט אָנצונעהמען אַ שטעלע אין אַן אונאייניהייט־ליכע קהלה, וואו יעדע שוהל איז אַ סדרה פאַר זיך און מען ברויכט צו קענען חנפ'ענען די פּרעזידענטען. אנב האָט ער אונטערדעסען באַקומען אַ כתב־רבנות פון קרעמענטשוג. פאָהרענדיג אַהין איז ער אונטערוועגענס נפטר געוואָרען אין קיעוו, דעם ערשטען טאָג ראש־השנה אין יאָהר תר"מ.

ס'איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז די צוקינפטיגע דורות וועלען וויסען בעסער צו שעצען די גרויסקייט און גאונות פון מלבי"ם'ן, וועל־כער איז געווען געניאַל אין אַלע מקצועות. אין זיין ספר „ארצות החיים" האָט ער אַרויסגעצייגט זיין געוואַלדיגען כח אין פּלפּול והלכה; אין זיין „ארצות השלום" — זיינע אָריגינעלע טיעפע רעיונות אין דרוש און מחקר; אין זיין „משל ומליצה" — זיין פּאָעטישע קראַפט און איז פאַרבליבען דער איינציגער ווירקליכער משורר אין דער גאַנצער רבני־שער וועלט. מיט זיין „אילת השחר" האָט ער דערגרייכט צו דער מדרגה געשטעלט צו ווערען אין דער שורה פון מדקדקים ווי אבן־עזרא, אבן־ג'אנח און זייער גלייכען. מיט זיין פירוש אויף תנ"ך האָט ער ווירקליך מקדש השם געווען, איינצוטייטשען אַלע פסוקים נאָך דער

מסורה און צושטערט די מזבחות פון די מחבלי כרמים. אבער די קרוין פון אלע זיינע לייסטונגען איז דאך דער פירוש אויף „תורת כהנים", א קלאסישע מייסטערווערק, א מקצוע וואס פון רמב"ם און זיינע נושאי כלים אן, האט זיך די שפעטערדיגע רבנישע ליטעראטור ניט פיעל אפגעגעבען.

# רבי מאיר מיכל ראבינאָוויץ

## (רבי מאיר מיכל שאָטער).

געבאָרען אין קיידאן תק"ץ, געשטאָרבען אין ווילנא תרס"ב.

איך מיין אַהן גוזמא צו זאָגען, אַז פון די פיער מיליאָן אידען, וועל־כע געפינען זיך היינט אין אמעריקא, זיינען אפשר פאַראַן אַ פּאָר הונדערט, וואָס ווייסען, אַז נאָך מיט קנאַפּע פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק האָט געלעבט אין ליטא אַ רב מיט'ן נאָמען מאיר מיכל, וועלכער איז געוועזן איינער פון די גדולי הדור, און אפשר טאַקע ממש דער „גדול הדור", סיי אין לומדות און סיי אין צדקות.

איך ערינער מיך מיט אַ יאָהר פינף און דרייסיג צוריק איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו האַלטען שבת אין ווילנא. ארויסגעהענדיג פון מיין האָטעל באַגעגען איך דעם דאַמאָלסדיגען סאַלאַנטער רב, רבי מאיר אטלאַס, אַ פּאַרשוויצטען און אַ פאַרמאַטערטען (ס'איז גראָד געווען אַ הייסער זומער־טאָג) און באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז זייט אַ פּאָר שעה שוין ווי ער געהט אַרום זיך נאָכפרעגען וואו עס וואוינט רבי מאיר מיכל און קיינער ווייסט ניט, כאָטש ער וואוינט דאָ אין דער שכונה. „היתכן" — האָט ער אויסגערופען מיט פאַרוואונדערונג — „אַז ווילנער אידען זאָלען ניט ווייסען, דאָס אין זייער שטאָדט לעבט איצט דער גרעסטער גאון פון אונזער צייט?"

איך האָב איהם אַרויפגעפיהרט צו רבי מאיר מיכל'ען און גע־הענדיג האָב איך פאַרטהיידיגט די ווילנער אידען, אַז זיי זיינען גאָר־ניט שולדיג, און שולדיג איז טאַקע נאָר רבי מאיר מיכל אַליין, וואָס ער איז ניט געבאָרען געוואָרען מיט הונדערט יאָהר צוריק. דוקא אין יענער צייט, ניט האָבענדיג קיין צייטונגען, קיין אייזענבאַהנען און אויך ניט קיין רעגעלען פּאָסט־פאַרקעהר, האָט דאָס אידישע פאָלק געוואוסט פון די גדולי הדור אַ סך מעהר ווי היינט. אַ באַווייז האָב איך איהם געבראַכט פון רבי יאָסעלע סלוצקער, אַז מיט ניינציג יאָהר צוריק האָט סלוצק, איינע פון די גרעסטע אידישע קהלות, גענומען פאַר אַ רב איינעם אַ יונגען מאַן פון אַ שטעדטעלע לוקניק אין קאָוונער גובערניע, וואָס נאָך דער דאַמאָלסדיגער קאָמוניקאַציע איז לוקניק פון סלוצק פיעל ווייטער געווען ווי היינט לוקניק פון סאַן פראַנציסקאָ!

נאך מעהר, ווען אזא יונגער מאן ווי רבי יאסעלע וואלט היינט געלעבט אין סלוצק גופא, בין איך שטארק מסופק אויב מען וואלט איהם דארטען גענומען פאר א רב, אויב ער וואלט געווען א נחבא אל הכלים און ניט געזוכט קיין פרסום...

רבי מאיר מיכל איז געווען דער אמת׳ער טיפ פון א פארצייטיגען רב, מיט זיין גאנצער גרויסקייט און שעהנקייט, ווי דער דיכטער אין זיין רייכער פאנטאזיע קען זיך דאס בעסער ניט פארשטעלען. ווער עס האט ניט געקענט רבי מאיר מיכל׳ען פערזענליך דער ווייסט ניט, וואס ס׳הייסט אמת׳ע ענוה. שטעלט זיך פאר, א מענש וואס איז געווען א בקי אין דער גאנצער תלמוד׳ישער ליטעראטור, פון די ערשטע ראשונים ביז די אחרונים שבאחרונים מיט א זעלטענעם חריפ׳ישען לאגישען שכל האט פון זיך אזוי ווינציג געהאלטען, אז ער האט ניט געוואגט צו פסק׳ענען די קלענסטע שאלה! ער האט בשום אופן ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך אנצונעהמען א רבנות אין א גרעסערע שטאדט, ווי א שטייגער ווילקאמיר, דווינסק און אנדערע, און פארבליבען אן ערך פינף און צוואנציג יאהר אין אזא קליין שטעדטעלע ווי שאט (קאוונער גובערניע). בלי ספק וואלט ער נאך ווייטער דארטען פארבליבען, ווען ניט איינינע ווילנער נכבדים, ובראשם רבי שמעון שטראשון, וואלטען ניט צוגעשטאנען צו איהם, אז ער זאל זיך באזעצען אין ווילנא פאר׳ן הויפט מורה־הוראה. ער האט אבער אנדערש ניט מסכים געווען, ביז זיי האבען נאכגעגעבען זיין פארלאנג, אז ער זאל ניט דארפען פסק׳ענען קיין שאלות.

די מדה פון ענוות איז ביי איהם, א פנים, געווען א מיטגעבארענע זאך, נאך זייענדיג א חדר־אינגעל, באגאבט מיט עלוי׳אישע כשרונות, האט ער שוין דאמאלסט געהאט די דאזיגע מדה, ניט צו וועלען ווייזען גדלות און ניט לאזען מאכען פון זיך א פירוש. ער איז געווען אויף אזוי ווייט באשיידען, אז זאגאר זיין אייגענער פאטער, רבי שלום, א גרויסער רב, אן אור־אייניקעל פון רבי אברהם, דער „מעלות התורה" (א ברודער פון ווילנער גאון) האט אליין ניט געוואוסט וואס פאר אן אוצר ער באזיצט, האלטענדיג איהם פאר א שוואכען בעל־כשרון האט ער איהם ניט נעגעבען ווייטער לערנען און איהם אפגעגעבען צו א סופר־סת״ם לערנען א מלאכה. רבי מאיר מיכל׳ען איז אבער די מלאכה ניט געפעלען געווען און זיך איינגעבעטען ביים פאטער, ער זאל דאך פראבירען מיט איהם אליין לערנען. רבי שלום האט ערפילט זיין רצון און דא האט ער זיך פלוצים ארומגעזעהן, אז יפה כח הבן מכח האב, און איהם אוועקגעשיקט קיין קאוונא לערנען אין רבי הירשעל נאוויאזער׳ס קלויז, וואו עס האבען דאמאלס געלערנט די בעסטע יונגע לייט אונטער דער השגחה פון רבי ישראל סאלאנטער. דאר־

טען האָט ער געלערענט צוזאַמען מיט די שפּעטערדיגע גדולי הדור, ווי דער מינסקער גדול און אַנדערע, און כאָטש אין בקיאות איז ער אפשר אריבערגעשטיגען כמעט אַלע זיינע חברים, דאָך האָט ער אַלעמען געהאַלטען העכער פאַר איהם, און שוין דאַמאַלסט האָט מען אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז אַ גאון אין עניוות.

ווי גרויס זיין גאונות איז געווען אין לערנען, פלעגט דערצעהלען רבי אלי׳ דוד תאומים (שפּעטער רב הכולל אין ירושלים), אַז ער האָט איהם אַמאָל אין שפּאַס פאַרהערט אויף אויסווייניג די מקורים פון וואַנען דער רמב״ם האָט גענומען זיינע הלכות אין קדשים, און איהם כסדר געזאָגט אפילו אַ מקור וואו דער „כסף משנה“ אַליין זאָגט „לא אדע מקורו“.

מיין ערשטע פערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט רבי מאיר מיכל׳ען איז געווען אין זומער פון יאָהר תרמ״ט. איך בין דאַמאַלסט געווען צו גאַסט אין ווילנא און רבי שמעון שטראַשון צוזאַמען מיט ר׳ יעקב ראבינאָוויץ, אַ פרומער גביר פון טעלז, האָבען מיר אויפגעפאָדערט מיטצונעהמען רבי מאיר מיכל׳ען אין ליבוי זיך צו באָדען אין ים. ער האָט אין יענער צייט שטאַרק געליטען פון שלאָפלאָזיגקייט און דאָקטוירים האָבען איהם פאַראָרדערט רוהע און ים־לופט. איך האָב איהם געבראַכט אין ליבוי, איהם פאַרשאַפט פּראָוואַזשיטעלסטווא און אַ דירה, און פלעג מיט איהם טעגליך שפּאַצירען געהן ביים ים. אַזוי ווי ער האָט ניט געטאָרט אָנשטרענגען זיין קאָפּ און ניט געטאָרט ריידען אין לערנען, פלעג איך איהם אונטערהאַלטען מיט וועלטליכע ענינים. וויסענדיג זיינע צדקות האָב איך מיך געהיט ווי פון פייער, זיך ניט אַרויסצוריידען מיט עפּעס אַ לצנות אָדער סתם דברים בטלים. מען איז דאָך אָבער ניט מעהר ווי אַ מענש, פלעג איך דאָך אַמאָל ניט־וועלענדיג נכשל ווערען מיט אַן איבעריג וואָרט, און דאָ פלעג איך תיכף באַמערקען, ווי רבי מאיר מיכל הערט שוין אויף צו הערען וואָס איך רייד, זיינע ליפּען האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַוועגען און ער קלעהרט שוין וועגען אַ גאַנץ אַנדער ענין. מיר אויסריידען אָדער אָפּ־שטעלען, האָט זיין איידעלער כאַראַקטער איהם ניט געלאָזען.

אַמאָל בין איך צו איהם אריינגעקומען מיטנעהמען איהם צום ים, געפין איך איהם שטעהענדיג אַ פאַרהאַרעוועטער און אַ פאַרשוויצ־טער, האַלטענדיג אַ פּאָר ריטער אין האַנד און קלאַפּט מיט אַלע כחות אַן אַלטער תהלים׳ל און אַ קאַטונענעם ארבע־כנפות. מיך דערזעהענדיג האָט ער זיך האַלב פאַרשעהמט און גענומען באַהאַלטען די ריטער, און נאָר מיט גרויס צודרינגליכקייט איז מיר געלונגען אַרויסצוקריגען פון איהם וואָס דאָס באַדייט. די זאַך איז פּשוט: אין זיין שטעדטעל שאַט איז מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק געווען אַ גרויסע שרפה. נאָכ׳ן

איינלעשען, בעת אלע האבען שוין צוריקגעבראכט אין די הייזער די אויסגעפאקטע זאכען, זיינען פארבליבען אין גאס א תהלים׳ל און אן ארבע־כנפות, אויף וועלכע עס האבען זיך ניט געפונען קיין בעלי־בתים, און מען האט זיי אפגעגעבען צום רב, ביז עס וועט זיך איינער אפ־רופען. אזוי ווי דער דין איז, אז אן אבידה מוז מען אויסלופטערן און אויסקלאפען איינמאל אין דרייסיג טעג, און אזוי ווי ער האט גערעכענט זיך אויפצוהאלטען אין ליבוי מעהר ווי א חודש, האט ער דעריבער מיטגעפיהרט קיין ליבוי די דאזיגע „טייערע" אבידות, און דעם טאג וואס איך האב איהם געטראפען איז גראד געווען דער דריי־סיגסטער טאג. איך האב געהאט שרעקליכע התפעלות דערפון. דאכט זיך א טרוקענע גמרא אין בבא מציעא, אבער ווער רעכענט זיך היינ־טיגע צייטען מיט׳ן בוכשטעבליכען אויספיהרונג פון אזא דין?

באמת האט מען געקענט אנשרייבען א גאנצען בוך וועגען רבי מאיר מיכל׳ס מדות און צדקות, אבער איך וויל דא נור ברענגען א פאר פאקטען, וועלכע אילוסטרירען זיין צארטען, איידעלען כאראקטער:

בעת ער איז שוין געווען רב, איז אמאל געקומען צו איהם זיין מוטער צו גאסט. קומענדיג אמאל שפעט פון בית־המדרש האט ער געפונען זיין שטוב פינסטער. אלע האבען שוין געשלאפען ,און מורא האבענדיג, אז אויב ער וועט אנקלאפען אין טיהר וועט זיך די מאמע אויפכאפען, איז ער פארבליבען די גאנצע ווינטערדיגע נאכט פריהרענ־דיג אין גאס.

די דאקטוירים האבען איהם אמאל פארארדערט, צוליעב זיין שוואכען געזונד, זיך דורכצופאהרען צוויי שעה אין טאג אין פרייער לופט, און האט געהאט א געוויסען פוהרמאן, וועמען ער פלעגט צאהלען זעכציג קאפיקעס פאר די צוויי שעה. איינמאל, באלד נאכ׳ן ארויס־פאהרען פון שטוב, האט ער זיך אנגעהויבען פיהלען ניט גוט און זיך געמוזט אומקעהרען. זיין זוהן, וועלכער פלעגט איהם תמיד בא־גלייטען, האט באצאהלט דעם פוהרמאן דרייסיג קאפיקעס, ווי פאר א גאנצע שעה, כאטש זיי זיינען געפאהרען בלויז אן ערך פון צעהן מינוט. דער פוהרמאן האט זיך פון אנפאנג אנגעהויבען צו דינגען און פארלאנגט פאר גאנצע צוויי שעה, אבער שפעטער איז ער מושוה געווארען פאר די דרייסיג קאפיקעס און איז אוועקגעפאהרען. ארום האלבע נאכט באדענקט זיך רבי מאיר מיכל, אז דער בעל־עגלה איז דאך גערעכט געווען מיט זיין טענה און מען מוז איהם אפגעבען די אנדערע דרייסיג קאפיקעס ובכדי ניט עובר צו זיין אויפ׳ן „לא תלין פעולת שכיר", מוז מען איהם זעהן תיכף באצאהלען און ניט לאזען אויף מארגען. ער האט ניט אפגעלאזט דעם זוהן ביז ער האט איהם

געמוזט ברענגען אַ דראָשקע און זיך אָוועקגעלאָזען אין מיטען דער נאַכט איבער'ן שטאָדט זוכען דעם בעל־עגלה, און נאָך כמה שעות זוכענדיג האָבען זיי איהם געפונען און אָפּגעצאָהלט די דרייסיג קאָ־פּיקעס...

טראָץ זיין גרויסע עניוות פלעגט ער דאָך ברויכען גאוה, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען כבוד התורה. ער איז אַמאָל געווען אויף אַ קור אין באָד־נויהיים, נעבען פראַנקפורט, און אַז דער פרומער ראָט־שילד האָט זיך דערוואוסט, אַז אין נויהיים געפינט זיך אַזאַ גאון און אַזאַ צדיק, האָט ער געשיקט צו רבי מאיר מיכל'ען זיין רביי'ן, איהם בע־טען, אַז ער זאָל קומען קיין פראַנקפורט, אין דער און דער צייט, צו איהם אין קאַנטאָר. דארויף האָט רבי מאיר מיכל געענטפערט: „אַז איך וואָלט געווען אַ סוחר, וואָלט איך מיט פאַרגעניגען געגאַנגען צו ראָט־שילד'ן אין קאַנטאָר, אָבער היינט אַלס רב האָב איך אין זיין קאַנטאָר ניט וואָס צו טהאָן. דער כבוד התורה פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל קומען צו מיר, אויב ער וויל מיר זעהן, ניט איך צו איהם, מעשה שנאָרער...“

אין אַ שמועס מיט איהם האָב איך אַמאָל ערפאַהרען, אַז ער איז געווען אַ געוואַלדיגער מאַטעמאַטיקער און האָט מיט גרויסער לייכ־טיגקייט אויפגעלייזט די שווערסטע מאַטעמאַטישע שאלות, ניט ווי־סענדיג די עלעמענטאַרסטע כללים פון מאַטעמאַטיק. דעם דאָזיגען כשרון האָט פון איהם געירש'ענט זיין זוהן, דער ניט־לאַנג פאַרשטאָר־בענער רבי שמואל ראַבינאָוויץ, דער פאַרט עמבאָי'ער רב, איינער פון די גרעסטע רבנים אין אַמעריקא. מיר איז גראָד אויסגעקומען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק צו פאַרברענגען מיט איהם איינינע שעה, און איך בין ער־שטוינט געוואָרען צו געפינען אַזעלכע גרויסע ידיעות אין דער הויכער מאַטעמאַטיק ביי אַ רב, וואָס זיצט יומם ולילה און לערנט.

חוץ רבי שמואל'ן האָט ער איבערגעלאָזען נאָך אַ זוהן אַ רב און צוויי איידימס רבנים. איין איידים איז געווען דער גרויסער גאון און חריף רבי זלמן פנחס, גאָלוואַנער רב, דער פאָטער פון מיין פריינד, דעם באַוואוסטער זשורנאַליסט אפרים קאַפּלאַן פון „מאָרגען זשורנאַל“, וועלכער האָט אין דער יוגענד געלערענט תורה ביי זיין גרויסען זיידען.

רבי מאיר מיכל איז געשטאָרבען אין ווילנא אין יאָהר תרס"ב. אַלט איז ער געווען אַן ערך 72 יאָהר.

# רבי מרדכי עליאַסבערג

געבאָרען אין צייקעשיק תקע״ז, געשטאָרבען אין בויסק כסלו תר״ן.

כאָטש מיר לעבען היינט אין אַ צייטאַלטער פון אגודות, אָרגאַניזאַציעס און פאַרטייען, מען לעגט זיך מיט פּאָליטיק און מען שטעהט אויף מיט פּאָליטיק, דאָך הערט מען אַ פאַרלאַנג פון פאַרשידענע ריכטונגען, אַז די גייסטיגע פיהרער — כדי צו ערהאַלטען זייער אויטאָריטעט אין פאָלק — זאָלען זוכען זיך מרחק צו זיין פון פּאָליטיק, נאָר תמיד בלייבען ביי זייער תמימות און זיך שטרענג האַלטען אַן אמת. דער בעסטער באַווייז איז, אַז אין דער אַלטער היים, איז היינט צו טאָג דער „חפץ חיים" דער גרעסטער אויטאָריטעט, ניט נאָר ביי די פרומע, נאָר אויך ביי די מאָדערנע. און וואָס פאַר אַ „פּאָליטיקער" דער „חפץ חיים" איז, וויל איך דאָ ברענגען אַ קליינע אילוסטראַציע: אין חודש אלול תרע״ז זיינען צונויפגעקומען אין מאָסקווא רבנים און אָרטאָדאָקסישע כלל־טהוער אויסצוקלייבען פינף פעהיגע רבנים, וועלכע זאָלען זיצען אין פּעטערבורג צו קאָנטראָלירען די וואַהלען צום אַלרוס־לענדישען אידישען קאָנגרעס אין די אינטערעסען פונ׳ם אָרטאָדאָקסישען יודענטום. צו דעם צוועק זיינען אַריינגעגאַנגען זיבען פון די עלטערע רבנים אין אַ חדר מיוחד, אונטער דעם פאָרזיץ פון ליובאַוויצער רבי׳ן, און צווישען זיי איז אויך געווען דער חפץ חיים. קוים האָט דער יושב־ראש פאָרגעלעגט דעם סדר־היום, אויסצוקלייבען רבנים וועלכע זיינען פּראַקטישע מענשען, האָט זיך באַלד דער חפץ־חיים אויפגעהויבען פון אָרט און אָנגעפאַנגען לויפען צום טיהר מיט די ווערטער: „סטייטש, מען וועט דאָך מוזען אויף אימעצען זאָגען אַז ער טויג ניט, וועט דאָך אַרויסקומען אַ לשון הרע. ניין, ניין, איך קען עס ניט..."

נאָך אַ בעסערער באַווייז, ווי ווייט דאָס פאָלק עהרט און שעצט הויך אַ רב וואָס טרעט ניט אָפּ פון פינטעל אמת, קען אונז דיענען רבי מרדכי עליאַסבערג, דער בויסקער רב. דאַכט זיך גאָרניט קיין מאָדערנער רב, ער וואָלט אויך פאַרצייטען געווען אַ פאַרצייטיגער רב, אַ צדיק תמים, אַ רב אין אַ גאַרטעל און מיט אַ שטריימעל, מיט אָפּריכטען חצות, מיט יללות אין דאַווענען, מיט תעניתים בה״ב, און פונדעסטוועגען האָט זיין טויט אויפגעשטורעמט די מאָדערנע גע־

בילדעטע אידישע וועלט. כמעט קיין רב האט ניט זוכה געווען צו ווע־רען אזוי באקלאגט פון אלע שיכטען אין אידישען פאלק, ווי רבי מרדכי עליאסבערג. מען האט איהם מספיד געווען אין קאוונער אלטען בית־המדרש, אין חסידים קלויז אין ווילנא און ניט ווייניגער אין די קאר־שולען פון פעטערבורג, מאסקווא, אדעס, קיעוו, יעקאטערינאסלאוו און דערגלייכען. מען האט איהם מספיד געווען אין אלע סטודענטישע פאראיינען אויף אלע פארשידענע שפראכען: אין פאריז אויף פראנ־צויזיש, אין בערלין און אין וויען אויף דייטש, אין פעטערבורג און אין מאסקווא אויף רוסיש, אין אדעס אויף העברעאיש, א. אז. וו. צוויי דריי חדשים נאכאנאנד פלעגען אנקומען צום „המליץ" טעלעגראמען פון אלע ארבע כנפות הארץ וועגען הספדים וואס זיינען געהאלטען געווארען אין הונדערטער שטעדט. פון מאסקווא איז אנגעקומען א דעפעשע, געצייכענט פון וויסאצקי, מאזע, קאפעלמאן, אושיסקין און אנדערע. אז מען האט באשלאסען דאס יעדען שבת זאל מען אין זייער שוהל „מקוה ישראל" נאך איהם א הזכרה מאכען א גאנצען יאהר. אויב איך האב קיין טעות ניט, האט אליין אונזער ליעבער מאסליאנסקי צעהנדליגע הספדים נאך איהם געזאגט אויף זיין דאמאלסדיגען טור אין דרום רוסלאנד. עס זיינען אויך פיעל הצעות געמאכט געווארען זיין נאמען צו פאראייביגען. איך ערינער מיך נאך די הצעה פון באוואוסטען יוסף ראזענטאל צו גרינדען צו זיין אנדענקען א קאלאניע אין ארץ־ישראל מיט'ן נאמען „מרדכי היהודי". „אחד העם" האט איהם געווידמעט א גאנצען פרק אין זיין „על פרשת דרכים" און שטעלט איהם ארויס פאר דעם מוסטער פון רבנים. דערנאך האט זיך אנגעהויבען א סדרה פון קארעספאנדענציעס אין „המליץ" מיט זלזולים אויף די רבנים, וואס האבען איהם ניט מספיד געווען ווי געהע־ריג איז. דער לינקאווער רב האט געהאלטען ביים אנווערען זיין רבנות דורך דעם וואס ער האט אין זיין הספד קריטיקירט רבי מרדכי'ס הנהגה, פאר זיין צופיעל חבר'ן זיך מיט די אפיקורסים.

בלי ספק זיינען אין זיין צייט געווען מעהרערע רבנים וואס האבען פאר'ן כלל אפשר מעהר אויפגעטהאן ווי ער, דאך אבער איז רבי מרדכי פארבליבען דער הויפטליעבלינג פון פאלק, און אלץ נאר א דאנק זיין תמימות און זיין מסירת נפש פאר'ן אמת. זיין אמת האט ניט גע־וואוסט פון קיין פשרות, און דעריבער האט ער אלעמען אימפאנירט, הן די פרומע און הן די ראדיקאלען, הן די רבנים און הן די משכילים, דען יעדער ווייסט נעבאך זיין אייגענע שוואכקייט צום אמת'ן אמת, און זוכט תמיד, ווי ווייט עס לאזט זיך, פארדעקען מיט דעם פיינענ־בלאט פון פאליטיק, און ווי זאגט מאקס נארדוי: פאליטיק איז א קאנווענציאנעלער שקר.

נאך אין דעם לעצטען יאהר פאר זיין טויט איז ער ארוים אין „המליץ" מיט א שארפער קריטיק געגען די חלוקה פיהרער אין ארץ־ישראל פאר זייער געגנערשאפט צום מאדערנעם חבת ציון. רבי מרדכי האט גוט געוואוסט וואס איהם שטעהט דא פאר. ער האט געוואוסט, אז די יקירי ירושלים וועלען איהם ניט שאנעווען, איהם באווארפען מיט שמוץ און אפשר איהם אויך מחרים זיין, כאטש ער האט זיך געהיט פערזענליך קיינעם ניט פוגע בכבוד צו זיין, אבער זיין ליעבע צום אמת און צום נייעם ישוב האט איהם פון קיין זאך ניט צוריק־געהאלטען.

די דאזיגע סעריע מאמרים אין „המליץ": „מכתבים גלויים", האט רבי מרדכי מיר דאמאלסט צוגעשיקט אין כתב יד, מיט דער בקשה זיי איבערצושרייבען (זיין האנדשריפט אויף דער עלטער איז געווען זעהר אונדייטליך) און דרך אגב זאל איך אביסעל אויס־בעסערען די דקדוק פון מאנכע ווערטער, דען כאטש רבי מרדכי האט געהאט א גלענצענדען סטיל אין העברעאיש, פלעגט ער, ווי דער שטייגער ביי אלע רבנים, ניט שטארק אפהיטען די כללים פון דקדוק, באזונדערס ניט געזשאלעוועט קיין ואו'ן און יוד'ן. צוגלייך האט ער מיר געבעטען, אז איך זאל דעם מאנוסקריפט צושיקען דירעקט צו אברהם יעקב סלוצקי, דער דאמאלסדיגער געהילפס־רעדאקטאר פון „המליץ", כדי עס זאל ניט אריינפאלען ביי ארז'ן אין האנד, וואס פלעגט זיך ערלויבען ניט נאר מאנכעס ארויסצוווארפען, נאר אויך צולעגען אייגענע געדאנקען. אוועקשיקענדיג סלוצקי'ן דעם מאנוס־קריפט האב איך איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף איינינע שטעלען, וואס וואלטען אפשר כדאי געווען ארויסצונעהמען, כדי רבי מרדכי'ס כבוד זאל דערפון ניט ליידען, וואס סלוצקי האט אזוי טאקע געטהאן.

די ראשונים לציון, נאך רבי צבי קאלישער, זיינען געווען רבי שמואל מאהילעווער און רבי מרכי עליאסבערג. ניט פאגראמען, ניט אנטי־סעמיטיזם און אויך ניט דער דרייפוס־פראצעס האט זיי געבראכט צום ציוניזם, נאר דער ספרי מיט זיין „שקולה מצות ישוב ארץ־ישראל כנגד כל המצות", דער „הדר בחוץ לארץ כאלו אין לו אלוה" און נאך אזעלכע הונדערטער מדרשים וואס ריידען וועגען דער גרויסער מצוה פון ישוב ארץ הקדושה. נאך אין די זיבעציגער יאהרען איז רבי מרדכי ארוים מיט א סעריע פלאמענדיגע ארטיקלען אין „המגיד" און אין „הלבנון" מיט דער אונטערשריפט מבי"ע וועגען דעם „יעוד הלאומי". פאר די לעצטע פופצעהן יאהר פון זיין לעבען האט ער כמעט אויף א טאג קיין היסח הדעת ניט געהאט פון דעם הייליגען רעיון. ליידער האט איהם געפעהלט די קראפט פון א בעל־מעשה. אויך איז ער קיין גוטער רעדנער ניט געווען, דאס איינציגע איז

געווען, אז בעת ער פלעגט ריידען וועגען ארץ־ישראל, פלעגט ער זיך פאנאנדערוויינען ווי א קינד, מקיים צו זיין דעם ספרי „נזכרו ארץ ישראל זלגו עיניהם דמעות". זיין איינציגער כח איז באשטאנען אין זיין פעדער — ער פלעגט די פעדער ממש פון דער האנד ניט ארויס־לאזען (ער פלעגט טייטשען דעם „וקנה לך חבר" — מאך די קנה — די פעדער — פאר א חבר). צעהנדליגער בריעף פלעגט ער טעגליך שרייבען צו אגודות און צו יחידים מעורר צו זיין פאר ארץ ישראל ארבייט, און יעדער בריעף איז געווען ממש א ליטעראטור פון מאמרים, מדרשים און טיפע רעיונות.

אין יאהר תרמ"ז איז רבי שמואל מאהילעווער געקומען קיין ליבוי זיך באדען אין ים, און פארבראכט העכער ווי צוויי חדשים. די ליבויער חובבים, וועלענדיג אויסנוצען אזא גוטע געלעגענהייט צו האבען ביי זיך דעם „ראשון לציון", האבען געפונען פאר וויכטיג ארויסצורופען קיין ליבוי רבי מרדכי׳ן פון בויסק, כדי צוזאמען אויסצוארבייטען פלע־נער, ווי אנצופיהרען די ווייטערדיגע ארבייט. א שרעקליכער תהו ובהו האט דאמאלסט געהערשט אין דאס לעבען פון די אגודות. עס האט געפעהלט א צענטער און אן ארגאן וואס זאל צוזאמענבינדען די צעווארפענע אגודות. די רוסישע מלוכה האט שטרענג פארפאלגט דאס געלדזאמלען פאר ארץ ישראל, האלטענדיג, דאס געלד שיקען קיין טערקיי, איהר היסטארישער שונא, איז גלייך ווי א מלוכה־פארראט. דאס ביסעל געלד, וואס אלע אגודות פלעגען אויפזאמלען אין א משך פון א יאהר, קנאפע צעהן טויזענד רובעל, איז געווען צוזייעט און צושפרייט אין פארשידענע מרכזים: אין ווארשוי, ווילנא, אדעס, מאסקווא און נאך ערטער. רבי מרדכי, ניט קוקענדיג אויף זיין זיבע־ציג יאהריגען עלטער און אויף זיין שלאפקייט, איז תיכף געקומען און האט זיך אין ליבוי מעהרערע וואכען אויפגעהאלטען. אזוי ווי ער איז געווען שרעקליך אפגעשוואכט און א בעל יסורים, האב איך איהם אריינגענומען צו מיר אין הויז פאר דער גאנצער צייט. מיין פאמיליע איז געווען ארויסגעפאהרען אויף א זומער־וואוינונג, און רבי מרדכי האט געקענט נאכקומען זיין רגילות פאר די לעצטע יאהרען, ארומצוגעהן די גאנצע נאכט איבער׳ן צימער, קלעהרענדיג און טראכ־טענדיג, ווייל ער האט בכלל געהאט זעהר ווייניג שלאף. מיר האט עס ווייניג געשטערט, דען זייענדיג א יונגער מענש און ארבייטענדיג פון צעהן ביז צוועלף שעה טעגליך אין א באנק מיט ציפער, האב איך גאנץ געשמאק געשלאפען. אמאל האב איך געהערט ווי רבי מרדכי, ארומגעהענדיג איבער׳ן צימער, רעדט צו זיך די דאזיגע ווער־טער: „איך בעט דיך, רבונו של עולם, העלף מיר צו קומען אהין, אבער ניט צוליעב וועלען באגראבען דארטען, נאר כדי צו ארבייטען

דאס הייליגע לאנד און טאקע ארבייטען, ארבייטען..." דא האב איך מיך ניט געקענט איינהאלטען און גיב איהם א פרעג: „רבי, וואס כדומה למשל קען אזא שוואכער מענש ווי איהר פיזיש ארבייטען?" — „איך וועל זיין א שומר קשואין, ארויסטרייבען די פוקסען פון די כרמים, אפברעכען טרוקענע צווייגלאך פון די גפנים און כהנה אזעלכע ארבייט וואס א זקן קען נאך אויך טהאן".

זיין חבת הארץ איז געווען אונגאטירליך. דער רצון פלעגט אפט גובער זיין דעם שכל. און טראץ זיין חריפות'דיגען מח און זיין שכל הישר, פלעגט ער מאנכעס מאל ארויסזאגען געדאנקען, וואס זיינען געווען ממש קינדיש, ווי א שטייגער דער פאלגענדער שמועס: אמאל, דריי אזייגער פארטאג, כאפ איך זיך אויף פון שלאף און געפין רבי מרדכי'ן זיצענדיג אויף מיין בעט, מיך וועקענדיג מיט די ווער־טער: „זייט זשע מוחל, שטעהט אויף, גיסט אפ נעגעל־וואסער, איך האב מיט אייך זעהר א וויכטיגען ענין צו ריידען". איך האב מיך שרעקליך דערשראקען, מיינענדיג אז רבי מרדכי פיהלט זיך חלילה שלעכט, און גיב ביי איהם האסטיג א פרעג וואס עס פעהלט איהם. ער האט אבער ניט געקענט דערווארטען ביז איך וועל אויפשטעהן און הויבט אן מיר זאגען מיט'ן גמרא ניגון: „היות ווי מיר האבען נעכטען אבענד געמאכט דעם חשבון, אז ס'איז נויטיג אויף איינצואָרדענען א קאלאניסטישע פאמיליע אין ארץ־ישראל לכל הפחות פינף טויזענד פראנק, וועלען מיר דאך קיינמאל ניט קענען דערגרייכען אונזער ציעל. אזוי טראכטענדיג בין איך געקומען אויף א נייע אידעע. עס שטעהט דאך אין פסוק „ארץ אשר אבניה ברזל ומהרריה תחצב נחשת", זעהען מיר דאך וואויל, אז ארץ ישראל האט אין זיך פיעל מינעראל, טא לאמיר זיך בעסער נעהמען צו בערג־ווערק. די מעלה וועט זיין, דאס יעדער איד וואס וועט קומען אהין, וועט באלד געפינען ארבייט און זיך קענען ערנעהרען, ניט דארפען ווארטען יאהרען ביז די בוימער וועלען טראגען פירות, ובכן בעט איך אייך באלד אויפשטעהן און אנשרייבען א דייטשען בריעף צום דירעקטאר הירש פון „מקוה ישראל" (מיט וועמען די רוסישע חובבים זיינען געווען פארבונדען) וועגען דעם דאזיגען ענין, און באלד ווי עס ווערען טאג וועל איך אריבער־געהן צו רבי שמואל'ן און מיר וועלען ביידע חתמ'ענען און נאך היינט אפשיקען".

אבער אנשטאט אויפצושטעהן און אפגיסען נעגעלוואסער, גיב איך איהם א פרעג: „רבי, היתכן אז די ענגלישע, דייטשע און אמעריקאנער עקספעדיציעס, וועלכע מאכען גאנץ אפט ארכעאלאגישע אויסגראבונ־גען אין פארשידענע ערטער אין ארץ־ישראל, האבען זיך ניט אנגע־שטויסען אויף א מינעראל באדען?" „אויך מיר א שאלה" — ענטפערט

ער מיר — „ווייסען זיי ניט די עקספעדיציעס פון דעם פסוק". דער סוף איז געווען, אז איך האב מיך איינגעבעטען ביי איהם צו ווארטען ביז מארגען און בין מיר גאנץ רוהיג ווייטער געשלאפען.

פאר דער צייט וואס רבי מרדכי האט פארבראכט אין ליבוי, פלעגען תמיד קומען צו איהם מענשען פון שטאדט און פון די ארור־מיגע שטעדטלאך מיט שאלות וועגען ישוב ארץ ישראל, און פלעגען אוועקגעהן פון איהם מיט גרוים באגייסטערונג. אמאל האב איך בייגעוואוינט, ווי איינער א איד גיט איהם א פרעג: רבי, וואס איז אייער מיינונג און ווי שטעלט איהר זיך פאר מכח דעם ענין פון קרבנות אין אונזער צוקינפטיגען בית המקדש, היתכן, אז מען זאל דאס ווידער איינפיהרען, און וואס וועט דערצו די ציוויליזירטע וועלט זאגען? דארויף האט איהם רבי מרדכי קורץ און שארף געענטפערט: „אויב איהר וואלט וויסען, רבי איד, וויפיעל דאגות עס זיינען נאך פאראן ביז מען וועט דערלעבען די גליקליכע שעה צו קענען קומען אהין, וואלט איהר פארשטעהן, אז מען קען גאנץ רוהיג די דאזיגע דאגה לאזען אויף שפעטער".

אין א קליין שטעדטעל, צייקישיק (קאוונער גובערניע), אין יאהר תקע"ז, איז רבי מרדכי געבארען געווארען ביי א פאטער א למדן, דער בעסטער גמרא מלמד פון דער שטעדטעל. ביז צום אכטען יאהר האט זיין אייגענער פאטער מיט איהם געלערענט, אבער נאכדעם אז דער תלמיד איז אריבערגעוואקסען דעם רבי'ן, האט איהם דער פאטער אוועקגעשיקט לערנען ביי דעם גרעסטען גאון פון יענער געגענד, ביי רבי אליה ראגאלער, וועלכער איז שפעטער אריבער קיין קאליש און איז באוואוסט אין דער לומד־ישער וועלט מיט'ן נאמען רבי אליה קאלישער. רבי אליה האט באלד אויסגעפונען די אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען פון דעם קליינעם מאטעלען און איהם געקרוינט מיט דעם טיטול „צייקישקער עלוי". עס האבען זיך באלד געפונען גבירים, וואס האבען געהאט טעכטער, און האבען געוואלט צונעהמען דאס אינגעלע, איהם אויסצוהאדעווען און באהאלטען דעם אוצר־טוב פאר אן איידים. רבי אליה האט איהם אבער ניט געוואלט אוועקלאזען פון זיך, און בעת ער איז אנגעקומען פאר א רב אין סלאבאדקע־קאוונע, האט ער מאטעלען מיטגענומען מיט זיך, און איהם דארט משדך געווען מיט דעם סלאבאדקער גביר מארקעל, בעת ער איז אלט געווען צעהן יאהר. מארקעל'ס התחייבות איז געווען דעם אינגעלע צו האלטען ביי זיך פינף יאהר ביז צו דער חתונה, און דערנאך געבען דאס יונגע פאר פינף יאהר קעסט און צוויי טויזענד רובעל מזומן.

ביז צו דער חתונה האט רבי מרדכי געלערענט אין רבי אליה'ס ישיבה, וואס פון איהר זיינען ארויסגעקומען די גרעסטע גאונים פון

פאַריגען דור, ווי: רבי משה איצעל פּאָנעוויעזער, רבי אברהם שמואל ראַסיינער, רבי גרשון תנחום מינסקער און נאָך אַזעלכע גאונים. נאָך דער חתונה איז רבי מרדכי אַוועקגעפאָהרען לערנען קיין וואָלאָזין און האָט אַ קורצע צייט געלערענט צוזאַמען מיט׳ן נצי״ב, און שפּעטער אין פופציג יאָהר אַרום האָט „חבת ציון“ דיביידע אַמאָליגע חברים ווידער צוזאַמענגעפיהרט.

פאַר דער צייט וואָס רבי מרדכי איז געזעסען אין וואָלאָזין האָבען די סלאָבאָדקער אידען געקראַגען דאָס רעכט זיך צו באַזעצען אין קאָוונאָ. זיין שווער איז געווען פון די ערשטע וואָס זיינען אַריבער קיין קאָוונאָ, און אויסגעבויט דעם באַוואוסטען קלויז וואָס טראָגט נאָך עד היום זיין נאָמען, „מאַרקעל׳ס קלויז“, וואו אויף זיינע הוצאות זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען עשרה בטלנים. אַז רבי מרדכי איז צוריקגעקומען פון וואָלאָזין מיט אַ גרויסען נאָמען, האָט דער שווער געוואָלט, ער זאָל זיך נעהמען צו רבנות. רבי מרדכי האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט זיין קיין רב, נאָר אַ סוחר, און נאָכדעם ווי דער שווער האָט איהם געגעבען אייניגע טויזענד רובעל אויף מסחר, איז ער אַוועק קיין ריגאַ און געמאַכט אַן אימפּאָרט געשעפט. אַ דאַנק זיין קענען די דייטשע שפּראַך איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט די גרויסע סוחרים און געמאַכט גאַנץ גוטע עסקים. זייענדיג אין ריגאַ איז ער באַפריינדעט געוואָרען מיט דעם באַוואוסטען דר. ליליענטהאַל, דער יונגער דייטשער דאָקטאָר, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגע־רודערט דאָס גאַנצע רוסישע יודענטום, און וועלכער פאַרנעהמט אַ גרויסען פּלאַץ אין דער אידיש־רוסישער קולטור היסטאָריע פון די פערציגער יאָהרען. ניט אַכטענדיג וואָס די דאַמאָלדיגע רבנים האָ־בען דעם דר. ליליענטהאַל אָפּגעשטעמפּעלט פאַר אַן עוכר ישראל, וועלכער וויל אידישע קינדער אָפּרייסען פון דער תורה און זיי מאַכען פאַר משכילים, האָט זיך רבי מרדכי מיט איהם גע׳חבר׳ט, כאָטש אין זייערע דעות זיינען זיי ווייט געווען איינער פון צווייטען ווי מזרח פון מערב, ווייל אין רבי מרדכי׳ס כאַראַקטער איז געווען צו זוכען תמיד ביי יעדען מענשען די גוטע מעלות און צו פאַרקוקען אויף די חסרונות.

נאָר אַן ערך פון דריי יאָהר איז רבי מרדכי פאַרבליבען אין ריגאַ, צוריקגעקעהרט קיין קאָוונאָ און ווייטער עוסק געווען אין מסחר. אין יענער צייט, אין יאָהר 1842, איז משה מאָנטעפיאָרע׳ן, אויף זיין נסיעה קיין פעטערבורג, אויסגעקומען דורכצופאָהרען קאָוונאָ און איז איינגע־שטאַנען ביי רבי מרדכי׳ס שווער, דער דאַמאָלדיגער גרעסטער גביר און בעל־צדקה פון קאָוונאָ. רבי מרדכי איז באַשטימט געוואָרען מקבל־

פנים צו זיין די אַלע נכבדים וואָס וועלען קומען זעהן מאַנטיפיאָרע׳ן און זיי פאַרשטעלען פאַר איהם. פון די ערשטע וואָס האָבען געהאַט די זכיה צו באַגריסען משה מאַנטעפיאָרע׳ן מיט זיין פרוי יהודית איז געווען דער עלטסטער פון די סובאַלקער מורה־הוראות, אַ בלינדער זקן פון איבער אַכציג יאָהר, מיט אַ וואונדערבאַר־שעהנעם הדרת־פנים. זיין ברכה איז באַשטאַנען אין פאָלגענדע ווערטער: „אַזוי ווי איהר עמפּפאַנגט היינט אַ פנים וואָס ער אַליין זעהט ניט אָבער איהר קענט איהם יאָ זעהן, אַזוי זאָלט איהר זוכה זיין מקבל צו זיין אַ פנים וואָס איהר וועט איהם ניט זעהן אָבער ער וועט אייך יאָ זעהן" (מיינענדיג קבלת פני השכינה).

אין יאָהר תר״י איז אויסגעקומען רבי אליה׳ן, שוין זייענדיג רב אין קאַליש, דורכצופאָהרען קאָוונא און זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין תלמיד רבי מרדכי׳ן. דערזעהענדיג אַז רבי מרדכי האָט זיך אָפּגעגע־בען צופיעל מיט מסחר, און אויב ער וועט זיך ווידער ניט נעהמען צום לערנען ווי געהעריג וועט די וועלט אָנוועהרען אַ גרויסען גאון, איז ער שטאַרק צוגעשטאַנען צו זיין שווער, דאָס ער זאָל רבי מרדכי׳ן צוזאָגען אייביגע קעסט, כדי ער זאָל ניט דאַרפען פיהרען געשעפטען און מבטל זיין פון לערנען. רבי מרדכי האָט זיך ווידער גענומען געשמאַק צום לערנען, אָבער ניט וועלענדיג זיין לעסטיג צום שווער האָט ער געגען זיין רצון אָנגענומען די רבנות פון זעזמער, וואו ער האָט פאַרבראַכט זעקס יאָהר. אין יאָהר תרכ״ב איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין בויסק, און איז דאָרט פאַרבליבען ביז צום סוף פון זיין לעבען.

מיט גרויס כבוד און אָנזעהן איז רבי מרדכי אָפּגעזעסען די גאַנצע אַכט־און־צוואַנציג יאָהר אין בויסק, רעספּעקטירט פון חסידים און מתנגדים, פון לומדים און משכילים און אויך פון די מלוכה אנשטאַל־טען. בעת איך האָב געלערענט אין בויסק אין יאָהר תרל״ז האָט איינער פון די רייכע חסידים אַרונטערגעבראַכט קיין בויסק דעם ליובאַ־וויטשער רבי׳ן צו זיין סנדק אויף זיין קינד׳ס אַ ברית. רבי מרדכי׳ן האָט מען אויך געלאַדען צום ברית. נאָכ׳ן ברית בעט דער חסידישער רבי רבי מרדכי׳ן ער זאָל איהם בענשען. ענטפערט איהם רבי מרדכי, אַז די מתנגדישע רבנים קענען די מלאכה ניט, זאָל ער איהם פריהער בענשען, וועט ער וויסען כאַטש דעם נוסח פון דער ברכה. דער רבי האָט איהם געבענשט מיט רוחניות און מיט גשמיות; אָבער רבי מרדכי האָט איהם צוריק געבענשט מיט רוחניות אַליין. אויף דעם רבי׳נס פראַגע, פאַרוואָס ער בענשט איהם ניט אויך מיט גשמיות, האָט איהם רבי מרדכי פאָלגענדען צוטרעפענדען ענטפער געגעבען: „מיר רבנים און דער גרויסער צבור זיינען צוויי פאַרשידענע וועלטען

מיט פארשידענע אינטערעסען. דער צבור ארבייט שטענדיג אויף גשמיות, מיר פסק'ענען זיי שאלות, מיר זאגען זיי מוסר און דערפאר צאהלען זיי אונז געלד, בכן איז פאר אונז נאר נויטיג רוחניות אליין, כדי צו האבען כאטש וואס צו פארקויפען אדער אויסצובייטען.

אין דעמזעלבען יאהר האט רבי מרדכי געדרוקט זיין ספר „תרומת יד", וואס האט אין זיין צייט געמאכט א גרויס רושם אין דער לומדי־שער וועלט. אזוי ווי איך בין דאמאלסט געווען אן אפטער איינגעהער ביי רבי מרדכי'ן אין הויז, האב איך פאר איהם מעהרערע קונטרסים אי־בערגעשריבען און געהאט גרויס התפעלות פון זיין לאגיק און עמקות. ער האט א חוץ דעם דאזיגען ספר נאך צוויי און צוואנציג אנדערע ספרים אין אלע פארשידענע מקצעות אנגעשריבען, ווי: חדושים אויף כמה מסכתות, שאלות ותשובות, דרוש, מוסר און צייטפראגען, וועלכע זיינען פארבליבען ניט געדרוקט. ער האט ממש קיינמאל ניט ארויס־געלאזען די פעדער פון דער האנד. אויף אלע זיינע ספרים, באזונ־דערס פון די ראשונים האבען זיך געפונען זיינע הגהות, און בכלל האט ער אין זיין לעבען צעהנדליגער טויזענדער בויגען אנגעשריבען. חוץ תורה האט ער אויך יאהרענלאנג געשריבען וועגען ישוב ארץ ישראל און וועגען חזוק הדת אין „המגיד", „הלבנון" און „המליץ". פאר די לעצטע צעהן יאהר פון זיין לעבען האט ער זיך מעהר אפגע־געגעבען מיט'ן שרייבען בריעף וועגען חבת הארץ ווי צו שרייבען תורה.

זיינע אלע כתבי־יד זיינען אריבערגעגאנגען צו זיין זוהן רבי יהונתן, מאריאמפאלער רב (שפעטער אין וואלקאוויסק), וואס זיינען ליידער פארבליבען ניט געדרוקט, נאר דער ספר „שביל הזהב", וואס ער האט אפגעדרוקט אין יאהר תרנ"ה, פינף יאהר נאך רבי מרדכי'ס טויט. איבער דעם דאזיגען ספר האט אחד־העם געשריבען אין „כוורת", דאס ער איז איינער פון די שעהנסטע אוצרות אין דער העברעאישער ליטעראטור, און אז אין זיינע אויגען איז דער ספר ווערטה מעהר ווי א גאנצע קאלאניע אין ארץ־ישראל.

רבי מרדכי איז נפטר געווארען ח"י כסלו, תר"ן.

# רבי משה יצחק הלוי סג"ל

## (רבי משה איצל פּאָנעוויעזער).

איך וויל דאָ אין עראינערונג ברענגען איינעם אַ גרויסען רב, וואָס מיט פופציג—אַכציג יאָהר צוריק האָט מיט איהם געֿרעש'ט גאַנץ זאַמוט און קורלאַנד, און אויך אַ גרויסער טהייל פון ליטא און פוילען. זיין גרויסקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען ניט נאָר איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, מיט אַ זעלטענעם חריפות'דיגען מוח, נאָר איז אויך געווען אַ חכם־מדינה, אַז נאָך היינט, כאָטש עס זיינען שוין אַריבער אַ פופציג יאָהר זייט ער איז נפטר געוואָרען, געהען נאָך אַרום ביים פאָלק — באַזונדערס אין די צעהן שטעדט וואו ער איז רב געווען — פאַרשידענע אינטערעסאַנטע מעשיות, גייסטרייכע אַנעקדאָטען און געניאַלע וויצען פון איהם, אַז ער האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַ לעגענדאַרישע פּערזאָן.

ביז היינט האָט נאָך קיינער ניט באַשריבען זיין ביאָגראַפיע, אויך זיינע חדושי תורה מיט זיינע שפיציגע פשט'לאַך, אַדער ווי די לומדי'ישע וועלט פלעגט דאָס אָנרופען, שפּיץ ברוסטיגע תורה, זיינען נאָך ביז היינט פאַרבליבען תורה שבעל־פה, וואָס איינער גיט איבער דעם צווייטען, נאָר איינצעלנע חידושים זיינע געפינען זיך אין דעם ספר „כתר המלך" אויפ'ן רמב"ם פון דעם ניט לאַנג־פאַרשטאָרבענעם איידים זיינעם, הגאון ר' אכתריאל נאָטאַן פון יאַגוסטאָוו; אויך אין דעם ספר „בית הלל", פון זיין אייניקעל הגאון ר' הלל ליבשיץ פון לובלין, און אין די הגהות אויף די קליינע שטעטינער ש"ס וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר תרכ"א. דער „תפארת ישראל" אויף משניות דערמאָנט איהם אייניגע מאָל (כתובות פרק ג', סוטה פ"ח וקידושין פ"א) און שרייבט אויף איהם בזה"ל: „הקשה לי אדם קשה כברזל ה"ה וכו'".

ניט האָבענדיג דאָס נויטיגע מאַטעריאַל, בין איך ניט אימשטאַנד אַנצושרייבען אַן עטוואָס אויספיהרליכע ביאָגראַפיע. איך ווייס אפילו ניט ווען און וואו ר' משה איצעל איז געבאָרען געוואָרען, און איך בין שטאַרק מסופק, אויב עס געפינט זיך נאָך היינט איינער וואָס זאָל דאָס יאָ וויסען. דעריבער וויל איך דאָ נאָר איבערגעבען אייניגע כאַראַקטער־שטריכען פון זיין לעבען, וואָס זיינען מיר אין עראינערונג

פארבליבען פון מיין פאטער ע"ה, איינער פון זיינע באליעבטעסטע תלמידים, אויך וואס איך האב מיך אנגעהערט פון זיינע נאהענטע מקורבים.

ר' משה איצעל איז געווען א תלמיד מובהק פון דעם גרויסען גאון רבי אליה ראגאלער, אדער רבי אליה קאלישער. נאך זייענדיג א גאנץ יונגער מאן, איז ער אנגעקומען פאר א רב אין סאסמאקען (קור־לאנד), דערנאך איז ער געווען א רב אין פאלגענדע שטעדט: ליבוי, גאלדינגען, פאלאנגען, קרעטינגע, שוועקסנע, טאוריג, פאנעוויעז, פלונ־גיאן, אגוסטאוו. ער פלעגט ניט קענען לאנג פארבלייבען אין א שטאדט, צוליעב זיין גרויס ליעבע צום אמת און צו גערעכטיגקייט ממש ביז מסירת נפש, און דעריבער איז איהם אויסגעקומען אין יע־דער שטאדט צו פיהרען א קאמפף מיט די גבירים און מיט די מנהיגים פאר זייער ווערען דריקען די ארימע, ווי עס האט זיך געפיהרט אין יענער צייט. באגאבט פון דער נאטור מיט א געוואלדיגער ענערגיע, פלעגט ער אין זיינע טעמפעראמענטפולע דרשות אויסרעכענען אלע עולות, וואס די שטארקע פון דער שטאדט טהוען צו די שוואכע. ווי די אמאליגע נביאים פלעגט ער אפדעקען די באהאלטענע מעשים פון די צבוע׳יאקעס, וואס ווילען מיט פרומקייט פארדעקען זייערע חטאים בין אדם לחבירו און פלעגט זיך אפילו ניט שרעקען צו דערמאהנען זייערע נעמען אין זיינע עפענטליכע דרשות. נאטירליך האבען די שטאדט־פיהרער אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען פון אזא רב פטור צו ווערען: פלעגען איהם רודפ׳ן, ניט צאהלען קיין שכירות. איהם האט דאס אבער ווייניג־וואס געקימערט, דען ער האט פארשטאנען צו מאכען א לעבען פון פארשידענע זייטיגע געשעפטען, כדי ניט צו ברויכען זיין אנגעוויזען אויף די שכירות.

רבי משה איצעל האט געהאט אן אויסערארדענטליכען טאלאנט און א גרויסע נטיה צו מסחר. עס איז ניט געווען א סחורה מיט וואס ער האט ניט געהאנדעלט: מיט פרייסישע טהעע, מיט פרייסישע ציגארען, מיט שניט־סחורה וכדומה און צייטענווייז אויך אונטער־פאהרען אויף ירידים און געהאנדעלט מיט פערד. ער פלעגט זיין א שטענדיגער באזוכער אויף די אויקציאנען פון די טאמאזשנעס, וואס פלעגען פארקויפען פער אויקציאן די געכאפטע קאנטרעבאנד סחורה, און איז געווען א גרויסער בריה דורכצופיהרען ביי די הונדערטער צוזאמענגעפאהרענע סוחרים אז זיי זאלען מאכען „יד אחת“, דאס הייסט, מען זאל ניט זוכען איינער דעם אנדערען אריבערצושטייגען, נאר אפקויפען די סחורה בשותפות און צווישען זיך טהיילען דעם ריוח. אגב פלעגט ער ארונטערנעהמען א גרויסען חלק פאר עניני צדקה, אויף ישיבות וכדומה.

אין דער שטאָדט טאָווריג, וואו עס פלעגן פאָרקומען די מייסטע אויקציאָנען, איז אַמאָל געווען דער דירעקטאָר פון טאַמאַזשנע אַ גרויסער צורר היהודים, פלעגט זיי תמיד באַרעכענען די דיוטי אויף פּרייסישער סחורה מעהר ווי דאָס געזעץ שרייבט פאָר, און בכלל זיי אָנגעטהאָן צרות אויף שריט און טריט. מיט אָט דעם דירעקטאָר האָט זיך אַמאָל ר׳ משה איצעל אָפּגערעכענט אויף טערקיש. ער האָט געגעבען אַן עצה איינעם אַ סוחר, אַז ער זאָל איינקויפען אין פּרייסען אַ גרויסע פּאַרטיע העגטשקעס און זיי שיקען איבער דער טאָווריגער טאַמאַזשנע, אָבער שיקען זאָל ער צוטערשט נאָר אַלע העגטשקעס פון דער רעכטער האַנד און פון דער לינקער האַנד זאָל ער דערוויילע איבערלאָזען אין פּרייסען. דער דירעקטאָר האָט באַרעכענט אַ גרויסען אָפּצאָהל און דער סוחר האָט זיי ניט אויסגעקויפט. די סחורה איז שפּעטער געקומען צום עפענטליכען אויקציאָן, אָבער קיינער האָט זיי ניט געקויפט, און דער סוחר האָט זיי אַליין אָפּגעקויפט פאַר אַ קטנות. דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט די אַנדערע העגטשקעס פון דער לינקער האַנד — אַז דער דירעקטאָר האָט באַלד די אָפּאָפּלעקציע באַקומען. נאָך פאַרשידענע שפּיצלאַך האָט מען דעם דירעקטאָר אָפּגעטהאָן, ביז ער האָט איינגעזעהן, אַז עס איז ניט כדאי פאַר איהם צו טשעפּען זיך מיט אידען און האָט זיך מיט זיי איבערגעבעטען.

זיין שטייגער איז געווען, בעת ער איז אַרומגעפאָהרען וועגען מסחר, פלעגט ער אַרונטערוואַרפען פון זיך די אצטלא דרבנן, זיך קליידען מעשה סוחר און פיעל מענשען וואָס האָבען מיט איהם עסקים געפיהרט, האָבען טאַקע ניט געוואוסט, אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט דעם גרויסען ר׳ משה איצלען. אמת, פיעל פון די רבנים האָבען ניט געגליכען זיינע משונה׳דיגע דרכים, און פלעגען זאָגען, אַז ער איז מבזה דעם כבוד פון די רבנים. זיין תשובה איז תמיד דערויף געווען, אַז עס איז כדאי׳ער דאָס איך זאָל באַגראָבען די רבנות, איידער די רבנות זאָל מיך באַגראָבען, ווי די חז"ל דריקען זיך אויס: „אוי להרבנות שמקברת את בעליה". ער פלעגט תמיד זאָגען: „עס זיינען פאַראַן פיער סאָרטען רבנים: אַ רב מיט אַ שטאָטיק, אַ רב אָהן אַ שטאָטיק, אַ שטאָטיק אָהן אַ רב, און ניט קיין רב און ניט קיין שטאָטיק, ובכן — געהער איך צו דער פיערטער קאַטעגאָריע".

אין די אַלע שטעדט וואו ער איז געווען רב, האָט ער אויסגעבעסערט די חדרים און די ישיבות און איז שרעקליך שטרענג געווען צו די מלמדים. אַז ער האָט אויסגעפונען דאָס דער מלמד טויג ניט, איבערהויפּט ווען דער מלמד איז געווען אַ שוטה, דאָ האָט קיין געבעט און געוויין ניט געהאָלפען — דער מלמד האָט געמוזט זיין קנעלונג אויפגעבען און זיך זוכען אַנדערע פּרנסות. דאַגעגען איז ער

מיט גרויס ליעבשאפט געווען איבערגעגעבען צו די ישיבה אינגלאך. אז ער פלעגט אריינגעהן אין בית המדרש און געפונען א אינגעלע לער־נענדיג, האט ער איהם נעקושט און געהאלזט און איהם געשאנקען קליינגעלד. ער האט אמאל געזעהן, ווי דער שמש פון בית המדרש האט מיט געוואלד אוועקגענומען א שטענדער פון א לערן־אינגעל, און דער אינגעל האט זיך אויסגעגליטשט און אנידערגעפאלען, איז ער תיכף צוגעלאפען צום שמש און מיט כעס איהם באפוילען, ער זאל דעם אינגעל א קוש געבען, ווי דער דין איז בעת מען ווארפט ארונטער א ספר.

אין פלונגיאן איז געווען א מנהג משנים קדמוניות אויסצופוצען שבועות די גרויסע שוהל מיט בוימער און מיט גרינע צווייגען. דער שמש, א איד א שוטה, פלעגט דערפון מאכען א גאנצען וועזען. דארף פאסירען, אז א ישיבה אינגעל איז אריינגעגאנגען ערב שבועות אין שוהל און אנגעריהרט א בוימעל. דער שמש האט איהם דערפאר אנגעשלא־גען און ארויסגעווארפען פון שוהל. גראר בעת מעשה איז אויסגע־קומען ר׳ משה איצלען פארבייצוגעהן, דערהערענדיג פון דער מעשה איז ער תיכף אריין אין שוהל, מיטגענומען מיט זיך א מחנה אינגלאך און מען האט ארויסגעווארפען אלע בוימער פון שוהל און מבטל געווען פאר אלע צייטען דעם דאזיגען אלטען מנהג, כדי עס זאל ניט ארויס־קומען א מכשול, אז צוליעב דעם זאל מען אנשלאגען א בן־תורה.

בעת אין אנפאנג פון די זעכציגער יאהרען איז ארויס א געזעץ, דאס אנשטאט אפצוגעבען נפשות פאר סאלדאטען, זאל מען קענען אויסקויפען מיט געלד — פאר יעדען נפש אכט הונדערט רובעל, האט ר׳ משה איצעל זיך גענומען פאר א לעבענס־אויפגאבע ארומצופאהרען איבער די שטעדט און איינארדנען, אז יעדע שטאדט זאל מעהר קיין נפשות ניט צושטעלען, נאר קוויטאנציעס. נאטירליך האט דאס די נגידים, וואס וועלען מוזען דערצו דאס געלד געבען, ניט געשמעקט. זייערע קינדער האבען סיי־ווי־סיי ניט געדארפט געהן דיענען, ווייל מען פלעגט כאפען ארימע קינדער און זיי אפגעבען פאר נגיד׳ישע, אבער א דאנק זיין אייזערנע ענערגיע און זיין רעדנער־קונסט איז איהם דאך געלונגען, מעהר אדער ווייניגער, דאס דורכצופיהרען. אין יעדער שטאדט פלעגט ער צוזאמענרופען צו אן אספה די רייכע אידען און זיי צווינגען ,דאס יעדער זאל זיך זעלבסט באשטייערען צו דער גרוי־סער מצוה פון פדיון־שבויים, אבער ניט וויפיעל ער וויל, נאר וויפיעל ער קען. די דאזיגע אספות ביי די פארצייטיגע פאראנדקעס, איידער מען האט נאך געוואוסט פון אונזער פארלאמענטארישער ארדנונג, און בפרט נאך וועגען אן ענין פון באשטייערונג, פלעגען זיך תמיד

אנהויבען און ענדיגען מיט גרויס טומעל, מיט זלזולים און מאנכעס מאל אויך מיט בערד־רייסען.

אויף איינער פון די דאזיגע אספות אין א שטעדטעל איז אמאל אנגעקומען ר' משה איצעל. דערזעהענדיג ווי די בעלי־בתים רייסען זיך ארום, יעדער זאגט צום צווייטען: וואס פאר א יחסן ביזטו, איך בין מעהר יחסן פון דיר. דו פארגעסט אפנים ווער איך בין און ווער דו ביזט! ער האט פרובירט זיי איינצושטילען מיט גוטען, מיט בייזען, — עס איז אבער ניט מעגליך געווען. האט ער זיך ארויפגעשטעלט אויפ'ן טיש און דערלאנגט א זאג: „שא, רבותי! איך וויל זאגען א ווארט תורה!" דאס האט געהאלפען און דער עולם איז שטיל געווארען. זיין תורה איז באשטאנען דערפון: „פערד האבען אמאל גע'טענה'ט פאר גאט: בארמהארציגער באשעפער! פאר־וואס האסטו אונז, פערד, מעהר געשטראפט פאר אלע דיינע ברואים אויף דער וועלט? מילא די ווילדע חיות לעבען אפ דעם גליקליכסטען לעבען וואס מען קען זיך פארשטעלען: האבען אויף זיך קיין בעל־הבית ניט; לויפען זיך ארום פראנק און פריי. אויך די הויז־בהמות, וואס האבען שוין כלומר'שט בעלי־בתים, פעהלט אויך גארנישט. א גאנצען טאג פאשען זיי זיך אויפ'ן פעלד; אויף דער נאכט האבען זיי זיך זייער ווארימע שטאל און שלאפען זיך גאנץ רוהיג; אבער מיר, ארימע פערד, האבען קיין טאג און קיין נאכט נישט. אז עס פארגלוסט זיך אונזער בעל־הבית צו פאהרען אין מיטען דער נאכט, איז ביי איהם רעכט אונז אויפצוואוועקען פון בעסטען שלאף, אריינ־גערוקט דעם צאהם אין מויל, נאך גוט אונטערגעשמיסען און מען יאגט אונז די נשמה ארויס. דאס שלימסטע איז אבער וואס מיר קענען ניט ריידען, דען עס פאסירט גאנץ אפט, אז מיר האבען אן אנגע־ריבענעם רוקען און דער בעל־הבית, ניט וויסענדיג, טהוט ארויף דעם שווערען כאמעט דוקא אויף דעם ארט וואו די וואונד איז, און די יסורים זיינען ניט אריבערצוטראגען. ניחאי, הארציגער פאטער, וואלטען מיר געקענט כאטש אויף אזוי פיעל ריידען, צו קענען בעטען דעם בעל־הבית אביסעל פארזיכטיגער צו זיין מיט'ן אנבינדען דעם כאמעט. דער בורא ברוך הוא האט זיך צוגעהערט צו זייער גע־רעכטע טענה און געמאכט א פראבע צו לאזען א פערד אמאל ריידען. דאס איז געוועזן בלעם'ס אייזעל. נון, זעהט וואס עס קומט ארויס פון א פערד'ס רייד. אנשטאט אויסצונוצען דעם מאמענט און ריידען צו דער זאך, בעטען בלעם'ן ער זאל מיט איהם איינזעהעניש האבען ביים איינשפאנען, אכטונג צו געבען, ער זאל קיין איבעריגע יסורים ניט האבען, הויבט גאר אן דער פערד צו דערצעהלען זיין יחוס: „הלא אנכי אתונך אשר רכבת עלי". פארשטעהט זיך דאך, אז מען האט פון

איהם דעם לשון צוגענומען. איהר פערד — האט ר׳ משה איצעל גע־ענדיגט זיין דרשה — אז גאט האט אייך שוין געגעבען די מתנה וואס איהר קענטריידען, טא רעדט־זשע צו דער זאך, אבער געהט זיך ניט רעכענען קיין יחוס!״

בעת ער איז געווען א רב אין פלונגיאן, איז איהם אויסגעקומען צוליעב זיין שטענדיגער ארומפאהרעניש, ניט צו זיין אין שטאדט כמעט א גאנצען ווינטער. גראד דארף צו דיעזער צייט קומען קיין פלונגיאן דער באוואוסטער סלוצקער מגיד הירש דיינאוו, א זעהר טאלאנטפאלער פאלקס־רעדנער, איז אבער געווען צו מאדערן פאר יענער צייט; אגב האט מען אויף איהם געזאגט, אז ער איז אביסעל נעכאפט אין דער מעשה. וואו ער אי געקומען, פלעגט ער מאכען א געוואלדיגען רושם מיט זיינע מאדערנע דרשות, אז אידען זאלען זיך נעהמען צו השכלה, צו מלאכה וכדומה. ער אליין, א הויכער און א שטארקער, פלעגט זיך פיהרען מעשה שררה, געגאנגען געקליידט ווי א קאטוילישער גלח און מען האט איהם געמוזט באצאהלען איידער ער האט זיך געשטעלט זאגען. אויך פלעגט מען אלע טאג פאר איהם מוזען קויילענען א הוהן, וואס ער פלעגט אויפעסען צו יעדען מיטאג, און בינו לבינו האט ער אפגעקאסט פלונגיאן אז ערך פופציג רובעל, א גרויסע סומע פאר יענער צייט. אז ר׳ משה איצעל איז געקומען פאר פסח אהיים און ארויסגעגאנגען איבער׳ן שטאדט צוזאמענקלויבען אויף מעות־חטים, האט ער פון יעדען בעל־הבית איינע און דיזעלבע טענה געהערט, אז עס איז געווען א שווערער ווינטער, די מקחים פון זוימען און פלאקס זיינען געפאלען, ובכן קענען זיי איצט ניט פיעל געבען פאר מעות חטים. ר׳ משה איצעל, זיך דערוויסענדיג וויפיעל דיינאוו האט דער שטאדט אפגעקאסט, האט ער זיך אין זיין שבת־דיגער דרשה אפגעשטעלט אויף די פסוקים: „לא יבא עמני ומואבי בקהל ד׳ על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים ואשר שכר עליך את בלעם לקללך״. פארוואס דארף די תורה געבען צוויי טעמים — איז דען ניט גענוג דער ערשטער טעם? סטייטש, נאהענטע קרובים, הונגעריגע און דארשטיגע, לויפען פון שקלאפען־דיענסט, און בפרט נאך אין אריענט, וואו גאסט־פריינדשאפט איז איינע פון די הייליגסטע מנהגים. נאר זיי האבען דאך גע־קענט האבען א תירוץ: שלעכטע צייטען. די מקחים זיינען ארונ־טער, מיר האבען אליין ניט. דעריבער גיט די תורה נאך א טעם: ואשר שכר עליך את בלעם לקללך — פאר בלעם׳ן האט זיך שוין יא געלד געפונען. „דאס איינענע איז מיט אייך, פלונגיאנער אידען״ — האט ער אויסגעפיהרט. „פאר דעם סלוצקער בלעם האט איהר גע־האט געלד און אז עס קומט צו מעות חטים האט איהר תירוצים.

איבעריגענס וועט איהר שוין מעהר קיין כפרה ניט האבען, ווייל היר־שעלע דיינאוו האט שוין אויפגעגעסען אלע היהנער!״

יא, קיין ספרים האט דער גרויסער ר׳ משה איצעל ניט נאכגע־לאזען, אבער א פיעל וויכטיגערע זאך ווי ספרים האט ער דאס אידישע פאלק געגעבען, און דאס איז, א דינאסטיע פון גרויסע רבנים גאונים, וואס זיינען נאך היינט א ציערונג פאר׳ן כלל. פאר זיינע דריי טעכ־טער האט ער אויסגעזוכט איידימס עלויים, זיי צוגענומען צו זיך נאך זייענדיג יונגע קינדער פון 8 ביז 9 יאהר, מיט זיי אליין געלעהרענט און זיי שפעטער חתונה געמאכט פאר זיינע טעכטער. דער ערשטער איידים איז געווען דער באוואוסטער גאון דובער ליבשיץ, רב פון סרעד־ניק (דער אנקעל פון הגאון לעווינטהאל פון פילאדעלפיא, דער שטאלץ פון אמעריקאנער רבנים). זיין זוהן איז דער גאון רבי הלל ליבשיץ (דער רב פון פאפעליאן, פלונגיאן, סייני, סובאלק, לובלין). רבי הלל ז״ל האט נאכגעלאזען דריי זיהן גאונים. דער עלטערער איז דער גאון און גרויסער מלומד רבי יחזקאל ליבשיץ (דער רב פון יורבורג, בויסק, פלאצק, קאליש), דער מחבר פון דעם באריהמטען ספר „המדרש והמעשה״. דער צווייטער איידים פון ר׳ משה איצעל איז דער גאון ר׳ נחום שרגא רעוועל, דער רב פון לינקאווע, פרען (דער פאטער פון הגאון ר״ד רעוועל פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן). דער דריטער איידים הגאון רבי אכתריאל נאטאן, דער רב פון קורשאן און יאגאסטאוו, דער מחבר פון „כתר המלך״ אויפ׳ן רמב״ם.

איך פערזענליך האב רבי משה איצלען וועניג געקענט. נאר איינמאל אין לעבען איז מיר אויסגעקומען איהם צו זעהן. איך בין דאמאלסט געווען א אינגעל פון א יאהר זיבען־אכט. ר׳ משה איצלען איז אויסגעקומען דורכצופאהרען מיין געבורטס־שטעדטעל פאלאנגען און האט געהייסען זיין פוהרמאן זיך אפשטעלען ביי מיין פאטער׳ס הויז, כדי זיך צו זעהן מיט מיין פאטער ע״ה, וואס ער איז געווען זיינער א תלמיד און א מוסמך פון איהם. דערזעהענדיג מיך האט ער זיך ערקונדיגט אויף מיינע לומדות, און אז איך האב איהם געזאגט, דאס איך לערען שוין גמרא, האט ער מיר געהייסען זאגען א שטיקעל גמרא און טרעפען דארט א קשיא. איך האב אבער צוויי קשיות גע־טראפען. דערפאר האט ער מיך שטארק אנגעקושט און געבענשט, אז איך זאל אויסוואקסען א גרויסער למדן. דאס וואס די ברכה פון דעם צדיק איז ניט מקוים געווארען, קען איך צו איהם קיין טענה ניט האבען. דער שולדיגער בין איך טאקע אליין.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך דערמאהנען מיין ערשטען רבי׳ן אין פאלאנגע, רבי יצחק בורענשטיין ז״ל, א צדיק תמים (זיין אייני־קעל איז דער באוואוסטער ציוניסטען־פיהרער מאקס שולמאן פון שיקאגא).

# רבי עזריאל דר. הילדעסהיימער

געבאָרען אין האַלבערשטאַדט תק"פ, געשטאָרבען אין בערלין תרנ"ט.

ס'איז א באוואוסטע זאך, אז די מייסטע באדייטענדע היסטאָרישע פיגורען האבען זייער ציעל דערגרייכט ניט צוליעב זייער טאַ־לאַנט, נאר דורך זייער ענערגישער ארבייט און פלייס; דורך זייער אויסדויער און דורך זייער לאנגזאמען זוכען און שטרעבען צו דערגרייכען אט דאס וואס זיי האבען זיך פארגענומען, און צו דעם דאזיגען קלאס האט אויך געהערט דר. עזריאל הילדעס־היימער. ער איז ניט קיין געבאָרענער „עלוי", ווי די מייסטע גאונים פון יענער צייט. זיינע מיטגעבאָרענע גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען געוועזען גאנץ געוועהנליכע. דערפאר אבער האט איהם די נאַטור אויס־געשטאַטעט מיט אנדערע טהייערע באגאבונגען: מיט אן אייזערנעם ווילענסקראפט, מיט אן אונערמידליכען פלייס און מיט אן אונדער־שראָקענעם מוטה. א דאנק די דאזיגע אייגענשאפטען האט זיך הילדעסהיימער ענטוויקעלט אויף אויסצוואוקסען א היסטאָרישע פי־גור, צו ווערען איינער פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע פיהרער פון פאריגען דור, און וואס ביי א געוויסען טהייל אידען איז נאך עד היום צו מערקען זיין גרוים השפעה. אין דער געמיינדע „עדת ישראל" אין בערלין, ווערט ער באטראכט פאר א הייליגען. מיט גרוים יראת הכבוד קוקט יעדערער אויפ'ן שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען, און וואס שטעהט נאך עד היום נעבען ארון קודש ארומגעצאמטערהייט און קיין מענש איז נאך אויף איהם ניט געזעסען.

זיין הויפט־מעלה איז באשטאנען אין זיין אוננאטירליכער התמדה. נאך זייענדיג א יונגער בחור אין דער ישיבה פון רבי יעקב יוסף עטלינגער, דער מחבר פון „ערוך לנר", איז ער שוין באריהמט געווען דורך זיין גרוים התמדה. זיינע חברים פלעגען אויף איהם זאגען, אז אויב אין א מעת־לעת וואלטען געווען פינף־און־צוואנציג שעה, וואלט שוין דער האלבערשטאַדטער בחור אויסגעפונען נאך א 26טע שעה אויף צו לערנען. איך האב איין מיין לעבען ניט באגעגענט נאך א מענשען, וואס זאל זיין אזוי אויסגערעכענט מיט דער צייט, אז עס זאל חלילה טאקע ממש איין מינוט ניט אין ניוועץ

געהן, ווי דר. הילדעסהיימער. און ניט בלויז אין זיינע יונגע יאָהרען, נאָר אויך בעת ער איז שוין געווען אַ זקן אין די זיבעציגער, האָט ער נאָך געהאַט אין זיך די ענערגיע און אַרבייטסלוסט פון אַ צוואַנציג יעריגען.

צוקוקענדיג זיינע פיעלזייטיגע אַרבייט, האָב איך איהם אַמאָל געבעטען: „רבי, למדני ארחות חיים! — רבי, לערענט מיר אויס די וועגען ווי מען זאָל קענען שאַפען אין איין טאָג אַזוי פיעל אַרבייט וויפיעל איהר שאַפט. למשל, צו זאָגען אַלע טאָג אַ שיעור אין סעמינאַר, צו פיהרען אַזאַ גרויסע געמיינדע, צו שרייבען יעדען טאָג צעהנדליגע בריעף, זיך צו אינטערעסירען מיט אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט, צו זאַמלען געלד פאַר די נויטליידענדע אין ארץ־ישראל, אין רוסלאַנד און אין פרס וכהנה וכהנה — און נאָך געפינען צייט אויף צו לערנען". דאַרויף האָט ער מיר געענטפערט: „איהר זייט דאָך, דאַכט זיך, אַ בוכהאַלטער פון פאַך, פאַרוואָס זשע פיהרט איהר ניט אַ בוכהאַלטעריע איבער אייער צייט? אַזוי ווי דער עהרליכער סוחר, וואָס וויל ניט אַנזעצען, פיהרט אַ חשבון איבער זיין הכנסה והוצאה, און היט זיך, אַז דער דעבעט זאָל ניט אַריבערשטייגען דעם קרעדיט, אַזוי דאַרף מען פיהרען אַ חשבון איבער די צייט, וואָס איז בודאי אַזוי פיעל ווערטה ווי געלד. מען ברויך נור יעדען טאָג ביי זיך צו נאָטירען וויפיעל פרייע שטונדען אָדער זאָגאַר מינוטען קען איהם היינט בלייבען איבעריג פאַר גייסטיגע אָדער געזעלשאַפטליכע אַרבייט, און פון דיעזע צייט דאַרף ניט איין מינוט פאַרלאָרען געהן, זאָנסט איז ער מאַראַליש באַנקראָט".

כדי צו שפּאָרען צייט פלעגט ער געהן שנעל, עסען שנעל און אויך דאַווענען שנעל. ער פלעגט געוועהנליך אויסגעהן שמונה עשרה פריהער פון די מייסטע מתפללים. ער האָט ניט געקענט ליידען אַ ש"ץ אַ מאריך און פלעגט דעריבער אָפט אַליין געהן צום עמוד דאַווענען. זיין אוננאַטירליכען האַסטיגען גאַנג האָט ער נאָך אָנגעהאַלטען בעת ער איז שוין געווען קרוב צו אַכציג יאָהר, אַז יונגע לייט האָבען איהם קוים געקענט נאָכהאַלטען. און נויטיג צו געהן האָט ער געהאַט שטענדיג: דאָ צו זאַמלען געלד פאַר נויטבאַדערפטיגע, דאָ וועגען פדיון שבויים, דאָ אין אַ האָספּיטאַל מבקר־חולה זיין אַ קראַנקען תלמיד חכם וכהנה וכהנה. אַמאָל, ערב יום כפור פאַר כל נדרי, דער עולם איז שוין געגאַנגען אין די שוהלען, האָט מען געזעהן ווי רבי עזריאל הילדעסהיימער לויפט איבער די בערלינער גאַסען מיט אַ דיקען דייטשען בוך אין האַנד. קיינער האָט איהם אָבער ניט געוואַגט אָפּצושטעלען און איהם פרעגען וואו ער לויפט. גראָד דאַרף ער זיך באַגעגענען מיט רבי ישראל סאַלאַנטער, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט אויפ־

געהאלטען אין בערלין, און רבי ישראל האט איהם געפרעגט, וואו ער לויפט אזוי שפעט. „צום גענעראל דעם און דעם" — האט איהם היל־דעסהיימער אין האסט געענטפערט — „אט דער צורר ישראל וויל ניט באפרייען די אידישע סאלדאטען אויף יום כפור, האב איך דעריבער מיטגענומען מיט זיך דאס דייטשע געזעץ־בוך איהם צו ווייזען, אז לויט געזעץ איז ער מחויב זיי ארויסצולאזען".

אינטערעסאנט איז, אז כאטש ער פלעגט געוועהנליך שלאפען ניט מעהר ווי דריי שעה א נאכט און אין די איבעריגע צייט ניט רוהען א מינוט, אז כאטש ער פלעגט זעלטען געהן אויף שמחות און זיך בכלל ענטזאגט פון אלע מיני תענוגים, צומאל ניט שפאצירען געגאנגען, חוץ א קורצע צייט אום שבת — איז ער כמעט אין זיין גאנצען לאנגען לעבען קיינמאל ניט קראנק געווען, זיך שטענדיג גע־פונען אין א גוטער שטימונג, לוסטיג און לעבעדיג, זעלטען ווען זיך געערגערט אויף יעמאנדען און פלעגט יעדען מענשען מקבל זיין בסבר פנים יפות און בפרט א תלמיד־חכם, זאגאר אויך א רוסישען אדער א פוילישען...

יעדער איינער וועלכער איז אמאל געקומען אין באריהרונג מיט די דייטשע רבנים, אפילו מיט די ארטאדאקסישע, ווייסט מיט וואס פאר א פאראכטונג און גרינגשעצונג זיי פלעגען קוקען אויף די רוסישע אורחים, וואס קיין אנדערווארט ווי „שנארער" האבען זיי פאר די דא־זיגע אידען ניט געהאט. די עלענדע ,וואס האבען ווירקליך נויטיג גע־האט זייער שטיצע, פלעגען דאס באקומען אויפ'ן שענדליכסטען און אונגווירדיגסטען אופן, דורך איינעם אז אנגעשטעלטען. די רבנים אליין פלעגען צו זיך קיינעם ניט צולאזען. די מורא זיך צו באגעגענען מיט א רוסישען דורכפאהרער איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו די רייכע דורכפאהרער, וואס האבען געוואלט אוים נייגעריגקייט זיך פערזענליך באקענען מיט א דייטשען ראבינער, פלעגען אויך געוועהנליך באקו־מען פון דער דיענסט דעם קאנווענציאנעלען ענטפער: „דער הערר דאקטאר איזט יעצט ניכט צום שפרעכען". בארוהיגט זייער געוויסען האבען יענע רבנים דערמיט, וואס די מייסטע רוסישע דורכפאהרער זיינען געווען ביי זיי פארעכענט פאר „פושעים", און אויף צו זיין ביי א דייטשען ארטאדאקס א „פושע", דארף מען ניט טהאן קיין גרויסע עבירות. עס איז גענוג געווען ווען ער זעהט איך עסענדיג אהן א יארמולקע.

אזא עהנליכער פאל האט מיט מיר אליין אמאל פאסירט אין דער שווייץ, אין יאהר 1896, וואו איך האב פארבראכט יענעם זומער מיט מיין פאמיליע. אזוי ווי אין דער שווייץ איז פארבאטען שחיטה, איז נאר מעגליך, געווען אין איינינע געצעהלטע שטעדט צו באקומען א

כשר׳ן פליישיגען מאלצייט, און צו דעם צוועק פלעגט מען מוזען פאהרען עסען קיין אינטערלאקען. דארט האט זיך געפונען דער באוואוסטער שטרענג כשר׳ער רעסטאראן פון פרוי לעווי, וואס איז געשטאנען אונטער דער פראנקפורטער השגחה. אין דעם דאזיגען רעסטאראן, איבערהויפט אין די זומער־חדשים, איז געווען א רעגעלער קבוץ גליות. אידען פון אלע פארשידענע מדינות און פארשידענע שפראכען, און דעריבער פלעגט מען זיך געוועהנליך גרופירען ביי די טישען נאך די שפראכען. איך מיט מיין פרוי האבען זיך געזעצט ביים דייטש־שפרעכענדען טיש. מיר געגענאיבער איז געזעסען אן עלטערער בכבוד׳יגער הערר מיט זיין פאמיליע, א באוואוסטער רייכער פרומער איד פון מאינץ. די הערען, אלע אין יארמולקעס, די דאמען — אין צניעות׳דיגע טואלעטען. איך האב מיך געוואשען די הענט מיט זיי צוזאמען, געמאכט ברכת המוציא, און דערנאך אראפגענומען די הוט, דען ס׳איז געווען א שרעקליך הייסער טאג. אזוי ווי איך האב קיין יארמולקע ביי זיך ניט געהאט, האב איך געגעסען בגלוי ראש. מיינע שכנים האבען אויף מיר די גאנצע צייט געקוקט קרום. קיינער האט מיט מיר א ווארט ניט גערעדט, ניט אכטענדיג אויף דעם גוטען מנהג צווישען טוריסטען שנעלע באקאנטשאפט צו מאכען. מיין מערכה האט זיך אויף א האר ניט פארבעסערט אפילו נאכדעם ווי איך האב מיט זיי צוזאמען געבענשט. פארשטאנען האב איך, אז דער טראבעל איז געקומען צוליעב דער יארמולקע, דעריבער האב איך איהר שוין מיטגענומען ביי א צווייטען מאל. און ווירקליך האט די יארמולקע וואונדער באוויזען; געשפאלטען דעם ים־הקרח. די הערען און די דאמען האבען מיר אריינגעצויגען אין זייער געשפרעך און מיר מכבד געווען מיט זייערע אייגענע וויין (דער הערר בינג פון מאינץ איז געווען א באזיצער פון אייגענע וויין־פלאנטאציעס). פאר׳ן בענשען בין איך נאך מעהר עולה לגדולה געווארען. דער טאג איז גראד געווען ט״ו באב און איינער פון די הערען, א רב פון ווירצבורג, האט גענומען זאגען תורה מעניני דיומא, זיך באציהענדיג אויף דער גמרא סוף תענית „לא היו ימים טובים לישראל וכו׳״, האט ער דערביי געפרעגט א קשיא וואס געפינט זיך אין „גבורות ארי״ אויף תענית. אזוי ווי איך האב אויך געוואוסט דעם תירוץ וואס דער גבורות ארי אליין ענטפערט, האב איך מיך געמאכט ניט וויסענדיג אז די קשיא איז ניט זיינע און האסטיג געזאגט דעם תירוץ. אבער נאך א גרע־סערער תקיף בין איך געווארען, אז זיי האבען דערפאהרען, אז איך בין א איד, קאטארי וועלכער דארף ב״ה ניט אנקומען צו זייערע נדבות. דאך האבען זיי מיך ניט געקענט מכפר זיין וואס איך האב דאס ערשטע מאל געגעסען אהן א יארמולקע, און עס האט אויך ניט

געהאַלפען אַלע מיינע ראיות, אַז ס׳איז ניט קיין שום איסור צו עסען בגלוי ראש, און אַז כבוד הבריות שטעהט העכער ווי דאָס, אָבער אַלס אַ גרונד פיינט צו האָבען אַ רוסישען אידען איז דאָס גענוג פאַר זיי.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען רבי עזריאל הילדעסהיימער. זיין גוט הארץ האָט ניט צוגעלאָזען זוכען חטאים ביי די וואָס דאַרפען אָנקומען צו שטיצע. זיין שטענדיג ליכטיגער פּנים מיט׳ן זיסען שמייכעל, פלעגען צוגעבען מוטה צו די נויטבאַדערפטיגע זיך אויס־צורייִדען פאַר איהם זייערע צרות. ער פלעגט נאָר בעטען זיך קורץ צו פאַסען. מאַנכע פון די נדבה־בעטערס פלעגען וועלען צייגען זיי־ערע לומדות און אַריינקומען צו איהם מיט אַ קשיא אויפ׳ן רמב״ם. הילדעסהיימער פלעגט זיי מיט געדולד אויסהערען, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז די קשיא איז אַ גע׳גנב׳עטע. ער פלעגט זיי אָבער באַ־מערקען, אַז אוינגענבליקליך אינטערעסירט איהם מעהרער זיי צו־רעכט צו מאַכען, איידער רעכטמאַכען דעם רמב״ם.

דר. עזריאל הילדעסהיימער איז געווען איינער פון די גליקליכסטע מענשען, וואָס פאַרשטעהען אויסצונוצען זייערע באַזונדערע פעהיג־קייטען און באַגאַבונגען אין דער ריכטיגער צייט און אויפ׳ן ריכטיגען אָרט, און דעריבער האָט ער אויך געהאַט גרויס הצלחה אין אַלע זיינע אונטערנעהמונגען. די נאַטור האָט הילדעסהיימער׳ן באַשאַנקען מיט אַלע מעלות פון אַ לעהרער און ערציהער, און ער האָט טאַקע אויס־גענוצט די דאָזיגע פעהיגקייט זיינע זיין גאַנצען לעבען — אַ משך פון זעכציג יאָהר — פון זיין יוגענד אָן ביז קורץ פאַר זיין טויט.

הילדעסהיימער איז פון דער נאַטור געווען אַן ענטוזיאַסט, אַ הייסבלוטיגער און אַ קאַמפּפסלוסטיגער און די אַלע דאָזיגע אייגענ־שאַפטען האָט ער לאַנג און ברייט אויסגענוצט אין זיין קאַמפּף מיט׳ן רעפאָרם. זיין געוואַלדיגע ענערגיע, זיין אונערשראָקענהייט און זיין אייזערנער ווילען האָבען אויך פיעל בייגעטראָגען, אַז ער זאָל זיך ניט אָפּשטעלען אין מיטען וועג, נאָר אַלץ וואָס ער האָט אונטערנומען צוצופיהרען ביז צום ברעג.

הילדעסהיימער האָט אָנגעפאַנגען זיין געזעלשאַפטליכע אַרבייט, בעת די רעפאָרם באַוועגונג האָט שוין געהאַט אַרומגענומען דאָס גאַנצע דייטשע יודענטום און בפרט די שטודירענדע יוגענד. אין דער צייט בעת ער איז נאָך געווען שטודענט, פריהער אין בערלין און דערנאָך אין האַללע אין אָנפאַנג פון די פערציגער יאָהרען, זיינען שוין דאַמאַלסט געווען איבער נייִנציג פּראָצענט פון זיינע אידישע קאָלעגען אָפּטריניגע פון דער אידישער רעליגיאָן. אַ טהייל פון זיי זיינען פשוט איבערגעגאַנ־גען צום קריסטענטום, אַ טייל איז פאַרבליבען קאָנפעסיאָנסלאָז און די איבעריגע, וואָס האָבען זיך נאָך כלומר׳שט גערופען „איזראַעליטען״,

האבען געהערט צו די רעפארמער און זיינען געבליבען אין אידישען לאגער מיט'ן איינציגען צוועק, צו פיהרען א ביטערען קאמפף געגען דער אידישער טראדיציע. הילדעסהיימער, ניט אכטענדיג אויפ'ן שאנד און שפאט וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן פון זיינע חברים פאר זיין טרייקייט צו דער אידישער טראדיציע, איז זיך געגאנגען אין זיין דרך אפצוהיטען אלע מצוות המעשיות מיט אלע פרטים ודקדוקים, און ניט איינמאל איז איהם אויסגעקומען צונויפצוקלייבען א מנין צו מנחה אין איינעם פון די צימערען פון דער אוניווערזיטעט. כאטש זייענדיג א שעפעלע צווישען א סטאדע וועלף, פלעגט ער זיך ניט אפשרעקען עפענטליך אויפצוטרעטען געגען זיי, זיי ארויסצורופען אויף דיסקוסיעס איבער רעליגיעזע ענינים, און אזוי וויט געארבייט, ביז ס'איז איהם געלונגען צו בילדען ארום זיך א סביבה פון אייניגע שטודענטען, וועלכע ער האט מחזיר למוטב געווען, און געלערענט מיט זיי כתבי־קודש, אידישע היסטאריע און רעליגיעזע פילאזאפיע, כדי זיי צוצוגרייטען צום קאמפף מיט'ן רעפארם.

די דאזיגע חברים־תלמידים זיינע האבען שפעטער געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער ארטאדאקסישער וועלט און זעהר פיעל געווירקט אויף דער אויפלעבונג פונ'ם טראדיציאנעלען יודענטום אין דייטשלאנד, וואס זיין נשמה האט געהאלטען שוין ביים אויסגעהן. איינער פון זיינע דעמאלסטיגע תלמידים איז אויך געווען דער שפעטער זעהר באריהמט געווארענער צדיק דר. מאיר לעהמאן, דער ארויסגעבער פון דער וואכענשריפט „איזראעליט" אין מאינץ.

הילדעסהיימער'ס הויפט־קאמף מיט די רעפארמער האט זיך ערשט אנגעהויבען אין יאהר 1869, בעת ער איז אנגעקומען פון אונגארן קיין בערלין. אין יענער צייט איז שוין אויף אזוי וויט געווען פארשפרייט האלדהיים'ס און גייגער'ס תורה, אז ס'איז שוין כמעט קיין זכר ניט געווען צו דער אלטער טראדיציאנעלער רבנות, און די ערטער פון די אמאליגע רבנים־גאונים האבען פארנומען יונגע ראבינער און פרעדיגער, עמי־הארצים און פושעים. די אמאליגע פרנסי־הקהלות, וועלכע זיינען באשטאנען מייסטענס פון גבירים יראים און בעלי תורה, זיינען ארונטער פון דער סצענע ,און זייערע פלעצער האבען פארנומען די ניימאדישע רעפרעזענטאנטען, וואס זיינען באשטאנען פון געהיימראטען, קאמערצראטען, סאניטעטסראטען און נאך אזעלכע מיני „ראטען". א דאנק וואס די רעגירונג האט זיי אנערקענט פאר די איינציגע אידישע פיהרערס און זיי געגעבען דאס רעכט צו באשטייערען אויך די ארטאדאקסיש געזאנענע אידען פאר די הצטרכות פון זייערע רעפארם־טעמפלען, האבען זיי אונטערגעבראכט די אלע ארטאדאקסישע קהלות, וואס זיינען נאך געווען פארבליבען פון אלטע צייטען,

אויף אזוי ווייט, אז אויסער אין האמבורג און אין איינציגע שטעדט אין עלזאס און אין דרום-דייטשלאנד זיינען ארטאדאקסישע קהלות שוין מעהר ניט בנמצא געווען.

דריי זיינען זיי געווען, וואס האבען גענומען אויף זיך אלס א לעבענס-אויפגאבע צוזאמענצונעהמען די צושפרייטע טראדיציאנעלע אידען און זיי פאראייניגען אין באזונדערע ארטאדאקסישע קהלות, און צוריק לעבעדיג מאכען דעם אלטען אידישען גייסט — דעם גייסט פון תורה און יראת שמים. די דריי זיינען געווען: דר. שמשון רפאל הירש פון פראנקפורט אם מאין, דר. עזריאל הילדעסהיימער פון בערלין און דר. מאיר לעהמאן פון מאינץ. אין דערגרייכען זייער ציעל האט יעדער געארבייט אויף א באזונדערען סיסטעם, וואס זאל זיין מעהר צוגעפאסט צו זיין סביבה און צו זיינע אייגענשאפטען און פעהיגקייטען.

דר. מאיר לעהמאן, זייענדיג א וואונדערבאר שעהנער ערצעהלער און א זעלטענער בעלעטריסט, האט זיין באגאבונג אויסגענוצט אויפצוּוועקען דעם פארשלאפענעם, רעליגיעזען סענטימענט אין דער אידישער פאמיליע. מיט זיינע פייערדיגע ארטיקלען, געשריבען אין א גלענצענדער שפראך, מיט זיינע היסטארישע ראמאנען פול מיט ליעבע צום פאלק און צו זיין טראדיציע, האט ער צוגעצויגען א גרויסען קרייז לעזער און געבראכט אן איבערקעהרעניש אין אידישען גייסטיגען לעבען. זיין השפעה איז אזוי גרויס געווען, און בפרט אין דרום-דייטשלאנד, אז פיעלע קינדער פון רעפארם-עלטערן זיינען צוריקגעקעהרט געווארען צום טראדיציאנעלען יודענטום, מיטשלעפענדיג מיט זיך די עלטערן. דער „איזראעליט" איז געווארען א באליעבטער פאמיליענבלאט און ביי א געוויסען קרייז אידען איז ער געווארען גראדעצו אזוי פארהייליגט, אז מען פלעגט איהם לייענען אין די שוהלען בצבור און זאגען דערנאך א רבנן-קדיש.

דר. שמשון רפאל הירש, ווידער, האט אויסגענוצט זיין גרויסען רעדנער-טאלאנט אין זיין קאמפף מיטן רעפארם. זיין אלזייטיגע געלערזאמקייט, זיין געוואלדיגע ענערגיע, זיין אייזערנער ווילען און ארגאניזאציאנס-פעהיגקייט האבען אריינגעיאגט א גרויס שרעק אינ'ם פיינדליכען לאגער. ניט איינמאל האט זיך זיין אמאליגער חבר און פריינד דר. גייגער זיך באקלאגט, אז הירש איז דער געפעהרליכסטער געגנער און צושטערט אלץ וואס ער און זיינע קאלעגען האבען געשאפען. דר. הירש האט ניט געקעמפפט בלויז מיט ווערטער נאר אויך מיט טהאטען און מיט מסירות-נפש. ער האט פרייוויליג אויפגעגעבען זיין רבנות אין דער גרויסער שטאדט ניקאלסבורג, וואו ער איז געזעסען מיט גרויס כבוד און געקומען קיין פראנקפורט צו זיין א רב אויף קוים א מנין אידען, מיט דער איינציגער כונה אויפצולעבען

די אידישקייט אין דייטשלאַנד. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פון דעם מנין אָרטאָדאָקסישע אידען וואָס ער האָט געפונען אין פראַנק־פורט, איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסען אַ גרויסע אָרטאָדאָקסישע קהלה, איינע פון די גרעסטע און רייכסטע קהלות אין דייטשלאַנד, און נאָכ׳ן פראַנקפורטער מוסטער האָבען זיך שפּעטער אויסגעבילדעט נאָך אַזעלכע קהלות אין פאַרשידענע שטעדט. דר. הירש׳ס באַוואוסטע ספרים „החורב״ און די „ניינצעהן בריעף״, געשריבען אין אַ וואונדער־באַר שעהנער שפּראַך, זיינען אין אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט געוואָרען אין אַלע מדינות, וואו עס געפינען זיך דייטש־שפּרעכענדע אידען, און האָבען פיעל בייגעטראָגען צו דער אויפלעבונג פונ׳ם טראַדיציאָנעלען אידישען גייסט, וואָס די רעפאָרמער האָבען אין אַ משך פון צוויי־דריי דורות געזוכט צו דערשטיקען.

אין דיזעלבע דרכים ווי רבי הירש איז אויך געגאַנגען רבי היל־דעסהיימער. אויך ער האָט געבראַכט דעמזעלביגען קרבן, אַוועקצור־וואַרפען זיין גרויסע רבנות אין אייזענשטאַדט, אין אונגאַרן, וואו ער איז געזעסען מיט גרויס כבוד גאַנצע אַכצעהן יאָהר, און קומען אין בערלין ווערען אַ רב ביי געצעהלטע יחידים. ער האָט אויך פאַר־פאָלגט דעמזעלבען צוועק, צו בילדען אין בערלין אַן אָרטאָדאָקסישע קהלה און אויפצונעהמען אַ קאַמפּף, אויף טויט און לעבען. מיט דער רעפאָרם באַוועגונג. הילדעסהיימער׳ס פּאָזיציע איז געווען באַדייטענד אַ שווערערע, ווייל די בערלינער אידישע געמיינדע האָט זיך גערעכענט פון זייט מענדעלסאָנ׳ס צייט אַלס טאָנאַנגעבענדע פאַר אַלע אַנדערע קהלות אין דייטשלאַנד. זי איז תמיד געווען די רייכסטע און איג־טעליגענטעסטע קהלה, אויך די ערשטע וואָס האָט געבראַכען מיט דער אַלטער אידישער טראַדיציע, און אויב ניט אינגאַנצען רעפאָרמירט, אויף האַלדהיימ׳ס שטייגער, דאָך אָבער דורכגעדרונגען מיט אויב׳ס און גייגער׳ס רעפאָרם. אַלענפאַלס אויף אַזוי ווייט, ניט צוצולאָזען די אָרטאָ־דאָקסען צו בילדען אַן אייגענע קהלה, אָדער לכל הפחות עטוואָס בייצור־טראָגען צו זייערע באַזונדערע הצטרכות, כאָטש די אָרטאָדאָקסען האָבען געמוזט צאָהלען גרויסע שטייערן אויף אויסצוהאַלטען ז י י ע ר ע טעמפּלען, ז י י ע ר ע פּרעדיגער און אַנדערע כלי־קודש. אַלע באַמיהונגען ביי דער רעגירונג צו ערלויבען די אָרטאָדאָקסישע אידען צו באַשטיי־ערן זייערע אייגענע מיטגלידער אויף זייערע אייגענע הצטרכות: אויסצוהאַלטען רבנים, שוחטים וכדומה, און ניט זיין אָפּהענגיג פון דער גרויסער געמיינדע, האָבען קיינע רעזולטאַטען ניט געבראַכט, ביז דר. עזריאל הילדעסהיימער איז געקומען קיין בערלין און געבראַכט אַ נייעם לעבען אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט.

הילדעסהיימער׳ס פּלוצלונגע אָנקונפט אין בערלין איז געווען, אין

מאנכע שטריכען, גלייך צו די עלית עזרא הסופר אין ארץ־ישראל, מיט א געוואלדיגער ענערגיע האט ער זיך באלד געווארפען אין קאמפף מיט די רעפרעזענטאנטען פון דער הויפט־געמיינדע, געזאמעלט ארום זיך אלע צושפרייטע אידען אין בערלין, וואס זיינען נאך געבליבען טריי זייער גלויבען און זייער טראדיציע; געהאלטען פייערדיגע רע־דעס; געשריבען אגיטאטארישע ארטיקלען אין דער טעגליכער פרעסע און געווירקט אויף דר. לאסקער דורכצופיהרען אין רייכסטאג א געזעץ, אז די ארטאדאקסען האבען א רעכט צו בילדען אן אייגענע קהלה.

הילדעסהיימער האט זיך אבער ניט באגנוגענט, ווי דר. הירש און דר. לעהמאן, אויסצואיבען זייער השפעה בלויז אויפ׳ן איצט־לעבעדיגען דור אליין, נאר ער האט זיך אויך גענומען צו ערציהען די קומענדע דורות. זיין נאטירליכע באגאבונג אלס לעהרער און ערציהער האט זעהר פיעל בייגעטראגען צו דערגרייכען זיין ציעל, אז באלד אין די ערשטע פיער וואכען פון זיין אנקונפט אין בערלין, האט ער שוין געגרינדעט א רעליגיאנס־שול פאר אינגלאך און מיידלאך, און געלעגט דערמיט דעם גרונדשטיין אויף אויפצובויען די אידישע פאמיליע. קוים האט ער אוועקגעשטעלט די דאזיגע שול, וואס עקזיסטירט נאך היינט און ווערט געלייטעט פון זיין זוהן רבי מאיר הילדעסהיימער, האט ער זיך באלד גענומען צו גרינדען א ראבינער־סעמינאר אויף צו ערציהען ארטאדאקסישע רבנים מיט א מאדערנער בילדונג, וואס זאלען ניט צוריקשטעהן געגען די רעפארם ראבינער אין קולטור, ביל־דונג און וויסענשאפט. דער דאזיגער סעמינאר עקזיסטירט נאך היינט. הונדערטער רבנים זיינען דארט ערצויגען געווארען און בייגעטראגען, אז די תורה און אידישקייט זאל אין דייטשלאנד ניט אונטערגעהן, וואס האט שוין געהאלטען נאהענט דערביי.

אויב דר. הילדעסהיימער וואלט אין זיין לעבען ניט אויפגעטהאן קיין אנדער זאך, ווי צו גרינדען דאס ראבינער־סעמינאר, האט ער שוין פארדינט דערמיט אליין צו פארנעהמען א בכבוד׳ען פלאץ אין דער אידישער היסטאריע. אז מען שטעלט זיך פאר ווי עס האט אויסגעזעהן מיט פופציג יאהר צוריק די אידישקייט אין דייטשלאנד און בפרט אין בערלין; אין דער צייט, ווען דאס דייטשע פאלק, און אידען בכלל, זיינען געווען פאר׳שכור׳ט פונ׳ם גרויסען נצחון איבער פראנק־רייך. איבערן גאנצען לאנד האט געהערשט א גרויסער וואהלשטאנד, און די דייטשע יוגענד, זיך פארגעסענדיג אן אלע אידעאלען פון די פערציגער און זעכציגער יאהרען, איז איבערגעגאנגען צום מאטעריא־ליזם — אז אין אזא צייט צו קומען און וועלען מאכען בערלין פאר א מקום תורה, פארן צענטער פון די ארטאדאקסי, האט עס ביי אלעמען אויסגעזעהן א משונה׳דיגע זאך און ארויסגערופען גרויס באוואונ־

דערונג און שטוינען. אבער נאר אזא איבערצייגטער גלויביגער, מיט אן אייזערנעם ווילען און מיט א פעסטען כאראקטער, אזא טהאטקרעפטיגער מענש ווי דר. הילדעסהיימער, איז פעהיג געווען צו אונטערנעהמען אזא ווייטלויפיגע זאך און טאקע דורכצופיהרען.

אנהויבענדיג צו פארווירקליכען זיין אידעאל האט ער באלד באגעגענט געגנער אויף אלע זייטען, ניט נאר פון רעפארם קלאס נאר אויך פון זיינע אייגענע געזינונגס־גענאסען. זיי האבען אריינגעווארפען א צווייפעל, אויב בחורים מיט א גימנאזיע־בילדונג, וואס פאר זיי איז אפען די ברייטע וועלט, זאלען זיך וועלען איינשליסען אין די ד' אמות של הלכה און וועלען ליידען נויט כמה יאהר, כדי שפעטער צו קענען ווערען ארטאדאקסישע רבנים, א קאריערע וואס גיט ווייניג כבוד און נאך ווייניגער פרנסה. די עקסטרים רעכטע זיינען ווידער געקומען מיט טענות, אז ס'איז א גרויס סכנה ארויסצונעהמען יונגע בחורים פון קליינע שטעדט, וואו זיי האבען גענאסען א פרומע ערציהונג, און זיי ברענגען אין די זינדיגע בערלין, וואו זיי קענען אראפגעפיהרט ווערען פון וועג און פארדארבען ווערען מאראליש און גייסטיג. א חוץ דעם, האבען זיי גע'טענה'ט, אז אוניווערזיטעט בילדונג מיט'ן תלמוד, וויסענשאפט מיט יראת־שמים, קענען ניט הארמאנירען.

הילדעסהיימער'ן אבער, האבען די אלע טענות ניט אפגעשראקען. זיין בליק איז געווען א פיעל ווייטערער. ער איז געווען איבערצייגט, אז דעם גרויסען חורבן אויף אידישקייט האבען געבראכט הויפטזעכליך די מאדערנע רבנות, און אז פרומע רבנים, ווען זיי וועלן נאר זיין געבילדעט און האבען דעם טיטול „דאקטאר", וועט זייער השפעה אויף די קהלות ניט ווייניגער זיין ווי די רבנים עמי־הארצים, און אפשר נאך מעהר. די גרעסטע סכנה האט ער געזעהן אין דעם ברעסלויער ראבינער־סעמינאר, וואס האט לפנים אויסגעזעהן ארטאדאקסיש, און זיך שוין געהאט ערווארבען א גרויסע רעפוטאציע אויך ביי די פרומע אידען, וואס באמת זיינען די מייסטע רבנים געווען פריידענקער. דער טעות האט זיך גענומען, ווייל אויסערליך האבען זיי זיך ארויסשטעלט פאר פארטיידיגער פון די אלטע טראדיציעס, ניט געלאזען אריינברענגען ארגעלס אין זייערע שוהלען, אבער צודערזעלבער צייט פלעגען זיי אונטערריכטען די קינדער ביבעל־קריטיק און גע'פסק'ענט דינים נעגען שולחן ערוך. ניט קוקענדיג וואס דער ברעסלויער סעמינאר איז געווען מאטעריעל אזוי שטארק געזיכערט, אז ער האט געהאט בכח צו געבען די תלמידים רייכליכע שטיצע, האט זיך הילדעסהיימער איבערגענומען מיט ליידיגע הענט צו שאפען א קאנקורענץ אינסטיטוט פאר'ן ברעסלויער סעמינאר.

כדי נישט צו פארלירען קיין צייט ביז עס וועט צונויפקומען די נויטיגע סומע געלד אויף אויסצובויען א סעמינאר, וואו מען זאל לערנען חוץ תלמוד און פוסקים אויך אלגעמיינע וויסענשאפט — האט ער, תיכף ווי ער איז אנגעקומען אין בערלין, זיך געזעצט זאגען א שיעור פאר איניגע בחורים, וואס ער האט זיי געלאזט ברענגען אויף זיינע הוצאות פון אונגארן, און זיי אליין צוגעגרייט אויף אנצוקומען אין דער אוניווערזיטעט. זיין געמיינדע האט ער מתרה געווען, אויב זיי וועלען נים שאפען א סומע געלד אויף צו בויען אן אייגען הויז פאר׳ן סעמינאר, וועט ער זיי תיכף פארלאזען און צוריקגעהן נאך אונגארן. זיינע סטראשונקעס האבען אויף אזוי פיעל געווירקט, אז די געמיינדע האט צוזאמענגעבראכט א סומע געלד אויף אויסצוהאל־טען די בחורים און אנצושטעלען לעהרערס, אבער געלד אויף א פאנד צו א בנין האבען זיי נים געהאט בכח צו שאפען.

דא האט זיך הילדעסהיימער אליין גענומען צום עסק פון „שנאַ־רעריי", און מיט דער צייט האט זיך ארויסגעצייגט, אז ער איז געווען א גרויסער ספעציאליסט אין דער דאזיגער מלאכה. פיעל האט דערצו בייגעטראגען, וואס ער איז כל ימיו געווען אן אונאבהענגיגער מענש. ער האט קיינמאל קיין שכירות נים גענומען פאר זיינע רבנות, נים אין אונגארן און נים אין בערלין, און אלע נסיעות פאר׳ן סעמינאר האט ער שטענדיג געמאכט אויף זיינע אייגענע הוצאות. זייענדיג אליין א רייכער מענש, האט ער קיין רעספעקט נים געהאט פאר גבירים, נים געוואוסט פון קיין חניפה און געהאט בכח ארויסצוציהען געלד פון אייזערנע און שטיינערנע הערצער.

מיר איז אמאל אויסגעקומען צו זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען הילדעסהיימער׳ס גרויסען כח אין הלכות שנארעריי. דאס איז געווען אין יאהר 1885, א וואך פאר ראש השנה. איך האב דאמאלס גע־ארבייט אלס בוכהאלטער אין א ליבויער באנק. מיט אמאל, אין מיטען א דאנערשטאג, ארום 5 אוהר נאכמיטאג, עס לאזט זיך אריין דער אלטער הילדעסהיימער און גיט א פרעג מיט זיין הויכער שטימע, וואו איז הערר ראבינאוויץ, דער פרעזידענט פון דער באנק. איך בין זעהר איבערראשט געווען אונערווארטעט צו זעהן הילדעסהיימער׳ן אין אונ־זער שטאדט. אויף מיין שאלה ווען ער איז אנגעקומען, האט ער מיר קורץ געענטפערט, אז ער איז אנגעקומען מיט א שעה צוריק מיט דער באהן פון קאוונא, אריינגעפאהרען ביים ראבינער דר. קליין, זיך געלאזען אויפשרייבען פון איהם א צעטעל פון אלע ליבויער גבירים און איז שוין אין מיטען דער שנארער־ארבייט. איך בין מיט איהם אריינגעגאנגען אין קאבינעט פונ׳ם שעף, א איד א געוועזענער תלמיד־חכם און א הייגטיגער משכיל, און אהן הקדמות האט הילדעסהיימער

אנגעפאנגען צו רעדען באלד פון ביזנעס. פארלאנגט מען זאל איהם ניט לאנג אויפהאלטען און באלד אפּפטר'ן, ווייל ער וויל נאך היינט באזוכען מעהרערע קאנטארען, דען שבת אבענד מוז ער שוין אפּפאהרען. ראבינאוויץ האט מיט איהם געוואלט עפּעס א שמועס מאכען, ער האט אבער גערדרענגט איהם אפּצוגעבען זיין נדבה און איהם לאזען ווייטער לויפען.

איך האב באקומען אז אויפטראג פון ראבינאוויץ'ן איהם לאזען פון דער קאסע אויסצאהלען הונדערט רובעל, אין פארהעלטניס צו אזא צוועק א היבשע נדבה, אבער הילדעסהיימער האט ניט געוואלט הערען דערפון און פארלאנגט מינימום פינף הונדערט רובעל. אויף ראבינאוויץ'ס איינווענדונג, אז פאר וואלאזין, א היימישע ישיבה, גיט ער אויך נאר פופציג רובעל יעהרליך, האט איהם הילדעסהיימער געענטפערט פאלגענדעס: „ערשטענס איז אזא לומפּיגע סומע פון פופציג רובעל פאר שטיצען תורה ביטער ווענינ, און צווייטענס, דארפט איהר אויך באופן זה ניט געבען וועניגער ווי פינף הונדערט רובעל אויף מיין סעמינאר, וואו מען לערענט חוץ תורה אויך בילדונג; צי דען גיט איהר, און די אנדערע גבירים פון אייער גלייכען ניט אויס אויף צו בילדען אייערע קינדער צעהן מאל אזויפיעל, וויפיעל איהר גיט אויס פאר זייערע אידישע למודים?" מיט גרויס מיה האט מען ביי איהם אפּגעדונגען פאר דריי הונדערט רובעל, און שנעל אוועק ווייטער שנארען.

אזוי איז ער אליין ארומגעפאהרען כמעט צוואנציג יאהר צייט, אבער נאר אין די חדשים ניסן און אלול, אין דער צייט פון וואקיישאן, בעת ער האט ניט געדארפט זאגען זיינע שיעורים. אויפגעזאמעלט פאר דער צייט מיליאנען, אויסגעבויט א גרויסען שטאטליכען בנין פאר'ן סעמינאר, אנגעשטעלט די טייערסטע פּראפעסארען און אוועקגעשטעלט דעם סעמינאר אויף א פעסטען און זיכערען באזיס מיט א רייכליכען פאנד.

ביי אלע זיינע גרויסע מעלות האט דער סעמינאר געהאט אויך ניט וועניג חסרונות. איינע פון זיינע חסרונות, וואס האט זיך געווארפען אין אויג, איז געווען דער דייטש-פּאטריאטישער גייסט, דער „דייטשלאנד איבער אלעס", וואס האט זיך געלאזט מערקען אויף יעדען שריט און טריט. די גרעסטע מיוחסים זיינען געווען די רייכסדייטשע תלמידים, דערנאך זיינען געקומען די עסטרייך-אונגארישע, כמעט אויך גאנצע דייטשען, בעת די רוסישע און פּוילישע זיינען תמיד באטראכט געווארען פאר א נידעריגערער ראסע, כאטש אין די אידישע לימודים זיינען זיי קיין ערך ניט העכער געשטאנען פאר די דייטשע און אונגארישע, נאר דער גרעסטער חסרון איז געווען, וואס מען האט פארלאנגט

פון יעדען אפּליקאנט א צייגנים פון א געענדיגטע גימנאזיע, און פון אויסלענדער נאך אן עקסטרא עקזאמען אין דער דייטשער שפּראך. דער־יבער איז געווען דער סעמינאר כמעט ווי פארשלאסען פאר תּלמידים פון רוסלאנד, וואס וואלטען געקענט ליפערען דעם בעסטען רבנים־מאטעריאל, און העכסטענס האבען געקענט אנקומען בחורים פונ׳ם באלטישען געגענד, וואס דייטש איז זייער מוטער־שפּראך. דאס איז אויך געווען די סבּה פארוואס די צאהל פון די תּלמידים איז תּמיד געווען א קליינער — קיינמאל ניט אריבערגעשטיגען העכער פון זיבעציג, כאטש ס׳איז געווען ארט און רוים פאר דריי מאל אזוי פיעל.

אמת, פאר דעם דאזיגען פּראגראם איז הילדעסהיימער זעהר קריטיקירט געווארען, זאגאר אויך פון זיין אמאליגען תּלמיד דר. מאיר לעהמאן, דער ארויסגעבער פון „איזראעליט". הילדעסהיימער איז אבער געבליבען ביי זיין שיטה, אז כדי די ארטאדאקסישע רבנים זאלען קענען האבען אן אמת׳ע השפּעה אויף די געמיינדעס, מוזען זיי קענען פּערפעקט די דייטשע שפּראך, און באזיצען וועלטליכע ידיעות ניט ווייניגער ווי די רעפארם ראבינער. ער פלעגט אויך זאגען, אז מעהר אדער ווייניגער לומדות, שפּיעלט קיין ראלע ניט, די הויפּטזאך: זיי זאלען זיין אמת׳ע יראים און פארשטעהן צו פּסק׳ענען א שאלה.

רבי עזריאל הילדעסהיימער איז ווירקליך געווען איינער פון די אריגינעלסטע פּערזענליכקייטען אין זיין צייט. שטעלט זיך פאר, זייענדיג א „צדיק הדור" און צוגלייך זיין א חסיד פון העגעלשער פילאזאפיע! א תּלמיד פון רבי יעקב יוסף עטלינגער און א תּלמיד־מובהק פון פּראפעסאר ווערדער! געטייטשט הארבע פּסוקים אין תּנ״ך נאכ׳ן פּשט פון רבי בערנאים און ניט ווייניגער נאך געזעניוס! דורכגענומען מיט זיינע תּלמידים די שיטה פון „נשר" און געגאנגען דערנאך לערנען מיט זיי א קאפּיטעל „האמער"! אפּגעזאגט א פייערדיגע מוסר־דרשה און באלד דארויף געגאנגען האלטען א פארטראג איבער די יאנישע נאטור־פילאזאפיע! נאך אין דער צייט ווען ער איז געווען א יונגער שטודענט אין בערלין, איז ער שוין דאמאלסט געווען פאר אלעמען אן אריגינאל, און געצויגען אויף זיך רעספּעקט און אויפמערקזאמקייט. דאכט זיך א שטודענט ווי אלע שטודענטען, ליבענסווירדיג אין פארקעהר מיט די לעהרער און חברים, אן אנגענעהמער געזעלשאפטער און א גוטער לוסטיגער ברודער מיט וויין און הומאר — אבער דאס אלץ נאר אין וועלטליכען לעבען. דאגעגען אין גייסטיגען רעליגיעזען לעבען איז ער שוין א גאנץ אנדער מענש געווען, און פאררעכענט געווארען ביי אלעמען פאר א זאנדערלינג. אין דער ערשטער צייט פלעגט מען זיך לוסטיג מאכען איבער זיין משונה׳דיגער פרומקייט, אבער נאכדעם ווי זיי האבען זיך איבערצייגט, אז ביי איהם איז דאס אלץ נאטירליך,

אויפריכטיג, האָבן זיי אָנגעהויבן איהם צו אַכטען און צו רעס־פּעקטירען. ביים שטודענט הילדעסהיימער איז דאָס געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, אוועקצולויפען אין מיטען אַ לעקציע אום צו דאַווענען מנחה בצבור, צו זיצען גאַנצע אָבענדען ביי זיך אין צימער ביי דער גמרא, האַלבע נאַכט אָפּריכטען „חצות" און בעלות השחר אוועקלויפען אין שוהל דאַווענען ותיקין און כהנה וכהנה, אַז מען פלעגט שוין דאָ־מאָלסט אויף איהם זאָגען, אַז ער איז גאָר קיין מענש ניט, נור אַ לעבעדיגער, אַרומגעהענדיגער „שולחן־ערוך". און אַזוי האָט ער זיך געפיהרט זיין גאַנצען לעבען. כל ימיו געווען אַ צדיק תמים, און מיט רעכט איז ער באַטיטעלט געוואָרען מיט׳ן נאָמען „צדיק הדור", ניט בלויז נאָכ׳ן טויט, נאָר אויך פאַר׳ן לעבען.

און נאָך אַלעם דעם האָבען איהם די אונגאַרישע פאַנאַטישע חסידים, אין די גאַנצע אַכצעהן יאָהר וואָס ער איז געווען רב אין אייזענשטאַדט, רודף געווען פאַר זיין ניט־פרומקייט. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט באַגרייפען ווי מען קען זיין אַ פרומער איד און עוסק זיין אין גוי׳אישע למודים. ווי קען איבערהויפּט זיין אַ „דייטשער דאָקטאָר" אַ ירא שמים? זיין ראַבינער סעמינאַר וואָס ער האָט גע־גרינדעט אין אייזענשטאַדט, מיט גרויס ערפאָלג, אויף אויסצובילדען אָרטהאָדאָקסישע רבנים און טראַדיציאָנעלע לעהרער, אין תורה און אין וועלטליכע וויסענשאַפט, האָבען די חסידים מעהרערע מאָל גע־מסור׳ט פאַר דער רעגירונג, אַז זיין צוועק איז צו פאַרשפּרייטען דעם דייטשען נאַציאָנאַליזם אין אונגאַרן, און אַז הילדעסהיימער אַליין איז אַ דייטשער אַגיטאַטאָר. זעהענדיג אַז מיט מסירות איז זיי ניט גע־לונגען איהם אָפּצוראַמען פון וועג, האָבען זיי זיך גענומען צו אַנדערע מיטלען. אַ גרופּע חסידים אונטער דער פיהרערשאַפט פון גרויסען קנאי, דער מחבר פון „לב עברי" (געשטאָרבען ניט לאַנג צוריק אין ירושלים) האָבען הילדעסהיימער׳ן אַריינגעלעגט אין חרם און איהם מתיר דם געווען.

אָבער ניט נאָר די פאַנאַטישע חסידים, נאָר אויך די מתנגד׳ישע רבנים פון אונגאַרן, האָבען געהאַלטען דעם „דייטשען דאָקטאָר" פאַר אַן אָנשיקעניש אויף די אידישקייט, ווייל די „השכלת בערלין", וואָס אין יענער צייט האָט שוין געהאַט אַרומגענומען גאַנץ דייטשלאַנד און טהיילווייז אויך אַנדערע מדינות, האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַריינצור־שפּאַרען, אויף אומוועגען איבער פראַג און מעהרען, אויך אין די אָפּגעשלאָסענע אונגאַרן. די קורצזיכטיגע רבנים האָבען ווירקליך גע־מיינט, אַז מיט זייערע פייערדיגע דרשות געגען בילדונג און מיט זייערע חרמים, וועלען זיך די עלטערען אָפּשרעקען און ניט לאָזען זייערע קינדער געהן אין די וועלטליכע שוהלען. נו, קומט אַ רב, אַ צדיק,

און ניט נאָר וואָס ער איז מתיר צו לערנען וועלטליכע וויסענשאַפטען, נאָר ער אַליין לערנט מיט זיינע תלמידים לאַטייניש און גריכיש!

אין אַ שמועס איבער זיין לעבען אין אונגאַרן צו יענער צייט האָט הילדעסהיימער דערצעהלט פאָלגענדען אַנעקדאָט: „ס'איז אַמאָל אריינגעקומען אין סעמינאַר אַ גרייז־גראָהער רב, איינער פון די גרעסטע גאונים אין אונגאַרן, און זאָגט מיר, אַז ער איז ספּעציעל געקומען פון דער ווייט מיט מיר פערזענליך זיך דורכצושמועסען. ער האָט געוואַרט ביז איך האָב געענדיגט דעם שיעור און נאָכהער גיט ער מיר אַ זאָג אין אַנוועזענהייט פון די תלמידים: „איהר זאָלט וויסען, איידזענשטאַדטער רב, אַז פאַר אונז, אונגאַרישע רבנים, זייט איהר אַ רעטעניש. מיר ריידען וועגען אייך יעדען טאָג שטונדען־לאַנג און מיר קענען ניט פאַרשטעהן וואָס איז דער מעהר מיט אייך. דאַכט זיך, איהר זייט אַזאַ למדן ווי מיר, אַ ירא־שמים, מעגליך נאָך אַ גרעסערער ווי מיר. מיר ווייסען, אַז איהר זייט אַ גרויסער געלעהרטער אין אַלע חכמות און מיר באַוואונדערן אייך. נאָר איין זאַך פאַרשטעהען מיר ניט, ווי קען אַזאַ גדול און אַזאַ צדיק ווי איהר זייט, אַזוי פיעל מבטל תורה זיין און אָפּגעבען כמה שעות אויף לערנען מיט תלמידים לאַטייניש און גריכיש?" דאַרויף האָב איך איהם געענטפערט, אַז די דאָזיגע שטונדען וואָס איהר פאַרברענגט טעגליך צו ריידען וועגען מיר, פאַרטהו איך זיי אויף צו לערנען לאַטייניש און גריכיש, ובכן בין איך ניט מבטל תורה מעהר פאַר אייך. דער אַלטער רב איז נתפעל געוואָרען פון די דאָזיגע קורצע און בינדיגע תשובה, מיר הערצליך אַרומגענומען און געזאָגט: רעכט גיב איך אייך ניט, אָבער באַוואונדערן באַוואונדער איך אייך".

הילדעסהיימער האָט זיך וועניג־וואָס אָפּגעשראָקען פאַר זיינע געגנער. האָבענדיג אַ קאָמפּפסלוסטיגע נאַטור אין ענינים וואָס זיינען נוגע צו חזוק הדת, האָט איהם די געגנערשאַפט צוגעגעבען נאָך מעהר מוטה און ענערגיע דורכצופיהרען זיין אידעאַל: צו פאַראייניגען תורה מיט בילדונג, יראת שמים מיט וועלטליכקייט. סוף־סוף האָבען זיינע געגנער אויך איינגעזעהן, אַז זיין שיטה איז דאָך ריכטיג געווען, און אַז הילדעסהיימער וואָלט טאַקע ניט צוגעגרייט געבילדעטע אָרטהאָדאָקסישע רבנים, וואָלט די אָרטאָדאָקסי שוין לאַנג קיין תקומה ניט געהאַט, ניט אין דייטשלאַנד און ניט אין אונגאַרן.

די גרויסע הצלחה וואָס הילדעסהיימער האָט געהאַט דורכצופיהרען אין לעבען אַלע זיינע אידעען, האָט ער געהאַט פיעל צו פאַרדאַנקען זיין פרוי. ניט נאָר וואָס זי האָט איהם אַריינגעבראַכט אַ גרויס עשירות, אַז ער האָט זיין גאַנצען לעבען פאַרבראַכט אין רייכטום און ניט געברויכט נעהמען געלד פאַר זיינע רבנות, נאָר זי איז איהם אויך געווען

א ווירקליכע עזר כנגדו. זי איז געווען זעלטען פרום און גוט, געזארגט מוטערליך פאר די נויטיגע באדערפנישען פון די תלמידים און איז געווען אינגאנצען איבערגעגעבען פאר וואהלטהעטיגע צוועקען.

ווי אזוי ס׳איז געקומען, אז דער ארימער ישיבה־בחור עזריאל פון האלבערשטאדט זאל קריגען פאר א פרוי די געלד־רייכע און גייסט־רייכע „הענריעטע״, די טאכטער פון מיליאנער הירש פון האלבערשטאדט? דערצעהלט מען זיך אין בערלין פאלגענדע מעשה, וועלכע קלינגט האלב ראמאנטיש:

אז הילדעסהיימער איז געקומען אהיים קיין האלבערשטאדט, פון רבי יעקב יוסף עטלינגער׳ס ישיבה אין אלטונא מיט א „התרת הוראה״, איז ער דאמאלסט אלט געווען צוואנציג יאהר. ער האט געוואלט פאהרען שטודירען, אבער זיין מוטער, אן אלמנה, האט ניט געהאט די נויטיגע מיטלען דערצו און הילדעסהיימער איז געווען פארצווייפעלט. אין איין שעהנעם טאג איז אריינגעקומען צו זיין מוטער דער גרעסטער גביר פון האלבערשטאדט, דער מיליאנער און צדיק רבי יוסף הירש, און גיט איהר א פרעג, אהן שום הקדמות, אויב זי וואלט וועלען ווערען מיט איהם מחותנים, אויב זי איז מסכים אז איהר עזריאל זאל הייראטען זיין גערעטענע שוועסטער הענריעטע? די פרוי האט ניט געגלויבט איהרע אויערען און געבליבען ווי פארשטיינערט. הירש האט איהר ערקלעהרט, אז ער איז געשיקט געווארען פון זיין שוועסטער, ווייל זי איז אזוי רייך, דעריבער ברויכט זי ניט זוכען צו הייראטען א רייכען. זי איז אבער אויך זעהר קלוג און גייסטרייך און פארשטעהט, אז פון איהר עזריאל׳ן קען אויסוואקסען איינער פון די גרעסטע אידען, באופן אז ער וועט ניט דארפען זארגען אויף מיטלען צום לעבען. דער שידוך איז געשלאסען געווארען און אויף איהרע קאסטען איז עזריאל געפאהרען שטודירען, און ס׳איז טאקע מקוים געווארען, דאס וואס זי האט פון איהם דערווארטעט.

הילדעסהיימער האט ניט נאר עוסק געווען אין פארשפרייטען תורה און פרומקייט, נאר זיך אויך באטהייליגט אין אלע אידישע כלל־ענינים. ער איז געווען פון די ערשטע רבנים וואס זיינען צוגעשטאנען צו דער באוועגונג פון „ישוב ארץ־ישראל״, וואס רבי צבי הירש קאלישער האט ארויסגערופען אין אנפאנג פון די זעכציגער יאהרען. זיין ערשטע ארבייט איז געווען, מיט דער שטיצע פון זיינע מיליאנערסקע שוואגערס, אויסצובויען וואוינונגען אין ירושלים פאר זיבעציג פאמיליען, וואס די ענגלישע מיסיאנס־געזעלשאפט האט זיי געהאט אריינגענומען אין זייערע דירות. כדי די מיסיאן זאל ווייטער ניט קענען אויסנוצען די גרויסע וואוינונגסנויט אין ירושלים צו איהרע צוועקען, האט הילדעסהיימער געגרינדעט א חברה „עזרת נדחים״, אויף צו בויען

הייזער אַרום ירושלים, און בכלל צו קעמפּפען געגען דער מיסיאָנס־געזעלשאַפט.

אין די זיבעציגער יאָהרען, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבען די באַוועגונג צו קאָלאָניזירען ארץ־ישראל, איז אויך געוועזען הילדעסהיי־מער פון די ערשטע, וועלכער איז אַרויס מיט אַגיטאַטאָרישע אַרטיקלען און מיט פּלענער אין דער „יידישער פּרעססע" און אין זיין בוך „די ארץ־ישראל־פראַגע און איהר געשיכטע", געגרינדעט אין בערלין דעם פאַראיין „למען ציון" און געשטאַנען אין שטענדיגער קאָרעספּאָנדענץ מיט רבי שמואל מאָהילעווער. אַזוי ווי די טערקישע רעגירונג האָט ניט ערלויבט אַרויסצוגעבען קושאַנעס צו די רוסישע און רומענישע אידען אויף די ערד וואָס זיי האָבען געקויפט, זיינען די ערשטע קאָ־לאָניעס, ביז דער „נדיב הידוע" האָט זיי איבערגענומען, פאַרשריבען געוואָרען אויף הילדעסהיימער'ס נאָמען. בעת עס האָט זיך געגרינדעט די קאָלאָניע „פתח תקוה", איז הילדעסהיימער געוועזען פון די ערשטע, וואָס האָט געקויפט פאַר זיך אַ שטיק לאַנד, און די הכנסה אַוועקגע־געבען פאַר די דאָרטיגע תלמוד־תורה.

אין יאָהר 1890 האָט מען געפייערט זיין זיבעציג־יעהריגען געּ־בורטסטאָג. הונדערטער פון זיינע תלמידים, פון פאַרשידענע מדינות, וואָס זיינען אונטערדעסען געוואָרען גרויסע רבנים און פיהרער, זיינען צוזאַמענגעקומען אין בערלין אָפּגעבען כבוד זייער רבי'ן, און די שמחה האָט אָנגעהאַלטען אַ גאַנצע וואָך. די זעלבע שמחה האָט זיך ווידער־האָלט אין יאָהר 1898, בעת מען האָט געפייערט דעם פינף־און־צוואַנציג יעהריגען יובילעאום פון ראַבינער סעמינאַר.

זעלטען ווער אַ מענש וואָס האָט זוכה געוועזען צו פאַרברענגען אַזאַ שעהנעם, נוצליכען און ערפאָלגרייכען לעבען ווי דר. הילדעסהיימער. זאַגאַר זיין הויפּט־געגנער, דר. פיליפּזאָן, דער אַרויסגעבער פון דער „אַלגעמיינער צייטונג דעם יודענטומס", האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז הילדעסהיימער איז איינער פון די איידעלסטע און אינטערעסאַנ־טעסטע פּערזענליכקייטען פון אונזער דור, אַז זיין גאַנצער לעבען איז געטהיילט צווישען וואָהלטהעטיגקייט און שטודיום.

רבי עזריאל הילדעסהיימער איז נפטר געוואָרען אין בערלין ד' תמוז, תרנ"ט. און ווידער זיינען צוזאַמענגעקומען אין בערלין אַ גרויסער טהייל פון זיינע תלמידים, אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד זייער גרויסען רבי'ן.

17.

# רבי פינחס ראַזאָווסקי

געבאָרען אין נעשוויעז תר״ג, געשטאָרבען אין סווינציאַן תרס״ד.

איך וועל דאָ איצט איבערגעבען אַ טיפּ פון אַ רב פון פאַריגען דור, וועלכער איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג אין דער רבני׳שער וועלט, און וואָס דורך זיין פיעלזייטיגקייט איז ער אפשר געווען אַ יחיד בדורו. שטעלט זיך פאָר, אַ רב, אַ גאון מפורסם, אַ בקי אין דער גאַנצער תלמוד׳ישער ליטעראַטור, אַ גרויסער ירא־שמים, און צוגלייכער צייט געווען אַ געוואַלדיגער בקי אין די אַלע ספרים פון שפּינאָזאַ, קאַנט, לייבניץ, מענדעלסאָן, העגעל, ניטשע און אַנדערע! באַהערשט גרינדליך, אויסער העברעאיש אויך איינִיגע מאָדערנע שפּראַכען, ווי: רוסיש, דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, אויך לאַטייניש און מאַנכע אָריענטאַלישע שפּראַכען; געווען אַ גרויסער קענער אין דקדוק און אין חכמת ישראל; אַ בקי אין דער ליטעראַטור פון ביבעל־קריטיק, סיי פון די אידישע און סיי פון די גוי׳אישע און זיך פאַראינטערעסירט אין פיזיק, כעמיע, מאַטעמאַטיק און טעכניק. ביי איהם איז רעכט געווען אָנצושרייבען אַ שאלה ותשובה וועגען אַ פּסול׳ען עירוב, צו פאַרענטפערען אַ שווערען רמב״ם, און מיט דיזעלבע פעדער אָנשרייבען בריעף וועגען פילאָזאָפישע פּראָבלעמען צו רענאַן אויף פראַנצויזיש, צו טאָלסטאָי אויף רוסיש און צו הערמאַן קאָהן אויף דייטש! און נאָך אַלעם דעם איז זיין גאַנצע הנהגה, זיין גאַנצער אויסזעהן, געווען ווי פון אַ פאַרצייטיגען רב אַ בטלן, וועלכער האַלט ניט פיעל פון דער וועלט.

באַגאַבט פון דער נאַטור מיט די גלענצענסטע כשרונות, מיט אַ שנעלע תפיסה, מיט אַן אונגעוועהנליכען זכרון, מיט אַ חריפ׳ישען מח, מיט אַ שכל־הישר און על כולם — מיט אַ געוואַלדיגער התמדה; ער האָט ממש ניט געוואוסט וואָס דאָס הייסט שלאָפען, אָדער מאַכען אַ ווערען פון עסען. אבער מיט איין זאַך האָט די נאַטור געגען איהם געזינדיגט, וואָס זי האָט איהם ניט באַשאָנקען די מתנה פון „ריידען". ער איז געווען ניט בלויז אַ שוואַכער רעדנער פאַר דער עפענטליכקייט, נאָר אויך אַ גרויסער שוויגער אין אַ געוועהנליכער אונטערהאַלטונג. ער האָט געקענט אָפּזיצען כמה שעה׳ן אויף אַן אסיפה און די מויל

ניט עפענען, כאָטש ער האָט געהאַט גרויס אינטערעס אין אַלע פראַגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען. ער איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבען פאַר׳ן רעיון פון ישוב ארץ־ישראל, פריהער אַלס חובב־ציון און שפּעטער אַלס פּאָליטישער ציוניסט; זיך באַטהייליגט אין ווילנער קאָנפערענץ פון די „חובבי ציון״ אין יאָהר תרמ״ט און שפּעטער אויף דריי ציוניסטישע קאָנגרעסען, און אַזוי אין ווילנא אַזוי אין באַזעל איז ער תמיד געשטאַנען אין הינטערגרונד, און קיינמאָל עפענטליך ניט אויפגעטראָטען. יחידי סגולה האָבען אָבער געוואוסט פון זיין גרויס־קייט און פלעגען איהם תמיד שיקען אין די קולטור־קאָמיסיעס. בלויז געצעהלטע מענשען אין די קאָנגרעסען האָבען געוואוסט, אַז אין זייער מחיצה געפינט זיך ניט בלויז איינער פון די גרעסטע לומדים, נאָר אויך איינער פון די גרעסטע דענקער, אָבער די מאַסע דעלעגאַטען האָבען זיך צומאָל ניט אומגעקוקט אויף דעם דאָזיגען פאַרצייטיגען רב, מיט די לאַנגע פּיאות און מיט׳ן ניט־מסודר׳דיגען באָרד. ווער האָט זיך געקענט ריכטען, אַז דער דאָזיגער רב מיט׳ן גאַנץ געוועהנ־ליכען פּנים, מיט דער לאַנגער אָפּגעניצטער קאַפּאָטע, מיט די סאַ־מעטענע היטעל — פאַרשטעהט די דייטשע שפּראַך און די דייטשע קלאַסיקער אפשר מעהר ווי די באַטיטעלטע דאָקטאָרען־פילאָזאָפען, וואָס האָבען געוויטמעלט אויף די קאָנגרעסען, און איז באַ׳הבנ׳ט אין דער תורה פון ביבעל־קריטיק אפילו מעהר פאַר מאַסענזאָן און זיינע חברים...

רבי פּינחס ראַזאָווסקי איז געבאָרען אין נעשוויז (מינסקער גו־בערניע) אין יאָהר תר״ג. געלערענט אין וואָלאָזין, גע׳שם׳ט פאַר אַן עלוי און באַקומען סמיכות פון די גרעסטע רבנים אין יענער צייט. זיין ערשטע רבנות איז געווען, בעת ער איז אַלט געווען 24 יאָהר, אין אַ קליין שטעדטעל, פּאָלאָנקאַ (גראָדנער גובערניע), און איז דאָרט אָפּגעזעסען אַן ערך צוואַנציג יאָהר. ער וואָלט דאָרטען זיין לעבען־לאַנג פאַרבליבען און די וועלט וואָלט פון איהם ניט געוואוסט, ווען ניט רבי מתתיהו שטראַשון, וועמעס ביבליאָטהעק ער פלעגט אָפט באַזוכען, וועלכער האָט אויסגעפונען, אַז דער דאָזיגער קליינשטעדטעל־דיגער רב׳ל איז אַ צנא מלא ספרא און איהם אָנגעהויבען מפרסם צו מאַכען. שטראַשון האָט איהם ערמוטהיגט אַרויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט, און באַלד נאָך זיין ערשטען אַרטיקעל, אין „המליץ״, האָט ער מיט זיין גאָטגעבענשטען סטיל געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון צעדערבוים׳ען, וועלכער האָט איהם איינגעלאַדען צו קומען צו איהם אַלס הילפס־רעדאַקטאָר פאַר׳ן „המליץ״. ניט אַכ־טענדיג די גרויסע שכירות וואָס צעדערבוים האָט איהם אָנגעבאָטען, האָט ער די שטעלע ניט אָנגענומען און פאַרבליבען אין זיין שטעדטעלע

לעבענדיג אין נויט און עלענד, אָבער דערפאַר האָט ער געהאַט געגוג צייט צו לערנען תורה און חכמה. זיין שטייגער איז געווען צו זיצען אַלע נאַכט אין בית־המדרש און לערנען ביז איינס אַזייגער, און דערנאָך קומען אַהיים און שטודירען די חכמות החצוניות, כדי ניט צו קריוודען די תורה, האָט ער פאַר די למודי חול אָפּגעגעבען די צייט וואָס עס קומט איהם פאַר שלאָפען.

איינער האָט איהם אַמאָל געפרעגט, ווי עס קענען ביי איהם האַר־מאָנירען דיביידע געגענגעזעצטע ריכטונגען? ווי אַזוי קען מען זיין אַן אמת'ער פרומער איד און האַלטען פון אמונת חכמים מיט אַלע פּיצעווקעס, נאָכדעם ווי מען האָט דורכגעלייענט אַזוי פיעל ספרים מיט פרייע חקירות און זיך אָנגעלעזען מיט אַזוי פיעל ביבעל־קריטיק? דאַרויף האָט רבי פינחס ראַזאָווסקי איהם געענטפערט: „איך זעה דאָביי קיין שום סתירה ניט. אַלע מיינע רעליגיעזע האַנדלונגען, סיי די שאלות וואָס איך פּסק'ע פאַר אַנדערע און סיי די אַלע מצוות וואָס איך בין מקיים פאַר זיך, זיינען פון ריינער איבערצייגונג מיט אַ גרונד־פעסטע אמונה. די וועלט פון רבי יוסף קארו און די וועלט פון אַ „דאַרווין" זיינען ביי מיר צוויי פאַרשידענע וועלטען, ווייט איינער פון צווייטען. די אידישע וועלט מיט איהר תורה און „שלחן ערוך", די אייביג באַשטעהענדע וועלט, וועלכע בלייבט אונפאַרענ־דערט פאַר אַלע צייטען, איז מ י י ן וועלט; דאַגעגען, די דאַרווינשע וועלט האַלט איך פאַר אַ פאַראיבערגעהענדע, פאַר אַ צייטווייליגע, וואָס קען צו יעדער צייט אומגעוואָרפען ווערען פון אַן אַנדער טהעאָריע, דורך דער נייער גרינדליכער פאָרשונג. דאָס אייגענע איז אויך מיט'ן תנ"ך, אונזער אַלטע מסורה, וועט שליסליך אריבערלעבען די אַלע צייטווייליגע קריטיקער, וואָס באַגרינדען פוסטע השערות אויף שוואַ־כע יסודות". מען זעהט, אַז דער דאָזיגער מערקווירדיגער רב האָט ניט געליטען פון די אָנגעוועהטאָגטע סתירות און פון די אייביגע שאלות, וועלכע פּלאָנטערן זיך אַרום אין די קראַנקע מחות פון די האַלבגעבאַקענע משכילים, וואָס רייסען זיך אַרוים פון קלויז און נעה־מען זיך צו השכלה...

מיין ערשטע פערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיגען גאון און געלעהרטען, האָב איך געמאַכט אין ווילנא, אין יאָהר 1888, בעת מיר האָבען זיך באַגעגענט אויפ'ן זיבעציג יעהריגען יובילעי־פייער פון שמואל יוסף פין. צווישען די הונדערטער דעלעגאַטען און געסט, רבנים און משכילים, מיט הויך־קלינגענדיגע נעמען, וואָס זיינען צוזאַמענגע־קומען פון אַלע געגענדען אין רוסלאַנד, איז בלי ספק רבי פינחס ראַזאָווסקי געווען דער באַדייטענדסטער, סיי אין תורה און סיי אין חכמה. אָבער צוליעב זיין נאַטירליכער עניוות צו בלייבען תמיד

פון הינטען, איז ער אין דער ערשטער צייט פון קיינעם ניט באַמערקט געוואָרען, כאָטש ער איז שוין דאַמאָלסט געווען רב אין סווינציאַן, אַ גרויסע אידישע שטאָדט און פאַרנומען דעם אָרט פון רבי יצחק יעקב ריינעס. נאָר איינמאָל האָט ער געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אַנוועזענדע. ער האָט פאָרגעלעזען זיינעם אַ העברעאישען שיר, וואָס ער האָט פאַרפאַסט לכבוד דעם חתן־היובל. ער האָט אַלע צוהערער, דאַרונטער באַוואוסטע העברעאישע משוררים, באַצויבערט מיט זיין שעהנער שפּראַך און מיט׳ן גייסטרייכען אינהאַלט, און שמואל יוסף פין איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרען, אַז ער האָט איהם אַרומגעכאַפּט און איהם עפּענטליך געקושט.

זיין גאַנצען לעבען האָט ער צוגעבראַכט אין עלענד און אין אָרימקייט. אַ חוץ זיינע שכירות האָט ער פון קיינעם קיין שום מתנה ניט גענומען און זיין לעצטע פּרוטה פלעגט ער אויסגעבען אויף צו קויפען ספרים. ער איז אַמאָל געפאָהרען באַזוכען זיין זוהן אין לידאַ. דורכפאָהרענדיג ווילנא האָט ער עפּעס דערטאַפּט אַ ספר יקר המציאות, געקויפט און אויסגעגעבען דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געהאַט צו דער נסיעה און זיך געמוזט אומקעהרען אַהיים, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט צוצופאָהרען קיין לידאַ. איך ווייס ווירקליך קיין צווייטען ניט, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיעל קרבנות פאַר השכלה ווי ער. זיין גרויס בילדונג האָט איהם קיין שום מאַטעריעלען נוצען ניט געבראַכט, נאָר צרות און רדיפות מצד די קנאים, וואָס האָבען אַריינגעוואָרפען ספיקות אין זיין יראת שמים. די ברייטע מאַסען, ניט וויסענדיג זיין גרויסקייט, האָבען פון איהם ווייניג וואָס געהאַלטען, ווייל ניט האָבענדיג אַ רבנישע הסבה און ניט קענענדיג זאָגען פאַר אַן עולם, ועל כולם, ניט פאַרשטעהענדיג די מלאכה פון חניפה, האָט ער ווירקליך ניט געהאַט מיט וואָס געפעלען צו זיין. אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט זעכצעהן יאָהר אין סווינציאַן און זיינע אייגענע שטאָדטלייט, אַ חוץ יחידי סגולה, האָבען ניט געוואוסט, אַז ביי זיי געפינט זיך איינער פון די וויכטיגסטע מענשען פון דור; אַ מענש, וועלכער ווערט געשעצט און געאַכטעט פון די באַריהמטעסטע גדולים, סיי פון אידישע און סיי פון גוי׳אישע אין יענער צייט.

אַלט געוואָרען 61 יאָהר און געשטאָרבען, אין יאָהר תרס״ד.

# רבי צבי ראַבינאָוויץ

## (רבי הירשל קאָוונער).

געבאָרען אין נעשוויז תר"ח, געשטאָרבען אין קאָוונא שבט תר"ע.

איינער אַ דייטשער שריפטשטעלער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט תמיד מיטלייד מיט די קינדער פון גרויסע און באַריהמטע על־טערען, דען ווי גרויס און וויכטיג די קינדער אַליין זאָלען ניט זיין, ווערען זיי אַלץ פאַרדונקעלט דורך דעם ליכט און גלאַנץ פון זייערע עלטערען. דאָס אייגענע קען מען אויך זאָגען אויף רבי הירשעל קאָוו־נער. די גרויסע וועלט וואָס האָט איהם ניט אַזוי גוט געקענט, האָט טאַקע געמיינט, דאָס ער האָט געקראָגען די קאָוונער רבנות צוליעב דעם זכות פון זיין גרויסען פאָטער רבי יצחק אלחנן, וועלכער האָט אנגעבעטען אין זיין צוואה, אַז זיין זוהן רבי הירשעל זאָל זיין דער ממלא מקומו. באמת אבער איז רבי הירשעל אַליין — אַ דאַנק זיין גרויס גאונות, זיין גרויס צדקות, זיין גרויס חכמה, און האָבענדיג אַלע מעלות ומדות טובות פון אַן אמת'ען תלמיד חכם — ראוי געווען גאַר לכתחילה צו קאָוונער רבנות, אפילו ניט זייענדיג רבי יצחק אלחנן'ס אַ זוהן.

טראָצדעם וואָס רבי הירשעל איז פאַר אַ משך פון דרייסיג יאָהר געווען איינער פון די הויפּט־מנהיגים פונ'ם רוסישען יודענטום, איז ער דאָך פאַרבליבען ביי די מאַסען מעהר אָדער ווייניגער אונבאַקאַנט. די סיבה איז געווען, וואָס די פּרעסע האָט זיך ווייניג וואָס מיט איהם באַשעפטיגט, קיין מאָל ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט זיינע גרויסע פאַרדינ־סטען לטובת הכלל, ווייל ער אַליין האָט קיינמאָל ניט געזוכט קיין פרסום, און אַז מען זוכט ניט — האָט מען ניט... אפילו זיין ביאָגראַ־פיע איז נאָך ביז היינטיגען טאָג פון קיינעם ניט געשריבען געוואָרען, און עס וואָלט ווירקליך געווען דער גרעסטער אונרעכט, אַז זאַ פּערזענ־ליכקייט זאָל ניט האָבען אַ בלעטעל אין דער אידישער היסטאָריע. אַזוי ווי איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען מיט איהם כמה יאָהר זיך צוזאַמענצוטרעפען — אַ דאַנק זיינע אָפטע באַזוכען אין ליבוי זיך באָדען אין ים און זיך צו זעהן מיט זיין איינציגען זוהן אהרן ראַבי־נאָוויץ, אַ בכבוד'יגער סוחר פון ליבוי און אַן אינטימער פריינד מיי־

נער — ווייל איך דא איבערגעבען אין קורצען זיין ביאגראפיע, און אויך איינינע כאראקטער־שטריכען פון זיין לעבען און ווירקען.

רבי הירשעל איז געבארען אין יאהר תר"ח, בעת זיין פאטער רבי יצחק אלחנן איז נאך געווען רב אין נעשוויז. באגאבט מיט עלוי׳שע פעהיגקייטען, האט דער פאטער ניט געפונען פאר איהם א פאסענדיגען מלמד און מיט איהם אליין געלערענט ביז צו זיין חתונה. צו אכצעהן יאהר איז ער אנגעקומען פאר אן איידים צו א גרויסען גביר אין דער שטעדטעל סאלעצניק (ווילנער גובערניע) און געלערענט גאנצע אכט יאהר בהתמדה גדולה. נאך זייענדיג א יונגערמאן האט מען איהם אנגעבאטען גרויסע רבנות־שטעלען, ער האט אבער בשום אופן ניט געוואלט מאכען פון דער תורה א קרדום לחפור בה. דערווייל איז רבי יצחק אלחנן אנגעקומען אין קאוונא. אויך רבי הירשעל איז אהין אריבערגעצויגען, און צוזאמען מיט א שותף געעפענט א פאבריק. אבער אויך זייענדיג נייין יאהר א סוחר און א פאבריקאנט, האט ער מעהר צייט אפגעגעבען צום לערנען ווי צום עסק. זיין קאנטאר איז תמיד פול געווען מיט רבנים און קלויז־ניקעס, מיט וועמען ער האט פארבראכט רייךענדיג אין לערנען, אז פאר א סוחר איז ממש קיין ארט ניט געווען וואו אריינצוגעהן. דערצו האט ער נאך אויסגעגעבען גרויסע קאפיטאלען פאר ארימע לומדי תורה, אז פון זיינע געשעפטען איז גארניט געווארען, און געגען זיין רצון איז ער געצוואונגען געווען אנצונעהמען דעם כתב־רבנות פון דער שטאדט מיטוי (קורלאנד).

דאס אננעהמען די רבנות אין מיטוי איז ביי פיעלע אויסגעקומען א וואונדער. סטייטש, אזא גרויסער גאון און א זוהן פון רבי יצחק אלחנן זאל זיך באזעצען אין א האלב־פארדייטשטע שטאדט, אין א כביבה וואו עס זיינען פאראן ווייניג לומדים! עס האט זיך אבער דערנאך ארויסגעשטעלט, אז דאס איז געווען א גאנץ פאסענדער שידוך. קיין בעסערען רב האט זיך מיטוי בודאי ניט געקענט ווינשען. ער האט אין די עם־הארצות׳דיגע און האלב־פרייע געמיינדע אריינגעבראכט תורה און יראה, און איהר אוועקגעשטעלט פאר אן אמת׳ע אידישע קהלה. אויך רבי הירשעל אליין האט זעהר פיעל פראפיטירט פון דער דאזיגער שטעלע. ער האט געלערענט פון די דייטשען ארדנונג און פינקטליכקייט און האט באלד באקומען א ברייט פעלד פאר כלל־ארבייט. אין יענער צייט, אין אנפאנג פון די אכציגער יאהרען, איז ארויס א גזירה, ארויסצושיקען אלע ליטווישע אידען פון קורלאנד און עס האט שוין געהאלטען, אז טויזענדער אידען, וועלכע האבען דארטען פון יאהרען לאנג זיך שוין גוט איינגעלעבט, צו פארלאזען זייערע היימען און אינגאנצען רואינירט צו ווערען. רבי הירשעל האט זיך

באַלד אַריינגעוואָרפֿען אין דער אַרבייט, געזאַמעלט אונטערשריפֿטען פֿון די הויכע באַאַמטע און פֿון די קורלענדער פּריצים, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז דורכ'ן גירוש וועט דאָס לאַנד עקאָ־נאָמיש זעהר ליידען, אַליין אַוועק דערמיט קיין פּעטערבורג, און האָט דאָרטען אַזוי לאַנג געאַרבייט, ביז די גזירה איז בטל געוואָרען.

נאָך אַ וויכטיגען ענין האָט רבי הירשעל אין יענער צייט דורכ־געפֿיהרט, און דאָס איז באַשטאַנען אין קריגען אַן ערלויבעניש פֿאַר מלמדים צו האַלטען חדרים. איך עראינער מיך, בעת רבי הירשעל האָט אַמאָל, געהענדיג שפּאַצירען ביים ברעג ים, אויספֿיהרליך דער־צעהלט די השתלשלות פֿון דער גזירה אויף מלמדים, און פֿון דער גרויסער סכנה וואָס האָט געדראָהט דאָס רוסישע יודענטום, ווען מען וואָלט די גזירה פֿריהצייטיג ניט פֿאַרכאַפּט, זיין פּנים האָט גע־שטראַהלט פֿון פֿרייד, וואָס איהם איז באַשערט געווען צו זיין אַ מזכה את הרבים. אַזוי ווי אין אונזער צייט און אין אונזערע טעג האָט זיך ווידער געיאָוועט אַ גזירת שמד אויף מלמדים און חדרים פֿון אונזערע ליבהאַרציגע קאָמוניסטלאַך, די מאָדערנע „מרשיעי ברית״, געפֿין איך דאָ דעריבער פֿאַר אינטערעסאַנט איבערצוגעבען די איינ־צעלהייטען פֿון דער דאַמאַלסדיגער גזירה, וועלכע פֿאַרדיענט אַריינ־צוקומען אין דער אידישער היסטאָריע.

אין יאָהר 1855 האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער, אויף דער פֿאַר־אַנלאַסונג פֿון עטליכע אַסימילירטע אידען, אַרויסגעגעבען אַ דראַ־קאָנישען אוקאַז, אַז צו לערנען מיט אידישע קינדער רעליגיאָן און ביבעל האָבען דאָס רעכט נור די יעניגע, וועלכע האָבען געענדיגט אַ הויך־שול אָדער אַ גימנאַזיע. אַזוי אָבער ווי אַזעלכע לעהרער זיינען נאָך דאַמאַלס וועניגע געווען בנמצא, האָט מען מיט גרויס השתדלות גע'פּועל'ט, דאָס מיט דער פּראַקטישער דורכפֿיהרונג פֿון דאָס געזעץ זאָל מען וואַרטען צוואַנציג יאָהר, און דערווייל זאָל מען געבען ווייטער די מלמדים בילעטען, אויף אַנצוהאַלטען זייערע חדרים. זיך שטי־צענדיג אויף דעם דאָזיגען אוקאַז, און אַזוי ווי אונטערדעסען זיינען שוין אונטערגעוואַקסען רעכט פֿיעל „געענדיגטע״, האָט מען שוין אין יאָהר 1868 אויפֿגעהערט צו געבען בילעטען צו נייע מלמדים, נאָר די אַלטע האָבען נאָך יעדען יאָהר געקראָגען נייע בילעטען ווי פֿריהער. בעת עס האָבען זיך געענדיגט די צוואַנציג יאָהר, אין 1875, האָט די רעגירונג געגעבען אַ שטרענגען אוקאַז אויף צו שליסען אַלע חדרים, און אַז מען וועט כאַפּען אַ מלמד קנעלענדיג אָהן אַ בילעט, זאָל מען איהם שטראָפֿירען ביז מיט אַ יאָהר טורמע.

די דאָזיגע גזירה האָט אַרויסגערופֿען אַ גרויס שרעק אין רוסישען יודענטום, און צוליעב דעם זיינען צוזאַמענגעקומען אין קאָוונא רבי

ישראל סאַלאַנטער, רבי יצחק אלחנן, רבי הלל סאַלאַנטער און רבי עלינקע קרעטינגער, און מיט גרויס השתדלות האָבען זיי גע׳פּועל׳ט, אַז די גזירה זאָל אָפּגעלעגט ווערען אויף ווייטערע צוויי יאָהר, און ביים ענדע פון די 2 יאָהר האָט ווירקליך געהאַלטען, אַז עס זאָלען פאַר־מאַכט ווערען אַלע חדרים אין רוסלאַנד. צום גליק איז דאַמאָלסט באַ־שטימט געוואָרען פאַר׳ן בילדונגס־מיניסטער דעם אמת׳ער ליבעראַל, גראַף טאָלסטאָי, און נאָכדעם ווי ער האָט איבערצייגט אַלעקסאַנדער דעם צווייטען די אונטאָלעראַנטקייט פונ׳ם דאָזיגען געזעץ, אַז דורכ׳ן שליסען די חדרים וועלען ביי אידען אויסוואַקסען אַ דור פון הפקר־יונגען, האָט דער קייזער אַליין מבטל געמאַכט זיין אוקאַז פון יאָהר 1855, און באַפוילען, דאָס מען זאָל ווייטער געבען בילעטען צו די מלמדים, ביז די מלוכה וועט אויסאַרבייטען אַ נייעם אוקאַז בנוגע דער אידישער רעליגיעזער ערציהונג. אַזוי זיינען פאַרגאַנגען ווייטערע צעהן יאָהר. די מלמדים זיינען אונגעשטערט אָנגעגאַנגען מיט זייערע אַרבייט. קיינער האָט שוין ניט מעהר געטשעפּעט — ניט די מלמדים און ניט די חדרים.

נון איז אָנגעקומען אַ זעהר פינסטערע צייט אין רוסלאַנד אונטער דער רעאַקציאָנערער רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען, וואָס האָט אָנגעווענדעט אַלע כוחות צו האַלטען דאָס פאָלק אין פינסטער־ניש און ניט צולאָזען צו בילדונג. צו דעם צוועק האָט מען אָפּגענומען פון אַלע פּריוואַטע לעהרער דאָס רעכט צו אונטערריכטען און אַרויס־געלאָזען האַרטע שטראָפען, הן פאַר די לעהרער און הן פאַר די עלטערען וועלכע גיבען זייערע קינדער אין פּריוואַט שולען. געהייסען האָט עס אין געזעץ, אַז עס זאָלען אויך באַשטראָפט ווערען מיט 300 רובעל שטראָף די יעניגע, וועלכע וועלען אפילו אויסלייהען אַ שטול אָדער אַ באַנק צו די דאָזיגע שולען, וואָס האָבען ניט די נויטיגע זכיות. אויף דעם סמך פונ׳ם דאָזיגען געזעץ האָט מען אויפגעהערט צו געבען מלמדים בילע־טען און אין פיעל שטעדט האָט מען אַרעסטירט די מלמדים און באַ־שטראָפט די בעלי־בתים וואָס האָבען געשיקט זייערע קינדער אין חדרים. די גזירה האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע מהומה אויף דער אידישער וועלט. מען האָט אין איילעניש צוזאַמענגערופען קיין קאָוונא אַן אספה פון כלל־טהוער, און אויסגעקליבען רבי הירשלען צו פאָהרען וועגען דעם קיין פּעטערבורג. רבי הירשעל האָט פאַרגעלעגט פאַר׳ן בילדונגס־מיניסטער דעם לעצטען אוקאַז פון אַלעקסאַנדער דעם צוויי־טען, אַז אידישע חדרים מעגען אַזוי לאַנג עקזיסטירען, ביז די מלוכה וועט אויסאַרבייטען פאַר זיי אַ ספּעציעלען אוקאַז, ובכן געהען זיי ניט אריין אין דער קאַטעגאָריע פון די פּריוואַטע געהיימע שולען. ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט ביז עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ באַ־

זונדער צירקולאַר, דאָס אידישע חדרים רעכענען זיך צווישען די ער־לויבטע שולען, אַז מלמדים זאָל מען ווייטער געבען בילעטען, זיי טאָרען אָבער קיין אַנדער זאַך אַ חוץ אידישע למודים אין די חדרים ניט לערנען.

אַ נייע צרה איז אויפגעשטאַנען אויף די מלמדים אין יאָהר 1895, צוליעב אַ מחלוקה צווישען די עקזאַמינירטע לעהרער און די מלמדים אין ביאַליסטאָק. אַ גרופע לעהרער האָבען פאַר׳מסר׳ט די מלמדים פאַר׳ן ווילנער פּאָפּוטשיטעל, אַ גרויסער שונא ישראל און אַ שוואַרץ מאָה׳ניק, אַז די מלמדים מיט זייער פאַנאַטיזם פלאַנצען איין שנאה ביי דער אידישער יוגענד צו די גוים. אַזוי ווי פאַרבאָטען מלמדים צו האַלטען חדרים האָט מען שוין מעהר ניט געקענט, האָט דער פּאָפּו־טשיטעל פאָרגעשלאָגען פאַר דעם דאַמאָלסטיגען בילדונגס־מיניסטער דעליאַנאָוו, אַז מען זאָל פאַרבאָטען מלמדים צו אונטערריכטען גמרא און דקדוק. דער מיניסטער האָט אַרויסגעגעבען אַזאַ צירקולאַר. אָבער לאַנג האָט די גזירה ניט אָנגעהאַלטען. רבי הירשעל איז ווידער אָוועקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג און מיט דער הילף פון באַראָן גינצ־בורג האָט מען דעם דאָזיגען צירקולאַר באַלד צוריקגערופען.

אין יאָהר תרמ״ט איז רבי הירשעל אָנגעקומען אין ווילנא פאַר׳ן שטאָדט־מגיד און פאַר׳ן הויפּט מורה־הוראה אויף רבי יעקב יוסף׳ס אָרט, וועלכער איז גערופען געוואָרען צו זיין רב הכולל פון ניו יאָרק. רבי הירשעל איז שוין פון פריהער געווען באַוואוסט פאַר אַ גוטען רעד־נער, אָבער זייענדיג אין ווילנא און האָבענדיג די געלעגענהייט אָפט צו זאָגען, האָט זיך זיין טאַלאַנט ערשט רעכט ענטוויקעלט. ער האָט איבערהויפּט געשאַפען אַ נייעם סיסטעם אין רבני׳שע דרוש, צו נעהמען אַ שווערען מאמר חז״ל, אַריינגעבען אין איהם לעבען און נשמה, און אַרויסנעהמען פון איהם אַ צוטרעפענדען ענטפער אויף מאַנכע שווערע צייטפראַגעס. אמת, דער גרויסער ווילנער המון, וועלכער איז גע־וואוינט געווען מיט רבי יעקב יוסף׳ס „רעוויעס“, איז פאַר דער ער־שטער צייט שטאַרק ניט צופרידען געווען מיט זיינע מאָדערנע דרשות און מיט זיין האַלב דייטשער שפּראַך. מיט דער צייט אָבער האָבען זיי זיך צו איהם אַזוי שטאַרק צוגעוועהנט, אַז ער איז געוואָרען דער ליעבלינג פון די מאַסען.

אין יאָהר תרנ״ד איז רבי הירשעל אויסגעקליבען געוואָרען פון ווילנער גובערניע צו דער רבני׳שער קאָמיסיע אין פּעטערבורג, וואו עס האָבען זיך באַטהייליגט די גרעסטע רבנים און כלל־טהוער פון רוסלאַנד, און רבי הירשעל איז פונ׳ם מיניסטער באַשטימט געוואָרען פאַר אַ פאָרזיצענדען פון דער קאָמיסיע.

זיין אמת ריכטיגען ארט האט רבי הירשעל ערשט פארנומען בעת ער האט באזעצט דעם כסא־הרבנות אין קאוונא, אין יאהר תרנ״ו. נאך אין רבי יצחק אלחנן׳ס צייט איז אריבערגעגאנגען די העגעמאניע פאר׳ן רוסישען יודענטהום, בנוגע רעליגיעזע ענינים, פון ווילנא קיין קאוונא, אבער אין רבי הירשעלס צייטען איז קאוונא געווארען דער ווירקליכער צענטער פאר אלע אידישע ענינים; וואו א צרה, וואו א גזירה — און דאס האט קיינמאל ניט געפעלט — פון אלע געגענדען אין רוסלאנד, האט מען זיך אלץ געווענדעט קיין קאוונא. רבי הירשעל׳ס הויז האט אויסגעזעהן ווי א רעגעלע מיניסטערסטווא, מיט איינגע־טיילטע דעפארטמענטס פאר די פארשידענע כלל־ארבייט. עס פלעגען אנקומען צו איהם טעגליך הונדערטער בריעף מיט פארשידענע בקשות, א חוץ די פערזענליכע באזוכער, וואס פלעגען קומען צו איהם, ניט נאר וועגען כלל־ענינים, נאר אויך מיט איהם צו פארברענגען אין לערנען. זיין גוט הארץ און זיין איידעלער כאראקטער האט ניט צוגעלאזען ,דאס ער זאל וועמען־עס־איז ענטזאגען, און אזוי פלעגט מען איהם מאטערן טאג און נאכט, ביז ער האט אנגעפאנגען צו קרענקען פון איבערארבייטען זיך. צו אלע זיינע מעלות איז ער נאך געווען א גרויסער בעל־צדקה. זיין נדבה איז תמיד געווען די ערשטע, א חוץ וואס ער פלעגט פארטהיילען בצנעה מאסען געלד צו ארימע רבנים, כאטש זיין פרנסה איז גארניט געווען אזוי פויגעלדיג, ווייל ניט נעה־מענדיג קיין זייטיגע רבנ׳ישע הכנסה, איז ער געווען אנגעוויזען אויף זיינע טרוקענע שכירות.

מיט רבי הירשלען פאנגט זיך אין א נייע עפאכע אין רבנות, און מען קען איהם כמעט רעכענען פאר דעם ערשטען רב, וואס אין איהם האבען זיך פאראייניגט די גרויסע מעלות פון א פארצייטיגען און פון א מאדערנעם רב. פון איין זייט א גרויסער גאון, א צדיק, טאג און נאכט עוסק געווען אין לערנען אדער אין שרייבען תשובות; א גאט־געבענשטער דרשן, וואס האט פיעל מענשען מחזיר למוטב געווען; א מענש מיט א ברייט הארץ און אן אפענער האנט פאר עלענדע און ארימע, — און פון דער אנדערער זייט באזיצענדיג א מאדערנע בילדונג, מיט א האלטונג פון א ווירקליכען אריסטאקראט; באהערשט גוט די רוסישע און דייטשע שפראך און זיך אפגעבענדיג צעהנדליגע יאהרען מיט כלל־ארבייט.

רבי הירשעל איז נפטר געווארען ביום ב׳ שבט, תר״ע.

# רבי שלום בער שניאורסאן

## (דער ליובאוויטשער רבי).

געבארען אין ליובאוויטש תרי"ח, געשטארבען אין ראסטאוו ניסן תר"פ.

די ברענענדיגע מחלוקת צווישען חסידים און מתנגדים, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט אן ערך 180 יאהר צוריק און זיך געצויגען ווי א רויטער פאדים דורך זיבען—אכט דורות, האלט שוין היינט כמעט ביים אויסלעשען זיך. על־כל־פנים איז צו דערווארטען, אז אין א פאר דורות שפעטער וועלען אפשר די טערמינען „חסיד" און „מתנגד", אין דעם טעגליכען לעבען, אינגאנצען פארגעסען ווערען, אז העכסטענס וועלען זיי פארבלייבען אלס היסטארישער מאטעריאל און האבען ניט מעהר ווי אן אקאדעמישען ווערט. אויב וואו־ניט־וואו, אין די פארווארפענע שטעדטלאך אין פוילען און גאליציען, רייסט מען זיך נאך ארום, איז אבער דא אין ניו יארק, דער גרעסטער און וויכטיגסטער קבוץ פון דער וועלט, שוין היינט אלע סכסוכים און חלוקי דעות כמעט פארשוואונדען געווארען. עס געהען ארום ביי אונז אין שטאדט צעהנדליגער טויזענדער אידען, וועלכע שטאמען אפ פון גוטע חסיד׳ישע עלטערן, און ווייסען צומאל גארניט אז זיי זיינען חסידים. מילא, די יעניגע וועלכע דאוונען גארניט, ווייסען דאך בודאי ניט דעם חלוק פון זאגען „ברוך שאמר" פאר „הודו" אדער אומגעקעהרט; אבער אפילו די וועלכע דאוונען יא, מאכען אויך א קנאפען ווען דערפון, און ווער רעדט נאך, ווען איינער געהערט צו א „סענטער", קען ער אויסלעבען זיינע יאהרען ניט זאגענדיג אמאל „כתר"...

גאנץ אנדערש האט דאס אבער אויסגעזעהן מיט א יאהרהונדערט צוריק, און בפרט ווען דער חסידיזם האט אנגעהויבען זיך אריינרייסען אין ליטא. עס איז אלעמען באוואוסט די פייערדיגע מחלוקת צווישען ווילנער גאון און דעם אלטען רבי׳ן; ריכטיגער, צווישען די מחרחרי־ריב פון ביידע צדדים, וואס האט געבראכט דערצו, אז צעהנדליגער מענשען זיינען אוועק פון דער וועלט פאר דער צייט; צעהנדליגער קהלות זיינען חרוב געווארען און אונצעהליגע פאמיליען־לעבענס זיינען צושטערט געווארען. אויב אין געוועהנליכען לעבען איז דער פירוד דאך ניט געווען אזוי שטארק בולט, ווילענדיג אדער ניט־ווילענדיג האט מען דאך געשלאסען שידוכים צווישען זיך, עסקים געפיהרט איינער מיט׳ן צווייטען, ברידערליך זיך געהאלפען און צוזאמען געליטען צרות פון דער „נאטשאלסטווא", איז אבער, דאגעגען, אין דער רביי׳שער

סביבה אזוי גרויס געווען דער פירוד און די אפזונדערונג פון די מתנגדים, אז מען האט ממש קיין שום מגע ומשא מיט זיי ניט געהאט, אפילו ניט מיט די אנערקענטע גדולי הדור. אין די רבייישע „הויפען" האט מען ליעב געהאט צו דערצעהלען און צו הערען גלייכווערטלאך, וואו מען לאכט אפ פון די עולם׳שע רבנים, און דאס אייגענע פלעגט מען זיך ערלויבען אין די רבני׳שע סביבות, חוזק צו מאכען פון די חסידים און זייערע צדיקים.

אויב איך מאך קיין טעות ניט, איז רבי מענדעלע, דער „צמח צדק", געווען דער ערשטער חסיד׳ישער רבי, וועלכער האט געהאט א התקרבות צו די עולם׳שע גדולים פון זיין צייט; זיך געשריבען מיט זיי שאלות ותשובות און איז געווען א גרויסער מקורב צו רבי איצעלע וואלאזינער, מיט וועמען ער איז צוזאמען געזעסען אויף דער אספת הרבנים אין פעטערבורג אין יאהר תר"ד. זיי ביידע צוזאמען האבען געהאט דורכצוקעמפפען א שווערע מלחמה מיט די אנדערע מיטגלידער פון דער קאמיסיע, מיט דר. בצלאל שטערן פון אדעס און מיט׳ן באוואוסטען דר. ליליענטאל, וועלכע האבען פארלאנגט, אז די רעגירונג זאל ארויפווארפען א חוב אויף די מלמדים, צו לערנען חומש נאר מיט׳ן „ביאור" און מיט דער דייטשער איבערזעצונג. דער מיניסטער האט געהאלטען מיט די משכילים, און עס האט ניט פיעל געפעהלט, אז די גזירה זאל טאקע פארווירקליכט ווערען. דא איז רבי מענדעלע געפאלען אויף א המצאה און פארגעשלאגען דעם מיניסטער, אז אויב יא לערנען חומש אויף א שפראך, וואס ניט די מלמדים און ניט די קינדער פארשטעהען, וואלט דאך שוין כדאי געווען צו לערנען אין דער לאנדעס־שפראך, אויף רוסיש, און ניט אויף א פרעמדער שפראך. אבער אזוי ווי דער מיניסטער אליין פארשטעהט דאך, אז דאס איז ניט מעגליך, ווייל דער איצטיגער דור פארשטעהט נאך דערווייל ניט אזוי פיעל רוסיש, אום צו קענען לערנען אין איהר חומש און תנ"ך, בלייבט אלזא אנדערש ניט איבער, ווי צו ווארטען ביז עס וועט אויסוואקסען א נייער דור, און דערווייל, פארשטעהט זיך, מוז מען נאך לערנען חומש אויף אידיש, די מוטערשפראך פון די רוסישע אידען פון כמה הונדערטער יאהרען.

צו באשטעטיגען די ריכטיגקייט פון זייערע רייד, האבען זיי איהם אנגעוויזען אויף א שטעל אין „כוזרי", וואו עס ווערט געזאגט, אז עס איז ניטא קיין מיאוס׳ערע זאך, ווי א פאלק זאל מיט אמאל אויפהערען צו ריידען די שפראך וואס ווערט פון איהם גערעדט פון כמה יאהרען. דער מיניסטער האט מסכים געווען מיט זיי, און די גזירה איז פארבליבען אין די ארכיוועז. ווייסען עס באטש אונזערע היינטיגע פאנאטישע אידישיסטען, אז מיט אכציג יאהר צוריק האבען

צוויי רבנים צדיקים מציל געווען די עקזיסטענץ פון „זייער" אידישער שפּראַך?...

זיין ממלא־מקום אין ליובאַוויטש, דער מהר"ש, איז אויך געגאַנגען אין דעם אייגענעם דרך און זיך אויך דערנעהנטערט צו די גאונים און צדיקים פון זיין צייט, און בפרט איז ער געווען אַ מקורב מיט רבי ישראל סאַלאַנטער. אין די חב"ד'ער חסיד'ישע שטיבלאַך דער־צעהלט מען זיך אַן נאָך היינט פיעל שעהנע מעשיות פון זייער התקרבות און פון די שמועסען וואָס זיינען פאַרגעקומען צווישען זיי.

אבער מעהר ווי אַלע רביים, איז רבי ש ל ו ם ב ע ר געשטאַנען אין נאָך נעהענטערע באַציהונגען צו די עולם'שע גדולים פון פאַריגען און איצטיגען דור. ער האָט געהאַט אַ שטענדיגען בריעף־וועקסעל מיט רבי חיים סאָלאָווייטשיק, מיט רבי אליעזר מינסקער, מיט רבי דוד פרידמאַן, מיט רבי מאיר שמחה'ן פון דווינסק און — צו לענגערע יאָהרען — מיט'ן „חפץ חיים", מיט רבי חיים עוזר'ן פון ווילנא, מיט רבי דוד טבלי קאַצענעלענבויגען פון פעטערבורג און נאָך אַנדערע. אין אַלע רבני'שע אספות וועגען כלל־ענינים האָט זיך דער מהרש"ב באַטהייליגט, און די דאָזיגע הנהגה זיינע האָט ער פיעל בייגעטראָגען אַז מאַנכע נאָך־געבליבענע אַנגעוועהטאַגטע חלוקי־דעות צווישען די חסידים און מתנגדים זאָלען, ווענינגסטענס אין ליטא און רייסען, אין גאַנצען אויסגעגליכען ווערען. מיט זיין דרך האָט ער אַזוי ווייט געבראַכט, אַז קומענדיג אַמאָל אין ווילנא האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג צו דרש'ענען אין דער גרויסער שוהל, אין דעם אָרט וואו מען האָט אַמאָל מחרים געווען די חסיד'ישע כתה...

רבי שלום בער, ר' שמואל'ס אינגסטער זוהן, איז געבאָרען גע־וואָרען אין תרי"ח. דער פאָטער האָט איהם זעהר ליעב געהאַט און געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ קדוש מבטן. בעת זיין פאָטער, דער מהר"ש, איז נפטר געוואָרען, איז אַוועק אַ לענגערע צייט און דער ליובאַוויטשער שטוהל איז ניט באַזעצט געוואָרען. זיין עלטערער ברודער האָט בשום אופן ניט געוואָלט איבערנעהמען די הנהגה, האַלטענדיג, אַז דער מהרש"ב איז פאַסיגער דערצו. ער, ווידער, האָט אויך ניט געוואָלט, צוליעב זיין ענוות, זיך זעצען אויפ'ן פאָטער'ס שטוהל, ביז סוף־כל־סוף האָבען זיך די חסידים ביי איהם איינגעבעטען, און ער איז געקרוינט געוואָרען אַלס ליובאַוויטשער רבי.

פאַר די דרייסיג יאָהר פון זיין הנהגה האָט ער אָפּגעשאַפט כמה רביי'שע טראַדיציעס, וואָס פּאַסען ניט פאַר דער צייט. ער פלעגט זעלטען ווען אַרויספאָהרען באַזוכען זיין עפּעכאַריע, סיידען אין אַ באַזונדערן נויטיגען פאַל. ער איז געזעסען תמיד ביי זיך אין אוהל און געלערענט, און זיך זעלטען ווען געצייגט פאַר'ן עולם, אַז אפילו

די צוזאמענגעפאהרענע אורחים אויף ימים טובים פלעגען איהם נאר זעהן, בעת ער פלעגט זאגען תורה. ער האט קיינמאל ניט געגעסען צוזאמען מיט'ן עולם חוץ שמחת תורה און די פסח־נעכט, און ניט געוואלט ליידען, אז אין זיין געגענווארט זאל מען ניט אפהיטען ביים עסען די געזעצען פון דרך־ארץ, וואס חסידים זיינען בטבע ניט שטארק מקפיד דארויף. קיין פדיונות פלעגט ער ניט נעהמען, און זיין גאנצע הספקה האט ער געהאט פון איינינע יחידים, וואס האבען אויסגעהאלטען אלע זיינע הצטרכות'ן. בכלל איז זיין גאנצע הנהגה געווען מעהר צוגעפאסט צו דער הנהגה פון א פארצייטיגען עולם'שען צדיק, ווי צו א חסידי'ישען גוטען אידען. ער פלעגט לערנען פון ניין אזייגער אין דער פריה ביז ניין אזייגער אין אווענד נאר ש"ס און פוסקים, און נאכ ניין אזייגער ביז שפעט אין דער נאכט פלעגט ער לערנען און שרייבען חסידות.

האבענדיג א ברייט הארץ פול מיט צער און רחמנות אויף די צרות און יסורים וואס די כנסת ישראל אין רוסלאנד האט געליטען פון דער עמלק'שער רעגירונג, האט ער שוין ניט געקענט פארבלייבען א שטענדיגער יושב־אוהל, און האט אנגעהויבען ביסלאכווייז זיך צו אינטערעסירען מיט כלל־ענינים, ביז ער איז געווארען איינער פון די גרויסע כלל־פיהרער פאר די לעצטע צעהן יאהר פון זיין לעבען.

פון אלע חסידי'ישע „גוטע אידען" פון פאריגען דור, איז דער מהרש"ב געווען כמעט דער איינציגער, וואס האט זיך אזוי פיעל אפגעגעבען מיט כלל־ארבייט, ובפרט אין די לעצטע צעהן־פופצעהן יאהר פון זיין לעבען. ער האט זיך פאראינטערעסירט אין אלע ענינים וואס זיינען נוגע צום כלל־ישראל, און ניט בלויז אין די זאכען וועלכע האבען נאר א שייכות צו דער חסידי'ישער וועלט. מיט דער אייגענער ענערגיע, וואס ער האט געברויכט צו פארשטארקען תורה און אידישקייט, האט ער אויך געארבייט צו פארלייכטערן די גזירות און צו פארבעסערען דאס אידישע עקאנאמישע לעבען. אזוי ווי ער האט גוט פארשטאנען די רוסישע שפראך, האט ער געוואוסט פון ערשטען מקור די אלע זאקאנעס און גזירות, וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען צו פארביטערען דאס לעבען פון די אידען אין רולאנד, און צוליעב דעם איז ער שטענדיג געווען פארבונדען מיט די כלל־טהוער אין פעטערבורג און אויף דער פראווינץ. ער פלעגט זיי געבען עצות ווי זיך משתדל צו זיין אראפצונעהמען די גזירות, אדער, לכל הפחות, זיי צו פארלייכטערן. אויב עס איז נויטיג געווען דערצו כאבאר— און ווען איז דאס ניט נויטיג געווען?—האט ער נאר געברויכט א וואונק צו געבען זיינע געטרייע גבירים, ווי א שטייגער: די בערלינס אין רינא, טריינין, נור־אריה, מאנעסזאן און אנדערע, און די סומען זיינען

באַלד געשאַפּען געוואָרען. פון זיין דאָזיגע אַרבייט, וואָס איז תמיד געמאַכט געוואָרען אין שטרענגער געהיים, האָבען נאָר יחידי סגולה געוואוסט, און די ברייטע אידישע וועלט האָט דערפון קיין שום אהנונג ניט געהאַט.

אַלס עפענטליכער כלל־טוהער איז דער מהרש״ב ערשט אַרויס־געטראָטען אין דעם יאָהר 1910 אויף דער „אספת הרבנים" אין פּעטערבורג, וואָס איז גערופען געוואָרען פונ׳ם דאַמאָלסטיגען רוסישען פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין.

אויף דער דאָזיגער אספה האָט דער מהרש״ב געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, כאָטש עס האָבען זיך אין איהם באַטהייליגט די גרעסטע רבנים און כלל־טוהער. ער האָט געצויגען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט דורך זיין פעסטען כאַראַקטער און אייזערנעם ווילען, זיין ברען און זיין ענערגיע, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ענינים וואָס זיינען נוגע צום דת. ער איז ניט איינגעגאַנגען אויף דער מינדעסטער פּשרה, און האָט אויך געווירקט, צוזאַמען מיט רבי חיים סאָלאָווייטשיק, אויף די אַנדערע חברים קיין זאַך ניט נאָכצוגעבען. אויך אין וועלטליכע שאלות האָט ער אַרויסגעצייגט שטאַאַטסמענערישע פעהיגקייטען, און אפילו זיינע פּאָליטישע געגנער האָבען איהם באַהאַנדעלט מיט גרויס רעספּעקט.

מיר איז גראַד אויסגעקומען צו זיין אין יענער צייט אין פּעטערבורג, אויך וועגען אַ כלל־ענין. מיין פריינד, דער קורלענדער דומאַ־דעפּוטאַט ניסעלאָוויטש, האָט געוואָלט אַריינברענגען אַ פּראָיעקט אין דער דומאַ, אויסצוברייטען דעם אידישען תחום־המושב, וואו אידען ווערען ממש דערשטיקט פון ענגשאַפט, מיט דעם וואָס אידען זאָלען אויך מעגען וואוינען אין די עטליכע גובערניעס וועלכע גרעניצען זיך מיט דער „טשערטאַ", ווי אַ שטייגער: אָריאָלער, קורסקער, כאַרקאָווער, סמאָלענסקער, ליפלאַנדער און קורלענדער גובערניע. ניסעלאָוויטש האָט זיך שוין געהאַט געזיכערט מיט די שטימען פון די אָקטיאָבריסטען, און נאָך זיין מיינונג האָט דער פּראָיעקט געהאַט גרויסע שאַנסען דורכגעפיהרט צו ווערען. אָבער די קאָדעטישע פּאַרטיי, צו וועלכער ניסעלאָוויטש האָט געהערט, האָט איהם ניט ערלויבט אַריינצוברענגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, ווייל איהר לאָזונג איז געווען: „אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט", צוליעב דעם האָט ער מיך אַרויסגערופען קיין פּעטערבורג זיך מיישב צו זיין מיט מיר, אויב עס וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן אַריינצוטראָגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט אין נאָמען פון זיינע קורלענדער וועהלער, און אויב איך וואָלט מיך וועלען איבערנעהמען צו זאַמלען די אונטערשריפטען, אום ניט צו ברויכען אָנקומען צו דער לאַסקע

פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר ניט קיין קלענערע אַנטיסעמיטען ווי די אָקטיאַבריסטען, ווי באמת האָט זיך דאָס טאַקע שפּעטער אַרויסגעוויזען צו זיין ריכטיג.

ביי דיעזער געלעגענהייט האָט מיר ניסעלאָוויטש דערצעהלט אַ כאַראַקטעריסטישען פאַל פונ׳ם ליובאַוויטשער רבי׳ן. בעפאַר עס האָט זיך גענענדיגט די אויבענדערמאָנטע אספה, האָבען די רבנים באַשלאָסען זיך משתדל צו זיין, וועגען באַקומען אַן אודיענץ ביי סטאָליפּינ׳ען און איהם בעטען, אַז ער זאָל זיי פאָרשטעלען פאַר׳ן קיסר, כדי צו האָבען די מעגליכקייט אויסצודריקען פאַר איהם אין נאָמען פון כלל־ישראל זייער טרייהייט צו דער מלוכה; און אויב דאָס וועט ניט מעגליך זיין, וואָלטען זיי וועלען כאָטש קענען זיך דורכריידען מיט סטאָליפּינען אַליין, און זוכען צו פועל׳ן ביי איהם, מבטל צו מאַכען מאַנכע שווערע גזירות. צוליעב דעם צוועק איז געקומען דער מהרש״ב מיט נאָך אַ פּאָר רבנים פון דער דעלעגאַציע צום דעפּוטאַט ניסעלאָוויטש, אַז ער זאָל פאַר זיי צוגרייטען דעם אודיענץ, זיך פריהער זעהן מיט סטאָליפּינען פּריוואַט און באַשטימען די צייט. ניסעלאָוויטש האָט זיי ערקלעהרט, אַז לויט די איצטיגע אומשטענדען איז אויסגעשלאָסען, אַז זיי זאָלען פון קיסר עמפּפאַנגען ווערען, זיין שנאה צו אידען איז אַזוי גרויס, אַז ער וויל אַ אידען אין די אויגען ניט זעהן. און אַ סברא, אַז ער אַליין איז אַן אָפיציעלער מיטגליד פון דער שוואַרץ־צער־מאה חברה. אַז אפילו אין פאַל דאָס זיי זאָלען זיך דאָך קענען צושלאָגען צו איהם, וועט אויך דערפון קיין גוטס ניט אַרויסקומען. קיין ספק ניט אַז ער וועט זיך בודאי שלעכט אויסדריקען וועגען אידען און דאָס וועט נאָך צופּויקט ווערען איבער גאַנץ רוסלאַנד וועלען אידען חלילה נאָך מעהר הפקר ווערען אין די אויגען פון דער נאַטשאַלסטוואָ. אויך צו געהן צו סטאָליפּינען געפינט ער אַז עס האָט קיין צוועק ניט, ווייל אחוץ וואָס ער איז אַליין אַ גרויסער צורר היהודים, קוקט ער שטענדיג וואו דער ווינד בלאָזט, און אום זיך צוצושמייכלען צום הויף, וועלען זיי בודאי דאַרפען הערען פון איהם זעהר באַליידיגענדע ווערטער וועגען אידען. די רבנים זיינען אָבער באַשטאַנען דאַרויף, אַז מען זאָל געהן צו סטאָליפּינען, געבראַכט ראיות פון דער היסטאָריע, אַז מען איז געגאַנגען מיט מסירת נפש צו די גרעסטע צוררים און דער בורא האָט געהאָלפען. ניסעלאָוויטש איז אָבער פעסט געבליבען ביי זיין מיינונג און מיט גרויס פאַראיבעל זיינען די רבנים אַוועקגעגאַנגען פון איהם. דער מהרש״ב האָט זיך נאָך אויסגעדריקט, אַז עס פאַרדריסט איהם צו וואָס ער איז גאָר געגאַנגען צו איהם, און אַז רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר. דער סוף איז געווען אַז באַראָן דוד גינצבורג דער יושב־ראש פונ׳ם

כלל־טהוער צוזאַמענפאַהר, האָט אויף זיך גענומען צו פיהרען די דעלעגאַציע צו סטאָליפּינען.

בעראָן דוד גינצבורג איז צו יענער צייט געווען די וויכטיגסטע אידישע פּערזענליכקייט אין רוסלאַנד. א חוץ וואָס ער איז געווען א גרויסער געלעהרטער, א גרויסער נדיב און א זעהר איידעלער כאַראַק־טער, איז ער געווען דער איינציגער אידישער בעראָן אין רוסלאַנד. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען א שוואַכער פּאָליטיקער האָט ער פאַר־קאָכט א קאַשע מיט זיין פיהרען צו סטאָליפּינ׳ען אַז די גאַנצע דעלעגאַציע האָט געשאָלטען די שעה וואָס זיי זיינען געקראָכען צו איהם. די אכט־גלידערדיגע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון פינף־גרויסע דוכאָווגע רבנים, פון ראַבינער מזא״ה, פּאָליאַקאָוו פון מאָסקווע און באַ־ראָן גינצבורג אַלס פיהרער. אויפגענומען האָט זיי סטאָליפּין אויפ׳ן שענדליכסטען אופן. אַז ערד דריי שעה האָט ער זיי געלאָזען וואַרטען אויף זיך, און שפּעטער, ביים עמפּפאַנג, האָט ער צומאָל זיי ניט געבעטען זיך זעצען. אויף דער באַגריסונג פון הרב צירלסאָן מיט גרוים התלהבות, אַז די דעלעגאַציע קומט אין נאָמען פון אידישען פאָלק אויסצודריקען איהר דאַנק פאַר די גרויסע חסדים (?!) וואָס די מלוכה טהוט מיט זיי — האָט זיי סטאָליפּין געגעבען א תשובה, אַז עס איז אַלעמען פינסטער געוואָרען אין די אויגען. ער האָט זיי אָפען געזאָגט, אַז די אידישע לאַגע וועט ניט בעסער ווערען, כל־זמן אידען וועלען נעהמען אַזאַ שטאַרקען אַנטהייל אין דער רעוואָלוציע. „און וואָס איז היינט דאָס אידישע פאָלק?״ — האָט ער געענדיגט זיין רעדע — „אָפּ־געשטאַנען פון דער אַלטער אידישער תורה און קיין נייע ניט אָנגענו־מען, און איהר זייט אַלע שולדיג, וואָס איהר האָט ניט ערצויגען אייערע קינדער, אַז זיי זאָלען זיין טריי דעם קיסר און דעם פאַטער־לאַנד״. די גאַנצע אוידיענץ האָט געדויערט א קנאַפּע פיערטעל שעה. די האַנד האָט ער געגעבען נאָר בעראָן גינצבורג און פּאָליאַקאָוו׳ן, און די רבנים האָט ער אָפּגעפּטור׳ט מיט א שאָקעל מיט׳ן קאָפּ.

אַרויסגעהענדיג פון סטאָליפּינ׳ען מיט אַזאַ מיאוס׳ן פּסק, איז דער מהרש״ב תיכף אַוועקגעפאָהרען צו ניסעלאָוויטש׳ן, איהם דערצעהלט פון דעם ליעבהאַרציגען קבלת־פּנים וואָס זיי האָבען באַ־קומען, איהם געבעטען מחילה, וואָס ער האָט איהם ניט געפאָלגט און זיך נאָך אַזוי שלעכט אויסגעדריקט געגען זיין מיינונג. מיט גרוים ליעבשאַפט האָבען זיי זיך ביידע אַרומגענומען און ביטער געוויינט אויף די אידישע צרות.

די דאָזיגע אספת־הרבנים האָט באמת זעהר וועניג רעזולטאַטען געבראַכט. די רעגירונג איז פון יענער צייט אַלץ מעהר און מעהר רעאַקציאָנער און אידען־פיינדליכער געוואָרען, ניט צוגעלאָזען מאַכען די

גרינגסטע אויסבעסערונג אינ׳ם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען, און דעריבער זיינען אלע אנגענומענע רעזאלוציעס, אויף וועלכע מען האט געארבייט וואכענלאנג, פארבליבען ניט מעהר ווי אויף פאפיר און וואלגערן זיך נאך היינט ארום אין די פעטערבורגער ארכיוועז. דאך האט די דאזיגע אספה אויך א גוטע פעולה געבראכט דערמיט, וואס מאנכע פון די גרויסע גאונים און פון די חסיד׳ישע „גוטע אידען״, וועלכע זיינען תמיד געווען פארשפארט אין זייערע ד׳ אמות של הלכה און אין פראווען חסידות, האבען זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען אין כלל־ענינים, א זאך וואס ביז דאמאלס איז דאס געווען א מאנאפאל ביי די משכילים און ביי די רוסיש־אידישע אינטעליגענציע. באזונדערס איז דאס געווען צו באמערקען ביים מהרש״ב, וועלכער האט דערנאך כמעט ניט דורכגעלאזען קיין איינציגען צוזאמענפאהר וועגען כלל־ענינים, וואו ער האט זיך ניט באטהייליגט. ער פלעגט שטענדיג קומען צו די אספות אין באגלייטונג פון זיינע נאהענטע מקורבים די חסיד׳ישע רבנים: הרב אהרנסאן פון קיעוו (היינט רב אין תל־אביב), הרב ראפאלאוויץ פון קרעמענטשוג, הרב מעדאליע פון וויטעבסק און באזונדערס הרב חיין פון ניעזין, זיין נאהענטסטער פריינד און מיטארבייטער.

דערמאנענדיג דעם ניעזינער רב רבי מענדיל חיין, געפין איך פאר נויטיג דא צו מאכען נאכ׳ן דאזיגען וואונדערבארען מענשען א קורצע הזכרה. ער איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע טיפען וואס איך האב ווען אין מיין לעבען באגעגענט, און נאר יחידי־סגולה האבען געוואוסט אפצושאצען זיין גרויסען ווערטה. א חוץ וואס ער איז געווען א גאון אין תורה, א גרויסער בקי אין דער תלמוד׳ישער און קבלה׳איסטישער ליטעראטור, א ברענענדיגער ירא־שמים, איז ער אויך געווען א גרויסער געלעהרטער אין וועלטליכע ידיעות און א שפראכקענער, וואס מען טרעפט זעלטען ביי רבנים און בפרט ביי חסיד׳ישע רבנים. דערצו איז ער נאך געווען א זעלטענער בעל־מדות, ממש די גוטסקייט און איידעלקייט אליין, ווי איך האב מיך פערזענליך איבערצייגט, ווען איך האב איהם באזוכט אין ניעזין אין יאהר 1915 און ביין געווען זיין גאסט. שפעטער איז מיר אויך אויסגעקומען איניגע מאל מיט איהם זיך צו באגעגענען אויף אספות וועגען קהל׳ישע ענינים, און מיט דער צייט בין איך מיט איהם געווארען אינטים באפריינדעט.

אויף דעם אויבענדערמאנטען צוזאמענפאהר (פון יאהר 1910) האט הרב חיין מיט זיין שארפען שכל און לאגיק געצויגען אויף זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט, און מען האט איהם געהאלטען פאר איינעם פון די בעסטע רוסישע רעדנער. ער פלעגט ריידען מיט א געוואלדיגען

טעמפּעראַמענט און געהאַט אָפּטע צוזאַמענשטויסען מיט'ן לינקען פֿליגעל. רבי חיים סאָלאָווייטשיק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט פֿאַר'ן מהרש"ב, אַז ער איז איהם זעהר מקנא, וואָס ער האָט אין זיין קרובה־שאַפֿט אַזאַ טהייערען און ניצליכען מענשען ווי הרב חיין.

ליידער איז דער דאָזיגער וויכטיגער מענש פֿריהצייטיג אַוועק פֿון דער וועלט, נאָך זייענדיג אַ יונגערמאַן פֿון עטליכע און פֿערציג יאָהר, און דערצו נאָך געהאַט אַ טראַגישען טויט, זייענדיג אַ קרבן פֿון די דעניקינצעס. בעת זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין ניעזין און אָנגעהויבען צו פּאָגראָמירען און קוילענען אידען, איז הרב חיין מיט מסירות־נפש אַוועק צום קאָמאַנדאַנט זיך משתדל זיין פֿאַר דער שטאָדט. צוגעהענדיג צום הויז וואו דער קאָמאַנדאַנט איז איינגעשטאַנען, דערזעהט ער ווי אַן אָפֿיציער כאַפּט אַרויס זיין שווערד און וויל שטעכען אַ אידען. הרב חיין איז תיכף צוגעלאָפֿען צום אָפֿיצער, אים אָנגעכאַפּט פֿאַר'ן האַנד און ניט געוואָלט דערלאָזען הרג'ענען דעם אידען. דער אָפֿיצער האָט קיין שאלה ומענה ניט געמאַכט, אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און איהם אויפ'ן שטעל דערשאָסען.

בעת עס האָט אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה און דער דייטש האָט זיך אָנגעהויבען אַריינצורייסען אין רוסלאַנד, האָט דער מהרש"ב שוין אָנגעפאַנגען צו מאַכען הכנות אויף צו פֿאַרלאָזען ליובאַוויטש, כאָטש זי איז נאָך דאַמאָלסט געווען זעהר ווייט פֿון פֿראָנט. ער האָט געטראָגען אין האַרצען אַ שנאת־מות צו די דייטשען, און זיך זעהר געשראָקען פֿאַר זייער אָקופּאַציע. צום ערשטען האָט ער זיך באַזעצט אין אָריאָל און איז נאָכהער אַריבער קיין ראָסטאָוו, אַ שטאָדט וואו די דייטשען האָבען שוין ניט געקענט דערגרייכען. די אידישע צרות און רדיפֿות האָבען איהם ניט געלאָזען איינזיצען אויף אַן אָרט. פֿלעגט שטענדיג אַרומפֿאָהרען וועגען השתדלות, און עס פֿלעגט ניט אַריבער־געהן קיין דריי חדשים, וואו ער איז ניט געקומען קיין פּעטערבורג וועגען כלל־ענינים. אין יאָהר 1916 איז ער כמעט אַ גאַנצען ווינטער אָפּגעזעסען אין פּעטערבורג. עס האָט זיך דאַמאָלסט געהאַנדעלט וועגן באַפֿרייען דוכאָוונע רבנים פֿון מיליטער־דינסט. די מלחמה האָט צו יענער צייט געהאַלטען אין רעכטען ברען, די רוסישע אַרמיי האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט פֿאַרלאָרען קרוב צו דריי מיליאָן מענשען און מען איז צוגעטראָטען צו מאָביליזירען אַלע בלאָע בילעטען ביז צום 44טען יאָהר. אַ דאַנק דער השתדלות פֿון באַראָן אַלכסנדר גינצבורג און מאַרק וואַרשאַווסקי זיינען די אידישע רבנים, אַזוי גוט ווי די אַלע גייסטליכע פֿון פֿאַרשידענע אמונות, באַפֿרייט געוואָרען פֿון דער מאָביליזאַציע. די הנחה איז אָבער געווען נאָר פֿאַר ק אַ ז י אָ נ ע רבנים, פּשוט, ווייל די דאָזיגע אַסימילאַטאָרישע שתדלנים האָבען

לכתחילה נאָר געבעטען פאַר די קאַזיאָנע רבנים, וואָס אין זייערע אויגען זיינען זיי די אמת׳ע רבנים.

אַט דיעזע טאַקטלאָזיגקייט פון דער אַסימילאַטאָרישער זייט, צו איגנאָרירען די ווירקליכע אידישע רבנים, האָט אַרויסגערופען גרויס אויפרעגונג אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזען, און פון אַלע עקען רוס־לאַנד׳ס האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן פּראָטעסטען געגען דער דאָזיגער אונגערעכטיגקייט. אויף דער איניציאַטיווע פון מהרש״ב איז גערופען געוואָרען אין פּעטערבורג אַן אספה פון די גרעסטע רבנים און כלל־טהוער, צו געפינען מיטעל און וועגען, ווי אַזוי די דוכאָוונע רבנים, וועלכע הונדערטער פון זיי זיינען שוין געווען איינבאַרופען, זאָלען אויך באַפרייט ווערען. נאָך אַן אַרבייט פון כמה וואָכען און מיט גרויסע געלד־קרבנות, איז דאָס דאָך געלונגען, אָבער מיט דעם תנאי, אַז נאָר די יעניגע רבנים וואָס האָבען שטעלעס קענען גענים פון דער דאָזיגער הנחה. אַזוי ווי די רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין רעגיסטראַציע פון די דוכאָוונע רבנים — ווייל באמת זיינען זיי שטענ־דיג געווען אונגעזעצליך — דעריבער האָט דער מיניסטער באַשטימט אַ קאָמיסיע אונטער׳ן פאָרזיץ פון פּעטערבורגער ראַבינער דר. אייזענ־שטאַדט, פעסטצושטעלען ווער עס איז אַ ווירקליכער רב און ווער ניט. די קאָמיסיע האָט זיך געהאַלטען, מעהר אָדער ווייניגער, נאָכ׳ן פאַרשריפט פון מיניסטער און צוריקגעוויזען די בקשות פון מעהרערע הונדערטער יונגע לייט, וועלכע האָבען געהאַט סמיכות אָבער ניט קיין שטעלעס. דער מהרש״ב, ניט קענענדיג צוזעהן דעם צער פון די צוריקגעוויזענע, האָט ער אָנגעהויבען פאַנאַנדערשיקען בריעף אין אַלע שטעדט און שטעדטלאַך, אַז מען זאָל פון דאָרטען צושיקען כתב־רבנות׳ן אויף די נעמען פון די דאָזיגע יונגע־לייט, און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זיי טאַקע אַלעמען באַפרייט. דורך אגב האָט ער זיך שוין משתדל געווען פאַר נאָך אַ סך לומדים, וואָס האָבען נאָך ניט געהאַט קיין סמיכה, אָבער זיי זיינען ראוי געווען מיט דער צייט עס צו באַקומען. אויף די טענות פון דער קאָמיסיע, אַז זי טראָגט אויף זיך אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט, פלעגט ער תמיד ענטפערן, אַז בעת עס האַנדעלט זיך מכח פקוח־נפשות פאַלען אָוועק אַט די אַלע טענות, און מען איז מחויב צוצוטרעטען מיט אייגענער מסירת־נפש.

מיט נאָך מעהר ענערגיע האָט זיך דער מהרש״ב אַריינגעוואָרפען אין כלל־אַרבייט נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע פון מערץ 1917, בעת מען האָט שוין געמעגט אָפּהאַלטען עפענטליכע אספות ,און געמעגט אַלץ דרוקען און פאַנאַנדערשיקען. אין דער רוסישער אידישער וועלט האָט עס געקאָכט און געשטורעמט, מען האָט זיך אָנגעפאַנגען צוזו־

גרייטען צום „אַלרוסלענדישען אידישען קאָנגרעס", וואו מען האָט געדראַפט אויסאַרבייטען די נייע לעבענס־פאָרמען וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפען און אויך צו פאַרפאַסען די קאָנסטיטוציע פאַר דער אידישער אויטאָנאָמיע. אויף דער אידישער גאַס זיינען איבער־נאַכט אויסגעוואַקסען פאַרטייען ווי שוועמלאַך, יעדע מיט איהר פּראָגראַם. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייסערייען צווישען די ציוניסטען, בונ־דיסטען, פאָלקסיסטען, סאָציאַליסטען, סיימאָווצעס און אַנדערע, אי־בער דער העגעמאָני אויף די אַכציג פּראָצענט אונאָרגאַניזירטע אידען, דאָס הייסט, „די אידען פון אַ גאַנץ יאָהר". יעדע פּאַרטיי האָט אָנגע־גורט איהרע לענדען צו געווינען די דאָזיגע אידען און מען האָט זיי פאַרוואָרפען מיט אויפרופען און פּראָקלאַמאַציעס. אין מיטען דערינען איז אין פּעטערבורג אויפגעשטאַנען אַן אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע אונטער'ן נאָמען „נצח ישראל" און זי האָט גאָר גע'טענה'ט „כולו שלי", אַז צו די אַלע נ̇יט־אָרגאַניזירטע, די אַזויגערופענע „בעזפּאַרטייני", האָט זי אפשר מעהר שייכות ווי די אַלע אַנדערע פאַרטייען. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין איינער פון די גרינדער פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, און דעם כבוד צו זיין דער סעקרעטער פאַר דער גאַנ־צער צייט, ביז איך האָב פאַרלאָזען פּעטערבורג. אַן דער שפּיץ פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע זיינען געשטאַנען גרויסע רבנים, באַוואוסטע כלל־טהוער, גרויסע געלעהרטע מיט קלינגענדע נעמען, ווי אַ שטיי־נער: דר. א. א. הרכבי, אינזשינער טענענבוים, דער אַקאַדעמיק מאַר־קאָן און אַנדערע. האָבענדיג טיכטיגע כחות און גענוג מיטעל, האָט זי טאַקע אין משך פון דריי—פיר חדשים אָרגאַניזירט און געבראַכט אונטער איהר פלאַג דעם גרעסטען טהייל פון די רוסישע אידען, און אויב די באָלשעוויקעס וואָלטען זיך ניט געהאַט אריינגעמישט און דער אידישער קאָנגרעס וואָלט צושטאַנד געקומען, וואָלט דער „נצח ישראל" דאָרט געהאַט אַ גרויסע מאַיאָריטעט.

אום צו קענען דערגרייכען די אַלע אונפּאַרטייאישע אידען, איז נויטיג געווען צו שאַפען אַ מין פּלאַטפאָרם, וועלכער זאָל זייז צו־געפּאַסט צו דער גרויסער אונבאַקאַנטער מאַסע; זיך ניט אָפּשטע־לענדיג אויב איינער איז מעהר פרום אָדער ווייניגער פרום — דער עיקר אַז ער זאָל זיין טראַדיציאָנעל און סימפּאַטיזירען מיט דער אָרטאָ־דאָקסי. אויסצואַרבייטען אַזאַ פּראָגראַם איז ווירקליך געווען אַ שווערע שטיק אַרבייט. מען האָט זיך געפונען אין דער בחינה פון „שבור את החבית ושמור את יינה" און דער גורל איז געפאַלען אויף דר. איי־זענשטאַדט, זלמן עפּשטיין און אויף מיר, צו זיין די פאַרפאַסער. אונז איז געלונגען צו שאַפען אַ פּראָגראַם וואָס זאָל טאַקע קענען באַפרי־דיגען „סיי דעם ליובאַוויטשער רבי'ן און סיי אחד העם'ן", ווי זלמן

עפשטיין פלעגט זיך אויסדריקען. אויף אן אספה פון צוזאמענגעפא־רענע רבנים און כלל־טהוער, איז דער פראגראם, מיט גאנץ קליינע שנויים, גוט געהייסען געווארען, אבער אונזער ערווארטונג אז דער ליובאוויטשער רבי וועט דאס אויך סאנקציאנירען, און אז ער מיט זיינע חסידים וועלען זיך אנשליסען צו אונזער ארגאניזאציע, איז ניט מקוים געווארען. פאראורזאכט האט דאס זיין גרויס געגנערשאפט צום ציוניזם, וועלכער האט פארנומען א בכבוד'יגען פלאץ אין אונזער פראגראם.

אמת, ביים אנשרייבען דעם פאראגראף פון ציוניזם אין פראגראם פון „נצח ישראל" האבען מיר שטארק אין זינען געהאט די געגנערישע שטעלונג פון מהרש"ב צום ציוניזם, און אזוי ווי די פראקטישע פא־ליטיק פון יענער צייט האט געפאדערט, אז כדי מנצח צו זיין די לינקע פארטייען מוזען מיר געהן האנד אין האנד מיט די חסידים, דעריבער האבען מיר געזוכט, ווי ווייט מעגליך, אביסעל צו פאר־שלייערען דעם אמת'ן געדאנק פון ציוניזם, און דער דאזיגער פאראגראף האט זיך אונגעפעהר אזוי געלייענט:

„היות ווי מיר שטעהען איצט פאר א גוואלדיגער היסטארישער באדייטונג בנוגע צו ארץ־ישראל, די שרעקליכע וועלט־מלחמה (דאס איז געשריבען געווארען נאך אין מיטען פון דער מלחמה און נאך פאר דער באלפור דעקלאראציע) וועט זיך דאך מן־הסתם באלד ענדי־גען, און בלי ספק וועט זי פיהרען צום רעזולטאט, אז די פאליטישע בילד פון דער וועלט וועט זיך ענדערען; און בעת אלע נאציאנען וועלען דערלאנגען זייערע תביעות צום צוקינפטיגען פרידענס־קאנ־פערענץ, זאל אויך דאס אידישע פאלק אין דעם דאזיגען גרויסען היסטארישען מאמענט—אפשר איינער פון די גרעסטע און העכסטע אין דער מענשליכער געשיכטע—ארויסשטעלען זיינע היסטארישע פא־דערונגען אויף ארץ־ישראל, וועלכע טיטום הרשע האט ביי אונז מיט געוואלד אפגענומען, און פון וועלכער מיר האבען זיך קיינמאל ניט מיאש געווען. אין אונזערע תפלות און מנהגים האבען מיר שטענדיג אויסגעדריקט אונזער ליעבע צו ציון און אונזער האפענונג צוריק־צוקעהרען נאך אונזער פאטערלאנד, און אין דער לעצטער צייט האט זיך אונזער הייסער וואונש אויך אויסגעדריקט אין א ממשות'דיגע קאלאניזאציע.

ובכן ליעגט אויף אונז א חוב זיך צו אינטערעסירען און ווי ווייט מעגליך צו שטיצען דעם איצטיגען ישוב אין ארץ־ישראל, כדי צו ווייזען דער וועלט, אז מיר באטראכטען נאך היינט ארץ־ישראל פאר אונזער צוקונפטיגער היים, און אזוי ווייטער ארבייטען פאר'ן היילינגען רעיון, ביז עס וועט קומען די גליקליכע צייט און עס וועלען

מקוים ווערן די יעודים פון אונזערע נביאים, ודבר אלקינו צור ישראל וגואלו יקום לעולם".

דורכקוקענדיג דעם דאָזיגען פּאַראַגראַף האָט דער מהרש"ב באַ־מערקט, אַז ער פאַרשטעהט, דאָס מען וויל דאָ אַריינ־גנב׳ענען דעם ציוניזם, וואָס ער קען בשום אופן ניט מסכים זיין און פאַרלאַנגט מען זאָל דאָס אינגאַנצען אויסשטרייכען. אויס טאַקטישע גרינדע, און אויך צוליעב אונזער אינערליכער איבערצייגונג, האָבען מיר ניט געקענט פּועל׳ן ביי זיך, אַז אין דער פּראָגראַם פאַר דער אידישער אויטאָנאָמיע זאָל ניט דערמאָנט ווערען אונזער צוקינפטיגע אידישע היים, און מיר האָבען זיך געמוזט פונאַנדערגעהן.

באַלד דערויף האָט דער מהרש"ב גערופען צו זיך איינינע פון זיינע נאָהענטע מקורבים אין פּעטערבורג און געגרינדעט אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע, אונטער׳ן נאָמען „שלומי אמוני ישראל". ער האָט צושיקט צירקולאַרען צו אַלע זיינע חסידים, אַז מען זאָל אין יעדער שטאָדט בילדען אַ לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פון די „בעזפּאַרטיינע" אי־דען און אַנווענדען אַלע כחות, אַז די לינקע פּאַרטייען זאָלען ניט פאַר־כאַפּען די ממשלה איבער די ניי אָרגאַניזירטע קהלות. אין די שטעדט וואו די חסידים האָבען אַ זיכערע מאַיאָריטעט, זאָלען זיי אויפשטעלען אייגענע קאַנדידאַטען אויף די בחירות צום אידישען קאָנגרעס אוי צו דער קהלה, און וועו ניט — זאָלען זיי זיך פאַראייניגען מיט׳ן „נצח ישראל" אָדער מיט אַן אַנדער עולם׳ישע אָרטאָדאָקסישע פראַקציע. אינ־טערעסאַנט איז זיין באַמערקונג צום דאָזיגען צירקולאַר, אַז היות ווי מען איז יעצט באַפרייט געוואָרען פון פינסטערען רוסישען גלות, ליגט אַ דאָפּעלטער חוב אויף דעם רוסישען יודענטום צו פאַרשטאַרקען דעם לימוד התורה, זיך באַציהענדיג אויף צוויי היסטאָרישע פאַקטען: בעת מען איז אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות מצרים האָט מען תיכף נעגעבען די תורה, ווי עס איז נאָך פריהער אָנגעזאָגט געוואָרען „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים", און דאָס אייגענע האָט אויך געטהאָן עזרא נאָכ׳ן גלות בבל.

דער צענטער פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע איז געווען אין פּעטערבורג. אַז דער שפּיץ זיינען געשטאַנען באַוואוסטע חסיד׳ישע גבירים, און פון לייטענס וועגען האָט מען אויך צוגענומען אַ פּאָר חסיד׳ישע משכילים, צו פיהרען די ביזנעס אין אַ מאָדערנער הנהגה. די דאָזיגע משכילים האָבען טאַקע, נאָכטהוענדיג די אַנדערע פּאַרטייען, פאַררופען אַ קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג, אָבער ניט אין דער חסיד׳ישער שטיבעל, ווי געוועהנליך, נאָר גענומען דערצו איינעם פון די פּעטערבורגער גרעסטע זאַלען און נאָכגעמאַכט אַלצדינג במתוקנים שבהם, מיט אַ טריבונע און מיט אַ רעדנער־טיש, מיט אַ פּרעסע־טיש

און מיט די גאַנצע קלאַפּער־געצייג, און אויך ניט פאַרגעסן איינצו־לאַדן אַלס עהרענגעסט דאַס קאָמיטע פון זייער שוועסטער־אָרגאַני־זאַציע, „נצח ישראל".

שפּעטער, מיט׳ן הסכם פון מהרש״ב, האָט זיך די דאָזיגע אָרגאַ־ניזאַציע פאַראייניגט מיט די ביידע אָרטהאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס: „נצח ישראל" פון פּעטערבורג און „מסרת וחירות" פון מאָסקווא, און עס איז געשאַפן געוואָרען די פּאַרטיי „אחדות", וועלכע האָט באַקומען, כמעט אין אַלע שטעדט די מאַיאָריטעט, סיי ביי די בחירות צו די קהלות און סיי ביי די בחירות צום רוסלענדישען אידישען קאָנגרעס.

די טראַדיציע פון די חבד׳ער חסידים, צו פאַרשפּרייטען דעם לימוד התורה און צו פאַראייניגען תורת־הנגלה מיט תורת־הנסתר, האָט דער מהרש״ב מעהר אָנגעהאַלטען ווי די אַנדערע רביים. אמת, זיין זיידע, רבי מענדעלי, דער צמח־צדק, און זיין פאָטער רבי שמואל׳קע האָבען אין זייער צייט אויך געזוכט צו גרינדען חסידישע ישיבות, וואו עס זאָל געלערענט ווערען אחוץ ש״ס ופוסקים, אויך „תניא" און „לקוטי תורה", אָבער עס זיינען אַוועק צעהנדליגער יאָהרען און זיי האָבען דאָס ניט געהאַט בכח דורכצופיהרען. דערווייל האָבען געמוזט די חסיד׳ישע בחורים, ווילענדיג אדער ניט־ווילענדיג, פאָהרען לערנען אין די עולם׳שע ישיבות: אין דער טרוקענער מתנגד׳ישער שור־שנגח־את־הפרה׳דיגער וואָלאָזין; אין דער אומעטיגער לשיטתות׳דיגער סלאָ־באָדקא; אין דער קצות׳דיגער, נתיבות׳דיגער טעלז און אין דער האַלב־ציוניסטישער האַלב־השכלה׳דיגער לידא און דערגלייכען. דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז זיי זיינען פון דאָרטען צוריקגעקומען טרוקענע ראַציאָנאַליסטען, און אין שפּעטערע יאָהרען, אויך איבערגעגעבענע ציוניסטען, באופן אַז די חסיד׳ישע מעטאַפיזיק האָט צו זיי שוין ניט מעהר געקלעפּט, און די חסיד׳ישע וועלט האָט יאָהר־איין יאָהר־אויס פאַרלאָרען איהרע בעסטע אינטעלעקטועלע כחות.

דער מהרש״ב האָט, באַלד ווי ער האָט באַטראָטען זיין פאָטער׳ס אָרט, זיך גענומען פאַר זיין לעבענסאויפגאַבע צו גרינדען חסיד׳ישע ישיבות, וואו עס זאָלען געלערענט ווערען, ווי אין אַלע עולם׳שע ישיבות, ש״ס און פּוסקים, אָבער אויך חסידות אַ פּאָר שעה אין טאָג. אין יאָהר תרנ״ח האָט ער געעפענט די ערשטע ישיבה אין ליובאַוויטש, נאָכדעם ווי ער האָט פריהער איהר פאַרזאָרגט מיט די נויטיגע מיטעל אויפ־צוהאַלטען איהר עקזיסטענץ, און צוגעגרייט ראשי־ישיבות גדולי תורה, האָט ער באַלד דאַרויף געגרינדעט נאָך קלענערע ישיבות: אין זעבין, דאָקליץ, שצעדרין און סטאַראָדוב — אַלע אונטער׳ן נאָמען „תומכי תמימים".

די ליובאַוויטשער ישיבה איז מיט דער צייט גרויס אויסגעוואַקסען און פאַר דער מלחמה האָט דערגרייכט די צאָהל תלמידים ביז פיער הונדערט, און האָט אַרויסגעגעבען גרויסע לומדים, וועלכע שפּילען היינט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער רבני׳שער וועלט. געפונען האָט זיך די ישיבה אין אַ גרויסען שעהנעם בנין, מיט לופטיגע חדרים, מיט אַן אייגענער קיך און מיט אַ גרויסען שפּייז־זאַל, וואו די ישיבה־לייט פלעגען עסען זייערע מאָלצייטען און זיך פאַרוויילען אין דער פרייער צייט, און די פאַרוויילונג איז באַשטאַנען אין דערצעהלען חסיד׳ישע מעשיות און אין זינגען טראַדיציאָנעלע נגונים. דער בודזשעט האָט באַטראָפען קרוב צו זעכציג טויזענד רובעל אַ יאָהר, וואָס פלעגט גע־שאַפען ווערען טהיילווייז דורך שד״רים און טהיילווייז פון יחיד׳ישע נדבות, וואָס פלעגען געשיקט ווערען דירעקט צום מהרש״ב. דער הויפּט־מנהל איז געווען דעם מהרש״ב׳ס בן יחיד, רבי יוסף יצחק (דער איצטיגער רבי), וועלכער פלעגט יעדען טאָג שעה׳ן־לאַנג צוברענגען אין דער ישיבה. דער מהרש״ב אליין האָט אויך כמעט זיין גאַנצע צייט אָפּגעגעבען פאַר דעם דאָזיגען אינסטיטוט, געקענט יעדען בחור באַזונדער און אויך געזאָרגט פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען געענדיגט זייערע לימודים, אַז זיי זאָלען באַקומען שטעלעס פאַר רבנים אָדער דוכאָוונע פאַסטענס.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז די גאַנצע הנהגה איז געווען אָוועקגעשטעלט אויפ׳ן עכט־מאָדערנעם אופן, נאָכ׳ן לעצטען וואָרט פון דער קאַנצעלאַרסקער אָרדנונג. עס האָט זיך געפיהרט אַ מוסטערהאַפטע בוכהאַלטעריע (דער בוכהאַלטער איז גראַד געווען מיינער אַ תלמיד), אויך זשורנאַלען וואו מען פלעגט פאַרצייכענען די מאַרקס און די הנהגה פון יעדען תלמיד. נאָך אינטערעסאַנטער איז, אַז די דאָזיגע חסיד׳ישע ישיבה האָט אַרויסגעגעבען, אַ פאָר יאָהר נאָכאַנאַנד, אַ וועכענטליכען זשורנאַל, אין אַ שעהנעם מאָדערנעם העברעאיש! די רעדאַקציע איז געווען אין רבינ׳ס הויז, געדרוקט האָט עס זיך אין פּעטערבורג אויף אַ גוטען ווייסען פּאַפּיר און געפונען האָט זיך אין איהם מכל־טוב: שירים, ספּורים, מאמרים, שיחת־חולין, חידות וכדומה. די מיטאַרבייטער זיינען געווען די אייגענע בחורים פון דער ישיבה, וואָס מאַנכע פון זיי פאַרנעהמען היינט אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ אין דער שרייבערישער וועלט. אמת, דער דאָזיגער זשורנאַל האָט געהאַט אַ געוויסע טענדענץ, צו פאַרשפּרייטען צווישען דער יוגענד יראת שמים און אמונת צדיקים, אָבער דאָס מערקווירדיגסטע איז דערביי, וואָס כדי צו דערגרייכען דעם ציעל, האָט מען זיך געמוזט באַנוצען מיט השכלה׳שע איינריכטונגען...

ליידער האט די וועלט־מלחמה געבראכט א חורבן אויף די אלע ישיבות, אויף וועלכע דער מהרש״ב האט אזויפיל כחות אוועקגעלעגט זיי צו גרינדען. באלד אין אנפאנג פון דער מלחמה האט דער מהרש״ב פארלאזען ליובאוויטש און זיך באזעצט אין אריאל, און אזוי לאנג ווי דער דייטש האט נאך ניט געהאט אקופירט ווייס־רוסלאנד, האט דער מהרש״ב נאך געהאט די מעגליכקייט צו שטיצען די ישיבות מעהר אדער וועניג. דערנאך אבער, בעת ער איז שוין אינגאנצען אפגעריסען געווארען פון זיין היים, זיינען די ישיבות כמעט אונטער־געגאנגען. די בחורים וואס האבען זיך ארויסגעראטעוועט פון ליובא־וויטש האט דער מהרש״ב געבראכט קיין קרעמענטשוג און דארטען צוריק אויפגעשטעלט די צובראכענע ישיבה, וועלכע איז אויסגעהאלטען געווארען פון אייניגע חסיד׳ישע גבירים, ווי: פערסיץ, טרייניז, גור־אריה, מאנעסזאן און אנדערע. בעת דער מהרש״ב איז שפעטער אריבער קיין ראסטאוו, האט ער די ישיבה אריבערגעפיהרט אהין און ניט קוקענדיג אויף די דאמאלסדיגע שווערע לעבענסבאדינגונגען און אויף די פארפאלגונגען מצד די יעווסעקצעס, האט ער נאך אלץ מיט די לעצטע כחות אנגעהאלטען דעם עקזיסטענץ פון דער ישיבה.

זיצענדיג אין ראסטאוו האט ער זיך דערוואוסט ,אז אין גרוזיען געפינען זיך א סך אידען, וואס זיינען פון דער נאטור אמת׳ע יראי־שמים׳ניקעס, אבער די עמי־הארצות איז ביי זיי שרעקליך גרויס. ניט פיעל געקלעהרט און אוועקגעשיקט אהין זיינעם א תלמיד, דעם ראַ־קישקער רב, רבי שמואל לעוויטאן, אן ענערגישער און פעהיגער יונ־גערמאן, אום דארט צו גרינדען חדרים. די ערשטע פראבע האט ער געמאכט אין קוטאיס און געשאפען חדרים, וואו עס לערנען היינט איבער פיער הונדערט קינדער. אזוי ווי דער ערשטער עקספערימענט איז געלונגען, האט ער שפעטער אונטערגעשיקט קיין גרוזיע אייניגע פון זיינע בעסטע תלמידים און זיי האבען פארשפרייט איבער גאנץ גרוזיע א נעץ פון חדרים און ישיבות, וואס מיט דער צייט זיינען פון זיי ארויסגעוואקסען א רעכט־ביסעל לומדים, און זיינען דארטען פאר־בליבען אלס רבנים, מלמדים, שוחטים און סופרים

איך גלויב, אז ביי פיעלע וועט דאס געווים זיין א חידוש צו הערען, אז דער מהרש״ב איז געווען אין די לעצטע יאהרען א געגנער פון דער „אגודת ישראל״, כאטש ער איז געווען איינער פון די גרינ־דער. די אגודה איז געגרינדעט געווארען אין יאהר תרס״ז, מיט׳ן צוועק מחזק צו זיין תורה און אידישקייט. אזוי ווי עס זיינען אוועק יאהרען און די אגודה האט קיינע פאזיטיווע רעזולטאטען ניט גע־בראכט, נאר זיך געטומעלט און אריינגעלאזען זיך אין פאליטיק, ווי די אלע אנדערע ניט־ארטאדאקסישע פארטייען, איז דער מהרש״ב

ארוים אין יאָהר תרע"ג מיט אַן עפּענטליכער התנגדות צו דער אגודה. ער, אַלס ענערגישער מענש, האָט ליעב געהאַט מעשים און האָט ניט געקענט פאַרטראָגען די שטענדיגע פּוסטע דיספּוטען איבער אַקאַדע־מישע פראַגען; ובפרט אין דער צייט וואָס די פראַנקפורטער האָבען איבערגענומען די לייטונג, ניט שאַפענדיג פאַר דער גאַנצער צייט קיין איינציגע זאַך אויף צו פאַרשטאַרקען דעם לימוד התורה. אין דעם אייגענעם דרך געהט היינט אויך זיין זוהן, דער ממלא מקומו.

די שרעקליכע שחיטות אין אוקראינא אין די יאָהרען 1918—19, צוזאַמען מיט די רעליגיעזע רדיפות מצד די אידישע באָלשעוויקעס, האָבען זעהר שלעכט געווירקט אויף זיין געזונד. זיינע אָפּגעשוואַכטע כחות האָבען ניט געקענט אַריבערטראָגען זיין טיפוס־קראַנקהייט און איז געשטאָרבען אין חודש ניסן, אין יאָהר תר"פ, נאָך ניט זייענדיג קיין אַלטער מאַן, קוים צוויי־און־זעכציג יאָהר. אין זיין צוואה האָט ער אויפ־געפאָדערט זיין בן־יחיד, רבי יוסף יצחק, צו פאַרנעהמען זיין שטעל, און ווייטער פאָרטזעצען זיין אַרבייט, מרביץ תורה צו זיין.

באַלד ווי ער איז אַרויף אויפ'ן פאָטערס שטוהל, האָט דער יונגער רבי גלייך באַוויזען, אַז ער איז ראוי לאותה אצטלא. מיט גרויס מסירת נפש האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין כלל־אַרבייט, און ניט קוקענדיג אויף די שווערע לעבענס־באַדינגונגען אין רוסלאַנד און אויף די רדיפות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן מצד די יעווסעקציעס אויף שריט און טריט, האָט ער געזאָרגט, אַז די מוסדות התורה וואָס זיין פאָטער האָט געגרינדעט זאָלען קענען ווייטער עקזיסטירען. איך האָב גראַד געהאַט די געלעגענהייט צו לייענען כמעט אַלע זיינע בריעף וואָס זיינען געשיקט געוואָרען צו זיינע חסידים דאָ אין אַמעריקא, און האָב מיד ווירקליך געוואונדערט, וואו עס האָט זיך מיט אַמאָל גענומען ביי דעם דאָזיגען שטילען, עניוות'דיגען יונגענמאַן — ווי איך האָב איהם געקענט פון פּעטערבורג — אַזאַ פייערדיגע ענערגיע, אַזאַ העל־דישען אונטערנעהמונגס־גייסט. אין די זיבען יאָהר זייט ער איז גע־קרוינט געוואָרען אַלס רבי, האָט ער אַ רעכטען פּעקעל צרות דורכגעמאַכט, אָבער ניט אַכטענדיג דאַרויף האָט ער פאָרטגע־זעצט זיין הייליגע אַרבייט און עס איז איהם טאַקע געלונגען צוריק אויפצוריכטען דעם האַלב־צוזאַמענגעפאַלענעם בנין פונ'ם חב"ד'ער חסידיזם — דאָרטען אין רוסלאַנד, ווי דאָ אין אַמעריקא.

# רבי שמואל מאָהילעווער

געבאָרען אין גלובאָקי תקפ״ד, געשטאָרבען אין ביאַליסטאָק תרנ״ח.

רבי שמואל מאהילעווער האָט באזעסען אַלע גרויסע אייגענשאַפטען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ מנהיג־הדור, און געבענשט געווען מיט אַלע גייסטיגע און פיזישע מעלות. דען חוץ זיין גאונות איז ער אויך געווען אַ בעל שכל מיט אַ לאָגישען חריפ׳יי־שען מח, אַ חכם מחוכם אין הויות העולם, אַ שעהנער רעדנער, אַ גרויסער חוקר און האָט באזעסען אַ וועלטליכע בילדונג מיט אַ פּראַ־דוקטיווען פעדער. צו די אַלע מעלות האָט איהם די נאַטור באַשאַנקען מיט אַ שטאַטליכע פיגור, מיט אַ שעהנעם הדרת־פּנים, מיט אַ לאַנגען פּאַטריאַרכאַלען באָרד און אַ הויכען געוועלבטען שטערן. ועל כולם איז ער כל ימיו געווען אַ גביר, אין פאַרהעלטניס צו זיינע חברים רבנים, וואָס דאָס האָט פיעל בייגעטראָגען צו פאַרשטאַרקען זיין השפּעה, ניט זייענדיג אָפּהענגיג צו וועמען־עס־איז, און ניט צו ברויכען זאָרגען פאַר זיין חיונה.

רבי שמואל איז געבאָרען אין יאָהר תקפ״ד, אין דער קליין שטעד־טעל גלובאָקי (ווילנער גובערניע). ער שטאַמט פון אַ גרוים יחוס׳דיי־גער פאַמיליע, וואָס לויט דער פאַמיליע טראַדיציע, זיינען געווען די פריהעריגע צוויי־און־צוואַנציג דורות פאַר איהם לויטער רבנים אָדער בעלי־בתים גרויסע לומדים. זיין פאָטער איז געווען אַ זעהר באַ־דייטענדע פּערזאָן, אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ משכיל, געווען מפורסם אַלס אַ באַריהמטער מאַטעמאַטיקער, ניט געוואָלט אָננעהמען רבנות און פאַרבליבען כל ימיו אַ סוחר, נאָר אויף די עלטערע יאָהרען איז ער אָנגעקומען אַלס רב אין סאַלאַק (קאָוונער גובערניע). אין זיין גייסט האָט ער דערצויגען דעם קליינעם שמואל׳יקעל, וועלכער האָט צו דריי יאָהר שוין אָנגעהויבען אַרויסצייגען אונגעוועהנליכע פעהיג־קייטען און צו פיר יאָהר האָט ער שוין געלערנט חומש. ווען ער איז אַלט געוואָרען אַכט יאָהר האָט ער שוין געהאַט אַ רעכטע ידיעה אין גמרא און פוסקים און צו צעהן יאָהר איז ער שוין געקרוינט גע־וואָרען אין גאַנצען אומגעגענט מיט׳ן טיטול „גלובאָקער עלוי״. נאָך אַלס קינד האָט ער אַרויסגעצייגט געוואַלדיגע פעהיגקייטען פאַר מאַ־טעמאַטיק, פלעגט אויפלייזען די שווערסטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבען, און דער דאָזיגער כח איז ביי איהם נאָך פאַרבליבען אויך אין די עלטערע יאָהרען, ווי איך האָב מיך אַליין מעהרערע מאָל איבערצייגט,

בעת ער איז געווען אין ליבוי און האָב געהאַט מיט איהם שמועסען וועגען דער דאָזיגער וויסענשאַפט. צו פופצעהן יאָהר האָט ער חתונה געהאַט און איז אַנגעקומען אויף קעסט צו אַ רייכען שווער; גע־לערענט בהרחבה דריי יאָהר מיט גרויס התמדה, געוואָרען אַ בקי אין גאַנץ ש״ס און אַוועק נאָכהער קיין וואָלאָזין לערנען תורה אַלס „פרוש״. נאָר אַ קורצער צייט איז ער פאַרבליבען אין וואָלאָזין, באַלד באַקומען סמיכות פון ר׳ איצעלען און פון זיין איידים רבי אליעזר יצחק, און זיך גענומען צו מסחר, געהאַנדעלט אייניגע יאָהר מיט פלאַקס, אָבער דער מסחר איז ביי איהם שטענדיג געווען אַ נעבען־זאַך, דער עיקר איז געווען עוסק־צו־זיין אין לערנען תורה און אין שרייבען שאלות־ותשובות צו די גרעסטע גאונים פון יענער צייט. אין יאָהר תר״ח, בעת ער איז אַלט געווען פיער־און־צוואַנציג יאָהר, איז געשטאָרבען זיין שווער, וועלכער האָט איהם שטענדיג געשטיצט, און דאַדורך האָבען אָנגעהויבען זיינע עסקים שוואַכער צו ווערען, אַז ער האָט שוין קיין אַנדער מיטעל ניט געפונען ווי אָנצונעהמען אַ רבנות, און איז געוואָרען רב אין זיין געבורטס־שטעדטעל גלובאָקי. אַז ערד זעקס יאָהר האָט ער דאָרטען פאַרבראַכט אין אַ גערדיקטען שווערען לעבען, און זיין עקאָנאָמישער מצב האָט זיך ערשטע פאַר־בעסערט, בעת ער איז אַוועק פון גלובאָקי און איז אַנגעקומען אַלס רב אין שאַקי.

זיין אמת׳ע קאַריערע האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אין יאָהר תר״ד, בעת ער איז אַנגעקומען אַלס רב אין סובאַלק, אַלס נאָכפאָלגער פון גרויסען גאון רבי יחיאל העלער; ער האָט זיך באַלד ערוואָרבען גרויס פרסום ניט בלויז אַלס גאון התורה, נאָר אויך אַלס גרויסער עסקן־צבורי, וואָס זייענדיג ביז דאַמאָלט אַ רב אין קליינע שטעדטלאך האָט איהם געפעהלט די געלעגעהייט דערצו.

אין יענער צייט, אין אָנפאַנג פון די זעכציגער יאָהרען, האָט אויסגעבראָכען דער פוילישער אויפשטאַנד, וועלכער איז פון דער רוי־סישער רעגירונג מיט גרויס אכזריות ליקווידירט געוואָרען. אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלען דער מינדסטער חשד אַז ער האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות צום אויפשטאַנד, האָט מען איהם אָהן צערעמאָניעס אויפגעהאַנגען אָדער פאַרשיקט קיין סיביר. אויך הונדערטע אידען פון סובאַלקער גובערניע זיינען דורך פאַלשע מסירות אריינגעפאַלען אין די הענד פון די הענקערס. אַ דאַנק די השתדלות פון רבי שמואל׳ן, וועלכער האָט באַהערשט די רוסישע שפראַך, האָט ער שטענדיג מיט זיינע איינדרוקספולע רייד, באַגלייט מיט הייסע טרערען, געפונען חן אין די אויגען פון דער נאַטשאַלסטוואָ, און פיעל אידען זיינען ממש אַרונטערגענומען געוואָרען פון דער תליה.

איך וויל דא נור ברענגען איין כאראקטעריסטישען פאל: דוד א פאלשער מסירה האט מען פאראורטהיילט צום הענגען אייניגע פון די חשוב'סטע סובאלקער בעלי־בתים, וואס נאך יום־כפור האט דאס אורטייל געדארפט אויסגעפירט ווערען. ערב יום־כפור איז געגאנגען א דעלעגאציע, מיט'ן רב בראש, צום קאמאנדאנט איהם בעטען ער זאל ערלויבען די תפוסים צו קומען יום־כפור אין שוהל, אום צו פארברענגען דעם היילינען טאג מיט תפילות בעפאר מען פיהרט זיי צו דער תליה. דער קאמאנדאנט האט די דעלעגאציע ניט עמפפאנגען און אלע האבען זיך אומגעקעהרט אהיים, נאר דער רב איז פארבליבען, זיך איינגעבעטען ביי איינעם פון די אדיוטאנטען צו מעלדען דעם קאמאנדאנט, אז דער רב וויל מיט איהם ריידען אייניגע וויכטיגע ווערטער. קוים איז רבי שמואל אריין צום קאמאנדאנט, האט ער מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט הארצרייסענדע ווערטער געשווארען, אז די דאזיגע אידישע תפוסים זיינען אונשולדיג פאראורטהיילט געווארען און ליידען פון א שקר־בלבול. אזוי ווי ער האט ניט בכח צו ענדערען זייער גזר, בעט ער איהם אז מען זאל זיי כאטש ערלויבען צו קומען יום־כפור אין שוהל, און צוזאמען מיט זייערע אנדערע ברידער אויסגיסען זייערע הערצער פאר'ן ריכטער פון דער וועלט, בעפאר זיי געהען אוועק פון דער וועלט. די דאזיגע הארציגע רייד האבען ווייך געמאכט דאס הארץ פון קאמאנדאנט, וועלכער האט איהם געענטפערט, אז ער וואלט שוין יא מסכים געווען, אבער ווער גאראנטירט איהם אז זיי וועלען ניט אנטלויפען. „איך גאראנטיר אייך מיט מיין לעבען", האט דער רב אויסגעשריען, „זיי צוזשטעלען ווען מען וועט זיי רופען". מען האט די תפוסים ארויסגעלאזען איבער יום־כפור אויף די ערבות פון רב, אבער מען האט זיי שוין ניט מעהר צוריקגערופען. דער רב מיט זיינע איבערצייגענדע ווערטער האט געמאכט אזא איינדרוק אויפ'ן קאמאנדאנט, אז ער אליין האט שוין אנגעהויבען צו צווייפלען אין זייער שולדיגקייט און זיי געשאנקען דאס לעבען. דער אייגענער קאמאנדאנט האט שפעטער נאך פארגעשטעלט רבי שמואל'ן פאר די העכערע נאטשאלסטווא, אז ער פארדינט א מעדאל פאר זיין פאטריאטיזם, וועלכען ער האט טאקע באלד באקומען.

די צעהן־פופצעהן יאהר, פון אנפאנג די זעכציגער ביז אין מיטען פון די זיבעציגער יאהרען, זיינען ווירקליך געווען די בעסטע און שעהנסטע יאהרען, וועלכע אידען האבען ווען געהאט אין רוסלאנד. די ליבעראלע רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם צווייטען איז טאקע געווען די איינציגע רעגירונג, וועלכע האט ניט געשאפען קיינע נייע גזירות אויף אידען, ווי עס האבען זיך נוהג געווען אלע רעגירונגען פאר איהם און נאך איהם. די אידישע שתדלנים און כלל־טהוער זיינען

גנעזעסען כמעט אהן ארבייט, און די איינציגע פּראָבלעמע אויף דער אידישער גאַס איז באשטאַנען אין פאַרשפּרייטען השכלה און אין זוכעניש ווי צו דערנעהנטערן אידען צו גוים. אין דער אידישער פּרעסע, סיי די העברעאישע און סיי די רוסישע, האָט געפעהלט אַן אינהאַלט. דאַס אַרויסשלעפּען אידען פון בית־המדרש און זיי אַריינ־ברענגען אין שקאָלע און אַרונטעררייסען אַלעס וואָס איז הייליג געווען, זיינען אייגענטליך געווען די איינציגע מאָטיווען פון דער דאַמאָלסטי־גער בעלעטריסטיק און פּובליציסטיק. ווירקליך, אַ שטילע צייט דאַמאָלסט געווען, ניט געוואוסט: פון אַן עמיגראַציאָנס־פּראָגע, פון אַ גירוש־פּראָגע, פון אַ נומערוס־קלאַוזוס און אויך ניט פון אַן ארץ־ישראל פּראָגע. אַז עס עקזיסטירט איבערהויפּט אַן ארץ־ישראל אויף דער וועלט האָט מען געוואוסט, אָדער פון סידור אין שוהל, אָדער פון דער „רבי מאיר בעל נס"־פּושקע אין שטוב. רבנים כלל־טהוער זיינען נאָך בכלל געווען אין יענער צייט אַ יקר־המציאות, און די יעניגע רבנים, וועלכע האָבען געהאַט אַ חוש פאַר ליטעראַטור און פאַר גע־זעלשאַפטליכער ארבייט, האָבען ניט געהאַט קיין אָרגאַן וואו אויס־צודריקען זייערע מיינונגען און זייערע פּראָטעסטען געגען דער פאַל־שער השכלה, וועלכע פיהרט צו אַסימילאַציע און שמד, און אַזוי זיינען זיי געצוואונגען געווען צו באַשרענקען זייער טהעטיגקייט אויס־שליסליך אויף לאָקאַלע ענינים.

אויך רבי שמואל מאָהילעווער, דער עסקן־צבורי פאַר עקסעלאַנס, דער קאָכעדיגער איד מיט דער ברייטער האַרץ, פול מיט ליעבע צום פאָלק און צו דער טראַדיציע, האָט אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט די געלעגענהייט צו קענען ארבייטען פאַר'ן פאָלק. פאַר די אַכט יאָהר וואָס ער איז געווען רב אין סובאַלק, איז זיין כלל־ארבייט ניט אַריבער־געגאַנגען די גרעניצען פון זיין קהלה, זיך באַשרענקט אין אויסבעסערען דעם אָרטיגען חנוך און די פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען. ערשט מיט זיין אָנקומען אַלס רב אין דער שטאָדט ראַדאָם, אין יאָהר תרכ"ה, וואָס באַלד דאַרויף האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען די אָרטאָדאָקסישע צייטונג „הלבנון", האָט רבי שמואל געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זיינע כלל־ארבייט, וועלכע האָט זיך פון יאָהר צו יאָהר אַלץ מעהר ענט־וויקעלט, ביז ער האָט דערגרייכט צו ווערען אַ וויכטיגע היסטאָרישע פיגור.

אין דער ערשטער צייט פון זיין רבנות אין ראַדאָם, האָבען די דאָרטיגע חסידים, וועלכע האָבען געשטרעבט נאָך אַ פּויליש חסיד'י־שען רב, אַביסעל קרום געקוקט אויפ'ן ליטווישען גאון; אָבער נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך איבערצייגט פון זיינע ברענענדיגע יראת שמים, פון זיינע זעלטענע מדות און פון זיין גרויס גאונות, זיינען זיי געוואָרען

זיינע ווארימסטע אַנהענגער, און עס האָט שוין געהאַלטען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען געוואָלט איהם קרוינען צום „צדיק". רבי שמואל האָט אָבער ניט געוואָלט הערען דערפון, און וואָס מעהר ער האָט געזוכט זיך צו דערווייטערען פון די חסידים, זיינען זיי אַלץ מעהר און מעהר מקורב געוואָרען צו איהם. אום איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיי צו ווייזען אַז ער וויל ניט שפּילען די ראָלע פון א „גוטען אידען", האָט ער זיך באַנוצט מיט פאָלגענדען ראַדיקאַלען מיטעל: בעת די חסידים זיינען אַמאָל געזעסען ביי איהם אויף א „שלש סעודות" און געפּראַוועט די שטיק, ווי עס פיהרט זיך ביי די „גוטע אידען", האָט רבי שמואל אריינגערופען די רביצין, אַז זי זאָל זיך אויך זעצען ביים טיש. די חסידים האָבען דאָס באַטראַכט פאַר א גרויס פאַרברעכען געגען דער רבי'ישער טראַדיציע, אַז אַן אשה זאָל זיצען ביים שלש־סעודות־טיש, האָבען זיי זיך תיכף אויפגעהויבען און אַוועקגעגאַנגען און זיינען באַלד דערנאָך געוואָרען זיינע גרעסטע געגנער.

זייענדיג אין ראַדאָם האָט מיט איהם פּאַסירט א מאָדנער נס: ער האָט געוואונען צוואַנציג טויזענד רובעל אויף א לאָטערי צעטעל, וואָס זיין שוועסטער האָט איהם געשאָנקען. קורץ נאָכדעם האָט מיט איהם געטראָפען א צווייטער נס. שוין זייענדיג רייך האָט ער זיך פאַרגונען צו פאָהרען אויף א קור קיין באַד־עמס אין דייטשלאַנד, מיטנעהמענדיג מיט זיך א גרויסע סומע געלד. עס איז געקומען שבת האָט ער דאָס געלד פאַרשלאָסען אין א קאַסטען און דעם שליסעל האָט ער פאַרשלאָסען אין א צווייטען קאַסטען און דעם שליסעל דערפון האָט ער ערגעץ וואו באַהאַלטען און איז אַוועקגעגאַנגען דאַוונען. קומענדיג פון שוהל האָט ער געפונען אַז דער באַהאַלטענער שליסעל ליגט אויף זיין אָרט, זיך געזעצט עסען און געווען גאַנץ רוהיג. עס זיינען אָבער אַוועק איינינע שעה און זיין משרת, וועלכען ער האָט מיטגעבראַכט פון ראַדאָם, צייגט זיך ניט, איז ער געוואָרען אונרוהיג און עס איז אין איהם אריין א חשד. ער האָט נאָכגעזוכט און טאַקע געפונען, אַז דער משרת האָט ארויסגעגנב'עט זיין גאַנצעם געלד, ניט איבערלאָזענדיג פאַר איהם א פּרוטה אויף הוצאות. דער בעל־הבית פון דער אכסניא האָט געוואָלט לאָזען מעלדען דער פּאָליציי צו זוכען דעם גנב. רבי שמואל האָט אָבער ניט געוואָלט, ווייל עס איז שבת און מען טאָר ניט עוסק זיין אין געלד־ענינים און איז אַזוי פאַרבליבען א גאַנצען שבת רוהיג און זאָרגלאָז, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט. ביי די אַלע געסט פון דער אכסניא, וועלכע האָבען רבי שמואל'ן ניט געקענט, איז די גאַנצע מעשה געווען אויפפאַלענד, ערשטענס, ווי קען מען זיצען אַזוי רוהיג ביי אַזאַ אונגליק, און צווייטענס, ווי קומט א פּוילישער רב צו אַזאַ גרויסע סומע געלד, און זיי זיינען געקומען

צום באַשלום, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ טריק פון אַ פּוילישען שנאָ־רער צו דערוועקען רחמנות און אויסצונאַרען געלד פון די רייכע געסט. זיי האָבען אין דעם אַזוי ווייט געגלויבט, אַז עס האָט זיך ניט געפונען קיינער ווער עס זאָל איהם לייהען עפּעס געלד אויף דער טעגליכער הוצאה, ביז ער וועט באַקומען אַנדערע געלד פון דער היים. ער האָט טעלעגראַפירט צו דר. הילדעסהיימער קיין בערלין, אָבער ביז דאָס געלד איז געקומען פון בערלין, האָט ער זיך דאָרטען גראָד געטראָפען מיט׳ן באַנקיר האָראַדישץ פון ווילנא, וועלכער האָט איהם געליהען וויפיעל ער האָט געברויכט. אויפ׳ן צווייטען שבת, קומענדיג פון שוהל, האָט ער געפונען אַ נאַכריכט פון פּאָליציי־אַמט, אַז מען האָט געכאַפּט דעם גנב אין האַמבורג זיך־זעצענדיג אויף אַ שיף וואָס געהט קיין אַמעריקא און געפונען ביי איהם דאָס גאַנצע געלד.

אין יאָהר תרל״ב האָט רבי שמואל געצויגען אויף זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט מיט זיין מאמר „משא פּוילען״, וועלכער איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין דער דייטשער שפּראַך. אין דעם מאמר באַקלאָגט ער זיך אויף דעם פאַרנאַכלעסיגטען חנוך; אויף די פּאָר־אורטהיילען וואָס הערשען נאָך אין פּאָלק צו לערנען אַ מלאכה; אויף דער אונאָרדנונג פון דער הנהגה אין די קהלות אין גאַנץ פּוילען און צייגט אָן די וועגען ווי אַלעם אויסצובעסערען. נאָך אַ גרעסערן רושם האָט געמאַכט זיין סעריע אַרטיקלען, וועלכע האָט זיך אין דערזעלבער צייט געדרוקט אין „הלבנון״, אונטער דער קעפּעל „אושר האָדם״, וואו ער פיהרט אַ פּאָלעמיק מיטביידע עקסטרימען אין אידישען לעבען, מיט די אסימילירטע משכילים און מיט די אולטראַ־פאַנאַטיקער, און ווייזט אָן די שעדליכקייט פוןביידע צדדים. ער זוכט אין די מאמרים צו געפינען דעם מיטעל־וועג — ווי צו קענען פאַראייניגען תורה מיט חכמה, אמונה מיט השכלה, און בעט זיך רחמים ביי די רבנים און משכילים, אַז זיי זאָלען אַרבייטען האַנד אין האַנד פאַר׳ן וואָהל און בעסט פון געפּלאָגטען פּאָלק, וועלכער איז שוין אַזוי אויך גאַנץ גענוג אויסגעמוטשעט פון די פאַרפאָלגונגען מצד דער אויסערליכער וועלט.

די דאָזיגע מאמרים מיט זייער רייכען אינהאַלט און מיט זייער מאָדערנעם סטיל, האָבען אַרויסגערופען גרויס באַוואונדערונג אין אַלע אידישע קרייזען. אין יענער צייט איז נאָך געוועזען דאָס שרייבען גראַ־מאַטיקאַלישע לשון־קודש, אָהן בטלנות און אָהן מליצות — אַ מאָנאָפּאָל פון די משכילים, און דאָ קומט אָן עכט־אָרטאָדאָקסישער רב, דער רב פון ראַדאָם והגליל, און שרייבט אין אַ וואונדערבאַרען סטיל פּובלי־ציסטישע אַרטיקלען אין „הלבנון״ און אין „המגיד״, ציטירענדיג דערביי געדאַנקען פון געלעהרטע פון דער ניט־אידישער וועלט, און קעמפּפט מיט די משכילים מיט זייערע אייגענע וואָפען. ער האָט אויך **געצויגען**

אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון באראן יוזל גינצבורג, און בעת ער האט אין יאהר תרל״ג איינבארופען אן אספה פון די גרעסטע רבנים און כלל־טהוער אין רוסלאנד, וועגען וויכטיגע כלל־ענינים, האט ער אויך איינגעלאדען רבי שמואל׳ן. אויף דער דאזיגער אספה האט רבי שמואל א פיהרענדע ראלע געשפילט, און שטארק קריטיקירט דעם הנוך־פראגראם, וואס באראן גינצבורג מיט די משכילים האבען געוואלט ארויפצווינגען אויף דעם אידישען פאלק. ער האט פארגע־שטעלט זיינעם אן אייגענעם אויסגעארבייטען פראגראם, וועלכער איז אבער צוריקגעוויזען געווארען פון ביידע צדדים. פאר די אלטע רבנים, ניט קענענדיג די נייע צייט־שטרעמונגען, איז זיין פראגראם געווען צו פריי, און פאר די משכילים צו פאנאטיש, אז פון זיינע אלע פלענער צו ברענגען שלום און אחדות אין אידישען פאלק איז גארנישט גע־ווארען. קומענדיג צוריק פון פעטערבורג, פול מיט יאוש און ענטויי־שונג, האט ער אויסגעגאסען זיין אנגעוועהטאגט הארץ אין „הלבנון“, קלאגענדיג אויפ׳ן גייסטיגען חורבן אין אידישען לעבע.

רבי שמואל איז ווירקליך געווען פון די איינציגע רבנים אין זיין צייט, וואס האט געמערקט דאס אנקומען פון גרויסע שנויים אין אידישען לעבען; מיט הארצווייטאג צוגעזעהן ווי די השכלה־כוואליע, ברענגענדיג מיט זיך אסימילאציע און כפירה, האט שוין ארומגע־כאפט כמעט דאס גאנצע אידישע יוגענד און אז די סכנה פון „ואבדתם בגוים“ איז נאך קיינמאל אזוי שטארק ניט געווען, ווי אין יענער צייט — צום אנפאנג פון די זיבעציגער יאהרען. קעמפפען געגען דעם שטראם איז שוין ניט מעהר מעגליך געווען און די איינציגע רעטונג קען נאר זיין אין באגייסטערן די יוגענד פאר אן אידעאל, וואס זאל פארשטארקען זייער נאציאנאלען באוואוסטזיין, זיי צוריקברענגען אין אידישען לאגער, און דערמיט שאפען א הארמאניע אין אידישען צו־ריסענעם לעבען. אט די אידעע האט געבראכט רבי שמואל׳ן צום ציוניזם, און גראד האט זיך איהם געמאכט באלד די געלעגענהייט צו געבען דער אידעע א פראקטישען כאראקטער. אין יאהר תרל״ה האט דאס רוסישע יודענטום געפייערט משה מאנטעפיארע׳ס נייטציג־יעהר־ריגען געבורטסטאג, און אין אלע שטעדט האט מען געזאמעלט געלד פאר׳ן קרן „מזכרת משה“, אויף צו גרינדען אידישע קאלאניעס אין ארץ־ישראל אויף זיין נאמען. רבי שמואל האט זיך מיט זיין גאנצער ענערגיע ארייגעווארפען אין דער ארבייט פון אגיטירען און זאמלען געלד, און אזוי ווייטער געארבייט פאר דער אידעע פון „ישוב ארץ ישראל“, ביז דאס איז געווארען זיין לעבענס־אויפגאבע.

די פאגראמען אין רוסלאנד אין יאהר 1881, וואס באמת איז פאר־גלייך צו די שפעטערדיגע שרעקליכע פאגראמען אין די יאהרען 1903,

1905, 1919 און 1920, האָבען זיי אויסגעזעהן כמעט ווי א קינדער־שפּיל, האָבען זיי דאָך אין זייער צייט אויפגעטרייסעלט דאָס גאַנצע אידישע וועלט; אויפגעוועקט די אידיש־רוסישע אינטעליגענץ פון זייערע אַסימילאַטאָרישע חלומות, און אַרויסגערופען סימפּאַטיע און רחמנות ביי די אידישע מאַגנאַטען אין וועסט־אייראָפּא צו זייערע געפּלאָגטע אידישע ברידער פון אָסטען. קוים האָט מען דערהערט אין לאָנדאָן און אין פּאַריז, אַז טויזענדער פּליכטלינגע, אין גרויס שרעק און פּאַניק, האָבען פאַרלאָזען זייערע היימען און וואַלגערן זיך אַרום אין די גאַסען פון לעמבערג און בראָד, זוכענדיג א נייע היים, האָט תיכף באַראָן הירש געשיקט אַהין זיין פאַרטרעטער, וויניציאַני, און שמואל מאָנטאַגו (דער שפּעטערער לאָרד סווייטלינג) איז אַליין געקומען אין באַגלייטונג פון זיין סעקרעטער, דר. אשער. דער צוועק פון זייער קומען איז געווען צו פאַרזאָרגען די טויזענדער פליכטלינגע, וועלכע ווילען ניט מעהר צוריקגעהן קיין רוסלאַנד, מיט א געזיכערטער היים און באַשלאָסען צו שיקען אַלעמען קיין אַמעריקא. פון די רוסישע אידישע פיהרער איז קיינער ניט געקומען, וואַרשיינליך צוליעב פּאָליטישע סבות, נאָר רבי שמואל מאָהיליווער איז געווען דער איינציגער וועלכער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט גערעכענט און איז געקומען קיין בראָד, אין באַגלייטונג פון שאול פּינחס ראבינאָוויץ (שפ״ר), צו העלפען און צו טרייסטען די עלענדע און פאַרצווייפעלטע. אגב האָט ער געוואָלט אויסווירקען ביי די פאַרזאָרגער, אַז א טהייל פליכטלינגע זאָל מען שיקען קיין ארץ־ישראל און זיי געבען די מעגליכקייט דאָרטען צו קאָלאָניזירען אויפ׳ן לאַנד. אמת, עס איז איהם ניט געלונגען צו באַגייסטערען די מערב׳דיגע גדולים פאַר דער אידעע פון ישוב ארץ ישראל, און אפשר איז טאַקע ארץ־ישראל נאָך דאַמאָלסט ניט געווען מסוגל פאַר א מאַסען־אימיגראַציע, אָבער דאָך איז זיין אַרבייט ניט אינגאַנצען געווען אומזיסט. זיינע וואַרימע רייד, באַגלייט מיט הייסע טרעהרען, האָבען אַריינגעדרונגען טיעף אין די הערצער פון מאָנטאַגיו און דר. אשער, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען גרויסע אָנהענגער פון דער באַוועגונג און פיעל ביינעטראָגען צו געווינען דערפאַר דעם באַראָן עדמאָנד ראָטשילד.

בעת רבי שמואל האָט געהאַלטען אין אָפּפאָהרען פון לעמבערג, זיינען געקומען מאָנטאַגו און דר. אשער איהם באַגלייטען. מאָנטאַגו האָט איהם געוואָלט געבען פופציג פונט צושטייער אויף הוצאות, אָבער רבי שמואל האָט איהם צוריקגעוויזען און כמעט מיט כעס געזאָגט צו איהם:

„מיין הערר! ווער באַצאָהלט אייך פאַר די הוצאות?” און ער האָט זיך ניט באַרוהיגט ביז מאָנטאַגו האָט זיך פאַר איהם געמוזט

ענטשולדיגען. דר. אשער האט דארויף מיט רעכט באמערקט, אז רבי שמואל האט מיט זיין דאזיגע האנדלונג אויפגעהויבען דעם פרעס־טיזש פון די פוילישע רבנים, וואס די מערב׳דיגע גדולים קוקען אויף זיי ווי אויף שנארער. שפעטער, אין יאהר תרמ״ז, בעת מאנטאגו׳ן איז אויסגעקומען דורכצופאהרען ביאליסטאק, איז ער פארפאהרען דירעקט צו רבי שמואל׳ן און ביי איהם איינגעשטאנען עטליכע טעג, בעת זיינע באגלייטער האבען געוואוינט אין האטעל.

צוריקפאהרענדיג פון לעמבערג האט רבי שמואל אנגעהאלטען אין ווארשוי, און אגיטירט אין פארשידענע קרייזען, צו זאמלען געלד אויף גרינדען קאלאניעס אין ארץ־ישראל. אויף זיין איניציאטיווע איז דעמאלסט געגרינדעט געווארען אין ווארשוי די ערשטע חובבי־ציון אגודה, וואס מיט דער צייט איז פארשפרייט געווארען א נעץ מיט אגודות איבער גאנץ מזרח־ און מערב־אייראפא און אויך אין אמע־ריקא.

זייענדיג אין ווארשוי איז איהם געלונגען צו געווינען פאר דער באוועגונג צוויי פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע גאונים פון יענער צייט: רבי יוסף בער פון בריסק און רבי אליהו חיים פון לאדז, זאלען וועקען אין פאלק די ליעבע צו ארץ־ישראל, אז זיי זאלען זעהן צוזאמען מיט זיי ארויסגעלאזען א קול־קורא צו אלע רבנים, אז זיי צו גרינדען אין יעדער שטאדט אן אגודה, כאטש פון צעהן מענשען, צו זאמלען געלד פאר׳ן ישוב. מיט א צווייטען קול־קורא האבען זיי זיך געווענדעט צום אידישען פאלק, מיט דער בקשה זיך צוריקצוהאלטען פון פאהרען קיין אמעריקא, אין א לאנד וואו א איד שעהמט זיך צו זאגען אז ער איז א איד; אין א לאנד וואו עס הערשט הפקרות אין דת. מיט ווארימע ווערטער אפעלירען זיי צו אלעמען, וועמען די תורה און אידישקייט איז ליעב און טהייער, אז זיי זאלען בעסער בלייבען אין רוסלאנד, כאטש ביי טרוקען ברויט, און אפהיטען תורה און מצוות, איידער צו זוכען חלומות׳דיגע גליקען אין אמעריקא. אויב איינער וויל דורכאויס אוועק פון רוסלאנד, זאל ער שוין בעסער געהן קיין ארץ־ישראל, און זיי ענדיגען דעם קול־קורא מיט א פראגראם, ווי די עליה זאל צושטאנד קומען.

לאנג אבער זיינען די ביידע גאונים ניט פארבליבען אין דער באוועגונג. דערהערענדיג, אז די ערשטע עולים אין ארץ־ישראל זיינען סטודענטען, און פיהרען זיך ניט נאכ׳ן דרך־התורה, זיינען זיי צו־ריקגעטראטען. רבי שמואל איז אבער געבליבען אויף זיין פאסטען, ווי א געטרייער סאלדאט, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע התנגדות מצד זיינע חברים רבנים און אויף די קאלטקייט פון דעם רוב פונ׳ם אידישען פאלק. אבער אזוי ווי מיט ליידיגע הענט קען מען דאס לאנד ניט

בויען און ס׳איז נויטיג פיעל געלד דערצו. וואָס ביים בעסטען ווילען קענען די אגודות דאָך ניט שאַפען, האָט רבי שמואל באַשלאָסען זיך צו ווענדען פערזענליך צו אונזערע רייכע ברידער אין וועסטען.

זיין ערשטע רייזע האָט ער געמאַכט אין יאָהר תרמ״ב. צוערשט האָט ער באַזוכט די גרעסטע אידישע קהלות אין דייטשלאַנד, אָבער ליידער אָהן ערפאָלג. אומעטום האָט ער געפונען פאַרמאַכטע אויערען און פאַרשלאָסענע טירען. דאָס אייגענע איז געווען אין פאַריז. ער האָט פּרובירט זיך צו ווענדען צו דער חברה „כל ישראל חברים“, און, לאַ־די וואָס ער האָט פון איהר קיין שטיצע ניט באַקומען, האָט ער נאָך געקראָגען צו הערען אַ באַליידיגענדע מיינונג אויף דאָס רוסישע יודענטהום, אַז זיי זיינען אַ פאָלק פון קרעמער און ניט מסוגל פאַר לאַנד־אַרבייט. זיין לעצטע האָפנונג איז געווען אויף באַראָן גינצבורג, וואָס כאָטש ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין פאַריז, איז ער דאָך אַ רוסישער איד געווען און ווייסט בעסער די ביטערע אידישע לאַגע אין רוסלאַנד, ווי די פראַנצויזישע אידען. דער באַראָן האָט איהם טאַקע זעהר העפליך אויפגענומען, אָבער זיין בקשה, זיך צו פאַר־אינטערעסירען פאַר אַ אידישען ישוב אין ארץ־ישראל האָט ער צוריק־געוויזען, מיט דער מאָטיווירונג, אַז ער קען זיך ניט באַטהייליגען אין אַן אונטערנעהמונג וואָס איז פאַרבאָטען פון דער רוסישער רעגירונג.

דער דורכפאַל פון זיין נסיעה האָט ביי איהם אַרויסגערופען גרויס פאַרצווייפלונג. ער האָט אויסגעגאָסען זיין אָנגעוועהטאָגט האַרץ פאַר׳ן פאַריזער רב הכולל, רבי צדוק כהן, באַזונדערס זיך באַקלאָגט פאַר איהם אויפ׳ן אָפּזאָג פונ׳ם רוסישען באַראָן. דער פאַריזער רב האָט געזוכט איהם צו באַרוהיגען און דאַרויף באַמערקט, אַז דאָ אין פאַריז געפינט זיך אַ וואוילער אידישער יונגערמאַן, אויך אַ באַראָן, וועלכע האָט גרויס אינטערעסע פאַר אידישע ענינים. לאָמיר פּרובירען זיך ווענדען צו איהם. צוזאַמען מיט ר׳ מיכאל ערלאַנגער, דער דירעקטאָר פאַר ראָטשילד׳ס צדקה־ענינים, האָט זיך רבי צדוק כהן געווענדעט צום דאָזיגען יונגען באַראָן, וועלכער איז נאָך דאַמאָלסט ווייניג באַוואוסט געווען, און וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסען אַלס איינער פון די וויכטיגסטע פיגורען אין דער אידישער היסטאָריע, און דאָס איז באַראָן עדמונד ראָטשילד, באַוואוסט אונטער׳ן נאָמען „הנדיב הידוע“.

דער באַראָן האָט מסכים געווען צו עמפּפאַנגען דעם פּוילישען רב, און באַשטימט די אוידיענץ אויפ׳ן ערשטען טאָג סוכות. רבי שמואל האָט איהם געבעטען, ביים אָנהויב פונ׳ם געשפּרעך, אַז ער זאָל איהם ערלויבען אַלס רב, און בפרט אין אַזאַ היסטאָרישען מאָמענט, ווען עס דאַרף ענטשידען ווערען דער גורל פונ׳ם אידישען פאָלק און פון

ארץ־ישראל — אנצוהויבען מיט א פסוק פון דער תורה. עס שטעהט אין דער תורה, אז נאכדעם ווי גאָט האָט געהייסען משה'ן געהן קיין מצרים אויסלייזען די אידען, האָט ער זיך באַקלאָגט אז ער איז א כבד־פה און א כבד־לשון, ניט זייענדיג קיין גוטער רעדנער, און דאָך האָט גאָט איהם באַשטימט, ווייל די מיסיע פון משה'ן איז באמת באַשטאַנען ניט בלויז ארויסצונעהמען די אידען פון מצרים, נאָר אויך צו ברענגען זיי צום בארג סיני און געבען זיי א תורה. ווען משה וואָלט טאַקע געווען א בריליאַנטענער רעדנער — וואָס וואָלטען די שפּעטערדיגע דורות געזאָגט? אז די תורה איז ניט פון גאָט געגעבען, נאָר משה מיט זיין גרויס רעדנער טאַלאַנט האָט זיי איינגערעדט אָנ־צונעהמען זיין תורה. „דאָס אייגענע איז היינט מיט מיר" — האָט רבי שמואל פאָרטגעזעצט דעם שמועס — „דאָ אין אייער קאָנטאָר אויפ'ן שטול וואו איך זיץ איצט, זיינען בודאי פאַר מיר געזעסען רעכט פיעל פאַרטרעטער פון רעגירונגען און פון גרויסע פינאַנץ־אינסטיטוטען, קומענדיג אייך פאַראינטערעסירען אין פאַרשידענע אונטערנעהמונגען, ווי: פינאַנסירען אייזענבאַהנען, קאַנאַלען, קאָלאָ־ניעס און דערגלייכען. געוועהנליך קומט יעדער צו אייך מיט פאַרטיגע פּלענער, און מיט איבערצייגענדע ווערטער, אין א געשליפענער שפּראַך שטעלט מען אייך פאַר די גרויסע פּראָפיטען פון דער אונטערנעהמונג פאַר אייך און פאַר דער מענשהייט. און היינט קומט צו אייך א מענש אייך פאַרשלאָגען א וויכטיגע אונטערנעהמונג, ניט האָבענדיג קיין פּלאַן און ניט באַזיצענדיג קיין שפּראַך, ווי אייך צו שילדערן די וויכטיגקייט פון זיין מיסיע. דאָס איינציגע וואָס איך קען אייך פאַרזיכערען איז, אז אויב איהר ווענט באַשליסען — א זאַך וואָס איך צווייפעל ניט — צו אונטערנעהמען די וויכטיגע היסטאָרישע ארבייט פון באַזעצען אידען אין ארץ־ישראל, וועלען אַלע זיין איבערצייגט, אז איהר האָט זיך ניט געלאָזען הינרייסען פון שעהנע פראַזען, נאָר ממש ווייל דער ביטערער גורל פון אייערע געפּלאָגטע און פאַרפאַלגטע ברידער האָט ערוועקט דעם אידישען רחמנות אין אייער געפיהלפולען הארץ". און אזוי ריידענדיג האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט. דער באַראָן איז זעהר געריהרט געוואָרען פון די הארציגע ווערטער, און האָט אין א פריינד־ליכען טאָן נעענטפערט: „רבי אויב איהר ווילט נאָר איך זאָל געבען געלד צום דער דאָזיגער אונטערנעהמונג, זאָגט א סומע און איך גיב באַלד אָהן ישוב־הדעת, נאָר אויב איהם פאַרלאַנגט אויך מיין פּער־זענליכער אינטערעסע, מוזט איהר מיר געבען צייט צו באַזינען זיך".

דער באַראָן, באאיינפלוסט פון די פאָראורטהיילען ביי די מערב־אידען, אז די אָסט־אידען זיינען ניט פעהיג פאַר לאַנד־ארבייט, האָט פאָרגעשלאָגען רבי שמואל'ן, צו מאַכען דערווייל א פּראָבע מיט צעהן־

פופצעהן פאַמיליען. ער וועט קויפען פאַר זיי באָדען אין ארץ־ישראל און איינאָרדנען מיט אַלע מכשירים, און אויב די פּראָבע וועט גע־לינגען, איז ער גרייט צו נעהמען אין זיין האַנד די גאַנצע קאָלאָני־זאַציאָנס־ארבייט.

מיט פרייד און צופרידענהייט, פול מיט האָפנונגען, האָט רבי שמואל פאַרלאָזען פּאַריז. דער באַראָן האָט געשיקט צו איהם זיין פאַר־טרעטער מיכאל ערלאַנגער איהם ווינשען א גליקליכע רייזע און איהם איבערגעבען א סומע געלד, אַלס אַ מתנה פון באַראָן פאַר איהם אַליין. רבי שמואל האָט זיך אָבער ענטזאָגט צו נעהמען דאָס געלד, און אַז ערלאַנגער איז צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל ניט צוריקווייזען דעם באַראָנ׳ס מתנה, ווייל ער וועט זיך געפינען באַליידיגט, האָט איהם רבי שמואל מיט ווירדע געענטפערט: „גיט איבער דעם באַראָן אין מיין נאָמען, אַז פאַר מיר איז די גרעסטע מתנה וואָס איך האָב געוואונען זיין הארץ פאַר׳ן הייליגען ענין“. אויך רבי צדוק כהן האָט איהם געוואָלט געבען געלד אויף הוצאות, וואָס ער האָט אויך מיט דאַנק צוריקגעוויזען, און אין שפּאַס האָט ער, דער פּאַריזער רב, גע־מאַכט די ברכה „שהחיינו“ — ווייל עס פּאַסירט איהם צום ערשטען מאָל, אַז אַ רב פון די מזרח־מדינות זאָל זיך ענטזאָגען צו נעהמען געלד פון די פּאַריזער נדיבים.

באַגייסטערט פון גרויסען ערפאָלג וואָס רבי שמואל מאָהילעווער האָט געהאַט אין פּאַריז, צו קענען געווינען פאַר דער באַוועגונג פון ישוב ארץ ישראל אַזאַ וויכטיגע פּערזענליכקייט ווי באַראָן ראָטשילד — האָט ער פּרובירט נאָך אַמאָל זיך צו ווענדען צו די פּאַרשטאַפּטע הערצער פון די אידישע גבירים אין רוסלאַנד, און געדאַכט האָט ער, אַז אויב אפילו זיי האַלטען ניט פון רעיון, אפשר וועט זיך דאָך ביי זיי ערוועקען סתם אַ רחמנות אויף זייערע ברידער די קאָלאָניסטען, פלייש פון זייער פלייש, וואָס ליידען גרויס נויט. צוליעב דעם צוועק האָט ער ווידער אונטערנומען אַ רייזע איבער מעהרערע גרעסערע שטעדט אין רוסלאַנד און פּוילען, אָבער ליידער אָהן ערפאָלג. פאַר די מאָדערנע גבירים איז רבי שמואל געווען צופיעל פאַנאַטיקער, און האָבען ניט געוואָלט הערען פון אַ ישוב ארץ ישראל, וואָס שטעהט אונטער דער אפּיטרופּסות פון רבנים. אגב האָבען זיי געהאַט אַ פאַר־טיגען תירוץ, אַז זיי ווילען ניט קומען אין קאָנפליקט מיט דער רוסישער רעגירונג. פאַר די עקסטרים־פרומע איז רבי שמואל ווידער געווען צו מאָדערן, און אַזוי ווי עס האָט זיך געהערט, אַז די סטודענ־טישע קאָלאָניע „גדרה“ פיהרט זיך ניט נאָכ׳ן רוח התורה, האָבען זיי שוין געהאַט אַ גוטען תירוץ זיך אַרויסצודרעהען פון געבען געלד.

די איינציגע שטאָדט וואו ער האָט דאָך הצלחה געהאַט, איז געווען

ביאַליסטאָק. אַ שטאָדט מיט אַ סך פרומע משכילישע גבירים, און אויף זיין איניציאַטיווע איז דאָרטען געגרינדעט געוואָרען אַ קאָר־פּאָריישאָן מיט אַ גרויסען קאַפּיטאַל, אָפּצוקויפען אַ גרויס שטיק לאַנד, וואָס גרעניצט זיך מיט דער קאָלאָניע „פּתח־תקוה", און אַ דאַנק דעם האָט די קאָלאָניע, וועלכע איז אורשפּרינגליך גע־גרינדעט געוואָרען פון די בני ארץ־ישראל, און געהאַלטען ביים אונ־טערגעהן, ווידער אויפגעבליהט און איז נאָך עד היום איינע פון די מוסטער־קאָלאָניעס. דערהערענדיג אַז מען קלייבט זיך אין ביאַליסטאָק איהם אויפצונעהמען אַלס רב, האָט ער תיכף פאַרלאָזען די שטאָדט, אום ניט צו ציהען אויף זיך אַ חשד, אַז ער איז געקומען אהין וועגען אַ רבנות. ערשט שפּעטער, אין אַ האַלב יאָהר אַרום, איז ער מרוצה געוואָרען אָנצונעהמען די דאָרטיגע רבנות, און איז פאַרבליבען רב אין ביאַליסטאָק ביז צום ענד פון זיין לעבען.

בעפאָר ער האָט זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק, האָט ער נאָך דורכ־געפיהרט זיין פאַרשפּרעכען צום באַראָן ראָטשילד וועגען גרינדען אַ פאַרזוכס־קאָלאָניע פון פעהיגע קאָלאָניסטען. צוזאַמען מיט רבי מרדכי גימפּעל יאפע פון ראַזינאַי און ר׳ יחיאל בריל (דער רעדאַקטאָר פון „הלבנון") האָט ער אויסגעזוכט עלף פאַמיליעס פון די אידישע קאָלאָניסטען אין גראָדנער גובערניע און זיי אָוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל אויפ׳ן באַראָנ׳ס קאָסטען. דער פאַרזוך איז געלונגען און די מוסטערהאַפטע קאָלאָניע „עקרון" (שפּעטער „מזכרת בתיה", אויפ׳ן נאָמען פון באַראָנ׳ס מוטער) וואָס זיי האָבען געשאַפען, האָט פיעל בייגעטראָגען, אַז דער באַראָן זאָל נעהמען אונטער זיין שוץ אויך די אַנדערע קאָלאָניעס, אויף וועלכע ער האָט אין די ערשטע צוואַנציג יאָהר אויסגעגעבען אַן ערך פון הונדערט־מיליאָן פראַנק.

באַזוכענדיג פאַרשידענע שטעדט, איז רבי שמואל געקומען אויך קיין מינסק, צוזאַמענגערופען אַן אספה פון די דאָרטיגע גבירים און זיי מודיע געווען, אַז די אידישע גדולים אין די מערב־מדינות זיינען גרייט צו העלפען בויען דעם ישוב, בתנאי אַז די אידישע גבירים פון רוסלאַנד זאָלען אויך ניט שטעהן פון ווייטען. צווישען די פאַרזאַ־מעלטע איז אויך געווען דער באַוואוסטער אָרטאָדאָקסישער גביר ר׳ דוב באַמפּי (באַקאַנט דורך זיין גרויסער ביבליאָטהעק) וועלכער האָט געזוכט אָפּצושוואַכען רבי שמואל׳ס ווערטער דורך פאַרשידענע טענות אויפ׳ן ישוב, און אונטער אַנדערעס האָט ער געמאַכט די ניט־שעהנע באַמערקונג, אַז ס׳איז לייכטער צו בעטען געלד ווי צו געבען געלד. רבי שמואל האָט זיך געפונען פון דער באַמערקונג שטאַרק באַליידיגט און דאַרויף געענטפערט, אַז כאָטש זיין נאַטור איז זיך ניט צו ריהמען מיט זיינע גוטע מעשים פאַר׳ן ישוב, איז ער דאָך גע־

צוואונגען היינט עפענטליך צו ערקלעהרען, אז אַלע זיינע נסיעות אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד, וועלכע טרעפען אַן טויזענטער, מאַכט ער אויף זיינע אייגענע הוצאות, און אַ חוץ דעם איז זיין נדבה — פינף הונדערט רובעל — געווען די ערשטע נדבה. און בנוגע ר' בער'ס טענות אויף דעם עצם־ענין, וויל ער איהם דערצעהלען פון אַ דין־תורה, וואָס איז אַמאָל פאָרגעקומען פאַר איהם, בעת ער איז געווען רב אין ראַדאָם:

„עס זיינען געקומען צו מיר צוויי בעלי־דינים — אַ מלמד און אַ סוחר. דער מלמד טענה'ט, אז ער האָט געשיקט אויפ'ן סוחר'ס אַדרעס פינף־און־צוואַנציג רובעל פאַר זיין ווייב און ער האָט דאָס געלד איהר ניט אָפּגעגעבען, און דער אַנדערער טענה'ט, אז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען, ער האָט קיינמאָל קיין געלד פון איהם ניט באַ־קומען. קוים האָב איך אָנגעהויבען קלערען וועגען דעם ענין, ווי דער סוחר לויפט צו האַסטיג צום ארון־קודש, אין מיין בית־דין שטוב, כאַפּט אַרויס אַ ספר־תורה און שווערט אָפּ, אז ער האָט דאָס געלד ניט באַקומען, און תוך־כדי־דיבור נעהמט ער אַרויס פינף־און־צוואַנציג רובעל און דערלאַנגט דעם מלמד. אויף מיין פראַגע: ממה נפשך, האָט איהר געשוואָרען, זייט איהר דאָך פּטור צו באַצאָהלען און אויב איהר האָט געוואָלט באַצאָהלען, צו וואָס האָט איהר געשוואָרען? האָב איך פון איהם געקראָגען פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע תשובה: אויב ער וואָלט נאָר געשוואָרען אַליין און ניט באַצאָהלט האָט ער געקענט אויף זיך ציהען אַ חשד, אז ער האָט אפשר פאַלש געשוואָרען. ווידער ווען ער זאָל דאָ באַצאָהלען און ניט וועלען שווערען, וואָלט ער אויך געצויגען אויף זיך אַ חשד, אז איהם האָט זיך געוואָלט לכתחילה זיך אַרויסדרעהען. איצט אָבער, אז ער האָט אי געשוואָרען און אי באַ־צאָהלט, פאַלען שוין אַראָפּ אַלע חשדים. און דאָס אייגענע זאָג איך צו אייך, ר' בער: אויב איהר ווילט ניט האָבען אויף זיך קיין חשדים, טאָ ניט זשע פריהער געלד און דערנאָך קענט איהר זאָגען אייערע טענות...“

קומענדיג אַמאָל אין קאָוונאָ אין דער אַנגעלעגענהייט פון ישוב, האָט ער זיך צוערשט געזעהן מיט רבי יצחק אלחנן, וועלכער איז אויך געווען אַ פריינד פון דער באַוועגונג, אָפּגערעדט מיט איהם צו מאַכען אין זיין שטוב אַן אספה פון די קאָוונער חובבי ציון, און אז ער זאָל אויך פון זיין זייט זוכען משפיע צו זיין אויף דער אספה. אינדעסען האָט זיך דערפון דערוואוסט ר' יעקב ליפשיץ, אַ געשוואָרענער בעגנער פון ישוב, און איינגערעדט רבי יצחק אלחנן, אז ס'איז אַ סכנה צו לאָזען מאַכען אין זיין שטוב אַן אונגעזעצליכע אספה. אויף מאָרגען באַקומט רבי שמואל אַ צעטעלע פון רבי יצחק אלחנן, אז צוליעב אַ ניט פאָראויסגעזעהענע סיבה, קען די אספה ביי איהם ניט זיין. די

אספה איז פאַרגעקומען אין אן אנדער הויז און האָט קיינעם ניט געשאַדט. אויפ'ן אנדערן טאָג, און דאָס איז גראָד געווען ערב שבת, איז רבי יצחק אלחנן געקומען צו רבי שמואל'ן אין האָטעל איהם אפּשטאַטען א געגען־וויזיט און צוגלייך איהם איינלאַדען אויף שבת. רבי שמואל האָט אָבער די איינלאַדונג ניט אָנגענומען, באַמערקענדיג דערביי, אַז ווען ער וועט באַשטעלען אין האָטעל צו עסען שבת, איז ער זיכער, אַז ער וועט האָבען וואָס צו עסען, אָבער ווען ער וועט זיך פאַרלאָזען אויף איהם, דאַרף ער מורא האָבען טאָמער באַקומט ער נאָך האַרט פאַר שבת א צעטעלע פון איהם, אַז צוליעב א ניט־פאָראויסגעזעהענע סיבה קען דאָס עסען ניט שטאַטפינדען...

אין איינע פון זיינע נסיעות איבער די רוסישע שטעדט איז רבי שמואל געקומען קיין פּעטערבורג, און זיך געווענדעט צום באַראָן האַראַץ גינצבורג, איהם צו ערלויבען איינצורופען אין זיין הויז אַן אספה פון די דאָרטיגע נאַציאָנאַל־געזאָנענע אינטעליגענץ, וועגען ישוב ארץ ישראל. דער באַראָן, כאָטש זייענדיג אַן אויסגעשפּראָכענער געג־נער, האָט דאָך, צוליעב זיין גרויס רעספּעקט פאַר רבי שמואל'ן, וועלכער אָפּפערט זיך ממש פאַר'ן אידעאַל, איינגעוויליגט און אליין אויסגעשיקט די איינלאַדונגען. ער האָט אָבער בכיון איינגעלאַדען מעהרערע פאַרברענטע געגנער, און רבי שמואל האָט געהאַט אויסצו־שטעהן א שווערען קאַמפּף מיט זיי. אין מיטען דער דעבאַטע גיט איהם א פרעג פּראָפעסאָר באַקשט, ווי קומט עס צו אַן אָרטאָדאָקסישען רב צו וועלען היינטיגען טאָג ברענגען אידען קיין ארץ־ישראל, וואָס דאָס איז געגען דער אמונה פון משיח? דאָ איז רבי שמואל שוין אַרויס פון געדולד און אין אַן איראָנישען טאָן געענטפערט: „העררר פּראָפעסאָר, די דאגה פון משיח'ן לאָזט איבער צו מיר, וועלכער גלויבט אין דעם, אָבער צו אייך איז דער ענין בכלל ניט נוגע, פשוט, ווייל איהר האַלט דערפון ניט."

רבי שמואל האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז פון די אידישע פיהרער אין רוסלאַנד וועט די ישועה ניט קומען, האָט ער זיך גענומען צו די פאָלקסמאַסען. גראָד אין יאָהר תרמ"ה האָט די אידישע וועלט גע־פייערט משה מאָנטיפיאָרע„ס הונדערט־יעהריגען געבורטסטאָג, און רבי שמואל האָט אויסגענוצט די פייערליכע שטימונג אויף פּראָפּאַגאַנדע פאַר'ן רעיון פון ישוב ארץ־ישראל, אויף וועלכען מאָנטיפיאָרע האָט אָפּגעגעבען פיעל געלד און כחות. זיינע בילדער זיינען פאַרקויפט גע־וואָרען אין די צעהנדליגער טויזענטער און מיט דעם געלד האָט מען געשטיצט די נייע קאָלאָניעס.

אין דעם אייגענעם יאָהר, איז אויף דער איניציאַטיווע פון רבי שמואל מאָהיליווער, צוזאַמען מיט דר. פּינסקער, איינגערופען געוואָרען

אין קאַטאָוויץ (אַ דייטשע שטאָדט נעבען רוסישען גרענעץ) אַ קאָנ־פערענץ פון די חובבי־ציון פיהרער, אום צו שאַפען אַן איינהייטליכע אַרבייט צווישען די צושפּרייטע אגודות. אַבער אַזוי ווי עס איז ניט מעגליך געווען, צוליעב די רוסישע געזעצען, צו פאַרעפענטליכען די באַשלוסען פון דער קאָנפערענץ, האָט דער צוזאַמענפאָהר ניט דער־גרייכט זיין צוועק, און דער סעפּעראַטיזם אין דעם לעבען פון די אגודות איז פאַרבליבען ווי פריהער; דאָס צונויפגעזאַמעלטע געלד פלעגט בלייבען ליגען אַ לענגערע צייט ביי די פאַרשטעהער פון די אגודות, ניט זייענדיג אינפאָרמירט וואוהין צו שיקען. בינו לבינו האָבען די קאָלאָניסטען געליטען גרויס נויט און געקומען אין אַ פאַר־צווייפעלטער לאַגע, אַז רבי שמואל האָט געפונען פאַר נויטיג צו אונ־טערנעהמען אַ צווייטע רייזע קיין פּאַריז, באַזוכט נאָך אַמאָל דעם „נדיב הידוע“ און גע׳פּועל׳ט ביי איהם, ער זאָל נעהמען אונטער זיין שוץ די קאָלאָניעס ראשון לציון, זכרון יעקב, ראש פּנה און יסוד המעלה, וועלכע האָבען ממש געהאַלטען ביים אונטערגעהן.

קומענדיג צוריק פון פּאַריז האָט רבי שמואל געפונען אַ נייע צרה, אַ מין „קולטור־קאַמפּף“ צווישען ווארשוי און אָדעס. אויפ׳ן קאַטאָ־וויצער קאָנפערענץ איז באַשלאָסען געוואָרען, כדי יוצא צו זיין, אי פאַר די חרדים און אי פאַר די מאָדערנע, צו שאַפען צוויי אונאָבהענגיגע צענטרען, איינע אין אָדעס מיט ליליענבלום אַלס סעקרעטער און דעם צווייטען אין ווארשוי, מיט שפ״ר׳ן אַלס סעקרעטער. עס האָבען זיך אָנגעהויבען רייבונגען צווישען די ביידע געגענגעזעצטע ריכטונגען. די ווארשויער לייטונג האָט פּראָטעסטירט געגען די אָדעסער, פאַרוואָס זי רעכענט זיך ניט מיט די געפיהלען פון די פרומע, און אין גיבען שטיצע באַפאָרצוגט זי שטענדיג די ניט־פרומע קאָלאָניע „גדרה“ — געגען דער פרומער „פּתח תקוה“. אָדעס האָט ווידער גע׳טענה׳ט, אַז ווארשוי, אונטער דער השפּעה פון רבי שמואל מאָהיליוועער, זוכט ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסצולעגען אויף דער באַוועגונג אַ רעליגיע־זען שטעמפּעל. די דאָזיגע קאָנפליקטען האָבען געשטעלט אין סכנה די גאַנצע באַוועגונג, און רבי שמואל האָט געפונען פאַר נויטיג איינ־צורופען, אין יאָהר תרמ״ז, אַ צווייטע קאָנפערענץ אין דרוזגעניק.

ערשט אויפ׳ן קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי ווייט די מיינונגען געהען זיך פאַנאַנדער. די רבנים האָבען געפאָדערט די רע־זיגנאַציע פון דר. פּינסקער, צוזאַמען מיט זיין סעקרעטער, דער מחבר פון „חטאת נעורים“; אַז מען זאָל אויפהערען אין גאַנצען צו שטיצען די קאָלאָניסטען פון „גדרה“, ביז זיי וועלען חוזר בתשובה זיין, און אַז מען זאָל בכלל די גאַנצע לייטונג איבערגעבען צו אָרטאָדאָקסישע פיהרער. די משכילים, דאַגעגען, האָבען פאַרלאַנגט, אַפּצושאַפען דעם

ווארשויער צענטער, צוזאמען מיט רבי שמואל מאהילעווערס השפעה, און אויב ניט, וועלען זיי אליין בויען ארץ־ישראל, אהן די באטהייליגונג פון דער ארטאדאקסי. די לאגע איז געווארען שרעקליך ערנסט. די ביידע צדדים זיינען געשטאנען איינער געגען צווייטען ווי די ביטערסטע שונאים, נאר א דאנק דער גרויסער איבערגעבענהייט צום הייליגען רעיון מצד ביידע פיהרער, רבי שמואל מאהילעווער און דר. פינסקער, איז דער קאנפליקט איינגעשטעלט געווארען אויפ'ן פרידליכסטען אופן. אדעס איז פארבליבען אלס איינציגער מרכז, אונטער דער פיהרערשאפט פון פינסקער און ליליענבלום, נאר עס איז צו זיי צוגעגעבען געווארען נאך פינף גבאים יועצים: רבי שמואל מאהילעווער, דער נצי"ב פון וואלאזין, רבי מרדכי עליאסבערג, שמואל יוסף פין און מאיר פריידענבערג פון מאסקווא, בתנאי אז עס זאל קיין וויכטיגער ענין ניט געטהאן ווערען אהן זייער צושטימונג. איך ערינער מיך, ווי אין מיטען קאנפערענץ האבען מיר, ליבויער חובבי־ציון, באקומען א טעלעגראם פון אונזער דעלעגאט, הרב דר. הלל קליין, מיט אן אנפראגע, וועלכע שטעלונג ער זאל נעהמען צום קאנפליקט. אונזער ענטפער איז געווען: „בקש שלום ורדפהו".

אפגעמאטערט און אנגעגריפען פון דער דרוזגעניקער אספה איז רבי שמואל מאהילעווער געקומען קיין ליבוי זיך אפצורוהען און איז פארבליבען איבער'ן גאנצען זומער. זיינע נערווען זיינען געווען שטארק אנגעגריפען און דאקטוירים האבען איהם פארארדערט ים־לופט און שטרענגע רוהע. אבער ניט אזא ענערגישע נאטור ווי רבי שמואל'ס האט געקענט אין יענער צייט רוהען, בעת דער עקזיסטענץ פון די ניי־געשאפענע קאלאניעס אין ארץ־ישראל האבען זיך געהאלטען אויף משקולות; בעת אין לעבען פון די אגודות האט געהערשט א שרעקליכער תהו ובהו און דאס ביסעל געלד וואס די אגודות פלעגען צונויפקלייבען האט זיך שטענדיג געוואלגערט אין פארשידענע שטעדט, ניט האבענדיג א באשטימטען צענטער וואוהין עס אפצושיקען. באלד ווי רבי שמואל איז געקומען צו אונז האט ער אויסגעדריקט זיין פארלאנג, איינצולאדען קיין ליבוי זיין חבר רבי מרדכי עליאסבערג פון בויסק, זיך מיט איהם מישב צו זיין, ווי צו פארבעסערען די לאגע. מיר האבען תיכף דערפילט זיין רצון, און רבי מרדכי איז געווען מיין גאסט פאר דער גאנצער צייט. די ביידע רבנים פלעגען זיצען צוזאמען גאנצע טעג זוכענדיג פלענער, און זעהר אפט צוגעצויגען צום ישוב־הדעת אויך די פיהרער פון די ליבויער חובבי־ציון. אזוי זיצענדיג אמאל צוזאמען, האט איינער פון אונז מציע געווען, אז עס וואלט אפשר געווען א פלאן, אויף צו פארבעסערען די הכנסה, אז די ביידע

רבנים זאָלען ארויסגעהן מיט א קול־קורא צו אַלע קהלות, צו שטעלען קערות ערב יום כפור אין אַלע בתי־תפלה פאַר ישוב ארץ ישראל.

די רבנים האָבען תיכף מסכים געווען, בתנאי, אז די ליבוי־ער חובבים זאָלען אויף זיך איבערנעהמען דורכצופיהרען די שווערע טעכ־נישע אַרבייט, וואס איז דערמיט פאַרבונדען. באַלד אויפ׳ן אָרט האָט מען איבערגעגעבען צו מיר און צו מיין חבר ליב מעלצער, אויפצו־זעצען דעם נוסח פון קול־קורא, וועלכער נוסח איז פאַרבליבען אונ־געענדערט פאַר א משך פון איבער דרייסיג יאָהר. אַזוי ווי איך האַלט דעם דאָזיגען „קול־קורא" פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע דאָקומענ־טען פון דער אַמאָליגער חבת ציון, וועלכער האָט, אגב, אריינגעבראַכט ביז צו דער וועלט־מלחמה קרוב צו דריי פערטעל מיליאָן רובעל, געפין איך פאַר אינטערעסאַנט איהם איבערצוגעבען בכתבו ובלשונו:

„לאחינו היקרים והנכבדים, דורשי שלום ציון ומצפים לבנינה במקומותיכם למושבותיכם רב שלום.

„זכרו את ד׳ מרחוק וירושלים תעלה על לבבכם, ובערב יום צום הקדוש הבא לקראתנו לשלום השתדלו נא להעמיד קערות בבתי כנסיות ובשאר בתי תפלה ולאסוף כסף למשען אחינו העובדים על הררי ציון וישובה של ארץ קדשנו. בטוחים אנחנו כי אחב״י לא יקפצו ידיהם מלבא לעזרת הרעיון הקדוש הזה, ומכחם ישחרו לבנין המקלט האחד לאניתנו הסוערה.

„ובזכות זה יחיש ד׳ לרחמכם, ויכתבכם ויחתמכם לחיים וכל טוב תזכו לראות בנחמת עיר קדשנו. והשוכן בציון ישלח לכם ברכה והצלחה בכל מעשה ידיכם וממעון קדשו תתברכו סלה".

נו, האָט זיך אויפגעהויבען די שאלה, ווער זאָל אונטערשרייבען דעם דאָזיגען אויפרוף, ווייל דיביידע רבנים האָבען געוואָלט, אַז צוערשט זאָל זיך אונטערשרייבען איינער פון די גדולי הדור. גע־קלעהרט האָט מען וועגען רבי יצחק אלחנן. ער האָט זיך אָבער ענט־זאָגט, מאָטיווירענדיג, אַז ער וויל ניט געבען זיין אונטערשריפט אויף אַן אויפרוף וואס איז פאַרבאָטען פון דער מלוכה. דערנאָך האָט מען זיך געווענדעט צום נצי״ב פון וואָלאָזין, און אַזוי ווי ער האָט דאַ־מאָלסט געדאַרפט קומען קיין קאַשעדאַרי אויף א חתונה פון אַן אייניקעל, איז רבי מרדכי אליין צוגעפאָהרען צו איהם און געבראַכט זיין חתימה, און די ליבויער חובבים האָבען תיכף אָפּגעדרוקט מעהרערע טויזענדער קול־קורא׳ס מיט דער חתימה פון די דריי רבנים. אַזוי ווי קיין דרוקעריי האָט ניט אָנגענומען צו דרוקען די ניט־צענזורירטע קול־קורא׳ס, האָבען מיר אַליין, אויפ׳ן פרימיטיווען וועג, ממש מיט מסירת נפש, די אַרבייט געטהאָן. א חוץ די קול־קורא׳ס איז נאָך נויטיג געווען אָנצופאַרטיגען מעהרערע הונדערטע פּריוואַטע בריעף צו רבנים

און עסקנים, זיי אנווייזען וואוהין צו שיקען דאס צוזאמענגעקליבענע געלד; און אין די פאלגענדע יאהרען איז נאך נויטיג געווען צו־צוגעבען א חשבון־כללי פון אלע געלדער וואס זיינען געזאמעלט גע־ווארען אין עבר־דיגען יאהר, אויסשרייבענדיג יעדע שטאדט מיט דער סומע געלד וואס זי האט געמאכט. אט די דאזיגע ווירקליך׳ שווערע און סכנות׳דיגע ארבייט האב איך מיר איבערנומען, ווייל איך בין געווען דער איינציגער, וועלכער האט געהאט די מעגליכקייט דאס צו טהאן. איך האב נעמליך אנגעשריבען די בריעף און די חשבונות מיט מיין האנדשריפט, מיט דערזעלבער האנדשריפט וועלכע עס זיינען געשריבען געווארען מיינע בוכהאלטעריע־לעקציעס, און געלאזען עס ליטאגראפירען. דער גוי׳אישער דרוקער, מיינענדיג אז די אלע בריעף און חשבונות האבען א שייכות צו מיין בוכהאלטעריע, אויף וועלכע איך האב ניט געברויכט קיין צענזור, האט ער זיי געדרוקט אהן שום איינוועגדונג. אמת, ווען די פאליציי וואלט זיך דערפון דערוואוסט, וואלט איך ניט אפגעקומען בלויז מיט טורמע, נאר מען וואלט מיך בודאי פארבאטען ארויסצוגעבען אויף ווייטער מיין בוכהאלטעריע. אבער ווער האט אין יענע יאהרען געקוקט אויף אזעלכע „קליניג־קייטען“...

די ביידע רבנים זיינען פארבליבען אין ליבוי ביז חצי אלול, ביז מיר האבען פאנאנדערגעשיקט די טויזענדער קול־קורא׳ס. די גאנצע ארבייט איז שטענדיג געטהאן געווארען שפעט אין דער נאכט, פון עטליכע צופערלעסיגע מענשען, וואס האבען דאבײ געארבייט אהן באצאהלונג און מיט מסירת־נפש. די גאנצע קאנספיראטיווע עקספעדי־ציע איז געשיקט געווארען פון מיין קאנטאר צוזאמען מיט מיינע איבע־ריגע קארעספאנדענציעס, כדי די פאסט אנגעשטעלטע, וועלכע האבען געוואוסט פון מיין אויסגעברייטערטער קארעספאנדענץ, זאל ניט אויפ־פאלענד ווערען די מאסע בריעף וואס מען האט צושיקט טעגליך אין אלע געגענדען פון רוסלאנד. צוליעב פארזיכטיגקייט פלעגען מיר עס אפ־שיקען מיט דער אייזענבאהן־פאסט, ניט מיט דער שטאדטישער פאסט, כדי אין פאל פון א צרה זאל מען ניט וויסען, פון וועלכער שטאדט די בריעף זיינען געשיקט געווארען.

די דאזיגע מסירת־נפש׳דיגע ארבייט האט געהאט גרויס ערפאלג, אז שוין אין ערשטען יאהר האבען די קערות אריינגעבראכט איבער פינף טויזענד רובעל, א סומע וואס אין יענער צייט האבען דאס כמעט אלע אגודות צוזאמען קוים געמאכט. אויפ׳ן צווייטען יאהר האט עס געבראכט א הכנסה קרוב צו צעהן־טויזענד רובעל. דאס אייגענע איז געווען אין יאהר תר״ז, אבער אז אונגליקליכער צופאל האט אין דעם

דאַזיגען יאָהר אַ סוף געמאַכט צו אונזער דריי־יעהריגער ערפאָלגרייכער אַרבייט.

אין אַ שטעדטעל אין ליטא האָט דער דאָרטיגער פאָסטמאַסטער צופעליג געעפענט אַ פעקעל מיט קול־קורא׳ס, און געפינענדיג דאָרטען אַ חוץ געדרוקטע זאַכען אַהן צענזורע, אויך חשבונות איבער געזאַמעלטע געלד פאַר ניט־ערלויבטע צוועקען, האָט ער דאָס פעקעל אָפּגעשיקט קיין ווילנא צום גענעראל־גובערנאַטאָר קוכאַנאָוו, וועלכער האָט תיכף באַפוילען צו מאַכען אַן אונטערזוכונג אין אַלע אידישע דרוקערייען אין ווילנער אָקרוג, כּדי ארויסצובאַקומען וואו זיי זיינען געדרוקט געוואָרען. אַ חוץ דעם האָט ער געגעבען אַ געהיימען באַפעהל צו דער פאָליציי פון די גרעסערע שטעדט אין תחום־המושב, צו מאַכען אַ שטרענגע חקירה ודרישה, ווער עס באַשעפטיגט זיך מיט׳ן זאַמלען געלד פאַר׳ן ציוניזם, און דער עיקר — צו ערפאַהרען, פון וועלכער שטאָדט די פאַפּירען זיינען געשיקט געוואָרען און די שולדיגע צו אַרעסטירען.

מיר, אין ליבוי, די אייגענטליכע שולדיגע, האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט וואָס דאָ געהט פאָר, ווען ניט אין אַ געוויסען פריהמאָרגען, אַ וואָך נאָך סוכות, וואָלט ניט אָנגעקומען צו מיר אַ מאָדנער בריעף, געשריבען אויף איין שורה מיט פּיצעלאַך אותיות, בזה הלשון: „הקורא על הגג לבער את כל המכתבים וגם את מכתבי זה לשרף באש. ממני בעל המאמרים“. פאַרשטאַנען האָב איך, אַז אין בריעף ליגט אַ מין וואָרנונג צו זיין פאָרזיכטיג, אָבער בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן דעם פּירוש פון די דריי ווערטער „הקורא על הגג“, און צוגלייך ניט וויסענדיג ווער דער שרייבער איז און פון וועלכער שטאָדט עס איז געשיקט געוואָרען, ווייל דער בריעף האָט געהאַט דעם שטעמפּעל פון דער אייזענבאַהן־פּאָסט. איך האָב געקלעהרט אַ לענגערע צייט, ביז איך בין געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז אַזאַ ווילדע פאָרזיכטיגקייט פּאַסט טאַקע נאָר פאַר יעקב בכרך, רבי שמואל מאָהילעווער׳ס סעקרעטאַר. אגב האָט ער דעמאָלט אָפּגעדרוקט זיינע „מאמרים“ אין אַ באַזונדער ספר. באַלד נאָכדעם האָב איך שוין געפונען דעם שליסעל צום הקורא על הגג, אַז דאָס מיינט: דער קול־קורא איז אַריינגעפאַלען צום גענעראל־גובערנאַטאָר (ג״ג). איך בין תיכף אַוועק צום נשיא פון אונזער אגודה, דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער רב פון ניו־יאָרק, הרב דר. קליין, און געפּין איהם זעהר אויפגערעגט, האַלטענדיג אין האַנד אַ דעפּעשע פון דווינסק, אויף וועלכער ער מאַטערט זיך שוין איבער אַ שעה צייט איהר צו פאַרשטעהן. די דעפּעשע האָט זיך געלייענט: „באַצין געפעהרליך קראַנק, זעהר אַנשטעקענד. פיעלע ערצטע אונטערזוכען. פאָרזיכט נויטיג“. דאָ האָב איך איהם באַלד ערקלעהרט

דעם פשט, אז „כאציון" מיינט „חובבי ציון", און אז אונזערע פריינד אין ביאַליסטאָק און אין דווינסק ווייסען, אז ביי אונז אין ליבוי געפינט זיך דער אַרכיוו פון די קערות־זאַמלונג, און וואַרשיינליך האָט די רוסישע פּאָליציי ערפאַהרען פון אונזער קאָנספּיראַציע, קומען זיי אונז וואָרנען. מיר האָבען תיכף פאַררופען אַן אספה פון ועד, און דר. קליין, אַלס אָפּיציעלער ראַבינער האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל תיכף מבער זיין אַלע חשבונות און די איבעריגע אַלע כתבים וואָס האָבען אַ שייכות צו דער באַוועגונג, אָבער פיעלע פון אונז זיינען געווען דאַגעגען און געהייסען אָפּוואַרטען. אַזוי דיסקוטירענדיק קומט אין מיטען אַריין אַ יונגערמאַן, אַ געוויסער שור פון טעלז, מיעד און איינגעשטויבט פון וועג, און דערציילט אונז, אַז ער קומט אָט ערשט פון טעלז מיט אַ וויכטיגער שליחות צו אונז. אין דער פאָריגער נאַכט האָבען זיי זיך דאָרטען דערוואוסט פון די געהיימע צירקולאַרען, וואָס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט פאַנאַנדערגעשיקט, צו ערפאַהרען, אין וועלכער שטאָדט די קאָנספּיראַציע ווערט געטהאָן, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז ליבוי איז דער אָרט, האָט ער געפונען פאַר נויטיג אונז צו לאָזען ווייסען דערפון. אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי די טעלזער חובבים האָבען זיך דערוואוסט פון די שטרענגע געהיימע צירקולאַרען, וואָס דאָס גיט אַ כאַראַקטעריסטישען בילד פון די דאַמאָלדיגע רוסישע צושטענדע. אין טעלז איז דאַמאָלסט געווען אַ זעהר שטרענגער איספּראַווניק, וועלכער האָט פון לאַנג־אַן געוואַרפען אַן אויג אויף די דאָרטיגע חובבי־ציון, געמאַכט מעהרערע מאָל ביי זיי הויז־זוכונגען און קיינמאָל ניט געכאַפּט אויף וואָס זיך צו טשעפּען. די זאַך איז פשוט געווען: די חובבים האָבען געהאַט אונטערגעקויפט זיין סעקרעטאַר, וועלכער פלעגט יעדעס מאָל זיי מודיע זיין פון די הויז־זוכונגען, וואָס מען איז גרייט צו מאַכען. דאָס אייגענע איז געווען מיט׳ן צירקולאַר. כאָטש וואָס אויפ׳ן פאַרזיגעלטען קאָנווערט זיינען געווען אָנגעשריבען די געוויסע פּאָליציייסקע טערמינען: דרינגענד! וויכטיג! געהיים! — האָט דאָך דער סעקרעטער דאָס פריהער דורכגעלייענט איידער דער איספּראַווניק האָט דאָס באַקומען צו זעהן, און האָט תיכף דערפון געלאָזט ווייסען צו מר. שור, דער פאַרשטעהער פון די חובבי־ציון, וועלכער האָט טאַקע באַלד געדונגען אַ פוהר און געפאַהרען אונז אָנזאָגען.

מיט גרויס וועהטאָג האָבען מיר אין זעלבען אָוונד פאַרברענט דעם גאַנצען אַרכיוו, וועלכער וואָלט היינט בודאי געהאַט אַ היסטאָרישען ווערטה. באמת איז דאָס געווען אַן אומזיסטער שרעק. די נאַרישע רוסישע פּאָליציי, נאָכדעם ווי האָט וואָכען לאַנג געזוכט און געפאָרשט, איז איהר ניט איינגעפאַלען, אַז די דאָזיגע פאַרבאָטענע

ארבייט איז נאָר געמאַכט געוואָרען אין אַ קורלענדער שטאָדט, וועלכע געהערט ניט צום תחום המושב, און צו אונז איז מען גאָרניט געקומען.

די ארבייט האָט פון דעם דאָזיגען אינצידענט ווייניג־וואָס געליטען, ווייל אין דעם זעלבער יאָהר האָט די רוסישע מלוכה באַשטעטיגט דעם ועד פון אדעס, וועלכער האָט אויך איבערגענומען די דאָזיגע ארבייט און צושיקט יעדעס יאָהר צעהנדליגער טויזענדער קול־קורא׳ס אויף׳ן לעגאַלען אופן, וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

איינע פון די אַנגעוועהטאָגסטע שאלות וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָך אין דער תקופה פון חבת ציון, איז בלי ספק געווען די שאלה וועגען שמיטה. אַזוי ווי דאָס יאָהר תרמ״ט איז געווען דאָס ערשטע שמיטה־יאָהר, זייט דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבען קאָלאָניזירט צו ווערען דורך די חובבי־ציון, איז ענט־שטאַנען די פראַגע: אויב דער דין פון שמיטה, ניט צו אַרבייטען אויף די פעלדער אין ארץ־ישראל יעדען זיבענטען יאָהר, איז נאָר גע־זאָגט געוואָרען פאַר דער צייט בעת אין ארץ־ישראל איז געווען אַ אידישע מלוכה, אָדער דער דין איז אויך נוהג היינט? באמת, ווען די פראַגע וואָלט געווען נאָר אַ ריין רעליגיעזע, וואָלטען אפשר קיינע חלוקי דעות ניט געווען. עס וואָלטען אַלע קאָלאָניסטען, אַפילו די ניט־פרומע, פון נאַציאָנאַלען שטאַנדפונקט, מיט אַ שטאַלצער שמחה אָפּגעהיט שביעית, דערפאַר וואָס זיי האָבען זוכה געווען צו זיין די ערשטע, נאָך אַן הפסקה פון אַן ערך צוויי טויזענד יאָהר, צוריק איינצופיהרען אין ארץ־ישראל איינע פון די שעהנסטע און נאָבעלסטע מנהגים, ווי צו געבען אַ גאַנץ יאָהר רוהע זיך און דאָס לאַנד, און אַלעס וואָס וואַקסט אָפּצוגעבען צו אָרימע לייט. אָבער די פראַגע איז אויך געווען אַן עקאָנאָמישע — אויב דער יונגער ישוב, וועלכער האָט נאָך ניט געהאַט אַ פעסטען באָדען אונטער זיך, וועט קענען אויסהאַלטען אַזעלכע באַדינגונגען?

דער ערשטער וואָס האָט אויפגעוועקט די פראַגע איז געווען אַ קאָלאָניסט פון „ראשון לציון״, אַ געוויסער ברוך פאַפּירמייסטער, וועל־כער איז גראָד געקומען קיין ווילנא, בעת רבי שמואל מאָהילעווער האָט זיך דאָרטען געטראָפען מיט רבי הירש לייב בערלין פון וואָלאָזין און מיט רבי מרדכי עליאַסבערג פון בויסק. פאַר די דאָזיגע דריי גדולי הדור האָט ער פאָרגעלעגט זיין שאלה בזה־הלשון: „אַזוי ווי עס רוקט זיך אונטער דער יאָהר תרמ״ט, אַ שמיטה יאָהר, קום איך אייך פרעגען, רבותי, אין נאָמען פון אַלע ארץ־ישראל׳דיגע קאָ־לאָניסטען, אויב ס׳איז ניט מעגליך אונז צו געבען אַ היתר אויף צו מעגען אַרבייטען אין דעם דאָזיגען שמיטה־יאָהר, ווייל אין דעם העננט

אפּ דאָס עקזיסטענץ פון הונדערטער קאָלאָניסטען און אפשר פונ׳ם גאַנצען יונגען ישוב, וואָס האַלט זיך אויף משקולות. דאָד, ווי איהר וועט פּסק׳ענען, אזוי וועלען מיר טהאָן". צום ערשטען האָט געענט־פערט דער נצי"ב, אַז מצד הדין געפינט ער קיין שום היתר ניט. די תורה רופט אַן שביעית מיט׳ן נאָמען „שבת", און אויף צו אַרבייטען שבת איז דאָכט זיך קיין היתר ניטאָ. דאָגעגען האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג רבי מרדכי עליאסבערג, אַז מען מוז דורכאויס זוכען אַ היתר; מען טאָר בשום אופן ניט שטעלען אין סכנה אַזאַ וויכטיגע הייליגע פאָלקס־באַוועגונג, און אַז פקוח נפש פון אַ כלל איז אַלץ דוחה. רבי שמואל מאָהילעווער האָט קיין פעסטע מיינונג ניט אַרויס־געזאָגט און געזוכט צו מאַכען אַ פשרה. בנוגע להלכה איז ער באמת מסכים מיט רבי מרדכי׳ן, אַז ביי אַזעלכע אומשטענדען קען מען בודאי געפינען אַ היתר אויף שביעית בזמן הזה, ער קלעהרט נאָר אויב ס׳איז בכלל כדאי צו זוכען אַ היתר, אפשר דערמיט וואָס די קאָלאָניסטען וועלען ווייזען אַזאַ קידוש־השם, ברענגענדיג אַזאַ שווערע קרבן פאַר אידישקייט, וועט מען דאַדורך געווינען פאַר דער באַוועגונג די גאַנצע אָרטאָדאָקסי, וואָס דער גרעסטער טהייל שטעהט נאָך היינט פון ווייטען; און דאַן, גלויבט ער, וועלען מיר האָבען גענוג מיטלען אויסצוהאַלטען די קאָלאָניסטען בדרך כבוד דאָס גאַנצע שמיטה־יאָהר. אָבער אַזוי ווי די צייט איז שוין קורץ, מיינט ער איבערצולאָזען די ענטשיידונג פאַר רבי יצחק אלחנן.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און פון רבי יצחק אלחנן איז אָנ־געקומען אַ היתר, אַז אונטער געוויסע באַדינגונגען מעגען די קאָ־לאָניסטען אַרבייטען אום שביעית, און כאָטש צום היתר האָבען זיך אנגעשלאָסען נאָך מעהרערע פון די גרעסטע רבנים, אונטער אַנדערע אויך רבי יהושע׳לע קוטנער, האָבען דאָך די קאָלאָניסטען פון „פתח תקוה" און פון „עקרון" אָפּגעהיט שביעית מיט אַלע פּרטים און גע־בראַכט דערביי גרויסע קרבנות.

דערמיט איז אָבער די שאלה נאָך ניט אַרונטער פון סדר־היום. די רבנים פון ירושלים זיינען אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען היתר און מעהרערע רבנים מפורסמים פון אונגאַרן און פּוילען זיינען צו זיי צוגעשטאַנען, אַז מיט דער צייט איז אַ גאַנצע לומדי׳ישע ליטעראַטור וועגען דער שאלה געשאַפען געוואָרען. די אַלטע געגנער פון דער באַוועגונג, פון דעם עקסטרימען אָרטאָדאָקסישען לאַגער, האָבען אויס־גענוצט די דאָזיגע מחלוקת צווישען די רבנים, אויף אונטערצוגראָבען די יסודות פונ׳ם ישוב. זיי האָבען אין געהיימע צירקולאַרען און אין דער עפענטליכקייט אָפּגעפרישט די אַלטע טענות אויף די קאָלאָ־ניסטען, אַז זיי זיינען פושעי ישראל, און בפרט האָט זיך אָנגעהויבען

אַ געוואַלטיגע אינטריגע געגען דעם אָדעסער צענטער, אויף אַזוי וויט, אַז דר. פינסקער האָט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען די באַ־לײדיגונגען און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין נשיאות. זיין רעזיגנאַ־ציע האָט ער אַריינגעשיקט צו שמואל יוסף פין, און איהם אויפגע־פאָדערט איינצורופען אין ווילנא אַ קאָנפערענץ פון אַלע אגודות, צו וועהלען אַ נייעם נשיא און זוכען מיטלען און וועגען ווי צו באַרוהיגען די געגנער.

אויפ׳ן ווילנער קאָנפערענץ, וועלכער האָט שטאַטגעפונען אין זומער תרמ״ט, האָט זיך ווידערהאָלט דער אייגענער קולטור־קאַמפּף ווי אין דרוזגעניק, און מיט נאָך מעהר שטאַרקייט, ווייל דאָ האָט געפעהלט די וויכטיגע פּערזענליכקייט פון דר. פינסקער, וועלכער איז שטענדיג רעספּעקטירט געוואָרען אויך פון די עקסטרים־פרומע. די רבנים און די פרומע בעלי־בתים האָבען פאַרלאַנגט, אַז נאָכדעם ווי דר. פינסקער איז צוריקגעטראָטען, הערט אויף דער יחוס פון אָדעס, און עס מוז איבערגעטראָגען ווערען דער צענטער אָדער נאָך ביאַליסטאָק, מיט רבי שמואל אַלס נשיא, אָדער נאָך ווילנא, מיט שמואל יוסף פין אַלס נשיא. דער סוף איז געווען, אַז ניט רבי שמואל און ניט פין האָבען אָנגענומען די נשיאות; אָדעס איז אויף ווייטער פאַרבליבען דער צענטער, מיט׳ן באַקאַנטען גביר אַבּרהם גרינבערג אַלס נשיא. דאָך איז דער פרומער עלעמענט אַוועק באַפרידיגט פון דער ווילנער קאָנ־פערענץ. מען האָט אין פיעלע פּרטים איינגעשרענקט די מאַכט פון אָדעסער צענטער, אַז עס דאַרף קיין שום געלד־שטיצע ניט געגעבען ווערען אָהן דער צושטימונג פון ר׳ שמואל׳ן און שמואל יוסף פין, און אַז די קאָלאָניע „גדרה" זאָל מעהר קיין פאָרצוג ניט האָבען געגען די אַנדערע קאָלאָניעס.

צום נצחון פון אָדעס האָט פיעל בייגעטראָגען די ידיעה וואָס איז אָנגעקומען אויפ׳ן קאָנפערענץ פון צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", דאָס ער ערוואַרטעט קירצליך אַ ערלויבניש פון דער רעגירונג, צו מעגען זאַמלען געלד אין רוסלאַנד פאַר די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, דורך אַ באַשטעטיגטע קאָמיטע אין אָדעס. איבער זיבען יאָהר האָט געדויערט די השתדלות, און ענדליך, אין חודש אדר פון יאָהר תר״ן האָט דער מיניסטער באַשטעטיגט דעם אוסטאַוו. אין דער ערשטער צייט האָט מען געלעגט גרויס האָפנונג אויף דער באַ־שטעטיגונג, ערוואַרטענדיג, אַז דערמיט וואָס מען וועט מעגען איבער גאַנץ רוסלאַנד עפענטליך אַרבייטען, וועט די הכנסה פאַרצעהנפאַכט ווערען. אָבער באַלד האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז די גאַנצע ערלוי־בעניש איז נאָר געגעבען געוואָרען פאַר אַ לאָקאַלע חברה, וועלכע מעג נאָר האָבען איינצעלנע חברים אין דער פּראָווינץ, אָבער קיין אגודות

און עפענטליכע געלד־זאמלונגען דארפען ניט געמאכט ווערען. אין פיעל פּרטים איז די לאגע נאך ערגער געווארען ווי פריהער, מיינענדיג אז מען מעג שוין עפענטליך ארבייטען, האט די פּאָליציי אין מעהרערע ערטער געמאכט ארעסטען און קאָנפיסקירט דאס געזאמעלטע געלד. איבערהויפּט איז פאר קיינעם ניט קלאָהר געווען וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט, און דעריבער האט דער אדעסער ועד געפונען פאר נויטיג איינצובארופען א קאָנפערענץ אין אדעס אין חודש אייר פון יאהר תר״ן.

דער דאָזיגער צוזאמענפאהר איז געווען, ליידער, ניט קיין גע־לונגענער. די צוויי הונדערט דעלעגאטען, וועלכע זיינען צוזאמענ־געקומען פון אלע געגענדען אין רוסלאנד, האבען פארלאזען זייערע היימען מיט גרויס באגייסטערונג, וואס מען האט ענדליך דערלעבט אין רוסלאנד אן עפענטליכע ציוניסטישע פארזאמלונג. אבער קומענדיג קיין אדעס, האבען זיי זיך ארומגעזעהן, ווי ווייט זיי האבען זיך גע־נארט, דען לויט דעם ליעבהארציגען אוסטאוו האבען די צוזאמענ־געפאהרענע דעלעגאטען קיין שום דעה ניט געהאט, און דעם גאנצען רעדעל האבען געפיהרט עטליכע אדעסער בעלי־בתים. די ארטאדאקסי האט זיך באלד צוריקגעצויגען, ווייל די גאנצע סביבה, מיט ליליענבלום בראש, איז ניט געווען נאך זייער געשמאק, נאר רבי שמואל מאהילעווער אליין איז געבליבען. ער וואלט אפשר אויך תיכף פארלאזען אדעס, אבער אזוי ווי ער האט געהאלטען ביים פאהרען קיין ארץ־ישראל, איז ער שוין דארט פארבליבען ביז זיין שיף איז אפּגעגאנגען.

זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל אין אזא עלטער און ביי זיין שוואכען געזונד, איז געווען אן אמת׳ע מסירת־נפש; אבער זיין שטארקער רצון צו זעהען מיט זיינע אויגען ווי דער נייער ישוב זעהט אויס, האט גובר געווען זיינע שוואכע כחות. געפאהרען איז ער די גאנצע צייט אין באגלייטונג פון דר. חאזאנאוויץ, און קומענדיג קיין ארץ־ישראל, האט ער איבעראל באקומען א פייערליכען קבלת־פנים. אין די שטעדט האט ער זיך ניט פיעל אויפגעהאלטען, און די מייסטע צייט האט ער פארבראכט אין די קאָלאָניעס, גרינדליך אונטערזוכענדיג דאס מאַ־טעריעלע און גייסטיגע לעבען פון די קאָלאָניסטען, אליין זיך איינ־געקויפט א גרויסען טהייל באָדען און געגרינדעט די קאָלאָניע „רחובות״, וועלכע איז היינט איינע פון די מוסטערהאפטסטע קאָלאָניעס.

צוריק קומענדיג קיין ביאַליסטאָק האט ער פארעפענטליכט אן אויספיהרליכען באריכט איבער׳ן מצב פון יעדער קאָלאָניע און איבער דאס לעבען אין די שטעדט. ער ריהמט זייער אין זיין באריכט די אנשטאלטען פון אלטען ישוב מיט זייערע מנהלים, וועלכע זיינען גרויסע צדיקים און לעבען אין גרויס דחקות. ער וועקט דאס פאלק

צו קויפען באָדען אין ארץ־ישראל, וואָס, נאָך זיין מיינונג, וועט בודאי שפּעטער פיעל טייערער ווערען, און פיהרט אויס, אַז בנוגע די פרומקייט פון די קאָלאָניסטען, קען מען זיי טהיילען אין צוויי קאַ־טעגאָריעס: אַ גרויסער טהייל זיינען אמת׳ע צדיקים, היטען אָפּ אַלע מצוות ניט ווענינער ווי אַ היימישער פרומער איד, און דערצו היטען זיי נאָך די מצוות התלויות בארץ, און אַ טהייל פון זיי זיינען בינונים, היטען אָפּ ווי ווייט מעגליך די דינים פון דער תורה, טהוען ניט קיין עבירות בפרהסיא, אַ שטייגער ווי ביי אונז די אידען פון אַ גאַנץ יאָהר.

דאָס יאָהר תרנ״ג איז געווען איינער פון די שווערסטע יאָהרען, וואָס די חובבי ציון האָבען ווען דורכגעמאַכט. דער דורכפאַל פון׳ם אָדעסער קאָמיטעט אונטער דער לייטונג פון וו. טעמקין אין יפו, וואָס אַלע קניות וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר אגודות און פאַר יחידים זיינען געגאַנגען לאבוד; דער זעהר ניט־געלונגענער עקספּערימענט פון מינסקער „אגודת האלף״ און אחד־העם׳ס „אמת מארץ ישראל״ האָט אויך קיין גוטעס ניט צוגעגעבען. היינט די צרות אין ארץ־ישראל גופא, ווי די שטענדיקע מחלוקות צווישען די קאָלאָניסטען און דעם באַראָנ׳ס פקידים; די שרעקליכע מאַלאַריע עפּידעמיע אין דער קאָ־לאָניע „חדרה״ און די טאָג־טעגליכע פאַרשטאַרקטע גזירות פאַר די אריינקומענדע מצד דער טערקישער מלוכה — אַט דאָס אַלעס האָט ארויסגערופען אַ געוואַלדיגען יאוש אין די רייהען פון די „חובבים״, און בפרט וואָס עס האָבען געפעהלט די ריכטיגע פיהרער פאַר אַזאַ שווערער צייט. פון די דריי אנערקענטע פיהרער פאַר די לעצטע צעהן יאָהר, ווי דר. פּינסקער, שמואל יוסף פין און רבי שמואל מאָהילעווער זיינען אינדעסען די ערשטע צוויי געשטאָרבען, ניט נאָכלאָזענדיג קיין ממלאי מקומם, און רבי שמואל איז דאָך שוין דאַמאָלסט געווען אַלט און שוואַך. דאָך האָט רבי שמואל צוזאַמענגענומען זיינע לעצטע כחות און געלאָזט איינרופען אַ קאָנפערענץ פון אַלע אגודות אין דרוזגעניק, צו זוכען מיטעל און וועגען, ווי צוריק לעבעדיג מאַכען די באַוועגונג.

גאַנצע פיער טעג האָט די קאָנפערענץ אָנגעהאַלטען, און רבי שמואל מיט זיינע פייערדיגע הארציגע רייד האָט אריינגעגעבען מוטה און באַגייסטערונג אין די הערצער פון די דעלעגאַטען ווייטער צו אַרביי־טען אויף די אַלטע דרכים, ד. ה. צו גרינדען אגודות און זאַמלען געלט אין געהיים, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין די פריהעריגע צייטען און די גאַנצע פאַרבינדונג מיט׳ן אָדעסער אָפיציעלען ועד זאָל נאָר באַ־שטעהן אין שיקען געלד אַהין. אויפצוהייבען דעם גייסט פון דער באַוועגונג האָט רבי שמואל מציע געווען, אַז מען זאָל זיך אָפּגעבען

מיט מעהר פראפאגאנדע און די קאנפערענץ האט באשלאסען צו גרינדען אין ביאליסטאק, אונטער דער נשיאות פון רבי שמואל'ן, א „מרכז רוחני", וואס אויף אברהם יעקב סלוצקי'ס פארשלאג האט מען דאס פארקירצט אויף „מזרחי" (דער אנפאנג און דער סוף פון די ווערטער מרכז רוחני).

אינטערעסאנט איז, אז אין ערשטען ועד הפועל פון „מזרחי" זיינען אריין ניט בלויז רבנים און ארטאדאקסישע משכילים, ווי מ. אוסישקין, א. י. סלוצקי און אנדערע, נאר אויך ראדיקאלע עלעמענטען, ווי יהושע סירקין און דערגלייכען. אין די ערשטע עטליכע חדשים איז י. ל. עפעל פון ווילנא געווען דער סעקרעטער, נאכהער האט דאס איבערגענומען דער באוואוסטער הרב יצחק ניסענבוים, — וועלכער האט אנגעהאלטען דעם אמט איבער 4 יאהר, ביז רבי שמואל'ס טויט.

מיט דער גרינדונג פון „מזרחי" האט זיך אנגעהויבען פאר רבי שמואל'ן א נייע תקופה פון ציוניסטישע ארבייט. דער מזרחי איז געשטאנען אין שטענדיגער קארעספאנדענץ מיט אלע חובבי ציון אגודות, ניט בלויז מיט די אגודות אין רוסלאנד, נאר אויך מיט די אגודות אין פאריז, בערלין, וויען, לאנדאן, ניו יארק און נאך, און רבי שמואל פלעגט חתמ'ענען אלס בריעף אלס „ראש המזרחי". אין דער ערשטער צייט האט זיך דער „מזרחי" פיעל אפגעגעבען מיט'ן פראפאגאנדירען פאר דעם „גן אתרוגים" (שפעטער, לכבוד רבי שמואל'ן, גערופען געווארען „גן שמואל"), וואס איז באשלאסען געווארען אויפ'ן דרוזגעניקער קאנפערענץ, אויף וועלכען רבי שמואל'ס שוואגער, ר' יעקב הינדין, א ליובאוויטשער חסיד, האט מנדב געווען פופציג דונאם לאנד צו פלאנצען אתרוגים-בוימער, פון וועלכע רבי שמואל האט נאך זוכה געווען פאר זיין לעבען צו באקומען פון דארט אן אתרוג מהודר.

אין חודש ניסן תרנ"ד האט די ציוניסטישע וועלט אומעטום געפייערט רבי שמואל'ס זיבעציג-יעהריגען יובילעאום, באזונדערס אין זיין שטאדט ביאליסטאק, וואו עס זיינען צענויפגעפאהרען די ציוניסטישע פיהרער פון אדעס,ווארשא, ווילנא, קישענעוו, בריסק און נאך פיעל אנדערע. טויזענדער בריעף און טעלעגראמען פון ברכות זיינען אנגעקומען פון אלע ערד-טהיילען, וואו עס געפינען זיך אידען, אונטער אנדערע אויך פון באראן ראטשילד, באראן גינצבורג, לארד סווייטלינג, דר. הערמאן אדלער און פון די גרעסטע רבנים אין רוסלאנד און אין אנדערע מדינות.

אין יאהר תרנ"ו איז געשטארבען באראן הירש, וועלכער האט איבערגעלאזען זיינע קאלאניזאטארישע ארבייט צו דער חברה יק"א. רבי שמואל, וועלכער האט אנגעווענדעט פיעל כחות צו געווינען דעם

בּאַראָן פֿאַר ישוב ארץ־ישראל, און ס׳איז איהם ניט געלונגען, האָט איצט פּרובירט זיך צו ווענדען צו זיינע יורשים, די דריי איינפֿלוס־רייכסטע פֿאַרשטעהער פון יק״א: רבי צדוק כהן, דער רב־הכולל פֿון פֿראַנקרייך; נארסים לעווין, דער פּרעזידענט פֿון דער „חברה כל ישראל חברים“ און סאַלאָמאָן ריינאַך, דער טשערמאַן פֿון דער גע־זעלשאַפֿט. ביי די ערשטע צוויי האָט ער גע׳פּועל׳ט, אַז יק״א זאָל זיך אינטערעסירען אין אַ ברייטען מאַסשטאַב אויך פֿאַר קאָלאָניזאַ־ציאָנס אַרבּייט אין ארץ־ישראל, אָבער דער פֿאַרברענטער אַסימילאַטאָר ריינאַך איז געווען מיט הענט און פֿיס דאַגעגען. אין זיין ענטפֿער צו רבי שמואל׳ן דריקט ער זיך אויס, אַז מיר ברויכען שוין היינט ניט מעהר אַן ארץ־ישראל, וויילע משיח איז שוין געקומען, און דאָס איז — די ציוויליזאַציע און די מענשליכע פֿרייהייט. אגב, מיינט ער, אַז מיר ברויכען היינט צו ערציהען אידען פֿאַר׳ן צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, און פֿון פּאַלעסטינא וועלען אַרויסקומען אידען פֿאַר׳ן צוועלפֿטען יאָהר־הונדערט. דאַרויף האָט איהם רבי שמואל פֿאַרטרעפֿליך געענטפֿערט: „עס איז גענוג אייך צו דערמאַנען די מעשה דרייפוס, אַז אייער משיח איז נאָך ניט געקומען, און בנוגע די אידען וואָס מיר ווילען ערציהען אין ארץ־ישראל, וועלען באמת ניט זיין, ניט פֿון צוועלפֿטען און ניט פֿון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, נאָר פֿון איין זייט אידען פֿון דריי־סיגסטען יאָהרהונדערט, און פֿון דער אַנדערער זייט, פֿון אַ נאָך פֿיעל פֿריהערער צייט, פֿריהער פֿאַר אַלע אייערע יאָהרהונדערטע, און דאָס איז די תקופה פֿון די נביאים און חשמונאים...“

אין דער אייגענער צייט איז ערשינען הערצל׳ס „יודענשטאַאַט“, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אין דער ציוניסטישער וועלט, און בפֿרט נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער ווערט זעהר אונטערשטיצט פֿון מאַקס נאָרדוי. ניט קוקענדיג וואָס פֿיעל פֿון די די עלטערע „חובבי ציון“ מיט „אחד העם“ בּראש, האָבען אין דער ערשטער צייט שטאַרק מבטל געווען הערצל׳ס פּאָליטישען ציוניזם, זיין “מדינת היהודים“ אָפּגעשטעמפּעלט פֿאַר אַן אוטאָפּיע און איהם אַליין פֿאַר אַ פֿאַנטאַזיאָר — האָט רבי שמואל תיכף אַרויסגעצייגט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע פֿאַר די הערצל׳שע אידעע, און אין דר. הערצל האָט ער געזעהן אַ נייעם אויפֿגעהענדען ליכטיגען שטערן אויפֿ׳ן האָריזאָנט פֿונ׳ם נאַציאָנאַלען יודענטום. צווישען איהם און דר. הערצל האָט זיך ענטוויקעלט אַן אָפּטער אינטימער בּריעף־וועקסעל, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען כמעט ביז׳ן לעצטען טאָג פֿון זיין לעבען. הערצל האָט, אין דער ערשטער צייט, כמעט קיין וויכ־טיגען שריט ניט אונטערנומען, וואו ער האָט זיך פֿריהער ניט מיישב געווען מיט רבי שמואל׳ן, און אָפֿטמאָל נאָך אַריבערגעשיקט צו איהם

קיין ביאַליסטאָק זיינע אַנפּאַרטרויטע מיטאַרבייטער, ווי דר. שנירער און דר. קאַקעש, זיך פּערזענליך מיט איהם דורכצושמועסען.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער „מזרחי", מיט רבי שמואל'ן בראש, זיינען געווען די פאַרמיטלער צווישען די רוסישע „חובבי ציון" און דעם הערצל'שען פּאָליטישען ציוניזם, אַ דאַנק דעם פאָלגענדען צופאַל: אין סוף יאָהר תרנ"ו איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אָדעס אַ צוזאַמענפאָהר פון חובבי ציון, וואו עס האָט זיך באַטהייליגט פּראָפעסאָר בעלקאָווסקי פון בולגאַריען. בעפאָר ער איז געקומען צו דער אספה האָט ער זיך געטראָפען אין ווין מיט דר. הערצל, וועלכער האָט איהם געבעטען אויפצופאָדערן די רוסישע חובבי ציון זיך צו באַטהייליגען אין זיין געפּלאַנטען קאָנגרעס, און בכלל זיך מיט איהם צו פאַרבינדען. די אָדעסער אָפיציעלע אספה, געבונדען דורכ'ן אוסטאַוו, האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט, אויך ניט דעם גוטען ווילען, זיך אַריינצולאָזען אין פאַרהאַנדלונגען מיט דר. הערצל, און האָט דאָס איבערגעגעבען צום ביאַליסטאָקער „מזרחי", וועלכער האָט זיין אויפגאַבע גלענצענד דורכגעפיהרט און געמאַכט די אַלע נויטיגע פאָראַרבייט ביים איינבערופען דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל.

דער ערשטער קאָנגרעס, וויסענדיג רבי שמואל'ס וויכטיגע פאַרדינסטען פאַר'ן ציוניזם, האָט איהם אויסגעקליבען אַלס איינעם פון די פיער מורשות וואָס זאָלען אָנפיהרען די ציוניסטישע אַרבייט אין רוסלאַנד, און דר. הערצל האָט צוגעשיקט צו איהם אַ ספּעציעלען שליח איהם דאָס פּערזענליך איבערצוגעבען. רבי שמואל איז דאַמאָלסט שוין געווען שרעקליך שוואַך, מייסטענס בעטלאַגעריג, און אָננעהמענדיג די בחירה האָט ער זיך אויסגעדריקט: „מיינע לעצטע כחות און די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען געהערען צו מיין פאָלק און זיין לאַנד". וואָס ער האָט אויך מקיים געווען. דרייסיג שעה פאַר זיין טויט האָט ער נאָך אונטערגעשריבען אַ מכתב־חוזר צו די ציוניסטען וועגען גרינדען אַ קאָלאָניאַל־באַנק.

געשטאָרבען איז ער י"ג סיון, תרנ"ח.

מיט זיין טויט האָט אויפגעהערט די מזרחי־אַרבייט אין ביאַליסטאָק. אין אַ ערך פיער יאָהר שפּעטער איז דער „מזרחי" ווידער אין לעבען גערופען געוואָרען פונ'ם ענערגישען הרב יצחק יעקב ריינעס, און וואָס שפּיעלט נאָך היינט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין ציוניסטישען לעבען.

# רבי שמחה זיסעל זיוו

געבאָרען אין קעלם תקפ״ט, געשטאָרבען אין קעלם, אב תרנ״ת.

א מערקווירדיג שטעדטעל אָט די „קעלם״! — דאכט זיך א גאנץ געוועהנליכע שטעדטעל, ווי הונדערטער אזעלכע אין ליטא, מיט הילצערנע הייזלאך און מיט א בלאָטיגען מאַרקפּלאַץ, און אין מאַנכע פּרטים איז זי נאך געבליבען צוריקגעשטאַנען געגען אַנדערע שטעדטלאך פון איהר גלייכען. זי האָט נאך עד היום ניט קיין אייזענבאַהן און איז אַן ערך פינף-און-צוואַנציג ווערסט ווייט פון א סטיישאַן. איהר איינציגער יחוס איז וואָס זי ליעגט ביים שאָסיי, וועלכער געהט פון שאַוועל קיין טאַווריג, און די בעלי-עגלות זיינען זיך נוהג דאָרט צו פיטערען זייערע פערד — און דאך גרויסעלט זי זיך געגען אַנדערע שטעדט, און די קעלמער זיינען ביי זיך אזוי יחסנ׳דיג, אַז צו טהאָן א שידוך מיט זיי מוז מען זיי אָפּשיטען מיט רענדלאך... איך דענק, אַז די גאוה האָט זיך גענומען ביי זיי צוליעב די גדולים, וואָס קעלם האָט אַרויסגעגעבען אין פאַריגען דור, און האָט זוכה געווען צו קריגען א פּרסום אין דער אידישער וועלט. ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען איהרע דריי באַריהמטע צדיקים: דער קעלמער מגיד, רבי ליב חסיד און רבי שמחה זיסעל. אויך איהרע רבנים גדולי הדור, פריהער דער באַוואוסטער גאון רבי אליעזר גאָרדאָן, דער גרינדער פון דער באַריהמטער טעלזער ישיבה, און דער שפּעטערדיגער, ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער רב, רבי צבי יעקב אָפּענהיים, איינער פון די גרעסטע רבנים אין אונזער צייט.

גרויס קרעדיט קומט קעלם, וואָס זי האָט תמיד געהאַט שעהנע בעלי-בתים, לומדים און יראים, וועלכע האָבען אויך משפּיע געוועזען אויפ׳ן המון. אין קיין שטעדטעל פון איהר גלייכען זיינען ניט געוועזען אזוי פיעל חברות אויף צו לערנען — אָנהויבענדיג פון ש״ס מיט אלפס ביז אַלשיך און מנורת המאור — ווי אין קעלם. כדאי צו באַמערקען, אַז אפילו דער דאָרטיגער בעדער, א געוויסער ר׳ ראובן, איז געוועזען א בקי אין ש״ס. די הענגעמאַניע פון דער שטעדטעל איז תמיד געוועזען אין די הענד פון דער פאַמיליע „זיוו״, דער שטאָלץ פון קעלם, און

פון דער דאזיגער מיוחס'דיגער פאמיליע איז אויסגעוואקסען רבי שמחה זיסעל זיוו.

רבי שמחה זיסעל, אויפגעוואקסען ביי א פאטער א בכבוד'יגען בעל־הבית, האט שוין באקומען אביסעל פון א מאדערנער ערציהונג. מען האט געהאלטען פאר איהם א רבי'ן אויף תנ"ך און דקדוק און א לעהרער אויף דייטש. בעת ער איז עלטער געווארען האט מען איהם געשיקט לערנען אין קאוונא, און א דאנק זיין אנגעבארענע נאטירליכע פרומקייט און זיין דענקענדיגען גריבעלדיגען גייסט, האט ער זיך תיכף אנגעשלאסען אן רבי ישראל סאלאנטער'ס סביבה, געווארען א שטענדיגער באזוכער פון רבי ישראל'ס מוסר־שטיבעל און מיט דער צייט געווארען רבי ישראל'ס נעהנטסטער תלמיד. ער האט מיט איהם געלערענט ביחידות און איהם אנגעצייגט די וועגען ווי צו פארשפרייטען די לעהרע פון מוסר, אנהויבענדיג פון בעלי־בתים און ענדיגענדיג מיט'ן המון עם.

נאכדעם ווי רבי ישראל האט פארלאזען קאוונא און זיך באזעצט אין אויסלאנד, איז רבי שמחה זיסעל אוועק צוריק אין זיין געבורטס־שטאדט קעלם און אנגעהויבען דארט עפענטליך צו דרש'ענען וועגען לערנען מוסר. ער האט זיך אבער אנגעשטויסען אויף פראטעסטען מצד די לומדים, וועלכע האבען איהם חושד געווען, אז ער האט בדעה צו שאפען א נייע כתה, א ניי־מאדישען חסידיזם. אמת, אויס רעספעקט צו זיין זויבערע פערזענליכקייט און צוליעב זיינע קרובים, די מיוחסים פון שטאדט, האבען זיי איהם עפענטליך ניט רודף געווען, אבער אין געהיים האבען זיי געזוכט פלענער צוצושטערען אלע זיינע אונטערנעהמונגען, און אזוי איז רבי שמחה זיסעל'ס ערשטער פארזוך ניט געלונגען, און אויף א געוויסע צייט האט ער זיך צוריקגעצויגען פון האלטען דרשות.

אין אנפאנג פון די זיבעציגער יאהרען איז קעלם, צוליעב עקאנאמישע סבות, פאר א געוויסער צייט געווארען א ביזנעס־צענטער; דער טראנספארט פון פרייסישע סחורה קיין שאוועל און ריגא איז אויסגעקומען צו געהן דורך קעלם, און דאס האט געבראכט, אז אין קעלם זיינען צוגעקומען נייע מענשען. די אלטע איינגעזעסענע האבען געקוקט אויף די נייע צוגעקומענע, מייסטענס קליינע קרעמער און בעלי־מלאכה, פון אויבען אראפ, און ניט געוואלט מיט זיי זיך חבר'ן און האבען א געזעלשאפטליכען פארקעהר מיט זיי. אט די דאזיגע פארשטויסענע האט רבי שמחה זיסעל אנגעהויבען מקרב צו זיין, זיי ארגאניזירט אין א באזונדערע חברה, געווארען זייער רבי און זייער לעהרער.

רבי שמחה זיסעל האט געהאט אלע אייגענשאפטען פון א פאלקספיהרער, וועלכער פארשטעהט איינצופלאנצען רעספעקט און אכטונג

פיעל האט דערביי צוגעטראגען זיין סימפאטישעם אויסזעהן, זיין אריסטאקראטישע האלטונג און זיין גוטמוטהיגע באנעהמונג. ער איז שטענדיג געגאנגען עלעגאנט געקליידעט, מיט א ווייסע געפלעטע אויי בערהעמד — פארגעסט ניט, אז דאס איז געווען מיט זעכציג יאהר צוריק — מיט די הויזען איבער די שטיוועל און מיט די פאות׳ן היני טער די אויערען. היינט דערצו זיין בנעימות׳דיגער שפראך, זיין גלענ־ צענדע הסברה און זיין טאקטפולער אומגאנג מיט מענשען — אט די אלע מעלות האבען איהם געמאכט פאפולער און באליעבט אין געוויסע קרייזען און בפרט ביי די יעניגע, וועלכע האבען געהאט טענות און תביעות צו די אנגעבלאזענע נכבדים, און צו די זעהר־גאוה׳דיגע לומדים. ער פלעגט זיי טרייסטען און בארוהיגען, אז זיי זאלען ביי זיך ניט זיין אראפגעפאלען וואס זיי זיינען קנאפע בעלי־תורה, אז לומדות אליין אהן מוסר איז גארניט ווערטה און אז א פראסטער איד, ווען ער האט נאר גוטע מדות, שטעהט ניט נידריגער פאר דעם גרעסטען למדן.

מיט אזעלכע אפעלירענדע רייד האט ער בישלאכווייז צוגעצויגען צו זיך א גרויסען קרייז אנהענגער, וועלכע פלעגען איהם ממש פאר־ געטערן. אין דער ערשטער צייט פלעגט ער האלטען זיינע דרשות ביי זיך אין דער היים, פון שבת צו שבת, און נאר פאר דערוואקסענע, פאר בעלי־בתים און בעלי־מלאכה. שפעטער, אז די כתה איז געוואק־ סען, און מען האט אנגעהויבען קומען קיין קעלם פון די ארומיגע שטעדטלאך הערען זיינע דרשות, האבען זיינע אנהענגער אויסגעבויט פאר איהם א באזונדער הויז, וואס זאל דיענען פאר א בית־מדרש און פאר א ישיבה, מיט א באזונדער אויבערשטיבעל פאר איהם אויף התבודדות. באלד ווי די ישיבה איז פארטיג געווארען האבען אנגע־ הויבען קומען קיין קעלם אינגלאך און בחורים פון נאהענט און ווייט. די מייסטע זיינען געווען קינדער פון פרומע רייכע עלטערן, וועלכע האבען געוואונט אין גרעסערע שטעדט, וואו די הפקרות איז גרויס, און געוואלט געבען זייערע קינדער א פרומע ערציהונג. גמרא האט מען אין דער ישיבה ניט פיעל געלערנט. דאס עיקר לערנען איז געווען מוסר און מדות. מען האט זיי געלערנט צו דאווענען מיט התלהבות, צו מאכען שטענדיג א חשבון־הנפש, און דער הויפט־עיקר: זיך גוט איינצוהערען רבי שמחה זיסעל׳ס דרשות, וועלכע ער פלעגט זאגען טעגליך בין מנחה למעריב. נאכ׳ן אפזאגען פלעגט ער זיך נוהג זיין צוריק ארויפגעהן אין זיין התבודדות־חדר, און די קינדער האבען געמוזט בלייבען זיצען שטיל, איבערטראכטענדיג די רעיונות וואס זיי האבען דא געהערט פון רבי׳ן.

די ישיבה ,וועלכע רבי שמחה זיסעל האט געגרינדעט, האט ניט לאנג אנגעהאלטען, דען אין דערזעלבער צייט האט דער קעלמער רב, רבי אליעזר גארדאן, א גרויסער גאון מיט א לאגישען און חריפ׳ישען שכל, אויך געפיהרט א ישיבה, און די מייסטע בחורים זיינען אריבער צו רבי אליעזר׳ן. א חוץ דעם האט רבי שמחה זיסעל׳ס ניט־געוועהנ־ליכע הנהגה ארויסגערופען א שטורם פון פראטעסטען מצד די רבנים און די לומדים פון קעלם און פון די ארומיגע שטעדט, אז רבי שמחה זיסל האט געפונען זיך געצוואונגען ארויסצופיהרען זיין ישיבה פון קעלם און איהר אריבערגעבראכט קיין גראבין (א קורלענדישע שטעד־טעל נעבען ליבוי). איינער, א פרומער גביר פון ליבוי, א געוויסער אליעזר דעסלער, רבי שמחה זיסל׳ס א חסיד, האט אויסגעבויט פאר דער ישיבה א גרויסע הויז מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען, מיט קיכען און מיט שלאפצימערען פאר די ישיבה־לייט. די גראבינער ישיבה האט געקראגען א שם פאר איינע פון די בעסטע איינגעארדענטע ישיבות, א חוץ תורה און מוסר האט מען דארטען געלערענט אויך רוסיש און דייטש. אפילו גימנאסטיקע פלעגען די קינדער אלע טאג מאכען אויפ׳ן גרויסען פלאץ נעבען דער ישיבה. בכלל איז די ישיבה געווען איינגעארדענט נאכ׳ן מוסטער פון א פראנקפורטער ארטאדאק־סישער ערציהונגס־אנשטאלט.

די ישיבה האט געהאט א בודזשעט פון מעהרערע צעהנדליגער טויזענדער רובעל א יאהר, וואס דער גרעסטער טהייל איז געדעקט געווארען פון שכר־למוד און פון יחיד׳ישע נדבות. צו באקומען די איבעריגע נויטיגע געלד איז רבי שמחה זיסל ארויסגעפאהרען זאגענ־דיג איבער די גרויסע שטעדט, און דא איז מיר אויסגעקומען צו באַ־געגענען זיך מיט איהם צום ערשטען מאל. דאס איז געווען אין יאהר 1876 אין בויסק, וואו איך האב דאמאלסט געלערענט. איך בין נאך דאמאלסט צו יונג געווען אום צו קענען האבען אן איינענע מיינונג איבער זיינע אייגענארטיגע דרשות. איך געדענק, אז זיי האבען גע־מאכט אויף מיר א געוואלדיגען איינדרוק און א צייט לאנג האב איך וועגען זיי נאכגעטראכט.

דאס וואס רבי שמחה זיסלען איז ניט געלונגען דורכצופיהרען אין לעבען זיינע אידעען — טראץ זיין גרויסען אמת און זיין אונאייגענ־ניצינקייט פון אלע זיינע האנדלונגען — איז פשוט, ווייל זיין רצון איז גרעסער געווען פאר זיין כח. אן ענטוישטער און א צובראכענער און האלב א פארגעסענער איז רבי שמחה זיסל נפטר געווארען אין קעלם ,אין יאהר תרנ״ח.

# רבי משה יצחק דרשן

## (קעלמער מגיד).

געבאָרען אין אזערניצע תקפ״ח, געשטאָרבען אין לידא תר״ס.

ווער פון אונז, עלטערע, האָט ניט געהערט אַמאָל פונ׳ם באַוואוסטען „קעלמער מגיד״, וועלכער איז אין אַ משך פון צוויי דורות אַרומגע־פאָהרען איבער אַלע אידישע שטעדט און שטעדטלאַך, אין רוסלאַנד און אין פּוילען, האַלטענדיג זיינע פייערדיגע דרשות? בודאי זיינען נאָך היינט פאַראַן מענשען, וואָס האָבען ניט בלויז געהערט די פאָלקס־לעגענדעס איבער דעם דאָזינען וואונדערבאַרען מענשען, נאָר טאַקע אַליין געזעהן און געהערט דעם דאָזיגען לאַנגען, מאַגערען, האַלב־געבויגענעם גלות־אידען מיט׳ן הויך־געקאַרטשעטען שטערען; מיט דעם אויסגעצויגענעם שיטער־באַוואַקסענעם פּנים, פון וועלכען עס האָ־בען אַרויסגעקוקט צוויי שוואַרצע ברענענדיגע אויגען געמישט מיט כעס און רחמנות, און אַ ברייטע מויל וואָס האָט כמעט קיינמאָל ניט געלאַכט און אויך זעלטען ווען אַ שמייכעל נעגעבען. פיליכט געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וואָס האָבען ניט בלויז זיינע דרשות געהערט און זיין פּנים געזעהן, נאָר אויך געזעהן אַט די בייזע שוואַרצע הינט מיט זייערע צוזאַמענגעדרעהטע עקען, וואָס לאַגערען ביי די טיהרען פון גיהנום מיט אָפענע מיילער צוצורייסען די רשעים, וועלכע מען שיקט אַהין? וויל דער קעלמער מגיד פלעגט מיט זיין פייערדיגען טעמפּע־ראַמענט און מיט זיין קינסטלערישער שילדערונגס־קראַפט. אַט דאָס פאַרשטעלען אין אַזאַ לעבעדיגען בילד, אַז די צוהערער פלעגט זיך אָפּדוכטען, אַז זיי זעהען דאָס אַלץ ממש מיט זייערע איינענע אויגען.

עס איז ווירקליך צו באַדויערען, דאָס דער דאָזינער וואונדערבאַרער מענש, וואָס איז אין משך פון פופציג יאָהר געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע אידען אין זיין צייט, און געשטאָרבען איז ער בסך־הכל ערשט מיט זיבען און צוואַנציג יאָהר צוריק, געהערט שוין היינט צווישען „די פאַרגעסענע״. די שרייבער־וועלט האָט זיך וועניג־וואָס מיט איהם באַשעפטיגט, און דאָס ביסעל וואָס איז וועגען איהם גע־שריבען געוואָרען, איז מעהר געגען איהם ווי פאַר איהם. די משכילים האָבען געמאַכט פון איהם אַ קאַריקאַטור, איהם אַוועקגע־שטעלט פאַר אַ בייזע אַנשיקעניש אויפ׳ן אידישען פאָלק צו פאַרפינס־טערן די ליכטיגע השכלה.

איך שעץ מיר דעריבער גליקליך, צו זיין דער ערשטער איבערצו־געבען א כאראקטעריסטיק פונ׳ם לעבען און ווירקען פון דעם דאזיגען מערקווירדיגען מענשען, וועלכער האט געלעבט מעהר אויפ׳ן הימעל ווי אויף דער ערד, און וועלכער האט אויפגעהויבען דעם כבוד פון „מגידות״, וואס איז אין די פריהעריגע דורות זעהר נידעריג גע־שטאנען.

ניט קוקענדיג וואס „דרשנות״ איז אן אלטע אידישע אינסטי־טוציע, ווי מען זעהט פון דער אגדה: „הראה הקב״ה לאדם הראשון דור דור ודורשיו״, האט די לומדישע וועלט, און בפרט די רבנים, ווייניג וואס דערפון געהאלטען, ווייל ביי זיי איז אויסגעקומען, אז זאגען און הערען סתם דרשות, ניט קיין פלפולים און חדושי תורה, איז א שאד די צייט וואס מען איז מבטל פון לערנען. פאר די לעצטע 300 יאהר, — די לומד׳ישע גלאנץ־פעריאדע, — וואס האט ארויסגע־געבען הונדערטער גדולי תורה, האבען זיך נאר געפונען צוויי פון די גרויסע גאונים, וועלכע האבען געשריבען דרוש ספרים: דער „משנה למלך״ און ר׳ יונתן פראגער, און סיי דער „פרשת דרכים״ און סיי דער „יערות דבש״ האבען זייערע מחברים קיין גרויס כבוד ניט צוגע־געבען. אויך דער גרויסער גאון מלבי״ם, וואס צו אכצעהן יאהר האבען איהם די גדולי הדור באטיטעלט מיט׳ן נאמען „שר התורה״, האט אין דער רבנישער וועלט פיעל פון זיין אנזעהן פארלארען דורך דעם, וואס ער האט זיך אפגעגעבען מיט דרוש. געוועהנליך פלעגען רבנים נאר צוויי מאל אין יאהר דרש׳ענען: שבת הגדול און שבת תשובה, אבער באמת זיינען זייערע דרשות אייגענטליך באשטאנען פון לומד׳ישע חלוקים; אזוי ווי שבת הגדול פאלט געוועהנליך אוים אין פרשה צו, פלעגט דער נושא הענין זיין די דינים פון קדשים, די שיטות פון טומאה דחויה בצבור, ציץ מרצה וכדומה, און כדי יוצא צו זיין דעם „דבר בעתו״, פלעגט מען, פארבייגעהענדיג, אויך ריידען וועגען קרבן פסח. דאס אייגענע איז אויך געווען שבת תשובה, ווען די הויפט־טהעמא איז געווען די קרבנות חטאות ואשמות, וועגען חצי שיעור און אכילה גסה ביום הכפורים און דערגלייכען. אמת, דער גרויסער עולם האט ווייניג־וואס פארשטאנען פון די אלע פלפולים, אבער די ליכטיגע הייליגע צורה פונ׳ם רב מיט די התפעלות וואס די לומד׳ישע צוהערער האבען ארויסגעוויזען, האבען אינ׳ם עולם איינגעפלאנצט א רעספעקט פאר די תורה מיט איהרע לערנער, און אינדירעקט געמאכט אויף איהם א גוטע ווירקונג צו פארבעסערען זיינע מעשים, אפשר מעהר ווי די מוסר׳ניקעס, וואס ריידען צו איהם אויף זיין לשון.

די פראפעסיע פון דרש׳ענען און זאגען מוסר דעם המון, האבען איבערגענומען די ארומפאהרענדע מגידים. אזוי ווי די מייסטע פון

זיי זיינען געווען שוואכע לומדים, האָבן זיי דעריבער קיין גרויסען אָרט ניט פאַרנומען אין אידישען לעבען. זייער גאַנצער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ מעסיגע בקיאות אין מדרש, אין ראשית חכמה, אין שבט מוסר. אנדערע — אויך אין אלשיך. די בעסערע, וועלכע זיינען שוין געווען באַהאַוונט אין עקידה, אין עיקרים, אין חובת הלבבות און בחינות עולם, האָבען זיך שוין געהאַלטען פאַר „מחקרים" און גע־רעדט וועגען חומר היולי און וועגען די ארבעה יסודות. דורך דעם דובנער מגיד'ס ספרים, נאָך מעהרער דורך זיין תלמיד'ס דער „אפיקי יהודה", איז די מגיד'ישע ליטעראַטור זעהר באַרייכערט געוואָרען, וואָס האָט אַרויסגערופען הונדערטער מלמדים אַוועקצוואַרפען די שווערע פּראָפעסיע פון מלמדות און זיך נעהמען צו מגידות. פון די מאָדערנע אַנשיקעניישען, וועגען רעטאָריק, האָט מען נאָך אין יענע גוטע צייטען ב"ה ניט געוואוסט. מען האָט בלויז ניט געדאַרפט זיין הייזעריג און ניט האָבען קיין אימתא דצבורא; אַ צוויי דריי איינגע׳חזר׳טע דרשות און מען האָט זיך שוין געקענט אַוועקלאָזען איבער דער וועלט דרש'ע־נען פאַר׳ן עולם. כאָטש די ביטערע נויט האָט זיי דערצו געבראַכט, דאָך איז ביי די מייסטע פון זיי די מצוה פון הוכיח תוכיח — אידען מחזיר למוטב צו זיין העכער געשטאַנען ווי די פּאָר גראַשען וואָס זיי פלעגן צוזאַמענמאַכען. דער המון האָט זיי זעהר געגליכען, ער פלעגט די גאַנצע צייט פון זאָגען ניט אַראָפּלאָזען די אויג פון מגיד און געהאַט אַ באַזונדערן נחת־רוח אונטערצוכאַפּען דעם מגיד, וועל־כער פלעגט זיך בכיון אָפּשטעלען אין מיטען אַ פסוק, כדי דער עולם זאָל איהם טאַקע קענען אונטערכאַפּען. מיט׳ן גאַנצען הארצען פלעגט יעדער איינער פאַרגינען דעם מגיד די פּאָר גראָשען, וואָס ער האָט אַריינגעוואָרפען אין טעלער, און פלעגט האַלטען, אי פאַר אַ מצוה אי פאַר אַ כבוד, איינצולאַדען דעם מגיד צו זיך אויף וועטשערע.

דאַגעגען, פון די לומדים, פלעגען די מגידים אויסשטעהן ביטערע צרות, ווייל די צייט פון זאָגען פלעגט תמיד זיין בין מנחה למעריב, בעת די לומדים לערנען דעם בלאַט אין חברה ש"ס, און האָבען ניט געוואָלט צוליעב אַ „פּאַכאָדנעם מגיד" מבטל זיין דעם טעגליכען שיעור. דער פּראָסטער עולם פלעגט זיך איינשטעלען פאַר׳ן מגיד. ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז „המלבין פני חבירו" איז אַ גרעסערע עבירה ווי בטול תורה, און בפרט אַז דער מגיד זאָגט דאָך אויך תורה. עס האָט זעהר אָפּט פּאַסירט, אַז אַ מגיד אַ ירא־שמים, ניט וועלענדיג מאַכען צוליעב איהם אַ מחלוקת, איז אָפּגעפּאָהרען בשתיקה פון שטעד־טעל. על כל פנים האָבען די לומדים געהאַלטען ניט ווירדיג פאַר זייער כבוד צו הערען אַ מגיד, וואָס דאַדורך האָט די מגיד׳ישע רע־פּוטאַציע זעהר געליטען.

מיט דער ערשיינונג פון „קעלמער מגיד" הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער מגידות. א דאנק זיין גרויס טאלאנט האט ער אויפ־געהויבען דעם כבוד פון מגידות און האט דער וועלט איבערצייגט, אז ניט נאר דער המון נויטיגט זיך צו הערען דברי מוסר, נאר אויך זיינע פיהרער, די לומדים, וואס ברענגען צו חלול השם דורך זייערע מיאוס׳ע הנהגות בין אדם לחבירו. ער האט אויך ניט געשוינט די רבנים, כאטש זיי פלעגען קומען הערען זיינע דרשות, און ניט איין רב איז נעבאך אויסגעקומען צו הערען פון איהם די פאלגענדע ווער־טער: „א שניידער וועלכער נעהמט ניט קיין יתור, א שוסטער וואס לעגנט א לאטקע פון גוטע שטארקע לעדער און א קרעמער, וואס גיט א ריכטיגע געוויכט, וועט אפשר האבען מעהר עולם־הבא פאר מאנכען רב".

דער „קעלמער מגיד" איז אויך געווען דער ערשטער מגיד, וועל־כער האט געהאט די זכיה דערמאנט צו ווערען אין דער נייער העב־רעאישער ליטעראטור, און צו דיענען אלס טהעמא פון קריטיק און לצנות פאר די משכילים פון זיין דור. אלס כאראקטעריסטיק וועל איך דא דעמאנסטרירען א פאר אויסציגען פון קארעספאנדענציעס אין „הכרמל", „המגיד" און „המליץ" פון יאהר 1866. צום „כרמל" שרייבט מען פון ביאליסטאק: ביי אונז אין שטאדט איז אנגעקומען דער באוואוסטער פינסטערלינג, האלט זיינע פינסטערע דרשות אין פול־געפאקטע שוהלען און באליידיגט אומעטום די אידישע צייטונגען. ער האט געהאט די חוצפה אוועקצושטעלען אנטקעגען די פיער סימני קדושה: אורח חיים, יורה דעה, חושן משפט, אבן העזר, די פיער סימני טומאה: הכרמל, הצפירה, המגיד, המליץ. ובכן ליגט א היי־ליגער פליכט אויף אלע משכילים וואס ווילען ברענגען ליכט און בילדונג אויף דער וועלט, איהם ניט צולאזען צום בימה און איהם ארויסטרייבען פון יעדער שטאדט וואו ער וועט קומען". אין דערזעל־בער צייט שרייבט מען פון פינסק צום „המגיד": „דער קעלמער מגיד קעהרט וועלטען אין אונזער שטאדט אויף די יעניגע, וועלכע עס לייענען אידישע צייטונגען; קלאגט און וויינט אויף דער אידישער נשמה, וואס מען פיטערט איהר מיט אזעלכע שפייז. א איך עסט אפ שבת א זאטען מאהלצייט, לעגט זיך שלאפען, שטעהט־אויף א צו־פרידענער פון שלאף, דאכט זיך, דער גוף האט שוין גענוג זיין חלק באקומען, דארף מען דאך אבער אויך געבען דער ארימער נשמה, עפעס א בלאט גמרא, א פרק משניות, כאטש א שטיקעל מדרש — אבער וואס ניט מען איהר? א בלאט „המגיד"! אוי לאותה בושה!"

אויך צום „המליץ" זיינען צו יענער צייט אנגעקומען מאסען קאר־רעספאנדענציעס פון מעהרערע שטעדט זיך באקלאגענדיג: „דער

קעלמער מגיד האט א געוואלדיגען איינפלוס אויפ׳ן המון און ברענגט א חורבן אויף דער השכלה. ער רופט אן בילדונג — בילונג, און רופט די פיער אידישע צייטונגען: המליץ, הכרמל, הצפירה, המגיד — די „ארבעה מראות נגעים". זעהר כאראקטעריסטיש איז צעדערבוים׳ס באמערקונג צו די דאזיגע קארעספאנדענציעס: „עס איז ווירקליך א גרויסע עולה פון אזעלכע קהלות ווי ביאליסטאק, פינסק, מינסק א. ז. וו. וואס זיי לאזען אזא מענשען דרש׳ענען, אבער נאך א גרעסערע עולה איז, אז ער רעכענט אריין אויך די „הצפירה" צווישען די אנדערע צייטונגען און ווייסט צומאל ניט, אז די הצפירה האט שוין אויפגעהערט צו געהן". עכט צעדערבוימיש!

ס׳איז ביי מיר כמעט קיין ספק ניט, אז ווען דער קעלמער מגיד וואלט געקומען אויף דער וועלט מיט הונדערט יאהר, אדער אפילו נאר מיט פופציג יאהר, פריהער פאר זיין צייט, וואלט בודאי זיין השפעה ניט אזוי גרויס געווען אויפ׳ן דור, ווי עס איז געווען אין זיין צייט. איך גלויב, אז עס איז מעהר ווי א צופאל, וואס דער קעלמער מגיד איז ארויס אויף דער וועלט אין דערזעלבער צייט, ווען עס האבען זיך באוויזען די ערשטע שפראצונגען פון דער השכלה אין ליטא און אין פוילען. די נייגעבאקענע משכילים, צוזאמען מיט די אטקופניקעס און אקציזניקעס, וואס האבען אויפ׳ן חשבון פון דער השכלה אפגעטהון אלע נבלות שבעולם, אט די אלע פארשווינען האבען געגעבען דעם קעלמער מגיד די בעסטע טעמעס פאר זיינע דרשות. מיט זיין פייערדיגען טעמפעראמענט, מיט זיין שטארקער דונערענדיגער שטים פלעגט ער צוברעכען און צושמעטערען זייערע מזבחות, וואס זיי האבען געבויט צו דער השכלה, די „טאכטער פון הימעל", און פלעגט זיי מאכען צו שפאט און צו שאנד אין די אויגען פון זיינע טויזענדע צוהערער. אריינפאהרענדיג אין א שטאדט, פלעגט ער זיך ראשית ערקונדיגען, אויב עס געפינען זיך דארט ווער פון די נייע משכילים, און אז אך און וועה איז זיי געווען, בעת זיי זיינען אריינגעפאלען אין זיין מויל, דען ער פלעגט אין זיינע דרשות זיי אויפרופען מיט די נעמען און אויסרעכענען זייערע מיאוס׳ע מעשים. ער איז געווען א מענש, וואס האט ניט געוואוסט צו נעהמען א בלאט פאר׳ן מויל, איבערהויפט ניט פארשטאנען וואס עס הייסט מורא האבען פאר א בשר ודם. ער האט זיך קיינמאל ניט געשראקען ניט פאר מסירות, ניט פאר פאליציי און אויך ווייניג־וואס נתפעל געווארען אז מען פלעגט איהם ארויסטרייבען פון א שטאדט אדער אפילו אריינזעצען אין טורמע. אפנים אז זיין נשמה איז געווען א נצוץ פונ׳ם גרויסען קנאי, און ניט איינמאל איז איהם אויך אויסגעקומען צו זאגען א תקיף די ווערטער פון דעם דאזיגען קנאי: „הרצחת וגם ירשת". און ווי ווייט זיין אונ־

דערשראָקענהייט האָט דערגרייכט, ווייל איך דאָ דערצעהלען אייניגע פאַקטען:

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל געקומען אין שאַוועל. אין יענער צייט האָט דאָרט געלעבט איינער אַן אַקציזניק, אַ תקיף ביי דער מלוכה, און ער, צוזאַמען מיט יהודה ליב גאַרדאָן, וועלכער האָט דאַ־מאָלסט דאָרטען באַקליידעט די שטעלע פון אַ קאַזאָנעם לעהרער, האָבען געשטרעבט אַריינצוברענגען די השכלה אין שאַוועל. דער אַק־ציזניק איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסען אפיקורס און נאָך מעהר — פאַר אַ גרויסען בעל־תאוה, און דבר־אחר פלעגט ניט אַרונטערגעהן פון זיין טיש. דער „קעלמער מגיד", באַלד אין זיין ערשטער דרשה, האָט זיך גענומען צו איהם, און ריידענדיג וועגען דער טבע פון בהמות און חיות, גיט ער אַ זאָג מיט זיין אייגענטימליכען נגון: „איך בין געקומען קיין שאַוועל, געה איך אַרום אין גאַס און טרעף אַן אַ גרויסען פעטען חזיר, קוים וואָס ער דערשלעפּט זיך, דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזען און ברוקעט אַן אומעדיגען נגון. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט קוקען אויף איהם, און דאַכט זיך, אַז איך האָב פאַרשטאַנען זיין שמערץ און האַרצוועהטאָג. אַזאַ חזיר נעבאָך מוז זיין גאַנצען לעבען זיך אַרומשלעפּען מיט אַ גלגול פון אַן אַקציזניק אין זיך, און צום סוף וועט ער נאָך מוזען אַריינקריכען אין בויך פון שאַוועלער אַקציזניק". עס האָט געהאַלטען, אַז מען זאָל איהם אַרעסטירען דערפאַר, אָבער ער האָט זיך פריהצייטיג אָפּגעטראָגען פון שאַוועל.

אין דער שטאָדט פ. (מיר ווילט זיך ניט אויסשרייבען דעם נאָמען פון דער שטאָדט, ווייל עס געפינען זיך דאָ אין אַמעריקא די אייניק־לאַך פונ׳ם בעל־דבר, וועלכע זיינען גראַד גוטע באַקאַנטע מיינע) איז געווען דער הויפּט־פרנס פון דער שטאָדט אַ געוואַלטיגער פּראַצענט־ניק. ער פלעגט ממש אָפּשינדען די הויט פון די אָרימע־לייט, אָבער חוץ דעם איז זיין הנהגה געווען זעהר אַ פרומע. אַז דער קעלמער מגיד איז פאַרפאַהרען אין דער שטאָדט, איז ער איהם אויך געקומען הערען, אָבער פינסטער אין די אויגען איז איהם געוואָרען, דערהער־רענדיג ווי דער קעלמער מגיד האָט בכיון זיך געשטעלט אויף דעם מאמר: „הראה הקב"ה לאדם הראשון דור דור ופרנסיו" און גענומען שטודירען וואָס פאַר אַ פּנים אָדם הראשון האָט געמאַכט, אַז מען האָט איהם געוויזען די שטאָדט פ. מיט איהר פרנס, און גענומען טענה׳ן, מיט וואָס האָט די שטאָדט פ. זיך פאַרזינדיגט, אַז זי מוז זאָגען „פרנסני ככלב" — מיין פרנס בייסט ווי אַ הונט (אויף העברעאיש רופט זיך פּראַצענט „נשך" פון לשון בייסען). לייכטפאַרשטענדליך, אַז ער האָט דערפון ניט טרוקען אָפּגעשניטען.

בעת ער איז געווען שטאָדט־מגיד אין קעלם האָט דאָרט געלעבט איינער א גביר מיט'ן נאָמען „שולם", וואָס ביי איהם פלעגען אלע יתומים און אלמנות פון שטאָדט האַלטען זייער געלד, איהם האַלטענדיג פאַר א גרויסען בטוח. דער קעלמער מגיד האָט זיך דערוואוסט, אַז די געשעפטען פון דעם דאָזיגער גביר זיינען ניט זעהר פויגעלדיג, און אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער אָנזעצען אַרימע געלד, כאָטש אויסערליך איז דאָס ניט געווען ניכר, דען ער האָט זיך נאָך געפיהרט מעשה גביר מיט גרויס גאוה. גראָד איז דאַמאָלסט געגאַנגען די סדרה „ויצא", און אַרומריידענדיג די פסוקים פון דער סדרה, גיט ער פלוצים א געשריי: דאָכט זיך „סולם מוצב ארצה", שולם שטעהט שוין אויף דער ערד „וראשו מגיע השמימה", און פאַר לייטען האַלט ער נאָך הויך דעם קאָפּ. אַלע האָבען פאַרשטאַנען דעם רמז און מען האָט נאָך אוספּייעט אַרויסצוכאַפּען די פקדונות פון איהם. דער קעלמער מגיד אָבער האָט דערפון געבראָטענע צרות געהאַט און געמוזט פאַרלאָזען קעלם, ווי איך וועל נאָך שפּעטער קומען דערצו.

זיין ניט שרעקען זיך פאַר קיין מענשען, האָט אַרויפגעיאָגט א שרעק אויף פיעלע משכילים און באַוואוסטע בעלי־עבירות, וועלכע פלעגען זיך ממש באַהאַלטען בעת ער פלעגט פאַרפאָהרען אין זייערע שטעדט. אמת, זיי פלעגען זוכען צו שטילען זייער כעס מיט זלזולים און ליצנות אין די העברעאישע צייטונגען און אויפרייצען געגען איהם די „עפענטליכע מיינונג", אָבער מ'שטיינס געזאָגט, ווי גרויס איז דאַמאָלסט באַשטאַנען זייער גאַנצע לעזע־פובליקום? איין געפאַקטע שוהל פון צוהערער, אין איין איינציגער שטאָדט, איז כמעט אַזוי פיעל געווען, וויפיעל „קוראים נכבדים" פון אַלע אידישע צייטונגען צוזאַמען! וואָס פאַר אַן אָרט, למשל, האָט פאַרנומען אין אידישען לעבען מיכל גאָרדאָנ'ס השכלה־לידעל: „שטעה אויף מיין פאָלק, געגוג דיר שוין שלאָפען", וואָס נאָר געצעהלטע מענשען האָבען דאָס געזונגען, געגען קעלמער מגיד'ס ליעד, וועלכען ער פלעגט אָפט דערמאָהנען אין זיינע דרשות: „וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען וכו', משה רבנו וועט תורה לערנען, אהרן הכהן וועט די ברכה מאַכען, דוד המלך וועט פידעל שפּילען" א. ז. וו., וואָס טויזענדער אידען פלעגען דאָס מיט גרויס התפּעלות זינגען אויף אַלע שמחות, און איז נאָך פאַרבליבען ביז היינט א פאָלקס־ליעד.

פון די השכלה־טרעגער אין זיין צייט, וואָס האָבען געוואָלט אונטערברעגגען די אידישקייט, האָט ער תמיד געהאַלטען דעם דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן פאַר דעם ערגסטען און געפעהרליכסטען. ער פלעגט זאָגען: בערל מיכאַילישקער איז דער אב הטומאה. זיין זוהן מיכה יוסף — דער ראשון לטומאה, אָבער גאָרדאָן איז דער אבי אבות

הטומאה. ער איז אמאל געקומען קיין טעלז, בעת גארדאן האט דאר־טען געלעבט, און איז מיטען א דרשה, ביי א פול געפאקטע שוהל, האט זיך ארייגגעלאזען גארדאן מיט א גאנצער סוויטע פון די טעלזער משכילים, זיך דערשטופט ביז צום מזרח און זיך אוועקגעשטעלט הארט נעבען ארון־קודש. דער קעלמער מגיד, זיך דערוויסענדיג אז דאס איז גארדאן, האט באלד מפסיק געווען זיין ענין וואס ער האט געזאגט, און מיט זיין געוויסען נגון גענומען זינגען די גמרא אין בבא קמא: אליעזר זעירא הוה סיים מסאני אוכמא וקאי בשוקא דנהרדעא וכו׳. פרעגען זיי איהם פארוואס געהסטו אין שווארצע שיכעלאך, האט ער זיי געזאגט, דאס ער קלאגט אויף ירושלים, און אלס באוויז, דאס ער איז ראוי צו טרויערן אויף ירושלים האט ער זיי געפרעגט דעם דין „האי מאן דקץ כופרא מאי משלם״, און זיך אומדרעהענדיג צו גאר־דאן׳ען מיט זיין חברייא און מאכענדיג צו זיי מיט די הענט, האט ער אנגעפאנגען צו שרייען: „זאגט זשע האי מאן דקץ כופרא, וועל־כער האקט אוים די יונגע בוימעלאך — וואס פאר א פסק קומט איהם?״ און אזוי איבערגע׳חזר׳ט כמה מאל, אז גארדאן מיט זיין חברה האבען געמוזט מיט חרפה פארלאזען די שוהל.

אמת, גארדאן האט איהם אויך ניט געשוינט, און נאך אין יאהר 1861 באקלאגט זיך גארדאן אין דער „אלגעמיינער צייטונג דעס יודענ־טומס״ אויף די פינסטערניש, וואס רבי ישראל סאלאנטער׳ס מוסר־שטיבלאך האבען געבראכט אויף דער אידישער וועלט. עס א׳ז שוין אזוי ווייט געקומען, אז אפילו אין מיטוי, די הויפטשטאדט פין קור־לאנד, די מעטראפאלע פון בילדונג, געפינט זיך שוין אויך א מוסר־שטיבעל (א „שטראף־היטע״ ווי גארדאן רופט דאס אן אין דער דייטשער שפראך). און ווער האט דאס איינגעפיהרט? — קיין אנ־דערער ווי דער באוואוסטער פאנאטיקער און פינסטערלינג, דער מלאך חבלה פון דער השכלה, באקאנט אונטער׳ן נאמען „קעלמער מגיד״.
ניט געגונג וואס ער איז איינער פון דעם סאלאנטער׳ס גווארדיע, וועל־כע האבען פארשפרייט א נעץ פון מוסר־שטיבלאך איבער אלע גרעסערע שטעדט, פאהרט ער נאך שטענדיג ארום, אט דער ערצמיסיאנער, אי־בער אלע שטעדט און שטעדטלאך, אין דער לענג און אין דער ברייט פון אידישען ישוב, און זידעלט און שילט די בילדונג און די בילדונגס־טרעגער. צום באדויערען, זיינען תמיד די שוהלען, וואו ער האלט זיינע חוצפה׳דיגע דרשות, פול מיט צוהערער, אויף וועלכע ער מאכט א קאלאסאלע ווירקונג און צושטערט אלץ, וואס מיר משכילים בויען. צו די צרות און יסורים וואס די השכלה האט אויסצושטעהן אין פוילען און אין דרום־רוסלאנד צוליעב דעם חסידיזם, איז נאך צוגעקומען דער

דאזיגער פינסטערער כח, צו פארניכטען אלץ וואס מיר משכילים האבען מיט גרויס מאטערניש געשאפען אין צפון רוסלאנד".

אויך אין זיין „עולם כמנהגו" מאכט איהם גארדאן צום ציעל פאר זיינע ליצנות, ציטירט שטיקער פון זיינע דרשות, ווי למשל: „מיי־דעלע מיידעלע, ביזט דאך ערגער פאר'ן האהן. דער האהן האט א קאם און קעמט זיך ניט אום שבת און דו קעמסט זיך יא". אדער אזא מין דרשה: „האט איהר, אידען, ווען געזעהן, אז א איד זאל צודעקען דעם דאך פון זיין הויז מיט „אשרי ובא לציון"? איך האב דאס יא געזעהן. א שטיינער, א איד בויט זיך א הויז, האלט אין מיטען צו־דעקען דעם דאך און מוז אין מיטען דער ארבייט אריינלויפען אין שוהל אפדאווענען. ווען עס קומט צו אשרי ובא לציון קען ער שוין מעהר ניט איינשטעהן, ווארפט אראפ דעם טלית און תפילין און לויפט צום הויז. אט קומט ארויס דערפון, אז ער בארעקט א שטיקעל דאך מיט זיין אשרי ובא לציון" און נאך אלעמען האט גארדאן אליין צוגעגעבען, אז דער קעלמער מגיד באזיצט א וואונדערבארע קינסט־לערישע פאעזיע, און ווען ער וואלט געבארען און ערצויגען געווארען אין אנדערע פארהעלטניסען, וואלט די וועלט רייכער געווען מיט א טאלאנטפולען דיכטער.

דער קעלמער מגיד איז געבארען אין יאהר תקפ"ח, אין דער שטעד־טעל אזערניצע, נעבען סלאנים. זיין פאטער, ר' נח, אן ארימער מלמד, איז איהם אפגעשטארבען בעת ער איז אלט געווען צעהן יאהר, און זיין זיידע אין סלאנים האט איהם צוגענומען צו זיך אויף אויסצוהא־דעווען. דער זיידע איז געווען א איד א גרויסער למדן און א מורא־דיגער ירא שמים, און האט ערצויגען דעם יתום אויף זיין שטייגער אין עקסטרימער פרומקייט. שוין אין זיינע קינדער יאהרען האט ער ארויסגעצייגט גרויסע פעהיגקייטען אין לערנען, באזיצענדיג א לייכטע תפיסה, א גוטען זכרון און מעהר פון אלץ — א געוואלדיגע התמדה. ארויס פון חדר און אריין אין דער ישיבה, וואו ער האט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון ראש הישיבה און די חברים, דורך זיינע אויסערגעוועהנליכע פרומקייט און דורך זיין זעלטען שעהנעם נגון אין לערנען.

צו אכצעהן יאהר האט ער חתונה געהאט פון א דערבייאיגען שטעדטעל, געקראגען אביסעל נדן, זיך גענומען צו מסחר און געווארען א קרעמער. אבער אין א קנאפען יאהר איז ער שוין געווען אויס סוחר, און געקומען צוריק קיין סלאנים זוכען פרנסה. ניט קוקענדיג אויף דעם פרסום, וואס ער האט שוין דאמאלסט געהאט אלס א דרשן, האט ער דאך ניט אנגעהויבען צו קלעהרען, צו מאכען פון מגידות א פרנסה. ער האט געהאלטען פאר א חלול הקודש צו נעהמען געלד

פאר וועלכע אידען פרום מאכען. מיט גרויסע שוועריגקייטען האט דער דאמאלסדיגער סלאנימער רב, הגאון אשכנזי, ביי איהם גע׳פועל׳ט אנצונעהמען א שטעלע פאר א מגיד אין דער חברה „זבחי צדק״, אבער מעהר ווי האלבען רובעל א וואך האט ער זיך נישט געלאזט באצאהלען.

די שטעלע האט ער אבער לאנג ניט אנגעהאלטען, ווייל זיינע צוהערער זיינען געווען פראסטע קצבים און האבען ניט פארשטאנען זיינע טיעפע געדאנקען, וועלכע ער האט גענומען פון „חובות הלבבות״ און „בחינות עולם״. אגב פלעגט ער זיי ניט שאנעווען, זאגען דעם אמת אין די אויגען אהן שום חניפה, אז נאך צוויי יאהר האט ער זיי געמוזט פארלאזען און אנגענומען די שטעלע פאר א שטאדט־מגיד אין נאוווי־מוש. דאס אייגענע איז אויך געווען אויף זיין נייער שטעלע. זיינע חקירה׳דיגע דרשות מיט זיין ארט זאגען זיינען ניט געווען פאר זייערע השגות, און ער איז אוועק פון דארטען קיין איוויע.

דער איווייער רב, א גאון און א צדיק, האט דעם יונגען מגיד זעהר מקרב געווען, און פלעגט אליין קומען הערען זיינע דרשות. דער רב האט אויך אויסגעפונען דעם געוואלדיגען כח וואס געפינט זיך אין איהם צו ווירקען אויפ׳ן המון, איהם איז אבער ניט געפעלען געווען זיין דרך אין זאגען, און האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, דאס דער המון נויטיגט זיך ניט אין חקירות איבער אחדות הבורא אדער השארת הנפש. ער האט איהם איבערצייגט, אז זיינע מורא׳דיגע בילדער פונ׳ם גיהנום פארפעהלען זייער צוועק, כל־זמן דער עולם ווייסט ניט, וואס ער דארף יא טהאן און וואס ער דארף ניט טהאן, כדי פטור צו ווערען פון עונש גיהנום.

דער מגיד האט איהם באדאנקט פאר זיין גוטע עצה און אויף זיך מקבל געווען, פון איצט אן צו לערנען דעם המון וואס ער האט צו טהאן אלס איד און אלס מענש, אום צו דערגרייכען עולם הבא. כדי אויסצופיהרען דאס וואס ער האט אויף זיך מקבל געווען, האט ער פארלאזען זיין שטעלע און איז אוועקגעפאהרען קיין קאוונא, צו לערנען ביי ר׳ ישראל סאלאנטער, אין זיין מוסר־שטיבעל, די וועגען פון מדות און מוסר.

קאוונא איז דאמאלסט געווען דער צענטער פון מוסר. דען חוץ רבי ישראל סאלאנטער, וועמען מ׳האט געהאלטען אין יענער צייט פאר׳ן צדיק הדור, זיינען דארטען געווען אויך זיינע תלמידים,, די פארשפרייטער פון זיין לעהרע, ווי: רבי יצחק בלאזער, רבי שמחה זיסל, רבי ליב חסיד, רבי יוזל, רבי מיכל ווארנער און פיעל אנדערע, וועלכע זיינען באוואוסט געווען פאר גרויסע צדיקים און גדולי תורה. קומענדיג אהין, האט דער יונגער מגיד באלד געצויגען אויף זיך די אויפ־

מערקזאמקייט פון רבי ישראל׳ן, ער האט באוואונדערט זיין אמת׳ע יראת שמים און זיין גרויס טאלאנט און ווירקונג אויפ׳ן המון, און האט איהם אויפגעפאדערט צו פארלאזען קאוונא און ארויספאהרען איבער דער וועלט לערנען אידען מדות און יראת שמים, אויך צו גרינדען אין די גרעסערע שטעדט מוסר־שטיבלאך, וועלכע זאלען צוריקהאלטען די הפקרות און אויסגעלאסענקייט, וואס די השכלה האט געבראכט אויף דער אידישער גאס.

פאר דער קורצער צייט וואס ער איז געווען אין קאוונא האט ער פיעל געלערענט פון רבי ישראל׳ס דרכים, באזונדערס אז די עבירות בין אדם לחבירו זיינען פיעל הארבער ווי די עבירות בין אדם למקום. זיין טעם איז געווען, ווייל די איינציגע רפואה פאר אן עבירה איז תשובה, און דעריבער אז מען פארזינדיגט זיך צו גאט קען מען צו יעדער צייט און אין יעדען ארט וואו מען געפינט זיך, תשובה טהאן, ווייל ער איז אלע מאל און אומעטום פאראן. אנדערש איז אבער ווען מען זינדיגט נעגען א מענשען, און בפרט אז מען איז א גוזל את הרבים. היינט איז ער דא, מארגען איז ער אנדערסוואו, און אין מיטען שטארבט ער גאר אוועק און מען קען ניט מתקן זיין די עבירה.

דאס ערשטע, צו וואס דער קעלמער מגיד האט זיך גענומען איז געווען: אפצושאפען פאלשע געוויכטען און מאסען פון דער אידי־שער גאס. און פאר יענער צייט איז דאס ווירקליך געווען ניט קיין קליינע אויפגאבע. ביי א גרויסען טהייל סוחרים און קרעמער פלעגען זיך געפינען צווייערליי געוויכט און מאסען. די גרויסע— אויף איינצוקויפען און די קליינע—אויף צו פארקויפען. ליידער האבען זיי זיך שוין געהאט אזוי ווייט צוגעוועהנט דערצו, אז זאגאר די פרומאקעס (און ווער איז דען פארצייטען ניט פרום געווען?) האבען דאס געהאלטען פאר א קנאפען איסור. דער כלומר׳שטער היתר איז באשטאנען דערפון, וואס די מייסטע פארקויפער און קויפער זיינען געווען די פויערים, אליין גרויסע גנבים, ובכן הגונב מן הגנב פטור. דרך אגב פלעגט מען שוין געפינען א היתר אויך אויף א אידען צו נעבען ניט קיין ריכטיגע געוויכט.

אז ערך דרייסיג יאהר האט דער קעלמער מגיד געארבייט מיט אונמענשליכע כחות, ביז ער האט אראפגענומען די דאזיגע שאנדע פון אידישען פאלק. אין זיינע פייערדיגע דרשות פלעגט ער פאר־שטעלען אין א לעבעדיגען בילד דעם מדור פון גיהנום, וואו די דאזיגע וועלען גע׳משפט ווערען פאר גניבה, גזילה און בפרט פאר חלול השם. זיין כח הדמיון איז אזוי שטארק געווען, אז איהם פלעגט זיך ממש אפ־דוכטען ווי ער זעהט מיט זיינע אויגען די גרויסע יסורים, וואס זיי

האבען אין יענעם עולם, און זייענדיג פון דער נאטור א בעל־רחמים, פלעגט ער זיך פאנאנדערוויינען, ברעכען מיט די הענט און מיט יללות זיך בעטען ביים עולם מיט די ווערטער: „גוואלד, אידען! האט רחמנות! זייט מתפלל פאר זיי!" אויף איהם קוקענדיג פלעגט דער גאנצער עולם אויסברעכען אין א געוויין, און דער רעזולטאט איז געווען, אז אויף מארגען פלעגען די קרעמער צוברעכען זייערע פאלשע געוויכט אדער באגראבען אין דער ערד, און איינציגווייז קומען צו איהם בעטען א תשובה.

ער האט זיך אבער דערמיט ניט באגנוגענד, און פלעגט נאך, איידער ער איז אפגעפאהרען פון דער שטאדט, אליין דורכגעהן אלע קראמען און אויספרובירען די געוויכטען און די מאסען. איך דער־מאהן מיך פון א פאסירונג אין מיינע יונגע יאהרען, וואס א לאנגע צייט האט מען דערפון געשפראכען: דער קעלמער מגיד איז געקומען קיין וועקסנע און גע׳דרש׳ענט וועגען פאלשע געוויכט. זיינע רייד האבען געמאכט אזא רושם, אז איינער א קרעמער איז געריהרט גע־ווארען אויפ׳ן מח, און איינער האט זיך פון גרוים יאוש אריינגעוואר־פען אין טייך.

ארומפאהרענדיג מאכען מוסר־שטיבלאך איז ער אויך פארפאהרען קיין קעלם (קאוונער גובערניע), וואו ער איז אויפגענומען געווארען פאר א שטאדט־מגיד מיט א שכירות פון דריי רובעל א וואך. קעלם איז געווען באוואוסט אין יענער צייט, דורך איהר אויסגעברייטעטען האנדעל מיט פרייסען. א דאנק איהר געאגראפישער לאגע, אין צענ־טער פון שאסעע וואס האט זיך געצויגען פון טילזיט ביז ריגא, זיינען דארטען געווען גרויסע לאגערען פון פרייסישע סחורות, און גאנץ אפט פלעגען דארטען צוזאמענפאהרען די סוחרים פון די ארומיגע שטעדט. דער קעלמער מגיד, אנקומענדיג דארט, האט זיך דערוואוסט, אז דער הויפט־מסחר באשטעהט פון קאנטרעבאנד, און אז אפילו גרויסע לומדים און יראים באשעפטיגען זיך מיט׳ן שמוגלען פרייסישע סחורה. ער האט באלד אנגעהויבען קעהרען ווערטער אויף די „פעל־קעל־פיהרערס", אויפגעוויזען אין זיינע דרשות וואס פאר א גרויסע עבירה עס איז, עובר צו זיין אויפ׳ן דינא דמלכותא, און זיי אוועקגע־שטעלט צום שאנד־קלאץ. אין דער שטאדט האט זיך אנגעפאנגען א קאכעניש און די סוחרים האבען געזוכט מיטלען ווי פון איהם פטור צו ווערען, אבער דער המון, ביי וועמען ער איז געווארען זעהר בא־ליעבט, האט זיך איינגעשטעלט פאר איהם און ניט געלאזען איהם ארויסשיקען פון שטאדט. דאך, דורך דער מעשה מיט די „מלח סדומית" האבען שוין זיינע געגנער, די סוחרים, ניט מעהר גערוהט ביז זיי איז אפגעגאלטען איהם משלח צו זיין פון קעלם.

די מעשה מיט די זאַלץ, וואָס דער „קעלמער מגיד" פלעגט דאָס רופען „מלח סדומית", איז געווען ווי פאָלגט: דער מסחר מיט פריי־סישע זאַלץ איז דאַמאָלסט געווען איינער פון די הויפט אידישע געשעפטען. אין אומגאַנג זיינען געווען צוויי סאָרטען זאַלץ, ווייסע און רויטע. אַזוי ווי די רויטע זאַלץ איז געווען טהייערער פאַר די ווייסע, האָבען זיך געפונען אַ פּאָר סוחרים אין קעלם, און דווקא פון די געהויבענע, וואָס פלעגען אריינמישען רויטע פאַרב אין די ווייסע זאַלץ און פלעגען פאַרקויפען פאַר נאַטירליכע רויטע זאַלץ. דער קעלמער מגיד האָט זיך דערפון דערוואוסט און אָנגעפאַנגען אין זיינע דרשות מרעיש עולמות צו זיין פאַר די דאָזיגע פעלשונג. ער איז נאָך ווייטער געגאַנגען און עפענטליך באַקאַנט געמאַכט די נעמען פון די דאָזיגע שעהנע בעלי־בתים און זיי מתרה געווען אויב זיי וועלען ניט חוזר בתשובה זיין, וועט ער זיך אָוועקשטעלען ביי זייערע קראָמען און אָנזאָגען די קויפערס אַז די זאַלץ איז געפעלשטע. דאָ איז ענטשטאַנען אַ גרויסער שטורם געגען איהם, מען האָט איהם פאַר׳מסור׳ט ביי דער דאָרטיגער נאַטשאַלסטוואָ, אַז ער בונטעוועט דעם המון און געפועל׳ט איהם אריינצוזעצען אין טורמע. עס איז אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען אַ באַפעהל פון דעם ראַסיינער איספּראַווניק, דעם הייליגען מאַן זאָפאָרט צו באַפרייען.

די גוטע מיינונג וואָס די ראַסיינער נאַטשאַלסטוואָ האָט געהאַט וועגען איהם, שטאַמט פון דעם ראַסיינער פּאָסטמייסטער. ער האָט מעהרערע מאָל באַמערקט, ווי דער קעלמער מגיד, בעת ער איז געווען אין ראַסיין, קומט אריין אין פּאָסט, קויפט אַ פּאָסט־מאַרקע און געהט אוועק אַז אַ זייט און צוריסט דאָס. איינמאָל האָט ער איהם געפרעגט פאַרוואָס ער טהוט דאָס, זאָל איהם האָבען דער קעלמער מגיד געענטפערט, ער טהוט דאָס יעדען מאָל, ווען ער שיקט אַ בריעף דורך אַ געלעגענהייט, כדי ניט צו באַגזל׳נען די מלוכה, וואָס איהר קאָסט אויסצוהאַלטען די פּאָסט. זיינע תמימות און זיין עהרליכקייט האָבען אויף איהם געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. ער האָט דאָס דערצעהלט דעם דאָרטיגען איספּראַווניק, און אַ דאַנק דעם איז דער קעלמער מגיד ניצול געוואָרען פון טורמע.

זיינע שונאים אָבער האָבען ניט גערוהט און געאַרבייט מיט אַלע כחות איהם ענג צו מאַכען אין קעלם. דערצו איז נאָך צוגעקומען די מעשה מיט דעם גביר, שולם ליבערמאַן, מיט׳ן פּסוק „סולם מוצב ארצה", ביז עס האָט זיי סוף־כל־סוף געלונגען איהם אַרויסצושיקען פון קעלם. און כאָטש ער איז געווען אין קעלם בלויז דריי יאָהר, און כאָטש ער איז נאָך שפּעטער געווען שטאָדט־מגיד אין אַנדערע שטעדט און פאַר אַ פיעל־לענגערע צייט — איז דאָך קעלם פאַרבליבען

פאר אלע צייטען פארבונדען מיט זיין נאמען, ווייל קעלם איז געווען די ערשטע שטאדט וואס האט איהם געגעבען די אנרעגונג צו אלע זיינע שפעטערדיגע מעשים.

פאר די דריי יאהר צייט, וואס ער האט פארבראכט אין קעלם, איז ער אויף אזוי ווייט מפורסם געווארען, אז פון פיעל שטעדט, פון נאהענט און פון ווייט, האט ער באקומען אויפפאדערונגען אנצונעהמען ביי זיי א שטעלע פאר א שטאדט־מגיד. מען האט איהם פארשפראכען צו געבען גרויסע שכירות און איהם האלטען מיט כבוד. ער האט אבער ניט געקעהרט, ניט פאר געלד, ניט פאר כבוד, ניט פאר מנוחה, נאר האט זיך ווידער אוועקגעלאזען איבער דער וועלט צו זיין א „נע־ונד־ניק". צו געלד האט ער בכלל קיין שייכות ניט געהאט, און האט דאס פיינד געהאט בתכלית השנאה. אין קליינע, ארימע שטעדטלאך, פלעגט ער איבערהויפט ניט נעהמען קיין געלד פאר זיינע דרשות, און אויך אין די גרעסערע שטעדט פלעגט ער בלויז נעהמען וויפיעל ער האט נויטיג געהאט פאר די נויטוועגדיגסטע הצטרכות, און דעם רעשט פארטהיילען צווישען ארימע לומדים. צום אויסהאלטען זיין פאמיליע האט ער קיין געלד ניט נויטיג געהאט, ווייל זיין פרוי, אן אשת־חיל, פלעגט אליין פארדינען פאר זיך און פאר די קינדער. בכלל האט ער זיך געפיהרט ווי א פארצייטיגער חסיד, ניט וועלענדיג האבען הנאה פון דער וועלט. ניט קוקענדיג אויף זיין שווערע הארעוואניע, אפצוזאגען פינף שעה נאכאנאנד, זיך ווייקענדיג אין טייכען שוויים, פלעגט ער נאך פראווען תעניתים. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס ער איז אלט געווארען פאר דער צייט און בעת ער האט פארלאזען קעלם, און איז נאך קיין פולע דרייסיג יאהר ניט אלט געווען, האט ער שוין אויסגעקוקט ווי א מענש אין די מיטעלע יאהרען.

אז ערד פון צוויי יאהר איז ער אזוי ארומגעפאהרען איבער רוסלאנד און פוילען, ביז ער האט ווידער אנגענומען א שטעלע פאר א שטאדט־מגיד אין זאגער, וואו ער איז פארבליבען גאנצע פינף יאהר. די שטאדט זאגער איז דאמאלסט באריהמט געווען אין דער אידישער וועלט דורך די גרויסע משכילים וואס זי האט ארויסגעגעבען, און בעת דער קעלמער מגיד איז דארט אנגעקומען האבען זיך דארטען נאך געפונען די מאנדעלשטאמ׳ס, די זאקס׳עס, די שאפיר׳ס און אויך דער פילאזאף חיים ז״ק. כאטש ער פלעגט אין זיינע דרשות אטאקירען זייערע דרכים, דאך אבער האבען זיי — אלס אמת׳ע משכילים און ניט קיין פשוט׳ע בעלי־עבירות — איהם ניט געטשעפעט, אין געגענטהייל, איהם נאך רעספעקטירט פאר זיין אויפריכטיגקייט, פאר זיין זויבערען כאראקטער און באזונדערס פאר זיינע גרויסע פאר־דינ־

סטען אין אויסבעסערען די מאראל פון המון, וואס איז געווען דער פועל־יוצא פון זיינע ברענענדיגע מוסר און פון זיין שאפען חברות פאר בעלי־מלאכות צו לערנען חיי־אדם און מנורת־המאור.

פארלאזענדיג זאגער איז ער ווידער, אז ערד פון דריי יאהר, ארומגעפאהרען איבער שטעדט און שטעדטלאך און זיך אפגעשטעלט אין יאהר תרכ״ח פאר א מגיד אין אשמינא. אפגעווען צוויי יאהר און זיך באזעצט אין מינסק, וואו ער איז שוין פארבליבען א לענגערע צייט. ווייטער גענומען וואנדערען איבער דער וועלט ביז ער איז אנגעקומען פאר א מגיד אין סלאנים. אין סלאנים איז ער ניט לאנג פארבליבען, און אוועק פון דארט קיין מלאווא. לויט זיין כאראקטער אין איהם איבערהויפט שווער געווען אנצוהאלטען א באצאהלטע שטעלע, און פארלאזענדיג מלאווא האט ער שוין מעהר קיין שטעלע ניט אנגענומען און זיך באזעצט מיט זיין פאמיליע, אין יאהר תרמ״ד, אין גראדנא, אלס געוועהנליכער בעל־הבית.

ניט קוקענדיג אויף זיין שוואכען געזונד און שוין זייענדיג קרוב צו זעכציג יאהר, איז ער נאך אין יאהר תרמ״ה אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן אויסבעסערען דארט אידישקייט. דר. אדלער און שמואל מאנטאגיו, וואס זיינען איינינע מאל געווען הערען זיינע דרשות, האבען איהם זעהר מקרב געווען, און דעם האלבען יאהר, וואס ער האט זיך אויפגעהאלטען אין לאנדאן, האבען זיי איהם מספיק געווען. די וואס האבען געהערט זיינע דרשות אמאל אין דעם היים און שפעטער אין לאנדאן, האבען דערצעהלט, אז אין די לאנדאנער דרשות האט שוין געפעהלט דער יוגענטליכער פייער; דער גיהנום האט שוין ניט מעהר אזוי געפלאמט, און האט איגגאנצען אויפגעהערט צו שילטען. דאך אבער זיין אמת׳ער אמת, זיינע דברים היוצאים מן הלב און זיין שעהן קלינגענדיגער נגון, האבען נאך אימער באצויבערט די צוהערער, אז עס פלעגט זיי ניט לאנגווייליג ווערען הערענדיג איהם שעה׳ן נאכ־אנאנד.

פון זיין אויפענטהאלט אין לאנדאן דערצעהלט מען פאלגענדע אנעקדאטע: אין שוהל האט מען איהם אויפגעפאדערט ראש השנה צו דרש׳ענען פאר תקיעות. דער בעל־תוקע, א פראסטער איד און דערצו נאך א מגולח, האט איהם ניט געוואלט לאזען זאגען. צום סוף האט ער גע׳פועל׳ט, אז מען זאל איהם כאטש לאזען דערצעהלען א קורצע מעשה און ער האט דערצעהלט פאלגענדעס:

„איינער א פארמער האט אמאל באמערקט, אז זייט איינינע טעג פעהלט איהם יעדען טאג א שעפסעל פון זיין סטאדע. ער האט אנגעפאנגען נאכצוזוכען און אויסגעפונען, אז יעדע נאכט קומט א וואלף און רויבט אוועק א שעפסעל. אזוי ווי ער האט געהערט, אז א וואלף

האט מורא פאר א באק צוליעב זיין בארד און הערנער, האט ער אוועקגעשטעלט פאר א שומר א באק און עס האט אויך ווירקליך געהאלפען. אין א צייט ארום איז דער באק גע׳פגר׳ט, און דער וואלף האט אנגעפאנגען זיך ווידער צו באווייזען. דער פארמער איז גע־פאלען אויף א פלאן אפצושינדען דאס פעל פון באק און אנצוטהאן א הונט, כדי דעם וואלף אפצושרעקען. און כך הוי: דער וואלף האט זיך טאקע דערשראקען און מעהר ניט געקומען. דאס פעל, ניט האבענדיג קיין חיות, איז מיט דער צייט אזוי אויסגעטריקענט גע־ווארען, אז דער בארד איז אינגאנצען אויסגעקראכען. דער וואלף האט דאס באמערקט, געווארען ביי זיך דרייסטער און פרובירט צוגעהן נעהנטער. דערזעהענדיג דעם הונט אונטער דאס באקענע פעל, גיט ער איהם א זאג איראניש: „כלב, כלב, אז דו האסט קיין בארד ניט, ווי קומסטו צו הערנער?“ (מרמז געווען אויפ׳ן הארן פון שופר).

אין דערזעלבער צייט איז איהם אויסגעקומען צו זיין א זומער אין דובעלן (א בארע ארט נעבען ריגא), וואו עס פלעגען צוזאמענ־קומען צעהנדליגע טויזענדער אידישע בארע־געסט פון גאנץ רוסלאנד, און באזונדערס פון דערבייאיגער ריגא, וועלכע פלעגען מייסטענס ארויספאהרען דארט אויף שבת צו זייערע פאמיליעס. באמערקענדיג אז די ריגא׳ער שבת׳דיגע אורחים קומען אין שוהל דאווענען אהן טליתים, זיך פוילענדיג מיטצונעהמען פון דער שטאדט, האט ער א מאל א זאג געטהאן אין א דרשה: „זייענדיג אין ריגא איז מיר אויסגעקומען אריינצוגעהן ערב שבת צו איינעם א בעל־הבית. פרעג איך: וואו איז ער? ענטפערט מען מיר: ער איז אוועקגעפאהרען קיין דובעלן. ארויסגעהענדיג הער איך עפעס א מאדנעם געוויין אין א זייטיגען חדר. איך געה אריין אין חדר — ניטא קיין מענש, נאר א טלית־זאק מיט א טלית הענגט אויפ׳ן וואנד און דער געוויין הערט זיך פון טלית. פרעג איך איהם: „טלית׳ל, טלית׳ל, וואס וויינסטו?“ — „ס׳טייטש, ווי זאל איך ניט וויינען? — ענטפערט דער טלית. — אוועק־פאהרענדיג קיין דובעלן האבען זיי מיטגענומען מיט זיך די גאלד און זילבער פון שטוב, נאר מיר אליין איבערגעלאזען“. „זיי רוהיג, טלית׳ל, האב איך איהם געטרייסט, עס וועט קומען אמאל א צייט, אז ער וועט דארפען מאכען א ווייטערע נסיעה, וועט ער שוין דאמאלסט איבער־לאזען גאר די גאלד און זילבער, בלויז דיר אליין, טלית׳ל, וועט ער מיטנעהמען“.

מוסר׳נדיג אמאל דעם עולם אין ריגא, האט ער ארויסגעזאגט פאלגענדע הלצה: „זעהט זשע די ריגער ווייבער האבען ווירקליך געקענט זיין זעהר גוטע חסידים: דאכט זיך זיי געהען מיט לאנגע פאות׳ן ווי חסידים, שטענדיג דאס הארץ אפען — גאר ווי ביי די

פארצייטיגע חסידים, אבער אז זיי וואלטען נאר אויך טבילה געגאנ־
גען, וואלטען זיי טאקע געווען אמת׳ע חסידים".

בעת ער איז געקומען צום ערשטען מאל אין מיטוי (קורלאנד), אז
ערד זיבעציג יאהר צוריק, האט ער דארטען געפונען א מאדנעם נייעס,
וואס ער האט דאס נאך קיינמאל ניט געזעהן: אידען מיט געגאלטע
בערד! שבת אין שוהל האט ער זיי גענומען אויפ׳ן צימבעל, זיי
געוויזען דעם מדור פון גיהנום וואו זיי וועלען אמאל אהינקומען.
נאך דער דרשה זיינען אייניגע צוגעגאנגען צו איהם און האבען איהם
ערקלעהרט, אז זיי גאלען זיך חלילה ניט, נעהמען בלויז ארונטער די
בערד מיט אזא סם, וואס מען רופט דאס פאודער. נו, מילא, זייט
איהר אויף דעם לאו פון „לא תגלחו" ניט עובר — האט ער זיי גע־
ענטפערט — „אבער וואס טהוט איהר מיט׳ן לאו פון „לא ילבש גבר
שמלת אשה?" — „וועגען דעם זייט רוהיג, רבי" — האבען זיי געענט־
פערט — „אונזערע ווייבער גאלען ניט מעהר די קעפ". „אויב אזוי
טא מעגט איהר זיך שוין אויך סמ׳ען" — האט ער זיי איראניש באַ־
מערקט.

נאך א וואונדערליכע זאך האט ער געפונען אין מיטוי, אז די
בחורים האבען ערשט חתונה בעת זיי ווערען אלט פינף און דרייסיג
ביז פערציג יאהר, און האט דארויף באמערקט אין איינע פון זיינע
דרשות, אז איצט פארשטעהט ער שוין דעם טייטש פוןווארט „בן"
אין דער משנה פון אבות: „בן שמונה עשרה לחופה", דאס הייסט,
אז ער האט שוין א זוהן פון אכצעהן יאהר, איז די צייט פאר איהם
חופה צו האבען!

אין דער שטאדט ליבוי האט ער זיך אויפגעהאלטען אין יאהר
תרל"ה. אין יענער צייט האט מען דארטען אויסגעבויט א נייע קאר־
שוהל, א וואונדערבאר־שעהנער בנין מיט דריי הויכע קופאלען און
אויף די שפיצען מגן־דוד׳ס. די שוהל האט פון אויסוויינינג ווירקליך
אויסגעזעהן ווי א קירך און מאנכע פרומע גוים פלעגען זיך איבער־
צלמ׳ען פארבייגעהענדיג. אויך אינוויינינג איז זי געווען זעהר רעפאר־
מירט. די בימה נעבען ארון־קודש און די גאלעריע פון די ווייבערשע
שוהל איז געווען אזוי נידעריג, אז די פנימ׳ער פון די ווייבער האבען
זיך איינגאנצען ארויסגעזעהן. צוליעב דער שוהל איז אנטשטאנען א
גרויסע מחלוקת צווישען די פרומע און די „דייטשע יאהודים", די
גרינדער פון דער שוהל און עס איז געקומען צו שלעגערייען און צו
מסירות. די פרומע האבען ארונטערגעבראכט גרויסע רבנים, ווי רבי
אליה לידער, און נאך אנדערע, וועלכע האבען די שוהל אין חרם אריינ־
געלעגט. אזוי ווי די יאהודים זיינען קנאפע דאוונער, האבען זיי געמוזט,
אום אנצוהאלטען די שוהל, דינגען ארימע אידען אויף צו קומען שבת

דאווגען. קומענדיג אין ליבוי האט דער קעלמער מגיד זיך גענומען צו די דאזיגע אידען וואס פארקויפען זייער עולם הבא פאר א פאר גראשען, און האט אזוי לאנג גע׳דרש׳ענט, ביז ס׳איז ניט מעהר מעגליך געווען פאר קיין געלד צוזאמענצוקריגען א מנין. ער פלעגט אזוי זאגען: „צוליעב די עבירות פון עבודה זרה און גלוי עריות איז דער בית המקדש חרוב געווארען. פארשטעהט איהר דאך, וואס פאר א קיום עס קען האבען א מקדש מעט, וועלכער האט אויפ׳ן שפיץ א צלם; א וויי־בערשע שוהל, וואו די ווייבער קענען זיך צוזאמענווינקען מיט די מאנסלייט, וואס ברענגט צו גלוי עריות״.

דער סוף איז געווען, אז די יאהודים, די בויער פון דער שוהל, האבען געמוזט נאכגעבען: מען האט ארונטערגענומען די מגן־דוד׳ס פון די טהורמס, אוועקגעשטעלט א בימה אין מיטען שוהל און העכער געמאכט די גאלעריע פון די ווייבערשע שוהל. די גאונים רבי הלל סאלאנטער און רבי אליה קרעטינגער האבען ארונטערגענומען דעם חרם און די שוהל איז מיט דער צייט געווארען אן עכט ארטאדאקסישע ביז צום היינטיגען טאג.

אין יאהר תרנ״ו האט דער קעלמער מגיד ארויסגעגעבען זיין ספר „תוכחת חיים״, וועלכער האט אין דער וועלט ניט שטארק אויסגענו־מען. אז מען האט איהם געפרעגט, פארוואס איז דער ספר ניט אזוי שטארק געראטען ווי די דרשות, האט ער דאראויף געענטפערט: דאס איז ער ניט שולדיג, אז שולדיג זיינען די מדפיסים, וואס פארשטעהען ניט ווי צו דרוקען די באוועגונגען פון גראבען פינגער, אויף לייכטער צו מאכען די הסברה.

קראנק און אויסגעמאטערט האט ער זיך באזעצט, אין יאהר תרנ״ח, אין לידא, ביי זיין זוהן ר׳ בנציון דרשן, א בכבוד׳יגער איד און א גרויסער סוחר.

איבער צוויי יאהר האט זיך דער קעלמער מגיד געקוואלען מיט א זעהר שווערע קראנקהייט און נפטר געווארען אין יאהר תר״ס, אין זיין צוויי־און־זיבעציגסטען לעבענסיאהר.

# משכילים און עסקנים

# אלעזר אַטלאַס

געבאָרען אין בייסעגאָלע תרי"ב, געשטאָרבען אין ביאַליסטאָק ניסן תרס"ד.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע משכילים־טיפּען פון דעם פאַר־גאַנגענעם דור איז בלי ספק געווען דער גרויסער תלמיד־חכם און געלעהרטער, דער געניאַלער קריטיקער, דער פּקח שבפּקחים (ווי סאָקאָ־לאָוו פלעגט איהם אָנרופען) אלעזר אטלס. אין נאָרמאַלע צייטען האָט בשום־אופן ניט געקענט אַזאַ פּערזענליכקייט ווי אלעזר אטלס אַזוי שנעל פאַרגעסען ווערען. זיינע אָריגינעלע מאמרי בקרת אין די ערשטע דריי יאָהרגאַנג „האסיף", זיין „ריב"ש ובני דורו" אין דעם יאָהרבוך „הכרם" וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען, האָבען אין זייער צייט אַ גרויסען רושם געמאַכט אין דער העבּרעאישער ליטעראַרישער וועלט און דעם מחבר באַריהמט געמאַכט. די צייטען האָבען זיך אָבער געענדערט, עס איז אויפגעשטאַנען אַ גאַנץ נייער סאָרט העבּ־רעאישע ליטעראַטען, ליטעראַטען וואָס זיינען קנאַפּע מחותנים מיט חכמת ישראל, מיט דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור; דעם אַלטען בית־מדרש קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן און קיינמאָל ניט געזעהן אין דער ווירקליכקייט ביאַליק׳ס „מתמיד". די מייסטע פון זיי האָבען זיך אויסגעהאָדעוועט אויף כרעסטאָמאַטיעס און אויף בן־יהודה׳ס „מלון", נו וואָס פאַר אַ באַטרעף קענען האָבען ביי זיי אַט די דאָזיגע אַטלס׳עז וואָס האָבען ניט געשריבען קיין שירים איבער אַ „נערה שנתפּתתה", איבער אַ „בלבלב" וכדומה?...

דאָס מערקווירדיגסטע ביי אַטלס׳ן איז ניט נאָר זיין אייגענטימ־ליכע ליטעראַרישע אַרבּייט, זאָנדערען אויך זיין אָריגינעלע פּערזענ־ליכקייט. געבאָרען אין אַ קליין שטעדטעלע בייסאַגאָלע (קאָוונער גובערניע) אין יאָהר 1852. זיין פאָטער ר׳ דוד אטלס, אַ איד אַ גרויסער למדן און אַ ירא שמים האָט איהם ערצויגען צוזאַמען מיט זיין ברודער הרב ר׳ מאיר אטלס (שאַוולער רב) גאַנץ נאָך דעם אַלטען סיסטעם, און אַ חוץ דעם תלמוד צו קיין זייטיגע בילדונג ניט צוגעלאָזען. ביידע ברידער האָבען געהאַט עלוי׳שע פעהיגקייטען און זיך צוגעגרייט צו רבנות, אלעזר אטלס האָט צוואַר אַמאָל פּראָבירט אין דער יוגענד שי־קען אַ מאמר צום „הכרמל", אָבער נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט זיך

דערפון דערוואוסט און זיך שטארק געבייזערט אויף איהם, האט ער שוין ווייטער ניט געשריבען.

זיך צו פארזיכערען אז ער זאל ניט אראפ פון וועג, האט דער פאטער איהם יונגערהייט חתונה געמאכט. נאך דער חתונה האט ער איבער צעהן יאהר אפגעלעבט אין זאגער, וואו ער איז אנגעקומען פאר אן איידים, געווארען א קרעמער און זיך זעהר געקוועלט אויף צו מאכען א לעבען.

א דאנק דעם וואס זאגער איז געווען אין יענער צייט איינע פון די אינטעליגענטסטע שטעדט אין ליטא, מיט גרויסע געלעהרטע און פריוואט־ביבליאטעקען, האט אטלם געהאט די מעגליכקייט צו באקומען מיט דער צייט א גרינדליכע אוניווערסאלע בילדונג. אזוי ווי ער איז פאר דער גאנצער צייט קיינמאל ניט אויפגעטרעטען אין דער עפענטליכקייט און פאלשטענדיג פרעמד געווען אין דער ליטעראַרישער וועלט, דאריבער איז קיין וואונדער ניט אט די גרויסע איבערראשונג, וואס ער האט ארויסגערופען מיט זיינע גייסטרייכע קריטיקען אינ׳ם ערשטען „האסיף" פון יאהר 1884.

זעלטען ווער פון די ליטעראטען איז מיט אזא גרויס שטורם, אבער אויך מיט גרויס ערפאלג צוגעטראטען צו דער ספרות ווי אלעזר אטלם. מיט זיין שארפען פעדער, מיט זיין בייסיגער סאטירע און מיט זיין אייגענטימליכען סטיל האט ער ארונטערגעריסען די קרוינען פון באוואוסטע ליטעראַרישע פירשטען; אהן רחמנות צושטערט אלע איינגעפונדעוועטע מלוכות און ארויפגעווארפען אז אימה ופחד אויף אלע מחברים. מיט זיינע קריטיקען אין צווייטען „האסיף" האט ער נאך מעהר צוגעצויגען אויף זיך דאס אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט, אז מאנכע האבען שוין אנגעהויבען איהם האלטען פאר א צווייטען „פיסארעוו". אויך זיינע היסטארישע קריטיקען איבער דעם „ועד ארבע ארצות", וואו ער צושלאגט די מיינונגען פון הארקאווי, פון גרעץ און פון דובנאוו׳ן, האבען דאמאלסט געמאכט א גרויסען רושם אין די געלעהרטע קרייזען. אז איך האב איהם אמאל געפרעגט, וואו האט זיך ביי איהם גענומען די קוראזש, נאך זייענדיג א ניילינג אויף דעם היסטארישען געביט, זיך צו שטעלען געגען אזעלכע בערען, ווי גרעץ, הארקאווי און דובנאוו, האט ער מיר געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט א מעשה׳לע: א פריץ איז אמאל אין כעס געווארען אויף זיין ארענדאטאר און ער האט איהם ארויסגעגעבען זיין פסק, אז ער מוז די נאכט נעכטיגען ביי איהם אין שטאל צוזאמען מיט א בער, אזוי אבער ווי דער בער, דערזעהענדיג א מענשען, וועט ער איהם בודאי טויטען, האט דער פריץ פון רחמנות־וועגען איהם ארויפגעטהאן א בערענע פעל, אפשר וועט דער בער מורא האבען איהם

צו טשעפּען. דער איד, נעבאַך אַ צושראָקענער, איז אַריינגעקראָכען ווי אַ בער, אויף אַלע פיער, אין שטאַל אַריין, און דערזעהענדיג דעם אמת׳ען בער, איז אויף איהם אַרויף אַן אימה ופחד און האָט אָנגע־הויבען צו זאָגען וידוי. אין מיטען דערהערט ער, ווי דער אמת׳ער בער מורמעלט אויך עפּעס און דאַכט זיך איהם, אַז ער זאָגט אויך וידוי (ווייל דער פּריץ האָט דעמזעלבען קונץ מיט נאָך אַ אידען גע־מאַכט) אַז זיי זיינען זיך צוגעקומען נעהענטער האָבען זיי דערזעהן אַז זיי זיינען ביידע ניט קיינבערען, נור פּשוט׳ע מענשען. אָט אַזוי איז אויך מיט אונזערע גרויסע ליטעראַטען־בערען. זיי זיינען אַזוי לאַנג בערען, ווי לאַנג זיי זיינען פון וויטען, קוים רוקט מען זיך צו נעהענטער צו זיי, דערזעהט מען, אַז זיי זיינען גאָר קיין בערען ניט, נאָר פּשוט׳ע מענשען״.

אין יאָהר 1887 האָט ער אַרויסגעגעבען דעם יאָהרבוך „הכרם״, וואָס אויסער זיין וויסענשאַפטליכער מאמר „ריב״ש ובני דורו״, האָט אויך אַ גרויסען אויפזעהן געמאַכט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי׳ס ער־שטער אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור מיט זיין מאמר „השקפה על ישיבת וואָלאָזין״, ווי אויך חיים יחיאל באָרנשטיינ׳ס קלאַסישער מאמר „פּרשת העבור״. מערקווירדיג, דאָס טראָץ זיין גרויס חכמה און גוטען געשמאַק איז דער חלק פון די „שעהנע ליטעראַטור״ אין „הכרם״ זעהר מיאוס אַרויסגעקומען, דאָס אַ חוץ דער שיר „אָב לבנים״ פון מ. מ. מאַ־נאַסאָוויץ פון ליבוי, האָבען די שירים און די ספּורים קיין טעם און קיין ריח ניט. אַז עס איז אַמאָל אויסגעקומען צו רייד וועגען דעם און איך פרעג איהם, סטייטש, ווי קומט אַזאַ פּקח ווי ער זאָל אָננעה־מען אַזעלכע שונד, האָט ער מיר געענטפערט מיט זיין באַ׳חנ׳טען שמייכעל, אויך מיט אַ מעשה: „ניקאָלאַי דער ערשטער איז אַמאָל גע־קומען קיין מינסק. אַזוי ווי עס איז אַ מצוה צו זעהן אַ קיסר אום צו מאַכען אַ ברכה ,איז איינער אַ בטלן פון אַ קלויז אויך געלאָפען זעהען. וויסענדיג אַז ניקאָלאַי וויל ניט ליידען קיין לאַנגע פּיאות און לאַנגע קאַפּאָטעס, האָט ער פאַרקאַשערט די לאַנגע פּאָלעס און זיי צוגעהאַלטען מיט איין האַנד, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער צוגעהאַלטען די היטעל, וואו ער האָט באַהאַלטען די לאַנגע פּיאות. לויפענדיג אין אַזאַ משונה׳דיגע פּאָזע, האָבען אַלע פאַרבייגעהער פון איהם חוזק געמאַכט. דער פּרוש האָט ניט פאַרשטאַנען וואָרום לייטען לאַכען פון איהם, דאַכט זיך דער קיסר וויל האָבען, אַז אידען זאָלען אויסקוקען ווי דייטשען, מיט קורצע קליידער און קורצע פּיאות, טאָ מוז איך זיין רצון טהאָן, בעת איך קום זיך צייגען פאַר איהם; אַי וואָס איהר זאָגט, אַז עס איז ניט שעהן אַזוי, אַ ריינע כפּרה אויף איהם, זאָל זיך איהם ניט ווען מאַכען אידען פאַר דייטשען. דאָס

איינענע איז געווען מיט מיר. איך האב געוואלט ארויסגעבען א ריין־וויסענשאפטליכען יאהרבוך, איז אבער דער פארלעגער צוגעשטאנען, אז מען זאל אויך צוגעבען פון דער „שעהנער ליטעראטור", טא נאט אייך שירים און ספורים, אז איהר וועט שוין פארזאגען א צעהנטען ניט צו בעטען אזעלכע סחורה."

מיט דאס ארויסגעבען פון „הכרם" האט זיך כמעט געענדיגט זיין ליטעראַרישע ארבייט. אלץ וואס ער האט שפעטער געשריבען, וואלט אפשר כדאי געווען פאר איהם און פאר דער העברעאישער ליטעראטור, ווען זיי וואלטען ניט געשריבען געווארען. יעדענפאלס האט ער דורך זיינע פובליציסטישע מאמרים „מה לפנים ומה לאחור" און באזונדערס דורך זיינע מאמרים אין „הפלס" און אין דעם פאמ־פלעט „אור לישרים", זעהר פיעל פון זיין רעפוטאציע פארלארען און געווארען אפגעשטעמפעלט פאר א רעאקציאנער און פאר דעם געפעהרליכסטען אנטי־ציוניסט.

אטלס׳עס איבערגאנג צו די אולטרא־ארטאדאקסען פון רבי עקיבא ראבינאוויץ׳עס און יעקב ליפשיץ׳עס חדר, איז פארבליבען א רעטעניש ביי זיינע אלע פריינד וואס האבען איהם געקענט פון ווארשא. ביי מיר אבער איז דאס קיין חידוש ניט געווען. גראד אין זיין איבער־גאנגסצייט, אין די יאהרען פון 1889 ביז 1894, האט ער צוגעבראכט אין ליבוי, און אזוי ווי ער האט דארט געלעבט אליין, אהן זיין פא־מיליע, איז ער געווען כמעט מיין טעגליכער גאסט און מיר זיינען געווארען אינטים באפריינדעט. ווי ווייט איך האב איהם דערקענט, איז ער געווען פון דער נאטור אן ארטאדאקס, א קנאי און אויך געווען א מדקדק במצוות, טראץ מאנכע פרייע אידעען זיינע. א חוץ דעם האט ער געהאט א שוואכקייט צו וועלען זיין אריגינעל און צו שווימען שטענדיג געגען שטראם, און בפרט האט זיין זויבערער כא־ראקטער ניט געקענט פארטראגען, אז מענשען זאלען וועלען אויסנוצען א פאלקס־אידעע צו פערזענליכע צוועקען, און דאס אלץ האט געבראכט זיין התנגדות צום ציוניזם. אין דער ערשטער פעריאדע פון חבת ציון איז ער אליין געווען א ווארימער אנהענגער, אבער נאכדעם ווי די אידעע איז זעהר פארשפרייט געווארען צווישען פאלק, און מאנכע פון די פיהרער האבען געזוכט דערפון צו מאכען א קרעמעל, האט זיך אין איהם דערוועקט דער אונ׳ברחמנות׳דיגער קנאי געגען די דא־זיגע פיהרער. פון דער אנדער זייט האט איהם געטריבען צו התנגדות זיין פשוט׳ער אינסטינקט, ניט צו וועלען געהן מיט די מאסען. דאס אלעס האט איהם אריינגעטריבען אין דעם אנטי־ציוניסטישען לאגער, וועלכער האט איהם צוגענומען מיט אפענע ארעמס און זיך מיט איהם געצאצקעט. אלענפאלס זיינען זעהר אונגערעכט געווען די

יעניגע ציוניסטען, וואס האבען ניט געוואלט צולאזען די ביאליסטאַ־קער ציוניסטען, אין 1902, צו פייערען זיין פופציג־יעהריגען יובילעאום. דען נאך אלעם דעם איז אטלס געווען אן עהרליכער געגנער, אהן שום זייטיגע פניות. נאך מעהר: זיין געגנערשאפט האט איהם שטארק געשאדט צו זיין פריוואט לעבען און כמעט איהם געקאסט זיין חיונה.

קיין גרוים נחת האט ער בכלל פון זיין קורצען לעבען ניט גע־האט, כל ימיו געווען א נע־ונד־ניק, פארנומען מיט דאגת פרנסה: געווען א מלמד, א קרעמער, א רעדאקטאר, א געהילפס־רעדאקטאר, א קאמיסאנער, א בוכהאלטער און געענדיגט זיין לעבען זייענדיג א הויז־לעהרער אין מאסקווא. פון אלע זיינע פרנסות האט ער זעלטען ווען געהאט חיונה אויף זאט. טראץ זיין שארפען שכל איז ער א קנאפער סוחר געווען, ווי איך האב מיך איבערציינגט אין די עטליכע יאהר וואס ער האט פארבראכט אין ליבוי אלס תבואה־קאמיסאנער. ער איז געווען א טעגליכער באזוכער אויף דער בערזע, און א דאנק זיין גייסטרייכע און וויציגע אונטערהאלטונג האט ער תמיד געהאט ארום זיך א קרייז פון סוחרים, וואס פלעגען מיט אויפמערקזאמקייט זיך צו־הערען זיינע פראקטישע באמערקונגען אין די ענינים פון תבואה־האנ־דעל. קוים אבער האט ער אליין געהאט א וואגאן תבואה צו פארקויפען, פלעגט ער ארומגעהן א צוטומעלטער מיט גרוים פזור הנפש, גאר ניט מעשה סוחר, און פלעגט תמיד לייזען פאר זיינע סחורה וועניגער ווי אן אנדערער, ביז ער האט ביסלאכוויז אנגעווארען זיינע קליענטען און פארלאזען ליבוי. בעפאר ער איז אוועק פון ליבוי האט ער דורכגענומען דעם קורס פון מיינע בוכהאלטעריע, און אנגע־נומען דערנאך א שטעלע פאר א בוכהאלטער ביים באוואוסטען סוחר און כלל־טהוער אהרן יהושע שאפירא, אין ביאליסטאק.

פאר די זיבען יאהר וואס ער האט צוגעבראכט אין ביאליסטאק, פון 1895 ביז 1902, ניט האבענדיג מעהר קיין גרוים דאגת פרנסה, האט ער זיך ווידער גענומען צו וויסענשאפטליכע ארבייט, געענדיגט זיין ספר „קרית ארבע" איבער דעם ועד ארבע ארצות, אויך אנגע־שריבען א ספר „תולדות ישראל בפולין". לײדער זיינען די ביידע כתבי־יד, וואס האבען געהאט א גרויסען היסטארישען ווערטה, פאר־לארען געגאנגען בעת עס זיינען גע־גנב־עט געווארען זיינע זאכען פאהרענדיג צוריק פון מאסקווא.

זיין מאטעריעלע לאגע האט זיך ערשט ריכטיג פארבעסערט, בעת ער איז אנגעקומען קיין מאסקווא פאר א הויז־לעהרער ביי דעם אר־טאדאקסישען גביר זעליג פערסיץ, אין יאהר 1902. לײדער איז ער דארט נאר קנאפע צוויי יאהר פארבליבען, דען עטליכע טעג פאר פסח, 1904 האט זיך געענדיגט דער סראק פון זיין פראוואזשיטעלסטווא, און

טראָץ אַלע השתדלות האָט ער תיכּף געמוזט פאַרלאָזען מאָסקווא. נאָכמעהר, ער איז דאַמאָלסט געווען אַ געפעהרליכער חולה און דריי גרויסע דאָקטוירים האָבען אַרויסגעגעבען אַן אַטעסט, אַז דאָס פאָהרען אין אַזאַ געפעהרליכען צושטאַנד איז ממש סכנת נפשות, אָבער דער דאָקטאָר פון אָטשאַסטאַק, אַ שוואַרץ־מאַה׳ניק, האָט געזאָגט, אַז די נסיעה וועט איהם ניט שאַדען. און אַזוי האָט ער געמוזט אָוועקפאָהרען צוויי טעג פאַר פּסח. ניט מעהר געקענט באַווייזען צו קומען אויף פּסח אין זיין היים, אין ביאַליסטאָק, און פאַרבליבען די ערשטע טעג אין מינסק. חול־המועד איז ער קוים דערפאָהרען ביז ביאַליסטאָק, אָנגעקומען אַ חולה־מסוכן און טאָקע אין דריי טעג אַרום געשטאָרבען אויף די הענד פון זיין בעסטען פריינד דר. כאַזאַנאָוויץ.

ריכטיג אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אלעזר אטלס האָט נחום סאָקאָלאָוו אין אַ מאמר ראשי וואָס ער האָט אָנגעשריבען צו זיין פופציג־יעהריגען יובילעאום. נאָכדעם ווי ער שטעלט איהם אַוועק אין דער רייהע פון אַ ר׳ צבי חיות, אַ מין מרדכי פּלונגיאַן, און אַז ער וואָלט געקענט מעהר צייט אָפּגעבען פאַר חכמת ישראל, וואָלטען מיר געהאַט נאָך אַ צונץ, נאָך אַ „דורות הראשונים״, פיהרט ער אויס, אַז צו אַטלס׳ן מיט זיינע תלמוד׳ישע חריפות, מיט זיין אָריגינעלע סאַטירע, מיט זיין עכט־אידישען וויץ, איז קיין גלייכען ניטאָ אין היינטיגען דור. ער איז ניט קיין מליץ, ניט קיין דרשן, ניט קיין שתדלן און ניט קיין כלל־טהוער, ווייל ער איז אַ איד אַ פּקח, אַ פּקח שבפּקחים, און די טבע פון קלוגע איז: צו זיין פּראַקטיש, יעדע זאַך באַרעכענען מיט׳ן שכל, מעהר ניין זאָגען ווי יאָ זאָגען, זיין גענייגט צו קריטיק, ניט זוכען קיין כבודים, אַנטלויפען פון גבאות, שטעהן שטענדיג פון ווייטען און אָפּלאַכען, אָדער נעהמען ערנסט און אין דער שטיל זיך ערגערען.

# דוד גאָרדאָן

געבאָרען אין מערץ תקפ״ו, געשטאָרבען אין קעניגסבערג סיון תרמ״ז.

דעם חשק צו לייענען לשון־קודש׳דיגע ביכלאך האט זיך ביי מיר ענטוויקעלט נאך זייענדיג א אינגעל פון צעהן יאהר, אבער לעבענדיג אין א קליין קורלענדער שטעדטעל, וואו ספרי השכלה זיינען וועניג בנמצא געווען, און אגב האט מיר מיין פרומער פאטער ע״ה ניט ערלויבט צו לייענען די דאזיגע ספרים א חוץ קלמן שולמאן׳ס — איז דער „המגיד" געווען מיין איינציגע לעזע־שטאף. א דאנק וואס מיין שטעדטעל, פאלאנגען, איז געווען ניט ווייט פון מעמעל, פלעגט מען צווישען אנדערע געשמוגעלטע פרייסישע סחורות אויך אלע וואך אריינשמוגלען דעם „המגיד", און מיר, פאלאנגער, זיינען געווען אין דער גליקלאכער לאגע, צו באקומען א ניט־צענזורירטען „המגיד", און דערצו נאך א „פרישינקען" אויפ׳ן זעקסטען־זיבעטען טאג נאכ׳ן דרוקען! איך פלעג וואך־איין וואך־אויס דורכלייענען דעם „המגיד" פון אנהויב ביז צום סוף — פונ׳ם „על המדינות בו יאמר" ביז צו דער לעצטער מודעה „להנחיל אוהבי י״ש של פסח". שטענדיג באגייסטערט געווען פון גארדאנ׳ס גלענצענדען סגנון, פון זיינע פיעלזייטיגע ידיעות אויף אלע וויסענשאפטליכע געביטען, און ער איז געווארען מיין אידעאל.

מיין שטענדיגער וואונש מיט איהם באקאנט צו ווערען, האט זיך ערשט פארווירקליכט אין אנהויב פון די אכציגער יאהרען, בעת עס האט זיך אנגעהויבען די חבת־ציון־באוועגונג, וואו דוד גארדאן האט פארנומען דעם אויבען־אן. מיט מיין גאנצער יוגענטליכער ענערגיע האב איך מיר אריינגעווארפען אין דער ארבייט, און זיך ניט באגנוגענדיג מיט געוועהנליכע לאקאלע ארבייט, האב איך בריעפליך גערולט א קאפ די דאמאלסטדיגע פיהרער מיט מיינע עצות און הצעות...

דער איינציגער, וועלכער האט מיר פינקטליך געענטפערט, און שטענדיג אין א פיינעם אנשטענדיגען טאן, איז געווען דוד גארדאן. פארגעשטעלט האב איך מיך גארדאנ׳ען אלס איינעם פון אונזערע ליטווישע אידען — פארשטעהט זיך, פון בעסערען סארט — א איד א גרויסער תלמיד־חכם מיט א סך בילדונג, וועלכער איז צופעליג פאר־בלאנדזשעט אין א פרייסיש שטעדטעל, מאכט א לעבען פון שרייבען

לשון־קודש און אויב דאָס סטאַיעט איהם ניט — מוז ער נאָך מן־הסתם צו־קנעלען...

נו, שטעלט זיך פאָר מיין געוואַלדיגע ענטוישונג, בעת מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל באַגעגענט, אין א קעניגסבערגער אידישען רעס־טאָראַן, אין יאהר 1884, און אַנשטאָט אַז איינגעבוינענעם, פאַר־דאגה׳־טען ליטווישען תלמיד־חכם, איז געשטאַנען פאָר מיינע אויגען א שטאַאַטליכער דייטשער יונקער, מיט עכט־דייטשע מאַניערען, מיט א מין דייטשער שפּראַך, אַז אפילו דער עכטער קלאַנג פון דעם איינ־געבוירענעם דייטש האָט אויך ניט געפעהלט. קוקענדיג אויף זיין האַל־טונג, אויף זיין שפּראַך האָט מען געמעגט גלויבען, אַז ניט בלויז ער אַליין, נאָר אויך זיינע אבות־אבותיו זיינען געבוירענע בראַנדענבור־גער. נאָך מעהר, דער דייטש אין איהם איז ניט געווען קיין געקינס־טעלטער, ווי געוועהנליך ביי די אסימילירטע ליטוויש־דייטשען, נאָר אַן עכט־נאַטירליכער. געמערקט האָב איך דאָס ביי אונזערע שפּע־טערע אינטימע אונטערהאַלטונגען וועגען אידישע ענינים, און ניט־קוקענדיג אויף די אידישע וויצען און תלמוד־ישע גלייכווערטלאַך, וואָס זיינען געפאַלען פוןביידע זייטען, איז ער זיך אַלץ געבליבען דער רוהיגער דייטש, ניט מאַכענדיג מיט די הענט און ניט אַרויסצייגענ־דיג מעהר התפעלות ווי נויטיג איז. קוקענדיג אויף איהם, האָב איך מיך שוין ניט מעהר גע׳חדוש׳ט איבער זיין פרוי, וואָס כאָטש א גע־בוירענע און אויפגעוואַקסענע אין סערהיי, איז זי געווען דאָס עבענ־בילד פון אַן עכט־דייטשע הויז־פרוי מיט אַלע פינטעלאַך, שוין אָפּ־גערעדט פון זיינע צוויי טעכטער, אמת׳ע „גרעטכענס"...

זיין אויסערליכער דייטש האָט אָבער אויף א האָר ניט געשאַדט זיין אינערליכע אידישע נשמה — א נשמה פון אַן אמת׳ען אידישען־אידען, פול מיט צער און רחמנות אויף די געפּלאָגטע און פאַרפּאַלגטע רוסישע אידען, אויף וועלכע די דייטשע אידען, האָבען געקוקט ווי אויף א באַנדע שנאָרערס, און ניט געהאַט פאַר זיי די מינדעסטע ברודער־געפיהלען.

גאָרדאָן איז פון דער נאַטור געווען א זעלטען־גוטער מענש. זיין גוטסקייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין אַנגענעהמען פּנים. גע־ווען א מענש, ממש אַהן גאַל, ניט געוואוסט וואָס עס הייסט זיך ער־נערען אָדער אַנשרייען אויף וועמען. אַז ערך דרייסיג יאהר געשטאַ־נען אין דער עפענטליכקייט און זיין פעדער איז ריין און זויבער גע־בליבען; קיינעם ניט באַליידיגט און אויך קיין פּאָלעמיקס ניט גע־פיהרט מיט די אַנדערע צייטונגען, ווי זיינע קאָנקורענטען, וועלכע פלע־גען זיך שטענדיג רייסען אונטער זיך. אין געלד־זאַכען איז ער געווען אַן אמת׳ער תמים, צוגעבראַכט זיין גאַנצען לעבען אין אָרימקייט, און

דאָך, ניט קוקענדיג אויף זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע, פלעגט ער מיט אַ ברייטער האַנד שטיצען די אָרימע אויסוואַנדערער נאָך אַמעריקא, וועלכע פלעגען אריבער דעם פּרייסישען גרענעץ ביי דער שטעדטעל ליק; אָדער די אָרימע רוסישע און פּוילישע קראַנקע, וועל־כע האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין ליק, פאָהרענדיג קיין קעניגסבערג זיך קורירען.

דוד גאָרדאָן׳ס הויפּט־מעלה איז געווען, וואָס ער איז שטענדיג גע־גאַנגען אינ׳ם גאָלדענעם מיטעל־וועג. ביי איהם האָבען האַרמאָנירט אמונה מיט השכלה, יראה מיט חכמה. ער האָט געפיהרט אַן עכט־אידישע הויז, אויב ניט „שטרענג כשר" נאָכ׳ן פראַנקפורטער נוסח, אָבער דאָך אויף אַזוי ווייט כשר, אַז אויך פרומע אידען האָבען געמעגט ביי איהם עסען. ער איז בכלל געווען אַ פאָלקאָמענער מענש מיט אַלע מעלות און מדות טובות, אַ דזשענטעלמאַן אין פולען זין פון וואָרט, און האָט פאַרשטאַנען צו האַלטען דעם ריכטיגען באַלאַנס. בלויז אין זאַך איז דער באַלאַנס אריבערגעצויגען געוואָרען אויף דער אַנדער זייט, און דאָס איז געווען אין זיין באַשיידענהייט. אַזוי עניוותדיג, אַזוי באַשיידען ווי גאָרדאָן איז געווען, האָב איך ווירקליך קיין צווייטען ניט באַגעגענט, ובפרט אין דער שרייבער־וועלט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַריהמט דערמיט, וואָס ער האָט פאָלקאָם באַ־הערשט די מייסטע אייראָפּעאישע שפּראַכען; אויך קיינמאָל ניט דערמאָנט, אַז ער איז יאָהרענלאַנג געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון לאָנדאָנער „טיימס", די גרעסטע וועלט־צייטונג אין יענער צייט. ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ לאָקאַלער דייטשער צייטונג. זעהר ווייניג מענשען האָבען געוואוסט, אַז ניט זילבערמאַן, נאָר גאָר־דאָן איז די גאַנצע צייט געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „המגיד", וואָס האָט כמעט אַליין אויסגעפילט יעדען נומער מיט זיינע אַרטיקלען, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, אויף אַלע פאַרשידענע גע־ביטען. אָבער דעם גאַנצען כבוד האָט ער אָפּגעגעבען דעם אַרויסגעבער, ליפּמאַן זילבערמאַן, אַ מענש מיט קנאַפּע ידיעות, וואָס פאַר די גוטע אַרבייט וואָס דער „המגיד" האָט געלייסטעט, איז ער געקרוינט גע־וואָרען מיט׳ן טיטול „דאָקטאָר", צו וועלכען גאָרדאָן איז בודאי מעהר פּאַסיגער געווען. און ניט בלויז דעם כבוד אַליין האָט ער איהם אָפּ־געגעבען, נאָר אויך דאָס געלד וואָס דער "המגיד" האָט אַריינגעבראַכט. אין פאַרלויף פון יאָהרען איז זילבערמאַן געוואָרען פון דער צייטונג אַן עושר גדול, געלעבט אין רחבות, מעשה פּריץ, בעת דער באַשיידענער גאָרדאָן, האָט כל ימיו פאַרבראַכט אין אָרימקייט, און נאָך זיין טויט איז פאַרבליבען זיין אַלמנה מיט צוויי דערוואַקסענע אונפאַרהייראַטע טעכטער אין גרוים נויט.

צוליעב זיין פיינעם איידעלען כאראקטער און גוטע געזעלשאפט־ליכע מאניערען, איז ער אויך געווען זעהר באליעבט און געאכטעט אין די קרייזען פון די אסימילירטע דייטשע יאהודים, וועלכע האבען בטבע ניט שטארק ליעב א רוסיש־פוילישען אידען. זיין התקרבות מיט די דאזיגע אידען האט פיעל בייגעטראגען אויסצובעסערען זייערע באַציהונגען צו די ארימע רוסישע אידען, וועלכע האבען זיך גענויטיגט אין זייער הילף.

אינטערעסאנט איז, דאס גארדאן איז אויסגעוואקסען אהן שום ערציהונג, און פון זיין יוגענד אן איז ער געווען אנגעוויזען אויף זיך אליין. געבוירען ביי ארימע עלטערען אין א דערפעל נעבען מערעטש (ווילנער גובערניע) אין יאהר 1826, און שוין אלס צעהן יעהריגער אינגעל, האט ער פארלאזען זיין פאטער׳ס הויז און איז אוועק קיין ווילנא לערנען. געלערענט דארטען מיט גרויס התמדה אכט יאהר נאכאנאנד, ש״ס און פוסקים, און געקלעהרט צו מאכען רבנות פאר זיין קאריערע. אין דער צייט וואס ער איז געווען אין ווילנא, פלעגט ער באזוכען דעם באוואוסטען שריפטשטעלער פון יענער צייט מרדכי אהרן גינצבורג, און זיך געלערענט פון איהם שרייבען לשון־קודש מיט א זעלטענעם קלאהרען סגנון, און פרובירט נאכמאכען זיין וואונדער־באר־שעהנע און דייטליכע האנדשריפט. קומענדיג צוריק אהיים, האט ער צו אכצעהן יאהר געהייראט מיט א בעל־הבית׳שער טאכטער פון סערהיי, מיט וועלכער ער האט געפיהרט א זעהר גליקליכען לעבען ביז צו זיין טויט. אין דער צייט וואס ער איז געווען אויף קעסט ביים שווער, האט ער זיך גענומען צו בילדונג, און פון זיך אליין גרינדליך ערלערענט די וויכטיגסטע אייראפעאישע שפראכען. צוגלייך אויך געלערענט תורה ביי דעם דארטיגען רב, דער באוואוסטער רב און משכיל, רבי חיים פיליפאווער, און מיט זיין שעהנער האנדשריפט האט ער איבערגעשריבען רבי חיים׳ס אלע כתבים, וואס דורכדעם זיי־נען זיינע ידיעות אין תלמוד און אין פילאזאפיע פארגרעסערט גע־ווארען.

ארויסגעהענדיג פון קעסט, האט ער זיך גענומען צו מלמדות, אבער אזוי ווי ער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים תנ״ד מיט׳ן „ביאור״ און מיט דער דייטשער איבערזעצונג און געהאט אויסצו־שטעהן גרויסע רדיפות פון די פאנאטיקער, האט ער די מלמדות אוועקגעווארפען און באשלאסען אוועקצופאהרען קיין ענגלאנד, זיך מעהר אויסצובילדען, אום צו קענען באטרעטען א ביזנעס־שטעלע. דורכפאהרענדיג די שטעדטעל ליק, אין אסט־פרייסען, האט ער זיך באקענט מיט ליפמאן זילבערמאן, וועלכער איז דארטען געווען רב און שוחט, און איהם געבראכט אויפ׳ן געדאנק, אז אזוי ווי ליק ליעגט

ניט ווייט פון רוסישען און פּוילישען גרענעץ און אַזוי ווי אין דער דער־בייאיגער שטאָדט יאָהאַניסבורג געפינט זיך אַ אידישע דרוקעריי, וואָלט אפשר געלוינט אַרויסצוגעבען אין ליק אַ וואָכענבלאַט אויף לשון־קודש. זילבערמאַן האָט אָבער מורא געהאַט צו אונטערנעהמען אַזאַ זאַך און גאָרדאָן איז אַוועק קיין ענגלאַנד און זיך באַזעצט אין ליווערפּול. מיט גרויס מסירת־נפש האָט ער דריי גאַנצע יאָהר געלע־רענט די ענגלישע שפּראַך ביז ער האָט איהר גרינדליך באַהערשט אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט דאָרטען באַקומען אַ לעהרער שטעלע אין אַ גרויסער שול. ער האָט שוין געהאַט בדעה צו ברענגען זיין פרוי און אויף שטענדיג זיך באַזעצען אין ליווערפּול, אָבער אין דער צייט האָט זילבערמאַן אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען דעם „המגיד", און ניט זייענדיג צופרידען פון זיין געהילפס־רעדאַקטאָר יוסף בעהמער, האָט ער אַרויסגערופען גאָרדאָנ׳ען צו קומען קיין ליק. גאָרדאָן, וועלכער האָט פון זיין יוגענד אָן געהאַט גרויס נטיה צו ליטעראַטור, האָט די אויפ־פאָדערונג מיט פרייד אָנגענומען, פאַרלאָזען ענגלאַנד און געקומען קיין ליק אין יאָהר 1858.

דער „המגיד", די ערשטע העברעאישע צייטונג, וועלכע האָט אָנ־געהויבען צו ערשיינען מיט דריי־און־זיבעציג יאָהר צוריק, איז גע־באָרען געוואָרען אין אַ מזל׳דיגער שעה. ניט געליטען פון די קינדער־קראַנקהייטען, וואָס די אַנדערע אידישע צייטונגען האָבען דורכגע־מאַכט, אָפּגעלעבט אַ לאַנגען לעבען אין עושר און אין כבוד, און געשטאָרבען אַ געוועהנליכען טויט — פון עלטער־שוואַכקייט. דער „המגיד" האָט געהאַט די דאַנקבאַרסטע לעזער, ערשטענס, ווייל ער האָט זיי אַלעמען אַליין ערצויגען, און צווייטענס, ווייל ער איז פאַר־בליבען כל ימיו אַ „פאַרעווער", אַ צוגענגליכע צייטונג פאַר אַלע ריכטונגען אין יודענטום. זיין מאָטאָ: „האמת והשלום אהבו", האָט געצויגען מעהר לעזער, ווי דער אָרטאָדאָקסישער „הלבנון", מיט זיין „דרך אמונה בחרתי", און ווי דער השכלה׳דיגער „המליץ", מיט זיין „ויהי אור".

דער צייטונגס־לעזער פון היינט, וועלכער נעהמט שוין ניט מעהר אין האַנט אַריין אַ מאָרגען־צייטונג נאָך מיטאָג, ווייל די נייעס איז שוין אַלט און אינטערעסירען איהם ניט מעהר, קען זיך גאַרניט פאַר־שטעלען, ווי אונזערע גוטע זיידעס זיינען אויסגעקומען מיט אַ קליי־נער וועכענטליכער צייטונג פון פיער ברעקלאַך זייטען, וואָס פלעגט צו זיי אָנקומען אין כמה וואָכען אַרום נאָך איהר ערשיינען, און זיך נאָך געקוויקט מיט די „נייעס", אַקוראַט ווי דאָס וואָלט היינט אָדער נעכטען געשעהן. איך געדענק אַז אין דער צייט פון דער רוסישער־טערקישער מלחמה, אין יאָהר 1877, איז אָנגעקומען דער „המגיד" אין

אונזער שטעדטעל מיט די וויכטיגע נייעס, אז די רוסען זיינען שוין ב"ה אריבער די דאנוי, בעת מען האט זיי שוין געהאט פון דארטען מיט וואכען־לאנג צוריקגעטריבען!...

לויט די אומשטענדען און לעבענסבאדינגונגען פון יענער צייט איז טאקע טעכניש ניט מעגליך געווען צו באקומען די נייעס פון „המגיד" אין א רוסיש־פוילישער שטעדטעל פריהער ווי זיבען־אכט וואכען נאך דער פאסירונג. אין יענער צייט איז נאך ניט געווען די מאדע צו באנוצען דעם טעלעגראף פאר נייעס, אז אפילו אין די גאנץ גרויסע אייראפעאישע צייטונגען האבען זיך געפונען זעהר וועניג טעלעגראמען. דער „המגיד" פלעגט געוועהנליך שעפען זיינע „נייעס" פון די דערבייאיגע קעניגסבערגער צייטונגען, וועלכע, ווידער, פלעגען ארויסנעהמען פון די בערלינער, פאריזער און לאנדאנער צייטונגען, באופן אז בעת די נייעס האט זיך געדרוקט אין „המגיד" זיינען זיי שוין איבער א וואך אלט געווען. אפיציעל האט דער „המגיד" געדארפט ארויסגעהן אלע מיטוואך, אבער ווי האט געזאגט דער צעכאנאווער רבי, בעת ער האט געזעהן צום ערשטען מאל די אייזענבאהן פאה־רענדיג: „איך פארשטעה ניט, וואס איז די איילעניש אויף זיי!" און אזוי זיך ניט איילענדיג פלעגט אפט פאסירען, אז דער „המגיד" איז פארטיג געווארען ערשט דאנערשטאג אדער פרייטאג. מילא, צו די סובסקרייבערס אין די מערב־מדינות פלעגט מען באלד אפשיקען, אבער די „מגידים" פאר רוסלאנד און פוילען, אזוי ווי מען האט זיי געמוזט פריהער שיקען צום צענזאר, איז וואס איז די איילעניש צו שיקען פאר שבת? פלעגט מען עס שוין געמיטליך אפלעגען אויף נאך שבת. אוועקגעשיקט די פעק קיין ווירבאלען (ווערזבאלאוו) פלעגט דארט געוועהנליך אפליגען מעהר ווי א וואך, ביז די טאמאזשנע האט זיי צוגעשיקט צום צענזאר אין ווילנא. די טבע פון צענזאר איז געווען זיך אויך ניט צו איילען. אגב האט ער נויטיג געהאט מיט גרויס פארזיכט דורכצוקוקען דעם גאנצען „המגיד", וואו עס פלעגט זיך שטענדיג געפינען וואס אויסצומעקען, צי מען האט געדארפט אדער ניט, און זיינער אן איינציגער מעק האט שוין געמאכט ארבייט אויף א גאנצען טאג, אויסצומעקען די טרפה שורות אין אלע הונדערטער קאפיעס, אז אין בעסטען אופן פלעגט שוין דער „המגיד" ניט ארויס פון דער צענזורע פריהער ווי אכט טעג. ווי איז אבער ווען דער „המגיד" איז נאך באגאנגען אן אונפארזיכטיגקייט און געבראכט א שטיקעל נייעס פון רוסלאנד, ארויסגענומען פון אן אויסלענדישע צייט־טונג, באטש עס האט געמעגט זיין די אונשולדיגסטע זאך, דא האט שוין דער צענזאר זיך ניט מעהר פארלאזען אויף זיך און געמאכט אן אנפראגע אין דער גלאוונער צענזור אין פעטערבורג, אויב ער איז יוצא

מיט'ן אויסמעקען די שטיקעל נייעס אָדער אפשר גאָר קאָנפיסקירען די גאַנצע נומער...

נאָכ'ן דאַזיגען חשבון האָט דער סוכן הכללי פון „המגיד", פאַר רוסלאַנד און פוילען, יצחק מיכאלעווסקי פון ווילנא, ניט אַרויסבאַ־קומען דעם „המגיד" פון דער צענזורע פריהער ווי א וואָכען פיער נאָכ'ן דרוקען, און זיך טאַקע תיכף גענומען צו דער אַרבייט, ער מיט זיינע טעכטער, צו שרייבען אַדרעסען, צוקלעפען באַנדראָלען און לעגען אויף פּאָסט. נאָר דאָס איז אַלץ געזעדט אַז ער האָט באַקומען די בלעטער אין א מיטענוואָכעדיגען טאָג, ווען אָבער ערשט אין א דאָנערשטאָג אָדער א פרייטאָג, האָט דאָך שוין קיין זין ניט געהאַט אָנצוהויבען מיט דער אַרבייט אום ערב שבת, פלעגט מען עס שוין אָפּלעגען אויף נאָך שבת — אויסגערוטערהייט אַרבייט זיך דאָך בעסער.

אַריבער שוין א קימא־לן פון א פינף וואָכען נאָכ'ן דרוקען, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די סדרה „פּאָסט". זעהר ווייניג אידישע שטעדט־לאַך האָבען אין יענער צייט געהאַט א פּאָסט, און זיינען געווען אָנ־געוויזען אויפ'ן שליח, וועלכער פלעגט ברענגען די פּאָסט אין שטעדטעל פון דער נעהענטסטער גרויסער שטאָדט. דער שליח, וועלכער האָט נאָר געוואוסט פון ברענגען בריעף מיט אַטקריטקעס, פלעגט זיך תמיד פאַרגעסען מיטצונעהמען דעם „המגיד", און מען האָט איהם געדאַרפט מעהרערע מאָל דערמאָנען ביז ער האָט געבראַכט. אַז דער „המגיד" האָט שוין ענדליך דערלעבט אָנצוקומען אין שטעדטעל, האָט מען זיך צוגעכאַפּט צו די נייעס ווי א הונגעריגער צום עסען, אָבער גע־טהאָן האָבען דאָס נאָר בטלנים, דער בכבוד'יגער בעל־הבית וועט זיך ניט אוועקזעצען אין מיטען וואָך לייענען צייטונגען, און די גאַנצע וואָך פלעגט זיך ליגען דער „המגיד" באַהאַלטען אונטער'ן שפּיגעל, און ערשט שבת נאָכ'ן שלאָף האָט ער זיך גענומען צו איהם, גרינדליך און לאַנגזאַם דורכגעלייענט, כדי צו קענען איבערגעבען אות באות דעם עולם, וואָס איז געקומען צו מנחה, און וואָרט מיט גרויס אונ־געדולד אויף די נייעס...

און נאָך אַלעם דעם, אסור אויב א היינטיגער צייטונגס־לעזער האָט אַזאַ הנאה און אַזאַ אינטערעס אין די לעזע־שטאָף פון זיין ריי־זיגער, פיעל־פאַרביגער צייטונג, ווי אונזערע גוטע עלטערען מיט זייער פיצינקען „המגיד". זיי האָבען ממש ניט דורכגעלאָזען קיין איין שורה, קיין זאָך האָט זיי ניט געגודיעט — און נודניקעס זיינען דאַמאָלסט גע־ווען מעהר ווי איצטער... זיי האָבען זיך געפיהלט פאַמיליאַר מיט די אַרויסגעבער פון דער צייטונג, מיט די קאָרעספּאָנדענטען פון אַלע עקען פון דער וועלט, געוואוסט יעדען מיט זיין פּסעוודאָנים און מיט זיין גאַנצען יחוס, און זיינען געווען גרויסע מחותנים אפילו מיט די אַד

ווערטייזערס. וועלכער לעזער פון „המגיד" האט דאס ניט געקענט די אלע סוחרים פון אתרוגים, די אלע אגענטען וועלכע פארקויפען שיפסקארטען מיט לייפציגער און ברוינשווייגער לאטעריי־צעטלאך, די קעניגסבערגער קאמיסיאנערען פון תבואה און הערינג, וכדומה? וועל־כער לעזער האט זיך ניט קורירט לויט׳ן „דרכי הרפואה" פון „המגיד", וואס האט זיך געדרוקט יאהרענלאנג; אדער צוזאמען מיט׳ן „הרב המגיד" ניט געהאלפען זוכען די פארשוואונדענע מענער פון די עלענדע עגונות? וועלכער לעזער פון „המגיד" האט ניט געוואוסט די פאמי־ליען־פארהעלטניסען פון יעדען פרינץ און פרינצעסין, פון זייערע שידוכים, פון זייערע חתונות, אפילו פון זייערע קינפעטס?... אט דעם דאזיגען רעקארד האט פינקטליך געפיהרט אז ארטאדאקסישער רב אין שטאקהאלם, א געוויסער דר. לעוויזאן! און צום גליק פון די לעזער האט דער דאזיגער רב מאריך ימים געווען און געווארען א נייגציגער. א דאנק דעם דאזיגען רב האב איך שוין אלס צוועלף־יעהריגער אינגעל געוואוסט פון אלע לינקע ליעבעס וואס אונזער „שרה בערנהארד" האט געפיהרט. די דאזיגע „שרה בת־טובים" איז געווען די ליעבלינגס־טעמא פון דעם דאזיגען ארטאדאקסישען רב און יאהרענלאנג ניט דורכגעלאזען כמעט איין קארעספאנדענציע, וואו ער האט ניט דער־מאנט „אונזער שרה", און דערביי באמערקט, אז מיט איהר גרויסקייט איז זי מקדש שם ישראל בעמים...

אויב אידען האבען באמת א גרויסע ידיעה אין פאליטיק — א זאך וואס איך צווייפעל זעהר — דאכט זיך קומט דעם קרעדיט דאפיר אט טאקע דעם „המגיד". עס איז כמעט ניט געווען איין לעזער, פון די זעכציגער און זיבעציגער יאהרען, וועלכער האט ניט געוואוסט די אלע פאליטישע טריקס און דריידלאך פון א ביסמארק׳ן, פון א ביקאנס־פילד׳ן, א גאמבעטא׳ן, אן אנדראשי׳ן, א קאוואור׳ן און אנדערע; און וועלכער בית־מדרש־איד האט ניט געוואוסט אויסצוטייטשען די אלע באהאלטענע כונות אין די געוויסע פאליטישע ניי־יאהר רעדעס פון א נאפאלעאן און א ווילהעלם? מערקווירדיג, אז טראצדעם וואס דער „המגיד" האט, ווי עס פארשטעהט זיך, שטענדיג פארגעהויבען די מעלות פון די דייטשען און די חסרונות פון די פראנצויזען, פאר ווע־מען ער האט קיינמאל א גוטווארט ניט געהאט — און דאך, בעת עס האט אויסגעבראכען די מלחמה צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, זיינען די מייסטע לעזער געווען אזוי ווייט פאליטיש רייף, אז ניט קוקענדיג אויף די מיינונג פון זייער צייטונג, זיינען זיי דוקא גע־שטאנען אויף דער זייט פון די פראנצויזען...

דער פאליטישער חלק פון „המגיד" איז באמת געווען זעהר א געלונגענער, און קיין אנדער אידישע צייטונג — א חוץ שפעטער סא־

קאַלאָוו אין „הצפירה“ — האָט דאָס איהם ניט געקענט נאָכמאַכען. אָבער דאָס איז אַלץ געווען נאָכדעם ווי דוד גאָרדאָן איז געוואָרען רעדאַקטאָר. בעפאָר איהם איז אויך די דאָזיגע אָפּטהיילונג פול געווען מיט בטלנות. איך וויל דאָ געבען א קליינעםביישפּיעל ווי זילבערמאַן אַליין פלעגט שרייבען פּאָליטיק. ער האָט געוואָלט אַמאָל דערצעהלען די לעזער פונ׳ם סכסוך וואָס איז אויסגעבראָכען, אין ענדע פון די פופציגער יאָהרען, צווישען ענגלאנד און כינא, און לייטעט איין די דאָזיגע פּאָליטישע הקדמה: „איך דאַרף דיר, ברודער לעזער (אחי הקורא) געוויס ניט דערצעהלען דאָס ענגלאנד איז אַ מדינה, אַ מדינה וואָס איז באַוואוסט צו אַלע אידען צוליעב משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער וואוינט דאָרט און איז א גרויסער תקיף ביי דער מלוכה. אָבער וועגען כינא מוז איך דיר קלאהר מאַכען. בודאי האָסטו געהערט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מלוכה, דו ווייסט אָבער ניט פון איהר גרויסקייט. נון, הער זיך צו: פון דעם סאַמאָוואַר, וואָס שטעהט שטענדיג אויף דיין טיש, טרינקסטו יעדען טאָג אַ געוויסע משקה, וואָס מען רופט אָן „טהעע“, אַ גוטע משקה, א געשמאַקע משקה. דער דאָזיגער סאַמאָוואַר געפינט זיך כמעט אין יעדער הויז ובפרט אין רוסלאַנד, אַז מען קען ממש אָהן איהם ניט לעבען. דאָס טרינקען טהעע האָט זיין גרויסע מעלה, אַז צוליעב זיין ביליגקייט איז דאָס ניט קיין מאָנאָפּאָל פאַר די רייכע, נאָר אויך יעדער אָרימער מענש קען זיך דאָס פאַר גינען“, און אַזוי ווייטער געהט ער און רעכענט אויס די אַלע מעלות פונ׳ם דאָזיגען גראָז, וואָס מען רופט „טהעע“ און וואָס וואַקסט אין כינא, זיך פאַרגעסענדיג אָן דעם גאַנצען סכסוך מיט ענגלאנד...

אַ שרעקליך שווערע אַרבייט האָט גאָרדאָן דורכגעמאכט, ביז עס איז איהם געלונגען ווי ווייט מעגליך אָפּצושאַפען די בטלנות פון די דאַמאָלסדיגע קאָרעספּאָנדענטען. אונטער זיין רעדאקציע איז שוין מעהר ווי מעגליך געווען, אַז מען זאָל דרוקען אַזאַ מין קאָרעספּאָנדענציע, ווי עס האָט זיך, למשל, געדרוקט אינ׳ם ערשטען יאָהרגאַנג פון „המגיד“: איינער אַ באַוואוסטער שרייבער פון ענגלאנד מיט׳ן נאָמען „ח״ג ווידאווער הלוי“ וויל דערצעהלען די לעזער, אַז איינער א אידישער באנקיר פערירע האָט געשאָנקען דעם פראַנצויזישען שריפטשטעלער לאַמאַרטין די סומע פון זעקס הונדערט פראַנק און איהם דערמיט מציל געווען פון באַנקראָט, שרייבט ער אָן וועגן דעם אַ גאַנצען מאמר פון אַ גאַנצען עמוד — בסך הכל א פערט־חלק פונ׳ם גאַנצען נומער — מיט אַ גרויסע שרייעדיגע קעפּעל: „ישראל בני רחמנים“, אָנהויבענדיג אויסרעכענען מיט הויכער מליצה די גרויס רחמנות וואָס דער בורא עולם האָט אויף זיינע ברואים, אריבערגעהענדיג צו דער חקירה פון „השארת הנפש“, אַרומריידענדיג די רענעסאַנס־עפּאָכע, די גרויס־

קייט פון לעסינג׳ן און די וויכטיגקייט פון זיין „נתן החכם“ און ענדיגט שליסליך מיט׳ן רחמנות פון די ברידער פערירע...

ניט ווייניגער שווערינקייטען האט ער אויך געהאט מיט די גרויסע קארפּענקעס, ביז ער האט זיי ביסלאכווייז אפּגעוואוינט פון זייערע בטלנות׳דיגע אריכות, און פלעגט ניט קיין זאך איבערגעבען צום דרוק אפילו פון די מפורסמים, ווי א שטייגער: שד״ל, שי״ר, שניאור זאקס, יעקב רייפמאן וכדומה, ביז ער האט ניט אליין אלץ דורכגעקוקט, און זעהר אפט געהאט אויסצובעסערען דעם סגנון און צו פאררעכטען די גראמאטיקאלישע און ארטאגראפישע גרייזען.

נאך א גרויסע מעלה האט גארדאן אלס רעדאקטאר געהאט, וואס ער האט זיך באצויגען שטענדיג מיט גרויס רעספּעקט צו די שרייבער, ניט קוקענדיג אויב ער איז א גרויסער אדער א קליינער, אויב אן אלטער אדער א יונגער שרייבער. ער פלעגט זיך מיט אלעמען פריוואט קארעספּאנדירען, זיך ערקונדיגען איבער זייערע פאמיליען־פארהעלטניסען און נעהמען אנטהייל אין זייער פרייד און לייד. אויב עס האט אמאל, צוליעב מאנגעל אין פּלאץ, זיך פארשפּעטיגט צו דרוקען איינעמס א קארעספּאנדענציע, פלעגט גארדאן תיכף אין א פריוואט־בריעף זיך ענטשולדיגען, כאטש עס האט איהם קיינמאל ניט געמאנגעלט אין מאטעריאל. ווען גארדאן האט ביי איינעם א יונגען אנפאנגער געמערקט א שפּור פון טאלאנט, האט ער אויף איהם שוין געהאלטען אן אויג פון צייט צו צייט איהם אויפגעמונטערט צו ארבייטען פאר דער ליטעראטור, און אזוי האט ער געשאפען א דור שרייבער.

אויף איין זאך האט ער, ליידער, געמוזט קוקען און שווייגען, אום ניט צו קומען אין קאנפליקט מיט׳ן ארויסגעבער זילבערמאן, אט דאס וואס דער „המגיד“ פלעגט שטענדיג פול זיין מיט שירים ותשבחות צו דער קעניגליכער פאמיליע, און אזוי ווי די האהענצאלערנס זיינען בטבע קיין בעזדעטניקעס ניט געווען: היינט א חתונה, מארגען א געבורט און אזוי סתם א שמחה אין דער משפּחה, איז דעריבער דער משורר פון „המגיד“, א געוויסער א. שווארץ, וועלכער פלעגט באשיינען זייער שמחה מיט א „שיר“, שטענדיג ביזי געווען. דרך אגב, זיך וועלענדיג צו׳חנפ׳ענען צום רוסישען צענזאר, פלעגט שוין דער אייגענער משורר אויך באזינגען די שמחות פונ׳ם רוסישען קייזערליכען הויף.

טראצדעם וואס גארדאן האט אנגעשריבען הונדערטער ארטיקלען, פּובליציסטישע און וויסענשאפטליכע אויף פארשידענע געביטען, וועלכע האבען א ליטעראַרישען ווערטה, דאך זיינען די ארטיקלען וועגען „ישוב ארץ ישראל“ פארבליבען די קרוין פון זיין ליטעראַרישע און

געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט. דוד גאָרדאָן איז ווירקליך געווען דער ערשטער פון דער משכילים־שער וועלט, וועלכער האָט אויפגעהויבען אין גלות די ציוניסטישע פלאַג, וועלכער האָט געוועקט אין פאָלק די נאַציאָנאַלע געפיהלען און די ליעבע צו דער אַלטער היים. מערק־ווירדיג, אַז דוד גאָרדאָן איז געקומען צו דער אידעע ניט צוליעב זיי־טיגע סבות, ניט ווי פינסקער און ליליענבלום — צוליעב די פּאָגראָמען, און ניט ווי הערצל און נאָרדוי — צוליעב דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס אין זיין צייט זיינען נאָך די דאָזיגע טערמינען „פּאָגראָם" און „אַנטי־סעמיטיזם" איבערהויפּט נאָך ניט באַשאַפען געווען. נאָך מערקווירדיגער איז, אַז בעת גאָרדאָן איז אַרויס צום ערשטען מאָל אין דער עפענט־ליכקייט מיט דער אידעע אויסצוקויפען דעם ארץ־ישראל־באָדען פון די טערקען, כדי דאָרטען צו גרינדען אַ צוקינפטיגע היים פאַר די אידען פון די גלות־לענדער — איז יענע צייט גראָד געווען איינע פון די ליכטיגסטע פעריאָדען אין דער גלות־היסטאָריע. פון איין זייט די גלענצענדע עקאָנאָמישע לאַגע אין אַלע מדינות וואו אידען האָבען זיך דאַמאָלסט געפונען; אידען זיינען געווען די באַנקירען, די איי־זענבאַהן־בויערס, די גרויס־אינדוסטריעלען, און בכלל באַהערשט דעם וועלט־האַנדעל. פון דער אַנדער זייט די דאַמאָלסדיגע גליקליכע פּאָ־ליטישע לאַגע, די עמאַנציפּאַציאָן אין די מערב־לענדער איז שוין גע־ווען אַ פאַקט אין לעבען, אידען האָבען שוין אומעטום געהאַט פאָל־שטענדיגע פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג. אויך אין דער פינסטערער רוסלאַנד האָבען שוין אַנדערע ווינטען געבלאָזען, דער יאָהרענלאַנ־גער פאַרכמאַרעטער הימעל האָט אָנגעהויבען זיך אויסצולייטערן; און אויב אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט די אידען נאָך ניט געגעבען קיין פּאָליטישע רעכטע, וואָס באמת האָבען דאָס אַנדערע נאַציעס אויך ווייניג־וואָס געהאַט, אַבער מענשליכע רעכטע האָבען זיי אין פולער מאָס באַקומען. אויס דאַנקבאַרקייט צום רוסישען קייזער, האָט די אידישע אינטעליגענציע זיך אַ נעהם געטהאָן צו אַסימילאַציע. אַפּבּרעכענדיג הינטער זיך די בריקען, וועלכע האָבען זיי פאַרבונדען מיט דער היסטאָריע און טראַדיציע, און מיט איינמאָל קומט אַרויס דוד גאָרדאָן מיט אַ מאמר „בשובה ונחת תושעון", וועלכער האָט זיך געדרוקט אין מעהרערע המשכים אין יאָהר 1863, און איז מבטל אָט די אַלע גליקען פון גלות, זאָגט נביאות, אַז עס וועלען זיך ווידער אונטעררוקען פינסטערע צייטען און רופט אויף די אינטעליגענציע, אַז זיי זאָלען דוקא איצט אָנהויבען צו קלעהרען וועגען אַ געזיכערטע צוקונפט פאַר'ן אידישען פאָלק!

אמת, די רוסישע משכילים, וועלכע זיינען געווען בראשם ורובם אריינגעטהאָן אין פאַרשפּרייטען השכלה און תקונים בדת, האָבען

זיך אויסגעלאכט פון זיינע פוסטע חלומות, אבער אין די מערב־מדינות האט דער דאזיגער מאמר דאך א גרויסען רושם געמאכט. עס האבען זיך אפגערופען ניט בלויז די פריהעריגע ארטדאקסישע ציון־פיאנערען, ווי: רבי צבי קאלישער, רבי אליהו גריידיצער, דר. לוריא און אנדערע, נאר אויך די איינפלוסרייכסטע פערזענליכקייטען פון יענער צייט, ווי: משה מאנטעפיארע, אדאלף קרעמיע, אלבערט כהן, נארסים לעווין און אנדערע. די פיהרער פון דער חברה „כל ישראל חברים" האבען שוין געהאט באשלאסען צו גרינדען א קאלאניע אין ארץ־ישראל, אבער דערוויל האט זיך אונטערגעדרעהט די מלחמה צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, און דער באשלוס איז ערשט שפעטער אין די זיבעציגער יאהרען דורכגעפיהרט געווארען.

חוץ דעם דאזיגען מאמר האט ער נאך אין שפעטערדיגע יאה־רען פארעפענטליכט א רייהע מאמרים מיט פראקטישע פלענער, ווי די אידעע צו פארווירקליכען, בפרט נאכדעם ווי זילבערמאן האט אין יאהר 1880 איבערגעגעבען דעם „המגיד" צו גארדאנ׳ען, איז כמעט ניט אוועק איין נומער, וואו עס איז ניט גערעדט געווען ווייט און ברייט וועגען די ענינים פון ישוב, ניט קוקענדיג וואס דורכ׳ן פאר־נאכלעסיגען די אנדערע לעזע־שטאף האט ער מאטעריעל שטארק גע ליטען. די לעזער וואס זוכען אין א צייטונג נייעס, האבען זיך בים־לאכוויז אנגעהויבען אפצוטראגען, און צוזאמען מיט זיי האט ער פארלארען די פאנאטיש פרומע, וואס האלטען דעם רעיון פאר א כפירה אין אמונת המשיח. נאך דעם גרעסטען קלאפ האט דער „המגיד" באקומען דורכ׳ן „המליץ" און „הצפירה", וואס אין אנהויב פון די אכציגער יאהרען זיינען זיי שוין געווען שטארק פארברייט. אזוי האט דער „המגיד" אנגעהויבען ביסלאכוויז אפצושטארבען און מיט איהם צוזאמען זיין רעדאקטאר, איינער פון די איידעלסטע, טיי־ערסטע און וויכטיגסטע פיגורען פון פאריגען דור, ר׳ דוד גארדאן, וועלכער איז געשטארבען אין חודש סיון פון יאהר תרמ"ו.

די לעצטע ווערטער זיינע פאר׳ן טויט זיינען געווען: גריסט אלע פריינד פון ציון, מיר איז ליידער ניט פארגינט געווען צו זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, ווי עס וועט אויפגעהן די מארגענרויט אויף מיין פאלק און ציון.

# באראָן דוד גינצבורג

געבאָרען אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק תרי"ז, געשטאָרבען אין פּעטערבורג, כסלו תרע"א.

מען דאַרף ניט זיין קיין אַלטער מאַן צו געדענקען די גרויסע ראָלע וואָס דער באראָן גינצבורג האָט געשפּיעלט אין אידישען לעבען פון רוסלאַנד. איך זאָג „דער באראָן", כאָטש באמת זיינען געווען אַזעלכע דריי באראָנען: אַ זיידע, אַ זוהן און אַן אייניקעל, וואָס אין משך פון 50 יאָהר זיינען די אַלע דריי געווען די אונגעקרוינטע פּיהרער פון רוסישען יודענטום, און דאָס פאָלק אין זיינע לעגענדעס וועגען דיעזער וואונדערבאַרער פאַמיליע, האָט קיינמאָל קיין חילוק ניט גע־מאַכט צווישען פאָטער און זוהן, צווישען זיידען און אייניקעל. מען האָט נאָר געוואוסט אַז אין פּעטערבורג געפינט זיך איינער אַ גרויסער איד מיט'ן נאָמען „באראָן גינצבורג", וועלכער איז אַ קרוב למלכות, אַ גרויסער עושר, פערמאָגט צעהנדליגער מיליאָנען, און אַז גענעראַלען און אַדמיראַלען געפינען זיך שטענדיג אין זיין וואַרט־צימער, וואַר־טענדיג אויף צו קריגען ביי איהם אַ גמילת־חסד. מען האָט אויך געוואוסט, אַז דער דאָזיגער באראָן איז נאָך דערצו אַ פרומער געטרייער איד, וועלכער שטאָלצירט מיט זיין אידישקייט, אַ גרויסער בעל צדקה, מיט אַ ברייטע הארץ פול מיט רחמנות און זאָרג פאַר'ן כלל ישראל, אַז וואו עס מאַכט זיך עפּעס אַ צרה אָדער אַ גזרה פאַר'ן כלל אָדער פאַר'ן יחיד לויפט מען תיכף צו איהם און ער ברענגט טאַקע די ישועה.

די פאַמיליע גינצבורג געהערט צו די געצעהלטע פאַמיליעס וואָס אידען האָבען אין גלות פערמאָגט, און וועלכע אידען האָבען גערופען „שר בישראל", אַ טיטול וואָס דאַרין איז געלעגען ניט נאָר אַכטונג פאַר דער פאַמיליע אליין, נאָר אויך אַכטונג צו זיך און צום גאַנצען פאָלק ישראל. אמת, אין די מערב מדינות האָבען זיך געפונען מעהרערע אידישע פאַמיליען מיט אַזאַ הויכען טיטול, אָבער אין פינסטערען רוסלאַנד, וואו אַ איד האָט ניט געקענט דערלאַנגען אפילו צו ווערען אַ גאָראָדאָוואָי, איז די פאַמיליע טאַקע געווען די ערשטע און איינציגע, וועלכע איז געקרוינט געוואָרען מיט אַזאַ גדולה. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס גאַנצע יודענטהום האָט מיט איהר שטאָלצירט, און בפרט אַז די פאַמיליע האָט זיך ניט דערווייטערט, ניט פון איהר פאָלק און ניט פון איהר גאָט.

דער באַגרינדער פון דער דאָזיגער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע איז געווען יוסף יוזל גינצבורג, אַ מענש וועלכער האָט זיך אַליין אַרויפ־געאַרבייט פון אַ קליינשטעטלדיגען סוחר ביז צום וועלט־מיליאָנער. דעם ערשטען שטויס צו זיין רייכקייט האָט איהם געגעבען די מלחמה אין קרים אין יאָהר 1855, וואו ער האָט אָנגעהויבען אַלס געוועהנליכער פּאַדריאַטשיק צוזשטעלען פּראַוויאַנט פאַר סאָלדאַטען. מיט זיין קויפמענישען געניוס און מיט זיין עהרליכען כאַראַקטער האָט ער געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגיערונג, וועלכע האָט איהם אָנגעטרויט די גרעסטע און איינטרעגליכסטע פּאַדריאַדען, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרען איינער פון די רייכסטע און איינפלוסרייכסטע אידען אין רוסלאַנד. אין אָנפאַנג פון די 60־גער יאָהרען האָט ער געגרינדעט אין פּעטערבורג אַ פּריוואַט באַנק, וועלכע האָט אין אַ משך פון 30 יאָהר, וואָס זי האָט עקזיסטירט, זיך ערוואָרבען אַ וועלט־באַרוף. אַ דאַנק זיינע פאַרדינסטען פאַר דער העסען־דאַרמ־שטאַדטער מלוכה האָט איהם דער קורפירשט אין יאָהר 1872 דער־הויבען צום אַדעלשטאַנד, און מיט׳ן הסכם פון דער רוסישער רעגירונג איז ער באַקרוינט געוואָרען מיט׳ן טיטול „באַראָן".

באמת איז יוזל גינצבורג, צוליעב זיינע גרויסע פאַרדינסטען פאַר׳ן רוסישען יודענטום, פון פאָלק נאָך פריהער געאַדעלט געוואָרען. ער איז געווען דער ערשטער אידישער שתדלן פון אַ גרעסערען מאַסשטאַב. דורך זיינע השתדלות האָט אַלעקסאַנדער דער 2־טער אין יאָהר 1858 אַרויסגעגעבען די ערלויבניש פאַר אידישע סוחרים צו וואוינען איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואָס דאַדורך האָט זיך אין קיין ערך ניט פאַרבעסערט די אידישע עקאָנאָמישע לאַגע. די איינענע פּריווילעגיע האָט ער שפּעטער, אין יאָהר 1865, באַקומען אויך פאַר אידישע בעלי־מלאכה, און טויזענדע פאַמיליען זיינען דאַדורך געהאָלפען געוואָרען. בכלל איז זיין הויז געוואָרען דער צענטער פאַר כלל־אַרבייט, און די רוסישע רעגירונג האָט איהם אָנערקענט אַלס דעם פאַרשטעהער פון רוסישען יודענטום. קיין גרויסער תלמיד־חכם איז ער ניט געווען, אָבער העברעאיש האָט ער גוט פאַרשטאַנען, ער האָט געעהרט און ליעב געהאַט תלמידי חכמים און האָט אין זיין צייט זעהר פיעל בייגעטראָגען צו פאַרשפּרייטען תורה און השכלה. ער האָט אויך געגרינדעט אין פּעטערבורג די בעוואוסטע חברה „מפיצי השכלה", וועלכע ער האָט אין די ערשטע יאָהרען אויסגעהאַלטען אויף זיינע אייגענע הוצאות.

זיין זוהן, „האַראָץ", איז איהם נאָך איבערגעשטיגען אין פיעלע באַציהונגען, סיי אין רייכקייט, סיי אין בילדונג און אויך אין כלל־אַרבייט. ער איז באמת געווען דער ווירקליכער „ריש־גלותא" פונ׳ם

רוסישען יודענטום. אין די ערשטע יאָהרען איז זיין כלל־אַרבייט נאָך ניט געווען שטאַרק בולט, ווייל די אידען אין רוסלאַנד האָבען אונטער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען געלעבט כמעט אַ נאָרמאַלען לעבען. מיט די אַלטע גזירות און באַשרענקונגען האָט מען זיך שוין געהאַט צו־געוועהנט און פון נייע גזירות האָט זיך ניט געהערט. אָבער מיט׳ן בעגין פון אַלעקסאַנדער דעם דריטענס רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבען אויסצוגיסען אויפ׳ן רוסישען יודענטום אַ ים פון צרות. טאָג־טעגליך נייע גזירות און די אַלטע זיינען נאָך שטאַרקער און שאַרפער גע־וואָרען. און דאַ האָט זיך ערשט ענטוויקעלט די וויכטיגע כלל־אַרבייט פון באַראָן האָראַץ גינצבורג. אַ דאַנק זיין גרויס השפעה אין די הויכע ספערען און זיינע גרויסע געלד־קרבנות איז איהם געלונגען מאַנכע גזירות מבטל צו מאַכען אָדער, לכל הפחות, צו פאַרלינדערן, און כמה גזירות דערשטיקט נאָך בעפאָר מען האָט באַוויזען זיי צו פאַר־עפענטליכען.

דאָס פאָלק, וויסענדיג פון זיין גוטער אַרבייט, געוועהנליך נאָך מיט איבערטרייבונגען, האָט איהם ממש פאַרגעטערט, און יעדער איינער וואָס איז געקומען קיין פּעטערבורג האָט געגאַרט איהם צו זעהן פּנים־אל־פּנים. צוליעב דעם פלעגט אויך די גרויסע שוהל יעדען שבת פול זיין מיט אורחים, וועלכע זיינען ספּעציעל געקומען זעהן דעם באַראָן, און נאָך האָבען דעם נחת איהם צו קענען זאָגען „גוט־שבת". ער איז געווען אַ ליעבלינג ניט נאָר ביי אידען, נאָר אויך ביי גוים, ווייל אין זיין פילאַנטראָפּיע האָט ער קיינמאָל קיין חלוק ניט געמאַכט צווישען אידען און ניט־אידען. ער האָט אַלעמען געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנד, און אַ דאַנק זיין שטיצע האָבען פיעלע פון די גוי׳עשע גרויסע געלעהרטע און קינסטלער זייער קאַריערע געמאַכט. ווען ניט באַראָן האָראַץ גינצבורג וואָלט די וועלט ניט געהאַט אַזעלכע טאַלאַנ־קינסטלער ווי אַנטאָן רובינשטיין, דאַווידאָוו און אַנדערע; אויך ניט דעם סקולפּטאָר־גאון אַנטאָקאָלסקי, און נאָך אַנדערע.

זיין אָנזעהן אין די הויכע מלוכה קרייזען איז געווען אַזוי גרויס, אַז זאָגאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער, דער פאַרביסענער יודאָפאָב, האָט איהם דעקאָרירט מיט די גרעסטע אָרדענס, און פלעגט באַקומען איינלאַדונגען צו די שמחות אין קייזערליכען הויף. אָבער אין אָנפאַנג פון די נײַנציגער יאָהרען, אַ דאַנק די העצעס פון די שוואַרץ־מאָה׳ניקעס, האָט זיך דאָס רעדעל אַ דרעה געטהאָן; ראשית האָט מען קאָנפיסקירט אַ טייל פון זיינע גאָלדמינעס אין סיביר, מיט׳ן אויסרייד אַז אַ איד האָט ניט דאָס רעכט צו האָבען דאָרטען באַזיצליכקייטען אויף זיין נאָמען, און דערנאָך האָט די קייזערליכע באַנק אָפּגעבראָכען איהרע פאַר־בינדונגען מיט זיין פּריוואַט־באַנק, אום איהם ענג צו מאַכען אין

קעש־געלד. אזוי ווי די אנטיסעמיטישע פרעסע האט ניט אויפגעהערט צו העצען די דעפאזיטארס ארויסצונעהמען זייער געלד פון גינצבורג׳ס באנק, איז נעקומען אזוי ווייט, אז די רעגירונג האט ארייננעזעצט אן אפוטרופוס צו ליקווידירען די באנק. שמחה וששון איז געווען ביי די אידישע שונאים, וואס זיי איז געלונגען צו מאכען א תל פון באראן גינצבורג און דערמיט א שווערען קלאפ געבען דאס גאנצע אידישע פאלק. אבער לאנג האט זייער שמחה ניט אנגעהאלטען. אין א גאנץ קורצער צייט האט גינצבורג אפגעצאהלט אלע חובות מיט צינזען ביז א פרוטה, און דער נאמען פון גינצבורג׳ס הויז איז נאך מעהרער באריהמט און געאכטעט געווארען. אין דער קאמערץ־וועלט איז דאס געווען כמעט דער ערשטער פאל, אז מען זאל אויף אזא אנשטענדיגען אופן ליקווידירען מיליאנען חובות מיט די גאנצע אינטערעסט, און בפרט וואו די פערזאן האט ניט אויף זיך די מינדעסטע שולד און פאראנטווארטונג. אבער אויך אין דער דאזיגער קריטישער צייט האט ער אויף א האר ניט פארשמעלערט זיינע צדקות און זיין כלל־ארבייט, נאר דער גאנצער ענין האט אויף איהם געווירקט, אז פון יענער צייט אן פלעגט ער די מייסטע צייט פארברענגען אין זיין פאריזער הויז, און געזוכט וואס ווייניגער צו זיין אין פעטערבורג.

באראן הארא̇ץ גינצבורג איז געשטארבען אום פורים פון יאהר 1909, אין אלטער פון 76 יאהר, און די פיהרערשאפט פון די רוסישע אידען איז אריבערגעגאנגען צו זיין עלטערן זוהן — צום באראן דוד גינצבורג.

דוד גינצבורג איז געבארען אין יאהר 1857, אין קאמענעץ־פא־דאלסק (אוקראינא), ערצויגען און אויפגעוואקסען — טהיילווייז אין פעטערבורג און טהיילווייז אין פאריז. זיין פאטער האט געהאלטען פאר איהם די בעסטע לעהרער פון יענער צייט. פאר אידישע למודים זיינען געווען די רביים: אדאלף נייבויער, שניאור זאקס און צבי ראבינאוויץ, דער מחבר פון „המנוחה והתנועה“. נאך אין זיין יוגענד האט דוד גינצבורג אנגעהויבען ארויסצוצייגען א גרויס נייגונג צום לערנען אריענטאלישע שפראכען, און א דאנק זיין גרויס התמדה, זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, האט ער צו צוואנציג יאהר שוין געענדיגט די אריענטאלישע פאקולטעט אין דער פעטערבורגער אוניווערזיטעט און באקומען דעם טיטול „מאגיסטער“. באלד דארויף איז ער אוועקגעפאהרען קיין אויסלאנד זיך פארפאלקאמען; שטודירט אין פאריז און אין בערלין ביי די גרעסטע אריענטאלישע ספעציאליס־טען פון יענער צייט און אנגעהויבען צו שרייבען וויסענשאפטליכע אפהאנדלונגען איבער די מיטעלאלטערליכע פילאזאפיע, איבער מע־טאפיזיק און איבער חכמת ישראל — אין די העברעאישע, פראנצויזישע

און רוסישע פאַר־זשורנאַלען און יאָהרביכער. די דאָזיגע אַרטיקלען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער לאָגיק און דורך זייער שאַרפזיניגקייט, האָבען געצווינגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די עלטערע געלעהרטע און איהם צוגעגעבען מוטה און קראַפט זיין אַרבייט פאָרטצוזעצען. מיט דער פאַרעפענטליכונג פון זיין ערשטען ווערק, דער ספר „התרשיש" פון רבי משה אבן־עזרא, האָט זיך דער יונגער געלעהרטער דוד גינצבורג פאַרשאַפט אַ בכבוד־יגען פּלאַץ צווי־שען די אָריענטאַלישע געלעהרטע פון יענער צייט.

זיין גרויס פאַרמעגען האָט דוד גינצבורג באַנוצט זיך איינצור־שאַפען איינע פון די גרעסטע און רייכסטע פּריוואַט־ביבליאָטהעקען אין דער וועלט. הונדערטער־טויזענדער האָט ער אויסגעגעבען אויף איינשאַפען זיך אַלע ספרים וואָס האָבען אַ אידישען אינהאַלט אין אַלע פאַרשידענע שפּראַכען, אַז עס איז כמעט ניט פאַרבליבען קיין איין געדרוקטער ספר, פון זינט דער דרוק איז ענטשטאַנען ביז צו זיין צייט, וואָס זאָל זיך ניט געפינען אין זיין ביבליאָטעק. ריעזיגע סומען האָט ער אויסגעגעבען אויף ספרים יקרי־המציאות, פון וועלכע עס געפינען זיך אויף דער וועלט נאָר געצעהלטע עקזעמפּליאַרען, אָדער נאָר איין עקזעמפּליאַר, און אויף איינהאַנדלען אַנטיקען פון האַנד־שריפטען. אין זיין ביבליאָטעק האָבען זיך געפונען האַנדשריפטען פון תנ"ך, וועלכע האָבען געהאַט אַן אַלטקייט פון טויזענד יאָהר און מעהר; הונדערטער איינצעלנע געשריבענע בלעטער פון תלמוד, האַלב פאַר־סמאַליעטע, וועלכע עס איז געלונגען מציל צו זיין פון פייער בעת די אינקוויזיציע האָט גוזר געווען צו פאַרברענען דעם תלמוד. ער האָט אין אַ משך פון יאָהרען אויפגעזאַמעלט מאַנוסקריפּטען פון אַלער־האַנד „מחזורים", אין זייערע פאַרשידענע נוסחאות, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין פאַרשידענע צייטען און אין פאַרשידענע מדינות. אין זיין ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אַ ש"ס ירושלמי, וועל־כע האָט אַמאָל געהערט צו רבי יצחק אברבנאל, און כהנה אַזעלכע אַנטיקען.

אַריינגעהענדיג אין זיין ביבליאָטעק און דערזעהענדיג די גרויסע פּרעכטיגע ביכער־שאַפעס, אָנגעפּאַקט פון אויבען ביז אונטען מיט צעהנדליגער טויזענדער ספרים, איינגעבונדען אין האָלץ, אין קופּער, אין פּאַרמעט און אין לעדער, וואָס אַן אַלטקייט פון הונדערטער יאָה־רען רוהען אויף זיי — האָט אַרויסגערופען אַ גרויס יראת הכבוד און אַ באַגייסטערטען שטאָלץ צו געהערען צו אַ פאָלק וואָס האָט געשאַפען אַזעלכע גייסטיגע אוצרות. ווי גרויס עס איז געווען די דאָזיגע באַ־גייסטערונג פאַר יעדען, וועלכער האָט באַזוכט די רייכע גינצבורג'שע ביבליאָטעק, איז ניט ווייניגער געווען די התפעלות פאַר דער פּערזאָן,

וועלכער האט דאס אלץ אויפגעזאמעלט און וועלכער האט די אלע ספרים, מעהר אדער ווייניגער דורכשטודירט. די ביבליאטעק איז געווען זיין דירת־קבע, וואו מען האט איהם געקענט שטענדיג טרעפען; מיט אן אויפריכטיגער פריינדליכקייט מקבל־פנים געווען יעדען, וועלכער איז געקומען עפעס נאכזעהן, און צוגלייך אליין דערלאנגט דעם ספר, וועלכען מען האט געבעטען. איך וויל נאך באמערקען, דאס די ביבליאטעק־צימערען זיינען געווען באציערט מיט די טייערסטע בילדער פון יענע גרויסע קינסטלער, וועמען זיין פאטער האט געהאט פארהאלפען צו מאכען זייער קאריערע.

נאך זיין טויט האט יעקב שיף געוואלט אפקויפען די ביבליאטעק און געבאטען פאר איהר א פערטעל מיליאן דאלאר. די אלמנה האט אבער ניט געוואלט פארקויפען, און בפרט אויף ארויסצופיהרען פון רוסלאנד קיין אמעריקא. ערשט אין יאהר 1917, נאכדעם ווי די פאמיליע גינצבורג האט פארלארען דעם גרעסטען טייל פון איהר פארמעגען, איז געלונגען הלל זלאטאפאלסקי'ן אפצוקויפען די ביבליאטעק אויף אריבערצופיהרען קיין ארץ־ישראל. אבער ביז מען האט באוויזען די ריזיגע ביבליאטעק צו פארפאקען, האבען זיך דערוויל אונטערגערוקט די באלשעוויקעס און פארבאטען איהר ארויסצופיהרען פון רוסלאנד, און נאך היינט געפינט זיך די גאנצע ביבליאטעק פארפאקט אין קאסטענס, ליגענדיג ערגעץ־וואו אין אן אויפבאוואהרונגס־פלאץ אין מאסקווא.

ביז צום יאהר 1900, אזוי לאנג ווי זיין פאטער איז נאך געווען געזונד און קרעפטיג אנצוהאלטען די פיהרערשאפט פונ'ם רוסישען יודענטום, האט זיך דוד גינצבורג געהאלטען אין הינטערגרונד און זיך ווייניג־וואס אינטערעסירט מיט אלגעמיינע כלל־ארבייט. זיין געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט האט זיך באשרענקט נאר אויף ענינים וואס זיינען געווען נוגע צום חנוך, און האט זעהר פיעל געארבייט איינצופיהרען אין די אידישע ערציהונג־אנשטאלטען דעם למוד עברית בעברית. פאר'ן העברעאישען לעהרער אין די דאזיגע אנשטאלטען, וואו עס ווערען ערצויגען ארימע אידישע קינדער, האט ער אנגענומען דעם באריהמטען פעדאגאג, דעם שפעטערדיגען פעטערבורגער ראבינער, דר. משה אלעזר אייזענשטאדט, און צוגלייך איהם גענומען אלס הויזלעהרער פאר זיינע אייגענע קינדער.

דוד גינצבורג מיט דר. אייזענשטאדט האבען זעהר פיעל אויפגעטהאן אויסצוזאווארצלען די טראדיציאנעלע עם־הארצות פון פעטערבורג, און צוגעגרייט דעם באדען פאר א חברה „חובבי שפת עבר“, וואס איהר צוועק איז געווען צוגעוועהנען די מיטגליעדער צו ריידען העבּרעאיש. די דאזיגע חברה האט אנגעהאלטען יאהרענלאנג, אונטער

דער פיהרערשאַפט פון דר. ל. קאַצנעלסאָן (בוקי בן יגלי), און בעת איך בין געקומען קיין פּעטערבורג, אָנפאַנג דער וועלט־מלחמה, האָט זי נאָך געהאַלטען אין רעכטען בליהען. מען פלעגט זעהר אָפט צו־זאַמענקומען, געהאַלטען רעפעראַטען, געפיהרט דיסקוסיעס, און אַלע אויף העברעאיש.

אין דער פּערזאָן פון דוד גינצבורג האָבען זיך פאַראייניגט אַלע גוטע מעלות און מדות פונ׳ם אמת׳ן תלמיד־חכם: געלערענט תורה לשמה, געווען א נחבא אל הכלים, געפיהרט א זעהר באַשיידענעם לע־בען אָהן גלאַנץ און לוקסוס, און קיינמאָל ניט געשטרעבט צו זאַמלען געלד־אוצרות, ווי זיין פאָטער און זיינע אינגערע ברידער. הייגט זיין עניוות, זיין פּשטות, זיין פריינדליכקייט און ברידערליכקייט! און אַלץ איז ביי איהם געווען נאַטירליך, ניט געקינסטעלט. אַזוי איז ער געווען אין זיין ריידען און אַזוי אין זיין שרייבען.

און צו די אַלע דאָזיגע מעלות איז ער נאָך געווען א ירא־שמים און זיך שטרענג געהאַלטען אָן אַלע אידישע טראַדיציעס. אין דער צייט וואָס ער איז געווען פּרעזידענט אין דער פּעטערבורגער קהלה, האָט ער שטענדיג געזוכט אַריינצוברענגען א אידישען גייסט אין די מוסדות פון דער קהלה; איינגעפיהרט איבעראַל כשרות און איינגע־אָרדענט אין אַלע קהל׳שע אַפּיסעס א שטרענגע שבת־ און יום־טוב־רוה. מיט אייגענע מיטעל האָט ער געגרינדעט א ביליגע כשר׳ע קיך פאַר אָרעמע אידישע סטודענטען, וואָס נאָך זיין טויט איז דאָס נאָך אויפ־געהאַלטען געוואָרען פון זיין פרוי. קיין וואונדער ניט, וואָס גינצבורג איז געווען אַזוי באַליבט ביי די רבנים, און מוסר׳נדיג דעם עולם פלעגען זיי ברענגען דעם באַראָן אַלס מוסטער, ווי אַזוי מען קען זיין רייך און דאָך האַלטען פון אידישקייט. אין דער קאָמיסיע פאַר אי־דישע ענינים, וועלכע די רעגירונג האָט איינבאַרופען אין אָנפאַנג יאָהר 1910, האָבען די רבנים אויסגעקליבען גינצבורג׳ן פאַר זייער פיהרער, און ער האָט זיי טאַקע געהאָלפען דורכפיהרען זייערע אַלע רעזאָלוציעס פאַר חזוק־הדת. בעת דער ליובאַוויטשער רבי האָט דערהערט, אַז גינצבורג איז קראַנק געוואָרען, איז ער תיכף געקומען קיין פּעטערבורג איהם מבקר חולה זיין און געבען איהם זיין ברכה. די דאָקטוירים האָ־בען ניט געוואָלט דעם רבי׳ן צולאָזען צום חולה, אָבער קוים האָט גינצ־בורג דערהערט, אַז דער רבי איז דאָ, האָט ער תיכף באַפוילען איהם אַריינצולאָזען. בעפאָר דער רבי איז צו איהם אַריינגעקומען האָט גינצבורג געבעטען איהם דערלאַנגען זיין יאַרמולקע און אויך געהייסען זיינע קינדער, וועלכע זיינען אַרום געשטאַנען, זיי זאָלען באַדעקען זייע־רע קעפּ. דער רבי האָט איהם געבענשט און צוגלייך איהם דערצעהלט, אַז אַלע אידען איבער גאַנץ רוסלאַנד זיינען מתפלל פאַר זיין געזונד. דאָ־

רויף זאָל איהם האָבען גינצבורג באַמערקט, אַז ער פאַרשטעהט ניט פאַרוואָס איהם קומט אַזאַ כבוד...

ער האָט געהאַלטען פון דער מצוה „ושננתם לבניך", אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיינע קינדער די בעסטע אידישע לעהרער, און ניט געהמענדיג אין אַכט זיין זעהר באַשרענקטע צייט, פלעגט ער דאָך כמעט טעגליך אַליין לערנען מיט די קינדער — אַ מצוה וואָס זעהר וועניג פרומע אידען זיינען מקיים.

עס איז מעגליך, אַז צוליעב זיין נטיה צו אָרטאָדאָקסיע האָט ער זיך ניט באַטהייליגט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — אַ זאַך וואָס האָט געדאַרפט אייגענטליך אַפּעלירען צום דאָזיגען הארציגען נאַציאָנאַליסט — ווייל די מייסטע רבנים אין יענער צייט, און דער ליובאַוויטשער רבי בראש, זיינען געווען גרויסע מתנגדים צום ציוניסטישען געדאַנק. דאָך איז ער קיינמאָל ניט אויפגעטראָטען געגען ציוניזם. זיין איידעלע נאַטור און זיין נאַציאָנאַלער געפיהל האָבען ניט געקענט צולאָזען, אַז ער זאָל זיך שטעלען געגען אַ שטרעמונג אין יודענטום, וועלכע איז באַגרינדעט אויף נאַציאָנאַלע יסודות.

טראָצדעם וואָס דוד גינצבורג איז שוין געווען אַ רייפער מענש, איבער פערציג יאָהר, בעת ער האָט פון זיין פאָטער איבערגענומען די פיהרערשאַפט (אָדער ריכטיגער געזאָגט: די שתדלנות) איבער'ן רוסישען יודענטום, דאָך איז ער נאָך געווען גאַנץ פרעמד און אונערפאַהרען אין דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען פון די רוסישע אידען. בכלל איז ער געווען אַ שוואַכער פּאָליטיקער און אַ נאָך שוואַכערער רעדנער און איז אויך ניט געווען קיין גרויסער מומחה אין הויות העולם. אָבער אַזוי ווי ביי איהם האָט דאָס האַרץ מעהר געאַרבייט ווי דער קאָפּ, האָט ער אפשר מעהר אויפגעטהאָן פאַר'ן כלל, ווי די אַנדערע גרויסע פּאָליטיקער מיט זייערע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס און זייער רעדנער־טאַלאַנט. זיין עהרליכער, זויבערער כאַראַקטער, זיין איידעלע נאַטור, זיין רחמנות'דיגע האַרץ, זיין גרויסע ליעבע צו זיין פאָלק, און מעהר פאַר אַלץ — זיין פערזענליכקייט, האָבען פאַרדעקט די אַלע אַנדערע חסרונות, און אין די הויכע ספערען האָט מען פאַר איהם מעהר רעספּעקט געהאַט ווי פאַר אַלע אַנדערע כלל־טהוער. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלען זיך צו באַשעפטיגען מיט שתדלנות, אין איינע פון די פינסטערסטע צייטען אין רוסלאַנד, בעת דער שיקזאַל פון אידען איז געלעגען אין די הענט פון די שוואַרץ־מאה'ניקעס, און דאָך האָט ער געהאַט אַ צוטריט אומעטום. אויב צוליעב די צייט־אומשטענדען איז איהם ניט געלונגען צו ברענגען ישועות פאַר'ן כלל, איז איהם דאָך שטענדיג געלונגען, מעהר אָדער וועניגער, צו פאַרלייכטערען דעם גורל פון טויזענדער

יחידים, וועלכע האבען געליטען פאר זייער אידישקייט. וואו עס פלעגט זיך עפעס מאכען א צרה, א גירוש, צי א שריפה, אדער א פּאָגראָם, אדער סתם א בלבול, איז מען געקומען צו איהם, זיין וואוינונג אויף וואסילעווסקי אָסטראָוו, ערשטע ליניע, איז תמיד פול געווען מיט אַזעלכע נויטבאַדערפטיגע, און ער האָט תמיד געהאט א מערקווירדיגע געדולד אַלעמען אויסצוהערען. איינע פון זיינע הויפּט־טהעטיגקייטען איז געווען, זיך משתדל זיין פאר אידישע שטודענטען, אז מען זאָל זיי צונעהמען אין די הויך־שולען. איך ווייס פון א פאַל, אז בעת ער איז שוין געלעגען אויפ'ן קראנקען־בעט, האָט ער צופעליג געהערט פון ראבינער דר. אייזענשטאדט, וועלכער איז געקומען איהם מבקר־חולה־זיין, אז אין גאָרני אינסטיטוט האָט מען אויסגעשלאָסען א פּאָר אידישע שטודענטען, איז ער קראַנקערהייט אויפגעשטאַנען און אַרומגעפּאָהרען א לאַנגע צייט פון איין באַאַמטען צום צווייטען, ביז ער האָט גע'פּועל'ט, דאָס זיי זאָלען פארבלייבען.

נאָר אין א קורצער צייט האָט זיך דער דאָזיגער ביכער־מענש ארויפגעאַרבייט צו ווערען איינער פון די טיכטיגסטע כלל־טהוער, וואָס דאָס רוסישע יודענטום האָט ווען ארויסגעגעבען, און דערביי ניט פארנאכלעסיגענדיג זיינע וויסענשאַפטליכע ארבייטען. אין דער אייגענער צייט וואָס ער איז געווען דער הויפּט־שתדלן פאַר'ן רוסישען יודענטום, דער פאַרשטעהער פון דער פּעטערבורגער געמיינדע, דער פּרעזידענט פון רוסישען צענטראַל־קאָמיטעט פון יק"א, פון דער „מפיצי השכלה", פון „בית יתומים" און פון אנדערע אינסטיטוציעס — אין דערזעלבער צייט האָט ער באַקליידט דעם אַמט פון א רעקטאָר אין דער „אקאַדעמיע פאר אָריענטאַלישע וויסענשאַפט", וואו ער פלעגט נאָך אַליין לעקטשורען איבער רעליגיעזע פילאָזאָפיע, איבער דער תלמודי־שער און אָריענטאַלישער ליטעראַטור, און איז צוגלייך געווען איינער פון די הויפּט־רעדאַקטאָרס פון דער אידיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע, וואו ער האָט אָנגעשריבען אַלע אַרטיקלען בנוגע צו דער תקופת הגאונים, צו דער אַראַבישער און שפּאַנישער פּעריאָדע, און דאָס־גלייכען.

ער איז פון דער נאַטור געבענשט געווען מיט א ריעזיגען, געזונדען, קרעפטיגען קערפּער; ער איז קיינמאָל כמעט ניט קראַנק געווען, און דאָך, אין די בעסטע יאָהרען, צו דריי־און־פופציג יאָהר, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרען פון א געפעהרליכער קראַנקהייט, פון א קאַנסער, וואָס האָט איהם געבראַכט דעם טויט נאָך א צוויי־מאָנאַט־ליכער בעט־ליגונג. מיט איינינע טעג בעפאָר ער איז ערנסט קראַנק געוואָרען, האָט ער געזאָלט קומען קיין ליבוי צום צוזאַמענפאָהר פון אַלע יק"א־קאָמיטעטען אין גאַנץ רוסלאַנד, און באַגלייטונג פון א. וואָר־

שאוואסקי און דוד פיינבערג. לײדער האָבען מיר ערפאהרען פון די ביידען, אז דוד גינצבורג איז א חולה מסוכן, און דער צוזאמענפאָהר איז אפּגעהאלטען געוואָרען אונטער א שווערער שטימונג.

אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט האָט ער זיך פיעל באשעפטיגט מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען, און בעת ער האָט אָנגעהויבען צו מערקען אז עס קומט שוין די לעצטע שטונדע, האָט ער געבעטען צו זיך דעם ראַבינער דר. אייזענשטאַדט און איהם איבערגעגעבען א קונטרס וואָס ער האָט אָנגעשריבען קראַנקערהייט, וועגען די דרכים, אין וועלכע א מענש דאַרף געהן, אום גליקליך צו זיין. אויפ׳ן פאָרדערבלאַט האָט ער אָנגעשריבען די ווערטער: „אלה דברי דוד האחרונים“, און אונטען דעם פּרט מיט דער גמטריא „השער לאדני“. אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט, אז מען זאָל איהם ניט פיהרען צו קבורה קיין פּאַריז, אין זייער פאַמיליען-גראָב, וואו זיין פאָטער און זיין זיידע און די אַנדערע קרובים געפינען זיך, נאָר מען זאָל איהם מקבר זיין אויפ׳ן פּעטערבורגער בית-עולם, און ניט אין דער ערשטער שורה צווישען די רייכע, נאָר אין דער דריטער שורה, צווישען דעם פּשוט׳ן פאָלק.

מיט׳ן טויט פון באַראָן דוד גינצבורג, האָט זיך פאַרענדיגט דער קאַפּיטעל היסטאָריע פון דער פאַמיליע גינצבורג, וועלכע וועט בודאי פאַרשריבען ווערען אין דער אידישער היסטאָריע מיט גאָלדענע אותיות.

# דר. אברהם אליהו הארקאווי

**געבארען אין נאוואראדאק תקצ"ו, געשטארבען אין פעטערבורג ניסן תרע"ט.**

מיט אברהם אליהו הארקאווי — דער לעצטער השכלה־גאון פון פאריגען דור — ענדיגט זיך די הונדערט־יעהריגע תקופה פון דער אידישער רענעסאנס אין די מזרח־לענדער. מעגליך אז אין אונזער היינטיגען דור געפינען זיך נאך מאנכע אידישע געלעהרטע, וועלכע זיינען אפשר ניט קלענער פאר די געלעהרטע פון די פאריגע צוויי־דריי דורות, און זייער געלעהרזאמקייט, על־כל־פנים, איז מעהר סיסטעמאטיש, מעהר וויסענשאפטליך; אבער ניטא מעהר דער אמאליגער טיפ „משכיל", וואס האט ממש זיין לעבען מקריב געווען אויף דעם מזבח פון דער השכלה, וועלכער האט כל ימיו געפיהרט א ביטערע מלחמה מיט זיין סביבה און איז שטענדיג געווען דער נרדף. ניטא מעהר דער אמאליגער מארטירער, וואס צוליעב די השכלה — די טאכטער פון הימעל — איז ביי איהם רעכט געווען צו צוברעכען זיין היים אויף דער ערד; צו פארלאזען ווייב און קינד, ניט קלעהרענדיג און ניט זוכענדיג פאר זיך עפעס א תכלית אין לעבען און נאר געלערענט השכלה לשמה, מיט'ן איינציגען צוועק, פריהער זיך אליין אויסצובילדען, כדי שפעטער צו קענען לערנען מיט אנדערע.

די מצוה פון פארשפרייטען השכלה אונטער'ן פאלק האט זיך גערעכענט ביי די אלטע משכילים פאר איינע פון די גרעסטע מצות, אויף וועלכע מען דארף זיך מוסר־נפש זיין, ווי אויף דער מצוה פון פקוח נפשות; ביי זיי איז געווען כמעט אן אקסיאם, אז השכלה וועט ברענגען די פאלשטענדיגע ישועה פאר די געדריקטע רוסישע אידען, סיי אין עקאנאמישען און סיי אין פאליטישען לעבען, כאטש זיי אליין האט זייער גאנצע השכלה ניט געקענט צומאל געבען א פאר גאנצע שיך... די מייסטע פון די דאזיגע פאנאטישע משכילים האבען טאקע פארבראכט א קימערליכען, געדריקטען לעבען, און גאנץ ווייניג פון זיי האבען געהאט דאס גליק צו געניסען די פרוכטען פון זייערע השכלה־פלאנצונגען. דר. הארקאווי געהערט צו די דאזיגע ווייניגע גליקליכע, וואס די השכלה איז געווען א גליק פאר זיי און א גליק פאר זייערע מיטמענשען. אבער לייכט איז איהם דאס אויך ניט אנגעקומען. אט דער דאזיגער קליינער מאגערער אידעל האט דורכגעמאכט זיין וועג צו דער השכלה מיט א געוואלדיגע גבורה און דערגרייכט זיין ציעל מיט גרויס מסירת־נפש.

אין מיטען פון פאריגען יאהרהונדערט, בעת די השכלה באוועגונג מיט איהרע אסימילאטארישע טענדענצען האבען זיך אנגעהויבען, קומענדיג פון בערלין, צו פארשפרייטען מיט שטורם און דראנג אין די מזרח־לענדער פון אייראפא, מיטרייסענדיג מיט זיך די בעסטע כחות פון דער אידישער אינטעליגענציע און אונטערגראבענדיג די יסודות פונ׳ם טראדיציאנעלען יודענטום — איז פלוצים געשאפען געווארען אין יודענטום א נייער סארט ליטעראטור אונטער נאמען: „חכמת ישראל", מיט׳ן צוועק צוריקצוהאלטען דעם שטראם פון דער באוועגונג. די גרינדער פון דער דאזיגער ליטעראטור זיינען אייגענטליך געווען די אייגענע משכילים, וועלכע האבען פריהער יאהרענלאנג געקעמפט פאר דער השכלה און געוועקט אין פאלק דעם חשק צו בילדונג; אבער איינזעהענדיג שפעטער, אז דאס פאלק איז פיעל ווייטער אוועק ווי זיי האבען געדאכט, און אויב עס זאל ווייטער אזוי געהן דראהט גרויס געפאהר פאר׳ן עקזיסטענץ פונ׳ם יודענטום, האבען זיי אנגעהויבען זוכען מיטעל און וועגען פאר׳ן קיום היהדות און אזוי געקומען צום געדאנק, אז דער בעסטער מיטעל וואלט געווען באקאנט צו מאכען דאס פאלק מיט זיין גלענצענדער פארגאנגענהייט און מיט זיינע קולטורעלע אוצרות. אויף די שאלות פון דער געבילדעטער יוגענד: וואס אייגענטליך זיינען מיר? פארוואס זיינען מיר אנדערש ווי אלע? צו וואס ליידען מיר? פארוואס האבען אונז אלע פעלקער פיינט? וועט מען זיי קענען ענטפערען מיט היסטארישע באווייזע, אז אידען זיינען דאך אנדערש ווי אלע אנדערע פעלקער, דערמיט וואס קיין פאלק אין דער וועלט וואלט ניט געקענט אזוי לאנג עקזיסטירען אהן אן אייגען לאנד, אהן א מלוכה און אהן אן אייגען שפראך. די היסטאריע וועט זיי באווייזען, אז בעת די אור־עלטערן פון די היינטיגע ציוויליזירטע פעלקער האבען זיך נאך ארומגעטריבען אין די וועלדער, האבען מיר שוין געהאט א הויכע קולטור און א ברייטע ליטעראטור מיט גייסטיגע ריעזען, וועלכע גילטען נאך היינט אלס מוסטער פון גייסט און מאראל. — ובכן, אז ניט נאר דארפען מיר זיך ניט שעהמען מיט׳ן יודענטום, נאר גאר שטאלצירען מיט איהם, און אז צוליעב אזא גלאררייכע פארגאנגענהייט איז אויך כדאי צו ליידען.

צום גליק האט דאס אידישע פאלק אין יענער צייט פראדוצירט פיעל גייסטיגע כחות. געהאט בכח אין א משך פון פינף און צוואנציג יאהר ארויסצוגעבען אזעלכע גדולים, ווי: צונץ, קראכמאל, פראנקעל, ראפאפארט, יאסט, שד״ל און נאך און נאך, וועלכע האבען אויפגעשטעלט דעם בנין פון „חכמת ישראל" און פיעל פון די אפטריניגע צוריקגעבראכט צום יודענטום. דאס אינטערעס פאר דער דאזיגער ווי־

סענשאפט איז באלד אויך אריבערגעגאנגען צו די גויים, און אין פיעל אוניווערזיטעטען זיינען געשאפען געווארען קאטהעדרעס פאר אידישע פילאזאפיע, פאר דער אידישער קולטור היסטאריע, פאר דער העברע־אישער שפראך און ליטעראטור. מיט א פאר צעהנדליג יאהר שפעטער זיינען אויסגעוואקסען נייע גייסטיגע ריזען, ווי: גרעץ, גייגער, שטיינשניידער, לאצארוס, דערנבורג, יעלינעק, קאסעל, מילער און אנ־דערע, וועלכע האבען פארטגעזעצט די ארבייט פון די פריהערע, און אין מאנכע פרטים נאך סיסטעמאטישער און גרינדליכער.

א מערקווירדיגע זאך, אז גראד אין רוסלאנד און אין פוילען, די צענטערס פון דער תורה פאר די לעצטע דריי הונדערט יאהר, האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער אריגינעלער געלעהרטער אויף דעם דאזיגען געביעט. אפילו שפעטער, בעת עס האבען שוין אנגעהויבען צו ערשיינען וועכענטליכע און מאנאטליכע זשורנאלען פאר חכמת ישראל, אין דער העברעאישער און רוסישער שפראך, האט מען זיך אויך נאר באנוצט מיט די חקירות און די לומדות פון די דייטשע און גאליציאנער געלעהרטע, ניט האבענדיג קיין אייגענע. דער איינציגער אריגינעלער געלעהרטער אין רוסלאנד איז געווען רבי מתתיהו שטראַ־שון. ער איז אבער געווען צו ווייניג פראדוקטיוו און מיט איהם צו־זאמען איז געשטארבען זיין חכמה. דער ריב"ל (יצחק בער לעווינזאן) איז צוואר געווען פראדוקטיווער, אבער מיט זיין גאנצער געלעהר־זאמקייט קומט ער ניט צו די חכמי ישראל פון מערב, וועלכע האבען געלעבט אין זיין צייט. דער ערשטער, און אפשר דער איינציגער, גע־לעהרטער אין רוסלאנד, וועלכער איז געשטאנען אין איין מדרגה מיט די גרעסטע דייטשע געלעהרטע אין חכמת ישראל איז געווען א ב ר ה ם א ל י ה ו ה א ר ק א ו ו י.

געבארען אין יאהר תקצ"ו אין נאווארעדאק (מינסקער גובערניע). זיין פאטער, יעקב הארקאווי, איז געווען איינער פון די חשוב'סטע בעלי־בתים פון שטאדט און א גרויסער תלמיד־חכם, וועלכער איז אויף דער עלטער אוועק נאך ארץ־ישראל און געפיהרט א ישיבה. דער קליינער עלינקע, נאך זייענדיג א חדר־איינגעל, האט מיט זיין אונגעוועהנליכען זכרון געצויגען אויף זיך גרויס אויפמערקזאמקייט, דען אלץ וואס ער האט נאר איין מאל דורכגעלייענט פלעגט ער עס תיכף איבערזאגען אויסוויינִיק ווארט פאר ווארט. מען דערצעהלט, אז ער האט זיך אמאל באהאלטען אויפ'ן בוידעם אין פאטערס הויז א גאנצען מעת־לעת, מיטנעהמענדיג מיט זיך דעם סדר־הדורות, און ארונטערגעהענדיג האט ער געוואוסט אויף אויסוויינִיק די נעמען פון אלע גדולים מיט זייער כראָניקע. נאך בר־מצוה האט דער פאטער איהם אוועקגעשיקט לערנען אין דער דערבייאיגער שטעדטעל איווייע

צום דארטיגען רב, איינער א גרויסער חריף. צו 15 יאהר האט ער חתונה געהאט, און זיין שווער האט איהם צוגעזאגט אייביגע קעסט בתנאי ער זאל זיצען און לערנען, און ער האט טאקע געלערענט מיט גרויס התמדה. אין א פאר יאהר נאך דער חתונה, שוין האבענדיג א קינד, האט איהם דער שווער געשיקט קיין וואלאזין לערנען ביז ער וועט באקומען סמיכות און זיך צוגרייטען צו רבנות. ער איז אבער ניט לאנג פארבליבען אין וואלאזין, דען גראד דא, אין דער הייליגער ישיבה, אינ׳ם גרעסטען צענטער פון דער תורה פון יענער צייט, האבען פריהער ווי אומעטום אנגעהויבען אריינצושפארען די שטראלען פון דער השכלה־ליכט. די השכלה־ביכלאך, וועלכע פלעגען ארומגעהן בשתיקה פון האנד צו האנד, האבען אויך דערגרייכט צו איהם און פארטומעלט די ריינע נשמה פונ׳ם נאאיווען קליינשטעדטעלדיגען יונגענמאן, וועלכער, א חוץ ש״ס און פוסקים, האט ער, ביז יענער צייט, פון קיין אנדערע ידיעות ניט געוואוסט. א גאנצע מהפכה איז אין זיין אינערן וועזען ענטשטאנען. זיין חשק צום לערנען און צו רבנות איז אלץ ווינציגער און ווינציגער געווארען. נייע צוקונפטס־פלענער, נייע בענקענישען, נייע שטרעבונגען האבען זיך אין זיין קאפ געטומעלט, ביז ער האט אין איין שעהנעם פריהמארגען פארלאזען וואלאזין, וואו ער האט פארבראכט א קנאפען האלבען יאהר, און צוריקגעקומען אהיים, מיט׳ן פעסטען באשלוס צו פאהרען קיין ווילנא און אריינגעטראטען אין דארטיגער ראבינער שול.

געקומען צוריק אהיים א גאנץ אנדער מענש, ווי ער איז אוועקגעפאהרען. ער האט שוין ניט מעהר אזוי פיעל געלערענט ווי פריהער, ווינציגער געגאנגען אין בית־המדרש און פלעגט גאנצע טעג זיצען פארשפארט אין זיין צימער, אריינגעטהאן אין לייענען זייטיגע ספרים. מאנכע טעג פלעגט ער ארומגעהן פארטראכטערהייט, פארזונקען אין געדאנקען, ניט דערצעהלענדיג קיינעם וואס איהם דריקט אויפ׳ן הארצען. צוליעב זיין משונה׳דיגער אויפפיהרונג זיינען איהם דער שווער און די שוויגער, אויך די ווייב ,דערגאנגען די יאהרען, ביז ער האט אמאל געפונען מוטה צו ענטפלעקען זיין פרוי דעם סוד, מיט וועלכען ער טראגט זיך ארום, צו פאהרען נאך ווילנא אנצוקומען אין ראבינער־שול און שפעטער צו שטודירען דאקטאר אדער אן אנדער פאך. די פרוי, אן אונוויסענדע קליינשטעדטעלדיגע ווייבעל, דאס דערהערענדיג, האט שיער ניט גע׳חלש׳ט, און זי צוזאמען מיט די עלטערן האבען איהם אנגעהויבען צו פייניגען, אז די שטוב איז פאר איהם געווארען אן איינפאכער גיהנום. נאך א שטארקען אינוועניגסטען קאמף איז ביי איהם געבליבען, אז כדי צו דערגרייכען זיין צוועק, מוז ער קודם־כל אפ׳גט׳ן זיין ווייב. ביי זיין שווער און שוויגער

האט ער דאס שוין כמעט געפועל'ט, דען איידער צו האבען אן איידעם א „בערלינטשיק", וואס זאל זיי פארשווארצען די אויגען, איז שוין כדאי'ער צו האבען א טאכטער א גרושה. דאגעגען האט זיך זיין פרוי איינגעעקשנ'ט, בשום אופן ניט צו נעהמען קיין גט, און עס האבען ניט געהאלפען קיין שום תחנונים און קיינע סטראשונקעס. פאר הארקאווי'ן איז קיין אנדער עצה ניט געבליבען ווי אפצוטהאן עפעס א גרויסע עבירה בפרהסיא, וואס זאל ארויסרופען אן עפענט־ליכען סקאנדאל, כדי די עלטערן זאלען קענען ווירקען אויף זייער טאכטער פטור צו ווערען פון אזא צרה.

נון, איז די פראגע, וואס פאר אן עבירה טהוט מען? קיין גרויסע הארבע עבירה האט ער ניט געהאט בכח צו טהאן. הארקאווי איז געווען פון דער נאטור א רעליגיעזער מענש, און אויך אין דער דא־זיגער שטורם־און־דראנג פעריאדע איז ער פארבליבען דער אייגענער פרומער יונגערמאן. וועגען די דאזיגע עבירה, וואס ער האט דא־מאלסט געטהאן, און וועלכע האט ענטשידען זיין גאנצע צוקונפט, געהען ארום פארשידענע וואריאציעס: אנדערע זאגען, אז ער האט אנגעהויבען צו עסען בגלוי־ראש און דוקא אין געגענווארט פון פרעמדע מענשען; אנדערע דערצעהלען, אז ער האט אמאל, שבת נאכ'ן טשאלענט, עפענטליך פאר אלעמען אין די אויגען, געגעסען א מיל־כיגען קיכעל. און דאס האט טאקע געווירקט. מען האט איהם תיכף אפגעג'גט און ארויסגעטריבען פון שטוב, איבערלאזענדיג ביי זיי זיין קליינע טאכטער, וועלכע ער האט אבער שפעטער גענומען צו זיך קיין פעטערבורג און פארבליבען ביי איהם ביז צו ענד פון זיין לעבען.

געקומען קיין ווילנא ארים און עלענד, האט ער פאר דער ערשטער צייט געליטען גרויס דחקות, אבער נאכדעם ווי ער איז באוואוסט געווארען פאר איינעם פון די פעהיגסטע און פלייסיגסטע תלמידים פון ראבינער־שול, האט ער באקומען א פאר שטונדען אין נגיד'ישע הייזער און אנגעהויבען צו לעבען מעשה־מענש. פאר איהם איז ווייניג געווען דער פראגראם פון ראבינער־שול מיט די קאזיאנע למודים, און האט פיעל געארבייט פאר זיך אויפ'ן געביט פון דער אידישער היס־טאריע. ער האט אנגעהויבען צו שרייבען אינטערעסאנטע מאנאגרא־פיעס און היסטארישע ארטיקלען אין רוסישע זשורנאלען ווי אויך אין פינ'ס „הכרמל", און געצויגען אויף זיך אויפמערקזאמקייט פון געלעהרטע, באמערקענדיג אז א נייער, ליכטיגער שטערן באווייזט זיך אויפ'ן ליטערארישען הימעל.

אין יאהר 1863 האט ער געענדיגט דאס ראבינער־שול, פארלאזען ווילנא און אוועק קיין פעטערבורג צו שטודירען היסטאריע און אריענ־

טאַלישע שפּראַכען, און איז שוין פארבליבען דאָרט איבער פינף־און־פופציג יאָהר, ביז צום סוף פון זיין לעבען.

נאָך זייענדיג אַ שטודענט אויף דער פּעטערבורגער אוניווערזי־טעט, האָט זיך שוין ביי איהם געהאַט ענטוויקעלט דער חוש פאַר געזעלשאַפטליכע ארבייט, און איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די אידישע שטודענטען אויף אַ נאַציאָנאַלען פּלאַטפאָרם; געהאַלטען פאַר זיי היסטאָרישע לעקציעס איבער די אגדות פון תלמוד. דאָס אַלץ האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו מאַכען אַ שנעלע קאַ־ריערע, און שוין אין יאָהר 1867, נאָך אַ פיער־יעהריגען שטודיום, האָט ער געענדיגט די אוניווערזיטעט מיט דער גרעסטער אויסצייכנונג און באַקומען דעם טיטעל „קאַנדידאַט“. אין אַ יאָהר אַרום האָט ער אָפּ־געגעבען אַ צווייטען עקזאַמען און שוין באַקומען דעם טיטעל „מאַ־גיסטער“; און אין אַ פאַר יאָהר שפּעטער האָט ער דערגרייכט צום ראַנג פון אַ „דאָקטאָר פון אָריענטאַלישער היסטאָריע“, וואָס נאָר גאַנץ־געצעהלטע מענשען אין רוסלאַנד האָבען דערגרייכט צום דאָ־זיגען הויכען טיטעל.

די רוסישע רעגירונג, אַנערקענענדיג זיין גרויסען ווערטה פאַר דער וויסענשאַפט, האָט איהם אויף איהרע הוצאות אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד זיך צו פאַרפאָלקאָמען אין סעמיטישע שפּראַכען, כדי צו קענען שפּעטער פאַרנעהמען אַ פּראָפעסאָר־שטעל אין רוסלאַנד. צו־ריקקומענדיג פון אויסלאַנד, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען דריי יאָהר אין בערלין און אין פּאַריז, איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר אין דער פּעטערבורגער אוניווערזיטעט. ער איז אָבער ניט לאַנג פאַרבליבען אויף זיין שטעלע און איז געצוואונגען געווען איינצורייכען זיין רעזיגנאַציע. אַלס אַ פאַרגיטיגונג האָט ער באַקומען די שטעל פון ביבליאָטעקאַר אין דער אָריענטאַלישער אָפּטיילונג פון דער גרויסער קייזערליכער ביבליאָטעק — אַ שטעלע וואָס ער האָט אָנ־געהאַלטען אַן ערך פופציג יאָהר.

די סבה, פאַרוואָס מען האָט איהם ניט געלאָזען ווייטער לייענען לעקציעס אין אָריענטאָלאָגיע, כאָטש ער איז שוין דאַמאָלסט געווען באַוואוסט פאַר איינעם פון די פאַסענדסטע און פעהיגסטע אויף דעם דאָזיגען געביט, איז אַנגענומען אַלס אַקסיאָם ביי זיינע ביאָגראַפען, אַז ער איז געווען אַ קרבן צוליעב זיין אידישקייט. מען זאָגט, אַז מען האָט איהם אויפגעפאָדערט זיך צו שמד׳ען, און ער האָט קאַטעגאָריש ענטזאָגט. מיר דאַכט זיך, אַז גערעכט איז ש. ל. ציטראָן, וועלכער באַ־שולדיגט אין זיין ספר „משומדים“ — דעם משומד כוואָלסאָן, אַז ער מיט זיינע מיאוס׳ע אינטריגעס האָט צושטערט האַרקאַווי׳ס קאַריערע אַלס פּראָפעסאָר, וויל אין די צייטען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען

איז אידישקייט ניט געווען קיין חסרון און אין די רוסישע אוניווער־זיטעטן האבן זיך טאקע געפונען מעהרערע אידישע פראפעסארן.

פראפעסאר כוואלסאן, וועלכער איז געווען הארקאווי׳ס א האלבער לאנדסמאן, ביידע באקומען דיזעלבע ערציהונג, ביידע האבן אלס רייפע ערוואקסענע מענשען פארלאזען דעם בית־המדרש און זייער פאמיליען־לעבען און זיך גענומען צו בילדונג, ביידע געהאט די עהנליכע פעהיגקייטען און געארבייט זייער גאנצען לעבען אויף׳ן געביט פון אריענטאלישע וויסענשאפט — האט קיינמאל ניט געקענט מוחל זיין הארקאווי׳ן, פארוואס ער האט איהם ניט נאכגעטהאן און זיך ניט גע׳שמד׳ט, האלטענדיג פון זיין איבערצייגונג, אז עס איז כדאי׳ער צו זיין אין פעטערבורג א פראפעסאר, ווי אין קארעליץ א מלמד... כוואלסאן האט שטענדיג אויסגענוצט זיין הויכע שטעלונג צו פארפאלגען האר־קאווי׳ן, וואו נאר ער האט געקענט. הארקאווי האט איהם באמת אויך שרעקליך פיינט געהאט, ער פלעגט זעלטען ווען אין א געשפרעך דערמאנען זיין נאמען, נאר שטענדיג זאגען דער „משומד“, און מען האט שוין געוואוסט וועמען ער מיינט און איז שטארק בייז געווען אויף די פראווינציעלע רבנים, וועלכע פלעגען קריכען צו כוואלסאנ׳ען קומענדיג קיין פעטערבורג.

די שנאה צווישען די ביידע האט זיך נאך מעהר פארשטארקט, נאכדעם ווי הארקאווי האט אויפגעדעקט די פעלשונגען פון דעם קא־ראאים פירקאוויץ, פאר וועמען כוואלסאן האט געהאלטען שטאל און אייזען. אט דער דאזיגער פירקאוויץ האט אין זיין צייט אויפגע־שטורעמט אלע חוקרי קדמוניות דורך זיינע אינטערעסאנטע אויס־גראבונגען און ענטדעקונגען פון אלטע מצבות און האנדשריפטען, וואס ער האט געמאכט אין קרים און אין קאווקאז, וועלכע האבן באוויזען, אז די קאראאימען האבן שוין דארטען געוואוינט פון אלטע צייטען. די געלערנטע וועלט האט זיך זעהר שטארק פאראינטערעסירט מיט די דאזיגע ענטדעקונגען, און ניט בלויז די גוי׳אישע געלעהרטע האבן געהאט דאס פולע צוטרויען צו פירקאוויץ׳ן, נאר אויך די אידישע, ווי א שטייגער: שמחה פינסקער, גרעץ און פיעלע אנדערע, און אויף דעם דאזיגען יסוד איז געשאפען געווארען א גאנצע היסטארישע ליטעראטור. אויף כוואלסאנ׳ס רעקאמענדאציע האט די פעטערבורגער קייזערליכע ביבליאטעק אפגעקויפט פון פירקאוויץ׳ן זיין גאנצע קאלעק־ציע און איהם באצאהלט דערפאר א ריזיגע סומע געלד. א חוץ דעם האט דער גאנצער טאראם אויפגעהויבען דעם פרעסטיזש פון די קאראאימער, און בפרט די קאראאימישע באפעלקערונג פון דער קרימער האלב־אינזעל, וועלכע האבן דורכדעם אנגעהויבען צו פרעטענדירען

ביי דער רוסישער רעגירונג אויף באזונדערע רעכטע און פריווילעגיעס, וואס עס קומט זיי אלס אור־באוואוינער פון קרים.

דארף זיך גראד מאכען, אז הארקאווי האט דעמאלסט אונטער־נומען א וויסענשאפטליכע רייזע קיין קרים, און זובענדיג און גריב־לענדיג האט ער אויסגעפונען, אז כמעט אלע פירקאוויץ'ס מצבות־אויפשריפטען און מאנוסקריפטען, זיינען פון אנהויב ביז'ן סוף פאל־סיפיצירט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט גענומען נעמען פון גדולים, און רופט זיי „חכמי קראים", וועלכע האבען גאר קיינמאל ניט עקזיסטירט; אז פיעלע פון די מלומדים און גרויסע משוררים, וואס פירקאוויץ האלט זיי פאר קאראאימען, זיינען זיי גאר באמת געווען אידען, און אויפגעוויזען, אז דוקא די אידען זיינען געווען די אור־באוואוינער פון קרים נאך בעפאר די קאראאימען האבען זיך דארטען באזעצט. מיט דער הילף פון דעם דייטשען געלעהרטען, פראפעסאר הערמאן שטראק, האט הארקאווי זיין גאנצען מאטעריאל פארעפענטליכט אין פארשידענע שפראכען און געבראכט דערמיט א גאנצע מהפכה אין דער געלעהרטער וועלט. אלע גרויסע געלעהרטע, וועלכע האבען זיך געלאזט פארפיהרען פון דעם קאראאימישען שאר־לאטאן, האבען זיך געשעמט די אויגען צו ווייזען. באזונדערס איז שווער געווען דער קלאפ פאר כוואלסאנ'ען, וועלכער האט אויסגע־בראכט א גרויסע סומע מלוכה־געלד פאר די דאזיגע פאלסיפיקאציעס, און זיין רעפוטאציע האט דאדורך שטארק געליטען.

הארקאווי'ן איז איבערהויפט באשערט געווען כל ימיו צו ליידען פון משומדים. אין די אינגערע יאהרען האט ער געליטען פון נאך אן ערגערען משומד, פון באוואוסטען מסור בראפמאן, דער מחבר פונ'ם אנטיסעמיטישען בוך „קניגא קאהאלא", וועלכער איז פול מיט מסירות און שקרים וועגען דאס אידישע „קהל". בראפמאן איז געווען אנגעשטעלט ביים ווילנער גענעראל־גובערנאטאר אלס למדן און מומחה אין אידישע ענינים, אבער אזוי ווי ער איז געווען א גרויסער עם־הארץ און שטענדיג נויטיג געהאט ווער עס זאל איהם איבערזעצען פון העברעאיש אויף רוסיש, האט ער זיך געווענדעט צו הארקאווי'ן, וועל־כער איז דעמאלט געווען א הונגעריגער שטודענט פון ווילנער ראבי־נער־שול, אז ער זאל ביי איהם ארבייטען אלס איבערזעצער און איהם געוואלט גוט באצאהלען דערפאר. הארקאווי, קענענדיג דעם דא־זיגען תכשיט, האט ניט געוואלט הערען פון איהם, כאטש ער האט זיך דאמאלסט געפונען אין א שרעקליך גרויסער נויט. בראפמאנען האט דאס זעהר פארדראסען און ער האט אנגעהויבען צו רודפ'ן האר־קאווי'ן אויף שריט און טריט. עס האט געהאלטען דערביי, אז צו־ליעב זיינע רדיפות האט דער קריסטליכער דירעקטאר פון דער ראבי־

נער־שול געוואלט אפנעהמען פון הארקאווי׳ן זיין ארימע חודש־פענסיע. שפעטער, בעת די רעגירונג האט באשלאסען צו שיקען הארקאווי׳ן אויף איהרע הוצאות אין אויסלאנד, האט דער דאזיגער לומפ אנגע־ווענדעט אלע כחות דאס ניט צו דערלאזען, וואס ער האט אבער ניט געהאט בכח דאס דורכצופיהרען.

אין מעהרערע יאהר ארום, בעת הארקאווי האט שוין געהאט א גרויסען נאמען אין דער וועלט און פארנומען א בכבוד׳ע שטעלע ביי דער רעגירונג אלס ביבליאטעקאר, איז איהם אויסגעקומען זיך גוט אפצורעכענען מיט׳ן צורר בראפמאן, און איהם ארויסשטעלען פאר דער עפענטליכקייט אין זיין ריכטיגע געשטאלט — אלס נאר און עם־הארץ, פאראורזאכט, אז בראפמאן זאל אראפ פון דער סצענע, און אז זיינע פריינד און באשיצער זאלען זיך אפטרייסלען פון איהם. גע־בראכט דערצו האט דער פאלגענדער שפאס: אין א געוויסען טאג איז בראפמאן אריינגעקומען אין דער ביבליאטעק און געבעטען הארקאווי׳ן ער זאל איהם זאגען, וואס זיינען דאס פאר א ספרים מיט׳ן נאמען „איביד״, „איבידעם״, וועלכע געוועהנליך אלע מחברים ציטירען זיי ביי יעדער געלעגענהייט. (באמת זיינען דאס גארניט קיין נעמען פון „ספרים״, נאר פשוט׳ע לאטיינישע ווערטער, מיט וועלכע מחברים באנוצען זיך אין זייערע הערות, ווען זיי האבען פריהער ציטירט). הארקאווי האט זיך געמאכט גאנץ תמ׳עוואטע און געהייסען בראפ־מאנ׳ען אויפשרייבען די נעמען פון די ביידע „ספרים״ אויף א ביבליאטעק־קארטעל מיט זיין אונטערשריפט, ווי דער שטייגער איז, און די דאזיגע קארטעל האט הארקאווי שפעטער פארעפענטליכט אין דער פרעסע, צו צייגען דערמיט די געוואלדיגע עם־הארצות פון דעם דאזיגען „מלומד״, וועלכער האט זיך פארמאסטען צו זיין א בר־סמכא אין ליטעראטור. פעטערבורג האט דאן געקלונגען פון דעם דאזיגען שפאס, און בראפמאן האט געכאפט המנ׳ס מפלה.

דער מאמר חז״ל „תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מיושבת עליהן״ איז אינגאנצען מקוים געווארען אויף דר. הארקאווי. וואס עלטער ער איז געווארען, אלץ מעהר גייסטרייך און מעהר פראדוקטיוו איז ער געווען. כמעט אין אלע אייראפעאישע זשורנאלען און יאהר־ביכער פאר ליטעראטור און וויסענשאפט איז ער געווען א מיטאר־בייטער. זיין נאמען אלס גרויסער געלעהרטער איז געווארען אלץ מעהר און מעהר באקאנט און די גרעסטע וועלט־געזעלשאפטען פאר ארכעאלאגיע און אריענטאלישע פארשונגען האבען איהם אויפגענומען פאר זייערען א מיטגליעד. פון מעהרערע מלוכות האט ער באקומען ארדענס און מעדאלען, אונטער אנדערע אויך פון דער רוסישער מלוכה,

וועלכע איז ניט געווען שטארק פארשווענדעריש אין געבען אידען מעדאלען, העכסטענס צו די רייכע אידען, וועלכע פלעגען ספענדען ריעזיגע נדבות פאר די מלוכה־אנשטאלטען און פאר פאטריאטישע צוועקען.

אין יאהר 1889 האט ער באקומען פון דער שפאנישער מלוכה דעם „איזאבעלא־ארדען" פאר וויכטיגע ליטעראַרישע ארבייט בנוגע שפאניען. אויפ'ן פאטענט פון ארדען האט גע'חתמ'עט די שפאנישע קעניגין קריסטינע, וועלכע האט דאמאלסט רעגירט אין נאמען פון איהר יונגען זוהן, דער איצטיגער שפאנישער מלך אלפאנזא דער דריי־צעהנטער. כמעט אלע צייטונגען האבען זיך אפגעשטעלט אויף דער דאזיגער היסטארישער מערקווירדיגקייט און דערביי באמערקט, אז די מלכה איזאבעלא, וועלכע האט פיינט געהאט אידען שנאת מות און מיט דער גרעסטער אכזריות זיי ארויסגעטריבען פון לאנד, האט זיך בשום אופן ניט געקענט פארשטעלען, אז דער ארדען, וועלכען זי אליין האט געשטיפטעט, געוועהנליך נאר פאר גוטע און פרומע קריסטען, זאל אין פיר הונדערט יאהר ארום אן אנדערע שפאנישע קעניגין דערמיט דעקארירען א אידען, און דוקא א פרומען און געטרייען אידען...

באזונדערס פראדוקטיוו איז הארקאווי געווען אין די אכציגער יאהרען. א דאנק איהם האט צוריק אויפגעלעבט די וועלט־חברה „מקיצי נרדמים", ארויסצוגעבען די וויכטיגע מאנוסקריפטען פון די אלטע אידישע פילאזאפען און דיכטער, וועלכע געפינען זיך צוזייעט און צושפרייט אין פארשידענע ביבליאטעקען. זיינע מיט־ארבייטער זיינען געווען: מתתיהו שטראשון, באראן דוד גינצבורג, פראפעסאר דערנבורג, דר. בערלינער און נאך געלעהרטע, יעדער אין זיין מקצוע. די וויכטיגסטע ארבייט איז אבער דאך געווען זיינע, און דאס איז די אויסגאבע פון די „תשובות הגאונים" פון דעם איינ־ציגען כתב־יד וואס האט זיך געפונען אין רוסישען קייזערליכען ביב־ליאטעק. די דאזיגע אויסגאבע מיט זיינע וויסענשאפטליכע און לומדי־שע אנמערקונגען, האט אין זיין צייט אויפגעשטורעמט די אידישע גע־לעהרטע וועלט. די רבנים האבען געפונען אין די ביז־איצט אונבא־קאנטע תשובות פון די ערשטע גאונים, זעהר פיעל חדושים, וועלכע האבען געמאכט אין מאנכע פרטים אן איבערקעהרעניש אין אייניגע אנגענומענע הלכות; די געלעהרטע אין חכמת ישראל האבען געפונען אוצרות פון נייע חקירות אין די מאטעריאלען, וועלכע שפיגלען זיך אפ אין די תשובות, וואס דורכדעם זיינען זיי באקאנט געווארען מיט'ן גייסטיגען און מאטעריעלען לעבען פון יענער אונבאוואוסטער תקופה.

ווי געוואלדיג גרויס זיין פראדוקטיוויטעט איז געווען, קען מען זעהן פון ספר „זכרון לאברהם אליהו", וואס האבען ארויסגעגעבען זיינע תלמידים באראן דוד גינצבורג און יצחק דוב מארקאן צו זיין זיבעציג יעהריגען יובילעאום, אין יאהר תרס"ו. דער באוואוסטער ביבלי־אגראף דוד מגיד צוזאמען מיט דר. פאזנאנסקי, האבען צוזאמענגעשטעלט א רשימה פון אלע ספרים און גרעסערע מאמרים אין חכמת ישראל, וואס הארקאווי האט אנגעשריבען ביז צו יענער צייט, און עס קומט ארויס, אז אין דער העברעאישער שפראך האט ער אנגעשריבען אזעל־כע 148, אין דער רוסישער שפראך 140, אין דייטש 86, אין פראנצויזיש 11 און אין ענגליש 7. א גרויסער קרעדיט קומט הארקאווי'ן, וואס ער האט די מייסטע און בעסטע פון זיינע ליטעראַרישע ארבייטען אנגעשריבען אויף העברעאיש, און דערצו נאך אין א לייכטען פאפו־לערען סגנון, ניט קוקענדיג אויף די אנדערע אידישע געלעהרטע אין מערב־אייראפא, וועלכע האבען געשריבען זייערע ווערק, מיט גאנץ קליינע אויסנאהמען, אין זייערע לאנדעס־שפראכען.

דר. הארקאווי, וועלכער האט כמעט זיין גאנצען לעבען אפגע־לעבט אין פעטערבורג און געזעהן מיט זיינע אויגען די אידישע צרות און רדיפות, דורכדעם וואס זיי ווערען באטראכט פון דער רעגירונג און פון פאלק, פאר א פרעמדען עלעמענט — האט ער שטענדיג גע־זוכט צו באווייזען מיט היסטארישע פאקטען, אז אידען געהערען צו די אורבאוואהנער פון רוסלאנד, און אז פון אלטע צייטען אן האבען זיי שוין געלעבט צוזאמען מיט די סלאווען און שטענדיג אויפ'ן בעסטען און פריינדליכסטען אופן, ובכן — פארדינען זיי גלייכבארעכ־טיגונג. און דאס איז טאקע געווען דער טענדענץ פון זיין באריהמטען ספר „היהודים ושפת הסלאווים", פאר וועלכען ער האט באקומען דעם טיטעל „מאגיסטער". ער באקעמפט אין דאזיגען ספר די אנגענומענע מיינונג פון פיעל היסטאריקער, אז די ערשטע אידען וואס זיינען געקומען אין דרום־רוסלאנד שטאמען פון דייטשלאנד. מיט היסטא־רישע פאקטען באווייזט ער זייער טעות, און שטעלט פעסט, אז די אידען האבען זיך דארט שוין באזעצט מיט אן ערך 1200 יאהר צוריק, קומענדיג אהין פון די גריכישע מדינות, וואו זיי האבען זיך דארטען אויפגעהאלטען פון אלטע צייטען ביי די ברעגעס פון שווארצען ים. אנדערע זיינען דארטען געקומען נאך פריהער, פון פרס, מדי און בבל און געמאכט זייער וועג איבער די קאווקאזער בערג. זייער שפראך איז געווען אין דער ערשטער צייט סלאוויש, די שפראך פון זייערע שכנים, און ערשט אין מעהרערע יאהרהונדערטע ארום, אין פינסטערן מיטעל־אלטער, בעת עס האבען זיך אנגעהויבען די גרויסע גירוש'ן פון דייטשלאנד, און א מאסע אויסוואנדערער האבען זיך א שפאר

געטהאן אין דרום־רוסלאנד, האבען די נייע אידען מיט זייער העכערער קולטור און מיט זייער מיטגעבראכטער דייטשער שפראך, פארדרענגט די סלאווישע שפראך, וואס די שפורען פון דער דאזיגער שפראך גע־פינען זיך נאך היינט אין זייער אידיש־דייטשען זשארגאן.

הארקאווי האט זיך כל ימיו געפיהרט ווי אן אמת׳ער תלמיד־חכם, געלערענט תורה לשמה און איהר ניט געמאכט פאר א קרדום לחפור בה. ער האט אנגעשריבען הונדערטער ארטיקלען אין זשורנאלען און יאהרביכער, און זיך ניט געלאזען דערפאר באצאהלען. אויך האט ער מעהרערע יאהר געארבייט אומזיסט אין דער חברה „מפיצי השכלה" אלס מזכיר, א פאסטען וואס זיין נאכפאלגער, דער משורר יהודה ליב גארדאן, האט דערפאר באקומען גוט באצאהלט. אפילו בעת ער איז נאך געווען אן ארימער שטודענט און פלעגט לייענען לעקציעס איבער אידישער היסטאריע, פלעגט ער די גאנצע הכנסה אפגעבען פאר ארימע שטודענטען און אויף אנדערע צדקות.

דר. הארקאווי, מיט זיין מוסטערהאפטער הנהגה, איז געווען דער אמת׳ער טיפ פון אן אדם העליון. זיינע עניוות איז געווען אן אויפ־ריכטיגע, קיינמאל ניט געזוכט קיין געלד און ניט קיין כבוד און מיט זיין אויסגעהאלטענער פרומקייט האט ער ניט איינמאל מקדש השם ברבים געווען. זיין הויז איז כמעט געווען די איינציגע אידישע כשר׳ע הויז צווישען די אלע גרויסע געלעהרטע אין פעטערבורג, און ער פלעגט אין קיין פרעמדע הויז ניט עסען, וואו ער האט ניט געוואוסט, אז עס פיהרט זיך שטרענג כשר, סיידען מען האט איהם צוגעגרייט אזעל־כע מאכלים, וועלכע מען מעג עסען. אויך אין די גוי׳אישע קרייזען, וואו ער פלעגט פארקעהרען, האט מען אויך געוואוסט, אז הארקאווי עסט נור כשר. בעת ער איז אמאל געווען אלס גאסט — אויף איינער פון זיינע וויסענשאפטליכע נסיעות אין קאווקאז — ביים נאמעסטניק פירשט קאראסיק־רורדוקאוו, אין טיפלים, האט דער פירשט באשטעלט ביי א טיפליסער שוחט צוצובערענגען כשר׳ע עסען פאר הארקאווי, פאר דער צייט, וואס ער האט זיך אויפגעהאלטען ביי איהם, א זאך וואס האט דאמאלסט ארויסגערופען א גרויסען קדוש־השם ביי די טיפליסער אידען.

ער איז אויך געווען א שטרענגער שומר שבת, און אין די צעהנדלי־גער יאהרען וואס ער איז געווען גבאי אין דער גרויסער שוהל, האט ער כמעט ניט דורכגעלאזען א שבת, אין וועלכען ער איז ניט געקומען צום דאווענען, כאטש ער האט געוואוינט ווייט פון שוהל און איז שטענדיג געגאנגען צופוס. נאך זייענדיג א שטודענט איז ער שוין באוואוסט געווען ביי זיינע חברים און ביי די פראפעסארען, אז ער עסט ניט קיינע מאכלות אסורות — א זעהר זעלטענע זאך אין יענער

צייט, ווען צווישען דער אידישער שטודירענדער יוגענד האט איהר געקענט געפינען אלץ וואס איהר ווילט: ראדיקאליזם, אנארכיזם, ניהיליזם, אבער נאר ניט אידישקייט, און א פשוטא שוין פרומקייט...

בעת הארקאווי האט געענדיגט זיין שטודיום אין דער פעטערבורגער אוניווערזיטעט און באקומען א גאלדענעם מעדאל פאר אויסצייכענונג, האט דער בילדונגס-מיניסטער — לויט דער אלטער רוסישער טראדיציע — איהם איינגעלאדען צוזאמען מיט די אנדערע שטודענטען, וועלכע האבען באקומען אויסצייכנונגען, צו אן עהרען־דינער אין זיין הויז. איידער מען האט זיך געזעצט צום טיש, האט הארקאווי אויפמערקזאם געמאכט דעם געהילפס־מיניסטער דעליאנאוו, אז לויט'ן אידישען דין וועט ער ניט קענען עסען פון געוויסע מאכלים וואס מען וועט דערלאנגען צום טיש. דעליאנאוו, דער שפעטערדיגער בילדונגס־מיניסטער, א זעהר ליבעראלער מענש, האט אוועקגעזעצט הארקאווי'ן נעבען זיך, און ביי יעדען מאכל וואס מען האט דערלאנגט צום טיש פלעגט דעליאנאוו נאכפרעגען ביי די משרתים ,פון וואס דער מאכל איז צוגעגרייט, דאמיט הארקאווי זאל וויסען אויב ער מעג דאס עסען אדער ניט. דער מיניסטער האט דאס באמערקט, און נאכ'ן עסען האט ער געפרעגט דעליאנאוו'ן צוליעב וואס ער האט זיך ערקונדיגט ווי יעדער געריכט ווערט געמאכט. נאכדעם ווי דער מיניסטער האט זיך דערוואוסט פון דער אורזאך, האט ער צוגערופען הארקאווי'ן און מיט א שמייכעלדיגע מינע איהם געזאגט, אז דער אויבערפראקוראר פון היילינען סינאד (דער אייגענער בילדונגס־מיניסטער איז צוגלייך געווען דער פראקוראר פון סינאד, ד. ה., דער מיניסטער איבער אמונה־ענינים) געפינט פאר נויטיג צו פארקלאגען הארקאווי'ן פאר'ן בילדונגס־מיניסטער, פאר דער באליידיגונג, אויסצובראקירען זיינע גוטע געשמאקע מאכלים. דאראויף האט איהם הארקאווי געענטפערט: „אדרבא, ווען איך וואלט יא געגעסען אלץ וואס מיין אמונה ערלויבט מיר ניט, וואלט מיר דאמאלסט דער בילדונגס־מיניסטער געקענט פארקלאגען פאר'ן אויבער־פראקוראר, הלמאי איך פארשוועך מיין אמונה". דעם מיניסטער איז דער ענטפער זעהר געפעלען געווען און הארקאווי איז ביי איהם געווארען א גרויסער תקיף.

אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז איהם זעהר שלעכט געגאנגען, און בעת איך האב איהם געזעהן אין יאהר 1915 איז שוין מעהר קיין שפור ניט געווען פון דעם אמאליגען, שטענדיג לעבהאפטען און באוועגליכען הארקאווי. די מלחמה האט איהם אינגאנצען צוזאמענגעבראכען. אפגעשניטען פון דער וועלט, אפגעריסען פון זיינע חברים — די גרויסע אייראפעאישע געלעהרטע — מיט וועמען ער האט נאכאנאנד געפיהרט א קארעספאנדענץ; דערצו נאך די שרעקליכע אידישע צרות אין רוסלאנד בעת דער מלחמה; די גרויזאמע רדיפות

פון דער ממשלה; די מערדערישע בלבולים פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע — אט דאס אלץ האט געווירקט, אז זיין פראָדוקטיווער, וויסענ־שאַפטליכער קוואַל האט אנגעהויבן אויסצוטריקענען און דאס לעבען איז איהם נמאס געוואָרען. א חוץ דעם האט ער די לעצטע יאהרען שטארק געליטען פון רומאַטיזם, און וואַכענלאַנג האט ער ניט געקענט אַרויסגעהן פון שטוב, אַז אויך אין דער קייזערליכער ביבליאָטעק, וואו ער איז געווען בעאַמטער פון צעהנדליגער יאהרען, האט ער זעל־טען געקענט קומען.

אין די עטליכע גליקליכע חדשים פון קערענסקי׳ס ממשלה, האט האַרקאַווי פאַר אַ קורצער צייט באַקומען ווידער אַן אינטערעס פאַר׳ן לעבען. בעת עס איז דאַמאָלסט געגרינדעט געוואָרען די אָרגאַניזאַ־ציע „נצח ישראל", צו אָרגאַניזירען דאס אָרטאָדאָקסישע יודענטום אין רוסלאַנד, האט ער זיך מיט גרויס צופרידענהייט דערצו אַנגעשלאָסען, געגעבען זיין חתימה אויפ׳ן „קול־קורא" און צוגעזאָגט צו אַרבייטען, אויף ווי ווייט זיינע כחות וועלען איהם ערלויבען. לײדער האָבען די האָניג־חדשים, נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, ניט לאַנג אַנגעהאַלטען. עס זיינען געקומען די באָלשעוויקעס און געמאַכט אַ תל צו אַלע זיסע חלומות. צוזאַמען מיט דער גאַנצער רוסישער אינטעליגענציע האט האַרקאַווי שטאַרק געליטען פון די באָלשעוויס־טישע פּאַראַנדקעס און געבאַפּט ביסלאַכווייז אונטערהונגערן. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אויף אַזוי ווייט געדריקט, אַז ער האט געמוזט פאַרקויפען אַ טהייל פון זיין רייכער ביבליאָטעק, וואָס ער האט געהאַט אין זיין צוואה אָפּגעשריבען פאַר דער חברה „מפיצי השכלה", אום צו קענען מאַכען אַ לעבען.

דעם לעצטען מאָל האָבען מיר זיך געזעהן דעם ערשטען טאָג סכות פון יאהר תרע״ח, בעפאָר מיין אָפּפאָהרען פון פּעטערבורג, אין דער קהל׳שער סוכה ביי דער גרויסער קאָהרשוהל. אַזוי ווי ער פלעגט ניט פאָהרען אום יום־טוב, איז ער געגאַנגען צופוס, אַזש פון זיין וואוינונג, אין די ראָטעס, ביז צו דער אָפּיצערסקער גאַס, אַ מהלך פון אַ פּאָר ענגלישע מייל, כדי צו קענען כאָטש איינמאָל מאַכען קידוש אין סוכה. מיר איז אויסגעקומען צו זיצען נעבען איהם. ער איז גראָד געווען זעהר גוט אויפגעלעגט און באַקומען צו הערען פון איהם איינינגע גייסטרייכע באַמערקונגען. איך ערמאָנער מיך איינע פון זיינע ווערטלאַך אַז ער פאַרשטעהט ניט די תפלה וואָס מיר בעטען, צו האָבען די זכיה צו זיצען אין דער סוכה פון „עורו של לויתן", דאַכט זיך נאָכ׳ן דין איז דאָס גאָר אַ פּסול׳ע סוכה...

האַרקאַווי איז געשטאָרבען אין מאַרטש, 1919, אין עלטער פון פיער־און־אכציג יאָהר.

# דוד פיינבערג

געבארען אין קאוונא תר"א, געשטארבען אין פעטערבורג ניסן תרע"ו.

דוד פיינבערג, דער פאטער פון דער אידישער עמיגראציע, איז געווען, פאר א משך פון איבער דרייסיג יאהר צייט ,איינער פון די פאפולערסטע אידען אין רוסלאנד. אלס לאנגיעהריגער פארטרעטער פון באראן הירש און פון דער יק"א אין פאריז, האט ער זעהר פיעל געלייסטעט ביים גרינדען דעם ארגענטינער ישוב און ביים רעגולירען די עמיגראציע נאך אמעריקא, און זייענדיג יאהרענלאנג די רעכטע האנט פון באראן גינצבורג אין כלל-ענינים, איז כמעט ניט געטהאן געווארען קיין כלל-ארבייט אין רוסישען יודענטום אהן פיינבערג'ס מיטהילף.

מיין ערשטען צוזאמענטרעפען מיט פיינבערג'ן איז געווען אין יאהר 1894, בעת ער האט אפגעשיקט דורך ליבויער פארט די ערשטע פארטיע עמיגראנטען קיין ארגענטינא. ער האט צוואר צוגעצויגען איינגע פון די ליבויער כלל-טהוער איהם צו העלפען באזארגען אלע נויטיגע הצטרכות פאר די עטליכע הונדערט עמיגראנטען, וואס האבען באדארפט פארבלייבען א פאר וואכען אין ליבוי, אבער באמת האט ער אליין אלץ געטהאן פאר דער גאנצער צייט וואס די דאזיגע ערשטע חלוצים, וועלכע געהען גרינדען א אידישען ישוב אין ארגענטינא, האבען זיך אויפגעהאלטען, ווארטענדיג אויף זייער שיף. ער איז ממש פון זיי ניט אפגעטראטען, יעדען געקענט מיט זיין נאמען און פון גרוים ליעבשאפט פלעגען די עמיגראנטען איהם רופען אונזער דוד המלך. ביים געזעגענען זיך מיט זיי בעפאר די שיף איז אפגעגאנגען, האט ער זיך מיט אלעמען, פון גרוים ביז קליין, צוקושט און געהאלטען פאר זיי א ריהרענדע אבשידס-רעדע. איך דערמאן מיך אן מאנכע שטעלען פון דער דאזיגער וואונדערבארער דרשה, וואס האט אויף מיר געמאכט א שטארקען רושם, און וואס איך געפין פאר אינטערעסאנט דא איבערצוגעבען. ערקלעהרענדיג די עמיגראנטען דעם וויכטיגען היסטארישען מאמענט פון זייער רייזע, אז זיי פאהרען שאפען א געזיכערטע היים פאר הונדערטער טויזענדער פארפאלגטע אידען (אזוי ווי אלע האבען דאמאלסט בטעות געמיינט) ובכן זאלען זיי וויסען, קומענדיג אהין, צו האלטען טהייער די הייליגע מיסיע וואס

די השגחה העליונה האט זיי אנגעטרויט. ער האט זיי דערמאנט די ווערטער וואס משה האט אנגעזאגט די אידען, אז אריינקומענדיג אין דער נייער סביבה זאלען זיי ניט זוכען נאכצוטהאן די שלעכטע און פארדארבענע מעשים פון די דארטיגע איינוואוינער. אמת, משה׳ס רייד האבען וועניג־וואס געהאלפען און די דאמאלסטיגע אידען, באלד ווי זיי זיינען אריין אין כנען האבען זיי פארגעסען משה׳ס הייליגע ווער־טער, זיך פארמישט מיט די שכנים און אנגענומען די קולטור פון דער סביבה. די סיבה דערפון איז געווען פשוט, ווייל זייער גאנצע תורה און זייער גאנצע אידישקייט איז באשטאנען פון צוויי טאוולען. היינט אבער, ליעבע ברידער, פיהרט איהר אהין אריבער דריי הונדערט פוד ספרים, אייניגע הונדערט פאר תפילין און איבער טויזענד מזוזות, און דעריבער האף איך, אז איך, קליינער מענשעל, וועל האבען מעהר ערפאלג ווי אונזער גרויסער משה. די דאזיגע הארציגע ווערטער האט זיי אלעמען גערירט און האבען הייליג פארשפראכען דאס אייביג צו געדענקען.

אין יאהר 1898 האט ער געגרינדעט אין ליבוי אן אפטיילונג פון דער יק״א און פלעגט ביי יעדען גרעסערען עמיגראנטען טראנספארט פערזענליך קומען, וואו איך האב אפט געהאט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען פון זיין אידיש ווארם הארץ און פון זיין איבער־געבענהייט מיט לייב און לעבען צו די עלענדע אידישע אויסוואנדע־רער. איבערהויפט איז ער געווען א ריהרעוודיגער, באוועגליכער און ענערגישער מענש. ער האט פארבראכט דאס רוב פון זיין לעבען אויף נסיעות; ביי איהם איז געווען אריבערצופאהרען פון פעטער־בורג קיין פאריז, און פון דארטען קיין ארגענטינא גאר א קליינינקייט, כאטש זייענדיג פון דער נאטור א שוואכער מענש. נאך אין יאהר 1915, זייענדיג שוין א זקן פון 74 יאהר, האט ער נאך אונטערנומען א רייזע קיין אמעריקא צוזאמען מיט מר. ש. יאנאווסקי, דער סעק־רעטער פון יק״א. ער האט דאמאלסט באזוכט ניו יארק און נאך אנדערע שטעדט, און אומעטום אפגעהאלטען קאנפערענצען, מיט דעם צוועק, אז מען זאל רעגיסטרירען די נעמען פון די פאמיליעס, וועלכע די מלחמה האט פאנאנדערגעטהיילט; אויך צוצוגרייטען אן אויסגעאר־בייטען פלאן ווי צו רעגולירען די עמיגראציע, וואס וועט א שפאר טהאן בעת די מלחמה וועט זיך ענדיגען. אט די דאזיגע נסיעה, וואס האט געדויערט אכט חדשים, און צוליעב די מלחמה־אומשטענדען — א שווערע און סכנות׳דיגע — האט איהם שטארק אנגעגריפען און קומענ־דיג צוריק אין פעטערבורג איז ער וואכען לאנג געלעגען צום בעט, אז דעם באריכט פון דער רייזע האט ער אונז, די מיטגלידער פון דער יק״א, איבערגעגעבען ליגענדיג אין בעט.

זייענדיג פון דער נאַטור אַ דעמאָקראַט און אַ פאָלקס־מענש, האָט ער שטענדיג געהאַט צו פיהרען אַ קאַמפּף מיט'ן ביוראָקראַטיזם וואָס האָט געהערשט אין דער אויבערשטער לייטונג פון דער יק"א, סיי אין פּאַריז און סיי אין פּעטערבורג. מעהר ווי אַ יאָהר האָט איהם גע־דויערט צו פּועל'ן ביי די פאַרשטעהער אין פּאַריז, אַז זיי זאָלען ער־לויבען אַ צוזאַמענפאָהר פון די אַלע יק"א באַפאָלמעכטיגטע פון גאַנץ רוסלאַנד. אין דער אידישער פּרעסע האָט דאַמאָלסט געהערשט אַ שטאַרקע באַוועגונג געגען דער יק"א. פון אַלע זייטען זיינען געקו־מען פּראָטעסטען פאַר וואָס זי באַהאַלט זיך פון דער עפענטליכקייט, אָבער אין פּאַריז האָבען זיי זיך וועניג־וואָס מיט דער עפענטליכער מיינונג גערעכענט. נאָר אַ דאַנק פיינבערג'ס גרויסען איינפלוס און שאַרפען פאַרשטאַנד, האָט סוף־כל־סוף די „רייכע מומע" מוחל געווען אויף איהר כבוד און מסכים געווען זיך צוצוהערען צו דער מיינונג פון די אָרימע קרובים, און דער קאָנפערענץ איז צוזאַמענגעקומען אין ליבוי, אין יאָהר 1910.

דער דאָזיגער קאָנפערענץ, מיט פיינבערג'ן אַלס הויפּט־פיגור, וועל־כער האָט אָנגעהאַלטען אַכט טעג און געאַרבייט אונטער זעהר שווערע באַדינגונגען, האָט פּיעל ממשות'דיגע אַרבייט גע־לייסטעט; פאַרענטפערט די שווערסטע פראַגען און אַוועקגעשטעלט אַ דיסציפּלינירטע עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציע פאַר גאַנץ רוסלאַנד און פּוילען, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

דאָס צוזאַמענקומען פון איבער הונדערט דעלעגאַטען אין אַ שטאָדט ווי ליבוי, וואָס געהערט ניט צום תחום־המושב, איז ניט גאַנץ לייכט אָנגעקומען. קודם כל האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה „פּראַ־וואַזשיטעלסטוואָ", און אַז מען האָט דאָס שוין אויסגע־פּועל'ט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ חקירה ודרישה פון דער פּאָליציי מכח „בלאַגאַ־נאַדראַזשנאַסט" פון יעדען איינצעלנעם דעלעגאַט. נאָר די שווערסטע גזירה איז געווען, וואָס ביי די זיצונגען האָט נעדאַרפט בייוואוינען אַ פאַרטרעטער פון דער פּאָליציי. חוץ דעם האָט דער מיניסטער סטאָלי־פּין נאָך עקסטרא אָפּגעדעלעגירט אַ מענשען, דעם באַוואוסטען דר. קרעפּס, אַז אויג צו האַלטען אויף די דעלעגאַטען, און איהם געבען אַ טעגליכען באַריכט פון די רעדעס און פון דער אַרבייט. דען די רעגירונג האָט פאַר יענער צייט חושד געווען יעדען צוזאַמענפאָר אין אויפהעצע־ריי געגען דער הערשענדער מאַכט. אידען אָבער גיבען זיך אַן עצה. אויף דער ערשטער זיצונג האָט מען באַשטימט, אַז טעגליך זאָל נאָר איין־איינ־ציגע זיצונג אָפּגעהאַלטען ווערען און דאָס די זיצונג זאָל נאָר איין שעה דויערען. און אַזוי פּלעגט מען זיך צוזאַמענקלויבען אויף אַ שעה

יעדען טאג אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי, גערעדט נאר אויף רוסיש, געהאלטען שיטערע רעדעס און באהאנדעלט גאנץ אומ־באדייטענדע פראגען. דער אמת׳ער צוזאמענפאהר איז אבער אפגע־האלטען געווארען אין פריוואטע הייזער, וואו די דעלעגאטען פלעגען געלאדען ווערען צום סאפער אדער צו א לאנטש, און מען פלעגט אזוי אפלאנטשעווען דעם גאנצען טאג ביז האלבער נאכט, און גע־רעדט אויף אלע לשונות וואס די הארץ האט געגלוסט.

פאר דער צייט וואס פיינבערג פלעגט זיך געפינען אין פעטער־בורג, האט ער זיך אפגעגעבען אויך מיט אנדערע כלל־ארבייט. פונ׳ם יאהר 1872 ביז צו זיין טויט איז ער שטענדיג געווען א באאמטער אין פעטערבורגער קהלה־ראטה און פיעל וואהלטהעטיגע אינסטיטוציעס זיינען א דאנק איהם געשאפען געווארען. מיט פאליטיק האט ער זיך ווייניג וואס אפגעגעבען, און כאטש אלע זיינע נאהענטע חברים זיינען געווען די זיילען פון דער קאדעטישער פארטיי, איז ער פאר־בליבען זיין לעבען־לאנג אונפארטייאיש.

אין יאהר 1913, בעת עס האבען געדארפט פארקומען די וואהלען צו דער פערטער דומא, האבען די פעטערבורגער אידישע גדולים ארויס־געשטעלט אלס קאנדידאט פאר קורלאנד זייערען א מענשען ,א גע־וויסען קאלמאנאוויץ, אנטקעגען דעם פריהערדיגען דעפוטאט ניסע־לאוויץ, וועלכער האט געוואלט זיין אינדעפענדענט און זיך ניט לאזען פיהרען פון זיי. פיינבערג, ניט קענענדיג פארטראגען די מיאוס׳ע, פערזענליכע פאליטיק פון זיינע חברים, האט זיך געשטעלט אנטקעגען זיי און האט אגיטירט פאר ניסעלאוויץ׳ן. אז איך בין דאמאלסט גע־קומען קיין פעטערבורג, אלס אן אפדעלעגירטער פון דעם קורלענדער אידישען וואהל־קאמיטעט אויסצופארשען די לאגע, כדי צו וויסען ווע־מען צו נאמינירען, צו ניסעלאוויץ׳ן אדער קאלמאנאוויץ׳ן — האט פיינ־בערג מיט גרויס ביטערקייט מיר איבערגעגעבען די סוביעקטיווע פא־ליטיק פון אונזערע אידישע גדולים, מיט מיר באזוכט מעהרערע איינ־פלוסרייכע אידען, אבער אונפארטייאישע, צו הערען זייער מיינונג אין דער קאנדידאטען־פראגע. אזוי ווי די מיינונגען זיינען געווען גע־טהיילט, איז ביי אונז געבליבען, אז די ענטשיידענדע מיינונג זאל געבען דער באוואוסטער אידישער כלל־טהוער און בעריהמטער אדוואָ־קאט, גארדאן. איך בין געפאהרען צו איהם, אבער צוליעב מאנגעל אין צייט האט ער מיך ניט געקענט עמפפאנגען, דען ער איז געווען איינער פון די געזוכטעסטע אדוואקאטען אין פעטערבורג און האט געארבייט טאג און נאכט. אין מיין פארצווייפלונג האב איך זיך דער־מאנט, אז ביי איהם האלט זיך אויף זיין אלטער פאטער, דר. גארדאן, דער אמאליגער ווילנער ראבינער, אן אלטער באקאנטער מיינער. איך

האָב זיך געמעלדעט צו איהם און דער בלינדער, איבער אכציג־יעהריגער פאַרגעסענער זקן, האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט מיין באזוך. נאָך גרעסער איז געווען זיין שמחה, אז איך האָב איהם איבערגעזאָגט זיינע אַ שטיקעל תורה וואָס איך האָב געהערט פון איהם מיט פיער־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, בעת איך בין געווען אין ווילנא אויף שמואל יוסף פינ׳ס 70 יעהריגען יובילעאום. דער פאַרגעסענער אַלטער בלינ־דער האָט פון גרויסע התפעלות מיר אַרומגענומען און געקושט, און תיכף אריינגערופען זיין זון און איהם אָנגעוויזען אויף מיר, אז איך האָב איהם מחיה געווען מיט מיין וויזיט. באַנוצענדיג די געלעגענהייט האָב איך איהם איבערגעגעבען פיינבערג׳ס רעקאָמענדאַציע און ער האָט מיט לאָגישע אַרגומענטען מיך איבערצייגט, אז ניסעלאָוויץ פאַר־דינט די נאָמינירונג, און בין דערמיט גלייך אָפּגעפאָהרען אַהיים.

פיינבערג׳ס לויה איז פאַרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד. אַלע פּעטער־בורגער גדולים האָבען איהם מספיד געווען. אין מיין רעדע, אַלס פאַר־טרעטער פון ליבויער יק״א, האָב איך אויפגעוויזען, אז דער פאַרשטאָר־בענער, אָפּגעבענדיג זיין גאַנצען לעבען פאַר עמיגראַציע, האָט פאַר־שטאַנען די ריכטיגע אויפגאַבע פון אַ אידישען נשיא. דער מדרש ערקלעהרט פאַרוואָס האָבען די נשיאים געבראַכט עגלות צום משכן, ווייל „משכן ישראל פּורח באויר“, האָבען זיי דעריבער צוגעגרייט וועגען צו קענען דעם אידישען משכן אַרומפיהרען פון איין אָרט צום צווייטען, וואָס דאָס איז אויך געווען דוד פיינבערג׳ס לעבענסאויפגאַבע.

# שמואל יוסף פין

**געבאָרען אין גראָדנא תקע"ח, געשטאָרבען אין ווילנא תרנ"ג.**

שמואל יוסף פין האָט אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע און געזעל־שאַפטליכע קאַריערע אין דער שטורם און דראַנג פעריאָדע פון דער אי־דישער השכלה אין רוסלאַנד. אלס יונגערמאַן פון אכצעהן יאָהר האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אַן די ווילנער השכלה־פּיאָנערען: ה. ל. קאַצענע־לענבויגען, מרדכי אהרן גינצבורג, א. זאַקהיים, מרדכי נאַטאַנסאָן, אָדם הכהן און נאָך אַנדערע, מיט'ן צוועק צו פאַרשפּרייטען בילדונג צווישען אידען — אונטער אַלע אומשטענדען — אויב זיי ווילען אָדער ניט. ש"י פין האָט אָבער מעהר גליק געהאַט פאַר אַלע זיינע חברים און רביים. בעת זיי אַלע האָבען געפונען אַנערקענונג בלויז ביי אַ הייפעל משכילים, און דאָס רוב פון פאָלק האָט זיי פאַרדאַמט און אָפּגעשטעמפּעלט פאַר עוכרי ישראל, וואָס ווילען אונטערברעכען אידישקייט — איז פין גע־ווען דער איינציגער, וועלכער האָט די זכיה געהאַט תמיד געשעצט און געאַכטעט צו ווערען פון אַלע קלאַסען, זאָגאר פון רבנים און פרומע אידען. אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס „סאַמואיל איסאַקאָוויץ פין" און אָוועק פון דער וועלט אַלס „רבי שמואל יאָסעל", אַלס ווילנער שטאָדט־גבאי און אַלס הויפּט־פיהרער פון „חובבי־ציון".

די נאַטור האָט איהם באַשאָנקען מיט אַלע גוטע מעלות וואָס אַ מענש קען נאָר האָבען: מיט גוניאַלע פעהיגקייטען, מיט אַ שאַרפען שכל, מיט אַן אייזערנעם ווילען, מיט אַ זעלטענעם פלייס, מיט גע־וואַלדיגע פיזישע כחות, מיט רייכטהום און קלוגשאַפט, מיט אַ וואונ־דערבאַרען הדרת־פּנים און, מעהר פון אַלץ — מיט הצלחה. ער איז מיילען־ווייט אַריבערגעוואַקסען זיין דור און מעהר געשאַפען ווי אַלע זיינע חברים צוזאַמען. עס קלינגט ווירקליך ווי אַ לעגענדע, אַז איין־איינציגער מענש האָט אָנגעשריבען אין זיין לעבען איבער פופציג ספרים אין אַלע פאַרשידענע געביטען פון דער וויסענשאַפט, אונטער וועלכע עס זיינען פאַראַן באַדייטענדע ענציקלאָפּעדיעס, וואָס האָבען געדאַרפט געמאַכט ווערען פון אַ גאַנצען קאָלעגיום. אַ חוץ דעם איז ער נאָך געווען רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון אַ וועכענטליכען, שפּע־טער מאָנאַטליכען, העברעאישען זשורנאַל איבער צוואַנציג יאָהר, און דעם גרעסטען טהייל אַליין אָנגעשריבען. דערצו האָט ער נאָך איבער דרייסיג יאָהר אָנגעהאַלטען אַ שטעלע ביי דער מלוכה, אַלס אַן אינ־

ספעקטאר אויף די אידישע שולען אין ווילנער ראיאן, און זיך אויך באטהייליגט אין אלע ווילנער שטאדטישע ענינים, ניט בלויז אין אידישע, נאר אויך אין אלגעמיינע, זייענדיג א שטאדט־ראט צעהנדלי־גער יאהרען. אז איך האב איהם אמאל געפרעגט, ווי איז עס מעגליך פאר אן איינציגען מענשען אזוי פיעל צו שאפען? האט ער מיר געענטפערט, צייגענדיג די פעדער וואס ער האט געהאלטען אין האנד — „איהר זייט דאך א בעל־חשבון, אנו רעכענעט אויס, וויפיעל קען מען אנשרייבען אין פופציג יאהר, האלטענדיג די פעדער פון צעהן ביז פופצעהן שעה אין טאג און נישט בטלנ׳דיג אן איבעריגע מינוט".

שמואל יוסף פין איז ניט בלויז געווען איינער פון די גרעסטע אין זיין דור, נאר איז אויך געווען די פארקערפערונג פון איינע פון די וויכטיגסטע פעריאדען אין דער אידישער געשיכטע אין רוסלאנד, וועלכע האט זיך אנגעהויבען מיט דער אסימילאטארישער השכלה און גענענדיגט מיט דער נאציאנאליסטישער ציוניסטישער באוועגונג. דער־זעלביגער, וועלכער האט אין די זעכציגער־זיבעציגער יאהרען געדיענט אלס כהן־גדול אויפ׳ן מזבח פון דער השכלה, און געהאט דעמזעלביגען טעות ווי אלע זיינע צייטגענאסען ,אז בילדונג און אסימילאציע וועלען ברענגען די גאולה און א סוף מאכען צו די אידישע צרות, — האט אין די אכציגער יאהרען אליין צושטערט און צושטויסען זיינע אמאליגע מזבחות און מיט א יוגענטליכען ברען זיך ארייגעווארפען אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

קיין שעהנערע בילד האט מען ניט געדארפט זעהן, ווי צוצו־קוקען א ווילנער חובבי־ציון אספה, ווי דער גרייז־גרויער שמואל יוסף פין, מיט זיין ברייטער ווייסער בארד, מיט דעם שעהנעם קלוגען פנים, פלעגט זיצען צוזאמען מיט יונגע אינגלאך און דעבאטירען פלענער, ווי איינצוארדענען די קאלאניעס אין ארץ־ישראל.

אין אלול תרמ"ט איז פארגעקומען אין ווילנא א צוזאמענפאהר פון חובבי־ציון אגודות. די „חבת־ציון" באוועגונג האט דאמאלסט דורכ־געמאכט אזא שווערען קריזיס, אז די גאנצע ארגאניזאציע האט גע־האלטען ביים צוזאמענפאלען. די „חובבי־ציון" אגודות אין פוילען און אין צפון־רוסלאנד האבען זיך געוואלט אפרייסען פון אדעס, און אויפ־געהערט צו שיקען דארטען געלד. באזונדערס זיינען די פרומע ניט צופרידען געווען מיט דער אדעסער לייטונג אונטער פינסקער און לי־ליענבלום, און פארלאנגט, דאס די הנהגה זאל איבערגעהן קיין ביאַ־ליסטאק אדער ווילנא, אונטער דער לייטונג פון רבי שמואל מאהילע־ווער און שמואל יוסף פין. אינדעסען האט דר. פינסקער רעזיגנירט און מציע געווען, איבערצוגעבען צו אברהם גרינבערג אין אדעס. די אספה איז געווען זעהר א שטורמישע. די איינגערע האבען בשום אופן

ניט געוואָלט צולאָזן אויף איבערצוגעבן די גאַנצע לייטונג אין די הענט פון די פרומע, און אונטער דער לאָזונג: „נאָך קאַנאָסא געהען מיר נישט", האָבן זיי מעהרערע מאָל איבערגעבראָכן די זיצונגען. די פּראַקטעסטען זיינען געווען הויפּטזעכליך געגען ביאַליסטאָק, אָבער ש"י פין אַלס פיהרער וואָלטען אַלע מסכים געווען. פין האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש ענטזאָגט, און אַ דאַנק זיין גרויס קלוגשאַפט איז איהם געלונגען איינצולעשען דעם פייער פון דער מחלוקת, וואָס האָט געקענט ברענגען אַ טוידט־קלאַפּ צו דער גאַנצער באַוועגונג. מיט זיין געזונטען לאָגיק האָט ער באַרוהיגט אַלע צדדים און אויפגעוויזען, אַז אדעס, דער טהויער פון ארץ־ישראל, איז דער געאייגענסטער אָרט פאַר'ן צענטער, און אַז אברהם גרינבערג, אַ פּראַקטישער סוחר און אַ טראַדיציאָנעלער איד, איז דער פּאַסיגסטער פיהרער פאַר דער איצ־טיגער קריטישער צייט, און דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געשלאָסען מיט שלום און אחדות.

שמואל יוסף פין איז אויך געווען כמעט דער איינציגער פון אַלע זיינע חברים און צייטגענאָסען, וואָס האָט אויף זיך געקענט זאָגען דעם תלמוד'ישען שפּרוך „אשרי זקנתנו שכפרה את ילדותנו" (גליק־ליך איז אונזער עלטער, וואָס האָט מכפר געווען די זינד פון אונזער יוגענד). און באמת האָט שמואל יוסף פין אין זיינע יונגע יאָהרען שטאַרק געזינדיגט געגען דעם אידישען פאָלק; אין מאַנכע פּרטים נאָך אפשר מעהר ווי זיינע חברים, די דאַמאָלסטיגע השכלה־טרעגער, פון די פערציגער און פוציגער יאָהרען, וועלכע זיינען געווען און פאַר־בליבען בלויז טהעאָרעטיקער, ניט האָבענדיג דעם כח דורכצופיהרען פּראַקטיש זייערע אידעען. אמת, מרדכי אהרן גינצבורג מיט זיין שעהנעם סטיל און וואונדערבאַרער לאָגיק און אדם הכהן מיט זיינע מייסטערהאַפטע שירים האָבען ניט אויפגעהערט צו וועקען דאָס פאָלק צו לערנען די לאַנדעס־שפּראַך, דאָך האָבען זיי ניט געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען, ווייל זיי אַליין האָבען אַ וואָרט רוסיש ניט פאַרשטאַנען, אַ חוץ אַ ביסעל דייטש האָבען זיי קיין שום שפּראַך ניט געקענט. אויך האָט זיי געמאַנגעלט די נויטיגע מיטעל אויף אויסצובילדען דאָס פאָלק אין דער רוסישער שפּראַך. אַנדערש איז אָבער געווען שמואל יוסף פין. זייענדיג פון נאַטור אַ פּראַקטישער מענש, האָט ער ראשית אַליין זיך גוט אויסגעלערענט די רוסישע שפּראַך, און דערנאָך זיך גענומען צו אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען, און אין דער שפּעטערער צייט אויך ערלערנט לאַטייניש און גריכיש. ערשט נאָכדעם אַז ער אַליין האָט שוין געהאַט אַ פאָלקאָמענע בילדונג, האָט ער זיך גענומען צו פאַרשפּרייטען בילדונג אונטער'ן פאָלק, און שוין אין יאָהר 1841 האָט ער געגרינדעט אין ווילנא די ערשטע אי־

דישע פאלקס־שול, צו לערנען די לאנדעס־שפראך צוזאמען מיט אידישע למודים, וועלכע איז אויסגעהאלטען געווארען פון דער רע־גירונג. פין איז אנגעשטעלט געווארען אלס לעהרער פאר די אידישע למודים, וואס זיינען באשטאנען פון לערנען רעליגיע און די העברע־אישע שפראך, און איז פארבליבען אויף די דאזיגע שטעלע ביז צום יאהר 1848. בעת ס׳איז געגרינדעט געווארען די ראבינער־שול איז ש״י פין אריבערגעגאנגען אלס לעהרער אהין.

אין יענער צייט איז אנגעקומען קיין ווילנא דער באוואוסטער דאקטאר ליליענטהאל, געשיקט פון דעם דאמאלסטיגען רוסישען מיניס־טער אוואראוו אויף צו עפענען שולען פאר אידישע קינדער. ליליענ־טהאל האט געפונען פין׳ען פאר דעם פאסענדסטען מענשען אויף אויס־צופיהרען זיינע אידעען, און פין איז איהם טאקע פארבליבען א טרייער אנהענגער, אויך אין דער צייט ווען די בעסערע משכילים האבען שוין געזוכט זיך אפצוטרייסלען פון איהם. אט דער דאזיגער מיסטעריע־זער דאקטאר, וועלכער איז פלוצים געקומען פון דייטשלאנד, ניט פארשטעהענדיג א ווארט רוסיש, און געווארען א גאנצער שמעלקע ביי דער רוסישער רעגירונג, וואס האט איהם אנפארטרויט אזא וויכ־טיגע מיסיע — האט אנגעהויבען ארויסרופען א חשד ביי די בע־סערע משכילים. זיי האבען אנגעהויבען צו קלעהרען, אויב די רעגי־רונג, וואס ווענדעט אן אזוי פיעל כחות אויף אויסצובילדען אידען, זאל ניט האבען דערביי וועלכע באהאלטענע שלעכטע כונות, און אפשר איז ליליענטהאל בלויז א ווערקצייג אין די הענט פון אוואראוו׳ן און איז גארניט אויסען די טובות פון די אידען.

די פיהרער פון דעם ארטאדאקסישען יודענטום האבען שוין דאס געהאט נאך פריהער באמערקט, באלד ווי ליענטהאל איז געקומען קיין רוסלאנד, און האבען צוגעשיקט התראות צו אלע גרעסערע קהלות, זיך ניט לאזען פארפיהרען ניט פון ליליענטהאל׳ן און ניט פון „ליבעראלען" מיניסטער אוואראוו׳ן; ווייל ס׳איז בולט, אז דער גאנצער אנשטעל איז בלויז דורכצופיהרען די פאליטיקע פון ניקאליי דעם ערשטען — דער גרע־סטער צורר וואס רוסישע אידען האבען געהאט, צו פארניכטען דאס אי־דישע פאלק, דורך אסימילאציע און שמד. לייכט פארשטענדליך, אז עפענטליך האט מען דאס ניט געקענט זאגען, אבער אין געהיים האבען די אידישע פיהרער פון יענער צייט, ווי רבי מענדעלע ליובאוויטשער, דער „צמח צדק", און ר׳ איצעלע וואלאזינער, צושיקט שלוחים צו די משכילים, וועמען ליליענטהאל האט אויסגעקליבען פאר זיינע מיט־ארבייטער, און זיי געעפענט די אויגען. א מערקווירדיגער וואונדער, אז גראד שמואל יוסף פין, א מענש וואס האט קיין זאך ניט געטהאן אהן גרויס ישוב־הדעת, האט זיך געהאלטען אן ליליענטהאל׳ן ביז ליליענ־

טהאָל האָט אַליין איינגעזעהן, אַז די רעגירונג האָט איהם אָפּגענאַרט, און מיט חרפה פאַרלאָזען רוסלאַנד. ליליענטהאַל׳ס ספר „מגיד ישועה“, וואו עס זיינען פאַרשריבען געוואָרען אַלע זיינע אויפרופען צום אי־דישען פאָלק, האָט פין איבערזעצט פון דייטש אויף העברעאיש. אין די שפּעטערע יאָהרען האָט פין אַליין איינגעזעהן זיין טעות, און פאַר אַ גוטען פריינד האָט ער זיך אַמאָל מיט פרייד נעאייסערט, אַז דער ספר „מגיד ישועה“, וואָס דערמאָנט זיינע חטאת נעורים, איז ניט מעהר בנמצא.

מיט איין זאַך האָט שמואל יוסף פין תמיד שטאָלצירט, דאָס זיין פעדער איז קיינמאָל ניט באַשמוצט געוואָרען מיט ביבעל־קרי־טיק, כאָטש ער האָט אָנגעשריבען אַזוי פיעל ביכער איבער דער אי־דישער היסטאָריע אין העברעאישער שפּראַך. אין זיין ספר „נדחי ישראל“ פּאָלעמיזירט ער מיט די ביבעל־קריטיקער, וועלכע ווילען האָבען, אַז „מגלת רות“ איז געשריבען געוואָרען ערשט אין עזרא׳ס צייט, אַלס פּראָטעסט געגען זיין פאַרבאָט פון נשים נכריות, און ווייזט אויף מיט ראיות, ווי ריכטיג עס איז די תלמוד׳ישע מסורה, אַז רות איז געשריבען געוואָרען אין דער צייט פון די שופטים. די מעשה מיט מרדכי און אסתר ברענגט ער פאַר אַ היסטאָרישען פאַקט און פּאָלעמיזירט מיט די יעניגע, וועלכע ווילען לייקענען די מעשה, ווייל זי איז נאָך ניט באַשטעטיגט געוואָרען פון אַנדערע מקורים, און נאָך אַזעלכע פאַרשידענע באַמערקונגען. אינטערעסאַנט איז זיין שיר, וועל־כער ענטהאַלט 154 שורות, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אַלס חתימה צום ספר „נדחי ישראל“. דער שיר איז פיללייכט ניט גענוג קינסטלעריש, אָבער פול מיט אמונה און יראת שמים, געשריבען אין גייסט און סטיל פון נפתלי הירץ וויזל, ווי, למשל, די חרוזים:

התחזקו שרידי יעקב באמונה התחזקו,
חזקו אגודתכם ברוח אל נוסדת.

און אַזוי ווייטער.

אין די עלטערע יאָהרען האָט זיך פין געפיהרט שטרענג אָרטאָ־דאָקסיש, אָבער פאַר די ווילנער עלטערע אידען, וועלכע האָבען איהם געקענט פון דער יוגענד, האָט ער נאָך אַלץ ניט יוצא געווען. אין אַ וויץ האָט ער זיך אַמאָל אַרויסגעזאָגט, אַז עס טרעפען טעג, ווען ער דאַוונט פינף מאָל מנחה און ביי די ווילנער אידען איז ניט צו פועל׳ן, אַז ער דאַוונט כאָטש איינמאָל! „עס פּאַסירען טעג — זאָגט ער — „בעת ס׳איז פאַראַן פיעל צו טהאָן, און איך קום אין דער „צדקה גדולה“ שוין צוועלף אַזייגער בייטאָג. קוים ווערט דער זייגער האַלב־איינס, לאָזט זיך אַריין דער שמש פון דער קברנ׳ישער שוהל, וואו עס ווערט געדאַוונט נאָכאַנאַנד מנחה פון האַלב־נאָך־צוועלף ביז

מעריב, און ברענגט מיר די בשורה, אז מען שטעלט זיך שוין דאווגען מנחה, און אזוי ווי איך וועל שפעטער זיין זעהר באשעפטיגט, בכן זאל איך אריינגעהן אין דער קברנ׳ישער שוהל און אפ׳פטר׳ן מנחה. איך געפין, אז ער איז גערעכט און געה שוין מיט איהם. ארום איינס אזייגער קומען אריין די אנדערע גבאים, ירחמיאל ברוידע און יעקעל פרנס, אויך האבען זיך שוין אונטערדעסען אויפגעקליבען מעהרערע ארימע לייט. קוים קומט צוזאמען א מנין לאזט שוין ירחמיאל ברוידע קיין ארבייט נישט טהאן, ביז מען דאווענט נישט אפ מנחה. זאל איך זיי זאגען, אז איך האב שוין געדאווענט מנחה, האב איך מורא, דאס זיי זאלען נישט מיינען, אז איך זוך מיך ארויסצודרעהען, און איך מוז זיך שטעלען דאוונען צום צווייטען מאל.

„זיך אנגעמאטערט איינינע שעה מיט ווילנער ארימעלייט און איך געה מיר שוין אהיים, אבער ארויסגעהענדיג פון שוהל־הויף צו דער דייטשער גאס, דארף מיר גראד דערזעהן דער שמש פון „גמלות־חסד״־ קלויז, א טהייערער, פרומער איד, און בעט מיר אריין אין קלויז צו מנחה, מיט דער טענה, אז ביז איך וועל קומען אין שניפישאק צו מיין וואוינונג, וועט שוין זיין שפעטלאך אויף צו קריגען א מנין. איהם ווידער געהן זאגען, אז איך האב שוין צוויי מאל געדאווענט האב איך מיך געשעהמט, טאמער גלויבט ער מיר נישט, ובכן, האב איך שוין געמוזט א דריטען מאל דאווגען. מיעד און הונגעריג מיט דריי מנחה׳ס האב איך מיך קוים דערשלעפט ביז צום גרינעם בריק, וואס מען געהט אריבער צו שניפישאק, — אז עס וואקסט ניט ארויס, ווי פון אונטער דער ערד, איינער א איד און בעט מיך מיט הכנעה: „ר׳ שמואל יאסעל, ניט מיט אייער לאסקע, ביי מיר איז פאר קיין אידישע הויז געדאכט א שבעה־הויז, עס פעהלט איינער צום מנין אויף מנחה דאוונען, כ׳לעבען, קומט אריין״. טאקע, ווי געהט מען דאס ניט אריין? געדאווענט א פערטען מאל מנחה און נאך מקיים געווען די מצוה פון נחום אבלים, און מיט די לעצטע כחות זיך קוים ארויפגעשלעפט אויפ׳ן בארג אין מיין שטוב אריין. איך וויל עפעס געהן אנבייסען, אז עס קומט ניט אריין דער שמש פון שניפישאקער שוהל, וואו איך דאווען שטענדיג און גיט א זאג: רבי שמואל יאסעל, דער עולם ווארט אויף אייך אויף מנחה״. געה דערצעהל זיי, אז איך האב שוין פיער מאל געדאווענט! כדי ניט צו מאכען לייטישע גע־לעכטערס געה איך האסטיג אריין אין שוהל, דאווען א פינפטען מאל מנחה. און אחרי ככלות הכל, זאגען פיעל ווילנער אידען, אז איך דאווען קיין מנחה ניט!״...

זיין הנהגה בכלל איז געווען ווי פון אן אמת׳ען תלמיד חכם, גע־רעדט בנעימות, אויפגענומען אלעמען בסבר פנים יפות, מקרב געווען

לומדים און געווען זעהר אפגעהיט פון צו רעדען שלעכטס אויף א צווייטען. די ווילנער מורי־הוראות האבען באמת אין אנפאנג שטארק פראטעסטירט צו שטעלען די קאנדידאטור פון שמואל יוסף פין, דעם אמאליגען משכיל און אפיקורס, פאר א גבאי פון „צדקה גדולה", פון וועמעס האנט זיי וועלען דארפען באקומען זייערע שכירות; אבער ווי צופרידען זיינען זיי שפעטער געווארען, אז באלד ווי ער איז געווארען גבאי האט ער ראשית אלע מורי־הוראות געגעבען הוספות, און נאך איינגעפיהרט, אז מען זאל זיי פינקטליך צאהלען זייערע שכירות און בדרך כבוד. א חוץ דעם פלעגט ער זין מיט זיי שטארק חבר'ן, וואס קיין גבאי האט דאס פריהער ניט געטהאן.

דאס אייגענע ארדענונג האט ער איינגעפיהרט אין אלע פארשידענע צדקה־אנשטאלטען, וועלכע האבען געצויגען זייער השפעה פון דער „צדקה גדולה". די פריהערדיגע גבאים האבען ניט געוואוסט פון קיין סדר, און די ארימע לייט, וועלכע פלעגען דארפען אנקומען צו דער „צדקה גדולה", פלעגען מוזען שעה'ן לאנג ווארטען ביז מען האט זיי געענטפערט. פין האט פאר די גאנצע 12 יאהר, וואס ער איז געווען גבאי, כמעט ניט איין טאג דורכגעלאזען ניט צו קומען אין אפיס, און פינקטליך, אין א באשטימטער צייט, אלעמען אויסגעהערט און אליין דאס געלד אויסגעטהיילט. אין דער ערשטער צייט, איידער די ארימע לייט האבען זיך צו איהם צוגעוועהנט, און וויסענדיג, אז ער איז געווען א רוסישער טשינאווניק, פלעגען זיי איהם אנרופען „פאניא פין" אדער „גאספאדין פין", אבער שפעטער האבען זיי אנגעהויבען צו באמערקען, אז איהם איז דאס ניט ניחא, ווייל צו די יעניגע, וועלכע פלעגען איהם אנרופען „רבי שמואל יאסעל" איז ער פריינדליכער געווען, האבען שוין אלע איהם אזוי גערופען און דער נאמען „פין" איז ביי דער מאסע מיט דער צייט כמעט פארגעסען געווארען.

איינע פון די שעהנסטע מעלות וואס שמואל יוסף פין האט געהאט איז געווען, וואס ער האט ניט ליעב געהאט צו ריידען וועגען זיין אייגענער פערזאן, און בפרט נאך צו שרייבען וועגען זיך. בעת מען האט געפייערט אין ווילנא זיין זיבעציג־יעהריגען יובילעאום און דאס יובעלאום־קאמיטע האט געוואלט ארויסגעבען א באזונדער בוך איבער דעם חג־היובל און אויך צו געבען א פולשטענדיגע ביאגראפיע, אנהויבענדיג פון זיינע יונגע יאהרען, בעפאר ער איז ארויסגעטראטען אין דער עפענטליכקייט, האט מען ביי איהם בשום אופן ניט געקענט פועל'ן צו געבען דאס נויטיגע מאטעריאל און דאס בוך איז געבליבען ניט ארויסגעגעבען.

צוליעב דעם וויסען זיינע ביאגראפען בלויז, אז ער איז געבארען געווארען אין יאהר תקע"ח אין גראדנא, אז זיין פאטער ר' אייזיק

איז געווען א גרויסער למדן און א ירא שמים; אז ביז צו בר־מצוה האט ער געלערענט אין היימישע חדרים און ישיבות און געהאט א שטרענג ארטאדאקסישע ערציהונג. נאך בר־מצוה האט איהם דער פאטער געבראכט קיין ווילנא, וואו ער איז שוין פארבליבען זיין גאנצען לעבען. אין די ערשטע פינף יאהר האט ער געלערענט מיט גרוים התמדה תלמוד און פוסקים ביי גרויסע רביים, און איינער פון זיינע רביים איז געווען דער באוואוסטער רבי מנשה איליער. זיינע נאָ־הענטע חברים פון יענער צייט זיינען געווען מרדכי פלונגיאן און דער שפעטער באריהמט־געווארענער מגיד חיים רומסישקער. ערשט צו אכצעהן יאהר, בעת ער איז שוין געווען א גרויסער בקי אין ש״ס און פוסקים און אין די אידיש־קלאסישע ווערק: מורה נבוכים, כוזרי און אנדערע, האט ער זיך גענומען צו השכלה.

ווילנא איז דאמאלסט געווען די מעטראפאלע פון דער השכלה וואו עס האבען געלעבט און געווירקט די השכלה פיאנערען: חיים לייב קאצענעלענבויגען, מרדכי אהרן גינצבורג, יצחק אייזיק בן יעקב, אדם הכהן, מרדכי נאטאנסאן, א. זאקהיים, אידל שערעשעווסקי, אייזיק מאיר דיק און נאך. פין האט זיך אנגעשלאסען צו דער דאזיגער גרופע, און אין פארלויף פון צעהן יאהר איז ער כמעט אריבערגעוואקסען אלע זיינע אמאליגע רביים און חברים, ניט בלויז אין שפראכען־קענט־ניש, נאר אויך אויפ׳ן געביעט פון חכמת ישראל און אידישע היסטאריע.

זיין ערשטען גרויסען פרסום האט ער געקראגען אין יאהר תר״ז, דורך זיין ספר „שנות דור ודור״, די כראנאלאגיע פון דער אידישער היסטאריע אין דער דייטשער שפראך, און אויך דורך זיין ספר „תלמוד לשון רוסיא״, דער ערשטער רוסישער גראמאטיק אין דער העברעאישער שפראך. ער איז שוין דאמאלסט געווארען אזוי באריהמט, אז כאטש ער איז נאך געווען א גאנץ יונגער מאן, האט מען איהם שוין צוגע־צייגען צו דער דעלעגאציע וואס האט מקבל־פנים געווען משה מאנטע־פיארע׳ן ביי זיין קומען אין ווילנא, אין דעם דאזיגען יאהר.

פאר דערזעלבער צייט איז געשטארבען אין ווילנא מרדכי אהרן גינצבורג, און איבער דעם וואונדערבארען הספד וואס פין האט גע־האלטען אויף איהם, האט גערעדט גאנץ ווילנא — אנדערע האבען איהם געריהמט און אנדערע געטאדעלט. דעם הספד האט ער באמת פאר־שריבען אין א באזונדערן ספר אונטער דעם נאמען „איה סופר״, וועל־כער איז אבער פארבליבען ניט געדרוקט, ווייל פין האט זיך שפעטער אליין ארומגעזעהן, אז ער איז דאמאלסט צו ווייט געגאנגען מיט זיינע אנגריפען אויף דאס ארטאדאקסישע יודענטום.

ביי דיעזער געלעגענהייט וויל איך דא איבערגעבען די לעזער א זעהר אינטערעסאנטען עפיזאד, וואס האט זיך אפגעשפילט ביי

מרדכי אהרן׳ס לויה, און ווי ווייט מיר איז באקאנט, איז דאס נאך אין ערגעץ ניט פארצייכענט געווארען.

מרדכי אהרן גינצבורג׳ס חברים האבען געוואלט מאכען מיט זיין טויט א דעמאנסטראציע פאר דער השכלה, און צוליעב דעם האבען זיי פארנשטאלט א פאראדנע לויה, געבראכט דעם ארון צום שול־הויף און געצוואונגען דעם שטאדט־מגיד, רבי וועלוועלע, צו מאכען א הספד. א גרויסער עולם איז צוזאמענגעקומען צוצוזעהן דעם גרויסען חידוש, ווי דער צדיק, רבי וועלוועלע, וועט מספיד זיין דעם באוואוסטען אפיקורס. דער מגיד האט באמת געהאלטען א זעהר ווארימען הספד, און דער עולם האט סטראשנע געוויינט. ער האט דערמאנט אין זיין הספד די אלע גרויסע גאונים און צדיקים וועלכע ווילנא האט אמאל געהאט און זיי איינציגווייז פארלארען. דערמאנט דעם גאון, דעם חיי אדם, רבי שאול׳קען, רבי אבלי פאסוואלער און נאך; דערצעהלט די שבחים און די גרויסקייט פון יעדען איינציגען. בלויז צום סוף האט ער צוגעלעגט די פאר ווערטער, אז מרדכי אהרן גינצבורג, אויך א ווילנער, איז אויך געשטארבען.

חברה משכילים זיינען געווארען אויפגעקאכט אויפ׳ן מגיד, וואס האט זיי צום נארען געמאכט, און קוים איז ער ארונטער, איז בערל מיכאלישקער ארויפגעאנגען אויף דער בימה און זיך געשטעלט אויפ׳ן פסוק אין שמואל ב׳ „ויבא הנער המגיד ויאמר נס העם מן המלחמה וגם הרבה נפל מן העם וימתו וגם שאול ובניו מתו״. איז אין פלוג די קשיא, פארוואס רופט אן דער פסוק דעם מגיד מיט׳ן נאמען „נער״, דאכט זיך ער האט גערעדט גאנץ צו דער זאך. די מעשה איז אבער, אז דער מגיד איז דאך א „נאר!״ דוד פרעגט איהם, וואס הערט זיך מיט שאול׳ן. אנשטאט איהם צו ענטפערען, אז שאול איז געשטארבען, הויבט דער מגיד אן צו דערצעהלען גאר זייטיגע זאכען און בלויז צום סוף זאגט ער „וגם שאול ובניו מתו״, א פנים אז דער מגיד איז טאקע באמת א נאר. חברה האט דער קיבעץ זעהר נעפעלען געווען און זיי האבען גערדאנקט בערלען וואס ער האט דעם מגיד גוט אויסגע־שייגעצט.

דער מגיד איז אבער א צווייטען מאל ארויף אויף דער בימה און געבעטען דעם עולם איהם אויסצוהערען א קורצע מעשה: „א ווילנער גביר האט זיך אמאל משדך געווען מיט א מיטויער גביר, און די חתונה האט געדארפט זיין אין מיטוי. דעם ווילנער מחותן האט זיך געוואלט ציינען די קורלענדער אידען ווילנער אנטיקען, האט ער מיטגענומען צו דער חתונה דעם באריהמטען ווילנער בדחן פון יענער צייט. מיט גרויס נייגעריגקייט זיינען צוזאמענגעקומען אויף דער חתונה אלע מיטויער אידען, צו הערען דעם וועלטבאריהמטען

ברחן, וואס דער מחותן האט איהם אזוי מפליא געווען. ס'איז געקומען צו „באזעצענס", דער ווילנער מחותן בעט דעם ברחן וואס זאגען, — ער לעגט אפ אויף שפעטער; ס'איז געקומען צו „באדעקענס", — דער ברחן זאגט נאך אלץ ניט. נון, האבען אלע געמיינט, אז צו דער חופה וועט ער זיך שוין מן הסתם פונאנדערזאגען, אבער ווי ערשטוינט זיי־נען אלע געווארען, אז צו דער חופה האט ער אויך גארניט געזאגט און אלץ אפגעלעגט אויף שפעטער. צו דער חופה־וועטשערע איז דער עולם שוין געווארען אונגעדולדיג און אלע האבען אנגעהויבען צו בעטען דעם ברחן, ער זאל שוין אמאל וואס זאגען. דער ברחן ריהרט זיך ניט פון ארט. דער ווילנער מחותן האט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאלטען, אפגערופען דעם ברחן אין א זייט און איהם דערלאנגט א פארציע. „סטייטש, גזלן איינער" — האט ער צו איהם גענומען טענה'ן — „לא די וואס איהר האט מיר אנגעמאכט אזא הוצאה אייך צו שלעפען פון ווילנא אזש קיין מיטוי, האט איהר מיר נאך אנגעטהאן אזא בזיון פאר מיינע מיטויער מחותנים, און אויך מבזה געווען ווילנא". — „ערגערט זיך ניט, בעל־הבית לעבען" — ענטפערט איהם דער ברחן — „מיינט ניט, חלילה, אז איך וויל אייך מצער זיין, אבער אז איך קען מיר ניט העלפען. איהר זאלט וויסען, אז איך בין גארניט אזא קונצענמאכער ווי איהר מיינט. מיין גאנצער קונץ באשטעהט אין מאכען גראמען, און דאס קען איך נאר ביי אונז, אין ווילנא, וואו אלע רופען זיך מיט אידישע נעמען. אז איך קום צו א חתונה ברויך איך קיין שום הכנות ניט. די גראמען זיינען צוגעגרייט. איין מחותן הייסט ברוך, דער צווייטער זרח, איינער בעריל, דער אנדערער שמערל; איין מחותנת'טע הייסט ביילע, די צווייטע קיילע, און איך גראם שוין צוזאמען. אבער דא, אין קורלאנד, אז איינער הייסט אדאלף, א צווייטער הייסט מארקוס, א דריטער גאר קארל. הייגט די פאמיליע נעמען זייערע, איינער לעווינסאן, דער צווייטער גינצבורג, נו זיי א חכם און גראם זיי צוזאמען. אז איך וועל זיין אם ירצה־השם, אויף מעהרערע אזעלכע חתונות, וועל איך שוין וויסען וואס צו זאגען..."

א דאנק פין'ס חוש פאר פראקטישע ארבייט, האבען איהם ניט גע־קענט צופרידענשטעלען די מעטאדען פון זיינע חברים, וואס האבען געוואלט אריינברענגען די השכלה ביי אידען דורך מליצות און שירים, דורך קריטיקירען מאמרי חז"ל און דורך לצנות מאכען פון אידישע מנהגים. ביי איהם איז אויסגעקומען, אז ניט מיט אזעלכע דרכים וועט מען קענען פארשפרייטען אין פאלק די אמת'ע בילדונג, מען וועט נור שאפען הפקר־מענשען און אפטריניגע פון דער טראדיציע. כדי צו זיין געבילדעט און צוגלייך פארבלייבען גוטע אידען, איז נויטיג

דאָס פאָלק צוערשט באַקאַנט צו מאַכען מיט דער אידישער קולטור און מיט זיין גלענצענדע פאַרגאַנגענהייט. צוליעב דעם צוועק האָט ער אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויף שאַפען אַ אידישע היסטאָריע אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1851 אונטער'ן נאָמען „נדחי ישראל", ענטהאַלט אַ כראָנאָלאָגישע צו־זאַמענשטעלונג פון דער אידישער היסטאָריע פון חורבן בית שני ביז צום אבן־עזרא און די בעלי־תוספות. צוואַר האָט שוין היינט אַזאַ ספר ווי דער „נדחי ישראל" פיעל פון זיין ווערט פאַרלאָרען, אַ דאַנק די נייע היסטאָרישע פאָרשונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין די לעצטע פופציג יאָהר — אָבער צו יענער צייט, מיט אַכציג יאָהר צוריק, נאָך בעפאָר יאָסט און גרעץ האָבען אַרויסגעגעבען זייערע אידישע היסטאָ־ריעס, האָט דער „נדחי ישראל" גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך געצויגען און דערנעהנטערט אידען צו השכלה מעהר ווי זיינע חברים מיט זייערע מליצות און שירים לכבוד די „טאַכטער פון הימעל".

אָבער נאָך אַ גרעסערען היסטאָרישען ווערט האָבען באַקומען זיי־נע שפּעטערינגע ספרים: דער ספר „דברי הימים לבני ישראל" אין צוויי טיילען, פול מיט חריפ'ישע הערות און טיעפע חקירות אין חכמת ישראל, און זיין ספר „קריה נאמנה", די היסטאָריע פון דער אַלטער אידישער שטאָדט ווילנא; מאָנאָגראַפיעס און מצבות פון אַלע גאונים, חכמים, פרנסים, וועלכע האָבען אין ווילנא געלעבט אָדער דאָרטען געשטאָרבען. אין דעם ספר צייגט פין אַרויס געוואַלדיגע ביבליאָגראַפישע ידיעות, און געוואָרען דורכדעם באַליעבט ביי אַלע ווילנער אידען, זאָגאַר אויך ביי די גאַנץ פרומע, וואָס ער האָט זייער שטאָדט אַזוי פּאָפּולער געמאַכט פאַר די אידען פון דער גאַנצער וועלט. אַ גרויס חשיבות צו דעם דאָזיגען ספר האָט נאָך צוגעגעבען די אינטערעסאַנטע און וויסענשאַפטליכע הקדמה פון דעם גרויסען געלעהרטען רבי מתתיהו שטראַשון אונטער דעם נאָמען „רחובות קריה".

שמואל יוסף פין איז געווען כמעט דער איינציגער פון זיינע חברים, מיט אויסנאַהם פון רבי מתתיהו שטראַשון, וועלכער האָט זוכה געווען לשני שולחנות — צו תורה און גדולה צוזאַמען. אין יאָהר תרי"א איז איהם אָפּגעשטאָרבען זיין ערשטע פרוי, און האָט חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל מיט אַ זעהר רייכער אַלמנה און אַ גרויסע אשת־חיל, וועלכע האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען. אַ דאַנק דעם האָט פין אין זיין גאַנצען לעבען ניט געוואוסט פון דאגת־פרנסה, און געקענט מקיים זיין צו לערנען תורה מעושר.

פין האָט אַמאָל דערצעהלט, אַז רבי אייזיל סלאָנימער האָט איהם געפרעגט בדרך הלצה, אויב ער ווייסט פון „מגן אברהם", וואָס זאָגט,

אז מען נעהמט א ווייב פון געלד־וועגען, מוז מען מאכען די ברכה „דיין אמת". דארויף האט ער איהם געענטפערט: „אז ער איז זעהר צופרידען וואס, ער אליין קען מאכען די ברכה, איידער צו בלייבען דעם גאנצען לעבען אן ארימאן, זיין א חשוב כמת און אז אנדערע זאלען דארפען מאכען איבער איהם די ברכה „דיין אמת".

רבי אייזיל האט איהם אמאל געפרעגט אין א שפאס, פארוואס ער רופט זיך עפעס „פין און ניט „פיין" (מיט צוויי יוד'ן), און אליין נעגעבען דעם תירוץ, אז א פנים עס פעהלט איהם דער „פינטעל יוד". דארויף האט איהם פין געענטפערט, אז באמת האט ער געהייסען פיין, מיט צוויי יוד'ן, נאר פון רחמנות וועגען האט ער איין יוד אוועקגע־ליהען „אברהם דובער הכהן לעבענזאהן", א נאמען פון דריי־און־צוואנציג אותיות, און האט ניט איין יוד!

דער אייגענער רבי אייזיל האט איהם אויך אמאל געזאגט, אז ביי איהם, א פנים, איז פארביטענע יוצרות, אנשטאט וואס זיינע ציגעל (פין האט געהאט אן אייגענע ציגעלניע) האבען געדארפט זיין הארט און זיין לשון ווייך, איז גאר ביי איהם גראד קאפויר — די ציגעל ווייך און די שפראך — הארט...

אין יאהר 1860 האט ער אנגעפאנגען ארויסצוגעבען א העברעאי־שען זשורנאל מיט'ן נאמען „הכרמל", וועלכער איז עלף יאהר נאכאנאנד וועכענטליך, מיט קליינע אונטערברעכונגען, ארויסגעגאנגען. אין יאהר 1871 איז ער פארוואנדעלט געווארען אין א מאנאטליכען זשורנאל און כסדר ארויסגעגאנגען ביז 1880.

אין דעם דאזיגען זשורנאל האבען זיך באטייליגט די גרעסטע אידישע געלעהרטע פון יענער צייט, ווי: מתתיהו שטראשון, שד"ל, יעקב רייפמאן, שניאור זק"ש, מרדכי פלונגיאן, אדם הכהן, אלעזר צווייפעל, קלמן שולמאן און נאך.

אין די לעצטע צעהן יאהר פון זיין לעבען, כאטש זייענדיג שוין א זקן אין די זעכציגער יאהרען און זייענדיג שטענדיג פארנומען מיט געזעלשאפטליכע ארבייט, האט ער געשאפען צוויי ענציקלאפעדיעס, אויף וועלכע א גאנצע קאלעגיע האט געדארפט דארויף ארבייטען. דאס זיינען: דער „אוצר לשון המקרא והתלמוד", די שרשים און מקורים פון אלע ווערטער וואס געפינען זיך אין תלמוד, וועלכער איז ליידער געבליבען נישט פארענדיגט, און דער ספר „כנסת ישראל", ענטהאלט א רשימה פון פינף טויזענד גדולי ישראל פון זמן הגאונים ביז צו אונזער דור, פון יעדען איינציגען א קורצע ביאגראפיע און דעם כאראקטער און אינהאלט פון זייערע ספרים. פאר דערזעלבער צייט האט ער ארויסגעגעבען אין דער רוסישער שפראך א בוך אין דריי טהיילען איבער די גרונד־פרינציפען פון דער אידישער רעליגיע,

און דער בילדונגס־מיניסטער האט דאס באשטימט פאר א לעהר־בוך אין די אידישע שוהלען.

שמואל יוסף פין האט ווייניג וואס באנוצט זיין רייכקייט אויף פארגעניגענס. די פיהרונג פון זיין שטוב איז געווען ווי פון א פשוט׳ן בעל־הבית. אויב איך מאך ניט קיין טעות, גלויב איך, אז פין איז קיינמאל אין אויסלאנד ניט געפאהרען. דאגעגען האט ער פיעל געלד געספענדעט אויף איינצושאפען זיך א גרויסע ביבליאטהעק און אויף צו דרוקען זיינע אייגענע ספרים, וואס האבען איהם, אין פאר־לויף פון זיין לעבען, צעהנדליגער טויזענדער אפגעקאסט. צו דעם צוועק האט ער זיך איינגעשאפט אן אייגענע דרוקעריי, צוזאמען מיט ראזענקראנץ וועלכע האט עקזיסטירט צעהנדליגער יאהרען און פיעל פון די בעסטע ספרים ארויסגעגעבען.

אין יאהר 1856 איז פין אנגעשטעלט געווארען פון דער ממשלה פאר׳ן פאפעטשיטעל אויף די אידישע שולען פון ווילנער אקרוג. צו זיין שבח מוז מען זאגען, אז ער האט די גאנצע פינף־און־דרייסיג יאהר, וואס ער האט אנגעהאלטען די דאזיגע שטעלע, זיך ניט געפיהרט מעשה טשינאווניק און פלעגט אפט אריבערקוקען אויף א סך זאכען, וואס האבען געקענט ברענגען צרות אויף די אידישע לעהרער און אויף די מלמדים.

שמואל יוסף פין האט געהאט די הצלחה צו דערלעבען און צו זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, דעם דאנק און די אנערקעננונג פון דער אידישער געבילדעטער וועלט פאר זיינע ליטעראַרישע און געזעל־שאפטליכע ארבייטען. שוין אין אנפאנג יאהר תרמ״ח האט זיך גע־בילדעט אין ווילנא א קאמיטע פון באוואוסטע ליטעראטען און כלל־טהוער, אויף צו פאראנשטאלטען א נאציאנאלען יום־טוב צו פינ׳ס זיבעציג יעהריגען געבורטס־טאג, אום ר״ח חשון, תרמ״ט. אין דער שפיץ פון דער קאמיטע זיינען געשטאנען: דער באנקיר שאול הור־וויץ, חיים בערלין, יוסף פריעדלענדער, ישעי׳ געציל באק און חיים ליב מארקאן. פון אלע עקען רוסלאנד׳ס, אויך פון אנדערע מדינות, האבען זיך אפגערופען די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטען מיט דער פאר־שפרעכונג צו נעהמען א חלק אין יובילעאום פייער. איבער צוויי הונ־דערט דעלעגאטען זיינען צוזאמענגעקומען פון נאהענט און פון ווייט, צו דעם דאזיגען מאדערנעם יום־טוב, וואס קיין איד אין רוסלאנד האט דערצו נאך ניט זוכה געווען. אזוי ווי פין איז געווען א מרוצה צו אלע סארטען קלאסען אידען, דעריבער איז אויך אזוי פיעל־פארביג געווען דער סטענדערד פון די דעלעגאטען. עס זיינען צונויפגע־קומען: פארצייטיגע און מאדערנע רבנים, בעל־הבית׳ישע עסקנים און היינטיגע כלל־טהוער, אסימילאטארען און נאציאנאליסטען און אלע

פארשידענע סארטען משכילים, פרומע און פרייע. אט די אלע האבען זיך פאראייניגט אויסצודריקען זייער דאנק און אנערקענונג צו א מאן, וועלכער האט ערצויגען צוויי דורות און געארבייט 55 יאהר פאר זיין פאלק.

א גאנצע וואך האט ווילנא געפייערט זיין יובילעאום. א חוץ דעם איז אויך געפייערט געווארען אין די שטעדט: קאוונא, פעטערבורג, אדעס, פאלטאווא, האמעל און יעקאטערינאסלאוו, וואו דאס אידישע אינטעליגענץ האט זיך צוזאמענגעקליבען פייערען דעם דאזיגען טאג. כמעט פון אלע גרעסערע אידישע קהלות זיינען אנגעקומען טעלעגראפישע באגריסונגען מיט די חתימות פון די פראמינענטסטע מענשען פון יעדער שטאדט. עס זיינען אויך אנגעקומען אדרעסען און באגריסונגען פון די גרעסטע רבנים און פון די הויפט אידישע אינטעליגענץ, ווי: באראן גינזבורג, די פראפעסארען לאצארוס און שטיינטהאל, גידעמאן, באבער, צדוק כהן, הילדעסהיימער, בערלינער און נאך. עס איז אויך צוגעשיקט געווארען פון פיעל קהלות א היבשע סומע געלד אויף צו שטיפטען אן אונטערשטיצונגס־פאנד פאר באדירפטיגטע אידישע געלעהרטע אויפ׳ן נאמען פון חתן־היובל.

דער שרייבער פון די דאזיגע צייל׳ען האט געהאט דעם כבוד צו זיין דאמאלסט דער דעלעגאט פון די ליבויער קהלה, און זיך באטהייליגט אין אלע פארשידענע פאראנשטאלטונגען וואס זיינען געמאכט געווארען לכבוד דעם יום טוב א גאנצע וואך. עס שטעהט נאך פאר מיינע אויגען דאס וואונדערבאר שעהנעס בילד, ווי דער עלטסטער ווילנער מורה הוראה, רבי שלמה׳לע, אנגעטהאן אין א זופיצע מיט א שטריימעל, צוזאמען מיט׳ן אכציג־יעהריגען דאקטאר טראכטענבערג, אנגעטהאן אין זיין גענעראלסקען אוניפארם, האבען אריינגעפיהרט אונטער די ארעמס דעם חתן־היובל אין זיין גרויסען ביבליאטעק־צימער, וואו עס האבען זיך געהאט פארזאמעלט די הונדערטע דעלעגאטען און געסט. פין האט אנגעהויבען זיין העברעאישע רעדע מיט פאלגענדע ווערטער: „יודע אני, כי אינני כדאי והגון לכבוד גדול כזה, אך קורא אני את דברי רבי יוסי שאמר: „מימי לא עברתי על דברי חברי, יודע אני בעצמי שאינני כהן, אומרים לי חברי עלה לדוכן אני עולה”. טובי חכמי ישראל הסכימו לכבדני, עלי לקבל הכבוד הזה”. אז פין האט געענדיגט זיין איינדרוקספולע רעדע, זיינען פארגעטראטען פאר איהם די פארשידענע דעלעגאציעס פון די קהלות און אינסטיטוציעס און פארגעלייענט די מיטגעבראכטע אדרעסען, וואס האבען פארנומען כמעט דעם גאנצען טאג. אין אווענד האט מען אין פין׳ס וואוינונג פאראנשטאלטעט א גרויסע סעודה, וואו עס האבען

זיך באטהייליגט אויסער די צוזאמענגעפאהרענע דעלעגאטען, אויך אלע ווילנער מורה־הוראות און די עלטערע משכילים.

אינטערעסאנט זיינען געווען די טיש־רעדעס, וואס מען האט גע־הערט אין פארשידענע שפראכען. אזוי ווי די מייסטע רעדנער האבען צום ערשטען מאל אין זייער לעבען בייגעוואוינט אזא מין שמחה — מיט פערציג יאהר צוריק האט מען נאך ווייניג וואס געוואוסט אין רוסלאנד פון יובילעאומס, פון באנקעטען און נאך אזעלכע אנשיקע־נישען — דעריבער איז רעכט געווען, אז א רב אין זיין רעדע האט געזוכט צורעכט צו מאכען א שווערען רמב"ם; א דאקטאר האט גערעדט וועגען נייע מעדיצינישע ערפינדונגען און א לעהרער — וועגען פעדא־גאגיע. כדאי צו באמערקען, אז די בעסטע שירים, וועלכע זיינען פאר־פאסט געווארען לכבוד דעם חתן־היובל, זיינען גראד געווען פון צוויי גרויסע רבנים, פון רבי יעקב דוד סלוצקער (רידב"ז) און פון רבי פינחס ראזאווסקי פון סוועציאן.

די מייסטע דעלעגאטען זיינען פארבליבען אין ווילנא די גאנצע וואך, וואו יעדען טאג איז מען צוזאמענגעקומען אין אן אנדער הויז, און אנדערע זיינען נאך פארבליבען ביז איבער שבת, ווען פין האט איינגעלאדען צו זיך אויף טשאלענט. אן אנגענעהמע עראינע־רונג איז ביי מיר פארבליבען פון יענער סעודה, א דאנק דעם פאלגענ־דען עפיזאד: מיר איז גראד אויסגעקומען צו זיצען ביים טיש צווישען קלמן שולמאן און נפתלי משכיל לאיתן, נעגענאיבער פין'ען. אין מיטען עסען הער איך ווי פין זאגט צו שולמאנ'ען: „ר' קלמן, מיר מעגען זיך ביידע שעהמען פאר דעם יונגען מאן" — ווייזענדיג מיט'ן האנט אויף מיר. „שוין פופציג יאהר זייט מיר ביידע שרייבען אויף לשון קודש און קנאפע פראפיטען געהאט, און הערר מארק האט שוין, ווי איך הער, גוטע געלד פאר זיין לשון־קודש שרייבען געמאכט (מיין בוכהאלטעריע האב איך דאמאלסט געהאט ארויסגעגעבען בלויז אין העברעאיש), און א סברה, אז ער ברענגט זיינע לעזער מעהר פראקטי־שע נוצען ווי מיר האבען זיי געבראכט". איך האב באדאנקט פין'ען פאר זיין גוטע מיינונג איבער מיר, און געענטפערט שולמאנ'ען אויף זיין תמימות'דיגע פראגע: ווער עס איז געווען מיין רבי אין בוכ־האלטעריע, אז איך האב געקענט ווערען א רבן של בני הגולה? — דאס מיין רבי איז געווען רב פפא. נפתלי משכיל לאיתן, א בקי אין גאנץ ש"ס, האט האסטיג א מאך געטהאן מיט'ן האנט אויפ'ן שטערן און אנגעפאנגען דורכצולויפען ש"ס, צו געפינען וועלכע שייכות רב פפא האט מיט בוכהאלטעריע. פין אבער האט גלייך פארשטאנען מיין געדאנק, אז ביי מיר איז ניט דוקא רב פפא, איך מיין בלויז דערמיט צו זאגען א דאנק די גמרא, וואס האט מיין שכל געשארפט האב איך

דאס דערגרייכט, און גיט איהם א זאג מיט א שמייכעל: „ניט נויטיג, רבי נפתלי, ווייט צו זוכען, מיר וועלען ביי הערר מארק פועל׳ן, דאס ביי איהם זאל אויך רעכט זיין רב חסדא אדער רב זביד אדער אן אנ־דער אמורא...“

פין האט איבערגעלאזען איין זוהן — דעם דאקטאר בנימין פין, געוועזען איינער פון די בעסטע און איידעלסטע אידישע דאקטוירים אין ווילנא, א ווארימער איד און א גרויסער בעל־צדקה, און האט איבער־גענומען נאך זיין פאטער׳ס טויט די לייטונג פון די „חובבי־ציון“ אין ווילנא און אומגעגענד. ער איז ליידער יונגערהייט געשטארבען.

פין איז נפטר געווארען ד׳ שבט תרנ״א, און זיין לויה איז געוועזען איינע פון די גרעסטע וואס איז ווען פארגעקומען אין ווילנא.

# דר. יהודה ליב קאַנטאָר

געבאָרען אין ווילנא תר״ט, געשטאָרבען אין ריגא סיון תרע״ח.

צו אַלץ מוז מען מזל האָבען, אפילו צום שטאַרבען. עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט גרויסע בעלי־מזל, וואָס זיי גיט זיך איין צו שטאַרבען אין אַ פּאַסיגער צייט, אין אַ שעהנעם קלאָהרען טאָג, און זיי זיינען טאַקע זוכה צו האָבען גרויסע און פּראַכטיגע לויות מיט אַ סך באַגלייטער, מיט אַ מאַסע קאַרעטעס, מיט פערד און אָהן פערד, און עס זיינען פאַראַן שלימ־מזל׳ס ר״ל, וואָס געהען אוועק פון דער וועלט גראַד אין אַ מיאוס׳ן וועטער, מיט ווינט און רעגען, מיט שניי און האָגעל, אַז ביז צום ריינעם אָרט דערשלעפּען זיך קוים אַ מנין.

איך זאָג עס אנטקעגען דר. קאַנטאָר. ווען אַזאַ באַדייטענדע פּערזענליכקייט ווי דר. קאַנטאָר, איינער פון אונזערע גרעסטע משכילים אין פאַרגאַנגענעם דור; דער גרינדער פון דער טעגליכער העברעאישער פּרעסע; דער ראַבינער פון גרויסע אידישע קהלות, ווי ליבוי, ווילנא און ריגא, און דער וויכטיגער כלל־טוער פאַר אַ משך פון פערציג יאָהר — וואָלט אוועק פון דער וועלט אין אַ נאָרמאַלער צייט, וואָס פאַר גרויסע הספּדים וואָלט מען איהם אומעטום געמאַכט, די גאַנצע אידישע פּרעסע, אין איהרע פאַרשידענע שפּראַכען, וואָלט פול געווען מיט נעקראָלאָגען, אָבער ניט האָבענדיג קיין מזל, דאַרף ער גראַד אוועקשטאַרבען אין רעכטען מיטען מלחמה־טומעל, אין אַפּריל 1915, בעת די דייטשע חיילות זיינען געשטאַנען פערציג ווערסט פון ריגא; בעת אין ריגא זיינען צוזאַמענגעלאָפען איבער פערציג טויזענד אידען וואָס מען האָט דאָמאָלסט אַרויסגעטריבען פון קורלאַנד און פון די אַרומיגע ליטווישע שטעדט, און דער דאָמאָלסטיגער ריגאַ׳ער גענעראַל־גובערנאַטאָר — דער פּאָגראָמשטשיק קורלאָוו — האָט יעדען טאָג גע־דראָהט זיי אַרויסצושיקען, וואָס נאָר אַ דאַנק די עטליכע צעהנדליג טויזענד רובעל, וועלכע מען האָט איהם דערלאַנגט מתן בסתר (היינט מעג מען דאָס אויסזאָגען), איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער גירוש אויף אַ חודש צייט. פאַרשטעהט זיך, אַז אין אַזאַ צייט האָט קאַנ־טאָר׳ס טויט ניט געקענט מאַכען דעם גרויסען רושם, וואָס ער וואָלט געמאַכט אין אַ נאָרמאַלער צייט. די אָרטיגע פּאָליציי האָט נאָך דערצו מיט דעם כח פון קריעגס־צושטאַנד פאַרבאָטען פיעל הספּדים צו מאַכען,

און אויך נאָר ערלויבט צו ריידען בלויז אויף דער רוסישער שפּראַך, ווייל דייטש און אידיש איז איבערהויפּט געווען פאַרבאָטען עפענט־ליך צו רעדען, און אויף העברעאיש האָבען זיי געמאכט אַ באַזונדער איסור, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט מען די דאָזיגע פרעמדע שפּראַך באַנוצען צו אַ קאָנספּיראַציע. אידישע צייטונגען זיינען אין יענער צייט ווענינ וואָס געגאַנגען. אַ גרויס שטיק פּוילען און אַ חלק ליטא זיינען שוין דאַמאָלסט געווען אָקופּירט פון די דייטשען, און בכלל איז ריגא שוין געווען אָפּגעשניטען פון אַ גרויסען טייל אידישער ישוב, אַז דר. קאָנטאָר'ס טויט איז שטיל פאָראיבער. „ניכט געזונגען און ניכט געקלונגען“, ווי היינע זאָגט.

פאַר אַלע אידישע גדולים פון פאָריגען דור איז פאַר קיינעם ניט געווען אַזוי גרויס די סכנה פאַרגעסען צו ווערען, ווי פאַר דר. קאָנטאָר, ווייל טראָץ זיין פיעלזייטיגעם וויסען און ווירקען אויף אַלע ליטעראַרי־שע געביטען: אין דער יוגענד אַלס טאַלאַנטפולער משורר; שפּעטער אַלס פעליטאָניסט און פּובליציסט — האָט ער נאָך אַלעם דעם קיין איינציגען ווערק ניט נאָכגעלאָזען. אויך האָט ער זעלטען־ווען זיין נאָמען געצייכענט, שטענדיג זיך באַהאַלטען אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָ־נימען, ווי: עוזר בן נחום הציוסקי, מנחם־אב, עוקץ, קרטון, אבי־מוסיא און נאָך מעהרערע אַזעלכע פּסעוודאָנימען. אמת, זיינע צייט־גענאָסען האָבען, פון זיין גאָט־געבענשטען סטיל און אינהאַלט, שטענ־דיג דערקענט דעם מייסטער, אָבער פאַר די קומענדע דורות וועט דאָס אַלץ בלייבען אונבאַוואוסט. איבערהויפּט האָט איהם געפעהלט די אַמביציע צו וועלען בלייבען אומשטערבליך. בעת מיר האָבען אין ליבוי געפייערט זיין פופציג יעהריגען יובילעאום, אין יאָהר 1899, און זיינע פריינד האָבען געהאַט בדעה אַרויסצוגעבען אַ זאַמלונג פון זיינע אויסדערוועהלטע שריפטען, האָט ער אַליין דערצו ניט דערלאָזען, און בכלל ניט צוגעלאָזען מאַכען אַ גרויסען וועזען פון זיין יובילעאום. דעריבער איז זיין פופציג יעהריגער יובילעאום, דער איינציגער יובי־לעאום וואָס ער האָט איבערהויפּט געפייערט, גאַנץ שטיל און אָהן אויפזעהן פאַרבייגעגאַנגען און געטראָגען מעהר דעם כאַראַקטער פון אַ געוועהנליכען פאַמיליען־יום־טוב. פון אויסערוועהלטס האָט זיך נאָר אָפּגערופען זיין ווילנער יוגענדפריינד, מר. טריוואַש (שפּעטערער רע־דאַקטאָר פון „הזמן“) און אין אַ קורצען אַרטיקעל, אין זיבעטען לוח אחיאסף, אונטער דער קעפּעל: „מקצת שבחו בפניו“, אָנגעמערקט איינינע שטריכען פון זיין לעבען.

אַזוי ווי איך האָב געהאַט דאָס גייסטיגע פאַרגעניגען צו לעבען צוזאַמען מיט דר. קאָנטאָר'ן אַז ערך פון פופצעהן יאָהר אין איין שטאָדט, פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען ראַבינער אין ליבוי,

און בין געווען מיט איהם אינטים באפריינדעט, געפין איך פאר מיין חוב צו געבען עפעס מאטעריאל דעם צוקינפטיגען היסטאריקער. דען באמת אויסער טריוואש'עם אויבענדערמאנטער ארטיקעל און א קורצע ביאגראפיע אין דעם רוסיש־אידישען בראקהויז־עפראן לעקסיקאן איז ערגעץ־ניט פאראן קיין שום נאטיץ איבער קאנטאר'ס לעבען.

קיין איינציגער פון אלע זיינע צייט־גענאסען האט ניט דורכגע־מאכט אזעלכע גלגולים אין לעבען, ווי דר. קאנטאר. ערצויגען גע־ווארען אין א שטרענג־ארטאדאקסישע הויז, ביי זיין פאטער ר' יוסף, דער געהילף־חזן פון דער גרויסער שול אין ווילנא, געלערענט גמרא און פוסקים ביז צו 17 יאהר. דערנאך געענדיגט ראבינער־שול אין זשיטאמיר. פון דארטען אוועק קיין בערלין און אויסשטודירט דאקטאר מעדיצין. טראץ וואס די פראפעסארען האבען איהם פראפעצייעט א גלענצענדע צוקונפט אלס דאקטאר, האט ער דאס אוועקגעווארפען און בעסער געווארען דער געהילפס־רעדאקטאר פון דער „הצפירה" אין בערלין. שפעטער אריבער אין פעטערבורג, אוועקגעווארפען שרייבען העברעאיש און געווארען איינער פון די פראדוקטיווסטע רוסישע זשורנאליסטען. געגרינדעט און רעדאקטירט א לענגערע צייט דעם „רוסקי יעוורעי", און ערשט אין יאהר 1886 ווידער צוגעטרעטען צו דער העברעאישער ליטעראטור; געגרינדעט דעם „היום", די ערשטע טעגליכע צייטונג אויף העברעאיש, און אין צוויי יאהר ארום, אז דער „היום" איז אונטערגעגאנגען, איז ער אריינגעטראטען אלס רעדאקטאר אין „המליץ". אין יאהר 1890 האט ער פארווארפען זיין ליטעראַרישע קאריערע און אנגענומען א ראבינער־שטעל אין ליבוי. פון דארטען איז ער אין יאהר 1904 אריבערגעגאנגען אלס ראבינער אין ווילנא, און אין יאהר 1911 איז ער אויסגעוועהלט געווארען פאר א ראבינער אין ריגא, וואו ער איז געשטארבען אלס ראבינער.

טראץ די אלע פארשידענע גלגולים וואס ער האט דורכגעמאכט, איז ער געווען און פארבליבען ביז צום סוף א ווילנער איד, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות. דער גרויסער משורר יהודה ליב גארדאן איז אויך געווען א ווילנער, אבער וואס פאר א געוואלדיגער אונטער־שיד איז געווען צווישען זיי ביידען, סיי אין זייער כאראקטער און סיי אין זייער אידישער וועלט־אנשויאונג. (דאס ערקלעהרט זיך אויך די סיבה פון דעם אנטאגאניזם, וואס האט געהערשט צווישען זיי ביידען אין זייער גאנצען לעבען), קאנטאר איז געווען פון דער נאטור א הערצענס־גוטער מענש, געהאט שטענדיג ארום זיך א קרייז פון גוטע פריינד, צוגענומען יעדען מענשען בסבר פנים יפות און עס איז געווען א ווירקליכער גענוס מיט איהם צו פארברענגען. גארדאן, דאגעגען, איז געווען א פארשלאסענער מענש, זיין הויז איז נאר אפען

געוועזן פּאָר איינצעלנע געצעהלטע מקורבים; ליעב געהאַט צו שפּילען די ראָלע פון אַ רוסישען טשינאָווניק, און פאַרבליבען ביז צום ענד פון זיין לעבען אַ געגנער פון רבנים. קאַנטאָר איז גראָד געוועזן דער היפוך. נאָך זייענדיג אין פּעטערבורג, פלעגט ער זוכען די באַקאַנט־שאַפט פון רבנים, און ווער רעדט נאָך פאַר דער צייט וואָס ער איז געוועזן ראַבינער, פלעגט מען איהם אָפט טרעפען אין אַ קרייז פון רבנים און לומדים, זיך מפלפל'דיג זיין אין אַ שווערען ענין: גמרות אַנגעוואָרפען אויפ'ן טיש, צוהיצט און צוקאָכט, מאַכענדיג מיט די הענט, אַז ער פלעגט בשעת מעשה אויסזעהן ווי אַ בטלן, וואָס איז אָט ערשט אַרויס פון קלויז.

דר. קאַנטאָר איז געווען, נאָך מיין מיינונג, דער גרעסטער למדן צווישען די אַלע משכילים פון זיין דור. זיין כח הזכרון איז געוועזן פענאָמענאַל ממש קיין שכחה ניט געהאַט. ווען ער וואָלט נאָך געוועזן אויך אַ מתמיד, האָט ער געקענט ווערען איינער פון די גרעסטע גאונים. בעת ער איז אַנגעקומען אין ליבוי, האָט ער פריהער, אין אַ משך פון פינף־און־צוואַנציג יאָהר, כמעט אַ גמרא אין האַנט ניט אַריינ־גענומען און טראָצדעם פלעגט ער זאָגען הדרנ'ס אין חברה ש"ס עפּ"י דרך הפּלפּול, און האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ הדרן אויף ש"ס, אַ פּלפּול אויף „ציץ מרצה", וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. בכלל האָט ער ליעב געהאַט צו רעדען אין לערנען. איך ערינער מיך, ווי ער האָט מיר אַמאָל אַנגעזאָגט מיט שמחה, אַז ער האָט געפונען אַ תירוץ אויף רבי עקיבא איגר'ס קלאָץ־קשיא אין ערשטען פּרק ראש־השנה, אין דער גמרא פון „בחריש ובקציר תשבות".

קאַנטאָר איז געוועזן דער ערשטער העברעאישער זשורנאַליסט, וואָס איז צוגעטראָטען צו דער ספרות מיט אַ גרויס באַגאַזש אוניווערסאַלע ידיעות און מיט אַן אַקאַדעמישער בילדונג. ביז קאַנטאָר'ן פלעגט מען רעכנט אָפט באַגעגנען אין דער העברעאישער ליטעראַטור משוררים, וועלכע האָבען קיין אַהנונג ניט געהאַט פון די אַנדערשפּראַכיגע דיכ־טער; שרייבער איבער חכמת הטבע, ניט קענענדיג די עלעמענטאַרסטע כללים פון פיזיק און דערגלייכען. אינטערעסאַנט זיינען אויך זיינע ליטעראַרישע גלגולים: אַריינגעטראָטען אין דער ליטעראַטור אַלס סאַטירישער משורר, אַלס אַ שטעכעדיגער פּעליטאָניסט; אַריבערגע־גאַנגען צו ערנסטע פּובליציסטיק און שפּעטער, וועהרענד ער איז געוועזן אַ רעדאַקטאָר, געוואָרען איינער פון די בעסטע און גייסטרייכסטע פּאָליטיק שרייבער.

מיין ערשטע פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט קאַנטאָר'ן איז געוועזן אין יאָהר 1890, בעת ער איז אַנגעקומען קיין ליבוי אַלס קאַזיאָנער ראַבינער. פאַר די גאַנצע פופצעהן יאָהר וואָס מיר האָבען געלעבט

אין איין שטאָדט, איז כמעט ניט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג, וואָס מיר האָבען זיך ניט געזעהן. מיר האָבען געאַרבייט צוזאַמען אין פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, באַזונדערס אין דער יק"א־געזעלשאַפט, וואו ער איז געווען פּרעזידענט. אין דער ערשטער צייט ביז איך צוואַר געווען זיינער אַ געגנער, דורכדעם וואָס ער האָט געוואָלט שפּילען די ראָלע אויך פון אַ דוכאָוונעם רב. איך האָב ביי זיך בשום אופן ניט געקענט פּועל'ן, אַז דער אַמאָליגער אפיקורס עוזר בן נחום הציוסקי פון „השחר" זאָל פאַרטרעטען די שטעל פון אַ דוכאָוונעם רב אויך, ניט קוקענדיג וואָס די הנהגת־הבית זיינע, בעת ער איז געווען אין ליבוי, איז געווען זעהר אַ פרומע, מיט אַ שטרענג־כשר׳ע קיך און מיט אָפּהיטען שבת ביז צום אַרומוויקלען די נאָזטיכעל איבער׳ן האַנט. שפּעטער האָט ער אַליין איינגעזעהן, אַז די ראָלע איז ניט פאַר איהם, זיך אויפגעהערט צו מישען אין די ענינים, וועלכע געהערען צו אַ מורה הוראה און דערמיט געוואונען די סימפּאַטיע פון אָרטאָדאָקסישע אידען.

איינע פון זיינע הייליגסטע וואונשען איז תמיד געווען, אַז זיין געבורטס־שטאָדט ווילנא זאָל איהם נעהמען פאַר אַ ראַבינער. ער האָט מעהרערע מאָל זיך געשטעלט צום וואהל און איז יעדעס מאָל דורכגעפאַלען. זיינע הויפּט־געגנער זיינען געווען די אָרטאָדאָקסישע אידען און די מורה־הוראות, ווייל ער איז געווען פאַר זיי צופיעל איך און למדן, און זייערע אַרגומענטען זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ קאַזיאָנער רב איז אַ גזירת המלכות, הייסט צו וואָס זיך אויספּוצען מיט אַ שעהנע גזירה? אדרבה, וואָס מעהר מען מאַכט איהם ביליגער איז פאַר אידען אַלץ בדאי׳ער. די התנגדות האָט אויך אָנגעהאַלטען נאָכדעם אַז ער איז סוף־כל־סוף אין יאָהר 1904 אָנגעקומען אין ווילנא פאַר אַ ראַבינער, און האָט בכלל פון די זיבען יאָהר וואָס ער איז געזעסען אין ווילנא קיין גרויס נחת ניט געהאַט. ניט איינמאָל האָט ער באַדויערט, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזען ליבוי, די אינטעליגענטע שטאָדט, וואו ער האָט געלעבט מיט גרויס אַכטונג און אָנזעהן, כאָטש די ווילנער אידישע קהלה איז פּינה מאָל אַזוי גרויס, ווי די ליבויער. ער איז פון נאַטור געווען אַן אַריסטאָקראַט, אויך צופיעל איינאָפּעער, אום צו קענען האַרמאָנירען מיט דעם ווילנער המון, וואָס ביי זיי איז געווען אַ קאַזיאָנער רב אַ מין טשינאָווניק, פאַר וועמען מען דאַרף אַרונטערנעהמען די היטעל, אָדער איהם מאַכען ווי די בלאַטע גלייך, דעריבער טאַקע האָט ער מיט גרויס פריידן אָנגענומען אין יאָהר 1911 די רבנות אין ריגא, — אַן אינטעליגענטע אידישע קהלה מיט אַ דייטשער קולטור.

עס איז ווירקליך צו באַדויערען, אַז פון אַזאַ שאַפענדען גייסט, מיט אַזאַ גאָלדענעם פעדער, איז קיין איינציג גאַנצע ווערק ניט נאָכגעבליבען. ווי מיר איז באַוואוסט, האָט ער נאָכגעלאָזען אַ סך ניט איינגעאָרדענטע כתבים און אַ זאַמלונג פון הונדערטער ליטעראַרישע בריעף: אויך האָב איך ביי איהם אַמאָל געזעהן אַ פאַרטיגען ספר, גרייט צום דרוק, מיט דעם נאָמען „אייזיק מאיר דיק ובני דורו“, אַן אמת'ער אוצר וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ שטיק אידישע היסטאָריע פאַר אַ משך פון פופציג יאָהר. ליידער ווייס איך ניט וואו דאָס אַלץ איז אַהינגעקומען. זיינע קינדער (אַ זוהן און דריי טעכטער) האָבען באַלד נאָך זיין טויט פאַרלאָזען ריגאַ און אַריבערגעצויגען קיין פעטראָגראַד, און ווי דער שטייגער איז ביי אונזערע אַלע משכילים, זיינען די קינדער קנאַפּע מחותנים מיט העברעאיש. עס איז אינטערעסאַנט צו וויסען, וואו עס איז אַהינגעקומען זיין גרויסע און רייכע ביבליאָטעק, אויף וועלכער ער האָט זיין גאַנצען לעבען געאַרבייט. קאַנטאָר האָט כל ימיו געלעבט בדחקות און פלעגט זיין לעצטע פרוטה אויסגעבען אויף צו קויפען ספרים. איך בין אַמאָל אַריינגעגאַנגען ביי איהם ווינטער־צייט און איהם געפונען אַרומגעהענדיג איבער'ן שטוב פריערענדיג פון קעלט, ווייל עס איז ממש ניט געווען קיין געלט אויף צו קויפען האָלץ, און זאָגט מיר אַן מיט שמחה, אַז ער האָט היינט באַקומען צו קויפען אַ זעלטענע מציאה — אַ קליינע אויסגאַבע פון אלפס אין 21 כרכים פאַר 19 רובעל!

דר. קאַנטאָר האָט בכלל פאַרבראַכט זעהר אַ שווער לעבען. זיין פרוי, אַ זעלטענע אשת חיל, איז איהם יונגערהייט אַפּגעשטאָרבען און ער האָט מעהר ניט געהייראַט. בכלל האָט ער דער וועלט מעהר געגעבען ווי די וועלט איהם, און עס וואָלט ווירקליך געווען אַ יושר, און אפשר אויך ניט קיין שלעכטער געשעפט, אַרויסצוגעבען קאַנטאָר'ס אויסגעוועהלטע שריפטען, וואָס זיינען צוזעעט און צושפּרייט אין אַלע העברעאישע זשורנאַלען און צייטשריפטען, וועלכע האָבען נאָך היינט אַ ליטעראַרישען אָדער אַ היסטאָרישען ווערט, כדי זיין נאָמען זאָל ניט פאַרגעסען ווערען.

# דר. יהודה ליב קאצנעלסאָן

## (בוקי בן יגלי).

געבאָרען אין טשערניגאָוו תר"ז, געשטאָרבען אין פּעטערבורג, טבת תרע"ז.

ביז היינט איז נאָך ניט געשריבען געוואָרען אַן אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פון דעם דאָזיגען געניאַלען מענשען, וועלכער איז געוועזען איינער פון די פעהיגסטע און באַליבטסטע ליטעראַטען אין דער העב־רעאישער און רוסישער שפּראַך, פאַר אַ משך פון פערציג יאָהר. אמת, אין דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען האָט ער אַליין אָנגעפאַנגען צו שרייבען זיין ביאָגראַפיע פון די קינדער־יאָהרען אָן, וואָס עס איז ערשינען פאַר דערזעלבער צייט אין „ראַזסוויעט“ און אין דעם אידישען טאָגבלאַט“ אין פּעטערבורג; ער איז אָבער אין מיטען געשטאָרבען און זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט נאָר דערגרייכט ביז צום יאָהר 1872, בעת ער איז אַריין אין דער אוניווערזיטעט שטודירען מעדיצין. עס איז מיר אונבאַקאַנט אויב אין זיינע נאָכגעלאָזענע שריפטען האָט מען געפונען זיין אויטאָביאָגראַפיע פאַרענדיגט. איך ווייס נאָר, אַז אין די לעצטע צוויי חדשים פון זיין לעבען, מערקענדיג אַז עס קומט באַלד דאָס ענד, האָט ער מיט די לעצטע כחות געאַרבייט ביי דיזען ווערק; און מיט אַ פילאָזאָפישען שמייכעל פלעגט ער אָפט זאָגען, אַז ווי שלעכט און גרויזאַם דער מלאך־המות זאָל ניט זיין, וועט ער דאָך מיט איהם איינזעהעניש האָבען און איהם דערלאָזען דאָס דאָזיגע ווערק ענדיגען. באמת איז די דאָזיגע לעצטע ווערק זיינע געווען אַ מייס־טערווערק. זעלטען ווען האָט אַ בוך אַרויסגערופען אַזאַ אינטערעס ביים לעזער־קרייז, ווי די דאָזיגע לעבענסבאַשרייבונג, וואָס אַ חוץ דער מייסטערהאַפטער סטיל, האָט עס אויך אַ קולטור־היסטאָרישען ווערט.

פאַר די יעניגע, וועלכע זיינען ניט באַקאַנט מיט זיין ביאָגראַפיע, וועל איך דאָ גאַנץ קורץ איבערגעבען: געבאָרען אין טשערניגאָוו אין 1847. זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבען און ער איז פאַרבליבען אַן אָרימער יתום. געלערענט אין תלמוד תורה׳ס, געליטען נויט און הונגער, און אַז ער איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, האָבען זיינע קרובים איהם אָפּגעגעבען צו אַ סופר סת"ם, כדי זיך אויסצולערנען אַ מלאכה. נאָך צוויי יאָהר פלאָגעניש מיט שרייבען מזוזות און מאַכען

רצועות און דערביי ניט האָבען זאַט צו עסען, איז ער אַנטלאָפען פון טשערניגאָוו און כמעט געהענדיג צופוס געקומען צו זיינע קרובים אין באַברויסק. דאָרט איז ער אַריין אין דער ישיבה און געלערענט פיער יאָהר בהתמדה, געגעסען טעג ביי די קרובים און געקלעהרט זיך צו נעהמען צו רבנות. דורך אַ צופאַל איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט אַ בחור אַ משכיל, און בשתיקה פון זיינע קרובים, פאַנאַטישע חסידים, האָט ער זיך צו נייצעהן יאָהר אָנגעפאַנגען צו לערנען די רוסישע שפראַך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ ביסעל געלד און מיט נויטיגע רעקאָמענדאַציעס, איז ער אַוועק קיין זשיטאָמיר און אַריינגעטראָטען אין ראַבינער־שול, וואו ער איז פאַרבליבען אַן ערך זעקס יאָהר. ניט וועלענדיג זיין אַ ראַבינער, איז ער אַוועק קיין מאָסקווע און אין קנאַפע פיער יאָהר אויסשטודירט מעדיצין, און באַלד געקראָגען אַ רעגירונגס־שטעלע פאַר אַ מיליטער־דאָקטאָר. אַז עס האָט אין דעם זעלבען יאָהר אויסגעבראָכען די רוסיש־טערקישע מלחמה, איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרען אויפ׳ן שלאַכטפעלד קיין טערקיי. פון דאָרט צוריקגעקעהרט מיט גרויסע אויסצייכענונגען פאַר טאַפּפערקייט, און באַקומען אַ מלוכה־שטעלע אַלס דאָקטאָר אין דער „אַלעקסאַנדראָוו־סקאַ באָלניצאַ" אין פעטערבורג, אַ שטעלע וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען ביז צום ענד פון זיין לעבען. אַ חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט אַן אויסגעברייטעטע פּריוואַט פּראַקטיקע, אַ דאַנק זיין באַריהמטען נאָמען אַלס אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין קינדער קראַנקהייטען, און פאַר אַ קליינעם מומחה אין אויפשטעלען אַ דאָקטאָר חשבון. באַזונדערס פּאָפּולער איז ער געוועזען ביים מיטעל־קלאַס, און איך האָב געקענט פאַמיליעס אין פעטערבורג, וואו דר. קאַצענעלסאָן איז געוועזען זייער הויז־דאָקטאָר פאַר די גאַנצע פערציג יאָהר וואָס ער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין.

צו דער רוסיש־אידישער ליטעראַטור איז ער צוגעטראָטען שוין זייענדיג אַ גאַנץ רייפער מענש, אין דעם עלטער פון דריי־און־דרייסיג יאָהר און דעריבער האָט ער ניט געברויכט דורכצומאַכען די שול, וועלכע די ליטעראַטען מוזען געוועהנליך דורכמאַכען, ביז זיי ווערען אויס דילעטאַנטען. שוין אין זיינע ערשטע פעליטאָנען אין „רוסקי יעוורעי", פון יאָהר 1880, האָט מען געמערקט דעם מייסטער און האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לעזע־קרייז, דורך זיין וואונדערבאַרען, שעהנעם סטיל און דורך דער בייסענדיגער, אָבער ניט ווייטועהנדיגער קריטיק. אַ ניט־וועניגער גרויסען רושם האָבען געמאַכט זיינע שפּעטערדיגע פּובליציסטישע און וויסענשאַפט־ליכע אַרטיקלען אין „וואָסכאָד", „בודושטשנאָסט" און אין אַנדערע פּע־ריאָדישע זשורנאַלען, אַז נאָך אין די ערשטע פּאָר יאָהר פון זיינע

ליטעראַרישע אַרבייט האָט ער דערגרייכט צו אַ גרויס פּאָפּולאַריטעט אין די רוסיש־אידישע קרייזן, וואָס אַנדערע האָבען דאָס דורך לאַנג־יעהריגע אַרבייט ניט דערלאַנגט.

נאָך אַ פּיעל־גרעסערע פּאָפּולאַריטעט און באַליבטקייט האָט ער זיך ערוואָרבען מיט זיין אַריינטרעטען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט פריהער אַליין ניט געוואוסט פון זיין גרויסען טאַלאַנט און פון זיין גאָט־געבענשטען העברעאישען סטיל, ביז זיין אינטימער פריינד, דר. קאַנטאָר, האָט דאָס ענטדעקט. דאָס איז געווען אין יאָהר 1886, בעת דר. קאַנטאָר האָט געגרינדעט די טעגליכע צייטונג „היום". דר. קאַצנעלסאָן האָט איהם צוגעשיקט אַן אַרטיקעל פאַר דעם ערשטען נומער, געשריבען אויף רוסיש און איהם געבעטען צו איבערזעצען אויף העברעאיש, אָבער דר. קאַנטאָר האָט איהם דעם אַרטיקעל צוריקגעשיקט און אויף איהם גוזר געווען אַליין אַנצושרייבען אויף העברעאיש. ערשט דאַן האָט דר. קאַצנעלסאָן אויסגעפונען, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שווער צו שרייבען העברעאיש, און טאַקע גלייך אָנגעפאַנגען צו שרייבען אין דער דאָזיגער שפּראַך, ניט נאָר פעליטאָנען און די באַוואוסטע „מכתבים מקרית רעב" אין דעם עכט מרדכי אהרן גינצבורג׳י־שען סטיל — נאָר אויך וויסענשאַפטליכע מאמרים, ווי: משנת יצירה, יסודי טומאה וטהרה, רמ"ח אברים ומסכת נגעים, אין אַ ריינעם משנה־לשון, וואָס פון דעם רמב"ם׳ס „יד החזקה" אַן איז אין דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור כמעט נאָך ניט געשריבען געוואָרען קיין שום ספר אין אַזאַ דייטליכער, פאַרשטענדליכער און פאָלקסטימליכער שפּראַך.

פאַר די צוויי יאָהר וואָס דער „היום" איז אַרויסגעגאַנגען, איז כמעט ניט געווען אַ נומער אָהן זיינעם אַן אַרטיקעל, און פון גרויס ליעבשאַפט צו דער העברעאישער שפּראַך, האָט ער אויפגעהערט אינגאַנצען צו שרייבען רוסיש. אויך שפּעטער, בעת דר. קאַנטאָר איז געוואָרען פאַר דריי יאָהר צייט דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", פלעגט ער דאָרט אויך אָפט שרייבען. מיט קאַנטאָר׳ס אַפּפאָהרען פון פעטערבורג האָט ער אויפגעהערט צו שרייבען אין דער טעגליכער העברעאישער פרעסע, אָבער ניט אויפגעהרט צו שרייבען אין פאַרשידענע העברעאישע זשורנאַלען און אין פעריאָדישע אויסגאַבען, ווי אין „היקב", „הגרן", „הגת" און דערגלייכען. עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָהנען, דאָס זיין מאמר אין „היקב" אונטער דעם נאָמען „קבורת נשמות", איז פאַרבליבען קלאַסיש און האָט אין זיין צייט אַ געוואַלדיגען רושם געמאַכט. דערצעהלענדיג אַז אַראַבישע לעגענדע האָט ער אין דעם איינגעוויקעלט אַ שטאַרקע קריטיק אויף די האַנדלונג פון אַ באַוואוסטע רייכען אידען אין פעטערבורג, אַ געוויסער לייב פריד־

לאַנד, וועלכער האָט, ווענדיג זיך צושמייכלען צו דער רוסישער מלוכה, צוזאַמענגעקויפט גרויסע אידישע ביבליאָטעקען (דעם וויאזאַ־נער'ס, דוב באַמפּיס פון מינסק און נאָך) און זיי געמאַכט אַ מתנה דעם אזיאַטישען מוזעאום אין פּעטערבורג, וואוהין עס איז פאַר אַ אידען שווער געווען אַריינצוקומען. כאָטש ער האָט זיך אונטערגע־צייכענט „אביזוהר", דאָך האָבען אַלע געוואוסט, אַז קאַצנעלסאָן איז דער אויטאָר און אַלע זיינען איהם דערפאַר דאַנקבאַר געווען.

פון אַלע אידישע געלעהרטע וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט דער מעדיצינישער וויסענשאַפט פון די חכמי התלמוד, האָט קיינער ניט (חוץ דר. מיכל ראַבינאָוויטש, פון פּאַריז), אַזוי גרינדליך דורכ־שטודירט די תלמוד'ישע אַנשויאונג איבער פּאַטאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע, ווי דר. קאַצנעלסאָן. אין זיינע צעהנדליגע מאמרים און באַזונדערס אין זיינע קלאַסישע ספרים רמ"ח אברים און מסכת נגעים. בעת איך האָב געהאַט דאָס ערשטע מאָל די געלעגענהייט מיט איהם פּערזענליך באַקאַנט צו ווערען, און דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר דרייסיג צוריק, בעת ער איז געקומען קיין ליבוי באַזוכען זיין בעסטען פריינד, דר. קאַנטאָר. ס'איז אַמאָל געקומען צו רייד וועגען זיין ספר רמ"ח אברים, און איך קען אין לעבן ניט פאַרגעסען דעם איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, מיט זיין גרויס התפּעלות און מיט זיין גרויס יראת־הכבוד פאַר די חכמי התלמוד. ווי ווייט זייער וויסען און זייער וויסענדראַנג האָט דערגרייכט, האָט ער געבראַכט אַלס ביישפּיל די גמרא אין בכורות (דף מ"ה), וואו עס ווערט דערצעהלט: מעשה בתלמיד רבי ישמעאל ששלקו זונה אחת שנתחייבה שריפה למלכות ומצאו בה רנ"ב עצמות. ער שטעלט זיך אין געדאַנקען פאַר, אַז אין ר' ישמעאל'ס ישיבה איז ענטשטאַנען אַ חלוקי דיעות אין דעם מספּר פון די מענשליכע אברים, ד. ה., וועלכער אבר קען שוין גערעכענט ווערען וואָס פאַר אַן עצם און וועלכער אבר האָט נאָך ניט גענוג פאַספאָר און ווערט גערעכענט פאַר געוועהנליכע בשר, וואָס דאָס איז אַ גרויסע נפקא מינה אין דין, בנוגע לטומאת מת און צו די דינים פון מומי בכורות. די תלמידים, זיך ניט קענענדיג אייניגען מיט טהעאָריען, האָבען זיי באַשלאָסען צו מאַכען פּראַקטישע אַנאַטאָמישע אונטערזו־כונגען, אָט אַזוי ווי עס פיהרט זיך אין אונזער צייט, אַז מען גיט איבער אין די קליניקען מענשליכע לייכען, וועלכע זיינען פאַראור־טהיילט געוואָרען צום טויט, צו באַנוצען אויף אַנאַטאָמישע אונטער־זוכונגען. אַ פּנים, אַז די תלמידים האָבען אויך געקראָגען אַזאַ טרופּ, וואָס זיי האָבען דאָס פריהער אויסגעקאָכט, כדי עס זאָלען אַרונטער די אַלע פליישׁ חלקים און נאָר איבערבלייבען די פאַרהאַרטעוועטע גלידער. „נו, הערט זיך צו"—האָט ער אויסגערופען מיט גרויס

התפעלות — „דאָס האָט פּאַסירט מיט אַן ערך 1800 יאָהר צוריק, בעת דער גרויסער גריכישער גאַלינוס, וואָס גילט אין דער מעדיצינישער וועלט אַלס דער ערשטער, וועלכער האָט זיך באַשעפטיגט מיט פּראַק־טישע אַנאַטאָמישע אונטערזוכונגען, איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. נאָך מעהר איז נתפּעל צו ווערען, אַז דאָס האָבען געמאַכט איינפאַכע ישיבה־בחורים, ניט קיין מעדיצינישע פּאַכלייט, און ניט צוליעב מעדיצינישע פאָרשונגען, נאָר צוליעב אָוועקשטעלען ריכטיג די הלכה, אַ זאַך וואָס אונזער פאַנטאַזיע קען זיך גאָר ניט פאָר־שטעלען, אַז דאָס זאָל היינט געמאַכט ווערען אין די ישיבות פון וואָלאָזין אָדער סלאָבאָדקא! און אָט די דאָזיגע קורצע מעשה מיט די תלמידי ר' ישמעאל, וואָס הונדערטער טויזענדער לערנער זיינען גלייכגילטיג דעריבער אריבערגעגאַנגען, האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען רושם און איינגעפּליסט אַזאַ גרויס רעספּעקט פאַר די חכמי התלמוד, אַז איך האַלט זיי פאַר די גרעסטע גייסטיגע כחות וואָס די מענשהייט האָט געשאַפען“.

אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבען מיט געזעלשאַפטליכע ארבייט, באַזונדערס שטאַרק טהעטיג געווען אין דער יק"א געזעלשאַפט און אין דער חברה „מפיצי־השכלה“, וואו ער איז יאָהרענלאַנג געווען איהר פּרעזידענט. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, און דאָס איז אויך געווען די סיבה וואָס ער איז ווייט געווען פון ציוניזם, וואָס באמת האָט עס געדאַרפט שטאַרק אַפּעלירען צו זיין אידיש־נאַציאָנאַליסטיש האַרץ. זיין איידעלער, זוויבערער כאַראַקטער האָט ניט געקענט זעהן, ווי צעדערבוים מאַכט אַ קרעמעל פון דעם חבת־ציון, און פיעלע לעזער וועלען נאָך געווים געדענקען זיין אונשטערבליכען פעלי־טאָן „מעשה בשלש פּרוטות“. ער האָט אויך ניט מסכים געווען צו אחד־העם'ס שיטה און איז בכלל געשטאַנען אין דיעזע פראַגען אויף דובנאָוו'ס פּלאַטפאָרם, שטענדיג געקעמפט נעגען דער אַסימילאַציע און אין דיעזער מלחמת־מצוה האָט ער אויך ניט געשאָנעוועט זיין לאַנג־יעהריגען פריינד, דעם פּראָפעסאָר באַקשט, וועלכער האָט גע־האַט אַ גרויסע נטיה צו אַסימילאַציע, שוין ניט ריידענדיג פון די אַפּטריניגע, ווי: כוואָלסאָן, קאָנסטאַנטין שאַפּירא און אַנדערע, וואָס האָבען ניט וועניג יסורים געהאַט אויסצושטעהן פון זיין בייסיגען פעדער.

אָנפאַנג 1916 האָט זיך געבילדעט אין פעטערבורג אַ קאָמיטע צו פייערען זיין זיבעציג־יעהריגען יובילעאום, אָבער צוליעב דעם מלחמה־טומעל האָט מען דאָס פאַרנאַכלעסיגט און ערשט אין מאָנאַט אָקטאָבער האָט די חברה „חובבי שפת עבר“, וואָס ער איז געווען איהר פּרעזידענט

און גרינדער, צוזאַמענגערופען א מיטינג פון אַלע זיינע פאַרעהרער און אָפּגעפּראַוועט אַ טרוקענעם באַנקעט. די משוררים טשערניכאָווסקי און שמעונוביץ האָבען פאַרגעטראָגען זייערע פאַרפאַסטע שירים לכבוד דעם חתן־היובל, איבער וועלכע ער איז געווען אַזוי געריהרט, אַז ער האָט זיי ביידען געדריקט צו זיין האַרץ, און מיט הייסע טרעהרען אויסגעדריקט זיין שמחה, אַז ער לאָזט ניט נאָך קיין דור יתום. מיט אַ זעלטענע וואַרימקייט האָט ער מיט יעדען איינציגען פון די פאַרזאַמעלטע זיך פאַראַפּשיידעט, ווי די האַרץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז צום לעצטען מאָל, וואָס ער זעהט זיך מיט זיי אַלעמען, און טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך אַהינגעלעגט אויפ'ן בעט, פון וועלכע ער איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

אַ לויה אַט ער געהאַט אַזאַ גרויסע, וואָס די אידישע פּעטערבורג האָט דאָס נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. פון די פאַרשידענע הספדים איז מען ערשט געוואויר געוואָרען פון זאַכען, וואָס פיעל האָבען ניט געוואוסט. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז טראָצדעם וואָס ער איז קיינמאָל קיין עושר ניט געווען, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געלאָזען באַצאָהלען פאַר זיינע ליטעראַרישע אַרבייט. אויך אין זיין מעדיצינישער פּראַקטיק איז ער געווען אַ ווירקליכער דזשענטעלמאַן. פון אָרימע פלעגט ער איבערהויפּט ניט נעהמען און אויך פון רייכע פלעגט ער זיך צופריידענשטעלען מיט וויפיעל מען האָט איהם געגעבען. ער איז ווירקליך געווען איינער פון די בעסטע אידען פון פאַריגען דור, אַ טיפּ פון אַן אמת'ען תלמיד־חכם, אַ איש השלם בתכלית השלימות.

# שאול פינחס ראבינאָוויץ

## (שפ״ר).

גע‏באָרען אין טאַוורוג תר״ה, געשטאָרבען אין פראַנקפורט כסלו תרע״א.

אַלע די וואס האבען פערזענליך געקענט אַט דעם דאָזיגען קליי־נינקען, דאַרינקען, מיט די לאַנגע צופודעלטע, זעלטען פארקעמטע האָר, מיט דעם שטענדיג פאַרכמארעט פינסטערן פּנים — האבען זיך אויף קיין פאַל ניט געקענט פאַרשטעלען, אז אין דעם דאָזיגען ניט־באַ־מערקבאַרען מענשעל געפינט זיך אַ זעהר ליכטיגע נשמה, אַ ברייטע הארץ פול מיט געפיהל און רחמנות, אַ טיעף דענקענדער מח, פול מיט תורה און חכמה, אַ גרויסער ווילענסקראַפט און אַ געוואַלדיגע ענערגיע. שאול פינחס ראבינאָוויץ איז געווען אַ גדול מחבריו אויף אַלע געביטען. אין לומדות איז ער העכער געשטאַנען פון אַלע משכילים אין זיין דור, און שפּעטער, אז ער האט זיך גענומען צו השכלה, האט ער, טראָץ זיין אָרטאָדאָקסישער הנהגה, פיעל מעהר אויפגעטהאָן פאר דער השכלה, ווי די מייסטע משכילים פון זיין צייט. ער איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וועלכער האט געשאַפען אַן אויספיהרליכע אידישע היסטאָריע אין אַ קלאַסישען העברעאיש, אַ מייסטער־ווערק, וואס וועט בלי ספק אריבערלעבען די אַלע אַנדערע שאַפונגען פון זיין צייט. שפ״ר איז געווען דער ערשטער העברעאישער רעדאקטאָר, וועלכער האט אָפּגעשאַפט בטלנות און איינגעפיהרט אַ פיינעם אייראָפּעאישען געשמאַק אין דער אידישער פּרעסע. געווען אַ כלל־טוער פאר עקסע־לאַנס, אַ פאַרטרעפליכער אָרגאַניזאַטאָר און געהערט צו די פּיאָנערען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האט אויך ארויסגעצייגט גרויס טאַלאַנט אין דער פּעדאַגאָגיע, בעת ער האט זיך אין דער יוגענט דער־מיט באַשעפטיגט. אַ חוץ די אַלע מעלות האט ער אויך געהאַט די מעלה פון „יאה עניותא לישראל״, אָבער די מעלה האט איהם, ליידער, פאַרביטערט זיין לעבען, דורך איהר האט ער זיינע גאַנצע יאָהרען פאַרבראַכט אין דאגות און דחקות, אין צער און יסורים, און האט איהם שטאַרק געשטערט אין זיינע שאַפונגען.

שאול פינחס ראבינאָוויץ איז געבאָרען אין יאָהר 1845 אין דער שטעדטעל טאַוורוג (קאָוונער גובערניע), וואו זיין זיידע, דער באַוואוס־סטער גאון ר׳ שימעלע בירזער, איז געווען רב. געלערענט תורה, צו־

ערשט ביי זיין פאָטער, שניפּישקער רב, און דערנאָך אין דער ישיבה פון רבי יעקב באָריט אין ווילנא. צו צוואַנציג יאָהר האָט ער שוין באַקומען סמיכות, אָבער אַנשטאָט צו זוכען אַ רבנות־שטעלע, האָט ער זיך גענומען צו בילדונג. זיין ערשטער לעהרער אין שפּראַכען איז געווען אַ דייטשער גלח, אָבער אַזוי ווי ער איז שוין דאַמאָלסט געווען נאָך דער חתונה און געברויכט צו זאָרגען פאַר חיונה, פלעגט ער מוזען אָפּגעבען די בעסטע צייט אויף צו לערנען מיט קינדער. אַ דאַנק זיין גרויס התמדה און אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען האָט ער אין משך פון דריי יאָהר גרינדליך ערלערנט אייניגע אייראָפּעאישע שפּראַכען צוזאַמען מיט זיין חבר צבי שאַפּירא (דער באַוואוסטער פּראָ־פעסאָר הערמאַן שאַפּירא, דער גרינדער פון נאַציאָנאַל־פאָנד), וועלכער איז שוין דאַמאָלסט אויך געווען אַ מטופל מיט ווייב און קינדער. זייער צוועק איז געווען צו פאָהרען קיין אויסלאַנד שטודירען, וואָס שאַפּיראַ'ן איז דאָס געלונגען און איז טאַקע שפּעטער געוואָרען אַ באַריהמטער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, אָבער שפ"ר איז ליידער געבליבען ביי זיינע מלמדות.

אין יאָהר 1871 איז שפ"ר אריבער קיין וואַרשוי, און כאָטש ער איז שוין דאַמאָלסט געווען מלא וגדוש אין חכמת ישראל און באַ־ריהמט דורך זיינע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע מאמרים אין „המגיד", האָט ער זיך צו קיין זאַך, אויסער מלמדות ניט געקענט צושלאָגען. ערשט אין יאָהר 1877 איז איהם געלונגען זיך צו באַפרייען פון קנעלען מיט קינדער, און באַקומען אַ שטעל אין „הצפירה" פאַר אַ געהילפס־רעדאַקטאָר. אַזוי ווי דער אייגענטליכער רעדאַקטאָר חיים זעליג סלאָנימסקי, האָט זיך נאָר באַשעפטיגט מיט די הימעלשע ענינים, מיט'ן כוכבא דשביט, מיט שאלות אין חכמת הנדסה וכדומה, איז באמת שפ"ר געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. פאַר די פיער יאָהר צייט וואָס ער האָט די צייטונג רעדאַקטירט האָט ער ערצויגען אַ קרייז לעזער מיט אַ בעסערען געשמאַק, וועלכע האָבען אויפגעהערט נתפעל צו ווערען פון „ועל המדינות בו יאמר", די חכמת הפּאָליטיקע פון „המגיד". ביי מיר קומט אויס, אַז דעם קרעדיט פאַר'ן אָפּשאַפען די בטלנות און אַריינברענגען אַ מאָדערנע ריכטונג אין דער אידישער פּרעסע, קומט אפשר מעהר שפ"ר'ן ווי דר. קאַנטאָר, אָדער דוד פרישמאַן און נחום סאָקאָלאָוו, ווייל ער האָט דאָס אויפגעטאָן נאָך מיט צעהן יאָהר פריהער פאַר זיי. דורך פאַרשידענע אומשטענדען איז ער גע־צוואונגען געוואָרען, אין יאָהר 1881, אַרויסצוטרעטען פון „הצפירה", און דאָ פאַנגט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין זיין לעבען, און צוואָר אַלס כלל־טהוער, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַ משך פון 25 יאָהר. פאַר דיעזער צייט איז דער קליינינקער, שטענדיג ברוגז'ער אידעל, אויסגעוואַקסען

אַ ריעז, געוואָרען אַ מעורב עם הבריות און געלייסטעט וואונדער־באַרע אַרבייט, באַזונדערס אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען.

באַלד ווי עס האָבען אין יאָהר 1881 אויסגעבראָכען די פּאָגראָמען, האָט שפ"ר תיכף פאַרלאָזען וואַרשוי און איז אַרומגעפאָהרען איבער די פּאָגראָמירטע שטעדט, צו זאַמלען מאַטעריאַל, אום דאָס צו פאַר־עפענטליכען אין די דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע צייטונגען, בכדי אַרויסצורופען די עפענטליכע מיינונג צום פּראָטעסט געגען דאָס פאַרווילדעטע רוסלאַנד; אגב, צו ערוועקען רחמנות אין די הערצער פון די רייכע אידען צו העלפען אויפריכטען די חרוב׳ע שטעדט. אונ־טערדעסען זיינען, דורך נויט און שרעק, צוזאַמענגעלאָפען איבער צעהן טויזענד אידען אין בראָד, מיט דער אַבזיכט צו געהן קיין ארץ־ישראל אָדער נאָך אַמעריקא. די פליכטלינגע האָבען זיך געוואַלגערט אין די בראָדער גאַסען און די עסטרייכישע רעגירונג האָט געדראָהעט זיי צוריקצושיקען קיין רוסלאַנד. בעת די צייטונגען האָבען נאָך געהאַלטען אין מיטען דיסקוטירען וואָס מיט זיי צו טאָן, איז שוין שפ"ר, צוזאַ־מען מיט רבי שמואל מאָהילעווער פערזענליך געקומען קיין בראָד, געבראַכט די ערשטע הילף און געהאָלפען איינאָרדנען די עמיגראַציע.

זיין פּראַקטישער חוש אין כלל־אַרבייט האָט זיך אַרויסגעצייגט אויך אין דער חבת־ציון באַוועגונג. בעת די מייסטע אידעאַליסטען האָבען זיך פּאַרנומען מיט אַקאַדעמישע שאלות און מיט פּוסטע פראַזען, האָט שפ"ר, באַלד ווי ער איז אַריין אין דער באַוועגונג, זיך גענומען צו פּראַקטישע אַרבייט. צעהנדליגער בריעף פלעגט ער טעגליך פאָנ־אַנדערשיקען אין פאַרשידענע שפּראַכען צו די רייכע און אינטעלי־גענטע אידען אין אַלע ארבע כנפות הארץ, וועגען שטיצען די נייע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. ער האָט פיעל בייגעטראָגען צו דער פאַר־שפּרייטונג פון דעם ציוניסטישען געדאַנק איבער גאַנץ פּוילען, און אויף זיין איניציאַטיווע זיינען פיעל אגודות געגרינדעט געוואָרען. ער האָט אויך באַגלייט רבי שמואל מאָהילעווער אויף זיין רייזע קיין פּאַריז צום „נדיב הידוע", און פאַר׳ן ערפאָלג קומט אויך שפ"ר׳ן אַ רעכט ביסעל קרעדיט.

אין יאָהר 1885 האָט זיך די אידישע וועלט געגרייט צו פייערען דעם הונדערט־יעהריגען געבורטסטאָג פון משה מאָנטעפיאָרע. שפ"ר האָט דיזע געלעגענהייט אויסגענוצט פאַר דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, געשאַפען אַן אָרגאַניזאַציע „מזכרת משה" און אָפּגע־דרוקט צעהנדליגע טויזענדער בילדער פון מאָנטעפיאָרע, וועלכע זיינען צושיקט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט און האָבען אַריינגעבראַכט אַ היבשע סומע אויף צו שטיצען די נייע קאָלאָניעס און אויף צו פאַר־שפּרייטען דעם רעיון אונטער די מאַסען.

אויף זיין אָנרעגונג איז דאַמאָלסט צושטאַנד געקומען דער ערשטער ציוניסטישער צוזאַמענפאָהר אין קאַטאָוויץ, וואו עס איז אַוועקגעלעגט געוואָרען דער יסוד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צוליעב די צוויי פאַרשידענאַרטיגע ריכטונגען אין ציוניזם — די פינסקער־ליליענ־בלומ׳שע און מאָהילעווער־שפ״ר׳שע, — איז אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר באַ־שלאָסען געוואָרען צו שאַפען צוויי אונאָפּהענגיגע צענטערן, איינע אין אָדעס און די צווייטע אין וואַרשוי, וואו שפ״ר איז באַשטימט געוואָרען פאַר׳ן גענעראַל־סעקרעטער. פאַר די צוויי יאָהר וואָס שפ״ר האָט גע־לייטעט דעם וואַרשעווער צענטער, האָט ער אַרויסגעצייגט אַ מין ענערגיע, אַ געשיקטקייט אין אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, אַז אַלע זיינען נשתומם געוואָרען, וואו דאָס האָט זיך גענומען ביי דעם אַמאָליגען מלמד מיט זיין שלימ׳מזל׳דיגען אויסזעהן. צום באַדויערען האָט זיך דער שטן אַריינגעמישט, צווישען וואַרשוי און אָדעס האָבען זיך אָנ־געפאַנגען רייבונגען וועגען דער העגעמאָניע. אָדעס האָט פּראָטעס־טירט געגען דעם רעליגיעזען שטעמפּעל, וואָס רבי שמואל מאָהילעווער און שפ״ר האָבען אַרויפגעלעגט אויפ׳ן ציוניזם, און דער סוף איז געווען, אַז שפ״ר האָט געמוזט רעזיגנירען און אָדעס איז פאַרבליבען אַלס איינציגער צענטער.

פאַרביטערט אויף זיינע חברים וואָס האָבען איהם פאַרלאָזען, האָט זיך שפ״ר ווידער גענומען צו ליטעראַטור, אַרויסגעגעבען דאָס גרויסע יאָהרבוך „כנסת ישראל“, די היסטאָרישע ביכער „מוצאי גולה“ און „על ציון ועל מקראיה“, די מאָנאָגראַפיעס פון רי״ט ליפּמאַן צונץ, ר׳ זכריה פראַנקעל און ר׳ יוסף רוסהיים, אַלע געשריבען אין אַ וואונ־דערבאַר־שעהנעם העברעאיש און באַרייכערט די ליטעראַטור מיט וויכ־טיגע היסטאָרישע הערות. אָבער דער קרוין פון זיינע אַלע שאַפונגען איז דאָך זיין „דברי ימי ישראל“ אין אַכט חלקים, וואָס לכתחילה האָט ער געמיינט צו געבען אַ פּשוט׳ע איבערזעצונג פון דער גרויסער היס־טאָרישער אויסגאַבע פון גרעץ, און אַזוי האָט ער זיך אויך געהאַלטען אין ערשטען חלק, ביז צו דער תקופה פון די חכמי המשנה. אָבער פון דער צייט אָן און ווייטער האָט שפ״ר אויפגעהערט צו זיין אַן איבערזעצער, וועלכער מוז זיך האַלטען אָן טעקסט, און געשאַפען רעכט פיעל אָריגינעלעס, באַזונדערס אין דער רוסישער און פּוילישער תקופה, וועלכע גרעץ האָט ניט אַזוי גאַנץ אָביעקטיוו באַשריבען. מייסטערהאַפט איז אויך דער סטיל זיינער: די ביבלישע תקופה אין אַ לייכטען נביאים ראשונים סטיל, די תקופת התנאים והאמוראים אין אַ משנה סטיל און די תקופת ימי הבינים אין סטיל פון די חכמי צרפת ואשכנז. פערצעהן יאָהר האָט שפ״ר געאַרבייט אויף דאָס ריעזען־ווערק, און אויב דער איצטיגער דור פאַרשטעהט עס נאָך ניט ריכטיג

אפּצושאַצען, וועלען דאָס בודאי די קומענדיגע דורות בעסער פאַר־שטעהן. חוץ דעם האָט ער נאָך אָנגעשריבען אַ גרויס היסטאָרישעס ווערק אין העברעאיש און אין רוסיש איבער „די געשיכטע פון אידען אין רוסלאַנד אונטער דער ראָמאַנאָווישער דינאַסטיע“, אויף וועלכעס ער האָט מעהרערע יאָהר געאַרבייט, אָבער איז ליידער געבליבען ניט געדרוקט.

מיין פערזענליכע באַקאַנטשאַפט און פריינדשאַפט מיט שפּ״ר'ן האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אין יאָהר 1887, בעת דער מחלוקה מיט אדעס. שפּ״ר האָט זיך דאַן געווענדעט צו מיר, אַלס איינער פון די פיהרער פון דער ליבויער אגודה „חובבי ציון“, איינע פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע אגודות צו יענער צייט, דאָס מיר זאָלען אויס־איבען אונזער איינפלוס געגען דער אדעסער אויטאָקראַטיע, אָבער ליידער קיין ערפאָלג ניט געהאַט.

אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען מיר זיך מעהרערע מאָל באַגע־געגנט, באַזונדערס אין ציוניסטישע אַרבייט. אין יאָהר 1902 האָבען מיר זיך צוזאַמענגעטראָפען אין מינסק אויפ'ן ציוניסטישען צוזאַמענ־פאָהר, וואו מיר זיינען ביידע געזעסען אין פּרעזידיום פון „מזרחי“, און דאָס לעצטע מאָל האָבען מיר זיך געטראָפען אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס אין האַמבורג, אין יאָהר 1909. ליידער איז ער שוין דאַ־מאָלסט געווען אין גאַנצען צוזאַמענגעבראָכען און כמעט בלינד, אַז איך און ר' יצחק ניסענבוים האָבען איהם שטענדיג געהאַלטען נעבען אונז.

די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער פאַרבראַכט אין פראַנק־פורט אַם מאַין. שטיצע צום לעבען האָט ער באַקומען פון דער „אָריענ־טאַלישער געזעלשאַפט“, פאַר וועלכער ער האָט געאַרבייט אַ ווערק אין דער דייטשער שפּראַך, איבער דער געשיכטע דער יודען אין רוס־לאַנד, אין 19טען יאָהרהונדערט, וועלכע איז געבליבען ניט פאַרענדיגט.

געשטאָרבען ה' כסלו תרע״א. די פרומע געמיינדע „עדת ישראל“ אין בערלין האָט זעהר געוואָלט איהם ברענגען צו קבורה אין בערלין אויף זייער בית־עולם. די פאַמיליע האָט אָבער ניט מסכים געווען.

# דר. יצחק רילף

געבאָרען אין העסען תקצ"א, געשטאָרבען אין באָן תרס"ב.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע און פאָפולערסטע אידישע פיה־רער פון פאָריגען דור, איז בלי ספק געווען דער באוואוסטער דר. רילף, פון מעמעל, אדער ווי דער אידישער המון פלעגט איהם רופען, „דאָקטאָר הילף". איך גלויב, אז נאך היינט געפינען זיך דאָ אין אמעריקא טוי־זענדער אידען פון ליטא און זאמוט, וועלכע געדענקען נאך גוט דעם דאָזיגען גרויסען פילאנטראָפּ; בפרט די יעניגע, וועלכע, א דאנק זיין הילף, זיינען אהער אריבערגעקומען, און ערינערן זיין נאָמען מיט גרויס אכטונג און ווירדע. מען האט נאָר געדאַרפט איינמאל אין לעבען קומען אין בארירונג מיט אָט דעם מערקווירדיגען מענשען, מיט זיין שטענדיגען גוטמוטיגען שמייכעל, מיט זיינע טרוימערישע אויגען, פול מיט צער און רחמנות—און עס איז שוין ניט מעהר מעגליך געווען צו פאַרגעסען אָן איהם.

בכלל איז דר. רילף געווען, צוליעב די געגענזעצע פון זיין כאראק־טער, צוליעב די סתירות אין זיין הנהגה, אָן אייביגער רעטעניש. שטעלט זיך פאָר: א מענש, זייענדיג א גרויסער, בארי‍המטער פילאָ־זאָף, וואס האט אנגעשריבען א סך פילאָזאָפישע ביכער איבער מעטאַ־פיזיק, וועלכע האבען א קלאסישען ווערטה—איז צו דערזעלבער צייט געווען א רעדאקטאָר פון א טעגליכע דייטשע צייטונג, פון „מעמעלער דאמפפבאאט" און געשריבען קריטיקען איבער טהעאַטער און איבער ספּאָרט, איבער שטודענטישע הוליאנקעס און איבער לאָקאלע מארד־געשיכטען; געווען א דייטשער ראבינער, א הונדערט־פּראָצענטיגער דייטשער פּאַטריאָט און ליעב געהאט זיך צו חבר'ן מיט רוסישע און פּוילישע אידען; אנגעשטעלט געווען אלס פּרעדיגער אין א האלב־רעפאָרמירטע דייטשע געמיינדע און זיך כל ימיו געפיהרט ווי אן עכטער אָרטאָדאָקס; גע'פסק'ענט שאלות און געשפּיעלט ביליאַרד און קראָקעט; מיטגעמאכט א פּאַטריאָטישען סעדאַן־פייער, מיטגע־זונגען „די וואכט אם רהיין"·און אוועק פון דאָרטען צו א סיום אין א פּוילישען בית־המדרש, אדער צו א התחלה ביי א „חיי אדם" חברה; געזאמעלט מיליאָנען מארק פאַר אָפּגעברענטע אידישע שטעדט, פאַר עמיגראַציע און פאַר אנדערע וויכטיגע כלל־זאכען—און זיך ניט אָפּ־געשטעלט פון אליין ארומגעהן אויפקלייבען עטליכע מארק אויף

ארויסצוהעלפען אן ארימען דורכפאהרער; געווען א מענש מיט פרינ־ציפען, ווי די טבע פון יעדען געבילדעטען דייטש, — און ביים געבען הילף זיך ניט געהאלטען אן אירגענד וועלכען פרינציפ. זיין מאטא איז שטענדיג געווען, אז אויף דעם „אסור לרחם" מוז מען אויך רחמנות האבען. געארבייט זיין גאנצען לעבען אויף אויסצובעסערען דאס אי־דישע לעבען אין די גלות לענדער, — און צוגלייך געווען איינער פון די ערשטע און בעסטע „חובבי ציון" אין דייטשלאנד, און אויך פאר־בליבען דער איינציגער דייטשער ראבינער, וועלכער האט געהאט דעם מוטה ארויסצוגעהן עפענטליך געגען די מיסיע־ראבינערס און געגען די דייטשע גלות־פאטריאטען, אין זיין וואונדערבארע בראשורע „ארוכת בת עמי".

עס איז מעגליך, אז צו דער ענטוויקלונג פון זיין אייגענארטיגען כאראקטער האט פיעל בייגעטראגען זיין מערקווירדיגע ערציהונג. עס קלינגט כמעט ווי א לעגענדע, אז אט דיעזער גדול בתורה און וועלט־בעריהמטער פילאזאף, האט צו צוועלף יאהר נאך קיין אלף־בית ניט געקענט! אויפגעוואקסען אין א פארווארפענעם דארף, אין וועסט־דייטשלאנד, ביי א פאטער אן ארימער ישוב׳ניק און א גרויסער עם־הארץ, און פארבראכט זיינע יונגע יאהרען אין פאשען בהמות אין א פויערשער סביבה.

איך האב געהאט דאס גליק נאך אלס קינד דעם דאזיגען אינטע־רעסאנטען מענשען צו קענען. נאך זייענדיג א זיבען־יעהריגער חדר־אינגעל אין מיין געבורטס־שטעדטעל פאלאנגען (15 ענגלישע מייל פון מעמעל) האב איך שוין אין חדר געהערט דערצעהלענדיג וואונדער־בארע מעשיות פון „דאקטאר רילף", אז ביי איהם אין הויז זיינען די טיהרען אפען טאג און נאכט. דורך איין טיר קומען אריין נאכ־אנאנד בריעף־טרעגער, וואס ברענגען געלט פון גאנץ דייטשלאנד, געשיקט פון אלע רייכע אידען, אויך פון פרייסישען קעניג מיט זיין פאמיליע; דורך דער צווייטער טיר קומען אריין טעגליך הונדערטער מענשען, און דר. רילף זיצט מבקר ועד ערב און טהיילט צו אלעמען, ווער עס שטרעקט נאר אויס א האנד. מען פלעגט זיך דערצעהלען, אז כאטש דר. רילף איז א רב און א ירא שמים, געהט ער ארום מיט זיין ווייב געארעמט; דאווענט אפ מנחה און געהט זיך אוועק גליטשען אויפ׳ן אייז אדער שפילען אין באל, און כהנה אזעלכע וואונדערבארע מעשיות. איך האב מיך תמיד געוואונשען, כאטש קענען א מאל א קוק געבען אויף איהם. נו, ווי גרויס איז געווען מיין שמחה דערהערענדיג, אז דר. רילף וועט קומען צו אונז אין פאלאנגען אויף א סיום הגדול פון ש״ס. דאס איז געווען זומער פון יאהר 1871, און אזוי ווי

איך בין שוין דאמאלסט געווען א גמרא־אינגעל, בין איך טאקע געווען א גאנצער מחותן אויפ'ן סיום.

א שעהנער מנהג האט געהערשט ביי אונז אין שטעדטעל מקדמת דנא, אז יעדער אינגעל, וועלכער הויבט אן לערנען גמרא, שרייבט מען איהם אריין אין פנקס פון חברה ש"ס אלס א שמש. נאך בר־מצוה ווערט ער שוין אויפגענומען פאר א ריכטיגען חבר מיט אלע רעכטען און פליכטען. די קליינע שמשים'לאך האבען געהאט צווישען זיך א באזונדערע חברה מיט דעם נאמען „פרחי שושנים", און זייער אויפגאבע איז געווען: ארומצוגעהן אלע פרייטאג איבער'ן שטאדט קלויבען געלט אויף צו קויפען נייע ספרים און אויף איינצובינדען די אלטע; צו דערלאנגען די גמרות צום שיעור און זיי צונעהמען נאכ'ן לערנען. בעת עס פלעגט קומען צו א סיום הגדול, זיינען מיר, קליינ־ווארג געווארען גאנצע קנאקערס: געהאלפען דערלאנגען צום טיש, באדינט די געלאדענע אורחים און אויפגעפאסט ביים טיר ניט ארייג־צולאזען זייטיגע אינגלאך, און כהנה שמש'דיגע ארבייט. אויף מיין גורל איז גראד אויסגעפאלען צו זיין דער משמש פון דר. רילף און זיך צו געפינען אין זיין נאהענטקייט פאר דער גאנצער צייט פון דער סעודה, א גליק, וואס איך וואלט פאר כל הון דעלמא דעמאלסט ניט אפגעגעבען.

אזוי ווי דר. רילף איז געווען אריגענעל אין זיין גאנצען לעבען, אזוי איז אויך אריגינעל געווען זיין מערקווירדיגע ערציהונג. ניט זיינע עלטערן און ניט איהם אליין האט זיך ווען־עס־איז געקענט חלומ'ען, אפילו בעת ער איז שוין אלט געווען פופצעהן יאהר, אז ער וועט אמאל אויסוואקסען צו דער מדרגה וועלבע ער האט דערגרייכט, כמעט אלע גאונים און געלעהרטע זיינען ניט מיט אמאל אויסגע־וואקסען, און שוין אין זייערע קינדער־יאהרען האבען זיי ארויסגעצייגט, מעהר אדער ווייניגער, עלוי'שע פעהיגקייטען; אבער איינער, וואס צו בר־מצוה האט ער, א חוץ לייענען די עברי פון סידור מיט נקודות, קיין שום זאך ניט פארשטאנען, צומאל ניט געקענט אונטערשרייבען דעם נאמען אין וואס־עס־איז פאר א שפראך — איז דאס ווירקליך א זעלטענע ערשיינונג, וואס איז כמעט ניטא זיין גלייכען.

דר. יצחק רילף איז געבארען אין יאהר תקצ"א (1831) אין א דארף אין פירשטענטום העססען (דייטשלאנד) אין א פויערשע סביבה. זיין פאטער, דער איינציגער איד אין דארף, איז געווען אן ארימער פארגרעבטער ישוב'ניק, א שרעקליכער עם־הארץ, כאטש ער פלעגט אלע טאג דאווענען מיט גרויס כונה, אבער ניט פארשטאנען די פירוש המלות. בעת דער קליינער יצחק, וועלכער האט פארבראכט זיין יוגענד אין פאשען בהמות, האט געדארפט בר־מצוה ווערען, האט דער

פאטער מיט גרויס מיה איהם אויסגעלערענט צו לייענען אין סידור, און צו לעגען דעם טאטענס תפילין. אין יענם יאהר האבען זיך גראד עטליכע אידען באזעצט אין די ארומיגע דערפער און אלע צוזאמען האבען אויסגעשריבען א רבי'ן פאר זייערע קינדער. מעהר ווי צוויי יאהר האט ער אבער ביי דעם דאזיגען רבי'ן ניט געקענט לערנען, וויל דער רבי אליין איז אויך געווען א מורא'דיגער עם־הארץ און האט איהם שוין געהאט איבערגעגעבען זיין גאנצע חכמה. דער פא־טער האט חשק געהאט צו מאכען דעם שוין־אויסגעוואקסענעם בחור פאר א סוחר פון בהמות, אבער מיט גרויס מיה האט ער גע'פועל'ט ביים פאטער איהם צו שיקען אין דער ישיבה פון דעם דארטיגען גליל־רב, רבי מרדכי ווצלער, בתנאי, אז א חוץ תורה, טאר ער קיין אנדער זאך ניט לערנען.

דריי יאהר האט רילף צוגעבראכט אין דער ישיבה, און ווי ער אליין דערצעהלט אין זיין אויטאביאגראפיע, פלעגט ער קיין נאכט ניט געהן שלאפען פאר צוויי אזייגער, און די דאנערשטאג'דיגע נעכט פלעגט ער אינגאנצען וואך זיין, און מקיים געווען דעם „אדם כי ימות באהל" אין פולען זין פון ווארט. נאכדעם ווי ער האט שוין דער־גרייכט א געהעריגע ידיעה אין תלמוד האט ער זיך גענומען אויך צו השכלה. צו אכצעהן יאהר האט ער ערשט אנגעפאנגען צו לערנען די דייטשע שפראך און שוין אין צוויי יאהר ארום, א דאנק זיין גרויס התמדה, אפגעגעבען עקזאמען אויף א קורס פון עלעמענטאר־שול. ער האט תיכף באקומען א שטעל פאר א געהילפס־לעהרער אין אן אנ־פאנגס־שול אין שטעדטעל גודענסבערג, און ניט אכטענדיג, וואס ער האט דעם גאנצען טאג געמוזט אפגעבען פאר זיין לעהרעריי, האט ער אין א משך פון דריי יאהר, ארבייטענדיג גאנצע נעכט, זיך אזוי ווייט פארפאלקאממט אין אלגעמיינע למודים, אז ער האט געקענט אפגעבען עקזאמען אויף גאנץ גימנאזיע, און בעת ער איז אלט געווען פיער־און־צוואנציג יאהר, איז ער אויפגענומען געווארען אין דער מארבורגער אוניווערזיטעט אויף צו שטודירען פילאזאפיע.

באלד ווי ער איז אריינגעטראטען אין אוניווערזיטעט האט ער געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די פראפעסארען, דורך זיין געוואלדיגע התמדה, דורך זיין אייזערנער לאגיק און טיעפן גייסט, און האבען איהם פארזארגט מיט א סטיפענדיום, דאמיט ער זאל ניט דארפען אפגעבען זיין צייט אויף מאכען א לעבען. פאר דעם משך פון די פיער יאהר וואס ער האט צוגעבראכט אין דער אוניווערזיטעט, האט ער אויך דורכגעלערענט פוסקים, און צוזאמען מיט זיין דאקטאר־טיטעל האט ער אויך באקומען סמיכות פון גרויסע רבנים אויף היתר הוראה. אין דעם זעלבען יאהר האט דר. רילף ארויסגעגעבען זיין

ערשטען בוך אין פילאזאפיע, וואס האט געמאכט א גרויסען רושם אין געלעהרטע קרייזען. זיינע פריינד האבען זיך משתדל געווען פאר איהם צו קריגען א שטעל אלס א פראפעסאר פון פילאזאפיע, אבער דאס אננעהמען פון די רבנות אין מעמעל האט געמאכט א סוף צו דער דאזיגער קאריערע.

גאנץ ווייניג זיינען פאראן אזעלכע גליקליכע מענשען, ווי דר. רילף, וואס זאלען קענען זאגען „אשרי הרבנות שמחיה את בעליה“. די רבנות האט אין דר. רילף ארויסגערופען באהאלטענע כחות, וועלכע וואלטען קיינמאל ניט ענטפלעקט געווארען. פון דעם ביכער־מענש, פון דעם שטענדיג פארטראכטען, דענקענדען פילאזאף — איז פלוצלונג אויסגעוואקסען א פראקטישער, לעבעדיגער וועלט־מענש; דער טרוי־מער, דער סקעפטיקער, האט זיך פארוואנדעלט אין אן ענערגישען מענ־שען פול מיט קראפט און פעסטען ווילען. א דאנק די רבנות, וואס ער האט אנגעהאלטען פאר א משך פון אכט־און־דרייסיג יאהר, זיינען הונדערטער אידישע קהלות געהאלפען געווארען און צעהנדליג־טויזענדער אידען אויף די פיס געשטעלט. צו זיין גרויס ערפאלג האט פיעל בייגעטראגען די געאגראפישע לאגע פון מעמעל, די גרויסע דייטשע האנדעלס־שטאדט, וועלכע ליעגט נאהענט צום רוסישען גרענעץ. צעהנדליגער זאמוטער שטעדטלאך האבען געצויגען זייער חיונה פון מעמעל, האבען געפיהרט אהין תבואה, פלאקס, האלץ א. א. און געבראכט פון דארט הערינג, גאלאנטעריי סחורה וכדומה. מעמעל איז תמיד פול געווען מיט אידען, כאטש די שטענדיגע אידישע באפעל־קערונג האט אויסגעמאכט קוים פינף פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. דר. רילף, וועלכער איז ביז זיין קומען אין מעמעל קיינמאל אין באריהרונג ניט געקומען מיט רוסישע אידען, האט זיך באלד אויסגעלערנט ריידען זשארגאן, דאמיט צו קענען מיט זיי זיך בעסער פארשטענדיגען.

בעת עס האט געהערשט, אין די יאהרען 1867-68, דער גרויסער הונגער אין די רוסישע מערב־גובערניעס וואס גרעניצען זיך מיט פריי־סען, און וועלכע זיינען מייסטענס באוואוינט פון אידען, האט זיך דר. רילף אריינגעווארפען מיט אזא געוואלדיגער ענערגיע אין דער הילפס־ארבייט, אז ער האט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם דאמאלסטיגען דייטשען קרוין־פרינץ פרידריך ווילהעלם (דער שפעטער־דיגער דייטשער קייזער פרידריך), וועלכער איז געשטאנען אן דער שפיץ פונ'ם „דייטשען הילפספאראיין פאר די הונגערלײדענדע אין אסטען“, און האט דר. רילף באשטימט צום ערשטען סעקרעטער פון אסטפריסישע הילפס־קאמיטע. מיליאנען מארק זיינען דורך זיין האנט

דורכגעגאנגען און צוויי הונדערט מיט דרייסיג אידישע קהלות האט ער דערהאלטען ביים לעבען.

דר. רילף איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט אויפגעוועקט ביי די דייטשע אידען די מדה פון רחמנות אויף די רוסישע און פויילישע אידען, און פון זיין צייט ביז צום היינטיגען טאג, איז די פראגע פון העלפען „אסט־יודען" ניט ארונטער פון דער טאגעסארדנונג אין די דייטשע אידישע געמיינדעס.

א חוץ די הילף צו די הונגעריגע, האט דר. רילף פארזארגט אין יענע יאהרען הונדערטער אידישע בחורים מיט א תכלית צום לעבען. די פעהיגע האט ער אפגעגעבען שטודירען, און די וועניגער באגאבטע אריינגעבראכט אין געשעפטען. צווישען די היינטיגע האמבורגער און פראנקפורטער רייכע און געלעהרטע אידען, געפינען זיך א רעכט ביסעל פון די אמאליגע זאמוטער און ליטווישע אינגלאך. אין די שפעטערע יאהרען, בעת אין דייטשלאנד איז אויסגעוואקסען דער אנטיסעמיטיזם און מען האט אויפגעהערט אריינצולאזען די מזרח־אידען, האט דר. רילף געגרינדעט אן ארגאניזאציע אויף צו פארלייכטערן די עמיגראציע קיין אמעריקא און דרום־אפריקא. א דאנק זיין פארבינדונג מיט די הילפס־קאמיטעטען אויף ביידע זייטען ים, האט ער זעהר פיעל געליימעט אויפ'ן געביט פון „תקנות עגונות", כמעט שטענדיג פלעגט מען ביי איהם טרעפען פאר'צרה'דיגטע עגונות, וואס האבען זיך צו איהם געווענדעט אויפצוזוכען זייערע מענער, וועלכע זיינען אנטלאפען נאך אויסלאנד.

אין יאהר 1869 האט דער דאמאלסטיגער קאוונער גוברנאטאר פירשט אבאלענסקי, ארויסגערופען דר. רילף קיין קאוונא, זיך מיט איהם מיישב צו זיין ווי צו ארגאניזירען א הילפס־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע אידען אין ליטא. א דאנק זיין הילף האט מען הונדערטער פאמיליעס אריבערגעשיקט קיין דרום־רוסלאנד און זיי געמאכט פאר ערד־ארבייטער.

זיין הילפס־ארבייט אין די יאהרען 1881-82, בעת אין דרום־רוסלאנד, און אין מעהרערע שטעדט אין מינסקער גוברניע, זיינען אויסגעבראכען פאגראמען און שריפות — איז געווען איבערמענשליך. מיט גרויס סכנת נפשות איז ער ארומגעפאהרען איבער די אפגעברענטע שטעדטלאך, אויפנעהמענדיג די הזיקות און אנגעשריבען מעהרערע בראשורען אין פארשידענע שפראכען וועגען די חורבנות וואס ער האט זיך אנגעזעהן און זיי צושיקט איבער דער גאנצער וועלט צו ערוועקן די אידישע רחמנות. ביי אלעם דעם האט ער נאך געפונען צייט און כחות, זיך אפצוגעבען מיט „חבת־ציון"; געפיהרט אן אויסגעברייטעטע קארעספאנדענץ איבער דעם „יעוד הלאומי" מיט

דר. פינסקער און דוד גארדאן, דער רעדאקטאר פון „המגיד“, און אנגע־שריבען זיין קלאסישע בראשורע „ארוכת בת עמי“, אן ערגענצונג צו דר. פינסקער׳ס „אויטאעמאנציפאציאן“. בעת אין יאהר 1896 האט זיך באוויזען דער הערצל׳שער ציוניזם האט תיכף, אט דער אלטער חובב ציון, מיט א יוגענטליכען ברען זיך אריינגעווארפען אין דער נייער באוועגונג, געווארען א פאהנענטרעגער ביי דעם יונגען הערצל און געשריבען א סך ארטיקלען פאר „די וועלט“; זיין התלהבות און געבענשטער סטיל האט ביי אלעמען גרויס פארוואונדערונג ארויס־גערופען, באזונדערס זיינע פאלעמישע ארטיקלען מיט די דייטשע מיסיאנס־ראבינער.

אין מיטען זיינע גרויסע ארבייטען פאר וויכטיגע כלל־ענינים, האט ער אויף א מינוט ניט פארנאכלעסיגט זיין טהעטיגקייט פאר די זאמוטער שטעדטלאך ארום דעם פריסישען גרענעץ, וועלכע האבען זיך געווענדעט צו איהם אין יעדער עת־צרה. אין א שטעדטעלע קורצאן (צווישען קרעטינגע און פלונגיאן) האבען די דארטיגע גויים, אויס שנאה צו אידען, אונטערגעצונדען זייער שוהלכעל. קוים האט דר. רילף זיך דערפון דערוואוסט, איז ער ארויס מיט אן אויפרוף אין די דייטשע צייטונגען צו זאמלען געלד אויף אפצובויען. די קעפעל פון אויפרוף האט געלויטעט: „צערשטערונג דעם דריטען טעמפעלס“, און אונטען איז געשטאנען דער פסוק: באו גוים בנחלתך טמאו את היכל קדשך. אין א קורצער צייט האט ער געשאפען דאס נויטיגע געלט און איז אליין געקומען אויף חנוכת הבית.

איך וויים פון אן עהנליכען פאל, וואס איז פארגעקומען אין פלונגיאן, וואו מיינע עלטערן האבען געוואוינט אין מיטען פון די זיבעציגער יאהרען. דארטען האט געלעבט אין יענער צייט איינער א מערקווירדיגער איד, א טיפ פון א צדיק תמים, וואס מיט הונדערט יאהר צוריק וואלט ער אויך געוועזן א זעלטענהייט. א קליינער דארער אידעל מיט קאלטענעם, אפגעלעבט זיין גאנצען לעבן אין גרויס דחקות און פארטהיילט צעהנדליגער טויזענדער פאר נויטליידענדע! זיין נאמען איז געוועזן ר׳ צבי פיין, גערופען האט מען איהם רבי הירשעל בלומעס (די באוואוסטע פאמיליען פיין און קלויזנער, דא אין ברוקלין, זיינען זיינע אייניקלאך). זיין הויפט־ספעציאליטעט איז געוועזן „בקור חולים“, און כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה ווי עס דארף צו זיין, האט ער זיך אויף דער עלטער אויסגעלערענט דאקטאריע און רעצעפטען צו מאכען, און איז טאג ווי נאכט ארומגעגאנגען צווי־שען קראנקע. דער דאזיגער רבי הירשעל האט זיך דערוואוסט, אז איך בין עפעס א בחור׳ל א מושלם, האט ער מיר אויפגעפאדערט צו שרייבען א דייטשען בריעף צו דר. רילף און איהם בעטען שיקען

געלט אויף צו בויען אין פלונגיאן א אידישע קראנקענהויז. מיט מיין אינגעלשען שכל האב איך אנגעשריבען א לאנגע מגילה פול מיט מליצות, וואס על־פי יושר דארף אזא באשעפטיגטער מענש ווי דר. רילף גארניט לייענען, אבער מיט דער ערשטער פאסט איז אנגעקומען פון איהם אן ענטפער, אז ער איז גרייט צו העלפען, ער וועט אבער פריהער פערזענליך קומען קיין פלונגיאן, און צוזאמען מיט רבי הירשלען אויסארבייטען די נויטיגע פלענער.

פאר דער גאנצער צייט וואס ער איז געווען ראבינער אין מעמעל, האט ער רעדאקטירט, ווי שוין געזאגט, א גרויסע טעגליכע צייטונג, דעם „מעמעלער דאמפפבאאט“, וואס דערפון האט ער געצויגען זיין הויפט־חיונה, דען זיינע שכירות פון רבנות זיינען געווען צו ווענינ אויף צו קענען מאכען א לעבען און אויף אויסצוהאלטען אזוי פיעל אורחים, וועלכע פלעגען תמיד זיך געפינען ביי זיין טיש. אגב האט ער אויסגענוצט די צייטונג, וועלכע איז געווען די פארברייטעסטע אין מעמעלער געביעט, אויף צו קענען הויבען דעם אידישען כבוד ביי די ניט אידישע לעזער.

אין די לעצטע יאהרען האט ער זיך ווידער גענומען צו זיינע פילאזאפישע ארבייט; פארפאסט א גרויסען בוך אין פינף חלקים אונטער דעם נאמען „וויסענשאפט דעם וועלטגעדאנקענס“, וואס האט ארויסגערופען גרוים באגייסטערונג אין די פילאזאפישע קרייזען.

מיעד און אויסגעמאטערט פון פיעל גייסטיגע און פיזישע ארבייט האט ער אין יאהר 1898 פארלאזען מעמעל און זיך באזעצט ביי זיין זוהן, א באריהמטער דאקטאר אין באן (דייטשלאנד) אום צו קענען די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען עוסק זיין נאר אין תורה, ניט אין עבודה.

געשטארבען י"ז אלול תרס"ב.

# רבי מתתיהו שטראַשון

געבאָרען אין דאָרף שטראַשין תקע"ה, געשטאָרבען אין ווילנא תרמ"ו.

עס געפינען זיך אין יעדען דור געוויסע גרויסע לייט, וואָס אונז דוכט זיך אָפּ, און אפשר איז דאָס טאַקע ווירקליך אַזוי, אַז זיי פּאַסען זיך גאָרניט אַריין אין זייער צייט. אונז קומט פאָר, אַז ווען די דאָזיגע גרויסע לייט מיט זייערע גאָניאַלע מיטגעבאָרענע פעהיגקייטען וואָלטען געהאַט געלעבט אין אַן אַנדער דור, און אונטער אַנדערע פאַרהעלטניסען, וואָלטען זיי דערגרייכט אַ פיעל העכערע מדרגה און וואָלטען געהאַט פאַרנומען אַ גרעסערען אָרט אין דער אידישער היס־טאָריע. דאָס אייגענע ווילט זיך מיר אויך זאָגען אויף רבי מתתיהו שטראַשון.

שטראַשון געהערט צו דעם סוג מענשען, ווען די נאַטור האָט באַגליקט מיט די גרעסטע מעלות, צו וועלכע אַ מענש איז בכח צו דערגרייכען. זיין כח הזכרון איז געווען פענאָמענאַל. ער האָט ממש ניט געוואוסט וואָס עס הייסט שכחה. אַ געוואַלדיגער בעל־שכל מיט אַ חריפ׳ישען מח, מיט אַ לייכטער השגה און מיט אַ שטאַרקער התמדה, אַז פון זיין יוגענד אָן ביז ער איז געשטאָרבען, אַן ערך פון זעכציג יאָהר, האָט ער פאַרבראַכט ניט ווייניגער ווי פון צעהן ביז פופצעהן שעה אַ טאָג אויף לערנען. געווען אַ גאון נפלא, אַ בקי בכל חדרי תורה, פון די ערשטע ראשונים ביז די לעצטע אחרונים. אַ פילאָזאָף, אַ חוקר, אַ מקובל און דערצו נאָך אַ גרויסער גביר און אַ יחסן. די נאַטור האָט איהם אויך געבענשט מיט גרויסע פיזישע אײ־גענשאַפטען, אַ הויכע שטאַטליכע פיגור מיט אַ וואונדערבאַרען הדרת־פנים, אַ שעהנעם לאַנגען פּאַטריאַרכאַלישע באָרד מיט אַ הויכען גע־וועלבטען שטערן. אין זיין באַזיץ האָט זיך געפונען די גרעסטע אי־דישע ביבליאָטעק פון יענער צייט, וואָס האָט געמאַכט זיין הויז פאַר אַ בית־ועד לחכמים. איבער פערציג יאָהר איז ער געווען די ערשטע פערזענליכקייט אין ווילנא, און אויך איבער די גרעניצען פון זיין שטאָדט איז זיין נאָמען גרויס געווען. פון נאָהענט און ווייט, פון רבנים און פון געלעהרטע, פלעגען אָנקומען טעגליך צו איהם פאַרשי־דענע שאלות און זיין מיינונג איז געווען ביי אַלעמען מאַסגעבענד.

און טראָץ אַלעם דעם, דאַכט זיך מיר, אַז מתתיהו שטראַשון האָט נאָך לאַנג ניט געלייסטעט אין פאַרהעלטנים צו זיינע גרויסע פעהיגקיי־

טען און מעגליכקייטען, אויף צו ווערען א היסטארישע פיגור. דער בעסטער באווייז איז, אז היינט, ערשט פערציג יאהר זינט ער איז געשטארבען און ער געהערט שוין לוידער צו די „פארגעסענע". אפשר, אז נאך א קליינע צאהל פון יחידי סגולה פון דעם אלטען דור, דער־מאנען איהם נאך און שענקען איהם דעם נויטיגען רעספעקט, אבער פאר די צוקינפטיגע דורות האט ער ווייניג־וואס נאכגעלאזען כדי ניט פארגעסען צו ווערען. די סיבה איז, ווייל ער האט זיך ניט אריינגע־פאסט אין זיין צייטאלטער, אין דער צייט, וואס תורה און חכמה, אמונה און השכלה זיינען געווען די ביטערסטע געגנער; און אזוי ווי שטראשון האט געוואלט אין זיך פאראייניגען די עקסטרימען, איז ער פארבליבען קרח מכאן וקרח מכאן.

איך שטעל מיר פאר, ווען רבי מתתיהו שטראשון וואלט געקומען אויף דער וועלט מיט איניגע הונדערט יאהר צוריק, וואלט די תלמוד'יר־שע ליטעראטור בודאי רייכער געווארען מיט א צווייטען מהרש"ל, מיט נאך א תוספות יום־טוב, מיט א ב"ח, מיט א גרעסערען און ברייטערן „באר הגולה". אויב ער וואלט זיך געהאט באשעפטיגט מיט חכמת ישראל, וואלטען מיר געהאט נאך א בעסערען „מאור עינים"; אפילו לעבענדיג אין זיין צייט, אבער זיך באשעפטיגענדיג נאר מיט דער תלמוד'ישער ליטעראטור אליין, וואלט ווילנא געקענט שטאלצירען מיט נאך א רבי שאול'קען און די לומד'ישע וועלט וואלט געהאט נאך א „משכנות יעקב". אויב ער וואלט זיך געהאט אפגעשטעלט ביי חכמת ישראל און פילאזאפיע אליין, וואלט דאס רוסישע יודענטום געהאט ארויסצוגעבן א צווייטען מענדעלסאן, אדער א צונץ, א שד"ל און אפשר נאך אין א בעסערע אויפלאגע... אבער דער צייט־גייסט, די אומשטענדען, די סביבה אין וועלכע מתתיהו שטראשון איז אויסגע־וואקסען, האבען פאראורזאכט, אז פון דעם גרויסען גייסטיגען ריעז זאל ארויסקומען מעהר ניט ווי א גרויסער למדן און געלעהרטער, וואס זאל זיין ניט פראדוקטיוו און ניט האבען קיין השפעה אויף די שפע־טערדיגע דורות, ניט אין דער רבנישער וועלט און ניט אין דער וויסענ־שאפטליכער וועלט.

מתתיהו איז געבארען ביי א פאטער א גרויסער גאון און א צדיק, וואס האט געהאט גרויסע ידיעות אויך אין חכמות חצוניות. אזוי ווי ער איז געווען א רייכער מאן, האט ער גענומען פאר מתתיהו'ן די בעסטע און טייערסטע לעהרער, און זיין וואונש איז געווען, אז ביי זיין זוהן, אזוי ווי ביי איהם, זאל קענען הארמאנירען די תורה מיט די אלגעמיינע חכמות. זיין וואונש איז אבער ניט אין גאנצען ער־פילט געווארען. דער פאטער און דער זוהן זיינען זיך שפעטער פאנאנ־דערגעגאנגען אין צוויי באזונדערע ריכטונגען, בעת ביי זיין פאטער רבי

שמואל שטראַשון, איז תורה לערנען געווען דער עיקר און די אַנדערע חכמות נאָר אַ טפל, און האָט טאַקע געשאַפן אַ תלמודישע קלאַסישע אַרבייט, די „הגהות הרש״ש״ אויף ש״ס, איז ביי זיין זוהן געווען דער היפוך. זיינע פיעלזייטיגע ידיעות אין אַלע מקצועות פון וויסענ־שאַפט האָבען אַריבערגעשטיגען זיין גאונות אין לומדות און צוליעב דעם האָט ער שוין ניט געקענט מעהר גילטען פאַר אַן אויטאָריטעט אין דער לומדישער וועלט, און ער האָט באמת גאָרניט געשטרעבט דערצו. פון דער לומדישער זייט ווידער, האָבענדיג אַן עקסטרעמע אָרטאָדאָקסישע ערציהונג, וואָס זיין הנהגה איז טאַקע געווען ווי פון אַ שטרענגען אָרטאָדאָקס, האָט ער דעריבער ניט געקענט אַריינגעהן אין אַזעלכע פרייע חקירות, ווי, למשל, אַ קראָכמאַל, צונץ, גייגער וכדומה. ווייטער ווי שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט איז ער ניט דערגאַנ־גען כאָטש זיין קריטישער גייסט איז געווען פיעל ברייטער און טיפער. מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל איהם ניט חושד זיין אין פרייע חקירות, האָט ער זעלטען־ווען זיין נאָמען אונטערגעשריבען אונטער זיינע הונ־דערטער הערות איבער פאָרשונגען אין חכמת ישראל, וואָס זיינען פול געווען אין אַלע העברעאישע און דייטשע צייטשריפטען.

דאָס איז אפשר אויך געווען די סיבה וואָס ער האָט קיין ספר ניט נאָכגעלאָזען, טראָץ דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבען אויף די גליונות פון צעהנדליגע ספרים ווערטפולע הערות, וואָס האָבען אַ גרויסען וויסענשאַפטליכען ווערטה. דער ספר „מתת־יה״, וואָס זיינער אַ פלימעניק האָט אַרויסגעגעבען נאָך זיין טויט קומט ווייניג וואָס אין באַטראַכט. ער זאָל מיר מוחל זיין (דעם פלימעניק מיין איך) פאַר די גרויס נאַרישקייט זיינע, אויסצוזוכען פון די הונדערטער בויגען פערלדיגע תורה, וואָס איז פון איהם פאַרבליבען בכתיבת־יד, דוקא די שוואַכסטע. אַראָפּצונעהמען די שערבלאַך און איבערלאָזען די פערל!

אין אַ שמועס מיט איהם, פאַר וואָס ער האָט ניט אַרויסגעגעבען קיין ספרים האָט ער זיך געאייסערט, אַז צו שרייבען ספרים אום צו לערנען מיט אַנדערע, מוז מען פריהער אַליין פיעל לערנען און וויפיעל מען לערענט איז אַלץ ווייניג. זיין חשק צו לערנען מיט זיך אַליין און וועלען וויסען וואָס אַנדערע זאָגען איז געווען אומנאַטירליך. עס איז ניט פאַרבליבען אַ ספר, וואָס איז נאָר געווען במציאות צו באַקומען, אַז ער זאָל עס ניט קריגען פאַר זיין גרויסע ביבליאָטעק. ער האָט אָבער קיין ספר ניט אַוועקגעשטעלט אין אַלמער ספרים, בעפאָר ער האָט איהם ניט פריהער דורכגעלייענט אָדער דורכגעלערענט.

מתתיהו שטראַשון איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר תקע״ח (1818) ביי אַ פאָטער אַ גאון, אַ חכם און אַ גביר, דער באַוואוסטער

רבי שמואל שטראשון, דער מחבר פון הגהות הרש"ש אויף ש"ס. דער אייגענטימליכער פאמיליען־נאמען פון רבי שמואל'ן איז געווען „זאס־קאוויץ", נאר נאכדעם ווי ער איז אנגעקומען פאר אן איידעם ביי רבי דוד שטראשונער, וואס האט געוואוינט אין דארף „שטראשין", האט מען איהם אנגעהויבען רופען אויפ'ן שווער'ס נאמען, און אזוי איז שוין זיין נאמען פארבליבען. (אייזיק מאיר דיק האט אמאל געזאגט בדרך הלצה, אז ער פארשטעהט נישט וואס איז אזוי דער יחוס מיט רבי מאטיס שטראשון, דאכט זיך „מאטים" איז א נאמען פון א פויער און „שטראשון" פון א דארף...).

בעת מתתיהו איז אלט געווארען זעקס־זיבען יאהר, האבען זיך שוין אנגעהויבען ארויסצייגען זיינע געניאלע פעהיגקייטען. אלץ וואס ער האט איינמאל דורכגעלייענט פלעגט ער דאס באלד איבערזאגען אות באות אויף אויסווענדיג, און פארמאטערט זיינע רביים מיט משונה'דיגע חריפ'ישע שאלות. אין באקאנטע קרייזען האט מען איהם אנגערופען „דער קליינער שאגת אריה", „דער צוקינפטיגער ווילנער גאון", און ס'איז געווען כמעט שווער צו געפינען פאר איהם א פאסינגען רבי'ן. זיין פאטער, רבי שמואל, איינזעהענדיג, אז אזא וואונדערקינד ברויכט צו האבען א באזונדער זארגפעלטיגען חנוך, האט ער זיך שוין נישט געוואלט מעהר פארלאזען אויף פרעמדע ערציהער און זיך אליין איבערגענומען צו לערנען מיט איהם תורה און זייטיגע ידיעות. רבי שמואל איז געווען נישט נאר א גרויסער גאון אין הויות העולם, א באַרימטער מאטעמאטיקער, א חוקר, א מדקדק, נאר אויך באהערשט די דייטשע און פוילישע שפראכען. אפילו בעת ער האט שוין גענומען צו זיך אין הויז דעם גרויסען מדקדק רבי יעקב פון גראדנא, דער ארויסגעבער פון „צהר התבה", אויף צו לערנען מיט מתתיהו'ן תנ"ך און דקדוק, און אויך דעם באוואוסטען גאון און משכיל רבי מנשה אילייער אויף צו לערנען גמרא און פוסקים — האט רבי שמואל נישט אויפגעהערט ווייטער צו לערנען מיט איהם, ביז מתתיהו איז אויסגע־וואקסען אליין א רבי שמואל.

אז מתתיהו איז אלט געווארען דרייצעהן יאהר, איז ער שוין געווען א מפורסם פאר אן „עלוי", און איינער פון די גרעסטע גבירים און נכבדים פון יענער צייט, א געוויסער יוסף אליהו עליאסבערג, האט איהם גענומען פאר א חתן. לייכט איז איהם דאס נישט אנגעקומען, דען עס האבען זיך געפונען רעכט פיעל בעלנים אויף אזא'ן אוצר. ער האט איהם „אפגעשאטען" מיט רענדלאך, ווי די אלטע ווילנער פלעגען דערצעהלען. נאך דער חתונה האט דער שווער פאר איהם אפגעקויפט א גרויסען זיידען געשעפט, וואס ער האט זיין גאנצען לעבען אנגעהאלטען. זיין פרוי, א זעלטענע אשת־חיל, איז געווען די

גאנצע פיהרערקע פון געשעפט, ער אבער פלעגט זיך ווייניג וואס דער־מיט אינטערעסירען, נאר געזעסען און געלערנט מיט גרוים התמדה. און מען פלעגט איהם זעלטען ווען טרעפען אין געשעפט.

זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט האָט ער אַנגעשריבען בעת ער איז אַלט געווען פערצעהן יאהר און דאס איז באשטאנען אין א קריטיק אויפ'ן ספר „מרפא לעם" פון בצלאל עליאסבערג. דער מחבר האט זיינע קריטישע באמערקונגען אפגעדרוקט אין דער צווייטער אויפלאגע און איהם באטיטעלט „הרב הגדול האברך המופלג וכו'". צו דערזעלבער צייט האט ער צוגעשיקט א גרויסען מאמר מיט קריטיקען אויף פארשידענע ספרים צו יצחק בער לעווינזאן, דער גרעסטער אי־דישער געלעהרטער אין יענער צייט. דער ריב"ל האט געהאט גרוים התפעלות פון זיינע חידושים, און אין זיין ספר „בית יהודה" שרייבט ער אויף דעם דאזיגען פופצעהן יעהריגען אינגעל, אז מען קען איהם שוין היינט רעכענען פאר דעם „ראש וראשון למבקרים".

דאס מערקווירדיגסטע איז געווען ביי שטראשון, וואס ער האט ניט דורכגעמאכט, ווי די אנדערע ליטעראטען, די געוויסע ליטעראַ־רישע קינדער־קראנקהייטען. זיינע קריטישע הערות אין די יונגע יאהרען זיינען געווען ניט ווייניגער רייף, טיעף און שארף ווי אין די שפעטערע יאהרען. ער האט אויך קיינמאל ניט געענדערט די פארם פון זיינע ליטעראַרישע אַרבייט, און אזוי ווי אין די יונגע יאהרען אזוי אויך שפעטער, האט ער פארשטאנען ארויסצוגעבען אין עטליכע שורות די גרעסטע און וויכטיגסטע חידושים, וואס אנדערע וואלטען געדארפט גאנצע עמודים אנשרייבען. אט דעם דאזיגען זאנדערבארען ארט שרייבען, קורץ און שארף, מעשה פארצייטיגער גאון האט איהם קיינער ניט געקענט נאכמאכען, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אז כאטש ער האט זעלטען־ווען זיין נאמען אונטערגעשריבען, און זיך תמיד באנוצט מיט פארשידענע פסעוודאנימען, ווי: והו, והוא, יהו, בק"ג און דערגלייכען, האבען דאך אלע געלעהרטע געוואוסט, אז דער מחבר איז ניט קיין אנדערער ווי מתתיהו שטראשון.

זעהר פראדוקטיוו איז ער ערשט געווארען בעת ער איז אריין אין די צוואנציגער יאהרען. שמואל יוסף פין, צוזאמען מיט אליעזר ליפמאן הורוויץ, האבען אנגעהויבען ארויסצוגעבן די „פרחי צפון", א זאמלונג פון מאמרים איבער חכמת ישראל, און מתתיהו שטראשון איז געווען איינער פון די הויפט־מיטארבייטער. זיינע פילאזאפישע און היסטארישע מאמרים האבען געצויגען אויף זיך די אויפמערקזא־קייט פון די גרעסטע געלעהרטע אין יענער צייט. צו דערזעלבער צייט פלעגען זיך דרוקען זיינע קורצע גייסטרייכע הערות אויך אין „כרם חמד", אין „היונה" און אין „הצופה להמגיד", שניאור זק"ש, פון

גרויס התפעלות, האט זיך אמאל אויסגעדריקט אין זיינע שריפטען, אז ווילנא האט איצט ארויסגעגעבען פאר דער וועלט א צווייטען גאון, און אז דאס אייגענע וואס איהר ערשטער גאון איז געווען פאר „תורת־ישראל", וועט זיין דער צווייטער פאר „חכמת־ישראל".

זיין נאמען אלס גרויסער געלעהרטער אין אלע פארשידענע געביטען פון דער וויסענשאפט, איז שוין געווארען אזוי וויים באוואוסט, אז מען האט איהם אויסגעקליבען פאר א מכריע אין דער געוויסער מחלוקת צווישען חיים זעליג סלאנימסקי און צבי מנחם פינעלעש, איבער די איינטיילונג פון די תקופות און די קביעות פון די מולדות. זיין הכרעה איז פון ביידע צדדים אנגענומען געווארען און די מחלוקת, וואס האט זיך געצויגען כמה יאהרען, איז באזייטיגט געווארען.

געגען זיין רצון איז ער פאר א קורצער צייט, אין אנפאנג פון די פערציגער יאהרען, ארייננעצויגען געווארען אין דער השכלה־באוועגונג. זיינע חברים שמואל יוסף פין, חיים לייב קאצענעלענבויגען ,אליעזר הורוויץ און לעאן ראזענטאל האבען געעפענט אין ווילנא צוויי פאלקס־שולען, אויף צו לערנען העברעאישע למודים אין רוסיש. כדי צו געבען די שולען א בעסערע רעפוטאציע, זיינען זיי צוגעשטאנען צו שטראשונען, דאס ער זאל אננעהמען די שטעלע פון א קוראטאר. ער האט אנגענומען דעם דאזיגען פאסטען מיט דער באדינגונג, אז די שולען און די תלמידים זאלען זיך פיהרען נאך דער אלטער אידישער טראדיציע, און אז מען זאל דארטען לערנען א חוץ די נויטיגע למודים אויך אידישע מאראל און אידישע מנהגים. אבער נאך א קורצע צייט האט דאס אויסגעהאלטען, די תלמידים האבען אנגעהויבען צו קומען אלץ וועניגער און וועניגער צו די לעקציעס איבער מוסר און רעליגיע; אויך מאנכע פון די לעהרער זיינען שוין געווען צופיעל געכאפט אין דער מעשה, אז שטראשון האט זיך געפיהלט אפגענארט און זיך תיכף צוריקגעצויגען.

אין יאהר תרי"ז האט ער געמאכט א לענגערע רייזע קיין אויסלאנד צום איינקויפען ספרים־אנטיקען און מאנוסקריפטען פאר זיין ביבלי־אטעק, און אגב זיך צו באקענען פערזענליך מיט די גרויסע געלעהרטע, מיט וועמען ער האט יאהרען לאנג זיך קארעספאנדירט. צוערשט איז ער פארפאהרען קיין פראג זיך צו זעהן מיט שלמה יהודה ראפאפארט, וואס ער איז שוין דעמאלסט געווען רב אין פראג. דערנאך האט ער באזוכט דעם גרויסען גאון און חוקר רבי צבי חיות פון זאלקאווע, דעם קעניגסבערגער רב, רבי יעקב צבי מעקלענבורג, דער מחבר פון „הכתב והקבלה" און נאך אנדערע. אומעטום איז ער אויפגענומען געווארען מיט גרויס כבוד. אבער דעם פייערליכסטען קבלת־פנים האט

ער באקומען אין בערלין, און די רעפּרעזענטאנטען פון דער געמיינדע האבען איהם אנגעבאטען די בערלינער רבנות.

צוריקקומענדיג אין ווילנא האט ער אויף דער בקשה פון שמואל יוסף פין אנגעשריבען א הקדמה צו זיין ספר „קריה נאמנה" (די באשרייבונג פון דער אידישער ווילנא, די ביאגראפיעס פון איהרע רבנים, פּרנסים און אנדערע גדולים). פון דער הקדמה איז ארויסגעקו־מען א גאנצער ספר אונטער'ן נאמען „רחובות קריה", וואס איז פול מיט געוואלדיגע בקיאות און מיט אונגעהייער פיעל היסטארישע מא־טעריאל פאר די ביאגראפיעס פון הונדערטער גדולי ישראל.

דער דאזיגער קונטרס, וואס ענטהאלט בסך־הכל פערציג זייטלאך, האט געמאכט א געוואלדיגען רושם ביי די גדולי ישראל פון יענער צייט. מען האט באוואונדערט ניט אזוי די שארפע חידושים, ווי די אונגעהייערע גרויסע בקיאות אין הונדערטער שאלות־ותשובות ספרים, אזעלכע ספרים, וואס פיעל מלומדים האבען אפילו ניט געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ. אויך די רבני'שע וועלט איז זעהר צופרידען געווען פון ספר, דערמיט וואס ער פארטיידיגט די רבנים געגען די מאדערנע מבקרים, ווי א שטייגער זיין פארטיידיגען דעם גאון רבי יעקב פּאלאק. דער דאזיגער גרויסער גאון, דער גרעסטער ראש־הישיבה אין זיין צייט, איז נעבאך אריינגעפאלען אין די מיילער פון די מבקרים, און יע־דער וועלכער שרייבט וועגען דער תלמוד'ישער ליטעראטור, געהט ניט אריבער, ניט אננאגלענדיג דעם דאזיגען גאון צום שאנדקלאץ. עס איז ביי אלעמען ווי אן אקסיאם, אז רבי יעקב פּאלאק איז דער בא־גרינדער פון די קרומע פּלפּולים, און מען דערצעהלט זיך אן מאדנע מעשיות פון זיין שטייגער לערנען. אונטער אנדערעם ווערט דער־צעהלט פאר א פאקט, אז אין מיטען זאגען א שיעור, האבען די תלמידים, פאר א טשיקאוועס, איבערגעקעהרט א פאר בלעטער אין זיין גמרא, וואס ער האט ניט באמערקט, און א דאנק זיין זארט לערנען האט ער ווייטער פארטגעזעצט דעם שיעור, כאטש די ענינים זיינען געווען אזוי ווייט איינער פון צווייטען, כרחוק מזרח ממערב. מתתיהו שטראשון ווייזט אויף מיט ראיות, אז דאס איז אלץ בבא־מעשיות, אז באמת האט געהאט רבי יעקב פּאלאק א זעלטענעם שכל־הישר און אלעס וואס ער האט געזאגט איז געווען לאגיש אויסגע־האלטען. דאסגלייכען נעהמט ער זיך אן פאר'ן כבוד פון נאך מעהרערע רבנים, וואס חברה האבען זיך אנגעזעצט אויף זיי. דורך פארשידענע פאקטען האב איך מיך פערזענליך איבערצייגט, אז שטראשון איז גע־ווען דורכגעדרונגען מיט אמונת חכמים, אז ניט נאר וואס ער אליין האט זיך קיינמאל ניט ערלויבט דאס מינדעסטע ארויסצוזאגען געגען איינעם, וועלכע די לומדי'שע וועלט האט אנערקענט פאר אן אויטא־

ריטעט, נאר ער האט אויך ניט צוגעלאזען, אז אנדערע זאלען איהם פוגע בכבוד זיין.

דער אמאליגער וויכטיגער טיטעל „כלל־טהוער" אדער „עסקן־צבורי", איז היינט אין אונזערע צייטען, און בפרט אין אמעריקא, זעהר פאר־בילינגט געווארען. עס איז רעכט, אז יעדער גבאי פון א שוהל, אדער פרעזידענט פון א סאסייעטי, ווי ווינציג און אומבאדייטענד זיינע כלל־ארבייט זאל ניט זיין, האלט זיך שוין פאר א גרויסען כלל־טהוער און וויפיעל כבוד מען גיט איהם איז אלץ ווייניג. און ווער רעדט נאר פון דעם געוויסען קלאס פראפעסיאנעלע עסקנים, וואס כאטש זיי נעהמען גוטע געלט פאר זייער צייט וואס זיי גיבען אפ פאר די געזעלשאפטליכע ארבייט, האבען זיי נאך שטענדיג טענות צום אונ־דאנקבארען צבור. אבער אמאל איז דאס גאנץ אנדערש געווען. בלויז יחידי־סגולה, געצעהלטע מענשען פון א דור, וועלכע האבען באמת, אין א משך פון כמה יאהר אפגעגעבען זייער כח, זייער צייט, זייער געלט פאר'ן צבור האבען זוכה געווען געקרוינט צו ווערען מיט'ן שעה־נעם טיטעל „כלל־טהוער", וועלכער איז דער גרעסטער טיטעל, וואס דאס אידישע פאלק אין גלות האט געהאט צוצוטהיילען פאר די דאזיגע, וועלכע האבען אפגעגעבען א חלק פון זייער לעבען פאר'ן וואהל און בעסט פון פאלק, אהן שום זייטיגע פניות.

א טיפ פון אן אמאליגען אמת'ען איבערגעבענעם כלל־טהוער איז געווען מתתיהו שטראשון. בעת ווילנא האט איהם אויסגעקליבען, אין יאהר תרכ"ה, פאר'ן הויפט־פרנס, האט ער צוערשט, צוליעב בטול תורה, ניט געוואלט בשום אופן אננעהמען, אבער קוים איז ער מרוצה געווארען, האט ער אפגעלעגט אן א זייט אלע זיינע פריוואטע ענינים און מיט א געוואלדיגער ענערגיע זיך אריינגעווארפען אין כלל־ארבייט. אלע פרנסים, וועלכע זיינען געווען פאר איהם, כאטש זייענדיג די בעסטע וואס ווילנא האט פארמאגט, גרויסע גבירים, צדיקים און לומדים, זיינען אבער ווייט געווען פון וועלטליכער בילדונג און ניט געוואוסט פון א מאדערנער ארדנונג. דעם סדר, אדער ריכטיגער גע־זאגט, דעם ניט־סדר, וואס די מנהיגים האבען איינגעפיהרט אין ווילנער קהלה מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק, און וואס דורכדעם איז שטענדיג אין ניוועץ געגאנגען פיעל קהל'ישע געלט, האט זיך אזוי געפיהרט פאר דער גאנצער צייט, ביז עס איז געקומען שטראשון, דער ערשטער ווילנער פרנס מיט א ברייטע אייראפעאישע בילדונג, און געענדערט די גאנצע הנהגה מן הקצה אל הקצה.

ראשית האט ער איינגעפיהרט א מאדערנע בוכהאלטעריע און אנגעשטעלט א ספעציעלען בוכהאלטער צו פיהרען די קהל'ישע ביכער, א זאך וואס די קהלה האט דאס קיינמאל ניט געהאט און ניט געזעהן.

דערנאך האט ער זיך גענומען צו מאכען א טאלק צו די צעהנדליגער טויזענדער רובעלס עולמות־געלדער, וואס יחידים האבען געהאט, אין א משך פון א פאר הונדערט יאהר, אפגעזאגט פאר דער ווילנער קהלה. אט די אלע דאזיגע געלדער, וועלכע זיינען געווען צוזעעט און צו־שפרייט און געלעגען אין די הענט פון פארשידענע אינסטיטוציעס און סתם יחידים, האט שטראשון צוזאמענגענומען און פאר דעם געלט געקויפט הייזער און הויפען אויף דעם נאמען פון דער „צדקה גדולה", וואס צו איהר זאל אריינקומען די גאנצע הכנסה. אמת, לייכט איז איהם דאס ניט אנגעקומען, אבער א דאנק זיין פעסטען כאראקטער און אייזערנעם ווילען האט ער דאס דורכגעפיהרט, און אוועקגעשטעלט די „צדקה גדולה" אויף א זיכערען פעסטען באזיס ביז צום היינטיגען טאג.

די ווילנער „צדקה גדולה" איז איינע פון די שעהנסטע און וויכ־טיגסטע אינסטיטוציעס וואס אידען האבען ווען אין גלות געשאפען. וויפיעל גרויסע קהלות אין רוסלאנד האבען פרובירט דאס איינצו־פיהרען און קיין ערפאלג ניט געהאט. די ווילנער „צדקה גדולה" האט שוין א טראדיציע פון איבער הונדערט יאהר, און זיך לאנגזאם ענט־וויקעלט, ביז זי האט דערגרייכט צו דער מדרגה, אז זי זאל ארומנעה־מען דאס גאנצע מענשליכע לעבען, צו באזארגען אלע גייסטיגע און מאטעריעלע הצטרכות פון דער וויעג ביז צום קבר, פון אויסהאלטען האספיטעלער פאר ארימע געווינערינס ביז א חברה קדישא...

א חוץ דעם האט ער אוועקגעשטעלט אין א בעסערער ארדנונג די הנהגה פון דער גרויסער שוהל, דער שטאלץ פון ווילנא. ער האט אפגעשאפט א סך נארישע פאראלטערטע מנהגים,און אויך אויסגעבע־סערט דעם דאזיגען היסטארישען בנין.

אבער די קרוין פון אלע זיינע וויכטיגע מעשים איז געווען, וואס ווילנא זאל ניט ברויכען אפגעבען אלע יאהר 58 אידישע נפשות פאר סאלדאטען און אנשטאט דעם קויפען פאר אלעמען קוויטאנציעס, וואס האט געקאסט דאמאלסט 800 רובעל א קוויטאנציע. ביז צו יענער צייט פלעגט זיך אין יעדען יאהר אפשפיעלען די שרעקליכסטע טראגעדיעס בעת דער צייט פון נאבאר. אלע געזונטע מענשען פון אכצעהן ביז פערציג יאהר פלעגען זיך צולויפען פון ווילנא, נאך מיט כמה חדשים פאר'ן נאבאר, און זיינען צוריקגעקומען ערשט בעת דער נאבאר איז שוין געווען אויסגעפילט. וועהרענד דער צייט איז אין ווילנא געווען א חושך. עס איז געווען שווער צו באקומען א בעל־מלאכה, די געשעפטען געבליבען אהן אנגעשטעלטע און הונדער־טער פאמיליעס האבען געהונגערט, ווייל עס האבען געפעהלט די ערנעהרער. א חוץ אלע איז געווען פאר אן אידעלען מענשען שרעקליך

צוצוזעהן די אונמענשליכע רציחות פון די רעקרוטען־כאַפּערס, ווי זיי פּלעגען פּייניגען זייערע קרבנות ערגער ווי די ווילדעסטע חיות.

אַפּצואווישען דעם דאָזיגען שאַנד־פלעק פון דער קהלה האָט זיך גענומען מתתיהו שטראַשון. נאָך באַלד אינ׳ם ערשטען יאָהר ווי ער איז געוואָרען פּרנס, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אונטערצורוקען די צייט פון נאַבאָר. האָט ער גלאַזט צוזאַמענרופען אַן אספה גדולה פון אַלע ווילנער גבירים און פאַרגעלעגט, אַז מען זאָל זוכען אויפזאַמלען 50,000 רובעל און קויפען קוויטאַנציעס פאַר די אַלע 58 רעקרוטען, וואָס מען ברויכט געבען. ער אַליין איז אַרוים צום ערשטען מיט אַ גרויסען בייטראַג און נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען נאָך היבשע סומען פון די ווילנער געבאַרענע, וועלכע געפינען זיך אין פּעטערבורג, ווי: לעאָן ראָזענטאַל, מאיר פרידלאַנד און אַנדערע, איז אין אַ משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט צוזאַמענגעקומען די נויטיגע סומע. אַלע אַנטלאָפענע האָבען זיך תיכף צוריקגעקעהרט און אין ווילנא איז געוואָרען שמחה וששון. אַ גרויסען יום־טוב האָט די קהלה פאַראַנשטאַלטעט לכבוד שטראַשון׳ען און אין פּנקס איז דאָס פאַרשריבען פאַר׳ן גרעסטען אויפטהועכץ, וואָס אַ פּרנס האָט ווען אויפגעטאָן אין ווילנא.

איינע פון זיינע גרויסע מעלות איז געווען, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין כבוד ניט געזוכט. כמה יאָהר האָט געדויערט ביז ווילנא האָט ביי איהם גע׳פּועל׳ט אָנצונעהמען דאָס אַמט פון אַ פּרנס העיר. נאָך זייענדיג אַ גאַנץ יונגער מאַן איז ער שוין געקרוינט געוואָרען צום גבאי ראשון פון דער חברה „גמלות חסדים של אמת“, דער העכסטער עהרען־אַמט, נאָך דעם פּרנס, אויף וועלכען עס האָבען הונדערטער מענשען צעהנדליגער יאָהרען זייערע אויגען אויסגעקוקט. באַלד אין דעם ערשטען יאָהר פון זיינע גבאות האָט זיך אַרויסגעצייגט זיין אייד־לער כאַראַקטער ניט צו וועלען זיך לאָזען געבען כבוד, און דורכדעם האָט ער מבטל געווען אַן אַלטען איינגעפיהרטען מנהג פון כמה דורות, וואָס כאָטש מען האָט שוין געהאַט איינגעזעהן, אַז ער פּאַסט ניט מעהר פאַר דער צייט, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט די דרייסטקייט אָפּצושאַפען אַ מנהג וואָס פיהרט זיך מקדמת דנא. דער מנהג איז באַשטאַנען אין אַט וואָס:

שמיני עצרת ביי־טאָג פּלעגען זיך צוזאַמענקלייבען די פּני פון שטאָדט און די פיהרער פון דער „חברה קדישא“ ביים גבאי ראשון, וואו מען האָט געטרונקען און געהוליעט ביז צום אָבענד. פאַר מעריב פלעגט מען דעם גבאי אָנטאָן אַ לאַנגע זופּיצע מיט אַ שטריימעל, וואָס איז עקסטרא דערצו צוגעגרייט נאָך פון פריהערדיגע דורות, און איהם פיהרען אונטער אַ חופּה פון זיין הויז ביז צו דער גרויסער

שוהל, וואו אַן עולם פון טויזענדער מענשען פלעגען איהם מקבל־פנים זיין מיט אַ ברייטען „ברוך־הבא". די פּראַצעסיע פלעגט זיך ציהען דורך די ווילנער אידישע גאַסען, מיט ברענענדע הבדלות אין די הענט. שמשים פלעגען געהן פאַראויס אויסרופענדיג: „פנו דרך לראשנו והבו כבוד לתורתנו", און דער עולם פלעגט נאָכגעהן זינגענדיג און טאַנצענדיג.

אַז ס'איז געקומען דער ערשטער שמיני עצרת פון שטראַשון'ס גבאות און די פני פון דער קהלה זיינען געקומען צו איהם אויף כיבוד, צו פראַווען די צערעמאָניע, האָט ער זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, אַז ער טראַכט מבטל צו מאַכען דעם מנהג, און האָט זיי געגעבען די בעסטע משקאות און אַלעמען אָנגעשכור'ט. אַז ס'איז געוואָרען שפּעטלאַך און דער שמש פון דער גרויסער שוהל איז געקומען מיט די מלבושי כבוד איהם אָנטאָן און פיהרען אונטער דער חופה צום שוהל, האָט ער געהייסען געבען דעם שמש פון כל טוב און איהם אויך גוט אָנגעשכור'ט. עס איז אַלץ שפּעטער און שפּעטער געוואָרען און מען האָט ארויסגעשיקט נייע שלוחים איהם ברענגען, אָבער ער האָט אַלעמען פאַרהאַלטען. אַז דער עולם, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן גאַס וואַרטענדיג אויף דער פּראַצעסיע, האָט אָנגעפאַנגען צו ווערען אונגעדולדיג, האָט ער שוין מעהר ניט געוואַרט און באַפוילען דעם שכור'ן שמש אָנצוטאָן די מלבושי כבוד און איהם פיהרען אין שוהל אריין. דעם גרויסען עולם איז דער וויץ זעהר געפעלען געוועז און געפּראַוועט פאַר'ן שמש דעמזעלבען פאַראַד וואָס מען פלעגט מאַכען פאַר די גבאים. בעת מען האָט דעם שמש אריינגעפיהרט אין דער גרויסער שוהל, איז פון ברייטען ברוך־הבא געוואָרען אַ גרויס געלעכטער, און אַז שטראַשון איז דערנאָך אריינגעקומען אַליין אין זיינע געוועהנליכע בגדים, האָט מען איהם מקבל־פנים געוועז מיט אַ ברייטען יישר־כח פאַר'ן מבטל מאַכען אַזאַ אַלטמאָדישען מנהג.

חוץ דעם האָט ער אָפּגעשאַפט נאָך עטליכע אַזעלכע מנהגים שטותים, וואָס האָבען זיך נעהאַט איינגעבירגערט אין ווילנא פון הונדערטער יאָהרען, וואָס מאַנכע זיינען געוועז געגען דעם דין התורה, אָבער די פריהערדיגע פּרנסים האָט געפעהלט דער מוטה און דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין דאָס אָפּצושאַפען. רבי מתתיהו שטראַשון איז געוועזען דער ערשטער פּרנס אין ווילנא, וועלכער האָט באַזעסען וועלטליכע ידיעות און אַ מאָדערנע וועלטאַנשויאונג. אין זיינע פוסטריט זיינען שוין שפּעטער נאָכגעגאַנגען די פּרנסים: שמואל יוסף פין, מאיר גאָרדאָן, שמואל סאַלץ און אַנדערע, וואָס האָבען טאַקע אוועקגעשטעלט די ווילנער קהלה פאַר אַ מוסטער דורך איהרע גוט איינגעריכטעטע לעהר־אַנשטאַלטען און צדקה־אינסטיטוציעס.

ניט זעהר לאנג האט אבער שטראשון אנגעהאלטען דאס אמט פון א פרנס, און אזוי באלד ווי ער האט אוועקגעשטעלט די הנהגה פון דער קהלה איז א גוטער ארדנונג און געזיכערט איהר עקזיסטענץ, האט ער זיך צוריקגעצויגען און איבערגעגעבען די הנהגה צו דעם ניט-ווענינער פעהיגען פיהרער, שמואל יוסף פין. זיך באפרייט פון כלל־ארבייט האט ער זיך ווידער גענומען פאר זיין לעבענס־אויפגאבע, צו זאמלען פאר זיין ביבליאטעק די זעלטענסטע ספרים און טייערסטע מאנוסקריפּ־טען, אויף וואס ער האט אויסגעגעבען צעהנדליגע טויזענדע רובעלס, ביז ס׳איז איהם געלונגען זיך איינצושאפען איינע פון די גרעסטע און רייכסטע אידישע ביבליאטעקען פון יענער צייט. זיין הויז איז דורכ־דעם געווארען דער מיטעלפונקט פאר אלע אידישע געלעהרטע. מייסטע מחברים פלעגען אפזיצען אין ווילנא וואכענלאנג, זיך באנוצענדיג מיט די זעלטענע ספרים פון זיין ביבליאטעק, און אנדערע פלעגען נאך ביי איהם וואוינען.

אמאל איז געקומען קיין ווילנא דער באוואוסטער ארץ־ישראל שד״ר יעקב ספיר, דער מחבר פון „אבן ספיר“. שטראשון האט איהם גענומען צו זיך פאר דער גאנצער צייט וואס ער האט געברויכט זיין אין ווילנא. גראד האט געטראפען ספיר׳ן אן אונגליק: זיך אויסגע־בראכען א פוס און פארבליבען מעהרערע חדשים אין ווילנא אויף שטראשונ׳ס קאסטען ביז ער איז געזונד געווארען. אינטערעסאנט צו לעזען יעקב ספיר׳ס דאנק צו זיין גרויסען וואהלטהעטער שטראשון, וואס ער האט אנגעשריבען אויפן שער פון זיין ספר „אבן ספיר“, וועלכער געפינט זיך נאך היינט אין שטראשונ׳ס ביבליאטעק. אנ־הויבען הויבט ער אן מיט פאלגענדען שיר:

השר אשר מושבך איתן
יושב בגן דעת בית מתן
קבל שלום עבד אשר ירד
לים וביתו עד תהום נתן.

און נאכהער פאלגען צוויי זייטען אנגעשריבען אויף רש״י־כתב, תהלות ותשבחות צו שטראשון אין אן עכט פריינקישער מליצה און ענדיגט מיט זיין באקאנטע אונטערשריפט, יעקב ספ״ה.

בכלל איז שטראשונ׳ס הויז געוועזן דער מרכז, וואו רבנים און געלעהרטע, לומדים און משכילים פלעגען זיך תמיד צוזאמענטרעפען. מען פלעגט לייענען, שמועסען און זיך מפלפל זיין איינער מיט דעם אנדערען, און שטראשון פלעגט תמיד זיין דער מכריע און דער לעצטער פוסק.

פון די תורה־שמועסען וואס מען פלעגט זיך אנהערען אין שטראַ־שונ׳ס ביבליאטעק־חדר האט מען געקענט מאכען צעהנדליגער ספרים.

וואס דיר בנים האבען זיך ניט ביי איהם צובעטען, ער זאָל אין מיין זכרון איז מיר נאך פארבליבען אַ שמועס וואס דארטען איז אמאָל פארגעקומען, וועגען דעם, וואס מאנכע רבנים האַלטען פאר אַן איסור זיך צו לאָזען פאָטאָגראַפירען, אָדער אָראָפּנעהמען אַ פּארטרעט דורך אַ מאָלער. שטראשון האט גענומען אויסרעכענען אויף אויסווענינ צעהנדליגער תשובות פון ראשונים און אחרונים מכח דעם עניין, און אַז כמעט יעדערער קומט צו אַן אַנדער מסקנא. דער מהר"ם מינץ, למשל, איז ניט בלויז מתיר זיך צו לאָזען מאכען אַ בילד, נאָר ער אַליין האט זיך געלאָזען מאָלען, בעת ער איז שוין אַלט געווען קרוב צו הונדערט יאהר, און זיין בילד, מיט דעם וואונדערבאר שעהנעם הדרת־פּנים געפינט זיך נאך עד היום אין מעה־רערע בילדער־גאַלעריעס און מוזעאומס. ער האט אויפגעוויזען פון די תשובות, אַז די מייסטע איטאַליענישע און האָלענדישע רבנים זיינען געווען מקילים און דעם פרט, אַז זאגאר איינער אַ האָלענדישער רב (זיין נאמען האב איך פארגעסען) האט ערלויבט זיין צורה אויס־צוקריצען אויף האָלענדישע מטבעות, דאגעגען אָבער, די דייטשע און פּוילישע רבנים זיינען געווען גרויסע מחמירים.

וואס די רבנים האבען זיך ביי איהם ניט צובעטען, ער זאָל לאָזען אָפּדרוקען זיינע חידושי תורה, איז דאס בשום אופן ביי איהם ניט געווען צו פּועל'ן. ערשט אַז ער איז שוין געווען איבער זעכציג יאהר, האט ער אָפּגעגעבען זיינע חידושים אויף מעהרע מסכתות צו זיינע פּלימעניקעס, די „אַלמנה והאחים ראָם" צו דרוקען אין די נייע ש"ס'ן, וואס זיי האבען דאמאלסט אַרויסגעגעבן.

שטראשון האט געהערט צו דעם טיפּ מענשען, וואס מען מוז זיי פערזענליך קענען, כדי צו וויסען ריכטיג איינצושאַצען זייער ווערטה. דעם אויסווענינסטען מענשען האט זיך אָפּגעדוכט, אַז שטראַ־שון איז געווען אַ האַרטער, שטאָלצער מענש און די דאָזיגע מיינונג איז אַ פּנים געקומען צוליעב זיין שטייפע, אַריסטאָקראַטישע האַל־טונג, צוליעב זיין צו־שטרענגען בליק און זיינע שטענדיגע קורצע באַמער־קונגען. אָבער דער יעניגער, וועלכער האט געהאט די געלעגענהייט צו קומען צו איהם אין הויז אַריין און צוזעהן זיין ווארימע באַציהונג צו לומדים און געלעהרטע, זיין ליכטיגען פּנים וואס ער האט אַרויס־געוויזען הערענדיג אַ דבר־תורה אָדער חכמה, האט אין איהם געפונען אַלע מדות טובות פון אַ תלמיד־חכם.

אין אנהויב יאהר תרמ"ו האט ער אנגעהויבען צו מערקען, אַז זיינע טעג זיינען שוין געצעהלטע, האט ער גענומען צוגרייטען אַ צוואה, וואו ער האט איבערגעלאָזען זיין גרויסע, ווערטפולע ביבליאָטעק פאר דער ווילנער קהלה. אַ חוץ דעם האט ער איבערגעלאָזען פאר דער קהלה אַ גרויסע איינטרעגליכע הויז אויף אויסצוהאַלטען די ביב־

ליאטעק פון די דירה־געלט. קינדער האט ער ניט נאכגעלאזען, בלויז די ווייב׳ס א פלימעניצע, א יתומה, וועלכע ער האט קליינערהייט אדאפטירט און איהר אפגעשריבען א גרויסען חלק פון דער ירושה. דאס איבעריגע ירושה האט ער צוטהיילט, מיט גרויס חכמה און אויס־רעכנונג, צו אלע זיינע קרובים, יעדען לויט זיין הצטרכות און פאר־דינסטען. פאר׳ן אפוטרופוס האט ער באשטימט מיין מחותן, רבי שמעון שטראשון, א קרוב און אן אינטימער פריינד זיינער.

שטראשון איז נפטר געווארען ו׳ טבת תרמ״ו. ווילנא האט גע־מאכט פאר איהם די גרעסטע לויה, וואס ס׳איז ווען אין ווילנא פארגעקומען. צעהנדליגער רבנים, ובראשם רבי יצחק אלחנן פון קאוונא, זיינען צוזאמענגעקומען איהם מספיד זיין.

די גרויסע ביבליאטעק, וואס שטראשון האט איבערגעלאזען פאר דער קהלה, און וועלכע איז נאך פארגרעסערט געווארען דורך שמואל יוסף פינ׳ס און אנדערענס נאכגעלאזענע ביבליאטעקען, רעכענט זיך היינט פאר דער גרעסטער אידישער לייברערי אין דער אלטער וועלט, און ווערט נאך עד־היום טעגליך באזוכט פון הונדערטער מענשען, פון פארשידענע ריכטונגען און אנשויאונגען.

# קלמן שולמאַן

געבאָרען אין ביכאָוו תקע"ח, געשטאָרבען אין ווילנא שבט תר"ס.

דאָס יאָהר תקע"ח איז געווען א געבענשטער, געראָטענער יאָהר פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור. אין דעם דאָזיגען יאָהר זיינען געבאָרען געוואָרען דריי אידישע אינגלאך, אין דריי פאַרשידענע גו־בערניעס, ביי עלטערן פון פאַרשידענע סאָציאַלע פאַרהעלטניסען: איינער איז געבאָרען אין א דאָרף נעבען ווילנא, ביי א פאָטער א גרויסען גאון און א גביר; דער צווייטער — אין גראָדנא, ביי א בכבוד׳יגען בעל־הבית, און דער דריטער — אין ביכאָוו, ביי א פשוט׳ן אידען, א ליובאַוויטשער חסיד און א ירא שמים. דעם איינעם האָט מען א נאָמען געגעבען מתתיהו, דעם צווייטען שמואל יוסף און דעם דריטען קלמן. דער צופאַל האָט די אַלע דריי בני־גיל׳ס, נאָך אין זייערע יונגע יאָהרען, צוזאַמענגעבראַכט קיין ווילנא, וואו זיי זיינען אויס־געוואַקסען ריזען, און וואו זיי האָבען איבער פופציג יאָהר געאַרבייט און געווירקט צו פאַרשפּרייטען תורה און חכמה, יעדער אין זיין מקצוע. דער דאָזיגער חוט־המשולש האָט דערצויגען און אויסגעבילדעט צוויי דורות, און זיין השפעה אין דער העברעאישער ליטעראַטור מערקט מען נאָך היינט.

אמת, דער גרויסער גאון און טיפער פאָרשער ר׳ מתתיהו שטראַשון, ווי אויך דער פילזייטיק געלעהרטער און פּראָדוקטיווער שריפטשטעלער שמואל יוסף פין, זיינען קיין ערך העכער געשטאַנען אין דער ווי־סענשאַפטליכער וועלט ווי קלמן שולמאַן דורך זייער סאָציאַלער שטע־לונג: רייך, אומאָפּהענגיג און כלל־טוער פון גרויסען איינפלוס, וואָס האָבען באַדייטענד א גרעסערן אָרט פאַרנומען אין אידישען לעבען, ווי דער כל־ימיו אָרימער, עניוות׳דיגער קלמן שולמאַן. דאָך איז שולמאַן זיי ביידען אריבערגעשטיגען אין פּאָפּולאַריטעט און אין באַליעבטהייט ביים פאָלק. ר׳ מתתיהו שטראַשון האָט איבערהויפּט קיינמאָל קיין פּאָפּולאַריטעט ניט געזוכט, און לכתחילה נאָר געאַרבייט פאַר יחידים — פאַר געצעהלטע געלעהרטע. אויך פין׳ס ליטעראַרישע לייסטונגען, וועלכע האָבען אין זייער צייט א געוואַלדיגען רושם געמאַכט, האָבען שוין היינט פיעל פון זייער ווערט פאַרלאָרען, א דאַנק די גרויסע פאָרשריטע וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויפ׳ן געביט פון חכמת ישראל אין די לעצטע 50—60 יאָהר; אויף צו לערנען די רוסישע

שפּראַך ברויכט מען שוין ניט מעהר אָנקומען צו פּינ׳ס העברעאישען „תלמוד לשון רוסיא“, און מען קען זאָגען, אַז כמעט אַלע פּינ׳ס שאַפונגען זיינען שוין היינט פאַרעלטערט. דאַגעגען האָט נאָך ניט אויפגעהערט קלמן שולמאַנ׳ס השפעה, און נאָך היינט רעכענט ער זיך צווישען די באַליבטעסטע העברעאישע שריפטשטעלער, בפרט ביי די, וועלכע זיינען אַמאָל געזעסען אויפ׳ן בית־המדרש באַנק.

איך פיהל, אַז איך דערמאָן זיך אָן קלמן שולמאַן, רופען זיך אין מיר אַרויס אַנגענעהמע ערינערונגען פון די אינטערעסאַנטע יונגע יאָהרען. מיר איז גראָד אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיין יוגענד אין דער שטורם־און־דראַנג פּעריאָדע פון דער השכלה, געזעהן מיט מיינע אויגען ווי די השכלה האָט אָנגעפאַנגען דורכצוברעכען די בית־מדרש ווענט, און דורך די שפּאַלטען אַריינגעשמוגעלט לשון־קודש׳דיגע ביכלאַך, די דאַמאָלסטיגע קולטור־טרעגער. אָבער קיין ביכעל האָט אונז, בית־המדרש׳ניקעס, ניט אַזוי פיעל פאַראינטערעסירט און אַזוי פיעל תענוג געבראַכט, ווי שולמאַנ׳ס „מסתרי פּאַריז“. מען האָט דאָס ניט געלייענט, נאָר ממש געשלונגען, יעדעס וואָרט גע׳דרש׳ענט, באַוואונדערט די וואונדערבאַרע שעהנע תנ״ך־שפּראַך, איהר לייכטיגקייט און פאַרשטענדליכקייט. מיר זיינען געווען אַזוי הינגעריסען פון שולמאַנ׳ס מליצה, אַז זאָגאַר שטיפענדיג פלעגען מיר זיך באַנוצען מיט די אויסדריקען פון „מסתרי פּאַריז“, למשל, געבענדיג אַ קלאַפּ, פלעגט מען זאָגען „יחי האגרוף“, אָנשרייען אויפ׳ן צווייטען מיט די ווערטער „חזיז ורעם“ (דאָנערוועטער) וכדומה.

אַ חוץ דעם איז דער „מסתרי פּאַריז“ געווען דער ערשטער ראָמאַן, וואָס אידישע קינדער האָבען איבערהויפּט געלעזען, און דערצו נאָך אַזאַ שפּאַנענדער ראָמאַן, וואָס האַלט דעם לעזער אין שטענדיגער אויפרעגונג. מיינענדיג, אין אונזער קינדישער נאַאיוויטעט, אַז די מעשה איז ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר אַן אמת׳ע פּאַסירונג, האָבען די אויפרעגענדע בילדער פון ראָמאַן אונזער פאַנטאַזיע נאָך מעהר גערייצט, און די העלדען פון דער מעשה האָבען אונז פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט. רודאָלף און זמירה זיינען געווען אונזערע ליעבלינגע, און ניט איין טרעהר האָבען מיר פאַרגאָסען אויף זייערע צרות. דאַגעגען האָבען מיר פיינט געהאַט בתכלית השנאה, די אַלע וועלכע האָבען זיי געוואַלט בייז טאָן, און מיט גרויסער אויפרעגונג און אונגעדולד קוים דערוואַרט די מפּלה פון חרבונה, עלוקה, לילית און די אַנדערע שלעכטע נפשות, וואָס קומט ערשט פאַר אין סוף פון לעצטען טהייל.

ניט נאָר ביי די יונגוואַרג מיט זייער רייכער פאַנטאַזיע האָט דער „מסתרי פּאַריז“ אַרויסגערופען גרויס אינטערעס, נאָר אויך ביי

עלטערע מענשען, אז עס איז כמעט געווען א בזיון פאר איינעם, וואס האט פארשטאנען לשון קודש, און ניט האבען געלייענט דעם „מסתרי פאריז". נאך אונזערע היינטיגע באגריפען לאזט זיך דאס שווער פארשטעהן, ווי אזוי דער דאזיגער פראנצויזישער שונד־ראמאן, וועלכער שילדערט דאס לעבען פון דער פאריזער אונטערוועלט, זאל אזא עפּאכע מאכען אויף דער אידישער גאס. שולמאן איבערטרייבט א האר ניט מיט דעם וואס ער זאגט אין דער הקדמה פון דריטען טהייל: „אז פון נאהענט און ווייט, פון אלט און יונג, באשטורעמט מען איהם מיט דער שאלה: ווען וועט ער שוין אמאל ארויסגעבען די געהיימניסען פון דריטען טהייל, נאך וועלכען זיי לעכצען ווי א דארשטיגער נאך וואסער".

פיעל האט בייגעטראגען צו פארגרעסערען די געשפאנטקייט און דאס אינטערעס פאר דער ערצעהלונג, דורך דעם וואס עס האט גע־דויערט גאנצע דריי יאהר ביז אלע פיער חלקים זיינען ארויס פון דרוק, אז די הפסקה פון איין חלק און צווייטען האט אנגעהאלטען כמעט א יאהר צייט! דאס ארויסגעהן פון יעדען חלק איז געווען א גאנצער עראייגנים אויף דער אידישער גאס, און מען פלעגט דאס איינשלינגען, ווי שולמאן דריקט זיך אויס, „כבכורה בטרם קיץ".

פון אלע השכלה־פיאנערען אין רוסלאנד און אין גאליציען פון אנפאנג פון פאריגען יאהרהונדערט, איז קלמן שולמאן געווען כמעט דער איין־איינציגער, וועמען די דאמאלסטיגע ארטאדאקסישע וועלט האט ניט אפּגעשטעמפּעלט פאר אן אפיקורס. ניט קוקענדיג וואס שולמאן האט אויך, ווי אלע זיינע איבעריגע חברים, קריטיקירט דעם פאנאטיזם, געטריבען די יוגענט פון דער פינסטערער געטא אין דער ליכטיגער וועלט — האבען איהם פונדעסטוועגען געהאלטען די פרומע אידען פאר זייערן אן אייגענעם מענשען, און זיך מיט איהם אפּט מתיחס געווען. א הכשר איז ארויסגעגעבען געווארען אויף אלע זיינע ספרים, אז מען מעג זיי עפענטליך לייענען אין ישיבה און אין בית־מדרש, און אפילו ראשי ישיבות און משגיחים פלעגען זיך ניט שעהמען אליין אויך אונטערכאפּען לייענען.

איך ערינער מיר נאך דעם גרויסען רושם וואס עס האט געמאכט אין טעלזער ישיבה, מיט פופציג יאהר צוריק, בעת עס איז ארויס שולמאנ'ס „הריסת ביתר", א היסטארישער ראמאן פאר דער צייט פון בר־כוכבא'ס אויפשטאנד געגען די רומיים. חדשים־לאנג איז דער דאזיגער ספר געווען דער הויפּט־געשפּרעך ביי די ישיבה־לייט, דען קיין ספר האט ניט געקענט אזוי אפּעלירען צו זיי ווי דער „הריסת ביתר". איינערזייטס האבען זיי אין איהם געפונען זייערע אלטע באקאנטע פון דער גמרא: רבי עקיבא'ן, רבי אליעזר המודעי, בר־

כוכבא׳ן און אנדערע. אנדערזייטס האט די וואונדערבארע ערצעהלונג דערוועקט אין זייערע יונגע אונשולדיגע הערצער צנועה׳דיגע געפיהלען פון ליעבע און בענקעניש, וואס האט געדרעמעלט אין זייער טיעפען אינערען.

ניט וועניגער אויפמערקזאמקייט האבען אין יענער צייט ארויסגע־רופען זיינע היסטארישע ספרים „קדמוניות־היהודים" און „מלחמות־היהודים", און געפונען גרויס סימפאטיע אויך ביי די עקסטרים פרומע אידען. זיי האבען באקומען דעמזעלבען חשיבות, ווי דער „סדר־הדורות", וועלכער פלעגט שטעהן אין ספרים־אלמער צווישען אלע גמרות און מפרשים. ביז די דאזיגע ספרים זיינען ארויס, האט מען וועניג־וואס געוואוסט פון דער גרויסער היסטארישער טראגעדיע, וואס האט זיך אפגעשפילט אין דער צייט פון חורבן בית שני. די איינציגע קוועלען זיינען געווען די פאר אגדות אין פרק הנזקין, מסכת גיטין און די עטליכע מעשיות אין מדרש איכה. דורך שולמאנ׳ס „מלחמות־היהודים" האט מען זיך ערשט רעכט דערוואוסט פון די וואונדערבארע גבורות און גרויס מסירות־נפש, וואס אונזערע עלטערן האבען ארויסגעוויזען ביים פארטיידיגען דעם אידישען כבוד און די אידישע הייליגקייט. אין מאנכע חדרים האבען די רביים שוין אויפ־געהערט פארצולייענען פאר די תלמידים ערב תשעה באב נאך האלבען טאג, בעת מען האט שוין ניט געטארט לערנען, דעם חורבן בית־המקדש פון מסכת גיטין, וואס מען האט דאס שוין געקענט אויס־וועניג, נאר קאפיטלאך פון „מלחמות־היהודים", און טייכען טרעהרען האבען זיך געגאסען פון די יונגע אויגעלאך.

מיט רעכט דריקט זיך אויס שולמאן איבער די דאזיגע ספרים אין זיין געקינסטעלטען לשון: „הגו בהם צעירים — ויחכמו, ראום משכילים — ויהללום, קראום חרדים — ויתענגו, רבנים — וישבעו רצון".

איינער פון די גרעסטע רבנים אין יענער צייט, רבי שמחה אמציסלאווער, שרייבט צו שולמאנ׳ען, אז ער איז איהם מקנא דעם גרויסען זכות וואס ער האט געהאט, באקאנט צו מאכען דעם אידישען פאלק מיט די ספרים פון יוסף בן מתתיהו הכהן — דער לעצטער „משוח־מלחמה" וואס אידען האבען געהאט.

אמת, לויט אונזערע היינטיגע פאדערונגען פון א היסטאריע־שרייבער, וואלט אונז שולמאן מיט זיינע היסטארישע ביכער בשום־אופן ניט צופרידענגעשטעלט. ער האט אויסגעלאזען צו מאכען די נויטיגע איינלייטונגען, ווי די היסטארישע עראייגניסען האבען זיך ענטוויקעלט; ער האט אויך ניט אנגעגעבען די נויטינע קוועלען און ניט געמאכט קיין זאכליכע באמערקונגען איבער די פארשידענע

מיינונגען — אבער אין זיין צייט האט מען נאך ניט געוואוסט פון אזעלכע פאַרערונגען, און דעריבער האט ער אַלעמען צופרידענגעשטעלט און זיינע ספרים האבען געהאט א געוואלדיגען ערפאלג. א חוץ דעם איז שולמאן געווען ווירקליך דער ערשטער, וואס האט דערוועקט דעם חשק ביי דעם יוגענד, זיך צו באַקענען מיט זייער אייגענער היסטאריע.

די אָרטאָדאָקסי האט תמיד געהאט א חוש צו דערקענען ווער אין איהר פריינד און ווער איז איהר פיינד. דאכט זיך שולמאַנ׳ס „מסתרי פאריז" איז ארוים כמעט אין איין צייט מיט מאפו׳ס „אהבת־ציון" און „אשמת־שומרון", און נאך אונזער היינטיגען באגריף און געשמאַק איז כמעט קיין ספק ניט, אז מאפו׳ס אָריגינעלע ערצעהלונגען פונ׳ם אַלטען אידישען לעבען אין זיין אייגען לאנד און דערצו נאך געשריבען אין נביאים־ראשונים־לשון, זיינען גאר קיין ערך ניט וויכ־טיגער און נוצליכער פאר׳ן אידישען יוגענד, ווי אן איבערזעצטער פראנצויזישער ראמאן פון א גאנץ פרעמדער סביבה — און דאך האט די אָרטאָדאָקסי מאפו׳ן מיט זיינע ספרים פאַרדאמט און מיט שול־מאנ׳ען זיך געצאצקעט.

ביי מיר איז קיין ספק ניט, אז ווען מאפו וואלט ניט געהאט געשריבען זיין „עיט צבוע", וואלטען זיינע אנדערע ספרים א גאנץ אַנדער פנים געהאט ביי דער אָרטאָדאָקסישער וועלט. בכלל האט מאפו דורך זיין ניט געלונגענעם „עיט צבוע" זעהר פיעל פארלאָרען פון זיין גרוים אַנזעהן, וואס האבען איהם פאַרשאפט זיינע פריהערע גרויסע מייסטערווערק „אהבת־ציון" און „אשמת־שומרון" און ניט בלויז ביים פרומען קלאס, נאר אויך ביי פיעל פון די דאמאלסטיגע באוואוסטע משכילים, ווי ליליענבלום און אנדערע. און באמת זיינען זיי גאנץ גערעכט געווען. מיר געפינען ניט אין „עיט־צבוע", ניט קיין קונסט, ניט קיין פסיכאלאגיע, ניט קיין אויסגעהאלטענקייט. די העלדען — אלע פארבלאז, טויטע ברואים, און די מייסטע האנדלונגען — פשוט׳ע בטלנות. זיין איינציגער צוועק איז נאר צו באווייזען, אז מאראל און פיינקייט, אמת און יושר געפינט מען נאר ביי די בעלי־עבירות, און אז אזעלכע אידען ווי רבי ישראל סאלאנטער, א ר׳ היר־שעל נאוויאזער זיינען פול מיט שקר און צביעות און קנאה.

מען דערצעהלט, אז מען האט אמאל אין וואלאזין געכאפט א בחור לייענענדיג דעם „עיט־צבוע" און איהם פאר׳מסר׳ט צו רבי יוסף בער׳ן, אבער אנשטאט דעם בחור צו באשטראפען זאל רבי יוסף בער געזאגט האבען, אז אדרבא, זאלען דאס אלע בחורים לייענען, ווייל „הרואה סוטה בשעת קלקולתה יזיר עצמו מן היין", — זעהענדיג

די גרויסע שטותים, וועט מען שוין פארזאגנען א צעהנטען זייערע ביכלאך אין האנט ניט צו נעהמען.

פון אלע העברעאישע שריפטשטעלער אין דער השכלה־עפאכע, איז אפשר קלמן שולמאן געווען דער איינציגער, וואס האט אזוי ווייניג אריגינעלעס געשאפען. דערפאר אבער איז ער געווען אן איבערזעצער „פאר עקסעלענס", דער בעסטער און פראדוקטיווסטער מעתיק וואס די העברעאישע שפראך האט ווען עס איז געהאט. זיין מאטא איז תמיד געווען: „בראי'ער צו איבערזעצען נוצליכעס פון אנדערע שפראַכען, ווי צו פארפאסען אייגענע נארישע זאכען". אמת, אין זיינע ערשטע איבערזעצטע ווערק איז ער ניט געווען זעהר שטארק ווהלעריש, דער אינהאלט איז ביי איהם געווען א טפל, און דער עיקר איז געווען „ללמד לבני יהודה קשת הסופר". אבער וואס ווייטער ער האט זיך איינגעשריבען איז ער אלץ מעהר פראקטישער געווארען, און צוזאמען מיט'ן צוועק צו פארשפרייטען די העברעאישע שפראך, האט ער אויך אין זינען געהאט צו בארייכערן דעם לעזער מיט נאַציאנאלע און וועלטליכע ידיעות. שולמאן האט איינגעזעהן, אז די אידישע יוגענד, וואס איז אויסגעוואקסען אין דער געטא מיינט, אז די גאנצע וועלט זעהט אויס ווי איהר סביבה, און דעריבער האט ער פאר זיי איבערזעצט זיין „מסתרי פאריז", זיי אריינגעפיהרט אין א גאנץ אנדער וועלט, אין א וועלט פון ראמאנטיק און מאטעריאליזם און זיי געצייגט דאס לעבען פון א גרויסע שטאדט מיט אלע איהרע מעלות און חסרונות. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אז ווען שולמאן וואלט געהאט איבערזעצט, למשל, „האמלעט", אדער טורגעניעוו'ס וועלכע ערצעהלונג, וואלט ער דאמאלסט לאנג ניט געהאט דעם ערפאלג ווי די וואונדערגעשיכטען פון פאריזער לעבען.

נאכדעם ווי שולמאנ'ען איז געלונגען צו באשאפען א גרויסען קרייז פון העברעאישע לעזער, האט ער שוין אנגעפאנגען צו איבערזעצען פאר זיי נוצליכע און פראקטישע זאכען. דער העברעאישער לעזער פון יענער צייט איז באמת געווען א זעלטען ווערטפולער מאטעריאל, וואס היינט ליידער האבען מיר דאס ניט. א לעזער וועלכער איז געווען גייסטיג ענטוויקעלט, אויסגעשטאטעט מיט א רעכט ביסעל פילאזאפישע און יורידישע וויסענשאפט — א דאנק דער גמרא און חקירה־ספרים — דערצו נאך מיט א שארפען קאמבינירענדען שכל, וואס תוספות און מהרש"א האבען איהם צונעגעבען, אבער דאגעגען ארים און צוריקגעבליבען אין די עלעמענטארסטע וועלטליכע ידיעות. אז עס איז פאראן, למשל, א ים הגדול אויף דער וועלט, האט ער נאך געוואוסט פון דער ברכה וואס מען דארף מאכען, אז מען זעהט איהם. ער האט אויך געוואוסט פון דער גמרא, אז עס געפינט זיך

ערנעץ־וואו א ים אוקינוס, אבער וואו די ימים געפינען זיך און וועלכע לענדער זיי נעהמען ארום, האט ער ניט געוואוסט. אמת, פון טייך פרת האט ער שוין געוואוסט נאך אין די קינדערשע יאהרען, בעת ער האט געלערענט בראשית, און שפעטער, גרויסערהייט, האט ער זיך מיט'ן דאזיגען טייך צוזאמענגעטראפען אין כמה מסכתות, ביי די דינים פון א גט, א מציאה, א שליח און דערגלייכען, אבער פרעגט איהם בחרם וואו דער טייך לויפט. דאס ווייסט ער ניט. דאס אייגענע איז מיט מצרים, רוים, שפאניען וכדומה, וואס שפילען א גרויסע ראלע אין אידישען לעבען.

צוליעב דעם האט זיך שולמאן גענומען צום ערשטען ארויסצוגעבען זיין „מוסדי ארץ“, א באשרייבונג פון אלע מדינות פון דער וועלט מיט די ימ'ען, בערג און טייכען, די גרויסע שטעדט פון יעדער מדינה און די פראדוקטען וואס יעדע מדינה גיט ארויס. דערנאך האט ער ארויסגעגעבען זיין „דברי ימי עולם“ אין 9 טהיילען, אן איבער־זעצונג פון פראפעסאר וועבער'ס וועלט־געשיכטע.

איבער צעהן יאהר האט געדויערט ביז עס זיינען ארויס פון דרוק אלע 9 חלקים פון „דברי ימי עולם“, און ווען ניט די הילף פון דער חברה „מפיצי השכלה“, וואלטען זיי בכלל ניט ארויסגעגאנגען. א דאנק די השתדלות פון מאגיסטער ח"י גורלאנד (דער שפעטערער אדעסער ראבינער) האט די חברה באשלאסען צו אוואנסירען שולמאנ'ען א געוויסע סומע פאר יעדען דרוקבויגען, אויך צו פארשפרייטען זיינע איבעריגע ספרים, דער ערשטער פאל וואו די דאזיגע חברה האט גע־שטיצט א העברעאישען מחבר...

נאכדעם ווי שולמאן האט זיך אפגעגעבען עטליכע יאהר מיט דער ארבייט צו מאכען „דעם אידען פאר א מענשען“, איז ער צוריק־געקערט צו זיינע פריהערע טעטיגקייט צו מאכען „דעם מענשען פאר א אידען“. צו דעם צוועק האט ער אנגעהויבען ארויסגעבען א גרויס ווערק אונטער'ן נאמען „תולדות חכמי ישראל“ אין פיר חלקים, וואו ער האט באשריבען אין א וואונדערבארע לייכטע שפראך דאס לעבען און ווירקען פון אלע אונזערע גרויסע חכמים פון דער תקופת הגאונים ביז צו דער מענדעלסאן־עפאכע. דער „תולדות חכמי ישראל“ איז בכלל אן איבערזעצונג, טיילווייז פון גרעץ און טיילווייז פון יאסט און הערצבאך. דאך געפינט זיך דארטען אויך זעהר פיעל שולמאנ'ס אייגענע וויסענשאפטליכע הערות, וואס צייגען זיין ברייטע ידיעה אין חכמת ישראל. אבער שולמאן דער עניו, וואס האט זיך געהאלטען תמיד קלענער ווי ער איז געווען, האט ניט געוואלט אויף זיך שטעלען, און אין דער הקדמה פון יעדען חלק פאדערט ער אויף די חכמי ישראל

איהם אויפמערקזאם צו מאכען אויף זיינע טעותים, און בפרט האט ער עס געבעטען דעם גרויסען געלעהרטען יעקב רייפמאן.

מיין ערשטע פערזענליכע באקאנטשאפט מיט שולמאנ׳ען איז גע־ווען אין יאהר 1888, און אלס א צייכען פון פריינדשאפט האט ער מיר געגעבען צום אנדענקען זיין „שפה ברורה“, זיין ערשטער מליצה־ספר, וואס ער האט ארויסגעגעבען אין יאהר 1848 און מיט זיין פערלדיגען כתב געמאכט אן אויפשריפט אויפ׳ן פאדערבלאט. אזוי ווי דער טיטעל אליין האט פארנומען 4—5 שורות, האב איך מיך פארשעמט דורכלייענענדיג די גרויסע שבחים, וואס ער האט אנגע־שריבען אויף מיר, און זיך געוויינערט צו נעהמען דאס בוך. דארויף האט ער מיר מיט זיינע אמת׳ע תמימות געמאכט פאלגענדע באַ־מערקונג:

„הערט, יונגערמאן, אז איך האב ארויסגעגעבען דעם דאזיגען ער־שטען ספר מיינעם, דעם „שפה ברורה“, בין איך געווען אין דעם זעלבען עלטער ווי איהר זיינט היינט. און פארגלייכענדיג מיינע ער־שטע ארבייט צו אייערע ערשטע ארבייט דארף איך מיך שעהמען נעגען אייך, ווייל איך בין ארוים אויף דער וועלט מיט בטלנות און איהר זייט באלד ארוים מיט פראקטישע און נוצליכע זאכען“.

אויף מיין באמערקונג, אז וואס פאר א באטרעף האט מיין פשוט׳ע מאגערע שפראך, א „חיי אדם“ סגנון, געגען זיין מייסטערהאפטע נביאים־שפראך, וואס איז באמת ניטא זיין גלייכען — האב איך באקו־מען פאלגענדע האלב־סאטירישע תשובה:

„איהר טהוט גאנץ ריכטיג, וואס איהר באנוצט זיך מיט׳ן סגנון פון „חיי אדם“ (פאר׳ן מענשליכען עקזיסטענץ) און ניט געפרובירט נאכמאכען מיינע מליצה. איהר וואלט מיט איהר ווייט ניט געקומען. איך זעה דא, למשל, אין אייער קונטרס א זאץ, וואס לייענט זיך: „החזרנו להסוחר בקעניגסבערג (פרוסיא) הדגים־מלוחים שנתקלקלו“. אז מיר, למשל, וואלט דאס אויסגעקומען צו שרייבען, וואלט בלי ספק אזוי קורץ ניט ארויסגעקומען, איך וואלט ווארשיינליך געשריבען בזה הלשון: „להכנעני היושב בארץ פרוסיא בעיר הר־מלך, השבנו אחור את הדגה המלוחה שנשחתה ואיננה עוברת לסוחר“...

אמאל, ביי א געלעגענהייט, האב איך דערצעהלט דר. י. ל. קאנטאר פון דעם דאזיגען שמועס מיט שולמאנ׳ען, האט ער מיר דארויף בא־מערקט, אז ער האט שטארק מורא, אז דער אלטער האט זיך פאר אייך געשעמט און נאך צופיעל מקצר געווען. ווי ווייט ער קען שולמאנ׳ען, וואלט ער בודאי זיך ניט געקענט איינהאלטען דערמא־נענדיג דאס ווארט „כנעני“, ביי אזא פאסיגע געלעגענהייט, ניט צוצוגעבען דעם פסוק „כנען בידו מאזני מרמה לעשק אהב“. אויך

וואָלט שולמאַן ניט געקענט שרייבן סתם „הר־המלך" און ניט צו־לייגן די ווערטער „ותרועת מלך בו", ווייל אין קעניגסבערג פלעגט מען קרוינען די פּרייסישע מלכים...

זעלטן־ווער פון די דיכטער האָט אַזוי שיין און קינסטלעריש געשילדערט די גליקלעכע צייט פון דער גאָלדענער יוגנט, ווי קלמן שולמאַן, און דאָס מערקווירדיגסטע איז דערביי, וואָס ער אַליין האָט פאַרבראַכט זיין גאַנצע יוגנט אין גרעסטער נויט און עלענד. געבאָרן ביי אָרימע עלטערן. זיין מוטער איז אים אָפּגעשטאָרבן בעת ער איז אַלט געווען צוויי יאָהר. צו צעהן יאָהר האָט ער אויך זיין פאָטער פאַרלאָרן און איז פאַרבליבן אַן אָרימער, עלענדער יתום. זיין עלטערע שוועסטער, אַ נאַרישע, קליינשטעדטעלדיגע אידענע, וואָס האָט זיך איבערגענומען איהם צו האָדעווען, האָט איהם זעהר שלעכט באַהאַנדעלט, איהם געזוכט אָפּצורייסען פון לערנען, וואָס דאָס איז געווען זיין אייזציגער תענוג און שטרעבען און געוואָלט איהם מאַכען פאַר אַ פאַרדינער. דאָס שלימסטע, אָבער, וואָס זי האָט איהם אָפּ־געטאָן, וואָס זי האָט איהם מיט געוואַלד חתונה געמאַכט, בעת ער איז ערשט אַלט געווען דרייצעהן יאָהר, און פאַר אַ פּראָסטער אומוויסענדער מיידעל. צוויי יאָהר האָט ער זיך געמאַטערט, קעמפּפענדיג מיט זיין ווייבעל און מיט זיין שוועסטער, וועלכע האָבען איהם שרעקליך געמוטשעט ער זאָל אָוועקוואַרפען לערנען און זיך נעהמען צו מסחר.

צוליעב זיין גרויסען חשק צו לערנען און ניט קענענדיג מעהר פאַרטראָגען די צרות פון זיין ווייב, איז ער בשתיקה אַנטלאָפען פון דעם היים, און ניט האָבענדיג מיט זיך קיין שום מיטעל, איז ער געגאַנגען צופוס איבער צוויי הונדערט ווייאָרסט, ביז ער האָט דער־גרייכט די שטעדטעל וואָלאָזין, דער צענטער פון תורה פאַר יענער צייט. זיין געוואַלדיגע התמדה און זיין איידעלע פיינע הנהגה האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאַמאָלסטיגען ראש הישיבה רבי איצעלע, וועלכער האָט דעם „ביכאָווער פּרוש" שטאַרק מקרב גע־ווען און מיט דער צייט אויך זעהר ליעב באַקומען.

די זעקס יאָהר וואָס שולמאַן איז געזעסען אין וואָלאָזין על התורה ועל העבודה, האָט ער געהאַלטען פאַר די שעהנסטע צייט פון זיין לעבען, נישט קוקענדיג וואָס ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות, ממש געהונגערט. אָבער די גרויסע צרות פון זיין ווייב, וועלכע פלעגט אָפט אַריבערקומען קיין וואָלאָזין איהם מאַכען שאַנד און לייטישע געלעכטערס, האָט איהם פאַרביטערט זיין לעבען: קיין גט האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען, נאָר איהם געפּייניגט ער זאָל אָוועקוואַרפען די ישיבה און צוריקקעהרען מיט איהר קיין ביכאָוו.

פון פיעל לערנען און ווייניג שלאפען און פון גרויס יסורים, וואס די ווייב האט איהם אנגעטאן מיט איהרע באזוכען, האט ער אנגע־פאנגען צו ליידען אויף די אויגען און געהאלטען ביי בלינד ווערען. רבי איצעלע, וואס האט איהם געליעבט ווי אן אייגען קינד, האט איהם אויף זיינע הוצאות אוועקגעשיקט קיין ווילנא צו א באוואוסטען אויגען־פראפעסאר, און אזוי איז ער שוין פארבליבען פאר זיין גאנצען לעבען אין ווילנא.

ווילנא האט איהם זעהר גוט געטאן, אין א קורצער צייט אויס־קורירט זיינע אויגען און פטור געווארען פון זיין צרה דורך א גט. אזוי ווי ער איז געווען א מענש מיט א ברייטע פאנטאזיע, האט ער אויסגעקליבען פאר זיין מקום־תורה דעם גאונ׳ס קלויז, זיך פארשטע־לענדיג, אז דעם גאונ׳ס גרויסער גייסט שוועבט דארטען ארום. דער ווילנער גאון איז ביי איהם געווען דער העכסטער אידעאל, און ער האט ליעב געהאט צו פיהרען געשפרעכען מיט די זקנים, וועלכע האבען נאך פערזענליך געקענט דעם גאון און זיין הנהגה. פון זיי האט ער זיך דערוואוסט, אז דער גאון פלעגט הייסען זיינע מקורבים לערנען תנ״ך און דקדוק, און דאס האט אויף איהם געווירקט זיך צו נעהמען לערנען לשון־קודש.

אזוי ווי שולמאן האט באשלאסען זיך צו נעהמען צו רבנות, איז ער דעריבער אריינגעטראטען אין דער בארימטער ישיבה פון רבי ישראל׳צע גינצבורג, וואו עס האבען געלערענט נאר די יונגע לייט, וועלכע גרייטען זיך צו רבנות. זיין נאהענטסטער חבר אין דער ישיבה איז געווען דער שפעטערער פראפעסאר דניאל חוואלסאן, און ווי שולמאן האט דערצעהלט, פלעגען זיי צוויי נעכט אין דער וואך, ביידע צוזאמען, דורכלערנען שטעהענדיג די גאנצע נאכט. זיי האבען אויך צוזאמען געלערענט מדרש און זוהר, און אנגעהאלטען זייער פריינטשאפט ביז חוואלסאן האט פארלאזען זיין פאלק.

שולמאן איז פארבליבען אין דער ישיבה ביז ער האט באקומען סמיכה אויף רבנות. אבער אזוי ווי עס האט זיך איהם ניט געמאכט א פאסיגע שטעלע האט ער אין גאנצען אויפגעגעבען דעם פלאן פון רבנות, און גענומען זיך פארפאלקאמען אין דער העברעאישער שפראך. אויף צו מאכען א לעבען האט ער אנגעהויבען צו געבען שטונדען אין העברעאיש, און דערמיט איז געווען שולמאן דער ערשטער, וועלכער האט געמאכט שטונדען־געבען פאר א פראפעסיע, וואס מיט דער צייט איז דאס געווארען אן עקזיסטענץ פאר טויזענדער מענשען. זיין ערשטער בעל־הבית איז געווען דער באוואוסטער גביר יעקב יאג, וועלכער האט איהם שפעטער רעקאמענדירט אלס לעהרער אין נאך אנדערע גביר׳ישע הייזער, באופן אז שולמאן האט שוין אויפגעהערט

צו ליידען דחקות, וואָס ער האָט געליטען פון זיין געבאָרענע שעה אָן.

אַזוי ווי שולמאַן איז פון תמיד אָן געווען אַ נחבא אל הכלים, האָבען נאָר געצעהלטע מענשען אין ווילנא געוואוסט פון דעם „ביי־כאָווער מושלם", און ער וואָלט אפשר אַזוי אויסגעלעבט זיינע יאָהרען פאַרבלייבענדיג אַ בעל־פועל אין תנ"ך און דקדוק. צו זיין גליק אָבער, אָדער ריכטיגער — צום גליק פון דער העברעאישער שפּראַך, איז ער דורך אַ צופאַל מיט אַמאָל געוואָרען אַ מפורסם אין גאַנץ ווילנא און געשאַפען פאַר זיך אַ נייע קאַריערע. דאָס איז געווען אין יאָהר 1846, אין דער צייט וואָס משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך אויפגעהאַלטען אין ווילנא אויף זיין וועג קיין פּעטערבורג. פון נאָהענט און וויים, פון קהלות און יחידים האָט מען זיך געווענדעט צו איהם מיט פאַרשידענע בקשות. צווישען די אַלע וואָס האָבען דערלאַנגט שריפטליכע בקשות, איז אויך געווען אַ בקשה פון אַכט פאַמיליען, וועלכע מען האָט אַרויס־געטריבען פון אַ דאָרף נעבען גרענעץ.

דר. לעווי, מאָנטיפיאָרע'ס סעקרעטער און ראַטגעבער, לייענענדיג די דאָזיגע בקשה איז ערשטוינט געוואָרען פון דעם וואונדערבאַר־שעה־נעם העברעאישען סגנון און געבעטען איהם ברענגען דעם שרייבער פון דער בקשה. דער שרייבער איז נעמליך געווען קלמן שולמאַן, און דר. לעווי האָט פאַרגעשטעלט שולמאַנ'ען פאַר מאָנטעפיאָרע'ן און פאַר די איבעריגע גרויסע לייט, וועלכע זיינען ביי איהם געווען, אַלס דער איינציגער, וועלכער פאַרשטעהט צו שרייבען לשון־קודש אין סטיל פון די נביאים.

דער דאָזיגער צופאַל האָט פאַראורזאַכט, אַז די באַוואוסטע משכילים פון יענער צייט, ווי: אד"ם הכהן, שמואל יוסף פין, מרדכי פּלונגיאַן און אַנדערע, האָבען אָנגעפאַנגען איהם מקרב צו זיין, און איהם אַריינגעגעבען מוטה און דרייסטיגקייט צו ווערען אַ העברעאישער שריפטשטעלער. צוויי יאָהר האָט געדויערט ביז שולמאַן האָט געקענט ביי זיך פועל'ן אַרויסצוגעהן אין דער עפענטליכקייט, און ערשט אין יאָהר 1848 האָט שולמאַן אַרויסגעגעבען זיין ערשטען ווערק אונטער'ן נאָמען „שפה־ברורה", וועלכער האָט איהם געעפענט דעם וועג צו זיינע ווייטערע ליטעראַרישע אַרבייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטען איבער פופציג יאָהר און איהם געמאַכט פאַר איינעם פון די פּאָפּולערסטע פּערזענליכקייטען אין זיין צייט.

אַזוי ווי באַוואוסט שולמאַן איז געווען אין דער גרויסער אידישער וועלט — אַזוי אומבאַוואוסט איז ער פאַרבליבען אין זיין אייגענער שטאָדט ווילנא, וואו ער האָט געלעבט איבער 60 יאָהר. זייענדיג פון דער נאַטור אַ גרויסער עניו האָט ער קיינמאָל ניט געזוכט קיין כבוד און זיך קיינמאָל ניט געשפּאַרט צום אויבענאָן. ערשט אין יאָהר 1896, בעת ער

איז שוין געווען קרוב צו אכציג יאהר, האט זיך ווילנא דערמאנט אז איהם, און מיט גרויס פאראד געפייערט זיין פופציג־יעהריגען ליטעראַרישען יובילעאום. עס איז געווען צו מערקען, אז ווילנא וויל דא אפצאהלען אן אלטען חוב און עס האבען זיך באטייליגט אין דער שמחה אלע קלאסען אידען, און יעדער קלאס האט געזוכט אריבערצושטייגען דעם צווייטען אין ברייטהארציגקייט און פריינדליכקייט. אלע חברות האבען אריינגעשיקט אדרעסען מיט הונדערטער אונטערשריפטען. אויך איז גזאמעלט געווארען א גרויסער פאנד אויף צו פארזיכערען זיינע עלטערע יאהרען. די הויפט־ארראנזשירער זיינען געווען דער ליבער, הארציגער דאקטאר פין און דער פרומער געלעהרטער פייוועל געץ. די גלאוונע מחותנים זיינען געווען די דריי פרנסי העיר: מאיר נארדאן, שמואל סאלץ און יעקיל פרנס, אויך די ווילנער מורה־הוראות מיט דעם שטארט־מגיד רבי צבי ראבינאוויץ (שפעטער קאוונער רב) אן דער שפיץ. בעת די רעדנער האבען געשפראכען, איז זיך געזעסען שולמאן צוזאמענגעקארטשעט פון אלטקייט און שוואכקייט, און טרעהרען האבען זיך נעגאסען אויף זיין לאנגען שעהנעם בארד: איינערזייט פון פרייד, וואס ער האט זוכה געווען צו אזא ווירדיגונג; אנדערזייט, פון טרויער, זיך דערמאנענדיג, אז אלע זיינע אמאליגע חברים, הן די רבנים און הן די משכילים, זיינען שוין אויף דעם עולם האמת, און קיינער פון זיי האט זיך ניט געקענט באטייליגען אויף זיין שמחה.

זיין לעצטע ליטעראַרישע ארבייט איז געווען דער ספר „שפה אחת" (באורים אויף שווערע פסוקים אין תנ"ך און אין אגדות חז"ל), וואס ער האט ארויסגעגעבען בעת ער איז אלט געווארען אכציג יאהר. אזוי ווי אין דעם דאזיגען יאהר האט זיך געעפענט דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס אין באזעל, האט שולמאן אויסגעדריקט זיין גרויס פרייד און התפעלות אין דער הקדמה פון דעם דאזיגען ספר מיט די ווערטער: „האח! קונגרס ציוני! עורי בת ציון, צהלי ורני, עורי והעירי כנורך, קומי אורי כי בא אורך!..."

שולמאן איז געבליבען טריי זיין נדר פון די יונגע יאהרען, ניט ארויסצולאזען די פעדער פון האנט אזוי לאנג ער וועט האבען די פיזישע קראפט איהר צו האלטען.

טראץ וואס ער איז געווען פון דער נאטור א שוואכער און קרענקליכער מענש, האט ער דאך דערגרייכט אלט צו ווערען צוויי־און־אכציג יאהר.